STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04401

IDISHE FOLKS-GESHIKHTE

Heinrich Graetz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פערלאג „יהודיה".

אידישע פאלקס - געשיכטע

פון

פראפעסאר צבי גרעטץ.

(אילוסטרירט).

איבערזעצט פון דייטש.

ערשטער באנד

וואַרשא

תרע"ד—1914.

דרוקעריי „ענערגיע" חלאדנא 8.

Drukarnia Uniwersalna, Warszawa, ul. Długa 26. Tel. 260-19.

אינהאלטס-פערצייכניס פון ערשטען באנד.

דער ערשטער פעריאד:

פון דער גאנץ אלטער צייט ביז גלות-בבל,

ערשטעס קאפיטעל:

ווי אזוי אידען זענען געווארען א פאלק און זיך בעזעצט אין זייער לאנד.

דאס לאנד כנען. — דער אנפאנג פון אידישען פאלק און דאס ארייננעמען פון ארץ ישראל דורך יהושע בן נון. — דאס איינגעהמען פונ'ם לאנד דורך די פערשיעדענע שבטים. — דער טויט פון יהושע. — די געצענדיענערייע צווישען אידען און איהרע סבות. — די עפאכע פון די שופטים.— דער משכן אין שילה. — — — 1—27

צווייטעס קאפיטעל:

די ערשטע צייט פון די קעניגען.—שמואל און שאול.

דער נביא שמואל און זיין ערציהען דאס אידישע פאלק. — די ערשטע שולע פון די יונגע נביאים. — שמואל אויף דער עלטער און די אבשוואכונג פון דער אידישער אחדות. — די פאדערונג פון פאלק צו בעשטימען א מלך. — שמואל'ס בעגריף וועגען א אידישער קאנסטיטוציע. — דער מלך שאול און זיינע ערשטע מלחמות. — יונתן און דוד.— דוד ווערט געזאלבט פאר א קעניג.— די רדיפות פון דוד'ן דורך שאול'ן.— דער העלדישער טויט פונ'ם ערשטען אידישען קעניג און זיין זוהן. — — — — — — 27—57

דריטעס קאפיטעל:

דער קעניג דוד.

די ערשטע עפאכע פון דוד'ס מלוכה אין יהודה. — אבנר און דוד דוד ווערט אנערקענט פאר א קעניג איבער'ן גאנצען אידישען פאלק. — דוד נעהמט-איין ירושלים און מאכט זי פאר א הויפט-שטאדט. —

דוד'ס גרויסע נצחונות איבער די פֿעלקער. — דער נייער משכּן אין ירושלים.— די נייע איינאָרדנונג פֿון דער מלוכה.— אחיתופל און אבשלום. — אבשלום'ס אויפֿשטאַנד, מלוכה און מפלה. — דוד'ס לעצטע יאָהרען.— שלמה בעשטימט פֿאַר אַ מלך. — — — — 57—97

פֿיערטעם קאַפּיטעל:

דער קעניג שלמה.

שלמה המלך. — די מלוכה פֿון פֿריעדען. — דאָס דערהויבען פֿון ירושלים און פֿון דער אידישער מלוכה. — דער ערשטער בית המקדש. — שלמה אין חירום. — דער אידישער פֿלאָט, דער האַנדעל מיט אינדיען און מצרים, און די עשירות.— שלמה'ס טויט. — — 97—115

פֿינפֿטעס קאַפּיטעל:

די שפּאַלטונג אין דער אידישער מלוכה.

די שפּאַלטונג אין דער אידישער מלוכה. — ירבעם בן נבט געגען רחבעם.— די ערשטע מלכים ביי די עשרת השבטים.— עמרי און דער עקסען=קולט.— אחאָב, איזבל און דער בעל=קולט.— די נביאים אליהו און אלישע.— די נייע נביאים = שולע.— די פֿריינדשאַפֿט צווישען יהושפט און אחאב. — דער אונטערגאַנג פֿון עמרי'ס קעניגליך הויז דורך יהוא.— די קעניגין עתליה פֿערניכטעט דוד'ס הויז. — דער כהן גדול יהוידע און דער מלך יהואש. — די בערויבונג פֿון בית המקדש דורך יואש, דעם קעניג פֿון די עשרת השבטים. — די שרים פֿון יהודה און זייער ממשלה. — — — — 116—158

זעקסטעס קאַפּיטעל:

די לעצטע מלכים פֿון מלכות ישראל און דער אונטערגאַנג פֿון שומרון.

די לעצטע מלכים פֿון שומרון און איהר חורבן.— דער קעניג עוזיהו און די פֿערשטאַרקונג פֿון לאַנד יהודה. — די געצענדיענערייַ ביי די עשרת השבטים און ירבעם דער צווייטער.— די עפּאָכע פֿון די נביאים יואל, עמוס און הושע. — די אָנפֿאַלען פֿון אשור אויף די עשרת השבטים. — די מאָראַלישע געפֿאַלענקייט פֿון שומרון און יהודה. — דער נביא ישעיהו. — תגלת פלאסר נעהמט=איין אַ טייל פֿון אידישען לאַנד. — דער לעצטער קעניג ביי די עשרת חשבטים, הושע. — דער חורבן פֿון שומרון און דער גלות פֿון די עשרת השבטים. — 158—203

די ערשטע עפאכע פון דער אידישער געשיכטע.

ערשטעם קאפיטעל:

ווי אזוי אידען זענען געווארען א פאלק און זיך בעזעצט אין זייער לאנד.

א געבענשט ווינקעל איז געווען דאס לאנד כנען. דער ווישעני־דיגער ים וואשט זיינע ברעגען; הויכע בערג, וואס זייערע שפיצען פערליערען זיך אין די וואלקענס, בעציערען עס; קלענערע בערג און טהאלען לויפען איבער'ן גאנצען לאנד, עס טווישען זיך די ליניעס אין פארמען אונטער א הייסער זון. אזא לאנד וועקט די בעפעלקערונג, אויב זי איז נאר נישט אינגאנצען טעמפיג, צו גרויסע מעשים, וועלכע שטעהען העכער פון טאג־טעגליכען לעבען. דאס לאנד כנען איז נאך דערצו געבענשט געווען מיט בעזונדערע אייגענשאפטען און מעלות, ווי, למשל, רעגעלמעסיגע רעגענס, פריהלינג און זומער, הערבסט און ווינטער — שטענדיג אין דער בעשטימטער צייט, א דורכשניטליכע הויכע טעמפעראטור און, ממילא, אויך א גרויס גערעטעניש פון אלערליי פרוכטען, וועניג פערוואלקענטע טעג אין יאהר. רייך איז אויך דאס לאנד געווען אין נאך ערשיינונגען, וואס דערוועקען שטענדיג די אויפמערקזאמקייט פונ'ם מענשען. פון דער נאטור אליין איז דאס לאנד בעשטימט געווען צו דערהויבען די בעפעלקערונג צו א העכערער מדרגה און צו ענטוויקלען אין איהר אַן אייגענעם גייסטיגען לעבען. געדענקען מיר דערצו, אז דאס פאלק, וואס וואהנט אין אזא לאנד, האט שוין דערצו, אין זיין פריהער יוגענד, געטראגען אין זיך געזונדע קערנער פון רייכע און גרויסע געוויקסען, אז געטראגען האט דאס פאלק אין זיך, חאטש נאך אונבעוואוסט, דאס געפיהל, אז עס איז בעשאפען געווארען אויפצוטהון גרויסע מעשים, — וועלען מיר דאן פערשטעהן, אז אזא פאלק אין אזא סביבה מוז אויסארבייטען א פעסטען נאציאנאלען חאראקטער, וועלכער בלייבט שוין ביי איהם אויף אייביג.

דאס לאנד כנען (וועלכעס הייסט יעצט פאלעסטינא, אדער ארץ ישראל) איז געלעגען אין דרום־זייט פון פעניקיען (אין תנ"ך הייסט עס „צור און צידון"), בייא'ם ברעג פון מיטעללענדישען ים*), און די בעפעלקערונג, וואס האט זיך דארט בעזעצט, זענען געווען די קינדער פון ישראל, אדער — אידען. איידער אידען האבען זיך בעזעצט אינ'ם דאזיגען לאנד, האבען זיי שוין געהאט איבערגעלעבט זעהר וויכטיגע מאמענטען, וועלכע זיי האבען בעטראכט, ווי איבערנאטירליכע. דער אידישער שטאם־פאטער, יעקב אדער ישראל, האט געוואהנט אין לאנד כנען און איינמאל, ווען דארט איז אויסגעבראכען א הונגער, האט ער זיך אריבערגעצויגען מיט אלע זיינע קינדער און קינדס־קינדער, סך הכל 70 נפשות, קיין מצרים (עגיפטען), וואו זיי זענען תחלת אויפגענומען געווארען זעהר פריינדליך און האבען זיך בעזעצט אין דער צפון־פראווינץ (דאס לאנד גשן). אין א קורצע צייט האבען זיי זיך דארט שטארק פערמעהרט; פון די זיעבציג נפשות זענען געווארען זיעבציג משפחות, וועלכע זענען געווען איינגעטיילט אין צוועלף שבטים. די דאזיגע משפחות האבען זיך ווייטער געפרוכפערט, און א געוויסער עגיפטישער קעניג האט זיך אמאל מישב געווען און ערקלערט זיי אלעמען פאר עלענדע קנעכט. מען האט זיי געצוואונגען צו בויען שטעדט אויף צו זאמלען דארט תבואה און אנדערע זאכען; ווי עס שיינט, האבען אידען אויך געמוזט בויען די גרויסע טהורעמס און פיראמידען, אין וועלכע מען פלעגט בעגראבען די עגיפטישע מלכים. דורך דער דאזיגער קנעכטשאפט וואלטען אידען אינגאנצען פערווילדעט געווארען, ווען עס וואלטען צווישען זיי נישט געלעבט געצעהלטע מענשען, די עלטסטע פון די שבטים און משפחות, וועלכע האבען היילינ אבגעהיט דעם אנדענקען פון די גרויסע אבות, פון דעם ערשטען אידישען פאטער, אברהם, וועלכען מען האט פערעהרט אלס א אידעאל פון א וואהלטעטיגען מאן, פון איידעלקייט און גאטספורכטיגקייט, פון זיין זוהן, יצחק, און זיין אייניקעל, יעקב, אדער ישראל, וועלכער האט זיך אויסגעלייטערט אין די פיעל ליידען און רדיפות, וואס ער האט געהאט אויסצושטעהן מצד זיין ברודער עשו, און פון יעקב'ס זוהן — יוסף, וועלכער איז געווארען א שני־למלך אין עגיפטען און האט גערעטעוועט דאס לאנד און דאס פאלק פון אונטערגאנג אין שרעקליכע זיעבען הונגער־יאהרען. און געדענקענדיג דאס גוטס, וואס יוסף האט געטהון פאר מצרים, האבען אידען נאך טיעפער געפיהלט די אונדאנקבארקייט פון די עגיפטער און דעם יאך פון דער שווערער קנעכטשאפט, וואס מען האט אויף זיי ארויפגעלעגט.

*) מיטעללענדיש רופט מען דעם ים, וועלכער געפינט זיך צווישען אייראפא און אפריקא, מיילוועיז אויך ביי די ברעגען פון אזיען. אין דער תורה הייסט ער „ים הגדול".

אויסער די דאזיגע זכרונות פון די גרויסע עלטערן, איז געוועזן נאך אנ'אומשטאנד, וועלכער האט שטענדיג דערמאהנט די אידען, אז די עגיפּטער האבען נישט קיין רעכט זיי צו פערקנעכטען: אידען האבען געוואוסט, אז זייערע גרויסע אבות האבען דערקענט און פערעהרט דעם איינציגען גאט, דעם בעשעפער פון הימעל, פון דער ערד און פון אלץ, וואס איז אויף איהר פארהאן, דעם גאט, וועלכער ליעבט גערעכטיגקייט, ווערענד די עגיפּטער האבען זיך געבוקט צו זייערע אבגעטער, צום אזירים*), צו דער איזים, צו די רינדער, בעק און קעץ. די גרויסע אידישע מאסען האבען אפילו אונטער'ן שווערען יאך פון דער קנעכטשאפט בּיסלעכווייז פערגעסען דעם איינציגען גאט; פיעל פון זיי האבען שוין אויך געהאט אנגענומען די עגיפּטישע אבגעטער; צווישען אידען איז אבער נאך געווען איין שבט לוי, וועלכער האט געטריי אבגעהיט די אלטע טראדיציע פון די גרויסע אבות, און שטענדיג געדענקט אן דעם איינציגען גאט. פון אט דעם שבט לוי זענען ארויסגעקומען צוויי ברידער, די זיהן פון עמרם און יוכבד, וועלכע האבען אין טיעפען הארצען אבגעהיט די אלטע אנדענקונגען פונ'ם גרויסען איינציגען גאט, וואס די אידישע אבות האבען צו ערשט דערקענט. דער אינגערער פון די דאזיגע צוויי ברידער, משה, דער „איש האלהים“, אדער דער געטליכער מאן, דער ערשטער און גרעסטער פון אלע נביאים, איז געווען א פאלקס-ערציהער, וועלכער האט אין דער וועלט זיין גלייכען נישט, וועלכער שטייגט אריבער, שוין אלס געזעצגעבער אליין, אויך אלע שפעטערדיגע מענער, וועלכע האבען פאר זייער פאלק געשריבען געזעצען, און וועלכער, צו אלע זיינע גרויסע מעלות און גוטע מדות, נאך אויך געווען א גרויסער עניו און האט געהאט א ליעבענד הארץ. זיין עלטערער ברודער, אהרן, האט געהאט א געשליפענערע שפּראך פאר איהם, און איז, אין א געוויסער מאס, געווען זיין פערטרעטער, וואו מען האט געדארפט אנווענדען די רעדנערישע קונסט. ביידע ברידער, משה און אהרן, האבען אומזיסט זיך בעמיהט ביי איינעם פון די עגיפּטישע מלכים **), אז ער זאל ערלויבען אידען אויסצוואנדערען פון עגיפּ-

---

*) אזירים איז געווען דער גרעסטער גאט ביי די אלטע עגיפּטער. ער איז געווען דער בעשיצער און אנפיהרער פון די געשטארבענע גרויסע לייט, ווי אויך דער גאט פון דער זון, פון דער לבנה און פונ'ם טייך נילוס. דער אבגאט אזירים איז געווען אויסגעהאקט פון שטיין אין דער געשטאלט פון א מומיע (א בּאלזאמירטער מת) מיט א בייטש און אנ'אייזערנער רוט אין די הענד און מיט פערשידענע ציערונגען אויפ'ן קאפּ. איזיס איז געווען זיין פרוי און שוועסטער, די טאכטער פון הימעל און פון דער ערד. דעם גאט אזירים האט מען געווידמעט דעם אקס אפּיס און דעם פויגעל פעניקס.

**) פרעה. די עגיפּטישע מלכים פלעגען זיך רופען פרעה און דאס עגיפּטישע פאלק פלעגט זיך בוקען צו זיי און פערעהרען זיי, ווי געטער.

טען. ערשט נאכדעם, ווי דאס לאנד עגיפטען און דאס פאלק איז בעשטראפט געווארען מיט פיעל פלאגען (מכות), איז איינער פין די עגיפטישע מלכים געצוואונגען געווען צו געבען אידען די פערלאנגטע ערלויבניש.

ערשט מיט'ן ארויסגאנג פון עגיפטען (יציאת מצרים) זענען די פערקנעכטעטע אידען געווארען א פאלק.

צוזאמען מיט דער דאזיגער וואונדערליכער געשעהעניש זענען אבער פארגעקומען נאך אויך פיעל אנדערע: אידען זענען דורכגעגאנגען אין דער טריקעניש דעם קראקאדילען־ים, דערנאך האבען זיי פערציג יאהר ארומגעוואנדערט אינ'ם גרויסען מדבר, איידער זיי האבען דערגרייכט די גרעניצען פונ'ם לאנד, וואו זייערע עלטערען האבען פריהער געוואהנט; דערביי האבען זיי אבער אויך דערלעבט די גרעסטע פון אלע גרויסע וועלט־געשעהענישען: גאט האט זיך צו זיי ענטפלעקט אויפ'ן בארג סיני און געגעבען זיי דארט די „עשרת הדברות"—די צעהן געבאט, וועלכע זענען געווארען דער פונדאמענט פון ידיעת הבורא — פונ'ם וויסען, אז ס'איז פארהאן נאר איין איינציגער גאט אויף דער וועלט — און פון א הויכער מאראל, נישט בלויז פאר אידען, נאר אויך כמעט פאר אלע פעלקער פון דער וועלט.

כדי צו קומען פון עגיפטען צו די גרעניצען פון לאנד כנען, האבען אידען געהאט פאר זיך א גאנץ קורצען וועג; אבער מיט'ן דאזיגען וועג וואלטען זיי ארייננקומען אין דרום־קאנט פון לאנד, און דארט האבען געוואהנט זעהר שטארקע פעלקער, מיט וועלכע אידען וואלט אויסגעקומען צו פיהרען זעהר שווערע מלחמות. דאס אידישע פאלק האט אבער געלעבט עטליכע הונדערט יאהר אין קנעכטשאפט און איז דעריבער אבגעוואוינט געווארען צו קעמפפען מיט'ן געוועהר, אדער אפילו צו קאנען זיך פערטיידיגען. דער גרויסער אידישער מנהיג, משה, האט דעריבער איינגעזעהען, אז ס'איז גאנץ מעגליך, דאס ביי'ם ערשטען צוזאמענשטויס מיט די שטארקע פעלקער וועלען אידען ענטלויפען צוריק קיין עגיפטען, און אט דעריבער האט משה בעשלאסען נישט צו איילען זיך מיט'ן פיהרען דאס יונגע פאלק באלד צום קאמפף מיט די פעלקער פון כנען, נאר צו ערציהען עס בעסער א לענגערע צייט אין דער מדבר און דערווארטען זיך ביז עס וועט אויסוואקסען א פרייער יונגער דור, וועלכער האט די קנעכטשאפט אין עגיפטען נישט געזעהען. אין א משך פון פערציג יאהר האט משה געלערנט און ערצויגען דאס פאלק. אין דער דאזיגער צייט האבען אידען דורכגעמאכט א לאנגען וועג אינ'ם מדבר און זענען ארומגעגאנגען דאס לאנד כנען, ביז זיי זענען געקומען צו זיינע מזרח־גרענעצען. אויפ'ן וועג איז זיי אויסגעקומען אויך איינציגע מאל צו פיהרען מלחמה מיט עטליכע פעלקער, איבער וועלכע זיי האבען אבגעהאלטען גרויסע נצחונות, און דאס האט זיי צוגעגעבען נייען מוט, אונטערציינעה־

מען גרעסערע מלחמות און איינצונעהמען ענדליך דאס לאנד פון די עלטערן, דאס לאנד כנען.

אין דעם לעצטען יאהר פון דער לאנגער אידישער וואנדערונג אינ'ם מדבר איז געשטארבען דער גרויסער נביא, משה, און איז געקומען צו קבורה אין א געהיימען ארט, וואס קיין מענש ווייס נאך עד היום נישט, וואו ער געפינט זיך. ווי די אידישע טראדיציע דערצעהלט, איז דער ארט געבליבען א געהיימניס פאר דער וועלט, כדי מען זאל דערנאך נישט קענען בוקען זיך אויף משה'ס קבר און אזוי ארום מאכען איהם פאר א גאט. פאר זיין טויט האט משה רבינו איבערגעגעבען די הנהגה איבער אידען זיין תלמיד יהושע בן נון, וועלכער האט אין פריהלינג אריבערגעפיהרט די אידען איבער'ן ירדן און אנגעהויבען איינצונעהמען דאס לאנד. די נצחונות, וועלכע אידען האבען אבגעהאלטען אויף יענער זייט ירדן איבער די מלכים פון כנען, סיחון און עוג, און זייערע פעלקער, האבען צוגעגעבען אידען ענטשלאסענהייט און פעסטען גלויבען אונטערצונעהמען די מלחמה מיט די איינוואהנער פון לאנד כנען און זיי צו פערטרייבען. אבער איינצונעהמען דאס גאנצע לאנד, בעזעצען עס און בעפעסטיגען זיך דארט, איז געוועזען פיעל שווערער, ווי צו האבען נצחונות אין די ערשטע מלחמות, וויל אינ'ם לעצטען פאל זענען אידען ארויסגעטראטען מיט גרויס אימפעט און מיט גרויסע מאסען בלויז געגען קלענערע מחנות פון די מלכים, וועהרענד ביי'ם בעזעצען דאס לאנד איז עס געוועזען פונקט פערקעהרט: די מעהרהייט און די קראפט איז געוועזען אויף דער זייט פון די אידישע פיינד. בשעת די אידען זענען אריינגעטראטען אין לאנד כנען, איז דאס לאנד געוועזען צובּרעקעלט און איינגעטיילט צווישען 31 מלכים. אט די, אזוי גערופענע, מלכים האבען געהערשט מייסטענס איבער דער שטאדט, וואו זיי האבען געהאט זייער רעזידענץ, און די ארומיגע פעלדער, וואו זיי פלעגען זייהען פאר זיך תבואה און פיטערען זייער שאף. ס'איז מעגליך, אז די אפטע מלחמות, וועלכע זיי פלעגען צווישען זיך פיהרען, האבען זיי אויך שטארק אבגעשוואכט; קיין בונד צווישען זיך האבען זיי געווים נישט געהאט געשלאסען, אויף צו פערטיידיגען איינער דעם אנדערען. אויסערדעם האבען די דאזיגע מלכים פערלוירען אין דער ערשטער צייט דעם מוט, צוליעב די ידיעות, וואס זיי האבען ערהאלטען וועגען א גרויס פאלק, וואס איז ארויסגעגאנגען פון מצרים און האט מנצח געווען צוויי שטארקע מלכים אויף יענער זייט פונ'ם טייך ירדן, וויל זיין גרויסער גאט ציהט פאר'ן פאלק אין קאמפף און צושלאגט זיינע פיינד. די אימה, וואס אידען האבען געווארפען אויף די פעלקער פון לאנד כנען, בשעת זיי זענען אריבערגעגאנגען דעם ירדן, איז געוועזען אזוי גוואלדיג, אז די איינוואהנער פון פיער שטעדט, גבעון, כפירה, בארות און קרית־יערים, אונטער דעם אלגעמיינעם נאמען „גבעונים“, זענען געקומען און האבען זיך אליין אונטערגעווארפען דעם אידישען פאלק און זיך געלאזט

מאַכען כמעט פאַר קנעכט. אַזוי אַרום האָבען אידען איינגענומען אונטער יהושע'ס הנהגה פיעל בעזונדערע שבטים פון פאָלק כנען און אויך קליינע מלכים דורכ'ן גרויסען אימפעט און דער אַחדות, מיט וועלכע זיי זענען אַנגעפאַלען אויף די פיינד. אידען האָבען אין די דאָזיגע ערשטע מלחמות איינגענומען דעם גאַנצען דרום־קאַנט און דעם צענטר פון לאַנד כנען. אַריינצודרינגען וויטער אין די צפון־קאַנטען איז אָבער נישט געווען אַזוי לייכט, וויל די כנען־שבטים, וועלכע האָבען דאָרט געוואָהנט, זענען גע־ווען גוט געאיבט אין מלחמה און פלעגען אַרויסטרעטען אין קאַמפף מיט אייזערנע רייט־וואָגענס. פונדעסטוועגען וואָלט עס די אידען געלינגען זיי איינצונעהמען, ווען נאָר עס וואָלט ביי זיי נישט אָבגעשוואַכט געוואָרען די אַחדות, מיט וועלכער זיי זענען אַרויסגעטראָטען אין די ערשטע מלחמות. אָבער אַ טייל אידישע שבטים האָבען אין זינען געהאַט נאָר איינצונעהמען זייער חלק לאַנד, בעזעצען זיך אויף איהם און לעבען רוהיג, און צו געהען העלפען זייערע ברידער איינעהמען אויך די איבעריגע חלקים פונ'ם לאַנד כנען האָבען זיי זיך אָבגעזאָגט.

אין דער דאָזיגער אָבשוואַכונג פון דער אידישער אַחדות, וועלכע האָט געבראַכט דערצו, אַז מען האָט נישט פאָלקאָם איינגענומען דאָס גאַנצע לאַנד כנען, איז שולדיג געווען בעזונדערס דער שבט יוסף. דער דאָזיגער שבט, וועלכער איז בעשטאַנען פון צוויי בעזונדערע צווייגען, אפרים און מנשה, האָט פערלאַנגט פאַר זיך בעזונדערע רעכט און גרע־סערע חלקים, ערשטענס, צוליעב דעם, וואָס זיי האָבען געשטאַמט פון יוספ'ן, וועלכער איז געווען כמעט מלך אין מצרים און האָט דאָרט פער־טיידיגט די ערשטע אַנגעקומענע אידישע משפחות, און, צווייטענס, צו־ליעב דעם, וואָס דער אידישער מנהיג, יהושע, האָט פון זיי געשטאַמט (פון שבט אפרים). זיי האָבען אַלזאָ פערלאַנגט דעם בעסטען חלק פונ'ם לאַנד, די מיטעלסטע בערג, וועלכע זענען זעהר רייך מיט קוואַלען וואַסער און אויך זעהר פרוכטבאַר. די געגענד, וועלכע ליעגט אין צפון־און דרום־זייט פון שכם, וועלכע איז רייך אין בערג און טהאָלען, האָט גענומען פאַר זיך דער שבט אפרים. שכם איז געוואָרען די הויפט־שטאָדט פונ'ם דאָזיגען שבט; די שטאָדט איז געלעגען אין אַ טהאָל צווישען צוויי בערג (גריזים און עיבל) און דעריבער זענען אַרום איהר געווען פיעל קוואַלען וואַסער, און פאַר איהר האָט געפאַסט צו זיין די הויפט־שטאָדט פון דער גאַנצער געגענד. די שבטים אפרים און מנשה האָבען זיך אָבער נישט צופריעדען געשטעלט מיט'ן שענעם לאַנד*), וואָס זיי האָבען בעקומען, נאָר זיי האָבען אויך פערלאַנגט אַנדערע חלקים לאַנד, אין דער האָפנונג,

---

*) די שענע בערג, וועלכע זענען געלעגען אין זייער חלק, האָבען בעקומען פון זיי דעם נאָמען „הרי אפרים“ — די בערג פון אפרים, און זענען געווען בעדעקט מיט וויינגערטנער און סעדער.

אַז יהושע, וועלכער האָט פון זיי געשטאַמט, וועט זיי קיין זאַך נישט אָבזאָגען. זיי האָבען געפאָדערט נישט בלויז דאָס שענע און פרוכטבאַרע פלאַכע לאַנד, וואָס ציהט זיך עטליכע שעה־גאַנג אין צפון־זייט פון די בערג אפרים, נאָר אויך די ווייטערדיגע געגענד אַרום דעם הויכען באַרג תבור. יהושע איז אָבער געווען פיעל שטרענגער, ווי זיי האָבען געהאָפט. אויף זייער פאָדערונג האָט ער זיי געענטפערט איראָניש: „איהר האָט דאָך פיעל מענשען, נעהמט אייך איין די צפון־בערג ביי די שטאַרקע ריזען און האַקט דאָרט אוים די וועלדער". די שבטים אפרים און מנשה האָבען איינגעזעהען, אַז יהושע מיינט גאָר נישט נאָכצוגעבען זייערע פאָדערונגען, און האָבען דעריבער מעהר קיין אַנטייל נישט גענומען אין די מלחמות, וואָס זייערע ברידער האָבען געמוזט פיהרען; זיי האָבען שוין געקאָנט צופריעדען זיין מיט דעם, וואָס זיי האָבען בעקומען, און פאַר'ן גאַנצען פאָלק האָבען זיי זיך נישט געקימערט.

די איבעריגע שבטים האָבען נאָכגעטהון זייער ביישפיעל: יעדער האָט געזאָרגט נאָר צו בעקומען פאַר זיך זיין אייגענעם חלק. פיער שבטים האָבען זיך געווענדעט צום דרום־קאַנט, פיער — צום צפון און צום מערב. דאָס, וואָס די שבטים אפרים און מנשה האָבען זיך נישט דערוועגט צו טהון, האָבען אונטערגענומען מוטיג די שבטים יששכר, זבולן, אָשר און נפתלי: זיי האָבען זיך אַראָבגעלאָזען אין טהאָל יזרעאל און טיילוויז זיך דאָרט בעזעצט; אַ טייל פון זיי אָבער איז אַריינגעדרונגען ווייטער צו צפון־זייט, ביז צו די בערג לבנון. מלחמה צו האַלטען מיט די איינוואָהנער פון טהאָל זענען זיי אָבער נאָך וועניגער געווען פעהיג ווי אפרים און מנשה, ווייל זיי האָבען נישט געקאָנט ביישטעהן געגען די אייזערנע רייט־וואָגענס פון די פיינד. דער שבט יששכר איז געווען צופריעדען, וואָס ער האָט בעקומען גענוג פעלדער, צו פיטערען זיינע בהמות און שאָף, און האָט נישט געטראַכט וועגען באַלד איינצונעהמען די אַרומיגע פעלקער און בעפעסטיגען זיך אינ'ם לאַנד. ער האָט זיך גאָר אַליין אונטערגעוואָרפען אונטער די כנענים פון דער געגענד, נאָר כדי צו קאָנען פיהרען אַ רוהיג לעבען אינ'ם פרוכטבאַרען לאַנד. צוליעב זיין רוהיגקייט, איז דער שבט יששכר אויך מרוצה געוואָרען זיך אָבצוזאָגען אויף דערווייל פון זיין פולער פרייהייט. דער שבט זבולן האָט שוין וועניגער געשטרעבט נאָך רוה, און, ווי עס שיינט, האָט ער זיך אויסגעקעמפפט פעסטע פלעצער אין דער הויכער צפון־זייט פון באַרג תבור. אַמשווערסטען איז עס, ווי עס שיינט, געגאַנגען די איבריגע צוויי שבטים, אשר און נפתלי, וועלכע האָבען זיך בעגעגענט מיט שבטים פון כנען, וואָס זענען געווען גוט געאיבט אין מלחמה און שטאַרק דורך זייער אחדות. דאָ איז געווען אַ מין הויפּטשטאָדט חצור, וואו ס'האָט געקעניגט דער שטאַרקער מלך יבין. די שבטים אשר און נפתלי האָבען דעריבער געבעטען געשווינדע הילף ביי יהושע. ביי אידען האָט נאָך דאַמאָלס געהערשט אחדות, און יהושע האָט דעריבער

באַלד געקאָנט זיי קומען צו הילף מיט זיינע חילות. יהושע איז פּלוצלינג אנגעפאַלען אויף די כנענים, וועלכע זענען געשטאַנען פעראייניגט אונטער'ן קעניג יבין נעבען מי־מרום, און האָט זיי צוקלאַפּט. די פיינד, וועלכע זענען לעבעדיג געבליעבען פון דער מלחמה, האָט יהושע פערפאָלגט גאַנץ ווייט, ביז ער האָט זיי אַלעמען פערניכטעט. דער דאָזיגער נצחון האָט געגעבען די מעגליכקייט די שבטים אשר און נפתלי, צו בעזעצען זיך צווישען מזרח־זייט פון אָנפאַנג ירדן און דער מערב־זייט פון מיטעללענדישען ים. אשר און נפתלי זענען אַזוי אַרום געוואָרען די איינוואָהנער פון עקסטען צפון פון לאַנד כנען, כמעט די היטער פון דער גרעניץ פון אַרדישען לאַנד.

אין דער זעלביגער צייט האָבען פיער אַנדערע שבטים אויסגעקעמפפט זיך אַ'אָרט צו וואָהנען אין דרום־קאַנט פון לאַנד כנען, און ווידער דורך די אייגענע קרעפטען, אָהן דער הילף פון די איבעריגע שבטים. דער קליינער שבט בנימין, וועלכער איז געוועזען נאָהענטער פערוואַנדעט מיט אפרים און מנשה, האָט בעקומען, ווי עס שיינט, פון זיי אַ שמאָלען פּאַס לאַנד, נישט זעהר קיין פרוכטבאַרען, און כמעט דאָס גאַנצע לאַנד פון די גבעונים, וועלכע האָבען זיך אונטערגעוואָרפען פאַר קנעכט ביי אידען, ווי אויך קליינע טיילען לאַנד אין מזרח און מערב פון גבעון. אַריינצודרינגען ווייטער אין דרום־זייט איז געוועזען אויך אַזוי שווער, ווי דאָס איינעהמען די פעלקער אין צפון־קאַנט אויף דעם גרויסען פלאַכען לאַנד. אין רעכטען מיטען לאַנד, וואָס האָט געהערט צום שבט בנימין, האָבען געוואָהנט די יבוסים — אַ שטאַרק פאָלק, וואָס איז זעהר געאיבט געוועזען אין מלחמה און האָט פערטיידיגט זיין לאַנד דורך דער פעסטינג ציון, וועלכע איז געוועזען געבויט אויף אַ הויכען באַרג. אין מערב־זייט, צום מיטעללענדישען ים, אויפ'ן פלאַכען לאַנד, האָט די אָרטיגע בעפעלקערונג אויך געהאַט אייזערנע רייט־וואָגענס, און די אידען האָבען געגען זיי נישט געקאָנט פיהרען קיין מלחמה אין דער ערשטער צייט פון זייער אָנקומען אין לאַנד. פאַר די איבריגע שבטים איז קיין אַנדער וועג נישט געבליבען, ווי צו ווענדען זיך אָדער צום מערב־קאַנט, אָדער צום דרום, און בעזעצען זיך דאָרט. צווישען די דאָזיגע שבטים איז אויך געוועזען דער שבט יהודה — איינער פון די שטאַרקסטע און צאָהלרייכסטע אידישע שבטים; צו יהודה איז צוגעשטאַנען דער שבט שמעון, וועלכער האָט איהם געפאָלגט און געדינט, ווי אַ געטרייער אונטערטאַן זיין הערר.

ערגער פאַר אַלעמען איז עס געגאַנגען דעם שבט דן, וועלכער האָט כמעט געשוועבט אין דער לופטען. די צאָהל פון זיינע נפשות איז געוועזען נישט גרויס, און קיין שטאַרקערען שבט, וואָס זאָל איהם בעשיצען, האָט ער אויך נישט געהאַט. ווי עס שיינט, איז דער שבט דן געוועזען אַ געווויסע צייט אונטערטעניג דעם שבט אפרים, אָבער דער לעצטער האָט געטראַכט קודם כל וועגען זיך אַליין און האָט איבערגעלאָזען דעם שבט דן

אַ חלק לאַנד אין דרום-מערב-זייט פֿון אֶפרים, אָדער ריכֿטיגער, אַ קליינעם טייל פֿון בנימינ'ס חלק, וועלכֿען ס'איז זעהר שווער געווען איינצונעהמען. דער שבט דן האָט געדאַרפֿט איינעהמען דעם טהאָל שרון ביז'ן ים און זיך דאָרט בעזעצען, אָבער דאָרט האָט געוואָהנט דאָס כנעןפֿאָלק אמורי, וועלכֿעס האָט נישט דערלאָזען דעם שבט דן צו בעזעצען זיך אינ'ם פֿלאַכֿען לאַנד, און האָט איהם פֿערטריבֿען אויף די בערג; דאָרט ווידער זענען אַרויסגעטראָטען געגען דעם שבט דן די שבֿטים אפרים און בנימין און נישט געלאָזען איהם בעזעצען זיך. אַ לאַנגע צייט האָט דער שבט דן געמוזט פֿיהרען אַ וואַנדער-לעבען און שפּעטער האָט ער גאָר געמוזט אויסוואַנדערען אין וויטען צפון, צו זוכֿען דאָרט פֿאַר זיך אַנ'אָרט אויף צו וואָהנען. צוויי שבֿטים ראובֿן און גד און אַ האַלבער שבט מנשה האָבען זיך בעזעצט אויף יענער זייט ירדן, נאָך איידער די אידען זענען אַריינגעקומען אין לאַנד כנען.

דאָס איינעהמען פֿונ'ם גרעסטען טייל פֿונ'ם לאַנד כנען איז פֿונדעסטוועגען בכלל פֿאָרגעקומען אַזוי געשווינד און כמעט אָהן גרויסע שטערונגען, אַז דאָס האָט געמוזט בעטראַכֿט ווערען, ווי אַנ'אמת'ער וואונדער סיי אין דער דאַמאָלדיגער וועלט, סיי פֿאַר די שפּעטערדיגע דורות. ערשט מיט אַ יאָהר פֿופֿציג פֿאַר דעם האָבען די אידען צוריק אָפּגעטראָטען פֿון דער גרעניץ פֿון לאַנד כנען, ווייל זיי זענען געווען אָנגעשראָקען דורך די מרגלים, וועלכֿע זיי האָבען געשיקט אויסקוקען דאָס לאַנד, און וועלכֿע האָבען געבראַכֿט די ידיעה, אַז אינ'ם לאַנד כנען וואָהנען ריזען, שטאַרקע פֿעלקער, וואָס האָבען שטעדט, בעפֿעסטיגט מיט הויכֿע מויערען. איצט איז אויף די דאָזיגע פֿעלקער געפֿאַלען אַזאַ אימה, אַז זיי האָבען מייסטענס אַליין איבערגעגעבען זייער לאַנד די אידען אין די הענד און דאָרט, וואו זיי האָבען זיך געשטעלט ענטקעגען, האָבען זיי געהאַט די שרעקליכֿסטע מפּלות. מען האָט דעריבער איבעראַל בעקומען די איבערצייגונג, אַז גאָט אַליין געהט פֿאַר די אידישע מחנות און ער האָט צוטומעלט און צושפּרייט זייערע פֿיינד. די פּאָעזיע האָט פֿעראייביגט דעם אַרויסגאַנג פֿון מצרים, דעם דורכֿגאַנג דורך דעם גרויסען מדבר און דאָס איינעהמען פֿונ'ם לאַנד אין שענע לידער,— דען אויך די געטליכֿע מתנה פֿון גרויסע דיכֿטער האָבען די אידען געהאַט אין אַ גרויסער מאָס.

ווי אָרעם עס זענען נישט געווען די חלקים פֿון איינציגע שבֿטים, ווי, למשל, פֿון די שבֿטים שמעון און דן, פֿונדעסטוועגען האָבען זיי דאָך פֿאָרט געהאַט אַנ'אייגען ווינקעלע, וואו זיי האָבען געקאָנט זיך אויפֿהאַלטען האַטש אויף דערווייל און צוגרייטען זיך, צו פֿערנעהמען שפּעטער אַ גרעסערען חלק לאַנד פֿון די כנענים. נאָר איין שבט לוי איז געבליבען אָהן קיין שום חלק אינ'ם לאַנד. משה רבינו'ס איינאָרדנונג איז געטריי דורכֿגעפֿיהרט געוואָרען: דער שבט לוי — אַ געבוירענער שבט פֿון

גאָט'עס־דינער — האָט זיך נישט געדאַרפט בעשעפטיגען מיט לאַנדארבייט און אויך נישט זאָרגען וועגען דער פערגרעסערונג פון זיינע גיטער; דער שבט לוי האָט נישט געטאָרט טהון, ווי די פריסטער (כהנים) אין מצרים, וועלכע האָבען, אונטער דער מאַסקע פון רעליגיעזע אינטערעסען, צוגענומען דאָס לאַנד ביי'ם ארבייטענדען פאָלק און דאדורך געוואָרען אליין די דייכסטע קאַסטע (שבט) אין מצרים; דער שבט לוי האָט געדאַרפט בלייבען אָרים און בעגניגען זיך דערמיט, וואָס די גוט־בעזיצער אָדער די פיה־האָדעווער וועלען זיי ברענגען מתנות, און ער האָט נישט געדאַרפט האָבען קיין אַנדער בעשעפטיגונג, ווי אָבצוהיטען דאָס געזעץ פון גאָט און זיין היילינען טעמפעל. אין דער ערשטער צייט האָבען די מיטגליעדער פון שבט לוי זיך אויפגעהאַלטען בעזונדער אין גלגל, אַנ'אָרט, וועלכער געפינט זיך צווישען דער שטאָדט יריחו און דעם ירדן; דאָרט איז געווען אויפגעשטעלט דער משכן מיט'ן ארון, וואו מען האָט געהאַלטען די לוחות, אויף וועלכע ס'זענען געווען אויסגעקריצט די עשרת הדברות, וואָס משה רבינו האָט ערהאַלטען אויפ'ן באַרג סיני; דאָרט פלעגט מען אויך ברענגען קרבנות. אָבער לאַנג האָט גלגל נישט געקאָנט בלייבען דער רעליגיעזער צענטער, וואו עס זאָלען זיך פערזאַמלען דריי מאָל אין יאָהר אַלע אידען, ווי משה רבינו האָט געבאָטען, ווייל די אַרומיגע געגענד איז געווען נישט קיין פרוכטבאַרע, און דער אָרט איז געלעגען אָן אַ זייט פון די גרויסע וועגען, וועלכע פעראייניגען אַלע פונקטען פונ'ם לאַנד, און דעריבער, ווי נאָר דאָס אידישע פאָלק האָט זיך בעפעסטיגט אין לאַנד, און די חילות פון די שבטים ראובן און גד זענען בעפרייט געוואָרען פון די מלחמות און האָבען געקאָנט אומקעהרען זיך אַהיים אויף יענער זייט ירדן, האָט מען געמוזט אָנהויבען טראַכטען אויפצוזוכען אַ שטענדיגען אָרט פאַר'ן הייליגען אָרון מיט די לוחות־הברית. אַז אַזאַ אָרט האָט זיך געמוזט געפינען אינ'ם חלק פון שבט אפרים, איז, לויט די דאַמאַלסדיגע אומשטענדען, געווען אַ זעלבסטפערשטענדליכע זאַך. מען האָט דעריבער אויסגעקליבען פאַר אַזאַ אָרט שילה; אַהין האָט מען געבראַכט דעם אָרון און געבויט דאָרט אַ מזבח; אַהין האָבען זיך פערזאַמעלט, אויב אויך נישט אַלע אידען, טאָ לפחות. די שבטים אפרים, מנשה און בנימין. דער עלטסטער פון די דאַמאַלסדיגע כהנים, אַהרן'ס אייניקעל, פינחס, ווי אויך יענע, וועלכע זענען געווען נאָך איהם הויפט־פריעסטער (כהנים גדולים), האָבען געוואָהנט אין שילה. דאָ האָבען אויך געוואָהנט פיעל לויים, וועהרענד דער גרעסטער טייל פון שבט לוי האָט געלעבט אין אַנדערע שטעדט, צווישען די פערשיעדענע שבטים, און האָט בכלל געפיהרט אַ וואַנדער־לעבען.

דורך דעם, וואָס די אידען האָבען זיך בעזעצט אין לאַנד כנען, האָט דאָס לאַנד נישט בלויז אַנ'אַנדער נאָמען בעקומען, נאָר אויך זיין כאַראַקטער איז אַנ'אַנדערער געוואָרען. איצט איז עס געוואָרען אַ הייליג

לאנד, א ירושה פון גאט. דאס לאנד האט געדארפט מיטווירקען, אז דאס אידישע פאלק זאל קאנען ערפילען זיין בעשטימונג צו ווערען א ביישפיעל פון גערעכטיגקייט און פון היילינקייט פאר אלע פעלקער. אין בעציהונג צום היילינגען לאנד איז חוץ-לארץ (אויסלאנד) געווען גערעכענט פאר נישט הייליג, דען דארט האט מען נישט געקאנט ערפילען די גרויסע אויפגאבע צו דיענען געטריי דעם איינציגען גאט און ערפילען זיינע געבאטען, און אידישע געלעהרטע האבען געלערנט דאס פאלק, אז דאס היילינגע לאנד איז בעשאנקען געווארען מיט א בעזונדער מתנה, צו דערפיהלען, אויב דאס אידישע פאלק לעבט מיט גאט, אדער עס פערגעסט אן איהם. דריי פערברעכען, וועלכע מען האט געהאלטען פאר די גרויזאמסטע — מארד, ניאוף און געצען-דיענעריי — האט דאס לאנד בשום אופן נישט געקאנט פערטראגען; צוליעב אזעלכע שענדליכע פערברעכען, האט דאס לאנד ארויסגעווארפען פון זיך זיינע פריהערדיגע איינוואהנער, עס האט זיי, ווי אויסגעשפיגען פון זיך; דאס לאנד וועט אבער אויך נישט פערטראגען דאס אידישע פאלק, אויב מען וועט בעגעהן די דאזיגע פערברעכען. דאס לאנד איז געווען פאר די אידישע איינוואהנער א געבענשט ווינקעלע, וואס קאן נישט פערגליכען ווערען מיט קיין אנדער לאנד אין דער וועלט.

און אין דער ווירקליכקייט האט ארץ-ישראל, ווי דאס לאנד האט שוין איצט געהייסען, אזעלכע אייגענשאפטען, ווי קיין אנדער לאנד אויף דער גאנצער ערד, לויט די גענויעסטע פארשונגען, וועלכע מען האט געמאכט. אין א קליינעם שטח פון 225 קילאמעטער די לענג און 90 קילאמעטער ברייט (ווען מען זאל שוין אויך אריינרעכענען דאס לאנד פון יענער זייט ירדן) געפינען זיך די פערשידענסטע קלימאטען און אייגענשאפטען, וואס גיבען דעם לאנד א בעזונדערען כאראקטער. די קעפ פון די בערג לבנון און חרמון, וועלכע זענען פון צפון-זייט בעדעקט מיט אייביגען שניי, קוקען אראב אויף א גרויסע רייהע פון ניעדריגע בערג-קעפ און טהאלען, וועלכע ציהען זיך ווייט-ווייט אין דעם זאמדיגען מדבר. אין דרום-קאנט, וואו עס הערשען אפריקאנישע ברענענדיגע היצען, אין א גאנץ ענגער שכנות'שאפט, וואקסען אין ארץ-ישראל, איינער נעבען דעם אנדערען, פערשיעדענארטיגע בוימער, וועלכע געהערען געוועהנליך צו גאנץ פערשיעדענע קלימאטען און לענדער: דער שע״ר טייטעל-בוים (פאלמע), וועלכער וואקסט נאר אין די הייסע לענדער, און דער טאנענבוים, וועלכער קאן גאר נישט פערטראגען אזא היץ. און ווען די היץ פון דרום-קאנט מאכט זידען דאס בלוט ביי'ם מענשען אין די אדערען און דערוועקט אין איהם שטארקע תאוות, קיהלט איהם אב דאס ליעבליכע ווינדטעל, וועלכעס טראגט זיך פון די שניי-פעלדער אויף די הויכע בערג אין צפון-קאנט, און מאכט איהם רוהיג און געלאסען. דאס וואסער בעגרענצט דאס לאנד ווי א ראהם:

אין מערב־זייט ליעגט דער מיטעללענדישער ים, וועלכער שניידעט זיך אריין אין די ברעגען פון׳ם לאַנד און בערייטעט דאדורך ערטער, וואו עס זאָלען זיך קאָנען אָפּשטעלען די שיפען; אין מזרח־זייט ציהט זיך דער ירדן, וועלכער הויבט זיך אָן פון׳ם בארג חרמון און לויפט גלייך, ווי א שנור, פון צפון צום דרום; אין אנפאַנג און בײ׳ם ענדע שניידט דורך דער ירדן צוויי גרויסע ימים־אָזיערעס: אין צפון זייט — דעם ים כנרת (דער הארפען־ים) און אין דרום גיעסט ער זיך אריין אין וואונדערליכען זאַלץ־ים (ים המלח). אויך די דאָזיגע ביידע ימים זענען זעהר פערשיעדען איינער פון׳ם אנדערען: אין ים־כנרת איז דאָס וואסער זיס, און עס לעבען אין איהם פיש פון די פערשיעדענסטע מינים; אויף זיינע ברעגען בלוהען טייטעל־בוימער, פייגען־בוימער, וויינשטאָקען און אנדערע פרוכט־בוימער. א דאַנק דער הויכער טעמפּעראטור ווערען דאָ די פרוכטען פארטיג מיט א מאָנאט פריהער, ווי אויף די הויכע ערטער אין די ארומיגע געגענדען. דער זאַלץ־ים האָט · פונקט א פערקעהרטע ווירקונג און מיט רעכט רופט מען איהם דער טויטער ים, ווייל קיין שום פיש קאָן אין איהם נישט לעבען. דאָס פיעל זאַלץ, וואס זיין וואסער ענטהאלט, איז געמישט מיט דער ביטערער ערד און מיט׳ן אספאלט און טויטעט אָב אלע לעבעדיגע בעשעפעניששען, וועלכע מען לאָזט אהין אריין. אפילו די לופט איז דאָרט אנגעזאָפּט מיט זאַלץ, און דאָס לאַנד, גאַנץ וויט ארום, איז פול מיט זאַלץ־גריבער — א שוידערהאפטער טויטער מדבר. דער טויטער ים ליעגט ווי אין א לענג־רונדליכען קעסעל צווישען הויכע בערג, וועלכע דערהויבען זיך ערטערווייז ביז 1300 פוס אין דער הויך איבער׳ן וואסער פון ים; אויף די בערג ארום זענען נישטאָ קיין שום פלאַנצען, קיין שום געוויקסען, די אומגעגענד שטעלט דערייבער פאָר א טרויעריג בילד פון אַן׳אָבגעשטארבענער וועלט. און פונדעסטוועגען טרעפט מען דאָ אויך, צווישען די ברעגען פון טויטען ים און די וויסטע בערג, אָאַזען*), וועלכע זענען נישט ווענייגער פרוכטבאר, ווי די געבענשטע געגענדען פון דער ערד, און פון דער פעטער ערד וואַקסען דאָרט ארוים די שענסטע באלזאם־פלאַנצען. פרוכטבאר איז די אָאַזע עין־גדי, אין מערב זייט פון מיטעל ים המלח; אבער נאָך שענער איז די אָאַזע, וועלכע געפינט זיך אין דרום־מזרח זייט, וואו ס׳איז פארצייטען גע־שטאַנען די שטאָדט צוער, וועלכע מען האָט גערופען, צוליעב די וועלדער מיט טייטעל־בוימער, וואָס דאָרט זענען געוועזען, תמרה, אדער עיר התמרים (די שטאָדט פון טייטלען). אויך דאָ זענען פארצייטען זעהר גערעטען גע־וועזען די קוסטעס פון באלזאם. אנדערטהאלבען שעה גאַנג פון צפון־מזרח זייט פון ים־המלח איז געוואַקסען דער בערימטער באלזאם פון גלעד (צרי גלעד) ביי דער שטאָדט בית הרן. די אָאַזען זענען אבער בכלל א זעל־

*) אָאַזע הייסט אַן׳ארט אין וויסטען מדבר, וואו עס איז פארהאַן א קוואַל וואַסער און עס וואַקסען בוימער און געדיכט גראָז.

טענע ערשיינונג אין יענעם קאַנט, און איינציגע שעה גאַנג אַרום דעם ים־המלח געפינען זיך נאָר זאַלץ־זומפּען. ביידע ימים, דער ים כנרת און דער ים המלח, האָבען אָבער איין געמיינזאַמע ערשיינונג: אויף זייערע ברעגען שפּרינגען אַרויס הייסע קוואַלען, וועלכע זענען רייך מיט שוועבעל און קאָנען דינען אויף צו קורירען פערשידענע קראַנקהייטען. די דאָזיגע ערטער הייסען Kollirhoe — קלרה — אין מזרח־זייט פון ים־המלח און עמאוס — Ammaus — ביי'ם ים כנרת.

אַ גרויסע ברכה פאַר ארץ־ישראל זענען זיינע בערג. ארץ־ישראל איז איבערהויפּט אַ געבירגיג לאַנד. צוויי לאַנגע קייטען בערג אין צפון־זייט פונ'ם לאַנד, צווישען וועלכע ס'ציהט זיך אַ טיעפער טהאָל, שוועבען אין מאַיעסטעטישער פּראַכט ביז אין די וואָלקענס, ווי צוויי מעכטיגע ריזען מיט ווייסע קעפּ: דער לבנון, וואָס זיין העכסטער שפּיץ איבער 10 טויזענד פוס הויך דערגרייכט אין דער שניי־געגענד, און דער חרמון, (אַנטי־לבנון), וואָס זיין העכסטער שפּיץ איז 9300 פוס הויך. דער באַרג לבנון האָט קיינמאָל נישט געהערט צו ארץ־ישראל, דען ער איז שטענדיג געווען אין רשות פון די פעניקיער, פון די אַראַמייער (אַרם) און זייערע יורשים. אָבער די אידען האָבען אויסגענוצט די בערימהטע צעדער־וועלדער פונ'ם דאָזיגען באַרג און נאָך מעהר, זיינע ערהאַבענע בילדער און די טייערע ריחות פון זיינע וועלדער, אין דער אידישער פּאָעזיע. נעהנטער איז געווען פאַר אידען דער באַרג חרמון מיט זיין גלאַנציגען שניי־קאָפּ. דאָרט, וואו אַנדערע בערג פערשטעלען נישט דעם באַרג חרמון, קאָן מען איהם זעהן און בעוואונדערען אין אַ ווייטקייט פון 150 קילאָמעטער, און די גרעניץ פון ארץ־ישראל האָט זיך געצויגען האַרט ביז זיינע גלייך־שטעהענדע וועגד אין דרום־זייט.

פון די ביידע בערג לבנון און חרמון האָבען זיך געצויגען, ווי זייטיגע צווייגען פון אַ גרויסען בוים, קלענערע קייטען בערג אין צפון־קאַנט פון ארץ־ישראל, וועלכע ווערען אַלץ נידעריגער און פלאַכער, ביז זיי לאָזען זיך אַראָב אין פרוכטבאַרען טהאָל יזרעאל. דער דאָזיגער טהאָל האָט אַ דרייקאַנטיגע פאָרם און איז בעגרענצט פון איין זייט מיט'ן באַרג כרמל, פון דער אַנדערער — מיט'ן באַרג גלבוע, און פון דער דריטער — מיט'ן באַרג תבור. דער טהאָל יזרעאל צוטיילט ארץ־ישראל אין צוויי חלקים: דער קלענערער צפון־טייל, וועלכער האָט שפּעטער געהייסען גליל, און דער גרעסערער דרום־טייל. אין דרום־זייט פון דעם טהאָל שטייגט דאָס לאַנד ווידער אין דער הויך אין דער געשטאַלט פון קלענערע בערג, וואָס איינציגע שפּיצען זייערע דערגרייכען ביז 2000 פוס אין דער הויך, וועלכע מען האָט גערופען הרי־אפרים — בערג פון אפרים; פון ירושלים ביז חברון, צום דרום, הויבט זיך דער באָדען נאָך העכער און דערגרייכט ערטערווייז ביז 3000 פוס הויך; דאָס זענען די הרי־יהודה — די בערג פון יהודה. פון חברון און ווייטער, צום דרום, לאָזט זיך דער באָדען ווידער אַראָב

נידריגער, און די פארצייטיגע גרעניץ־שטאדט באר־שבע, וועלכע געפינט זיך דארט, ליגט שוין אין א הויך פון נישט מעהר, ווי 700 פוס, איבער'ן וואסער פון ים. סיי די בערג פון אפרים, סיי די בערג פון יהודה לאזען זיך אראב נידעריגער פון מזרח צום מערב־זייט און דא ציהט זיך ביז'ן מיטעלענדישען ים דער טהאל שרון און דאס נידערלאנד (שפלה). אין מזרח־זייט לאזען זיך אראב די בערג פון יהודה און אפרים צום ירדן־צו. איינינגע שפיצען פון די דאזיגע בערג האבען געהאט א בעזונדערען נאמען און בעדייטונג: ביידע בערג נעבען שכם האט מען גערופען „גריזים" און „עיבל", אדער דער „בארג פון דער ברכה" און דער „בארג פון דער קללה"; אין מזרח־זייט זענען געווען די בערג „בית־אל" און „מצפה" און ענדליך דער בארג „ציון" (2610 פוס הויך) אין דרום־מערב זייט פון ירושלים און דער „הר הזיתים" — דער „אייל־בארג" (2720 פוס הויך) אין מזרח־זייט פון ירושלים.

די דאזיגע גרויסע פערשידענהייט אין די געשטאלטען און פארמען פונ'ם לאנד האט געהאט א גרויסע בעדייטונג נישט בלויז פאר דער פראדוקציע פונ'ם באדען, פאר די פרוכטען און תבואות, וואס דאס לאנד האט ארויסגעגעבען, נאר אויך אויפ'ן כאראקטער פון דער בעפעלקערונג. פון צפון ביז'ן דרום ציהען זיך איבער'ן גאנצען לאנד דריי פערשידענע פאסען: אין מיטען — דער בארג־פאס, פון מערב־זייט פונ'ם בארג ביז'ן ים — דאס נידעריגע לאנד, און פון מזרח־זייט ביז'ן ירדן — פאשע־פעלדער. אינ'ם נידעריגען לאנד איז דאס קלימאט מילד, אויף די בערג איז אין דער רעגען־צייט קאלט, און זומער איז דארט די לופט מעסיג־ווארעם; דאגעגען אין דער געגענד פון ירדן איז כמעט דאס גאנצע יאהר מיים־טענס הייס.

גרויסע טייכען, וועלכע זאלען א גאנץ יאהר זיין רייך מיט וואסער, זענען אין ארץ־ישראל נישטא, אויסער דעם ירדן; אבער פאר דער שיפעריי טויג דער ירדן אויך נישט, ווייל ער פליעסט זעהר שנעל, און אויף פיעל ערטער לויפט ער איבער גרויסע שטיינער; זיין גרויסע בעדייטונג פאר'ן לאנד בעשטעהט נאר דערין, וואס ער בעוועסערט ביידע נידעריגע ברעגען און מאכט זיי זעהר פרוכטבאר, בעזונדערס איז דער ירדן רייך מיט וואסער אין פריהלינג, ווען דער צושמאלצענער שניי פון בארג חרמון גיעסט זיך אראב אין טהאל. די איבריגע וואסער־שטראמען קאנען נישט גערופען ווערען „טייכען", ווייל אין הייסען זומער ווערען זיי אויסגעטריקענט. אזעלכע „ווינטער־טייכען" זענען אבער א ברכה פאר דער געגענד, וואו זיי פליעסען, ווייל זיי מאכען פרוכטבאר דאס לאנד. תבואה־פעלדער געפינען זיך מייסטענס נעבען אזעלכע טייכען. פאר דער פרוכטבארקייט פונ'ם לאנד האבען אויך א גרויסע בעדייטונג די וואסער־קוואלען, וועלכע שפרינגען ארויס פון די בערג און ציהען זיך יעדער פאר זיך בעזונדער, נישט צונויפגיסענדיג זיך אין א טייך. אין יענע געגענדען, וואו עס זענען

קיין קוואלען נישטא, מוז מען זיך פערזארגען מיט וואסער צום טרינקען אין דער רעגען־צייט; צו דעם צוועק האקט מען אויס ברונענס (ציסטערנען) אינ'ם שטיינערנעם באדען און דארט זאמעלט מען דאס וואסער אין דער רעגען־צייט.

א דאנק דער גרויסער פערשיעדענהייט פונ'ם באדען, ווי אויך די פיעל וואסערען, וועלכע פאלען אראב פון די בערג חרמון, לבנון און זייערע צווייגען, בעזונדערס אבער, א דאנק די גרויסע רעגענס אין פריהילנג און אין הערבסט, איז דאס לאנד מעהרסטענטיילס זעהר פרוכטבאר. וואו נאר די פלייסיגקייט פונ'ם מענשען האט אין ארץ־ישראל געארבייט, איז עס געווען און געבליבען א לאנד, וואו „עס פליסט מילך און האניג". א שען לאנד, „פול מיט וואסער־טייכען, קוואלען און אזיערעס, טהאלען און בערג, א לאנד פון ווייץ, גערשטען און וויינשטאקען, פייגען און מילגרוימען, א לאנד פון איילבירטען, טייטלען און האניג; א לאנד, וואו מען ברויכט נישט צו זאמלען קיין זאפאס, כדי זיכער צו זיין אין א הונגער־צייט; א לאנד, וואו ס'פעהלט קיין זאך נישט, וואו פון די שטיינער בעקומט מען אייזען און פון די בערג — קופער". בעזונדערס פרוכטבאר זענען געווען די טהאלען, וואו מען פלעגט קאנען שניידען תבואה צוויי מאל אין יאהר; אבער אויך דאס לאנד, וואס איז געלעגען אין צפון־זייט פון טהאל יזרעאל, איז געווען פרוכטבאר; דארט זענען פארצייטען געווען אזוי פיעל איילבירטען, אז ס'איז געווען א שפריכווארט: „מען טונקט איין די פיס אין בוימאייל". אין דרום־זייט פון טהאל יזרעאל זענען געווען די לענדער פון די שבטים אפרים און מנשה, וואו דער לאנד־ארבייטער פלעגט צוריק בעקומען פון דער בעארבייטעטער ערד גוטע גערעטענישען מיט גרויסער שפע, איבעראל שפרינגען דארט ארוים קוואלען וואסער פון צווישען די שטיינער; דאס וואסער פערזאמעלט זיך אין שנעלע שטראמען און דערגרייכט א גרויסע קראפט צו טרייבען מיהלען. דער באדען האט דעריבער גענוג פייכטקייט. דאס לאנד פון אפרים און מנשה איז געווען אזוי רייך געבענשט, אז מען האט עס אין א ליעד בעזונגען:

„פון דער פרוכט פון הימעל פון אויבען,
„און די שטראמען פון דער ערד פון אונטען,
„פון דער פרוכט, וואס ווערט צייטיג דורך דער זון
„און פון דער פרוכט, וואס רופט ארוים די לבנה".

די זייטען פון די בערג זענען פארצייטען געווען בעדעקט מיט בליהענדע גערטנער און וויינשטאקען, העכער אויף די בערג האבען גערוישט געדיכטע וועלדער פון טאנען־בוימער, טהערעבינטען און טאקסוסבוימער. אין בעזונדערס גינסטיגע ערטער פלעגען זיך דערהויבען די שלאנקע פאלמען, וועלכע פלעגען געבען זיסע פרוכטען און זייער האניג־זאפט פלעגט זיין אפט אזוי רייך, אז ער פלעגט זיך גיסען אויף דער ערד. נאר צום דרום־

זייט איז די פרוכטבארקייט פון לאנד געוועזן קלענער, ווייל דא איז דער באדען געוועזן פול נאקעטע בערגלעך, און טהאלען זענען געוועזן וועניג. אבער אויך דא זענען געוועזן נאך גענוג פעלדער פאר פאשע. נאר אין וויי־טען דרום, הינטער חברון איז שוין די געגענד א וויסטעניש.

דאס קלימאט פונ'ם לאנד איז, א דאנק די בערג און די שטענדיגע לופט־שטרעמונגען פון ים און פון די הויכע שניי־קעפ, איבעראל א געזונ־דעם, און דעריבער איז אינ'ם לאנד אויסגעוואקסען א קרעפטיג פאלק. אין ארץ־ישראל זענען דאמאלס נישט געוועזן קיין פערפוילטע זומפען, וואס זייער פארע זאל די לופט פערדארבען. קראנקהייטען זענען דארט פאר־געקומען זעלטען, סיידען עמיצער פלעגט זיך שעדיגען דורך אנ'אונגליקס־פאל. אויך מגפות פון אנשטעקענדע קרענק פלעגען דארט זעהר זעל־טען פארקומען.

און ווי רייך דאס לאנד האט געגעבען מאטעריעלע שפייז, האט עס נאך מעהר געגעבען גייסטיגע געזונדע שפייז פאר דער נשמה. דאס לאנד איז אפילו זעהר קליין און פערגלייך מיט די גרויסע לענדער פון אייראָ־פא: פון געוויסע פונקטען און שפיצען בערג קאן מען דאס גאנצע לאנד ארומנעהמען מיט איין בליק פון מזרח ביז מערב, מען קאן זעהען דעם שפיגעל פון טויטען ים מיט'ן ירדן מיט די בערג פון גלעד אויף איין זייט, און די גרויסע חוואליעס פון מיטעללענדישען ים — אויף דער אנדערער. שטעהענדיג אויפ'ן בארג חרמון, נעהמט ארום דער בליק פונ'ם מענשען נאך א ווייטערע געגענד, אבער ווי דערהויבט דער דאזיגער בליק דעם גייסט פונ'ם מענשען! פון פיעל ערטער קאן דאס אויג זעהען די שענסטע און ערהאבענסטע לאנדשאפטען און בילדער. די לופט איז דעם גרעסטען טייל פון יאהר אזוי ריין און דורכזיכטיג, אז מען קאן טיילמאל מיינען, דאס מען קוקט דורך גרויסע געשליפענע גלעזער פון טעלעסקאפען, וועלכע זענען ערגיץ וואו אויסגעשטעלט אין דער לופטען און טראגען צו נעהנ־טער דעם בעצויבערטען אויג די ווייטעסטע זאכען און בילדער. די פאנ־טאזיע פון דיכטער הערט דא ווי „תבור און חרמון לויבען און בעזינגען גאט'ס נאמען". די שענע ווייטע פארמען פון די בערג דריקען נישט אזוי שטארק אויף דער נשמה, ווי די הויכע בערג־קלאסען פון אנדערע לענ־דער; קיין טיפע אבגרונדען פון טהאלען און שפאלטען צווישען בערג (ווי אין דער שווייץ, למשל) ווארפען דא נישט קיין אימה אויפ'ן מענ־שען: דאס אויג שווימט זיך אריבער מילד פון בארג צום טהאל און פון טהאל צום בארג, פיהלענדיג זיך איבעראל היימיש, ליעבליך און פריינד־ליך מיט דער שענער און מילדער נאטור. און טראגט דער מענש אין זיין נשמה א קערנדעל פון דער פאעטישער מתנה, קאן ער זיך אנטוויקלען און מעכטיג אויסוואקסען דורכ'ן אנבליק פון דער שענהייט פון דער סביבה און דער בעצויבערנדער פערשידענהייט פון די לאנדשאפטען. די אמת'ע

טיעפזיניגע נאטור-פאעזיע איז טאקי ענטשטאנען נאר אט דא, אין דעם געבענשטען לאנד.

דאס לאנד פון יענער זייט ירדן, גלעד, וואו ס'האבען פריהער געוועלטיגט די מלכים סיחון און עוג, וועלכע די שבטים ראובן און גד האבען איינגענומען פון זיין לאנד, שטעלט אויך פאר כמעט דאס זעלבע בילד, ווי דאס לאנד פון דער-זייט ירדן, אויך דארט זענען פאראן בערג און דאס אויג האט אויך דארט פיעל הערליכע בילדער פון זייערע שפיצען צו זעהען. אבער דעם רוישענדען ים מיט זיינע גרויסע חוואליעס קאן מען שוין פון דארט נישט זעהען; העכסטענס זעהט מען פון דארט א בלויע פאסיקעל זיך ציהען אויפ'ן ברעג הימעל אין מערב-זייט. דא האט די דיכטונג שוין נישט געהאט אזוי פיעל דערוועקענדע קרעפטען אין געגענשטאנדען, ווי אינ'ם לאנד פון דער זייט ירדן. און אויף וויפיעל מיר וויסען, איז טאקי קיין איינציגער דיכטער נישט ארויסגעקומען פונ'ם דאזיגען לאנד, און צו דער רייהע פון די נביאים האט דאס דאזיגע לאנד צוגעשטעלט נאר איין איינציגען, וועלכער האט טאקי געהאט אזא שטורמישען גייסט און טעמפעראמענט, ווי די שטורמישע וואסערען אין די טהאלען צווישען די בערג פון זיין פאטערלאנד. דער דאזיגער נביא איז געווען איינער פון די שרעקליכסטע פערפאלגער פון די געצענדיענערייי...

דער ירדן איז נישט בלויז א נאטור-גרעניץ צווישען ביידע טיילען פון ארץ-ישראל, ער איז אויך געווארען א גייסטיגע גרעניץ צווישען זיי. דאס לאנד פון דער-זייט ירדן האט געהאט נאך א חשיבות געגען דאס לאנד גלעד (ד. ה. יענע זייט ירדן): דא האבען די אידען, בשעת זיי האבען דאס לאנד איינגענומען, שוין געפונען פארטיגע אויסגעבויטע שטעדט און אויך שטעדטישע איינריכטונגען, וועלכע זענען דער ערשטער יסוד פון א בירגערליך איינגעארדענט לעבען; אין גלעד דאגעגען האבען די שבטים ראובן און גד געפונען זעהר ווייניג שטעדט, און די עטליכע שטעדט, וואס זענען דארט יא געווען, זענען געלעגען זעהר ווייט איינע פון די אנדערע.

* * *

דורך די ערשטע גליקליכע מלחמות, וואס יהושע בן נון האט געפיהרט מיט די פערשיעדענע שבטים פון די כנען-פעלקער, איז ארץ-ישראל נאך ווייט נישט געווען איינגענומען אינגאנצען אויף דער זייט ירדן; גרויסע חלקים פונ'ם לאנד זענען נאך געווען אין רשות פון די כנענים. ס'איז איצט שווער צו זאגען, אויף וויפיעל יהושע איז אליין געווען שולדיג דערין. אלענפאלס האט יהושע נישט געהאט אזא גליקליכע עלטער, ווי זיין לעהרער משה, וועגען וועלכען די תורה דערצעהלט, אז ביז'ן לעצטען טאג איז ער נאך געווען מיט אלע זיינע יונגע קרעפטען. יהושע האט אויף דער עלטער זיך דערשפירט שוואך און, ווי עס שיינט, האט ער שוין נישט געקאנט האלטען די הנהגה ביי אידען מיט א שטארקער האנד.

זיבער איז אָבער, אַז די הויפּט־שולד דערפון, וואָס מען האָט דאָס גאַנצע לאַנד נישט איינגענומען, איז געלעגען אין די שבטים אפרים און מנשה, וועלכע האָבען זיך צוריקגעצויגען פון די אַלגעמיינע מלחמות לטובת דעם גאַנצען אידישען פאָלק, כדי צו געניסען אַ רוהיג לעבען אין די פרוכטבאַרע חלקים פונ'ם לאַנד, וועלכע זיי האָבען בעקומען, און זייער שלעכטען ביישפּיעל האָבען אויך נאָכגעטהון פיעל אַנדערע שבטים. יעדער שבט, אפילו אויך יעדע אידישע משפחה, האָט אַנגעהויבען טראַכטען נאָר וועגען זיך אַליין און איז ממילא אויך געוועזען געצוואונגען צו בעזאָרגען אַליין אַלע זיינע אינטערעסען, ווי אויך פערטיידיגען זיך געגען די פריהערדיגע אָרטיגע איינוואָהנער.

אויף אַזאַ אופן איז געבליעבען די גאַנצע געגענד אַז דאָס פרוכטבאַרע, אַז דאָס זאַמדיגע ניעדערלאַנד פון עזה אָדער פון טייך מצרים (Rhinokolura) ביז עכו, נישט איינגענומען. דער דאָזיגער ברעג פון ים, ווי אויך די צפון־זייט פון עכו ביז צור און צידון, זענען אויך שפּעטער קיינמאָל נישט איינגענומען געוואָרען דורך אידען און נישט איינגעשלאָסען געוואָרען אין ארץ־ישראל. דער צפון־טייל האָט געהערט צו די פעניקיער (צור און צידון), דער דרום־טייל — די פלשתים. אַזוי אַרום האָבען פיעל שבטים געוואָהנט אין שכנות'שאַפט, אָדער נאָר אין מיטען פון די געצענדיענערשע פעלקער. די שבטים יהודה, בנימין און שמעון, וועלכע האָבען געוואָהנט אָבגעזונדערט פון אַלע איבריגע שבטים, האָבען אַמיינסטען געוואָהנט פערמישט צווישען פרעמדע פעלקער, און גראַד צווישען רויבער־שטאַמען, וואָס פלעגען בעפאַלען די רייזענדער אויף די וועגען, פון שאָף־פיטערונג. ווי עס איז שוין דערמאָהנט געוואָרען פריהער, און האָבען נישט געוואוסט פון דעם רוהיגען לעבען פון שאָף־פיטערונג. ווי עס איז שוין דערמאָהנט געוואָרען פריהער, האָבען די יבוסים געוואָהנט אויף דער גרעניץ פון שבט בנימין, און כמעט אָבגעשניטען די שבטים יהודה און בנימין פון אַלע איבריגע שבטים.

און אויב יהושע האָט מיט פרייד דערזעהען אויף דער עלטער, אַז גאָט'ס הבטחה איז מקוים געוואָרען, איז זיין פרייד אָבער אויך נישט געווען קיין גאַנצע. דאָס לאַנד האָט שוין איצט געהערט צו אידען, אָבער נישט אינגאַנצען, נאָר קוים אַ העלפט פון איהם, און אויך דאָס, וואָס מען האָט איינגענומען, האָט געקאָנט, דורך אַ פעראייניגונג צווישען די כנען־פעלקער, און אַ ליאַדע מינוט אָבגענומען ווערען ביי אידען צוריק, און איבער אידען האָט דעריבער שטענדיג געשוועבט די געפאָהר אַרויסגעטריבען צו ווערען צוריק פונ'ם איינגענומענעם לאַנד. יהושע האָט מיט בעזאָרגעניש געמוזט קוקען אויף דער עלטער, אַז ער האָט זיין אויפגאַבע אינגאַנצען נ י ש ט ערפילט. די דאָזיגע בעזאָרגעניש איז נאָך גרעסער געוואָרען דאָדורך, וואָס ער האָט נישט קיין פעהיגען מענשען, וועמען ער זאָל קאָנען אַנטרויען די הנהגה נאָך זיין

טויט. די דאזיגע פראגע איז בעזונדערס שווער געווארען דאדורך, וואס מען איז געווען זיכער, אז דער שבט אפרים וועט זעלטען־וועמען וועלען געהארכען. און ווען יהושע איז ענדליך געשטארבען, איז דאס אידישע פאלק געבליבען פער׳יתומ׳ט און האט אפילו וועניג פערשטאנען זיין אומגליק: דאס פאלק האט נישט געטרויערט נאכ׳ן צווייטען מנהיג, ווי נאכ׳ן ערשטען. אבער איין גרויסע זאך האט יהושע איבערגעלאזען אידען — די האפנונג און די אויסזיכט, אז ס׳מוז קומען א צייט, ווען דאס גאנצע לאנד וועט געהערען צו אידען. האפנונגען, ביי וועלכע פעלקער האלטען זיך פעסט, מוזען תמיד ערפילט ווערען. אבער גרויסע נסיונות האבען נאך אידען געהאט בייצושטעהען, גרויסע מלחמות האבען זיי נאך געהאט צו פיהרען, איידער ס׳האט געקאנט פערווירקליכט ווערען דער אידעאל, אז דאס גאנצע לאנד זאל געהערען דעם אידישען פאלק.

ווארום ווי פיעל שכנים, אזוי פיעל פיינד האבען אידען געהאט. און אויב אפילו די כנען־פעלקער האבען אויך נישט געוואוסט פון דער אידישער תורה און האבען קיין בעגריף נישט געהאט, אין וואס פאר א בעציהונג זי שטעהט צו דער געצענדיענערייא, ווי אויך, אז אידען איז בעפוילען געווארען צו צושטערען זייערע מזבחות און פערניכטען זייערע געטער — דער האס צו די אידען, אלס צו א פרעמד פאלק, וואס איז געקומען פון גאנץ ווייט און האט זיך אריינגעריסען אין לאנד, פערניכטענדיג אלץ מיט פייער און שווערד — דער דאזיגער האס איז געווען זעהר גרויס. וואס־זשע האבען אלזא געקאנט טהון די אידישע שבטים גענען אזא אפענער אדער בעהאלטענער שנאה? זיי האבען געמוזט אדער מיט זיי פיהרען ווייטער דעם קאמפף און שטרעבען זיי צו פערניכטען אינגאנצען, אדער בעמיהען זיך צו לעבען מיט זיי פריינדליך, ווי מיט גוטע שכנים. פיהרען באלד ווייטער די מלחמה איז איצט געווען אן׳אונמעגליכע זאך, ווייל נאך יהושע׳ס טויט זענען אידען געבליבען אהן א מנהיג, און ס׳האט זיי אויך געפעהלט דער חשק צו פיהרען מלחמה; אויסערדעם איז צווישען זיי כלל קיין אחדות נישט געווען. די איינוואהנער האבען דעריבער בוסלעכווייז אריינגעשטעקט דאס שווערד צוריק אין שייד און זיך בעמיהט צו לעבען בשלום מיט די פעלקער. די כנען־פעלקער און די פיניקער האבען אינ׳ם יעצטיגען מאמענט אויך מעהר נישט פערלאנגט. די דאזיגע צוויי פעלקער האבען זיך בעשעפטיגט מייסטענס מיט לאנד־ארבייט און מסחר; פאר זיי איז דעריבער נויטיג געווען, אז די וועגען, אויף וועלכע ס׳געהען זייערע קאראוואנען מיט סחורות, זאלען זיין זיכער פון רויבערייען און אנפאלען, וועלכע קומען פאר שטענדיג בעזונדערס פיעל אין מלחמה־צייט. נאר די פעלקער, וואס האבען געוואהנט אויף די גרעניצען, די פלשתים אין דרום־מערב, אדום — אין דרום, עמון און מואב נעבען דעם לאנד גלעד אויף

יענער זייט ירדן, האָבען זיך שטענדיג פֿעראייניגט. ווען נאָר מען האָט געדאַרפֿט אָנפֿאַלען אויף אידען און אונטערדריקען זיי אָדער ברענגען זיי שאָדען.

די אידען האָבען אין אַ משך פֿון אַ גאַנצען יאָהרהונדערט קיין מנוחה־שעה נישט געהאַט: פֿריהער די וואַנדערונג און דער וויסטע, דערנאָך די גרויסע מלחמות איינצונעהמען דאָס נייע לאַנד, וואוהין זיי זענען אַריינגעקומען. ס'איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואָס די אידען האָבען שטאַרק געשפּירט די בעדערפֿעניש צו לעבען שוין אַמאָל רוהיג, און זענען געווען גרייט אויך צו ברענגען די גרעסטע קרבנות צוליעב דעם, חאָטש דאָס האָט אויך געבראַכט שאָדען זייערע אייגענע פֿאָלקס־אינטערעסען. כדי צו פֿערזיכערן זיך, אַז זיי זאָלען קאָנען אין דער צוקונפֿט פֿיהרען אַ פֿריינדליך לעבען מיט זייערע שכנות'ע פֿעלקער, האָבען אידען אָנגעהויבען זיך מתחתן צו זיין מיט זיי: אידישע יונגע לייט האָבען גענומען פֿרויען פֿון די פֿרעמדע פֿעלקער, און אידישע טעכטער האָט מען אויסגעגעבען פֿאַר פֿרעמדע יונגע לייט פֿון די כנענים.

אַזעלכע געמישטע חתונות זענען פֿאָרגעקומען מייסטענס ביי יענע שבטים, וועלכע האָבען געוואָהנט אויף דער גרעניץ פֿון ארץ־ישראל און האָבען געזעהען דערין דאָס איינציגע מיטעל, צו פֿערזיכערן זיך אַ רוהיג לעבען אין דער צוקונפֿט צוזאַמען מיט די שכנות'ע פֿעלקער. די געמישטע חתונות האָבען אָבער באַלד געבראַכט דערצו, אַז אידען האָבען אויך אָנגעהויבען צו דיענען די אָבגעטער פֿון די פֿרעמדע פֿעלקער. די אָרטיגע געצענדיענער האָבען געהאַט פֿיעל ערטער, וואו זיי האָבען אויסגעבויט מזבחות פֿאַר זייערע אָבגעטער און געבראַכט דאָרט קרבנות, וואָס זענען געווען צוגעפּאַסט צו זייערע מיטהען, ד. ה. אַלטע ערצעהלונגען און לעגענדעס וועגען די אָבגעטער. באַלד זענען אויך ביי אידען אָבגעהייליגט געוואָרען פֿאַר די דאָזיגע אָבגעטער הויכע בערג און טיעפֿע טהאָלען. דאָס פּראָסט פֿאָלק, וואָס האָט בכלל וועניג פֿערשטאַנען, אין וואָס עס בעשטעהט דער אונטערשייד צווישען דער אידישער תורה און די אָבגעטער, וועגען וועלכע זיי האָבען נאָך געדענקט פֿון מצרים, האָט אָנגעהויבען טיילצונעהמען אין דער געצענדיענעריי פֿון זייערע שכנים אָהן קיין שום קאַמפּף. ביסלעכווייז איז די געצענדיענעריי אויך אַריינגעדרונגען אין ווייטערע אידישע קרייזען, בפרט נאָך צוליעב דעם, וואָס די פֿיניקער זענען געשטאַנען העכער פֿאַר אידען אין פֿערשיעדענע מלאכות און קונסטען. איבערהויפּט האָט די געצענדיענעריי געהאַט פֿיעל חן אין די אויגען פֿון פֿאָלק, וועלכעס איז נאָך געווען וועניג ענטוויקעלט און איז געשטאַנען נאָהענט פֿון דער נאַטור, וועלכע די געצענדיענער האָבען פֿערגעטערט. אויסער דעם האָט די אידישע רעליגיע צו יענער צייט נאָך נישט געהאַט אָנגענומען קיין בעשטימטע פֿעסטע פֿאָרמען. אין יענער צייט, און אויך נאָך פֿיעל שפּעטער, האָט מען בעטראַכט דעם

קרבן, אלס דעם הויפט־געגענשטאנד פון דער עבודה צו גאט און פינ'ם פעראייניגען זיך מיט איהם. ווער ס'האט אלזא געפיהלט די בעדערפעניש גאט צו דיענען, האט זיך געבויט א מזבח, אדער ער איז געגאנגען צו א פרעמדען מזבח, וועלכער האט זיך געפונען ביי די שכנים, כדי צו ברענגען א קרבן. די תורה, וועלכע אידען האבען אויפ'ן בארג סיני ערהאלטען, האט דערצו נאך אויך נישט געהאט איהרע פערטרעטער און לעהרער, וועלכע זאלען דאס פאלק לערנען, ווי אזוי מען דארף דיענען צו גאט אנדערש. די לויים, וועלכע האבען געלעבט צוזייהט און צושפרייט צווישען די איבריגע שבטים און נישט געהאט קיין אייגען שטיקעל לאנד, נישט קיין הויז און גארטען, זענען געוועזן זעהר ארים; זיי האבען געפיהרט כמעט א בעטלערישען לעבען, און דאס פאלק האט פאר זיי נישט געהאט קיין שום דרך ארץ. עס זענען געוועזן נאך פיעל אומשטענדען, ווי, למשל, אלטע געוואוהנהייט, די תאוה נאכצוטהון עמיצען, נאטירליכע ליידענשאפטען, וועלכע האבען געשפיעלט א גרויסע ראליע אין דער געצען־דיענעריי א. א. וו. — אט דאס אלץ האט געבראכט דערצו, אז אידען זאלען צושטעהן צו דער געצענדיענעריי פון זייערע שכנים; דאגעגען פאר א ריינעם גאטעס־דיענסט אינ'ם זין פון דער אידישער תורה איז נאך דאמאלס קיין דערוועקונג צווישען אידען נישט געוועזן.

ס'איז דעריבער נישט קיין וואונדער, ווי אזוי עס איז געקומען, אז אויף די בערג אין ארץ־ישראל האבען זיך בעוויזען ביי אידען מזבחות מיט מצבות פאר אבגעטער. בעזונדערס שטארק האט זיך פערשפרייט צווישען אידען די פערעהרונג פונ'ם פעניקישען אבגאט בעל (Adonis) דער סימבאל פון דער זון, און פון עשתרות (Astarte), דער סימבאל פון דער לבנה, וועלכע גיעט דער ערד איהר פרוכטבארקייט. מען האט אויך געמאכט הויז־געטער אין מענשען־געשטאלט, ווי מומיען (תרפים), וועלכע מען האט געהאלטען פאר שוץ־געטער.

אבער די אלטע זכרונות וועגען די גרויסע וואונדערליכע געשעהענישען, וואס דאס אידישע פאלק האט איבערגעלעבט מיט א פאר דורות פריהער, האט מען נישט פערגעסען, און חאטש די שבטים האבען געלעבט אבגעזונדערט איינע פון די אנדערע, זענען דאך די זכרונות געוועזן דער געהיימער באנד, וועלכער האט זיי אלעמען פעראייניגט. דער פאטער פלעגט זיי דערצעהלען זיין זוהן, דער זוהן פלעגט זיי איבערגעבען זיינע קינדער, און אזוי האבען די גרויסע זכרונות געלעבט אין אידישען פאלק. אין שווערע צייטען פלעגען זיך יחידים, אדער גאנצע שבטים, פעסטהאלטען אן די דאזיגע זכרונות: „וואו זענען גאטעס וואונדער — פלעגט מען פרעגען — וועגען וועלכע אונזערע עלטערן האבען אונז דערצעהלט, ווי ער האט אונז ארויסגעפיהרט פון מצרים און אריינגעבראכט אינ'ם דאזיגען לאנד?" די געשעהעניש אויפ'ן פלאמענדיגען בארג סיני איז נאך געבליבען שטענדיג לעבעדיג אין די הערצער פון יענע מענשען,

וועלכע האבען נישט געהערט צו דער טעמפער מאסע. עס האבען אויך נישט געפֿעהלט קיין מענשען, וועלכע זאלען ווארענען דאס פֿאלק און ארויסטרעטען מיט שארפֿע רעדעס געגען דער געצענדיענעריי, דער־מאהנענדיג אן די גרויסע געשעהענישען, וועלכע די עלטערן האבען איבערגעלעבט. ס'איז גאנץ מעגליך, אז דאס זענען געווען די לויים, וועלכע האבען געהאט אין זייער רשות דעם ארון מיט די היליגע לוחות און זענען געווען די דיענער פֿונ'ם משכן אין שילה; פֿון צייט צו צייט, בעזונדערס אין אונגליקס־צייטען, פֿלעגען זיי ארויסטרעטען אויף די פֿאלקס־פֿערזאמלונגען און דערהויבען זייער שטימע געגען די שלעכטע מעשים פֿון פֿאלק. אבער ווען עס פֿלעגט אפילו אויך געלינגען א גרויסען רעדנער ארויסצורופֿען א גינסטיגע אויפֿרעגונג ביי די פֿערזאמעלטע, פֿלעגט די דאזיגע שטימונג לאנג נישט דויערן. אינ'ם פֿאלק האט שטארק געלעבט דער פֿערלאנג צו פֿעראייניגען זיך מיט די פֿעלקער־שכנים און נאכצוטהון זייערע מעשים, און נישט מיט א פּאר פֿייערדיגע רעדעס האט מען עס געקאנט אבגעוועהנען דערפֿון.

דערווייל זענען געקומען די אונגליקען איינס נאך דאס אנדערע. די איינגענניציגקייט פֿון שבט אפֿרים האט אויך געצוואונגען די איבע־ריגע שבטים צו טראכטען נאר וועגען זיך אליין, און די אחדות איז אלץ מעהר אבגעשוואכט געווארען ביי'ם אידישען פֿאלק. צוליעב דער דאזיגער שטרעבונג, צו זארגען נאר פֿאר זיך אליין, איז גאר אונמעג־ליך געווארען אויסצוקלייבען אנ'אלגעמיינעם מנהיג, און וויל קיין איינ־ציגער שבט האט נישט געקאנט זיכער זיין, אז אין דער נויט וועלען די איבריגע שבטים איהם קומען צו הילף, זענען זיי אלע געווען גע־צוואונגען מתחתן צו זיין זיך מיט די כנען־פֿעלקער, צו דיענען זייערע געטער און איבערצונעהמען זייערע מנהגים און מדות, כדי דאדורך צו קאנען לעבען מיט זיי בשלום. עס האט זיך אבער גארנישט אויסגע־לאזען פֿון דער האפֿנונג, וואס מען האט געהאט, צו לעבען רוהיג דורכ'ן מאכען חבר'שאפֿט מיט די ארומיגע פֿעלקער: ווי נאר די פֿעלקער הא־בען זיך אויסגערוהט נאך די ערשטע מפּלות און זיך דערשפּירט שטאר־קער, האבען זיי שטענדיג געגעבען אידען צו פֿיהלען, דאס מען בע־טראכט זיי נאר, ווי אנגעלאפֿענע פֿון דער פֿרעמד, וועלכע מען דארף אדער ערניעדריגען, אדער גאר פֿערניכטען.

באלד נאך יהושע'ס טויט האבען זיך אנגעהויבען טרויעריגע צייטען. די כנענים זענען אנגעפֿאלען אויף איין שבט נאך דעם אנדערען, געראבעוועט זייער פֿערמעגען, געשעדיגט זייערע פֿעלדער און גענומען זיי אליין אויך געפֿאנגען, מאכענדיג זיי פֿאר קנעכט. ווען די אידישע נויט פֿלעגט זיין אמגרעסטען, פֿלעגען ארויסטרעטען פֿון פֿאלק מוטיגע מענשען, וועלכע פֿלעגען פֿערטיידיגען דאס לאנד געגען די פֿיינד מיט גרויס גבורה. די דאזיגע גבורים, פֿאלקס־רעטער אדער ריכטער, ווי מען

פלעגט זיי געוועהנליך רופען (מושיעים, שופטים), פלעגען פעראייניגען איבער דער שווערער צייט עטליכע שבטים צוזאמען, אז זיי זאלען זיך קאנען בעסער פערטיידיגען; אבער זיי האבען נישט געקאנט פעראייניגען דאס גאנצע פאלק צוזאמען; אפילו אין דער גרעסטער צייט פון סכנה האבען זיך נאך דאמאלס אלע שבטים נישט פעראייניגט און נישט איינגעשטעלט אין לאנד קיין שטענדיגע פעסטע ארדנונג. נאך וועניגער זענען די דאזיגע פאלקס-רעטער, אדער ריכטער, געווען אימשטאנד אבצוגעוועהנען דאס פאלק פון געצענדיענערייי און איינצווארצלען ביי איהם שענערע און בעסערע מדות, ווי אויך צו פערשפרייטען די אידישע תורה, וויל די שופטים גופא זענען נישט אלע געוועזען אליין אויך ריין פון די אלגעמיינע פעהלערען און פיעל פון זיי האבען געהאט א גאנץ קנאפע ידיעה פון דער תורה, וואס משה האט אידען געגעבען. די צוועלף אדער דרייצעהן פאלקס-רעטער, וועלכע האבען זיך אויפגעהויבען אין דעם אדער אין יענעם שבט אין פערשיעדענע צייטען אדער אויך אין איין צייט, האבען נישט געהאט בכח צו בעפרייען אידען אינגאנצען פון די שטענדיגע אנפאלען פון די שונאים אויף די גרעניצען, אדער בכלל איינצופיהרען ביי אידען א שטענדיגע ארדנונג. אפילו די וויכטיגסטע צווישען די ריכטער: ברק בן אבינועם, גדעון און יפתח, מיט זייער גרויסער התלהבות און גבורה, האבען נישט געקאנט צוריקשטעלען די פאלקסמע אחדות צווישען אלע אידישע שבטים; נאר איינינגע שבטים האבען זיי געקאנט ארום זיך פערזאמלען, נישט מעהר. דאס איז אויך נישט געלונגען דער בעגייסטערטער אידישער ריכטערין און העלדין, דער נביאה ד ב ו ר ה, וועלכע האט מיט איהר התלהבות'דיגען שענעם ליעד פערזאמעלט איינינגע שבטים און געפיהרט זיי צו'ם קאמפף געגען דעם פיינד און צו'ם נצחון. איין ריכטער פון שבט מנשה, יאיר פון גלעד, איז אפילו יא געלונגען אויף יענער זייט ירדן, אין צפון-מערב-זייט, צו דערווייטערן די אידישע גרעניץ און צו פערטרייבען די פיינד פונ'ם לאנד בשן, כדי דער האלבער שבט מנשה זאל זיך קאנען דארט בעזעצען; נאר דאדורך איז דאס לאנד בלויז גרעסער געווארען פון אויסענווענינג, אבער דאס פאלק איז נישט שטארקער געווארען פון אינווענינג. בכלל האבען די ריכטער געהאט נאר א דערווייליגע בעדייטונג, פאר דער צייט, ווען מען האט געדארפט ארויסטרעטען געגען דעם פיינד אין מלחמה, כדי אבצווענדען די פלוצלינגע סכנה און פערזיכערן די רוהיגקייט אויף א געוויסע צייט. קיין הערשאפט האבען די ריכטער ביי אידען נישט געהאט, אפילו אויך נישט צווישען יענע שבטים, וועלכע זיי האבען דורך זייער גבורה געבראכט הילף און בעפרייאונג פונ'ם פיינד; זיי האבען בכלל נישט געהאט קיין מעגליכקייט צו צווינגען דאס פאלק זיי צו געהארכען. דער פרוד און די צובראכענקייט פון די שבטים האט אויך געדויערט ווייטער, נישט אכטענדיג אויף די דערוויילינגע נצחונות,

און די אינערליכע שוואכקייט איז געוואָרען נישט קלענער, נאָר גרעסער. אויך שמשון הגבור'ס העלדישע מעשים האבען נישט אבגעשראָקען די פלשתים, אז זיי זאָלען אויפהערען בעטראַכטען די אידען ארום זיך, ווי זייערע אונטערטאַנען און קנעכט; יפתח'ס נצחונות איבער די פעלקער פון עמון האבען אויך נישט דערגרייכט דעם ציעל, אז די עמונים זאָלען זיך אינגאַנצען אבזאָגען פון די לענדער, וועלכע ס'האבען פערנומען די שבטים גד, ראובן און דער האלבער שבט מנשה אויף יענער זייט ירדן. די עמונים האבען נישט אויפגעהערט צו בעטראַכטען יענע לענדער, גלעד און בשן, אלס זייער אייגענטום, וועלכע זיי מוזען איינגעהמען צוריק און ארויסטרייבען די אידען פון דאָרט.

אבער דוקא אט די שוואכקייט פון פאָלק האט ביסלעכווייז געבראכט די פאָלקאָמע רפואה און שטאַרקונג. נאָכדעם ווי דאס גאַנצע פאָלק האט אנגעהויבען צו פערשטעהן, און וואס עס שטעקט זיין אונגליק. איינצעלנע מנהיגים פון די שבטים האבען געמוזט קומען צו דער איבערצייגונג, אז דאס, וואס מען האט זיך געוואָלט צוזאַמען מיט די ארומיגע פעלקער און דינען זייערע געטער, האט לא די נישט געבראכט דעם פאָלק קיין נוצען, נאָר עס האט איהם אויך אבגעשוואכט און געמאַכט איהם גאָר אומטעכטיג. מען האט זיך ווידער דערמאָהנט אן דעם גאָט פון די אבות, און דאס אידישע געוויסען האט ערוואכט. צוזאמען דערמיט האט מען זיך אויך דערמאָהנט אן דעם משכן און שילה און אנגעהויבען איהם אפטער און בעזוכען. אין דער לעצטער צייט פון די ריכטער איז שילה שוין געוואָרען א שטענדיגער זאמעלפונקט ביי אידען. דאָ זענען געוועזען די לויים, וועלכע האבען איבערגענומען משה'ס תורה פון פאטער צום זוהן, און דאָ זענען זיי, ווי עס שיינט, ארויסגעטראָטען אויף די פאָלקס-בערעטונגען אין דער צייט פון דער נויט, און דורך זייערע רעדעס האבען זיי ענדליך געבראַכט דאס פאָלק צו דער איבערצייגונג, אז נאָר דאדורך, וואס מען האט פערגעסען משה'ס תורה און זיינע געבאָטען און אנגעהויבען צו פערעהרען די אבגעטער פון די כנען-פעלקער, איז דאס אידישע פאָלק אזוי עלענד און אבגעשוואכט געוואָרען.

אין שילה האט געלעבט אין יענער נויט-צייט א כהן, וועלכער איז געווען א געטרייער זוהן פון זיינע גרויסע אבות, אהרן און פינחס. דאס איז געווען דער ערשטער כהן גדול פון יענער אלטער צייט, וואס זיין נאָמען איז פערבליבען אויף אייביג פאר די שפעטעסטע דורות. זיין נאָמען איז געוועזען ע ל י און מען ווייס נישט, ווי מען האט זיין פאטער גערופען, אדער פון וועלכער שטאדט ער האט געשטאמט. דער אלטער היסטאָריקער שילדערט איהם אלס א העלם-געעהרטען גרייז-גראָהען מאַן, וועלכער האט זיך אויסגעצייכענט דורך זיין מילדער שפראך און ווייכען כאראקטער, און האט נישט געקאָנט ארויסזאגען קיין הארט

ווארט אפילו געגען זיינע אייגענע זיהן, וואס האבען זיך נישט גער פיהרט מיט'ן דרך הישר. אזא זקן האט שוין געמוזט ווירקען צו גוטען אויף זיין סביבה אליין דורך זיינע מדות טובות און הייליגען לעבען. האט ער טאקי געפונען פיעל געטריייע אנהענגער און תלמידים. און ווען עס פלעגען קומען קיין שילה אלץ מעהר און מעהר פערצווייפעלטע מענשען פון די שבטים אפרים און בנימין פון איין זייט, און פון די שבטים, וואס האבען געוואהנט אין גלעד, פון דער אנדערער זייט, און פלעגען זיך קלאגען פאר'ן אלטען כהן עלי — די ערשטע, אז זיי ליי־דען גרויסע רדיפות און צרות פון די פלשתים, און די אנדערע, אז די פעלקער פון עמון לאזען זיי נישט צורוה — האט עלי געהאט די גע־לעגענהייט זיי שטענדיג אנצווייזען, אז נאר איין אידישער גאט קאן זיי העלפען; דערביי פלעגט עלי נישט אויפהערען צו דערמאהנען אין לערנען, אז מען מוז אוועקווארפען די געצענדיענערייע. דאדורך האט עלי דערוועקט א געהויבענע שטימונג ביי אידען. א טייל פון די עלט־סטע אנפיהרער ביי די שבטים האבען זיך אבגעווענדעט פון דעם אבגאט בעל צום איינציגען גאט פון פאלק ישראל, און צוזאמען מיט די עלט־סטע האבען אויך די איבריגע מיטגליעדער פון די שבטים געטהון דאס אייגענע.

קיין העלד און מלחמה איז עלי נישט געווען; ער איז פיעל מעהר געווען, לויט זיין רוהיגער נאטור, אן ערהליכער פריעדענס־ריכטער. די אידישע כהנים זענען נישט געוואהנט געווען צו געהן אין מלחמה מיט'ן שווערד און פייל־און־בויגען. פונדעסטוועגען ווערט עלי גערעכענט צווי־שען די אידישע פאלקס־רעטער. זיין טעטיגקייט האט געקאנט בעשטעהן נאר דעריין, וואס ער האט אנגעוויזען די אידישע אנפיהרער און מאסען, וועלכע פלעגען קומען צו איהם זוכען הילף און אן עצה אין דער נויט, אז זיי דארפען זיך ווענדען צום גאט פון זייערע עלטערן און פעראיי־ניגען זיך, כדי צו קאנען ארויסטרעטען געגען דעם פיינד, ווען ער פאלט אויף זיי אן.

ווען עלי'ס קינדער וואלטען איבערגענומען ביי זייער גרויסען פאטער זיינע מעלות און גוטע מדות, איז גאנץ מעגליך, אז ביי אידען וואלט זיך איבערגע'חזר'ט די ערשיינונג, וואס מען בעאבאכטעט ביי פיעל אנדערע אלטע פעלקער: נאך דער עפאכע פון די העלדען (העראענצייטאלטער) וואלט זיך ביי זיי איינגעארדענט א רעגירונג פון כהנים. אבער עלי'ס זיהן, חפני און פינחס, זענען נישט געגאנגען אין זייער פאטער'ס דרכים, און ווען פאר'ן פאלק און פאר עלי'ן גופא האט זיך א גרויס אונגליק געטראפען, האט מען דעריין געזעהן א שטראף פון גאט דערפאר, וואס עלי'ס זיהן האבען זיך שלעכט אויפגעפיהרט, ווי אויך, פארוואס עלי איז געווען געגען זיי צו־שוואך און האט זיי נישט געשטראפט.

דאָס אונגליק איז בעשטאַנען אין פאָלגענדען: די פלשתים זענען עטליכע מאָל אַנגעפאַלען אויף דאָס אידישע לאַנד און בעראַבעוועט זייערע שטעדט, פעלדער און גערטנער. די שבטים זענען שוין איצט נישט אַרויסגעטראָטען געגען זיי פעראייניגט, נאָר אין שטאַרק־פעראייניגטע רעגולערע מחנות. די פלשתים זענען אָבער געוועזען שטאַרקער פון זיי, ווייל זיי האָבען געהאַט אייזערנע רייט־וואָגענס. אויף דער בעראַטונג פון די זקנים האָט מען בעשלאָסען צו נעהמען מיט זיך אין מלחמה דעם הייליגען אָרון פון שילה, אין׳ם פעסטען גלויבען, אַז זיין אַנוועזענהייט וועט געבען אידען דעם נצחון איבער די פיינד. דער צוזאַמענשטויס מיט די פלשתים האָט זיך אָבער געענדיגט אונגליקליך: די אידישע מחנות זענען צושלאָגען געוואָרען און ענטלאָפען פון שלאַכט־פעלד, איבערלאָזענדיג דעם אָרון מיט די לוחות. עלי׳ס זיהן, וועלכע האָבען דעם אָרון געפיהרט, זענען דערביי גע׳הרג׳עט געוואָרען. די פלשתים האָבען געוואָרפען אַנ׳אימה אויף דער גאַנצער אומגעגענד. דער אַלטער עלי איז דערווייל געזעסען פאַר די טויערען פון שילה און ערוואַרטעט אַ ידיעה פון שלאַכט־פעלד. און ווען דער שליח איז געקומען צו לויפען אָהן אָטעם און פערצווייפעלט געבראַכט עלי׳ן די שרעקליכע בשורה: „די אידען זענען ענטלאָפען נאָך אַ שרעקליכער מפּלה, דיינע זיהן זענען דער׳הרג׳עט און דער הייליגער אָרון איז גענומען געפאַנגען“ — איז עלי אַנידערגעפאַלען טויט, ווי אַ דונער פון הימעל וואָלט איהם געטראָפען.

און די פלשתים האָבען זיך נישט בעגנוגענט מיט׳ן דורכציהען אין לאַנד און בעראַבעווען עס; זיי זענען אויך אַריינגעדרונגען ביז שילה, האָבען חרוב געמאַכט די שטאָדט און דעם משכן, וועלכער איז נאָך געווען דער איינציגער עדות פון דער גרויסער עפּאָכע פון משה׳ן און פון די ערשטע נצחונות אין ארץ־ישראל. אַ שפּעטערדיגער דיכטער האָט געשילדערט די דאָזיגע אונגליקס־צייט מיט אַ פערקלעמט האַרץ:

„ער (גאָט) האָט פערלאָזען דעם משכן פון שילה,
„דאָס געצעלט, וואו ער׳ט געוואָהנט צווישען מענשען;
„ער האָט זיין צירונג ((דעם אָרון) געגעבען געפאַנגען
„זיין שענהייט אין די הענד פון די פיינד“.

די קראַפט און דער מוט פון׳ם פאָלק זענען דורך דעם לעצטען אונגליק איינגאַנצען געבראָכען געוואָרען. דוקא יענע שבטים, וועלכע זענען שטענדיג אַרויסגעטראָטען די ערשטע אין שלאַכט־פעלד, זענען יעצט צושלאָגען געוואָרען. דער שבט אפרים האָט דאַמאָלס געליטען מעהר פאַר אַלע אַנדערע שבטים; ער האָט אָבער פערדיענט זיין אונגליק, ווייל ער אַליין האָט געבראַכט דערצו, אַז די פלשתים זאָלען קאָנען זיך פערשטאַרקען. דורך דעם חורבן פון׳ם משכן פון שילה, וועלכער האָט

אין עלי'ס צייטען אנגעהויבען צו ווערען א צענטער, וואו עס פלעגען זיך פערזאמלען אלע אידישע שבטים, איז אויך אויף א לאנגע צייט פער־שוואונדען געווארען יעדע האפנונג צו פעראייניגען די שבטים, וואס האבען געוואהנט אין צפון־קאנט, מיט די איבריגע שבטים.

די פלשתים האבען געמיינט, אז דאדורך, וואס זיי האבען גענומען געפאנגען דעם ארון און חרוב געמאכט דעם משכן, האבען זיי שוין אויך מנצח געוועזען דעם אידישען גאט, וועלכער האט די אידען תמיד בעשיצט. באלד אבער האבען זיי איינגעזעהן, אז זיי האבען געהאט א ביטערען טעות. ווי נאר זיי האבען געבראכט דעם היילינען ארון אין זייער נאהענטער שטאדט אשדוד, איז דאס גאנצע לאנד פון די פלשתים געפלאגט געווארען מיט פערשיעדענע מכות. אין גרויס שרעקעניש האבען די פירשטען פון די פלשתים בעשלאסען, לויט דער עצה פון זייערע פריסטער און מכשפים, אבצושיקען צוריק דעם ארון קיין שילה, פון וואנען ער איז גענומען געווארען, און צוזאמען מיט איהם האבען זיי אויך געשיקט פערשיעדענע מתנות. נאכדעם, ווי דער ארון איז אבגעווען זיעבען חדשים אין דער געפאנגענשאפט ביי די פלשתים, האט מען איהם צוריקגעפיהרט איבער דער גרעניץ און אריינגעבראכט אין קרית־יערים (א וואלד־שטאדט). אהין זענען צוזאמענגעקומען פיעל לויים, וועלכע האבען גענומען אויף זיך אבצוהיטען דעם ארון. דאס פאלק בכלל האט אן איהם אבער אינגאנצען פערגעסען, און עס זענען פארבייגע־גאנגען פיעל צעהנדליג יאהרען, איידער מען האט זיך אן איהם ווידער דערמאהנט.

צווייטעס קאפיטעל.

די ערשטע צייט פון די קעניגען. — שמואל און שאול

די גרויסע אונגליקען, די צושטערונג פון משכן אין שילה, די שוואכקייט און פער'יתומ'טקייט, וואס דאס פאלק האט דערפיהלט, האבען דאך געבראכט אנ'ענדערונג צום גוטען. דאס פאלק האט אנגעהויבען צו פערשטעהן, אז די רעליגיעזע און פאליטישע צובראכקעלטקייט האבען געמוזט פיהרען צום אונגליק מעגליך, אז די האפנונג אויף בעסערע צייטען און דער נייער מוט, וועלכען אידען האבען דערשפירט, האבען געשטאמט אויך דערפון, וואס מען האט דערזעהען, דאס די פלשתים האבען אליין געמוזט אבשיקען צוריק דעם געפאנגענעם ארון. דאס פאלק האט אלץ מעהר און מעהר אנגעהויבען צו ווענדען זיך צום גאט פון ישראל. ס'האט נאר געפעהלט א מענש פון גייסט, וואס זאל ווייזען דעם פערבלענדעטען פאלק דעם וועג. און אזא מענש האט זיך טאקי באלד בעוויזען, געקומען איז ער אין דער רעכטער צייט. דער מענש

וועלכער האט בעשאפען א נייע עפּאָכע אין דער אידישער געשיכטע און האט געפיהרט דאס פאלק צו בעסערע צייטען.

אֶלקנה'ס זוהן, שמואל, איז געוועזען דער דאזיגער מאן, וועלכער האט ווידער פעראייניגט אלע טיילען פון אידישען פאלק און אזוי ארום פער־היט פון א פאלקאמען חורבן. זיין גרויסקייט קאן מען זעהן דערפון, וואס ער ווערט גערעכענט דער צווייטער נאך משה און אהרן, ווי אויך צווישען די נביאים פערנעהמט ער זעהר א בעדייטענדע שטעלע. שמואל איז געוועזען איינער פון די העכערע מענשען, וועלכע ערשיינען זעלטען אין דער געשיכטע — א גרויסע פערזענליכקייט, מיט א פעסטען חאַראַקטער און ערנסטער שטרענגקייט געגען זיך אליין און געגען אנדערע. שמואל איז געשטאנען העכער פאר די מענשען פון זיין צייט מיט זיין טיעפען גלויבען אין גאט און מיט זיין איידעלען הויכען דענקען. אבער נישט נאר דערמיט אליין האט ער זיך אויסגעצייכענט, נאר אויך מיט זיין הויכער נביא'ישער בעגאבונג. זיין גייסטיג אויג האט קלאר געלעזען אין דער ווייטער פערנעבעלטער צוקונפט; זיין נבואה האט ער דעם פאלק ערקלערט עפענטליך, און וואס ער פלעגט פאראויסזאגען, פלעגט שטענדיג מקוים ווערען. דאס פאלק האט איהם דעריבער א נאמען געגעבען „הרואה", ד. ה. דער „זעהער".

שמואל האט געשטאמט פון איינער פון די אנגעזעהענע משפחות אין שבט לוי, וועלכע האט געוואהנט אין רמה, אויף דער גרעניץ פון די שבטים אפרים און בנימין. זיין מוטער חנה איז מיט איהר שטילער פייערדיגער תפלה געווארען א מוסטער פאר אלע צייטען, און פון אט דער מוטער האט שמואל גע'ירש'נט זיין ווארימע הארציגקייט. ווען שמואל איז נאך גאר א קינד געוועזען, האט איהם זיין מוטער געבראכט צום כהן עלי, ער זאל איהם אויפציהען; שמואל איז אלזא אריינגעטראטען אין דיענסט פון משכן אין שילה, אלס איינער פון די לוים. ער פלעגט טעגליך עפענען די טויערען פון משכן, העלפען דעם כהן עלי ביי'ם ברענגען קרבנות און אויך די נעכט פלעגט ער צוברענגען אין געצעלט נעבען דעם משכן. דער נביא'ישער גייסט האט ערוואכט אין איהם, ווען ער איז נאך גאר יונג געוועזען. אין טיעפען שלאף האט ער געגלויבט צו הערען אין משכן, וואו דער ארון איז עפּאך געשטאנען, א שטימע איהם צו רופען ביי'ם נאמען. דאס איז געוועזען די ערשטע שמואל'ס נביא'ישע זעהונג וועגען דער טרויעריגער צוקונפט פון עלי'ס הויז. באלד נאכדעם זענען די אידישע מחנות שטארק צושלאגען געווארען דורך די פלשתים, דער ארון איז געפאנגען געווארען, דעם משכן אין שילה האט מען חרוב געמאכט; שמואל האט זיך אומגעקעהרט צוריק אין הויז פון זיינע עלטערן אין טיעפען טרויער און קומער.

אין'ם קרייז פון די לוים, אין וועלכען שמואל איז אויסגעוואקסען,

איז מען געווען פעסט איבערצייגט, אז דאס אונגליק, וואס האט געטראפען מיט אידען, איז געווען א בעשטראפונג פון גאט דערפאר, וואס מען האט זיך פון איהם אבגעווענדעט. „נישטא מעהר קיין משכן ביי אידען" — דאס האבען די לויים פערשטאנען אזוי: „גאט האט זיך אבגעזאגט פון זיין פאלק און וויל פון איהם מעהר נישט וויסען". ביסלעכווייז אבער האט שמואל זיך בערוהיגט און זיין פארשטענדער און דענקענדער גייסט האט אנגעהויבען בעטראכטען דעם ענין טיעפער: נישטא מעהר קיין משכן, נישטא קיין קרבנות! אבער צי איז דען דער קרבן אזוי אונבעדינגט נויטיג ביי'ם דיענען גאט? צי קאן מען נישט דיענען גאט אויך דאדורך, וואס מען טהוט ערפילען זיינע געבאטען? די דאזיגע געדאנקען האט שמואל לאנג געטראגען טיעף אין הארצען, ביז זיי זענען אין איהם געווארען צו א שטארקער איבערצייגונג, און שפעטער האט ער ביי יעדער געלעגענהייט זיך ארויסגעזאגט עפענטליך, אז דער קרבן האט א גאנץ קליינע בעדייטונג, און אז מיט דער פעטקייט פון די געשטאפטע בעק געפינט מען נאך נישט קיין חן ביי גאט. ווי אזוי דען אבער קאן מען גאט דיענען? ערפילענדיג שטרענג גאט'ס בעפעהלען — האט שמואל ערקלערט. און וואס בעשטעהט אבער גאט'ס ווילען? — — ווערענד דער צייט, וואס שמואל האט אין זיין יוגענד געלעבט ביי'ם משכן אין שילה, האט ער זיך בעקענט נישט בלויז מיט'ן אינהאלט פון די עשרת הדברות, וועלכע זענען געווען אויסגעקריצט אויף די שטיינערנע לוחות, נאר ער האט גוט אויך אויסגעלערנט דעם גאנצען „ספר תורת משה", וואס איז געווען אין משכן. שמואל'ס גייסט איז פול געווען דעריבער מיט דער גרויסער לעהרע פון משה'ן, און אין איהר האט ער געזעהען דעם ריינעם קוואל פון רעכט און גערעכטיגקייט, פון גוטסקייט און גנאד, פון גלייכע רעכטע פאר אלע אידען, אהן קיין שום אונטערשיעד פון שבטים און משפחות. אט די געזעצען זענען געווען פאר שמואל'ן גאט'ס געבאטען, אבער נישט די קרבנות. צו דער דאזיגער איבערצייגונג זענען אויך געקומען די שפעטערדיגע נביאים; אבער חאטש שמואל איז געשטאנען מיט עטליכע הונדערט יאהר נעהנטער צו די ערשטע כהנים, וועלכע האבען געבראכט קרבנות פאר גאט, פונדעסטוועגען איז ער אויך געקומען צו דער איבערצייגונג, אז נישט צוליעב דעם האט גאט בעפרייט דאס אידישע פאלק פון דער קנעכטשאפט, כדי זיי זאלען ברענגען קרבנות פאר איהם און נישט פאר קיין אנדערען, פאר קיין אבגאט, נאר כדי זיי זאלען ערפילען זיינע געבאטען און היטען זיינע געזעצען.

אין די דאזיגע בעטראכטונגען און געדאנקען האט שמואל דערזעהען די אויפגאבע פון זיין לעבען: לערנען דאס פאלק, ערציהען איהם און אבגעוועהנען פון די שלעכטע הנהגות און מדות פון די געצעןדיענער, ווי אויך פון די פאלשע בעגריפען, וועלכע זענען אין די לעצטע

פאר הונדערט יאהר געווארען ביי'ם פאלק א צווייטע נאטור. די מיטלען, וועלכע שמואל האט אנגעווענדעט, כדי צו דערגרייכען דאס דאזיגע הויכע ציעל, איז געווען — דאס לעבעדיגע נביא'ישע ווארט. שמואל האט געהאט דעם טאלענט פון אנ'איבערצייגענדען רעדנער, וועלכער האט בכח צו מאכען א שטארקען איינדרוק אויף די געמיטער. געפינענדיג זיך אליין שטארק אונטער'ן איינדרוק פון זיינע נביא'ישע „זעהונגען און בילדער", האט שמואל געמאכט אויך אזא שטארקען איינדרוק אויף זיינע צוהערער, וועלכע ער האט פון אנפאנג געפונען ארום זיך אין זיין געבורטס-שטאדט רמה.

זיינע רעדעם צום פאלק פלעגט שמואל האלטען מייסטענס אין קורצע שפרוכען, אדער אין ליעדער, וועלכע זענען געווען דורכגעוועבט מיט פאעטישע בילדער און משלים. נאך איידער שמואל איז געקומען צוריק אהיים אין זיין געבורט-שטאדט, האט ער שוין געהאט א נאמען פאר א נביא. דאס פאלק האט שוין געהערט, אז גאט האט זיך בעוויזען צו שמואל'ן און גערעדט מיט איהם, און אז די נבואה האט זיך פון דעמאלט אן פון איהם נישט אבגעטהון. באלד האט מען זיך דערוואוסט אין רמה, אין איהר אומגעגענד און ביסלעכווייז אויך אין פיעל ווייטערע ערטער, אז ביי אידען האט זיך בעוויזען א נביא, און אז גאט'ס גייסט, וועלכער האט גערוהט אויף משה'ן, רוהט יעצט אויף אלקנה'ס זוהן, שמואל. דער פאקט, אז גאט האט געשיקט זיין צווייטען משה, האט אויפגעוועקט די האפנונג אין פאלק, אז עס געהט א בעסערע צייט.

די ערשטע אויפגאבע שמואל'ס איז געווען, אבצוגעוועהנען דאס אידישע פאלק פונ'ם דיענען דעם בעל און די עשתרות, ווי אויך אויסצוקורירען איהם פון זיין קינדישען גלויבען אין די אראקעלן (תרפים, אדער בילדער, ביי וועלכע די געצענדיענער פרעגען וועגען דער צוקונפט).

א גרויסער טייל פון פאלק איז בכלל שוין איצט געווען גרייט אבצוקעהרען זיך פון דער געצענדיענעריי און צו ווענדען זיך צום גאט פון ישראל, דעריבער האט שמואל געפונען פיעל אנהענגער און פריינד, וועלכע זענען איהם געקומען צו הילף אין זיין גוטער שטרעבונג. אין זיינע רעדעם האט שמואל געלערנט דאס פאלק, אז די געטער פון די פעלקער כנען זענען נישטיג, זיי קאנען נישט העלפען און נישט ראטעווען קיינעם, און אז עס איז א ווילדער שגעון און א פערברעכען צו פרעגען עצות ביי די פאלשע אראקעלן, אדער צו פאלגען די שווינדלערייען פון די מכשפים; ער האט שטענדיג געטרייסט זיינע צוהערער מיט דער פערזיכערונג, אז גאט וועט מעהר קיינמאל נישט פערלאזען זיין פאלק ישראל. די דאזיגע רעדעם האט שמואל געהאלטען פאר'ן פאלק מיט אזא בעגייסטערונג און התלהבות, אז אלע הערצער האבען געציטערט פון צארן און פרייד, איהם הערענדיג רעדען, און אפילו די, וואס האבען אין די ווייטעסטע שטעדט

און דערפער געהערט דערצעהלען וועגען דעם, האבען אויך דערשפירט, ווי שמואל'ס רעד געפינען א שטארקען ווידערקלאנג ביי זיי אין הארצען. שמואל האט נישט געווארט, ביז דאס פאלק זאל קומען צו איהם; ער פלעגט אליין געהן און ברענגען איהם זיינע שטראף- און טרייסט-רעד. ער פלעגט ארומרייזען דאס גאנצע לאנד און רעדען צום פאלק, און האט דערווארעמט די הערצער, און אלע האבען ערוואכט נאך דער אהנמעכ-טיגקייט, אין וועלכע זיי זענען ארייגעפאלען אין דער צייט פון אונגליק. דאס פאלק האט זיך אנגעהויבען צו בעסערען; מען האט געפונען דעם רעכטען מענשען, וועלכער קאן און דארף זיין א מנהיג, און וועמען אלע וועלען פאלגען אין א שווערער צייט.

שמואל איז נישט געשטאנען אליין ביי'ם פערווירקליכען זיין גרויסע אויפגאבע; ער האט געהאט א גוטען קרייז פון מיטהעלפער, אויף וועלכע ער האט זיך געקאנט פערלאזען: דאס זענען געווען די לויים, וועלכע האבען פריהער געוואהנט אין שילה און זענען געבליעבען אהן אהיים, נאכ-דעם ווי דער משכן איז דארט חרוב געווארען. זיי זענען געוואהנט, צו געפינען זיך ביי'ם מזבח און דינען אין משכן, קיין אנדער בעשעפטי-גונג האבען זיי נישט געהאט. וואס-זשע וואלטען זיי איצט געקאנט טהון? קיין אנדער משכן און מזבח איז נאך נישט געווען געבויט, וואוהין זיי זאלען זיך קאנען ווענדען. און אט זענען עטליכע פון זיי געקומען צו שמואל'ן, וועלכען זיי האבען נאך פערעהרט אין שילה. שמואל האט באלד איינגעזעהען, אז זיי וועלען זיין גוטע מיטארבייטער ביי'ם פערווירקליכען זיינע פלענער, און ער האט זיי מקרב געווען צו זיך, און זיי זענען געווא-רען זיינע געטרייע תלמידים. באלד זענען געקומען נאך חברים פון די לויים, און ארום שמואל'ן האט זיך איינגעארדענט די ערשטע שולע פון די יונגע נביאים.

נאך אנ'אנדער אומשטאנד האט מיטגעווירקט דאמאלס צו דערהוי-בען דעם מוט פון פאלק און אויפצומינטערען איהם פון זיין אהנמעכטיג-קייט. אינ'ם גאנצען משך פון דער עפאכע פון די ריכטער האט דער שבט יהודה קיין שום אנטייל נישט גענומען אין עפענטליכען פאלקס-לעבען און זיינע אנגעלעגענהייטען. ער האט זיך געלעבט אבגעזונדערט פון אלעמען אין זיינע גרויסע פאשע-פעלדער אין דעם מדבר און זיך בעשעפטיגט מיט האדעווען און פיטערען פיה, פיהרענדיג א וואנדער-לעבען; פאר די איב-ריגע שבטים האט ער כמעט נישט עקזיסטירט, ווייל די יבוסים, וועלכע האבען געוואהנט אין דער געגענד צווישען די בערג-אפרים און די בערג יהודה, האבען איהם אינגאנצען אבגעשניטען פון די אידישע שבטים אין צפון-קאנט. און נאר די אפטע אנפאלען פון די פלשתים אויפ'ן אידישען לאנד האבען, ווי עס שיינט, אויפגערודערט דעם שבט יהודה און איהם נעהנטער געבראכט צו די איבריגע שבטים.

מעגליך, אז עס זענען אויך געווען אנדערע סבות, וואס האבען גע-

ווירקט אויפ'ן שבט יהודה, צו ענדערען זיין בעציהונג צו די איבריגע שבטים; ווי עס זאל נישט זיין, א פאקט איז עס, אז אין שמואל'ס צייטען איז דער שבט יהודה מיט זיין אונטערטאן שמעון אריינגעטראטען אין אלגעמיינעם לעבען פון די איבריגע שבטים. יעקב און ישראל, וועלכע האבען אין די פיעל הונדערטער יאהרען, זינט מען איז אריינגעקומען אין ארץ־ישראל, געלעבט אבגעזונדערט און צושיידעט, האבען זיך איצט ווידער פעראייניגט. מיט'ן אריינטרעטען פון יהודה אין דער אידישער געשיכטע איז אריינגעקומען א נייער קרעפטיגער און יונגער עלעמענט. אין די לענדער, וועלכע דער שבט יהודה האט געהאט איינגענומען, זענען געווען וועניג שטעדט, און קיין ענטוויקעלט שטאדטיש לעבען האט יהודה דארט כמעט גארנישט געפונען. די איינציגע שטאדט, וועלכע ווערט דארט דערמאהנט, איז געווען חברון; אויסער איהר האט מען אין דער גאנצער געגענד געקאנט טרעפען נאר קליינע הויפען פון פיה־האדעווער. דאס פערפיינערט לעבען, און דערמיט אויך די פערדארבענע מדות פון די פעניקיער, וועלכעס איז אריינגעדרונגען אין לעבען פון די איבריגע שבטים, איז געבליבען גאנץ אונבעקאנט די שבטים יהודה און שמעון. דער קולט (גאטעס־דינסט) פון בעל און עשתרות מיט זיין גאנצער אונזיטליכקייט און גראבע געמיינע תאוות איז געבליבען גאנץ פרעמד פאר די שבטים יהודה און שמעון, און זיי זענען זיך געבליבען מייסטענס די זעלביגע, ווי זיי זענען געוועזען ביי'ם אריינקומען אין לאנד — איינפאכע פאסטוכער, וועלכע ליעבען זייער פרייהייט און פערטיידיגען איהר. דאס איינפאכע לעבען און די גוטע מדות פון דער אלטער צייט פון די אבות האבען זיך דערהאלטען פיעל לענגער ביי די שבטים יהודה און שמעון, איידער ביי די איבריגע שבטים.

ס'פערשטעהט זיך, אז אהן שמואל'ס קרעפטיגער פערזענליכקייט און אהן זיין ווירקונג וואלט די פערשטארקונג און די רעליגיעזע אויפלעבונג נישט פערווירקליכט ווערען. אויף אלקנה'ס זוהן, וועלכער איז אליין קיין גבור אין מלחמה נישט געוועזען, האט דאך דאס פאלק געקוקט ווי אויף א פעסטע וואנד, וועלכע קאן בעשיצען בשעת דער סכנה פון מלחמות. פיעל יאהרען האט שמואל ענערגיש געפיהרט זיין טעטיגקייט מיט דער הילף פון זיינע תלמידים, די יונגע נביאים פון שבט לוי. דאס פאלק האט איהם אליין אנערקענט פאר א מנהיג, און ער האט עס אויך געפיהרט דורך זיין גרויסער התלהבות צו נצחונות איבער'ן פיינד. דער ערשטער נצחון, וועלכען אידען האבען אבגעהאלטען איבער די פלשתים אין יענער געגענד, וואו אידען זענען איינגאנצען צושלאגען געווארען דורך זיי אין עלי'ס צייטען, האט געהאט א שטענדיגע ווירקונג אויף די בעציהונג פון די פלשתים צו אידען: זיי האבען שוין א לאנגע צייט מעהר נישט געמאכט זייערע אנפאלען אויף די אידישע גרעניצען. אויך דער אידישער מוט איז דאדורך שטארק דערהויבען געווארען, וועהרענד די פלשתים זענען ביי

זיך געפאלען געווארען. פיעל שטעדט, וועלכע די פלשתים האבען פריהער גענומען, האבען ... —

זיך געפאלען געווארען. פיעל שטעדט, וועלכע די פלשתים האבען פריהער געהאט אבגעריסען ביי אידען, האט מען איצט ביי זיי צוגענומען צוריק.

לערך א יאהר צעהן האט דאס אידישע פאלק געלעבט אין פאלקאמער רוהיגקייט, און שמואל האט געזארגט דערפאר, אז דאס פאלק זאל אין דער גליקליכער צייט נישט פערגעסען צוריק דאס, אן וואס מען האט זיך דערמאהנט אין אונגליק. מעהר פאר אלץ האט שמואל געארבייט פאר דער אחדות צווישען די שבטים. יאהר־יעהרליך פלעגט שמואל פערזאמלען צו זיך די עלטסטע פון די שבטים און ערקלערען זיי זייערע פפליכטען געגען דעם פאלק; דערביי פלעגט ער נישט אויפהערען זיי צו דערמאהנען וועגען יענע אונגליקליכע צייטען, וואס מען האט געמוזט איבערלעבען דערפאר, וואס מען האט פערגעסען אן דעם אייגענעם גאט אין דעם אייגענעם פאלק, זיך צונויפגעמישט מיט די געצענדיענער און פערגרעבט געווארען דאדורך. אין אלע זיינע רעדעס האט שמואל געווארענט דאס פאלק נישט אומצוקעהרען זיך צוריק צו די פריהערדיגע מעשים, ווייל דאס מוז פיהרען צו די גרעסטע אונגליקען.

דער מיטעל־פונקט פון שמואל'ס טעטיגקייט איז געווען — **מצפה**, א שטאדט אין שבט בנימין, וואו מען האט אויך אויסגעבויט א מזבח פאר גאט. דער דאזיגער מזבח האט אבער נישט געדיענט בלויז אויף צו ברענגען קרבנות: שמואל האט אריינגעפיהרט א נייעם עלעמענט אינ'ם גאטעס־דיענסט — רעליגיעזע לויב־ליעדער מיט געזאנג. שמואל איז געווען דער עלטסטער פון די „בני־קורח“, וועלכע זענען שפעטער בעריהמט געווארען דורך זייערע תהלים־דיכטונגען, און ס'איז קיין ספק נישט, אז ער האט דער ערשטער געדיכטעט די לויב־ליעדער פאר'ן גאטעס־דיענסט. זיין אייניקעל **הימן** איז צוזאמען מיט **אסף** און **ידותון** בעוואוסט געווען אלס דיכטער פון פיעל תהלים־געזאנגען. שמואל האט איינגעפיהרט אויך, אז די קאפיטלעך תהלים זאלען געזונגען ווערען, אזוי אז דער גאטעס־דיענסט איז געווארען מעהר פייערליך און האט געווירקט א לאנגע צייט אויפ'ן פאלק צו דערהויבען די געמיטער און צו פעראיידלען און פערפיינערען די כאראקטערען.

דורך דעם האר פון די לוים און די תהלים־געזאנגען בי'ם גאטעס־דיענסט האבען די קרבנות ממילא פערלוירען זייער הויפט־בעדייטונג. די כהנים, וועלכע האבען געשטאמט פון אהרן, האבען אין שמואל'ס צייטען פערלוירען יענע הויך־געשטעלטע בעדייטונג, וואס זיי האבען געהאט אין די צייטען פון פינחס און עלי. אנ'אייניקעל פון עלי, דער כהן אחיטוב, איז נאך דעם חורבן פון דעם משכן אין שילה ענטלאפען אין דער שטאדט **נוב** (נעבען ירושלים) און מיטגענומען די היילינע קליידער פון די כהנים, ווי אויך דעם חושן מיט'ן אפוד. די איבעריגע כהנים האבען זיך דאמאלס פערזאמעלט אלע אין נוב און געגרינדעט דארט א נייעם פונקט צו

פֿערזאַמלען זיך און ברענגען קרבנות. שמואל האָט אָבער גאָרנישט געווענדעט זיך צום נייעם משכן. זיין הויפּט־אויפֿמערקזאַמקייט האָט ער געווידמעט נאָר דעם צענטער פֿון ארץ־ישראל און די דרום־קאַנטען.

ווען שמואל איז אַלט געוואָרען, האָט ער אָבער שוין מעהר נישט געקאָנט פֿיהרען זיין פֿריהערדיגע טעטיגקייט מיט דער זעלבער ענערגיע, ווי אין דער יוגענד. זיינע זיהן זענען געווען ווענייג בעליעבט ביי׳ם פֿאָלק, מען האָט זיי בעשולדיגט, אַז זיי נעהמען שוחד און מתנות. קיין אַנדערע אַנגעזעהענע און קרעפֿטיגע מענשען זענען אין שמואל׳ס קרייזען נישט געווען, וועמען ער וואָלט קאָנען איבערגעבען די הנהגה. די אחדות, וועלכע שמואל האָט בעשאַפֿען, איז ווידער ביסלעכווייז אָבגעשוואַכט געוואָרען, ווייל דער נביא איז זיך שוין נישט צוזאַמענגעקומען אַזוי אָפֿט, ווי פֿריהער, מיט די עלטסטע פֿונ׳ם פֿאָלק. דערצו האָבען נאָך אין יענער צייט די אידישע פֿיינד זיך ווידער געשטאַרקט. די פלשתים, וועלכע זענען פֿריהער נישט געווען פֿעראייניגט, און פֿינף בעזונדערע פֿירשטען האָבען איבער זיי רעגירט, האָבען אין שמואל׳ס לעצטע צייטען אויסגעקליבען זיך אַליין אַ קעניג; מעגליך אויך, אַז איינער פֿון זייערע פֿירשטען האָט אַליין פֿערחאַפּט ביי זיי די מאַכט. דער נייער קעניג פֿון די פלשתים האָט אָנגעהויבען טראַכטען וועגען גרויסע נצחונות און געוואָלט פֿערגרעסערען זיין לאַנד. ווי עס שיינט, האָט ער אויך געפֿיהרט אַ גליקליכע מלחמה מיט די פֿעניקיער און איינגענומען אפילו זייער הויפּט־שטאָדט צידון; די איינוואָהנער פֿון דער שטאָדט האָבען זיך געראַטעוועט פֿון זיינע פֿערפֿאָלגונגען אויף שיפֿען און אויסגעבויט אַ נייע שטאָדט אויף אַ גרויסען פֿעלזען־שטיין, וועלכער האָט וויט אַריינגעשפּאַרט אין ים; די שטאָדט האָבען זיי אַ נאָמען געגעבען צור (צור הייסט אין העברעאיש אַ פֿעלזען). אַזוי אַרום האָבען די פלשתים איינגענומען דאָס גאַנצע לאַנד ביי׳ם ברעג ים, פֿון עזה ביז צידון, און דורך זייער נייער קראַפֿט האָט זיי אויסגעוויזען גאַנץ לייכט איצט איינצונעהמען גאַנץ ארץ־ישראל. און אָט דעריבער האָבען זיך אָנגעהויבען פֿון דאָס ניי בלוטיגע מלחמות צווישען די פלשתים און די אידען.

אויך די עמונים פֿון יענער זייט ירדן, וועלכע האָבען געהאַט אַ גרויסע מפלה אין דער מלחמה מיט יפתח פֿון גלעד, האָבען זיך איצט ווידער אויפֿגעהויבען אונטער זייער קריגערישען קעניג, נחש, וועלכער איז אָנגעפֿאַלען אויפֿ׳ן שבט גד און דעם האַלבען שבט מנשה. נישט זייענדיג אימשטאַנד אַליין צו פֿערטיידיגען זיך, האָבען די שבטים געשיקט שליחים צו שמואל׳ן און געבעטען ביי איהם הילף; דערביי האָבען זיי אַרויסגעזאָגט אַ וואָרט, וואָס האָט דעם נביא העכסט בעליידיגט; דאָס וואָרט האָט אָבער אויסגעדריקט די אַלגעמיינע פֿאָלקס־שטימונג. זיי האָבען פֿערלאַנגט, אַז מען זאָל ביי אידען בעשטימען אַ קעניג, וועלכער זאָל האָבען די מאַכט צו פֿעראייניגען אַלע טיילען פֿון פֿאָלק, חאָטש

אויך מיט געוואלד צווינגען דערצו דאס פאלק, און פיהרען איהם אין קריעג, כדי צו בעזיעגען דעם פיינד. א מלך ביי אידען! שמואל איז ערציטערט געווארען, הערענדיג אזא זאך. דאס גאנצע פאלק זאל דארפען געהארכען איין מענשען און זיין אבהענגיג פון זיין גוטען אדער שלעכטען ווילען! די גלייכקייט פון אלע מיטגליעדער פון פאלק פאר'ן געזעץ און פאר גאט, די פרייע זעלבסטשטענדיגקייט פון יעדער איינציגער פאמיליען גרופע אונטער דעם אייגענעם עלטסטען, האט זיך אזוי שטארק איינגעווארצעלט אין דער געוואהנהייט און הארעקטער פון פאלק, אז ער האט גארנישט געקאנט בעגרייפען, ווי אזוי עס זאל מעגליך זיין, אז דאס גאנצע פאלק זאל וועלען געהארכען איינעם א בעשטימטען מענשען. אין שמואל'ס אויגען האט דער געדאנק וועגען א מלך ענטהאלטען אלערליי שרעקליכע סכנות פאר אידען.

און אט דעריבער, ווען שמואל האט דערהערט די דאזיגע פאדערונג, איז זי איהם פארגעקומען, ווי א שרעקליכער חלום. אין שארפע אויסדריקען און בילדער האט שמואל זיך גענומען שילדערן פאר די עלטסטע פון פאלק, וואס עס וועט ארויסקומען דערפון, וואס אידען וועלען האבען א מלך; ער האט זיי ערקלערט, אז אויב דאס פאלק וועט זיך מיט'ן גוטען ווילען אונטערגעבען דעם מלך, וועט עס מוזען ברענגען סוף-כל-סוף צו דער געמיינסטער קנעכטשאפט. אבער שמואל'ס רייד האבען דאס מאל נישט געהאט קיין ווירקונג. די עלטסטע פון די שבטים האבען געהאלטען אין איין טענה'ן, אז נאר א מלך וועט קאנען בעפרייען אידען פון דער נויט, ער וועט פיהרען זיי אין א מלחמה און ער וועט איינגעהמען די פיינד.

און די צייט איז געווען באמת דאמאלס זעהר א שווערע פאר אידען. די פלשתים האבען געמאכט עטליכע אנפאלען אויף די אידישע גרעניצען, און כמעט אז קיינער האט זיך זיי נישט ענטגעגענגעשטעלט; זיי האבען דעריבער זיך גענומען איינגעהמען אידען אלץ מעהר און פערקנעכטען זיי. איצט האבען די פלשתים שוין זיך מעהר נישט בעגנוגענט מיט איינגעהמען עטליכע שטעדט אויף די גרעניצען, זיי האבען שוין פערשפרייט זייער הערשאפט איבער'ן גאנצען לאנד אין דער ברייט און זענען כמעט דערגאנגען ביז'ן ירדן. אין איינציגע שטעדט האבען זיי אריינגעזעצט זייערע בעאמטע, וועלכע האבען איינגעמאהנט שווערע אבצאהלונגען אין פיה און תבואות. ביי אזא לאגע איז דער פערלאנג צו האבען אנ'אייגענעם קעניג געווארען אלץ שטארקער און דרינגענדער. און ווי שטארק שמואל האט זיך פון אנהויב געשטעלט געגען דער דאזיגער פאדערונג פון פאלק, האט ער לסוף דאך געמוזט נאכגעבען, אויפזוכען א קעניג און זאלבען איהם. די נייע רעגירונגס-פארם, וועלכע האט געדארפט אינגאנצען פערענדערן די עקזיסטענץ פון אידישען פאלק און דעם גאנג פון זיין געשיכטע, איז געווארען א נויטווענדיגקייט. דאס אי-

דישע קעניגטום איז געבוירען געוואָרען אין גרויסע וועהטאָגען, עס
איז נישט געווען קיין קינד פון דער ליעבע, נאָר פון דער נויט, און עס
האָט דעריבער אין אָנפאַנג נישט פערנומען קיין נאַטירליכען אָרט אין
דער געביידע פון אידישען געזעלשאַפטליכען לעבען, און די נביאים האָ־
בען עס שטענדיג בעטראַכט אַלס אַ שטערענדען עלעמענט און נישט גע־
האַט צו איהם קיין צוטרוי.

דער קעניג, וועלכער איז דורך דעם דרינגענדען פערלאַנג פון פאָלק
און געגען דעם ווילען פונ'ם נביא געשטעלט געוואָרען אין דער שפּיץ
פון פאָלק, האָט אַליין בעוויזען, נאָך מעהר ווי שמואל'ס ערקלערונגען
אַז דאָס קעניגטום איז נישט געווען פעהיג צו געבען דעם פאָלק דאָס
גליק, וואָס מען האָט פון איהם ערוואַרטעט: אַנ'איינפאַכער און אַנ'־
אויסגעצייכענטער מענש, וועלכער, איידער מען האָט איהם אויסגעקליבען
פאַר אַ קעניג, האָט נישט געוואוסט, וואָס הייסט תאוה צו כבוד און
לוסט צום הערשען, איז כמעט געצוואונגען געווען צו ווערען גרויזאַם
און אַפילו אויך אונמענשליך, נאָר כדי צו קאָנען אויפהאַלטען זיין נייע
גרויסע בעדייטונג, אַלס אַ מלך.

דער נביא'ישער גייסט האָט אָנגעוויזען שמואל'ן, וואָס פאַר אַ מיט־
לען ער זאָל אָננעהמען, אַז דאָס קעניגטום זאָל אין דער ווירקליכקייט נישט
פיהרען צו יענע שרעקליכע פאָלגען, וועלכע שמואל האָט מיט זיין קלאָ־
רען פערשטאַנד פאָראויסגעזעהן און געשילדערט פאַר די עלטסטע פון
די אידישע שבטים; כדי אַז דער קעניג זאָל זיך נישט דערהויבען אי־
בער'ן געזעץ, נישט ווערען ביי זיך צו־שטאָלץ און ער זאָל שטענדיג גע־
דענקען, אַז ער איז געווען פריהער אַנ'איינפאַכער בשר ודם. צו דעם
צוועק האָט שמואל אויסגעקליבען דעם מלך נישט פונ'ם שטאַלצען שבט
אפרים, נאָר פון דעם קלענסטען פון די שבטים: פון בנימין. די משפחה
פונ'ם ערשטען מלך איז אויך נישט געווען פון די געהויבענע; זיין פאָ־
טער, קיש, האָט זיך מיט קיין זאַך נישט אויסגעצייכענט און איז געווען
אַנ'איינפאַכער לאַנד־אַרבייטער; אויך שפּעטער האָט מען נישט געפונען,
מיט וואָס איהם צו לויבען, אויסער ווי דאָס, וואָס ער איז געווען „אַנ'־
ערהליכער מאַן“. זיין זוהן, שאול, וועלכען מען האָט געדאַרפט אויס־
קלויבען פאַר אַ מלך, איז געווען אַנ'איינפאַכער לאַנד־אַרבייטער, אַ
בושת־פנים, אַ שעמעוודיגער דאָרפס־מאַן. דער דאָזיגער אומשטאַנד, ווי
אויך אַנדערע גוטע אייגענשאַפטען פון שאול, האָבען געדאַרפט דיענען פאַר
דער בעסטער גאַראַנטיע, אַז דער נייער קעניג וועט נישט שטאָלץ ווע־
רען, און וועט שטענדיג זיך מיישב זיין מיט'ן נביא און פאָלגען זיין
געטליך וואָרט. בפרט נאָך, אַז דער זעלביגער נביא האָט איהם אַליין
גרויס געמאַכט.

און אָט האָט שמואל ענדליך איינגעאָרדענט אַ גרויסע פאָלקס־פער־

זאמלונג אין מצפה, כדי אויסצוקלויבען א מלך. צווישען די פערזאמעלטע איז אויך געווען שאול מיט דער משפחה פון קיש. איידער מען איז צוגעטראטען צו דער וואהל פון א מלך, האט שמואל נאך איין מאל גערעדט צו׳ם פאלק און ערקלערט, אז חאטש דאס פאלק איז בעגאנגען א אונגעטריהייט געגען גאט, דערמיט וואס מען האט ערקלערט, אז מען וויל דורכאוים א קעניג האבען, פונדעסטוועגען וועט ער, שמואל, דורכפיהרען די וואהלען פון א מלך, ווייל זיין נביא׳ישער גייסט האט איהם אזוי בעפוילען; דערביי האט שמואל פארגעשלאגען, אז מען זאל ווארפען א גורל: אויף וועמען דער גורל וועט פאלען, יענער וועט מלך זיין. דער גורל איז געפאלען אויף שאול׳ן, דעם זוהן פון קיש; אבער ווען מען האט זיך ארומגעזעהן, האט מען איהם נישט געקאנט געפינען, ווייל ער האט זיך בעהאלטען. און ווען מען האט איהם ענדליך ענטדעקט און געשטעלט פאר׳ן פאלק, זענען אלע געווען אנגענעהם איבערראשט: שאול איז געווען מיט א קאפ העכער פאר אלעמען, שלאנק און שען, דערצו האט ער דורך זיין בענעהמען געמאכט זעהר א גוטען איינדרוק אויפ׳ן פאלק

„זעהט איהר — האט שמואל געזאגט — אט דאס איז דער מאן, וועלכען גאט האט אויסגעקליבען פאר א קעניג, און ער האט נישט זיין גלייכען אינ׳ם גאנצען פאלק“.

די מאסע, וועלכע איז דערביי געווען און געזעהן דעם געטליכען גורל, ווי אויך שאול׳ס שענע געשטאלט, האבען אויסגערופען: „לעבען זאל דער קעניג!“ דאן האט דער נביא געזאלבט דעם נייעם קעניג מיט׳ן הייליגען אויל, דאדורך האט זיין פערזאן געדארפט ווערען הייליג פאר אלעמען. פאר די עלטסטע פון פאלק איז עס געווען אנ׳אמת׳ע שמחה, דען ענדליך איז זייער ווארימסטער וואונש ערפילט געווארען: דאס אידישע פאלק האט בעקומען א קעניג און א מנהיג. מען האט געהאפט, אז איצט וועלען זיך אנהויבען גליקליכע צייטען. ווי דער אלטער היסטאריקער דערצעהלט, האט שמואל ביי דער דאזיגער געלעגענהייט ערקלערט פאר די פערזאמעלטע די רעכט פונ׳ם קעניג איבער׳ן פאלק, וועלכע האבען בעקומען די בעדייטונג פון א געזעץ. אינ׳ם לעבען פון אידישען פאלק איז דאס געווען א וויכטיגער היסטארישער מאמענט, וועלכער האט בעשטימט די אידישע צוקונפט. אבער די שמחה פונ׳ם פאלק איז אויך געשטערט געווארען דורך שטימען פון אונצופריעדענהייט. איינינגע אונצופריעדענע, ווי עס שיינט, פון שבט אפרים, וועלכע האבען אפשר געהאפט, אז דער ניי־אויסגעקליבענער מלך וועט זיין פון זייער שבט, האבען ארויסגעזאגט הויך זייער ענטטוישונג: „וואס וועט אונז העלפען אט דער מענש!“ און וועהרענד די עלטסטע פון פאלק האבען, ווי דער מנהג איז, דערלאנגט דעם נייעם מלך מתנות און ערקלערט

זיך אַלס געטרײַע אונטערטאַנען. און די מוטיגסטע פֿון זײ האָבען זיך געלאָזט געהן מיט'ן קעניג אין גבעה, כדי צו העלפֿען איהם דאָרט אין זײַן מלחמה געגען די אידישע פֿײַנד. — האָבען די אונצופֿריעדענע זיך געהאַלטען פֿון דערווײַטען און נישט געוואָלט איהם אַנערקענען פֿאַר אַ מלך.

שאול'ס מוט האָט זיך באַלד נאָך דער וואַהל פֿאַר אַ מלך דער־וועקט אין איהם; די אונערוואַרטעטע דערהויבונג דורך גאָט האָט איהם אַרײַנגעגעבען אַ גײַסט פֿון גבורה, און ער האָט דערשפּירט אין זיך גע־נוג שטאַרקײַט אַרויסצוטרעטען געגען דעם שטאַרקען אויסערליכען פֿײַנד, ווי אויך אײַנצופֿיהרען אַ גוטע אָרדנונג אין'ם אידישען פֿאָלק גופא. די לאַגע פֿונ'ם פֿאָלק איז דאַמאָלס געווען זעהר אַ טרויעריגע, כמעט נאָך ערגער, ווי אין דער צײַט פֿון די ריכטער. נאָכדעם, ווי די פּלשתים האָ־בען אײַנגענומען דאָס לאַנד, האָבען זײ צוגענומען בײַ'ם פֿאָלק אַלערלײ געוועהר — פֿײַל־און־בויגען און שווערדען; קײן שמידען זענען אָבער אין לאַנד נישט געווען, וועלכע זאָלען קאָנען מאַכען נײַע שווערדען. דער נײַער מלך אַלײן האָט נאָר געהאַט אַ שווערד — דער סימבאָל פֿון קעֶ־ניגטום בײַ אַלע פֿעלקער אין אַלע צײַטען. ס'איז זעהר מעגליך, אַז אפילו די וואַהל פֿונ'ם קעניג איז געמאַכט געוואָרען בסוד פֿון די פּלשתים. די בעאַמטע פֿון די פּלשתים האָבען אויסגעזויגען דעם מאַרך בײַ'ם פֿאָלק און זײ האָבען אויך געדאַרפֿט גוט אַכטונג געבען אויף אַלץ, וואָס קומט פֿאַר בײַ אידען און אונטערדריקען יעדע פּראָבע, צו מאַכען אַ'אויפֿשטאַנד געגען די פּלשתים. די אידישע ערניעדערונג איז געווען אַזוי גרויס, אַז אַ טײל פֿון זײ זענען געווען געצוואונגען צו געהן צוזאַמען מיט די פּלשתים און קעמפֿפֿען געגען זײערע אײגענע ברידער, כדי די פּלשתים זאָלען זײ קאָנען פֿערקנעכטען. די פּלשתים זענען זיך בעגאַנגען מיט די אײַנגע־נומענע אידען מיט טיעפֿער שנאה און פֿעראַכטונג. נאָר אַ וואונדער האָט איצט געקאָנט ראַטעווען אידען. און דער דאָזיגער וואונדער איז דורכ־געפֿיהרט געוואָרען דורך שאול'ן, דורך זײַן זוהן יהונתן און זײַן משפּחה.

שאול'ס עלטערער זוהן, יהונתן, איז, לויט זײַן כאַראַקטער און גבורה, נאָך מעהר ווערט געווען מלך צו זײַן, ווי זײַן פֿאָטער. אַ'עניו און אונ־אײַגענניציגער און מוטיגער, אַז ער האָט דעם טויט פֿעראַכטעט, האָט ער נאָך דערצו געהאַט אַ ווארים הארץ, פֿול ליעבע און פֿרײַנדליכקײַט. וועל־כעס האָט צו איהם צוגעבונדען אַלע הערצער; ער איז שוין אפילו גע־ווען צופֿריעדען און צוגוט. פֿאַר אַ זוהן פֿון אַ מלך, וועלכער וועט אַמאָל אַלײן דאַרפֿען טראָגען אַ קרוין אויפֿ'ן קאָפּ און רעגירען איבער אַ פֿאָלק, איז שוין דאָס אַ חסרון, ווײל אַלס אַזעלכער האָט ער געברויכט צו האָבען מעהר פֿעסטקײַט און עטוואָס האַרטקײַט. אַ'ערליך־אמת'ע נאַטור, איז יהונתן געווען אַ פֿײַנד פֿון אַלערלײ פֿאַלשקײַטען, און האָט זײַן מײנונג אַרויסגעזאָגט אָפֿען, נישט מורא האָבענדיג, טאָמער וועט מען

איהם דערפאר פיינד בעקומען, אדער אפילו אויך, אז ער זאל דאדורך זיין שטעלע אדער דאס לעבען פערליערען. געשטיצט פון זיין זוהן, פון זיין פעטער אבנר, וועלכער איז געווען א העלדישער מאן פון גרויסער פעסטקייט, ווי אויך פון פיעל אנדערע געטריייע מענשען פון שבט בנימין, וועלכע זענען שטאלץ געווען דערויף, וואס דער מלך איז אויסגעקליבען געווארען פון זייער שבט, — האט שאול זיך אונטערגענומען דעם נישט־גלייכען קאמפף געגען די פלשתים.

דעם ערשטען קלאפ האט געגעבען יהונתן: ער איז פלוצלונג איבערגעפאלען אויף די בעאמטע פון די פלשתים און אויסגע׳הרג׳עט זיי מיט זייערע מחנות. דאס איז געווען די ערשטע ערקלערונג פון מלחמה, און זי איז פארגעקומען אויף שאול׳ס בעפעהל, אדער, ווענינגסטענס, מיט זיין איינשטימונג. באלד נאך דעם האט דער קעניג מודיע געווען אינ׳ם גאנצען לאנד פון בנימין דורך דעם שאל פון שופרות, אז עס האט זיך אנגעהויבען די בלוטיגע מלחמה מיט די פלשתים. פאר פיעל מענשען איז דאס געווען אן׳אמת׳ע פרעהליכע בשורה, פיעל אבער האבען זי אויפגענומען מיט גרויס שרעק. די מוטיגסטע האבען זיך באלד פערזאמעלט ארום דעם קעניג, כדי איהם צו העלפען ארארבווארפען די חרפה פון קנעכטשאפט ביי די פלשתים, אדער צו שטארבען מיט׳ן קעניג צוזאמען. עס זענען אבער אויך געווען פיעל פחדנים, וועלכע זענען אנטלאפען אויף יענער זייט ירדן, אדער האבען זיך בעהאלטען אין די הייהלען, צווישען די הויכע בערג אדער אין די גריבער. דאס גאנצע פאלק האט געלעבט אין איין ציטערניש און אימה, מורא האבענדיג פאר׳ן שרעקליכען סוף פון אזא נישט־גלייכען קאמפף. דער ארט, וואו אידען פלעגען זיך דאמאלס פערזאמלען, איז געווען גלגל, וועלכער ליעגט ווייט פון דער גרעניץ פון די פלשתים. דעם דאזיגען ארט האט בעשטימט דער נביא שמואל און ער האט בעפוילען דעם מלך שאול אויך אהין צו קומען און ווארטען דארט אויף איהם, אויפ׳ן נביא, כדי צו הערען זיינע וויכטיגע פעראָרדנונגען.

דערווייל האבען זיך די פלשתים צוגעגרייט צו א בלוטיגער מלחמה געגען אידען. די ידיעה, אז יהונתן איז אנגעפאלען אויף איינעם פון זייערע בעאמטע מיט זיין מחנה, האט זיי אריינגעבראכט אין גרויס צארן; זיי זענען מעהר געווען איבערראשט, ווי דערשראקען. שוין פיעל מאל האבען זיי געזעהן, ווי די אידען זענען אנטלאפען פון שלאכטפעלד אין דער מלחמה מיט זיי; זיי האבען דעריבער געהאלטען אידען פאר פחדנים. ווי אזוי אבער האבען זיך דאס דערוועגט אט די פחדנים ארויסצוטרעטען אין מלחמה געגען זיי, געגען די פלשתים, זייערע הערען, נישט האבענדיג נאך דערצו קיין געוועהר! די פלשתים מיזען א בליטיגע נקמה נעהמען! און אט איז ארויסגעגאנגען זעהר א גרויסע

מחנה פֿוס־געהער מיט פֿיעל רײַטער, וועלכע איז דורכגעגאַנגען די
טהאָלען אין דרום־זײַט פֿון די בערג אפרים, דורך דער גאַנצער ברייט פֿון
לאַנד ביז מכמש, צום קאַמפּף געגען אידען. דאָס איז געווען אַ שרעקלי־
כער אַנבליק פֿאַר'ן אידישען פֿאָלק.

און אין דער צײַט, וואָס די גרויסע מחנות פֿון די פּלשתים זענען
געקומען אַלץ נעהנטער, איז שאול געשטאַנען אין גלגל מיט די מו־
טיגסטע מענשען פֿון זײַן שבט בנימין און ערוואַרטעט מיט אונגעדולד
דעם נביא שמואל, וועלכער האָט איהם געדאַרפֿט זאָגען זײַן נבואה און
בעגײַסטערן זײַנע געצעהלטע לײַט צו'ם קאַמפּף. אַ טאָג איבער אַ טאָג
איז אַבער אַריבער, און שמואל האָט זיך נאָך אַלץ נישט בעוויזען. יעדע
שעה, וועלכע מען האָט פֿערבראַכט אין זיצען און וואַרטען, האָט געקאָנט
ווערען געפֿעהרליכער פֿאַר'ן אויסגאַנג פֿון דער מלחמה. אַ געוויסער
טייל פֿון שאול'ס לײַט האָבען איהם שוין פֿערלאָזען, ווײַל זיי האָבען
געזעהן אַ שלעכטען סימן אין שמואל'ס פֿערזוימען זיך. אין דער דאַזי־
גער אונגעדולד האָט שאול זיך בעשלאָסען מעהר נישט צו וואַרטען אויף
שמואל'ן. ער האָט אַלזאָ, ווי עס איז דאַמאָלס געווען דער מנהג, גע־
בראַכט אַ קרבן, כדי גאָט זאָל זײַן גוט געשטימט פֿאַר איהם און געבען
איהם דעם נצחון אין דער נאָהנטער מלחמה. אָבער ווען שאול איז
נאָך געווען בעשעפֿטיגט מיט'ן ברענגען דעם קרבן, האָט זיך פּלוצ־
לינג בעוויזען דער אַלטער נביא און האָט האַרט אָנגעהויבען שטראָפֿען
דעם קעניג, פֿאַרוואָס ער איז אַזוי אונגעדולדיג געווען, און האָט אויף
איהם נישט געוואַרט. און ווען שמואל האָט זײַנע שטראָף־רייד געענדיגט,
האָט ער זיך אויפֿגעהויבען און פֿערלאָזען דעם קעניג שאול; צוזאַמען
מיט'ן נביא איז אָבער אויך אַוועקגעגאַנגען אַ גרויסער טייל מענשען.
פֿאַר שאול'ן איז דאָס געווען אַ שטאַרקער קלאַפּ, ווײַל ער האָט געהאָפֿט,
אַז דער נביא וועט שטאַרקען דאָס געמיט פֿון זײַנע קעמפֿער און זיי
צוגעבען חשק צו'ם קאַמפּף. שאול האָט איבערגעצעהלט די קליינע מחנה
מענשען, וואָס איז מיט איהם געטרײַ געבליבען, און געפֿונען, אַז ער
האָט נישט מעהר ווי זעקס הונדערט קעמפֿער. ס'איז דעריבער קיין
וואונדער נישט, וואָס שאול מיט יהונתן זענען געווען אַזוי שטאַרק טרוי־
עריג: מיט אַזאַ קליינער מחנה, וועלכע איז נאָך דערצו גאַרנישט בעוו־
וואָפֿענט, צו קעמפֿען געגען די גרויסע און גוט־בעוואָפֿענטע חילות פֿון
די פּלשתים איז געווען אַן'אונמעגליכע זאַך. אָט דאָס זענען געווען די
טרויעריגע האָניג־וואָכען פֿונ'ם קעניגטום! דאָס ערגסטע איז אָבער פֿאַר
שאול'ן געווען, וואָס דער נביא האָט זיך פֿון איהם אָבגעווענדעט, ווײַל
דאַדורך האָט ער פֿערלוירען פֿאַר זיך און פֿאַר'ן פֿאָלק די מעגליכקייט
צו בעקומען אָנווײַזונגען פֿון גאָט, וואָס ער זאָל טהון.

אַרויסגעראַטעוועט שאול'ן פֿון זײַן שרעקליכער לאַגע האָט דאָס
מאָל ווידער יהונתן. דער אָרט גבע, וואו שאול איז געשטאַנען מיט זײַן

קליינער מחנה, איז געווען ווייט פונ'ם לאגער פון די פלשתים אין מכמש
א שעה גאנג. צווישען מכמש און גבע געהט דורך א שמאלער טהאל,
וועלכען די גרויסע מחנות קאנען נישט דורכגעהן, ווייל פון ביידע זייטען
טהאל, סיי פון מכמש, סיי פון גבע, דערהויבען זיך גרויסע פעלזען, וועלכע
מאכען דעם טהאל-דורכגאנג אזוי ענג, אז ער האלט ערטערווייז קוים
צעהן טריט ברייט. די פלשתים און די אידען האבען זיך געקאנט צוזא-
מענטרעפען, נאר געהענדיג אויף זייטיגע וועגען. און אט האט יהונתן
מיט זיין בעגלייטער, וואס האט זיין געוועהר איהם נאכגעטראגען, אונ-
טערגענומען אין א געוויסען טאג א געוואגטען שריט: ער האט זיך
געלאזען געהן צום לאגער פון די פלשתים דורכ'ן ענגסטען ארט פונ'ם
דורכגאנג, דארט וואו מען קאן אריינקומען אין לאגער פון מכמש נישט
אנדערש, ווי קלעטערנדיג איבער די שפיציגע שטיינער, וועלכע דערהוי-
בען זיך שטעהענדיג ווי א וואנד איבער'ן שמאלען טהאל. דורך איין
פאלשען טריט האבען זיי געקאנט ארונטערפאלען אין טיעפען אבגרונד
פון טהאל און דער'הרג'עט ווערען. יהונתן מיט זיין בעגלייטער האבען
אבער גליקליך ארויפגעקלעטערט אויף דער שטיינערנער וואנד און דער-
גרייכט דעם לאגער פון די פלשתים. ווען די פלשתים האבען זיי דער-
זעהען, זענען זיי זעהר ערשטוינט געווארען, ווייל זיי האבען געהאלטען
גאר פאר אונמעגליך, אז מען זאל קאנען אריינקומען אין זייער לאגער
דורך דער זייט. מיינענדיג, אז פון הינטען קלעטערען נאך אנדערע
אידישע קעמפפער, האבען די פלשתים אנגעהויבען פון זיי אבצולאכען:
„זעהט נאר! די העברעער קריכען ארויס פון זייערע לעכער, וואו זיי
האבען זיך בעהאלטען! שטייגט נאר ארויף ווייטער, מיר ווילען מיט
אייך בעקאנטשאפט מאכען!“ יהונתן האט אבער געהאט אבגערעדט מיט
זיין בעגלייטער, אז אויב די פלשתים וועלען זיי רופען, דאס זיי זאלען
קומען צו זיי נעהענטער, איז דאס א גוטער סימן, אז מען דארף אויף
זיי אנפאלען. די פלשתים האבען טאקי באלד פערלוירען דעם חשק
אבצולאכען פון די אידען. יהונתן מיט זיין בעגלייטער, וועלכע זענען,
ווי אלע פון שבט בנימין, געווען זעהר גוט געאיבטע שטיין-ווארפער,
האבען אנגעהויבען שליידערן שטיינער אויף די פלשתים, ארויסטרע-
טענדיג פאראויס. דער פלוצלונגער אנפאל פון אן'אונערווארטעטער
זייט האט געווארפען אן'אימת'ע אימה אויף די פלשתים, און זיי האבען
געגלויבט, אז איבערנאטירליכע כחות זוכען געגען זיי; צווישען די
פלשתים האט דאס געבראכט צו אזא מהומה, אז זיי האבען אנגעהויבען
בעפאלען איינער דעם אנדערען, אדער זיך געלאזען לויפען אין
ווילדער אימה. און ווען שאול האט בעמערקט, שטעהענדיג אויף א הויכען
בעאבאכטונגס-ארט, די וואונדערליכע בעוועגונג אינ'ם לאגער פון די
פלשתים, האט ער זיך אווארף געטהון מיט זיינע זעקס הונדערט גבורים
אויפ'ן מלחמה-פעלד, און די מפלה פון די פלשתים איז געווען א פאל-

קאמע. באלד האבען זיך געווענדעט געגען די פלשתים אויך יענע אידען, וועלכע די פלשתים האבען געהאט געצוואונגען צו געהן מיט זיי צוזאמען קעמפפען געגען זייערע אייגענע ברידער. און אין יעדער שטאדט אויף די בערג אפרים, וועלכע די פלשתים האבען געמוזט דורכגעהן ענטלויפענדיג פון מלחמה, זענען אויף זיי אנגעפאלען די אידישע איינוואהנער און אויסגעהרג'עט זיי. שאול איז אפילו שוין געוועזען מיעד פון מלחמה, ער האט אבער נישט אויפגעהערט צו פערפאלגען די פלשתים איבער די בערג און טהאלען.

און יענער צייט האבען אויך די עמונים אנגעהויבען צו דריקען די שבטים, וועלכע האבען געוואהנט אין גלעד אויף יענער זייט ירדן. דער קעניג פון די עמונים, נחש, האט בעלאגערט מיט א גרויסער מחנה די בעפעסטיגטע שטאדט יבש־גלעד. די איינוואהנער האבען זיך לאנג נישט געקאנט האלטען, און האבען שוין אנגעהויבען פיהרען אונטערהאנדלונגען מיט'ן קעניג נחש וועגען אונטערגעבען זיך איהם. נחש האט אבער געשטעלט די איינוואהנער פון יבש־גלעד זעהר א שענדליכע און אונמענשליכע בעדינגונג. וואס האבען די איינוואהנער געקאנט טהון? זיי האבען גע'פועל'ט, אז מען זאל זיי געבען עטוואס צייט אויף מישב צו זיין זיך, און דערווייל האבען זיי בשתיקה געשיקט שלוחים צו די איבריגע שבטים מיט א ביטע זיי צו העלפען.

און אט, ווען שאול איז איינמאל צוריקגעקומען אהיים פון פעלד מיט זיינע אקער־אקסען, האט ער געפונען די איינוואהנער אין גרויסער אויפרעגונג און פערוויינט. ווען שאול האט אנגעהויבען נאכפרעגען, וואס דאס בעדייטעט, זענען פאר איהם ארויסגעטראטען די שלוחים פון יבש־גלעד און דערצעהלט, וואס פאר אן'אונגליק עס שטעהט פאר זייער שטאדט, אויב מען וועט זיי נישט קומען צו הילף. און שרעקליכען צארן איבער דער אונמענשליכער בעדינגונג פונ'ם עמונ'ישען קעניג, ווי אויך איבער דער חרפה, וואס ער וויל אנטהון דעם גאנצען אידישען פאלק, האט שאול זיך באלד בעשלאסען צו ברענגען הילף די איינוואהנער פון יבש־גלעד. צום ערשטען מאל, זינט שאול איז קעניג געווארען, האט ער אויסגענוצט זיין רעכט, צו צווינגען דאס פאלק, איהם צו געהארכען. שאול האט געפאדערט, אז אלע שבטים זאלען איהם שיקען חיל צו דער מלחמה, און שמואל פון זיין זייט האט אויך איינגעשטימט מיט דער דאזיגער פאדערונג, ערקלערענדיג, אז ער געהט אליין אויך צוזאמען מיט די אידישע מחנות אין דער מלחמה.

די אונאיינינקייט צווישען די שבטים אין דער עפאכע פון די ריכטער איז איצט שוין געוועזען פערשוואונדען; דער אויסגעשפראכענער ווילען פונ'ם קעניג איז געוועזען א געזעץ פאר'ן פאלק. אויף שאול'ס בעפעהל האבען אלע שבטים איהם צוזאמענגעשיקט א גאנץ גרויסע מחנה, מיט וועלכער ער איז אריבערגעגאנגען דעם ירדן, און איז אנגע־

פאלען אויף די עמונים פון דריי זייטען. די עמונים האבען געהאט א גרויסע מפלה, און נישט פיעל פון זיי איז עס געלונגען צו ענטלויפען פון שלאכט-פעלד. די שטאדט יבש איז געראטעוועט געווארען, און די איינוואהנער זענען דערפאר געבליבען אויף אייביג דאנקבאר און געטריי דעם מלך שאול און זיין הויז. ווען שאול איז צוריק אריבער דעם ירדן, איז ער, פאר זיין דאזיגען צווייטען נצחון איבער'ן פיינד, בעגריסט געווארען מיט שטורמדיגער פרייד. שמואל, וואס איז געווען דערביי, האט אבער געפונען פאר נויטיג צו דערמאהנען דעם פאלק, אז מען טאר נישט זיין שטאלץ מיט'ן נצחון, און אז דאס קעניגטום דארף מען בעטראכטען נישט אלס א ציעל, נאר אלס א מיטעל צו קאנען פיהרען א רוהיג לעבען. שמואל האט דעריבער צוזאמענגערופען א נייע פאלקס-פערזאמלונג, כדי צו ערקלערען פון דאס ניי דעם קעניג און דעם פאלק זייערע פליכטען.

צו דער דאזיגער פערזאמלונג אין גלגל זענען געקומען זעהר גרויסע פאלקס-מאסען כמעט פון אלע שבטים. שמואל האט צום צווייטען מאל געזאלבט שאול'ן פאר א מלך, און דאס פאלק האט איהם ווידער אנער-קענט פאר א קעניג, און מען האט געבראכט דאנק-קרבנות אויפ'ן מזבח.

שאול'ס צוויי נצחונות און די גרויסע פערזאמלונג אין גלגל, וואו ער איז אנערקענט געווארען פאר א מלך דורך דעם גרעסטען טייל פון די שבטים, האבען בעפעסטיגט זיין מלוכה אויף א גאנץ לאנגע צייט. און חאטש שמואל האט אלץ נישט אויפגעהערט צו לויבען און צו דערמאהנען די צייט פון די ריכטער, האט אבער דאס פאלק געפיהלט, אז א מלך וועט איהם בעסער פערטיידיגען, ווי די ריכטער-גבורים. מען האט זיך גערן אבגעזאגט פון דער רעפובליקאנישער פרייהייט, כדי נאר צו זיין זיכער מיט דער אחדות און מיט דער קראפט, וועלכע שטעקט אין איהר.

די גאנצע ארדנונג אין לאנד האט זיך איצט געביטען. שאול האט באלד פערזאמעלט ארום זיך א מחנה פון מוטיגע מענשען און יונגע לייט, א מין שטענדיגע ארמעע, און דער פעלדמארשאל איבער איהר איז געווען דעם קעניגס פעטער, אבנר; אויסערדעם האט ער געברויכט צו האבען פאר דער ארמעע אנפיהרער פאר יעדע טויזענד קעמפפער בעזונדער, און פאר יעדע הונדערט בעזונדער; ער האט געברויכט פיעל בעאמטע, צו בעזעצען זיי אין די שטעדט, אויסערדעם שרים-ראטגעבער און פריינד, וועלכע פלעגען עסען מיט איהם צוזאמען ביי'ם טיש. א בעזונדערע דיענער-קלאס זענען געווען די „לויפער", וועלכע פלעגען דורכפיהרען אלע בעפעהלען פונ'ם קעניג, היינט ווידער פאליציי-דיענער און בעוואפענטע מענשען, וועלכע פלעגען זיך שטענדיג געפינען ארום דעם קעניג און געהארכען אלע זיינע בעפעהלען.

די שטאָדט גבע אין שבט בנימין, וועלכע איז ביז יענער צייט געווען נאָר א קליין שטעדטעל, איז איצט געוואָרען די הויפט־שטאָדט פון ארץ ישראל, ווייל דאָ האָט געוואָהנט דער קעניג און צוזאַמען מיט איהם אויך אלע זיינע שרים, די בעאַמטע און די אַרמעע. אין אָנפאַנג האָט דער קעניג אין אַלץ געפאָלגט דעם נביא, און ווען שמואל האָט איהם איינמאָל בעפוילען אין גאָט'ס נאָמען אונטערצונעהמען אַ מלחמה געגען די עמלקים און פערניכטען זיי, איז שאול באַלד געווען בערייט צו ערפילען דעם בעפעהל און האָט פערזאַמעלט צו דעם צוועק זיין גאַנצע אַרמעע. די עמלקים זענען געווען די פערביטערטסטע פיינד פון אידישען פאָלק. נאָך בשעת די אידען האָבען געוואַנדערט אין דער מדבר נאָכ'ן אַרויסגעהן פון מצרים, ווי אויך בשעת זייער אַריינגאַנג אין לאַנד כנען, האָבען די עמלקים זיך בעגאַנגען מיט זיי זעהר גרויזאַם. און ווען נאָר די פיינד פלעגען זיך צוגרייטען אָנצופאַלען אויף אידען, פלעגען די עמלקים זיך באַלד מיט זיי פעראייניגען, כדי צו קאָנען שאַדען ברענגען אידען. ווי עס שיינט, האָט דער קעניג פון עמלק, אגג, פיעל געדריקט דעם שבט יהודה אין שאול'ס צייטען. אגג האָט געהאַט אַ שם פאַר אַ גרויסען העלד, און די אַרומיגע פעלקער האָבען פאַר איהם שטאַרק מורא געהאַט. די עמלקים האָבען בכלל גע'שם'ט מיט זייער גרויסער העלדישקייט, און אונטערנעהמען געגען זיי אַ מלחמה איז נישט געווען קיין לייכטע אויפגאַבע. שאול האָט אָבער קיין איינציגע מינוט זיך נישט געוואַקעלט. ווי עס שיינט, האָט ער געפיהרט די מלחמה געגען די עמלקים מיט גרויסער געניטקייט, קונסט און מוטיגקייט; ער האָט פער־נאַרט דעם פיינד אין אַנ'אָרט, וואו יענער האָט גערעכענט צו געפינען אַ גאַנץ קליינע אידישע מחנה, און פלוצלונג האָט ער זיך דאָרט גע־וואָרפען מיט גרויסע מחנות און מיט גבורה אויף די עמלקים און זיי איינגאַנצען מנצח געווען. שאול האָט איינגענומען די הויפט־שטאָדט פון עמלק און אויסגע'הרג'עט אלע מאַנסבילען, פרויען און קינדער; דעם שרעקליכען אגג האָט ער גענומען געפאַנגען. די אידישע אַרמעע האָט געפונען ביי די עמלקים זעהר פיעל עשירות, אָבער לויט שמואל'ס בעפעהל, האָט מען דאָס נישט געטאָרט נעהמען פאַר זיך, נאָר אַלץ פערניכטען, כדי ביי אידען זאָל נישט בלייבען קיין שום אָנדענקען פונ'ם פאָלק עמלק. די קעמפפער האָבען זיך אָבער נישט געקאָנט אָבזאָגען פונ'ם גרויסען רויב, וואָס זיי האָבען געמאַכט, און שאול, וועלכער איז געוועהנליך געווען זעהר שטרענג אין אַזעלכע פאַלען, האָט דאָס מאָל געמאַכט זיך, ווי נישט וויסענדיג דערפון, און אַזוי אַרום האָט ער גע־בראָכען דעם בעפעהל פונ'ם נביא.

שאול איז נישט וועניג שטאָלץ געווען מיט'ן דאָזיגען נצחון איבער די שרעקליכע עמלקים. דעם איבעראַל געפירכטעטען קעניג אגג האָט ער גענומען געפאַנגען און מיטגעפיהרט מיט זיך אַנ'איינגעשמידטען אין

קיינטען, אלס א לעבעדיגען צייכען פון זיין נצחון. דאס גליק, וואס שאול האט געהאט אין דער דאזיגער מלחמה, האט איהם ווי שכור געמאכט, און זיין פריהערדיגע עניוות איז פון איהם אבגעטהון געווארען. אויפ'ן וועג צוריק אהיים האט ער געשטעלט א מאנומענט אין דער אזוע כרמל צום אנדענקען פון זיין נצחון. דערווייל האט שמואל זיך דערוואוסט, אז דער קעניג האט נישט פאלקאם ערפילט זיין בעפעהל. שמואל האט געדארפט ארויסטרעטען געגען שאול'ן; ס'איז איהם אבער זעהר שווער געוועזען אין אזא מאמענט צו געהן שטראפען דעם העלד. א גאנצע נאכט איז שמואל געשטאנען און געבעטען פאר גאט. לסוף האט דער נביא זיך בעשלאסען ארויסצוגעהן אויפנעהמען דעם קעניג. אויפ'ן וועג האט ער זיך אבער דערוואוסט, אז שאול איז אזוי שטארק שטאלץ געווארען מיט זיין נצחון, דאס ער האט זיך געלאזט שטעלען א מאנומענט; ושמואל האט זיך דעריבער אומגעקעהרט צוריק און אוועקגעגאנגען קיין גלגל. ווען שאול האט זיך דערפון דערוואוסט, איז ער אויך אוועק מיט זיין מחנה קיין גלגל. די עלטסטע פון שבט בנימין און פון די נאָ־הענטסטע שבטים זענען אויך אהין געקומען, כדי צו בעגריסען דעם קעניג מיט זיין גרויסען נצחון. באלד אבער האבען זיי בעמערקט, ווי עס איז אויסגעבראכען א סכסוך צווישען קעניג מיט'ן נביא, — א סכסוך, פון וועלכען מען האט געקאנט פאראויס זעהען שווערע צייטען.

שאול איז געקומען צום נביא, פונקט ווי ס'וואלט גארנישט פאר־געקומען, און האט ערקלערט: „איך האב ערפילט גאט'ס בעפעהל“. דער־רויף האט איהם שמואל הארט געפרעגט: „וואס בעדייט דען די שטי־מע פון די שאף און רינדער, וואס איך הער?“ — דאס פאלק — האט דער קעניג געענטפערט — האט געלאזען ביי'ם לעבען די בעסטע שעפסען און רינדער, כדי צו ברענגען זיי אין גלגל א קרבן פאר גאט“. ביי די דאזיגע ווערטער האט דער נביא אויסגערופען:

„ווייל דו האסט ממאס געוועזען גאטס ווארט, האט דיך גאט ממאס געוועזען צו זיין קעניג איבער אידען“. הערענדיג די דאזיגע בעליידיגענדע רעד פונ'ם נביא, האט זיך שאול דערשפירט זעהר ערניעדעריגט און גע־דריקט און ער האט אויסגערופען: „כ'האב געזינדיגט, ברעכענדיג גאט'ס ווארט און דיין בעפעהל; כ'האב אבער מורא געהאט פאר'ן פאלק“. שמואל האט איהם אבער דערויף נישט געענטפערט און געוואלט אוועקגעהן. דאן האט שאול איהם געוואלט אבהאלטען און אנגענו־מען אזוי פעסט פאר'ן מלבוש, אז דער מלבוש האט זיך צוריסען. „אט אזוי — האט שמואל דערויף געזאגט — וועט גאט אברייסען פון דיר דאס מלכות און אבגעבען עם אנ'אנדערען, א בעסערען פון דיר“. נאך איין מאל האט שאול געבעטען דעם נביא: בעעהרע מיך, לפחות, פאר די עלטסטע פון מיין שבט און פאר די איבריגע אידען און

קעהר זיך אום צוריק". שמואל האָט זיך בעדאַכט אַ ווײַלע און געגאַנ־גען מיט'ן קעניג צום מזבח, און שאול האָט זיך דאָרט געבוקט פאַר גאָט. דערויף האָט שמואל בעפוילען צו ברענגען דעם געבונדענעם אַגג. דער שטאָלצער קעניג פון עמלק האָט איצט אַנגעהויבען קלײַנמוטיג און ערניעדריגענד צו יאָמערען: אַה, ווי ביטער, ביטער איז דער טויט". שמואל האָט דערויף געענטפערט:

„ווי דײַן שווערד האָט בײַ פרויען די קינדער געראויבט,

„זאָל דײַן מוטער איהר העלדישען זוהן בעראויבט ווערען."

און דערויף האָט שמואל בעפוילען צו טוידטען דעם קעניג פון עמלק.

זינט דער טרויעריגער סצענע צווישען דעם קעניג און דעם מלך, האָבען זיי אַנגעהויבען אויסצומײַדען איינער דעם אַנדערען. דער נצחון, וועלכען שאול האָט אָבגעהאַלטען איבער עמלק, איז געוואָרען פאַר איהם אַ מפּלה: זײַן שטאָלצער גײַסט איז ערניעדריגט געוואָ־רען. די ערקלערונג פונ'ם נביא, אַז גאָט האָט זיך פון איהם אָבגעזאָגט, האָט געוואָרפען אַ פינסטערען שאָטען אויף זײַן נשמה. די ווערטער, מיט וועלכע שמואל האָט איהם געסטראַשעט: „גאָט וועט אָבנעמען דאָס קעניגטום אַ בעסערען פון דיר" — האָבען אַרײַנגעבראַכט שאול'ן אין גרויסער מרה־שחורה, וועלכע האָט זיך שפּעטער פערענדיגט מיט שגעון. שמואל'ס ווערטער האָבען שטענדיג געקלונגען אין זײַנע אויע־רען און דערוועקט אין איהם צאָרן און אימה. שווער איז געווען פאַר שאול'ן איבערצונעהמען תחלת די הערשאַפט איבער'ן אידישען פאָלק, אָבער נאָך שווערער איז פאַר איהם געווען, צו לאָזען בײַ זיך צונעה־מען די דאָזיגע הערשאַפט. דערבײַ האָט אָבער שאול טיעף געפיהלט זײַן אומבעהאָלפענקײַט. וואָס האָט ער געקאָנט אָנהויבען טהון געגען דעם שטרענגען נביא? כדי צו פערטרײַבען פון זיך די טרויעריגע געדאַנ־קען, האָט שאול זיך גענומען צו גרויסע מלחמות. אויף די גרעניצען פון ארץ ישראל האָבען נישט געפעהלט קײן פײַנד, מיט וועלכע מען האָט געקאָנט פיהרען מלחמות. שאול האָט אויך אויסגעקליבען נאָך איין מיטעל, ווי אַזוי צו דערהויבען און אײַנצוואָרצלען בײַ אידען די בעדײַטונג פון זײַן פערזענליכקײַט. אין ארץ ישראל האָבען נאָך אַלץ געוואָהנט צווישען די שבטים משפחות און שבטים פון כנען, וועלכע מען האָט נישט געקאָנט פערטרײַבען, בשעת מען האָט דאָס לאַנד אײַנגענומען. די דאָזיגע פעלקער האָבען געפיהרט דאָס אידישע פאָלק צו געצענדיענרײַ און זענען געווען פאַר זיי אַ שלעכטער בײַשפּיעל מיט זײַערע גראָבע מדות. שאול האָט אַלזאָ געטראַכט, אַז ער וועט אַ בעזונדערס גרויסע זאַך אויפטהון סײַ פאַר'ן אידישען פאָלק, סײַ פאַר זײַן תורה, ווען ער וועט פערטיליגען, אָדער אַרויסטרײַבען פון לאַנד די פרעמדע שבטים. שאול האָט דעריבער אָנגעהויבען אויסצוואָרצלען אין

לאנד אליין, וואס פרעמד איז, און אלע פרעמדע איינוואהנער.

צו די פרעמדע, וועלכע אידען האבען געדולדעט צווישען זיך, האבען אויך געהערט די „גבעונים“—די איינוואהנער פון די פיער שטעדט פון כנען, וועלכע האבען זיך אליין אונטערגעגעבען אידען. שאול האט נישט אכטונג געגעבען אויף דער שבועה, דורך וועלכער אידען האבען צוגעזאגט די גבעונים, צו דולדען זיי און געבען זיי זעלבסטשטענדיגקייט, און האט געמאכט צווישען זיי אזא בלוט-באד, אז נאר גאר ווייניג פון זיי זענען לעבען געבליבען. פערפאלגענדיג די שבטים פון כנען, האט שאול אויך שטארק פערפאלגט די געצענדיענערײ, די מכשפים און די מתים-בעשווערער. און אין דער זעלבער צייט, וואס שאול האט, דורך זיין רעליגיעזער און נאציאנאלער טעטיגקייט און שטרענגען דורכפיהרען גאט׳ס געבאט, געשטרעבט צו געווינען פאר זיך די ליעבע און אכטונג פונ׳ם פאלק האט ער אויך, פון דער אנדער זייט, זיך בעמיהט צו דערהויבען דעם כבוד פון זיין מלכות און די מורא פאר איהם. שאול האט זיך געלאזט קרוינען מיט א גאלדענער קרוין, כדי דאס פאלק זאל שטענדיג האבען פאר די אויגען, אז ער איז א מלך. די מענשען, וועלכע האבען איהם נאך געקענט אלס פראסטען לאנד-ארבייטער, האבען דאדורך געדארפט פערגעסען אן זיין פערגאנגענהייט און זיך געוועהנען צום געדאנק, אז ער איז א געזאלבטער פון גאט, וועלכער טראגט די הייליגע קרוין פון מלכות אויף זיין קאפ. ווער עס איז נאר געקומען צום קעניג, האט זיך געמוזט בוקען פאר איהם טיעף צו דער ערד. שאול האט אויך איינגעפיהרט דעם געוועהנליכען לוקסוס פון די פארצייטיגע מלכים פון די מזרח-לענדער: ער האט זיך גענומען פיעל ווייבער.

אין די מלחמות, וועלכע שאול האט שטענדיג געפיהרט מיט די פיינד פון אויסען, אין דער אונדולדזאמקייט, וואס ער האט ערויסגעוויזען געגען די געצענדיענער און פרעמדע אין לאנד גופא, ווי אין דעם גלאנץ פון מלכות, מיט וועלכען שאול האט זיך ארומגערינגעלט, האט ער, מעגליך, פערגעסען אין די שרעקליכע ווערטער פונ׳ם נביא, וועלכע האבען אין דער ערשטער צייט אזוי שארף געקלונגען אין זיינע אויערען. אבער אויף דער שאול האט געהאט צייט זיך ארומצוזעהען, האט דאס שרעק-בילד פונ׳ם קינפטיגען מלך זיך געשטעלט, אין פלייש און בלוט, פאר זיינע אויגען, אין דער געשטאלט פון א שענעם יונגען מאן, וועלכער האט איהם אליין אויך בעצויבערט. זיין געגענער, פאר וועלכען ער האט זיך אזוי שטארק געשראקען, האט ער אליין געמוזט ערציהען, דערהויבען איהם צום טהראן און געבען איהם, אין א געוויסער מאס, דאס רעכט, צו ווערען זיינער א געגנער.

נאך פיעל לאנגע קלענערע מלחמות און צוזאמענשטויסען מיט די פלשתים, איז עס ענדליך געקומען צו א גרויסער מלחמה צווישען ביידע פעלקער. שאול האט פערזאמעלט א גרויסע ארמעע און איז ארויסגע-

טראָטען געגען די גרויסע מחנות פון די פלשתים. א לאנגע צייט זענען בײדע פײנדליכע מחנות געשטאנען גאנץ נאָהנט אײנע געגען דער אנדערער; צווישען בײדע מחנות איז געווען נאר א קלײנער טהאל. אָבער קײנער פון די געגנער האט נישט געוואגט דער ערשטער אנצוהויבען די מלחמה. ענדליך האבען די פלשתים פארגעשלאגען צו ענטשיידען, ווען עס זאל געהערען דער נצחון, דורך „א צוויי־קאמפף" — ד. ה., יעדער צד האט געדארפט ארויסשטעלען זײנעם א גבור, און ווער פון די צוויי גבורים עס וועט מנצח זיין, יענעמ'ס צד וועט געהערען דער נצחון. פון זייער זייט האבען די פלשתים ארויסגעשטעלט זייער גבור גלית. שאול האט אויך געוואלט ארויסשטעלען א גבור און האט געלאזט אויסרופען אין דער אידישער מחנה, אז ווער ס'וועט ארויסגעהן צום קאמפף מיט גלית'ן און מנצח זיין איהם, וועט דער קעניג איהם געבען גרויסע מתנות, זיין משפחה וועט בעפרייט ווערען פון אבצאהלונגען און איהם אליין וועט דער קעניג געבען זיין טאכטער פאר א ווייב. די מתנות זענען געווען גרויסע, אבער קיינער האט נישט געוואגט ארויסצוטרעטען צום קאמפף. דער צופאל אבער האט געבראכט אויף דעם קאמפף א יונגען פאסטוך פון דער געגענד ארום בית־לחם, וועלכער האט געבראכט שפייז פאר זיינע עלטערע ברידער, וואס זענען געווען אין שאול'ס מחנה. און אט דעם יונגען פאסטוכעל איז עס בעשערט געווען צו געבען אידען דעם נצחון איבער די פלשתים. דער דאזיגער יונגער העלדישער פאסטוך האט שפעטער דורכגעפיהרט, דירעקט אדער אונדירעקט, א גאנצע איבערקעהרעניש אין דער אידישער געשיכטע, ווי אויך אין דער געשיכטע פון דער גאנצער מענשהייט. געהייסען האט דער פאסטוך ד ו ד, און געקענט האבען איהם דאמאלס נאר די עטליכע איינוואהנער פון'ם דארף, אדער פון'ם שטעדטעל בית־לחם; פון יענער צייט אן קלינגט עס אבער מיט'ן דאזיגען נאמען אויף דער גאנצער וועלט.

נאכדעם, ווי שמואל האט איבערגעריסען זיינע בעציהונגען מיט שאול'ן, האט ער געגעבען א בעפעהל, צו געהן קיין בית־לחם און דארט אויסצוקלייבען פאר א קעניג איינעם פון די אכט זיהן פון'ם אלטען י ש י, אנשטאט שאול'ן. שמואל איז אהין אוועקגעגאנגען בשתיקה פון אלעמען, ווייל ער האט מורא געהאט פאר שאול'ן. ווען ישי האט פארגעשטעלט שמואל'ן זיינע זיהן, האט שמואל דערקענט דעם יונגסטען צווישען זיי פאר'ן אויסדערוועהלטען פון גאט; דאס איז געווען דוד, כמעט נאך א קינד, מיט שענע, אנציהענדע אויגען, מיט א ליעבליכען געזיכט און א מוטיגער געשטאלט. שמואל האט באלד געזאלבט דוד'ן מיט'ן הייליגען בוימאייל פאר א מלך ביי אידען. די דאזיגע איינפאכע געשעהעניש, וועלכע האט אבער געדארפט האבען זעהר א גרויסע בעדייטונג, איז געהאלטען געווארען, ווי עס פערשטעהט זיך, בסוד, און

געוואוסט האבען וועגען דעם נאר שמואל, דוד'ס פאטער, ישי, און זיינע ברידער.

ישי, דוד'ס פאטער, האט נישט געהערט צו די בעוואוסטע משפחות פון שבט יהודה; ווי אלע איינוואהנער פון בית־לחם, האט ער געהערט דוקא צו די קלענערע משפחות. בשעת שמואל האט דוד'ן געזאלבט, איז ער נאך גאנץ יונג געוועזן, סך־הכל אכצעהן יאהר. ביז דאמאלס האט ער נאך גארנישט געהאט אויפגעטהון און איז געוועזן וועניג ערפאהרען; זיין גאנצע וועלט זענען געוועזן בלויז די שענע פאשע־פעלדער ארום בית־לחם. אבער אין'ם דאזיגען איינגעל זענען געוועזן פערבארגען גרויסע כחות, וועלכע האבען נאר געווארט, דאס מען זאל זיי דערוועקען, כדי ער זאל ווייט אריבערשטייגען אלע מענשען פון זיין צייט.

דוד האט געהאט פריהער פאר אלץ א טאלענט צו דער דיכטונג און שפיעלען פיעדעל; ביי זיין טשערעדע אין די טהאלען צווישען די בערג פון יהודה האט ער זיינע ערשטע ליעדער געזונגען און נאר די בערג אליין האבען איהם דעם ווידערקלאנג געגעבען. די טיעפע דיכטערישע בעגאבונג האט אבער נישט געמאכט פון דוד'ן קיין בלויזען טרוימער. ווען דער קריעג האט אויסגעבראכען געגען די פלשתים, און ביידע געגנערישע מחנות האבען זיך צוזאמענגעטראפען נישט ווייט פון בית־לחם, האט דוד זיך נישט געקאנט געפינען קיין רוה ביי דער טשערעדע, און ער איז געוועזן איבערגליקליך, ווען זיין פאטער האט איהם אנגעטרויט די שליחות צו זיינע ברידער אין אידישען לאגער. געקומען צו די ברידער, האט דוד דערהערט שאול'ס אויפרוף און האט זיך אויך דערוואוסט, ווי דער פלשתי, גלית, געהט טעגליך ארום אבשפאטען פון אידען. מיט ציטערניש און פערשעמטקייט האט דוד ערקלערט, אז ער וואלט זיך אונטערגענומען צו קעמפפען מיט גלית'ן. באלד האט מען איבערגעגעבען דעם קעניג שאול, אז ס'האט זיך געפינען א יונגער בחור, וועלכער וויל ארויסטרעטען אין קאמפף. מען האט דוד'ן באלד געבראכט פאר שאול'ן. דער קעניג האט איהם אנגעקוקט פערוואונדערט און האט האלב־לאכענדיג איהם ערלויבט ארויסצוטרעטען אין קאמפף; דערביי האט ער איהם פארגעלעגט אנצוטהון זיין אייגענעם פאנצער. דוד האט אבער ערקלערט, אז ער איז נאך צו־יונג, א פאנצער צו טראגען, און איז ארויסגעטראטען געגען דעם גבור פון די פלשתים.

דער ערשטער שטיין, וועלכען דוד האט מיט א געאיבטער האנד געווארפען, האט געטראפען דעם שווער־בעוואפענטען פלשתי'שען העלד. גלית איז צו דער ערד געפאלען. דוד האט באלד זיך א ווארף געטהון צו איהם, ארויסגעריסען ביי איהם דאס שווערד פון שייד און איהם דעם קאפ אבגעהאקט, ווען די פלשתים, וועלכע האבען בעאבאכטעט דעם קאמפף פון די הויכע בערג, האבען דערזעהן, אז זייער העלד איז גע־

פאלען, האבען זיי אנערקענט דעם אידישען נצחון און זענען ענטלאפען אין זייערע בעפעסטיגטע שטעדט. די אידישע מחנה האט זיי וויים פערפאלגט. איצט האט מען געבראכט דעם יונגען גבור מיט דעם פערבלוטיגטען קאפ פון גלית אין דער האנד פאר שאול'ן, וועלכער האט ביז דאמאלס איהם גארנישט געקענט. שאול האט דעם קלענסטען חשד נישט געהאט, דאס פאר איהם שטעהט זיין צוקינפטיגער געגנער, פאר וועלכען ער האט אזוי שטארק געציטערט אין הארצען. ער האט געפיהלט נאר גרוים פרייד איבער דעם אבגעהאלטענעם נצחון און האט מיט בעוואונדערונג בעטראכט דעם שענעם יונגען גבור; שאול'ס זוהן, יהונתן, איז מיט זיין ווייכער, ליעבעספולער נשמה, געוועזן, ווי בעצויבערט פונ'ם יונגען דוד. די ליעבע, וועלכע ער האט דערשפירט צו איהם, איז געוועזן שטארקער, ווי די ליעבע צו פרויען. באלד האט עס מיט דוד'ס נאמען געקלונגען אין אלע אידישע שטעדט און דערפער, ביי אלע שבטים. דוד אבער האט זיך אומגעקעהרט צוריק אהיים, אין זיין פאטער'ס הויז, אזוי ווי עס וואלט גאר קיין זאך נישט פארגעקומען. ער האט נאר מיטגעבראכט, אלס אנדענקונג, דעם שארבען פון גלית, זיין פאנצער און שווערד.

לאנג איז אבער דוד נישט געבליבען אין זיין פאטער'ס הויז. די נבואה פון שמואל'ן האט אנגעהויבען פערווירקליכט צו ווערען, און דוד האט געדארפט זיין דאס אינסטרומענט דערצו. די מרה־שחורה, אין וועלכער שאול איז אריינגעפאלען באלד נאכדעם, ווי שמואל האט מיט איהם איבערגעריסען זיינע בעציהונגען, האט זיך אלץ מעהר געשטארקט. שאול'ס שטימונג איז איבערגעגאנגען אין א שווערער מעלאנכאליע, און ציימענווייז האבען זיך ביי איהם געוויזען סימנים פון משוגעת. „א שלעכטער גייסט איז אינ'ם קעניג אריינגעקומען" — האבען שאול'ס דיענער גערעדט צווישען זיך. דעם קעניג'ס נאהענטע דיענער האבען איהם געראטען, אז מען זאל ברענגען א געאיבטען דיכטער און פיעדעלשפיעלער, כדי צו צערשטרייען דעם קעניג; דערביי האבען זיי פארגעלעגט צו ברענגען דוד'ן, ישי'ס זוהן. אזוי ארום איז דוד אריינגעקומען אין קעניגליכען הויף און האט דארט אלעמען בעצויבערט דורך זיין גאנצער ערשיינונג און דורך זיין שפיעלען. און ווי נאר דער קעניג פלעגט בעקומען די אנפאלען פון מרה־שחורה, פלעגט דוד אנהויבען שפיעלען פאר איהם, און דער קעניג פלעגט באלד פרעהליכער ווערען. שאול איז מיט'ן גאנצען הארצען צוגעבונדען געווארען צו דוד'ן; ער האט איהם אנגעהויבען ליעבען, ווי אנ'אייגענעם זוהן, און לסוף האט ער געבעטען ביי ישי, אז ער זאל גאר איבערלאזען דוד'ן אינגאנצען ביי'ם קעניגליכען הויף. שאול האט דאן בעשטימט דוד'ן פאר זיין געוועהרטרעגער, כדי צו האבען איהם שטענדיג ביי זיך און לאזען זיך פרעהליכער מאכען דורך דוד'ס שפיעלען. דאס איז געוועזן דער ערשטער טריט

צו דוד'ס דערהויבונג. אבער נישט בלויז דער קעניג אליין האט דוד'ן געליעבט; אלע לייט פון קעניגליכען הויף זענען ווי בעצויבערט געוועזען פון דוד'ן, און אלעמענס הערצער האבען פאר איהם געקלאפט מיט פולער ליעבע. מעהר פאר אלע האט איהם אבער געליעבט יהונתן, און אויך שאול'ס צווייטע טאכטער מיכל האט ליעב בעקומען דעם יונגען דוד.

אין שאול'ס הויף האט דוד אויסגעלערנט זיך, ווי אזוי צו בעגעהן זיך מיט געוועהר, און אפט פלעגט ער פערטוישען זיין פידעל אויפ'ן שווערד. און וויל ער איז געוועזען העלדיש און מוטיג, פלעגט ער שטענדיג זיך אויסצייכענען אלס זיעגער אין די אפטע צוזאמענשטויסען מיט די פיינד. איינמאל האט דוד אבגעהאלטען א גרויסען נצחון איבער די פלשתים און אויסגעהרג'עט פון זיי זעהר פיעל מענשען. ווען ער איז צוריק אריבער די אידישע גרעניץ, איז די שמחה געוועזען זעהר גרויס ביי אידען, און פרויען מיט מיידלעך זענען איהם ארויסגעקומען אנטקעגען מיט געזאנג און טענץ, מיט א פויקערייא און א קלינגערייא, דערביי האט מען איהם בעגריסט אזוי: „שאול האט געשלאגען די טויזענדער, דוד אבער — די צעהנדליגער טויזענד". די דאזיגע אויסצייכנונג, וואס דאס פאלק האט מיט אזא התלהבות אויסגעדריקט פאר דוד'ן, האט ענדליך געעפענט די אויגען שאול'ן. ער האט דערזעהען, ווער עס איז דער בעסערער, וועגען וועלכען שמואל האט גערעדט אין זיין נבואה; דוד איז עס אלזא יענער געגנער, פאר וועלכען ער האט אזוי שטארק זיך געשראקען, וועלכען ער האט ביז יעצט געזעהען אין זיינע שרעקליכע חלומות, און איצט שטעהט ער פאר איהם, א געליעבטער פונ'ם פאלק, א געליעבטער פון איהם, שאול'ן, אליין אויך, א בעהערשער פון אלע הערצער! פאר שאול'ן איז דאס געוועזען א געוואלדיגע ענטדעקונג. „מיר גיעבען זיי נאר די טויזענדע, אבער איהם די צעהנדליגער טויזענד, זיי שטעלען איהם שוין איצט העכער איבער מיך. וואס־זשע פעהלט איהם נאך א קעניג צו ווערען?" — האט שאול מיט שרעק געטראכט. און פון דאמאלס אן האט דאס פריידגעשריי פון די זינגענדע און טאנצענדע פרויען נישט אויפגעהערט צו קלינגען אין שאול'ס אויערען, און טיילמאל פלעגט ער זיך דערביי דערמאהנען אין די רעד פונ'ם נביא: „גאט האט דיך פערלאזען". די נייע ענטדעקונג האט אומגעוואנדעלט שאול'ס גרויסע ליעבע צו דוד'ן אין שנאה, וועלכע האט איבערפילט שאול'ס גייסט מיט שגעון.

שוין אויף צומארגענס, נאך דוד'ס צוריקקומען פון זיין נצחון, איז שאול אריינגעפאלען אין ווילדען שגעון, און בשעת דוד האט פאר איהם, ווי שטענדיג, געשפילט פידעל, האט ער געווארפען אויף איהם זיין שווערד, וועלכען דוד האט, נאר א דאנק זיין פלינקהייט, בעוויזען אויסצומיידען און אזוי ארום געראטעוועט געווארען פון א זיכערען טויט.

ווען שאול'ס שגעון האָט איהם אָבגעלאָזען און ער האָט זיך דערמאָהנט וועגען דוד'ס רעטונג, האָט ער דערין דערזעהען אַ סימן, אַז גאָט אַליין בעשיצט זיין פיינד. פון יענער צייט אָן האָט שאול אָנגעהויבען צו טראַכטען, ווי אַזוי פטור צו ווערען פון דוד'ן דורך פאַלשקייט. ער האָט דוד'ן געגעבען אַ הויכע שטעלע, בעשטימענדיג איהם פאַר אַן אָנפיהרער פון זיין בעסטען חיל, דערביי האָט ער איהם בעפוילען צו געהן און אַזעלכע מלחמות, וועלכע זענען געווען, לויט ווי שאול האָט געוואוסט, זעהר געפעהרליך. דוד איז אָבער שטענדיג געקומען צוריק אַלס מנצח. לסוף האָט שאול איהם געמוזט אָבגעבען, געגען זיין ווילען, זיין טאָכטער מיכל פאַר אַ ווייב. מיכל האָט אויך, ווי יהונתן, געהאַלטען מיט דוד'ן געגען שאול'ן; דאָס האָט אָבער נאָך מעהר אַריינגעבראַכט אין צאָרן שאול'ן, און ער האָט געהאַלטען אין איין טראַכטען, ווי אַזוי אומצוברענגען דוד'ן. אָנפאַנגס האָט ער וועגען דעם געטראַכט געהיים, לסוף אָבער האָט ער דאָס געטהון גאַנץ אָפען, שוקענדיג געגען דוד'ן זיין חיל. דוד איז ערקלערט געוואָרען אַלס פערברעכער געגען דעם קעניג, וועלכען יעדער קאָן און דאַרף דער'הרג'ענען. צו דוד'ן האָבען זיך אָבער פערזאַמעלט עלטערע און אונגערע מענשען פון שטאַרקען מוט, מענשען, וועלכע געלוסטען צו קעמפפען, אונצופריעדענע, גע'רודפ'טע, סתם אוואַנטוריסטען און לסוף אויך זיינע נאָהענטע קרובים יואָב און זיינע צוויי ברידער, אבישי און עשהאל. די דאָזיגע לייט זענען געוואָרען דער פונדאַמענט פון דער צוקינפטיגער העלדענמוטיגער מחנה, וועלכע דוד האָט שטענדיג געפיהרט צו נצחונות איבער די פיינד. און וועלכע איז געווען מיט דוד'ן, ביז ער איז אַרויפגעשטיגען אויפ'ן קעניגליכען טהראָן. אויך דער נביא גד, פון שמואל'ס תלמידים, איז געקומען צו דוד'ן און געבליבען אין זיין מחנה. אויך דער לעצטער פערטרעטער פון עלי'ס כהנים־הויז איז, ענטלויפענדיג פון שאול'ס שווערד, געקומען צו דוד'ן, וועלכער האָט איהם אויפגענומען מיט גרויסער ליעבע. געבראַכט האָט דערצו טאַקי שאול אַליין, דען ער האָט געהייסען אויס'הרג'ענען אַלע כהנים פון נוב, וועלכע האָבען געשטאַמט פון עלי'ס הויז, דערפאַר, וואָס זיי האָבען געלאָזען ביי זיך איבערנעכטיגען דוד'ן, ווען ער איז פון שאול'ן ענטלאָפען. פון אַלע כהנים פון נוב איז געלונגען צו ענטלויפען און אויסמיידען דעם טויט נאָר דעם כהן אביתר, וועלכער איז געקומען צו דוד'ן.

דער האַס געגען זיין געגנער דוד האָט געמאַכט שאול'ן גרויזאַם און בלוטדורשטיג. אַלע פראָבעס, וועלכע יהונתן האָט געמאַכט, צו מאַכען שלום צווישען דעם פאָטער און זיין פריינד דוד, האָבען געבראַכט בלויז דערצו, אַז שאול'ס שנאה זאָל זיך נאָך מעהר פערשטאַרקען. און ווייל דער אונגערעכטער איז געווען ניט דוד, נאָר שאול, האָט דאָס פאָלק געהאַלטען מיט דוד'ן; עפענטליך האָט אפילו קיינער ניט גע-

וואגט צו שטיצען איהם, אבער בשתיקה האבען איהם אלע געהאלפען. נאר א דאנק דעם, איז דוד'ן געלונגען אויסצומיידען אלע שאול'ס פערפאלגונגען.

שלעכט איז נאר געוועזען דאס, וואס דוד איז, צוליעב די דאזיגע פערפאלגונגען, געוועזען געצוואונגען טיילמאל צו שליסען פריינדשאפט מיט די פיינד פון זיין פאלק, ווי, למשל, מיט'ן קעניג פון מואב, מיט'ן קעניג פון עמון, נחש, און מיט'ן קעניג פון די פלשתים, אכיש. דאדורך האבען פיעל איהם חושד געוועזען, אז ער איז געווארען א פעררעטער געגען זיין פאלק און פאטערלאנד, און ממילא האט שאול רעכט געהאט איהם פיינד צו האבען און פערפאלגען. בעזונדערס שטארק האט מען געקאנט חושד זיין און פעררעטער דעם גבור דוד צוליעב זיינע בעציהונגען צו אכיש דעם קעניג פון גת. דער דאזיגער קעניג פון די פלשתים האט איינמאל פערטריבען פון זיך דוד'ן, וועלכער איז אבער צו איהם געקומען א צווייטען מאל און מיט איהם פריינד געווארען. אכיש האט דוד'ן זיין שוין צוגעזאגט און איהם אבגעגעבען די שטאדט צקלג, מיט דער בעדינגונג, אז דוד זאל זיך איינגאנצען אבזאגען פון שאול'ן און פון זיין פאטערלאנד, און ווען ס'וועט פארקומען א מלחמה צווישען די פלשתים און שאול, זאל דוד צושטעהן צו דער מחנה פון די פלשתים מיט זיינע זעקס הונדערט מאן און קעמפפען געגען אידען; אויך אין דער צייט פון שלום האט דוד געדארפט מאכען אנפאלען אויף די וויטע ערטער פון שבט יהודה און פון'ם פערנומענעם רויב געבען א חלק דעם מלך אכיש. דוד האט, נאטירליך, זיך געהאט בעשלאסען נישט צו ערפילען די דאזיגע בעדינגונגען, אדער צו פעראיינינגען זיך בשעת מלחמה מיט זיינע ברידער; אבער אויף אזא אופן האט ער געמוזט אנווענדען פערשיעדענע מיטלען, וועלכע זענען געוועזען דער היפך פון זיין פריהערדיגער עהרליכקייט און אפענהערציגקייט. אכיש האט דערווייל געגלויבט, אז ער האט אין דוד'ן א געטרייען פערבינדעטען, וועלכער וועט אויסנוצען זיינע פעהיגקייטען און געניטקייט אין מלחמה, ווי אויך דעם מוט פון זיינע לייט, כדי צו ברענגען שאדען די אידען; נאך אזעלכע מעשים וועט ער, פערשטעהט זיך, שוין קיינמאל נישט קאנען מעהר צוריקקומען צו אידען. דעם דאזיגען טעות האט אכיש געהאט, ווייל ער האט געגלויבט באמת, אז דוד איז שוין פאלש געווארען געגען זיין פאלק. דוד איז אבער געוועזען גאנץ ווייט פון אזא זאך, און ער האט נאר געזוכט פאר זיך אנ'ארט, וואו ער זאל זיך קאנען רוהיג בעהאלטען מיט זיינע לייט אויף א געוויסע צייט.

אין זיין דאזיגען טעות האט אכיש גערעכענט, אז איצט איז געקומען די צייט אונטערצונעהמען א גרויסע מלחמה געגען אידען. שאול האט געהאט אפטע אנפאלען פון שגעונות און נאך זיין מחלוקת מיט זיין איידעם דוד האט זיך זיין שגעון געשטארקט, און ער

האט דאדורך פערלוירען זיין גרויסע פעהיגקייט אין מלחמה. די בעסטע האנד, וועלכע האט פריהער פאר איהם געקעמפפט, דער בעסטער קאפ, וועלכער האט פאר איהם געדענקט, איז איצט געגען איהם. די בעסטע אידישע גבורים האבען זיך אבגעווענדעט פון שאול'ן און זענען צוגעשטאנען צו דוד'ן. אכיש האט דעריבער פערזאמעלט אלע זיינע מחנות, כדי מיט אמאל צו צעשלאגען דאס אידישע פאלק און פערקנעכטען עס.

אכיש האט געפאדערט פון דוד'ן, אז ער זאל איצט ערפילען דעם אבמאך, וועלכען ער האט מיט איהם געשלאסען, און זאל צוזאמען מיט די מחנות פון די פלשתים געהן קעמפפען געגען שאול'ן. מיט א שווערען געמיט האט דוד זיך געלאזט געהן מיט די מחנות פון די פלשתים; אבער ער האט איצט אנדערש נישט געקאנט, נאכדעם, ווי ער האט געמוזט אננעהמען הילף ביי'ם אידישען פיינד און צוזאגען איהם צו קעמפפען געגען אידען. ארויסגעראטעוועט האבען דוד'ן פון זיין שרעקליכער לאגע די פירשטען פון די פלשתים גופא, דען זיי האבען שארף געפאדערט פונ'ם קעניג אכיש, אז ער זאל צוריקשיקען דוד'ן מיט זיינע מענשען קיין צקלג, ווייל זיי האבען נישט געטרויט דוד'ן. פאר דוד'ן איז דאס געווען א גליק, דען דאדורך איז ער בעפרייט געווארען פון זיין געפעהרליכער לאגע: אדער צו קעמפפען געגען דעם אייגענעם פאלק און ווערען א פעררעטער, אדער צו ברעכען זיין ווארט, וואס ער האט געגעבען אכיש'ן.

די פלשתים זענען דערווייל ארויסגעגאנגען מיט זייערע הונדערטער און טויזענדער געגען שאול'ן. באלד ווי שאול האט בעקומען די ידיעה, אז די פלשתים גרייטען זיך צו א מלחמה, האט ער צוזאמענגערופען אלע אידישע מחנות, איז אליין ארויסגעגאנגען זיי אנטקעגען און האט זיך אבגעשטעלט מיט זיי צוערשט ביי'ם בארג גלבוע; דערנאך איז ער ארומגעגאנגען דעם בארג און אויסגעשטעלט זיין לאגער אין צפון־זייט פונ'ם דאזיגען בארג, נעבען עין דור.

ווען שאול האט דערזעהען די גרויסע מחנות פון די פלשתים און בעזונדערס זייערע פיעל רייטער, האט ער זיך זעהר דערשראקען. די שרעקליכע צייט, וועלכע ער האט אליין פאר זיך צוגעגרייט, האט ביי איהם צוגענומען זיין מוט. ער האט זיך געפיהלט פערלאזען פון גאט, דען ער האט נישט געקאנט פרעגען וועגען דעם אויסגאנג פון דער מלחמה נישט ביי א נביא, נישט ביי א כהן. נישט וויסענדיג ווי אזוי זיך א'עצה צו געבען, האט ער געהייסען אויפזוכען א מכשפה, כדי צו פרעגען ביי איהר, וואס ער זאל טהון. אזא מכשפה האט געלעבט אין עין דור, ס'איז געווען די איינציגע, וועלכע איז ענטלאפען פון שאול'ס פערפאלגונג, בשעת ער האט פערטיליגט די מכשפים ביי אידען. ס'איז געווען א טראגי־

שע און פיעל־בעדייטענדע זאך פאר שאול'ן, אז ער, וועלכער האט אליין פערטיליגט אלע מכשפים און מכשפות, האט איצט אליין געלאזט אויפזוכען א מכשפה, כדי ביי איהר אנ'עצה צו פרעגען.

מיט א טרויעריגען געמיט און א שווער הארץ, וועלכעס האט איהם פאראויסגעזאגט נאר שלעכטס, האט שאול אנגעהויבען די מלחמה געגען די פלשתים; די אונזיכערקייט און געבראכען געמיט פונ'ם קעניג האט זיך אויך אבגערופען אויף זיינע גבורים: אויך זיי האט פערפעהלט מוט און פעסטער גלויבען. די מלחמה האט זיך געענדיגט אונגליקליך. מיט גבורה האבען געקעמפפט די אידישע העלדען; א גאנצען טאג האט דער קאמפף געדויערט; אבער אין פרייען פעלד האבען די אידישע מחנות זיך נישט געקאנט האלטען געגען די רייטער און די קריעגס־וואגענס פון די פלשתים, זיי האבען דעריבער זיך אומגעקעהרט צוריק צו'ם בארג גלבוע; די פלשתים האבען זיי פערפאלגט און צושלאגען אינגאנצען. אויך דער ליעבעס־פולער יהונתן מיט זיין ברודער זענען דער'הרג'עט געווארען. שאול האט זיך פלוצלינג דערזעהן אליין, נאר זיין געוועהר־טרעגער איז געווען נעבען איהם, בשעת די שיסער פון די פלשתים האבען איהם אנגעהויבען פערפאלגען. ענטלויפען האט שאול נישט געוואלט; נאך ווייניגער האט ער אבער געוואלט זיך לאזען נעהמען געפאנגען און די פלשתים זאלען פון איהם קאנען אבלאכען. פאר שאול'ן איז געבליבען נאר צו טהון איין זאך: ווארפען זיך אליין אויף זיין שווערד. שאול האט דאס געטהון און איז געשטארבען, ווי עס פאסט פאר א קעניג. זיין געוועהר־טרעגער האט אויך געטהון דאס זעלבע, וואס זיין קעניג, און איז געפאלען נעבען איהם טויט.

די מפלה איז געווען א שרעקליכע. די שענסטע אידישע גבורים זענען געלעגען דער'הרג'עטע אויפ'ן בארג גלבוע און אינ'ם טהאל יזרעאל. נאכדעם ווי די פלשתים האבען זיך אויסגערוהט איבער נאכט נאכ'ן בלוטיגען טאג, האבען זיי אויף צומארגענס בעטראכט דאס שלאכט־פעלד און בערויבט די געפאלענע גבורים, אראבציהענדיג פון זיי זייערע קליידער און צירונג. דא האבען זיי אויך געפונען דעם טויטען שאול'ן מיט זיינע דריי זיהן. דעם קעניגס קאפ און זיין געוועהר האבען זיי אבגעשיקט אין לאנד פלשתים; שפעטער האבען זיי בעהאלטען זיין שארבען אין א טעמפעל פון זייער אבגאט „דגון“ און זיין געוועהר אין א טעמפעל פון „עשתרות“ צום אנדענקען פון זייער גרויסען נצחון איבער אידען. דאן האבען זיי זיך אראבגעלאזען אין די אידישע שטעדט אין טהאל יזרעאל און אין די אויבערשטע געגענדען פון ירדן און האבען זיי בעזעצט. די איינוואהנער פון די שטעדט זענען ענטלאפען אויף יענער זייט ירדן, ווי נאר זיי האבען דערהאלטען די שרעקליכע בשורה פון דער מפלה אין דער מלחמה. כדי אנצוטהון אידען א חרפה,

האָבען די פלשתים אויפגעהאָנגען די טויטע קערפּער אָהן קעפּ פון שאול און זיינע זיהן אויף די מויערען פון בית־שן. ווי עס שיינט, האָבען די פלשתים אויסגענוצט דעם נצחון און בעזעצט אויך פיעל שטעדט אין דרום פון בית־שן און דעם בארג גלבוע. אין שאול'ס הויפּט־שטאָדט גבעת־שאול האָט די ידיעה, אז די פלשתים קומען אריין אין שטאָדט, פערשפּרייט אזא אימה, אז די אם פון יהונתנ'ס זוהן, מפיבשת, האָט, ענטלויפענדיג אין די בערג, פערלאָרען דעם פינף־יעהריגען מפיבשת, וועלכער האָט זיך דערביי א פוס צובראָכען און איז געבליבען א הינ־קענדיגער זיין גאנצען לעבען. אין א טרויעריגער לאגע האָט שאול איבערגעלאָזען דאָס לאנד נאָך זיין טויט, נאָך אין א פיעל טרויעריגערער, אייִדער עס איז געוועזען, בשעת מען האָט איהם פאר א מלך אויסגע־קליבען. — די מפלה אין דער מלחמה איז געוועזען אזא געוואלדיגע, אז קיינער האָט גארנישט געטראַכט וועגען שטעלען זיך אנטקעגען דעם פיינד. ביי אלעמען איז דער מוט אינגאנצען פערשוואונדען געוואָרען. מען האָט אפילו געהאלטען פאר א גרויסע גבורה, ווען די איינוואָהנער פון יבש־גלעד האָבען געוואגט אראָבצונעהמען פון די וועגד פון בית־שן די אויסגעהאנגענע הרוגים, שאול מיט זיינע זיהן, און האָבען זיי געבראַכט צו קבורה, כדי אראָבצונעהמען די חרפה פון אידען. די מענ־שען פון יבש־גלעד האָבען נישט פערגעסען אָן דער הילף, וועלכע שאול האָט זיי געגעבען געגען דעם עמונ'ישען קעניג נחש, און אָט זענען זיי איצט מיט מסירת־נפש אריבער ביינאַכט דעם ירדן, געקומען קיין בית־שן, וואו זיי האָבען אראָבגענומען די הרוגים און געבראַכט אין זייער שטאָדט, זיי דאָרט מקבר געוועזען אונטער אנ'אשל (א בוים) און האָבען געפאסט און געטרויערט זיבען טעג. די שבטים פון דער זייט ירדן זענען געוועזען אזוי דערשלאָגען, אז זיי האָבען דערצו קיין מוט נישט געהאט; מעגליך, דאָס זיי האָבען אויך נישט געפיהלט אזא דאנקבארקייט צו שאול'ן, ווי די איינוואָהנער פון יבש־גלעד. דאָס פאָלק האָט גאָר געשפּירט איצט א שנאה צו שאול'ן, וועלכער האָט דורך זיין אומזיסטען האס געגען דוד'ן, געבראַכט א שרעקליך אונגליק אויפ'ן לאנד און זיינע איינוואָהנער.

אָט דאָס איז געוועזען דער סוף פונ'ם ערשטען אידישען קעניג, וואָס דאָס פאָלק האָט געלעגט אזוי פיעל גרויסע האָפנונג אויף איהם, בשעת מען האָט איהם אויסגעקליבען פאר א קעניג.

דריטעס קאַפּיטעל.

דער קעניג דוד.

(פֿון 1127 ביז 1087 פֿאַר'ן חורבן בית שני, אָדער פֿון 1055 ביז 1015 פֿאַר דער אַלגעמיינער צייט־רעכנונג).

ווי עס שיינט, האָט דאָס פֿאָלק אין דער צייט פֿון שווערען אונגליק אויך אָן דוד'ן פֿערגעסען, חאָטש מען האָט פֿריהער אַזוי פֿיעל גרויסע האָפֿנונגען געהאַט אויף איהם. וואָס האָט דוד געטהון אין דער צייט, ווען זיין פֿאָטערלאַנד איז מיט בלוט פֿערגאָסען געוואָרען? צי האָט דאָס אידישע פֿאָלק געוואוסט, אַז דוד האָט זיך תחלת געלאָזט געהן צוזאַמען מיט'ן קעניג פֿון די פּלשתים אויף מלחמה געגען אידען, אָדער דאָס פֿאָלק האָט דערפֿון נישט געוואוסט, — אַ וואונדער האָט עס דאָך געווים געמוזט זיין פֿאַר אַלעמען, וואָס אין אַזאַ שרעקליכער צייט האָט דוד געטראַכט נאָר וועגען זיין אייגענער זיכערקייט און האָט זיך געהאַלטען אין דער וויטענס פֿון יעדער סכנה, נישט קומענדיג צו הילף דעם פֿאָלק, נאָר האַלטענדיג זיך פֿעסט ביי זיין אָבמאַך מיט'ן קעניג פֿון די פּלשתים. אמת, דוד איז אויך געווען זעהר שטאַרק געדריקט אין יענער צייט, אָבער דאָס, וואָס מיט איהם איז פֿאָרגעקומען, איז דאָך בעוואוסט געוואָרען דעם פֿאָלק ערשט פֿיעל שפּעטער. פֿאַר'ן מאָמענט איז עס, בלי ספק, געווען זעהר ביטער צו זעהען פֿאַר יענע, וועלכע פֿערשטעהען אַזעלכע ענינים, אַז בשעת אָכיש, דער קעניג פֿון פּלשתים, האָט פֿערוויסטעט דאָס אידישע לאַנד, איז ער, דוד, געשטאַנען אין אַ פֿריינדליכען בונד מיט איהם און איז פֿערבליבען רוהיג נעבען זיין הויפּט־שטאָדט, בעשיצענדיג דאַדורך די גרעניצען פֿון לאַנד פּלשתים.

ווען דוד האָט זיך צוריקגעקעהרט קיין צקלג פֿון דער מחנה פֿון די פּלשתים, צוליעב דעם אונצוטרוי, וואָס עס האָבען איהם אַרויסגעוויזען די פּלשתי'שע פֿירשטען, האָט ער געפֿונען זיין שטאָדט צקלג פֿערברענט, ווייבער און קינדער זענען פֿערשוואונדען געוואָרען. די עמלקים, וועלכע האָבען פֿיעל געליטען פֿון דוד'ס אָנפֿאַלען און האָבען געמוזט ענטלויפֿען אין מדבר אַריין, האָבען אויסגענוצט די צייט, ווען דוד מיט זיין מחנה איז אַוועקגעגאַנגען מיט דער מחנה פֿון די פּלשתים, און זענען אָנגעפֿאַלען אויף זיין שטאָדט, בערויבט און פֿערברענט איהר און די איינוואהנער האָבען זיי גענומען געפֿאַנגען.

ווען די מענשען פֿון דוד'ס מחנה האָבען דערזעהען דאָס אונגליק, וואָס האָט זיי געטראָפֿען, זענען זיי אַזוי אויפֿגעבראַכט געוואָרען, אַז זיי האָבען אין ערשטען מאָמענט גאַר געוואָלט אָנפֿאַלען אויף דוד'ן און פֿערשטיינערן איהם. דוד האָט זיך באַלד געלאָזען מיט זיי נאָכיאָגען

נאָך די רויבער. אויפ'ן וועג האָבען זיי געפונען א קראנקען קנעכט, ביי וועלכען זיי האָבען דערגאנגען, וואו ס'געפינט זיך דער לאגער פון די עמלקים. דוד האָט מיט זיינע מענשען באלד אויסגעזוכט דעם לאגער פון די רויבער און זיך געוואָרפען אויף זיי מיט אזא אימפעט, דאָס מען האָט זיי כמעט אלעמען אויסגע'הרג'עט, און נאָר ווייניגע פון זיי האָבען בעוויזען צו ענטלויפען אויף זייערע קעמלען.

דוד איז געקומען צוריק מיט זיין מחנה קיין צקלג, פול פרייד איבער'ן נצחון, וואָס מען האָט געהאט איבער די עמלקים, און מען האָט זיך גענומען ווידער אויפבויען די פערברענטע שטאָדט. דעם רויב, וועלכען דוד האָט געמאכט ביי די עמלקים, האָט ער אבגעשיקט צו די עלטסטע פון יהודה און צו זיינע פריינד אין פערשיעדענע שטעדט פון באר־שבע ביז חברון. דאדורך האָט ער געוואָלט, ערשטענס, געבען זיי צו וויסען וועגען זיין נצחון און, צווייטענס, געווינען זיי פאר פריינד.

אָבער שוין אויפ'ן דריטען טאָג נאָך זיין קומען צוריק קיין צקלג, האָט ער דערהאלטען די טרויעריגע בשורה, אז די אידישע מחנה האָט געהאט א שרעקליכע מפלה אויף די בערג פון גלבוע און אז שאול מיט זיינע זיהן זענען געפאלען אין מלחמה. דאָס ערשטע געפיהל, וואָס דוד האָט דערשפירט ביי דער דאָזיגער ידיעה, איז געווען א טיעפער טרויער איבער שאול'ן און זיין געליעבטען פריינד יהונתן. דוד האָט באלד זיינע קליידער אויף זיך צוריסען און בעפויהלען זיינע מענשען אויך דאָס־זעלבע צו טהון; אלע האָבען ביטערליך געטרויערט נאָכ'ן טויט פון די אידישע גבורים און אויפ'ן אונגליק, וואָס האָט דאָס אידישע פאָלק געטראָפען. פון דוד'ס גרויסען טרויער איז איבערגעבליבען א הויך־טראגישעס עלעגישעס ליעד.

ווי טיעף און ריכטיג ס'איז געווען דוד'ס טרויער נאָך שאול'ס טויט, אָבער פאר איהם האָט דאָך דאָס געמוזט ברענגען א גרויסע פערענדערונג צום גוטען. דוד האָט מעהר נישט געקאָנט אויסהאלטען אינ'ם ווייטען צקלג, ס'האָט איהם געטריבען ארויסצוטרעטען אין עפענטליכען אידישען לעבען. אינ'ם ערשטען מאָמענט האָט דוד אויס־געקליבען פאר אנ'אָרט צו וואָהנען די שטאָדט חברון, וואו ס'האָבען געלעבט די עלטסטע און דער אדעל פון יהודה. אָבער די עלטסטע האָבען איהם נישט איינגעלאדען צו קומען, נאָר ער איז אליין אהין געקומען כמעט געגען זייער ווילען. אזוי שטארק האָט געליטען זיין גוטער נאָמען אפילו ביי זיין אייגענעם שבט יהודה, דערפאר, וואָס ער האָט געשלאָסען אנ'אָבמאך מיט די פלשתים. זיין מחנה פון זעקס הונדערט מאן מיט זיינע גרויסע גבורים זענען געקומען מיט איהם צוזאמען קיין חברון מיט זייערע משפחות און האָבען זיך דאָרט בעזעצט. דעם דאָזיגען שריט האָט דוד געמאכט אויף זיין אייגענער רעכ־

נונג, נישט פרעגענדיג ביי שמיצען, אין דער צייט, וואס די פלשתים זענען נאך געווען פערנומען מיט'ן בערויבען די אידישע שטעדט אין צפון־קאנט פון ארץ־ישראל. און ערשט, ווען דוד האט זיך פעסט בעזעצט אין חברון, — די דאמאלסדיגע הויפט־שטאדט פון שבט יהודה — האבען זיינע פיעל פריינד געבראכט דערצו, אז עס זענען געקומען די עלטסטע פון שבט יהודה און האבען איהם געזאלבט פאר א קעניג אין יהודה. דוד איז באלד געקומען אין פערבינדונג מיט די שבטים פון יענער זייט ירדן, כדי צו געווינען אויך זייער פריינדשאפט; דאגעגען צו די שבטים פון דער זייט ירדן, וועלכע זענען געווען אונטער דעם יאך פון די פלשתים, האט ער זיך נישט געקאנט און נישט געדארפט ווענדען: זיין אונגליקליכער בונד מיט אכיש, דעם קעניג פון די פלשתים, האט איהם דאס נישט ערלויבט. דוד האט דאמאלס איבערגעלעבט א שווערען אינערליכען קאמפף צווישען זיין פאליטישען פערשטאנד און דער ליעבע צו זיין פאלק און זיין לאנד: די לעצטע האט איהם גערא‏טען מוסר נפש צו זיין זיך מיט זיינע מענשען און שטעלען אין געפאהר די גאנצע צוקונפט, און צו בעפרייען זיך מיט א מאל פונ'ם אונגליקליכען בונד מיט'ן אידישען פיינד; דער פערשטאנד אבער האט איהם געראטען אבצווארטען ביז א צייט, און נישט צורייצען איצט דעם שטארקען פיינד.

אכיש האט געגעבען דוד'ן די פולע פרייהייט צו רופען זיך קעניג פון יהודה און צו מאכען אנפאלען אויף די גרעניץ־לענדער אין דער מדבר, דען פונ'ם רויב, וואס דוד פלעגט דארט מאכען, האט אכיש נאך איצט אויך בעקומען זיין חלק, לויט'ן אבמאך. קיין אנדערע שריט האט אבער דוד נישט געטארט מאכען. דוד'ס העלד, יואב, אין וועלכען ס'האבען זיך שוין ארויסגעוויזען די גרויסע טאלענטען פון א פעלד־העררר, האט זיך גערמוזט בעגניגען מיט דער נישט־וויכטיגער ראליע פון מאכען רויב־אנפאלען אויף די קליינע פעלקער. אין דער אידישער בעפרייאונג פון די פלשתים'ס הענד האט דוד נישט געקאנט נעהמען קיין אנטייל, ווייל ער איז געווען געבונדען מיט זיין אבמאך; די בעפרייאונג האט דעריבער דורכגעפיהרט שאול'ס פעלדהעררר אבנר, דער זוהן פון נר. איהם איז געלונגען צו אנטלויפען פון די בערג גלבוע נאך דער שרעקליכער מלחמה, און ער האט נישט פערלוירען דעם מוט צו ראטעווען פאר שאול'ס הויז, אויך נאך דעם גרויסען אומגליק, דאס, וואס מען האט נאך געקאנט ראטעווען. צוזאמען מיט אנדערע ענטלאפענע איז ער אריבערגעגאנגען דעם ירדן, וואו די פלשתים האבען זיי נישט געקאנט דערגרייכען, און וואו ס'האט נאך געלעבט די דאנקבארקייט פאר שאול'ס הויז. אבנר האט אויסגעקליבען די שטאדט מחנים פאר א נ'ארט, וואו ס'האבען זיך געדארפט פערזאמלען אלע אנהענגער פון שאול'ס הויז. אהער האט ער אויך געבראכט דעם איינציגען שאול'ס זוהן, וואס איז לעבען געבליבען איש־בושת, ווי אויך די איבריגע מיטגליעדער פון דער אינגליק־

ליכער קעניגליכער משפחה, און האט געבראכט דערצו, אז די דארטיגע שבטים האבען אויסגערופען איש־בושת פאר א קעניג. אבנר האט אויך צוזאמענגענומען אויף יענער זייט ירדן א היבשע מחנה פון מוטיגע קעמפפער, מיט וועלכע ס׳האבען זיך אויך פעראייניגט די געבליעבענע קעמפפער פון שבט בנימין. מיט דער דאזיגער מחנה איז ער צוריק אריבער דעם ירדן און אנגעהויבען צו פיהרען מלחמה מיט די פלשתים. ביסלעכווייז איז איהם געלונגען צו פערטרייבען זיי פון פערשיעדענע שטעדט און דערפער. אבער ערשט אין א משך פון פיער־פינף יאהר איז איהם געלונגען אינגאנצען צו בעפרייען פון זיי דאס לאנד—אזוי שווער איז געווען דער דאזיגער קאמפף. דאס שווערסטע איז געווען אבצונעהמען צוריק ביי די פלשתים דאס לאנד פון שבט בנימין, ווייל אהין האבען די פלשתים לייכט געקאנט ברענגען זייערע מחנות. יעדער שבט, וועלכען אבנר האט בעפרייט פון די פלשתים, האט אנערקענט איש־בושת׳ן פאר א מלך. אבנר האט בכלל אויפגעטהון זעהר גרויסע מעשים. ער האט נישט בלויז אויסגעקעמפפט פאר׳ן לאנד פאלקאמע אונאבהענגיגקייט, בעפרייענדיג איהם פון דער הערשאפט פון די פלשתים; ער האט אויך בעוויזען אריינצוציהען אין אלגעמיינעם אידישען לעבען יענע שבטים, וועלכע האבען נאר פאר שאול׳ן זיך געהאלטען פון דערווייטען און נישט געוואלט צושטעהען צום אידישען קעניגרייך. אבנר קאן דעריבער בעטראכט ווערען, אלס דער אמת׳ער גרינדער פון דער מלוכה פון די צעהן־שבטים, אדער פונ׳ם קעניגרייך ישראל, וועלכעס ער האט פעסט בעגרינדעט און פעראייניגט אלע זיינע מיטגליעדער. אבער נאך אלע זיינע נצחונות און נאך אלע זיינע גרויסע אנשטרענגונגען איז דאס פאלק מיט אמאל זיך צופאלען אויף צוויי העלפט: אויף די מלוכה פון ישראל און די מלוכה פון יהודה; יעדע פון זיי האט זיך געהאט איהר אייגענעם מלך. דער שבט יהודה, וועלכער איז קוים וואס ארויסגעריסען געווארען פון זיין אבגעזונדערטקייט פון די איבריגע שבטים דורך דער טעטיגקייט פון שמואל און שאול און פעראייניגט געווארען מיט די איבריגע שבטים, איז איצט אינגאנצען אבגעריסען געווארען פון זיי. אבנר׳ס נצחונות האבען קיין אלגעמיינע פרייד נישט מיטגעבראכט, ווייל זיי האבען געבראכט צו א פרוד (א שפאלטונג) ביי אידען.

וועגען פעראייניגען ביידע הייזער צוזאמען האט מען ביי דער דאמאלסדיגער לאגע גארנישט געקאנט טראכטען. נישט בלויז די ביידע מלכים, דוד און איש־בושת, זענען געווען געגען דעם, ווייל אין אזא פאל וואלט דאך איינער פון זיי געמוזט פערליערען די מלוכה, נאר אויך די אנהענגער פון ביידע הייזער, בעזונדערס, ביידע פעלדהערען, יואב און אבנר, ביידע גלייכע גבורים, זענען געווען געגען דעם. פאר׳ן שבט יהודה איז געווען וויכטיג, אז ער זאל געפיהרט ווערען דורך א מוטיגען און קריעגס־פעהיגען מלך, וועלכען דער נביא שמואל האט געזאלבט און

וועלכער איז דעריבער געוועזען א היילינע פערזאן, וועהרענד איש־בושת איז געוועזען מלך בלויז, לויט'ן נאמען, און ניט ער איז דערצו בעשטימט געווארען פון גאט, נאר ער האט דערצו געהאט די נויטיגע פעהיגקייטען. די גאנצע מאכט פון איש־בושת האט זיך געפונען אין די הענד פון זיין פעלדהערר, אבנר. — איש־בושת איז זיך געזעסען אין א זייטיגען ארט אויף יענער זייט ירדן און האט אפילו כמעט ניט געוואוסט, וואס עס קומט פאר אין ביידע העלפטען פון אידישען פאלק, וועהרענד דוד האט געוואהנט אין דער מיט פון זיין שבט און האט פון חברון געקאנט האבען אויף אלץ אנ'איינפלוס.

און אט אזוי איז עס געקומען צו א בירגער־קריעג צווישען דעם הויז פון דוד און דעם הויז פון שאול, נאכדעם ווי אבנר האט געפועלט, מיט גוטען אדער מיט בייזען, אז די צעהן שבטים זאלען אנערקענען איש־בושת פאר א מלך. דער קריעג האט געדויערט צוויי יאהר. שאול'ס הויז האט אבער געהאט א טראגישען מזל. אבנר האט געליעבט און געוואלט נעהמען פאר א ווייב שאול'ס קעבס־ווייב, די שענע רצפה, וועלכע האט, צוזאמען מיט די איבריגע מיטגליעדער פון שאול'ס הויז, אויך געלעבט אין מחנים. די זאך איז ניט געפעלען איש־בושת'ן, וועלכער האט עס געהאלטען פאר א חרפה פאר'ן מלכות, אז א פרעמדער מאנסביל זאל נעהמען דעם קעניג'ס אלמנה פאר א פרוי. פיעל האט איש־בושת געמוזט דולדען פון אבנר'ן, ווייל ער האט איהם געהאט צו פערדאנקען די מלוכה, אבער דאס האט ער ניט געקאנט אריבערטראגען און האט אבנר'ן געמאכט א פארוואורף. אבנר האט זיך בעליידיגט און געמאכט דעם קעניג א פארוואורף אין אונדאנקבארקייט. באלד נאכדעם האט ער געשיקט געהיימע שליחים צו דוד'ן און אנגעהויבען פיהרען אונטערהאנדלונגען איבערצוגעבען איהם די מלוכה איבער אלע אידישע שבטים. ווי עס שיינט, האט אבנר געשטעלט דערביי א בעדינגונג, אז ער זאל ווערען דער ערשטער פעלדהערר איבער דער גאנצער ארמעע. דוד האט אנגענומען אבנר'ס פארשלאג מיט פרייד, נאר ער האט פערלאנגט פריהער, אז אבנר זאל, אלס א סימן פונ'ם נייען בונד, איהם צוריק ברענגען זיין געליעבטע פרוי, מיכל, וועלכע שאול האט ביי איהם צוגענומען און איבערגעגעבען צו פלטי דעם זוהן פון ליש פון שבט בנימין. ווי עס שיינט, האט איש־בושת אליין אויך אנערקענט די גערעכטיגקייט פון דוד'ס פאדערונג און האט דערין קיין בייז פאר זיך ניט געזעהען. באלד נאכדעם האט אבנר גענומען אבשייד פון זיין קעניג מיט'ן תירוץ, אז ער ברויכט דורכצופיהרען די שיידונג פון מיכל פון איהר איצטיגען מאן פלטי, כדי אבצושיקען זי צו דוד'ן. אבנר איז אלזא געקומען אינ'ם לאנד פון שבט בנימין, וואו ער האט געצוואונגען פלטי צו שיידען זיך פון זיין פרוי. פלטי האט בעגלייטעט וויינענדיג א מהלך זויט זיין געליעבט ווייב. אבער אויף דער פאדערונג פון אבנר האט ער זיך געמוזט אומקעהרען צוריק אהיים.

דוד האט בעקומען צוריק די פרוי, וועלכע איז געווען זיין ערשטע יוגענד־ליעבע.

נאכדעם איז אבנר געגאנגען צו די עלטסטע פון די שבטים און האט אנגעהויבען, און געהיים, צו פיהרען מיט זיי אונטערהאנדלונגען וועגען אבגעבען דוד'ן אויך די מלוכה איבער די צעהן שבטים. די שטימונג צווישען די עלטעסטע איז געווען זעהר א גינסטיגע פאר דוד'ן, ווייל מען האט געוואלט מאכען א סוף צום בירגער־קריעג; אפילו אין שבט בנימין, פון וועלכען שאול האט געשטאמט, זענען אויך געווען אייניגע אנהענגער פונ'ם מלך דוד. ענדליך איז אבנר געקומען בשתיקה קיין חברון צו דוד'ן צוזאמען מיט צוואנציג זקנים פון די צעהן שבטים. דוד האט שוין בעזארגט פריהער, אז זיין פעלדהערר יואב מיט זיין ברודער אבישי, די זיהן פון צרויה, וועלכע האבען זיך אויסגעצייכענט דורך זייער געוואלדיגער קנאה, זאלען בשעת מעשה נישט זיין אין חברון, און האט זיי געשיקט מאכען א אנפאל אויף די פיינד אויף דער גרעניץ פון יהודה. דוד האט אלזא אין זייער אבוועזענהייט אבגערעדט מיט אבנר'ן, ווי אזוי מען זאל דורכפיהרען דעם ענין און מיט דער הילף פון די עלטסטע פון די שבטים אויסרופען איהם פאר א קעניג איבער אלע אידען, וועהרענד איש־בושת וועט אראבגעזעצט ווערען פון טהראן. די דאזיגע איבערקעהרעניש האט געדארפט דורכגעפיהרט ווערען אויפ'ן פריעדליכען אופן. אבנר האט נאר וואס פערלאזען חברון, כדי ארויסצולאזען אנ'אויפרוף צו אלע עלטסטע פון די שבטים, אז זיי זאלען איהם נאכטהון און אנערקענען דוד'ן פאר א קעניג. אבער פלוצלונג איז יואב מיט זיין מחנה צוריקגעקומען פון זיין גרעניץ־אנפאל און זיך דערוואוסט די איבערראשענדע נייעס, אז אבנר, דער פיינד פון דוד'ס הויז, איז געהיים געווען אין חברון, און דוד האט מיט איהם געפיהרט אונטערהאנדלונגען. יואב האט דערין דערזעהען א פערראט פון דוד'ן געגען איהם, יואב'ן, דען ער האט פאר־אויסגעזעהען, אז דוד וועט בעשטימען אבנר'ן אויף זיין ארט אלס הויפט־פעלדהערר פון דער אידישער ארמעע. מיט זיין געוועהנליכער ענטשלאסענהייט און ענערגיע האט יואב לאנג נישט געטראכט, וואס צו טהון: ער האט באלד געשיקט שלוחים נאך אבנר'ן, ער זאל זיך אומקעהרען צוריק קיין חברון. אבנר האט קיין שלעכטס דערין נישט געזעהען און האט זיך אומגעקעהרט צוריק. נעבען די טויערען פון דער שטאדט האט יואב מיט זיין ברודער אבישי איהם אבגעווארט; דארט זענען זיי אנגעפאלען אויף איהם פלוצלונג און דער'הרג'עט.

אבנר'ס טויט איז געווען א שרעקליכער אונערווארטעטער קלאפ פאר דוד'ן. דער גרויסער אידישער העלד, וועלכער איז געווען דער אייניציגער מענש, וואס האט איהם געקאנט אבגעבען אהן בלוט־פערגיסונג דעם אידישען טהראן, און האט שוין אויך געהאלטען ביי'ם פערווירקליכען דעם דאזיגען פלאן, איז פלוצלונג דער'הרג'עט געווארען דורך פאלש־

קיניג. דורך דעם דאזיגען מארד איז דוד אויך געשטעלט געווארען אין זעהר א שווערע לאגע, ווייל מען האט איהם חושד געווען, אז דאס איז אויסגעפיהרט געווארען, לויט זיין אייגענעם פלאן. כדי אראבצוווארפען פון זיך דעם חשד אינגאנצען, האט דוד אבגעהאלטען זיין אמת'ען טרויער אויף אבנר'ן עפענטליך און איינגעארדענט אבנר'ס קבורה אין חברון מיט גרויס פאראד. צו דער לויה פונ'ם אידישען גבור זענען געקומען אלע הויפּ-לייט און זקנים פון שבט יהודה. דוד אליין איז אויך נאכגע-גאנגען נאך דער לויה און האט בעוויינט דעם דער'הרג'עטען מיט ווארע-מע טרעהרען אין א טרויער-ליעד, וואס נאר זיינע פאלגענדע ערשטע שורות זענען פאר די צוקינפטיגע דורות געבליבען:

„צי האט, אלס פערברעכער,
„אנ'אבנר געקאנט אזוי שטארבען!
„די הענד דיינע זענען
„קיינמאל ניט געבונדען געווען;
„די פיס דיינע האבען
„קיין קייטען קיינמאל ניט בעריהרט.
„פון הענד פון פערדעטעה
„ביזטו טויט געפאלען!“

דאס דאזיגע ליעד האט געמאכט א געוואלדיגען איינדרוק אויף די צוהערער; אלע האבען זיך ביטערליך צווויינט, און דורך דער טרויערי-גער שטימע, מיט וועלכער דוד האט זיין ליעד ארויסגעזיפצט, זענען אלע געווען איבערצייגט, דאס זיין וועהטאג איז באמת גרויס. דוד האט אבער מורא געהאט צו שטעלען פאר'ן געריכט יואב'ן מיט זיין ברודער, אדער אפילו אויך צו מאכען זיי א פארוואורף, ווייל די דאזיגע גבורים זענען איהם געווען נויטיג צו בעפעסטיגען זיין מלוכה. נאר אין א ענגערען קרייז פון זיינע געטרייע יועצים האט ער זיך ביטערליך געקלאגט: „איהר זאלט וויסען, אז א גרויסער שר איז היינט געפאלען ביי אידען; איך בין נאך צו שוואך, בין נאך נישט געזאלבט פאר א קעניג איבער אלע אידען, און די צרויה'ס זענען שטארקער פאר מיר. זאל גאט משפט'ן די פער-רעטער“.

אויפ'ן קעניג איש-בושת האט די ידיעה וועגען אבנר'ס ערמארדונג געמאכט אנ'איינדרוק פון אנ'אמת'ער קאטאסטראפע. איש-בושת האט גארנישט געוואוסט פון די לעצטע געהיימע מעשים פון זיין פעלהערר און האט זיך אויף איהם געשטיצט, ווי אויף א פעסטע וואנד. ער האט דערי-בער זיך איצט געשפירט, ווי מען וואלט ביי איהם צוגענומען זיין רעכ-טען ארעם, דעם פונדאמענט און שטיצע פון זיין טהראן. דער פלוצלונגער טויט האט אבער געמאכט א סוף צו זיינע ליידען: צוויי פערברעכער, צוויי

ברידער פֿון דער מחנה פֿון שבט בנימין, זענען בעפֿאלען איש־בושת'ן אין שלאָף און דער'הרג'עט איהם, האָפֿענדיג צו בעקומען דערפֿאַר אַ מתנה פֿון דוד'ן. ווען אָבער זיי זענען געקומען מיט'ן פֿערבלוטיגטען אָבגעהאַקטען קאָפּ פֿון קעניג צו דוד'ן, איז דוד העכסט אויפֿגערעגט געוואָרען פֿאַר זייער ניעדערטרעכטיגער מערדעריי און באַלד בעשטראָפֿט זיי מיט'ן טויט.

נאָכ'ן טויט פֿון איש־בושת האָט די מלוכה איבער די צעהן שבטים שוין ממילא געמוזט איבערגעהן צו דוד'ן. דוד האָט געהאַט צווישען די שבטים פֿיעל אָנהענגער נאָך פֿון דער צייט אָן, ווען ער האָט דער'הרג'עט גלית'ן, און פֿון זיינע פֿריהערדיגע אָפֿטע נצחונות איבער די פּלשתים; אויסער דעם האָבען שוין איצט אַלע געוואוסט, אַז דער נביא שמואל האָט שוין לאַנג געזאַלבט דוד'ן פֿאַר אַ מלך, און פֿיעל עלטסטע פֿון די שבטים האָבען נאָך צוגעזאָגט אַבנר'ן איבערצוגעהן צו דוד'ן. אפילו יענע זקנים, וועלכע האָבען נישט געקאָנט מוחל זיין דוד'ן דאָס, וואָס ער האָט געהאַט געשלאָסען אַ בונד מיט'ן קעניג פֿון די פּלשתים,— אַפילו זיי האָבען אויך איצט איהם געמוזט אַנערקענען פֿאַר אַ קעניג, ווייל קיין אַנדערער איז גאָרנישט געוועזען, וואָס האָט געהאַט דאָס רעכט, צו פֿערנעהמען דעם אידישען טהראָן. דעריבער זענען געקומען די עלטסטע פֿון אַלע שבטים קיין חברון און געשלאָסען אַ בונד מיט דוד'ן צו דיענען איהם געטריי, און דערביי האָבען זיי איהם געבראַכט פֿיעל מתנות. אפילו די עלטסטע פֿון שבט בנימין האָבען איהם אויך אַנערקענט פֿאַר אַ קעניג, האָטש פֿיעל פֿון זיי האָבען געטראָגען אין הארצען געגען איהם אַ פֿערבאָרגענע שנאָה. דוד'ס גרויסער פֿערלאַנג איז ענדליך ערפֿילט געוואָרען: פֿון אַ קליינעם פֿירשט איבער איין שבט איז ער געוואָרען מלך איבער'ן גאַנצען אידישען פֿאָלק. דער פּרוד צווישען יהודה און ישׂראל, ד. ה., צווישען דעם שבט יהודה און די צעהן שבטים, האָט זיך געענדיגט דורך אַ פֿעראייניגונג, ווענינגסטענס, אויף דערווייל. די צייט איז געוועזען גינסטיג פֿאַר דוד'ן: נישט די כהנים, נישט די נביאים זענען געוועזען געגען איהם, ווי דאָס איז פֿאָרגעקומען, בשעת מען האָט אויסגעקליבען שאול'ן; אַלע זענען געוועזען ערגעבען דוד'ן מיט'ן גאַנצען הארצען. דער לעצטער כהן פֿון עלי'ס הויז, אֶביתר, איז געוועזען אין דוד'ס מחנה און האָט צוזאַמען מיט איהם געליטען די רדיפות פֿון שאול'ן און איבערגעטראָגען אַלע שווערע נסיונות; אויך די יונגע נביאים זענען אויף זיין צד געוועזען, ווייל זייער גרויסער לעהרער, דער נביא שמואל, האָט דאָך איהם געזאַלבט פֿאַר אַ קעניג. אין דוד'ס מחנה זענען געוועזען די נביאים גד און נתן; דער לעצטער פֿלעגט אָפֿט שטראָפֿען דוד'ן, און דוד פֿלעגט איהם געהאָרכען. דוד האָט אַלזאָ געהאַט אָנהענגער אין ביידע מלוכה־כחות: אין דער כהונה און אין דער נבואה, און דער וועג איז געלעגען גלאַט פֿאַר איהם אין די אינערליכע ענינים פֿון דער מלוכה. דוד האָט אָבער גע־

מוזט נאך מנצח זיין די אויסערליכע פיינד, כדי ער זאל קאנען הער
שען, אלס פרייער קעניג אין א פרייען לאנד.

פריהער פאר אלץ האט דוד געמוזט ברעכען זיין בונד מיט די
פלשתים, אויב ער האט נאר געוואלט זיין פאלקאם זעלבסטשטענדיג און
האבען ווידער פאר זיך די גאנצע ליעבע פונ'ם פאלק. ער האט זיך
געמוזט צוגרייטען צו פיהרען א בלוטיגע מלחמה מיט זיין פריהערדיגען
פערבונדעטען. באלד אבער האט ער די מלחמה נישט אונטערגענומען;
די פלשתים זענען נאך איצט צו־שטארק געוועזן. פריהער,האט דוד בע
שלאסען, צו מאכען זיך פריי פון אנדערע פיינד, פון קלענערע. אין דער
מיט פון שבט בנימין, אויפ'ן בארג ציון, האבען נאך געוואהנט די
יבוסים, וועלכע זענען געוועזן א מין מלוכה אין מיטען פון דער אידישער
מלוכה. דער הויכער בארג ציון איז געוועזן ארומגערינגעלט פון דריי
זייטען מיט שמאלע טהאלען און מיט אנגעשאטענע בערג, אויף וועלכע
עס זענען געוועזן אויסגעשטעלט הויכע טהורעמס, וואס האבען בעשיצט
די געגענד; אין דרום־זייט האט זיך דער שטיינערנער בארג דערהויבען
פון טיעפען טהאל ארויף, כמעט שטעהענדיג. און אט אויף דעם בע
פעסטיגטען בארג ציון האבען די יבוסים געהאט זייער פעסטונג און פון
דאנען האבען זיי רעגירט איבער דער ארומליעגענדער געגענד און זיך
געשפירט גאנץ זיכער. דוד האט אבער בעשלאסען, איידער ער וועט
אונטערנעהמען די מלחמה געגען די פלשתים, איינצונעהמען דעם בארג
ציון און בעפעסטיגען זיך דארט, און האט געשיקט א פאדערונג צו די
יבוסים, אז זיי זאלען איהם אבגעבען די פעסטונג מיט'ן גוטען ווילען.
די יבוסים האבען זיך אויסגעלאכט פון דער דאזיגער פאדערונג, ער
קלערענדיג שפאטיש: „דו וועסט אהער נישט אריינקומען, איידער דו
וועסט דערוואיטערן פון דאנען די בלינדע און הינקעדיגע“. די יבוסים
האבען דערמיט געמיינט אנצואווייזען, אז אפילו אויך בלינדע און הינ
קעדיגע וואלטען די פעסטונג געקאנט פערטיידיגען, צוליעב איהר גרוי
סער נאטירליכער שטארקייט. דוד האט באלד צוזאמענגערופען זיינע
מחנות און געלאזט אויסרופען, אז ווער עס וועט דער ערשטער איבער
דער שטיינערנער דרום־וואנד אריבערקלעטערן און אריינקומען אין דער
פעסטונג, יענעם וועט ער בעשטימען פאר'ן ערשטען אידישען פעלדהערר.
אזא הויכען כבוד האט יעדער אידישער גבור געוואלט בעקומען, און אלע
האבען זיך א לאז געטהון צו דער גלייכשטעהענדער וואנד און גענומען
קלעטערען. די יבוסים האבען, פערשטעהט זיך, בעגעגענט זיי מיט א הא
געל פון שטיינער און פיילען. נאר איין יואב'ן איז עס געלונגען דעם ער
שטען ארויפצוקלעטערן; באלד נאך איהם זענען ארויפגעקומען פיעל אנ
דערע העלדען. מען האט אנגעהויבען שטורמען אויף דער שטאדט און
אויס'הרג'ענען די איינוואהנער. ווען די יבוסים האבען ענדליך איינגעזעהן,
אז זייער שטעלען זיך אנטקעגען דעם העלדישען פיינד וועט זיי מעהר

קיין נוצען נישט ברענגען, האבען זיי זיך אונטערגעגעבען און געבעטען, אז מען זאל זיי לאזען לעבען. דוד האט מיט זיי שלום געמאכט, נאר ער האט זיי פערבאטען צו וואהנען אין דער שטאדט; די יבוסים האבען זיך בעזעצט אין מזרח־זייט פון דער שטאדט, אויפ'ן בארג מוריה.

נאכדעם, ווי מען האט דעם בארג ציון איינגענומען, האט דוד אריבערגעטראגען אהער זיין רעזידענץ פון חברון, און פון איצט־אן איז ציון געווארען די הויפט־שטאדט פון דוד'ן. די גאנצע שטאדט האט בעקומען דעם נאמען ירושלים, אנשטאט איהר פריהערדיגען נאמען „יבוס". אין דער שטאדט ירושלים האט דוד בעזעצט זיינע מחנות מיט די משפחות פון די קריעגער, ווי אויך זיינע הויפלייט. דער ארט, וואו די גבורים האבען געוואהנט, האט געהייסען „בית־הגבורים" — דאס הויז פון די העלדען. אט דאס איז געוועזען דער אנפאנג פון דער שטאדט, וועלכע איז פון דאמאלס־אן, אין א משך פון טויזענדער יאהרען, גערופען געווארען „די היילינגע". דאס, וואס דוד האט אויסגעקליבען אט דעם ארט פאר א הויפט־שטאדט, איז, לויט די דאמאלדיגע אומשטענדען, געוועזען א גליקליכער געדאנק. געוויס האט פאר דער שטאדט שכם בעסער געפאסט צו זיין א הויפט־שטאדט, וויל זי איז געלעגען אין רעכטען צענטר צווישען אלע שבטים, און די אומגעגענד פון שכם איז געוועזען זעהר פרוכטבאר; אבער דוד האט נישט געקאנט בעזעצען זיך אין א שטאדט, וואס איז געלעגען אין שבט אפרים, וואו די איינוואהנער זענען נישט געוועזען פון זיינע בעסטע אנהענגער און האבען געקוקט קרום און מיט קנאה, וואס איינער פונ'ם דאמאלס נאך האלב־ווילדען שבט יהודה זאל האבען דאס רעכט צו זיין איבער זיי א הערר און געבען זיי געזעצען. דוד האט געברויכט צו האבען, אויף וועמען צו קאנען זיך שטיצען, און דאס האט ער געקאנט געפינען נאר אין זיין אייגענעם שבט יהודה. די נייע שטאדט ירושלים האט זיך טאקי געפונען אויף דער גרעניץ פון די שבטים יהודה און בנימין, און ער האט דאדורך שטענדיג געקאנט זיכער זיין צו בעקומען די נויטיגע הילף פון זיין שבט. די געגענד ארום ירושלים איז געוועזען גענוג פרוכטבאר, הגם זי האט זיך נישט געקאנט פערגלייכען אין איהר פרוכטבארקייט מיט דער געגענד ארום שכם. אין די ארומיגע טהאלען זענען געוועזען פיעל קוואלען: די קוואלען שלוח און עין רגל אין דרום־מערב און דער גיחון — אין מערב, האבען אין דער צייט פון דער טריקעניש, ווען עס פאלען נישט קיין רעגענס, געקאנט בעוועסערן די ארומיגע פעלדער און געבען גענוג וואסער פאר דער שטאדט. פון דריי זייטען איז ירושלים ארומגערינגעלט מיט א קראנץ פון בערג, וועלכע בעשיצען און פערציערען זי: אין מזרח־זייט געפינט זיך דער הויכער „הר הזיתים" — דער אייל־בארג, וועלכען מען האט אזוי גערופען, צוליעב דעם געדיכטען וואלד פון איילבירטען, מיט וועלכען ער איז דאמאלס געוועזען בעדעקט. אין דר[illegible] שפרייט זיך אויס דער שע

נער נידריגער טהאל הנום*), וועלכער איז שפעטער זעהר בערימט געווארען. אין מערב־זייט איז דער באדען שוין העכער, און אין צפון לאזט ער זיך ווידער ארונטער אין טהאל אריין. דורך די דאזיגע בערג און טהאלען איז ירושלים גוט בעשיצט פון דריי זייטען, ווי דורך נאטירליכע מויערען און גריבער. אין ירושלים גופא זענען פאראן עטליכע בערג צווישען וועלכע דער בארג ציון איז דער העכסטער. געגענאיבער דעם בארג ציון געפינט זיך דער בארג מוריה, און צו דרום־צו ציהט זיך א קייט בערג מיט'ן גרויסען בארג עפל אין דער מיט. דער בארג מוריה איז אפילו פיעל נידריגער פאר'ן בארג ציון, אבער מיט דער צייט האט ער געדארפט אריבערשטייגען מיט זיין הויכער בעדייטונג איהם, ווי אויך אלע העכסטע בערג פון דער וועלט.

* *
*

די פלשתים האבען געמוזט איינזעהן, אז נאכדעם ווי דוד איז געווארען קעניג איבער'ן גאנצען אידישען פאלק, וועט ער שוין מעהר נישט קאנען בלייבען געטריי דעם בונד מיט זיי, נאר ער וועט מוזען ווערען זייער פיינד. אליין אבער איבעררייסען דעם בונד מיט דוד'ן האבען זיי דאך נישט געוואלט. ערשט דאן, ווען דוד האט די שטאדט „יבוס" איינגענומען און אריבערגעטראגען אהין זיין רעזידענץ, האבען זיי דערזעהן דערין א צייכען, אז ער גרייט זיך צו א מלחמה געגען זיי, און האבען זיך אליין צוגעאיילט, איהם צו ערקלערען מלחמה, נאך איידער ער וועט צייט האבען צוזאמענצונעהמען פיעל מחנות ביי די שבטים און אויסלערנען זיי גוט פיהרען קריעג. א גרויסע מחנה פון פלשתים האט זיך ארונטערגעלאזט פון די בערג אין טהאל אריין און זיך געלאזט געהן צו ירושלים. צי האט דוד געוואלט אויסמיידען די מלחמה פאר זיין נייער הויפט־שטאדט, אדער ער איז געווען איבעראשט דורך דעם פלוצלינגען ארויסטריט פון די פלשתים — ווי דארט איז נישט געווען, דוד האט זיך ארויסגעצויגען מיט זיינע מחנות פון שטאדט צו דרום־זייט, נעבען עדולם. די פלשתים האבען בעטראכט דוד'ס דאזיגען שריט פאר אנ'עטלויפען פאר זיי, און זיי זענען אריינגעדרונגען אין לאנד פון שבט יהודה ווייטער ביז דוד'ס געבורט־שטאדט, בית־לחם; פון דארט האבען זיי אנגעהויבען מאכען אנפאלען אויף פערשידענע ערטער אין יהודה און בעראבעווען דאס לאנד. דוד האט זיך נאך אלץ אבגע־

*) הנום איז געווען דער פאמיליען־נאמען פון'ם מענשען, וועמען דער טהאל האט אמאל געהערט. אינ'ם דאזיגען טהאל האט מען א געוויסע צייט געבראכט מענשען־קרבנות דעם אבגאט מולך, און דעריבער האט מען מיט'ן נאמען „גי־הנום" שפעטער בעצייכענט דעם ארט, וואו די רשעים ווערען געמישפט און געלייטערט פאר זייערע זינד.

האלטען פון אנפאלען אויף די פלשתים, וויל זיין מחנה איז, ווי עס שיינט, געווען צו־קליין דערצו, און ער האט אבגעווארט ביז ער וועט בעקומען פערשטארקונג פון די שבטים. כדי אויפצומונטערן דערוויל זיינע גבורים צו גרויסע העלדישע מעשים, האט דוד ארויסגעזאגט איינמאל זיין וואונש, צו טרינקען וואסער פון דער ציסטערנע (א ברונען) פון בית־לחם, וועלכע האט זיך איצט געפונען אין רשות פון די פלשתים. באלד האבען זיך ארויסגערופען דריי העלדען, ישבעם, אלעזר און שמה, אויסצופיהרען די געפעהרליכע אונטערנעהמונג: זיי זענען אריינגעקומען אין בית־לחם, האבען דארט צוטריבען דורך זייער מוט די איבערראשטע פלשתים, אנגעשעפט וואסער פון דער ציסטערנע און געבראכט צו דוד'ן קיין עדולם. טרינקען האט אבער דוד דאס וואסער נישט געוואלט, וויל די העלדען האבען עס בעקומען דורך סכנת־נפשות. ער האט נאר געוואלט מאכען א פראבע, צי האבען זיי גענוג גבורה. לכ[illegible] האט דוד ארויסגעפיהרט זיינע מחנות געגען די פלשתים, אויף וועלכע ער איז אנגעפאלען נעבען בעל־פרצים, און אבגעהאלטען איבער זיי אזא גרויסען נצחון, אז מען האט איהם פערגליכען מיט'ן גרויסען נצחון פון יהושע בן נון אין גבעון. די מפלה פון די פלשתים איז געווען אזוי שערקליך, אז די געצעהלטע געבליבענע פון זייערע מחנות זענען ווילד זיך צולאפען פון שלאכט־פעלד און דארט איבערגעלאזען אפילו אויך זייערע אבגעטער, וועלכע די אידען האבען, אויף דוד'ס בעפעהל, באלד פערברענט. די פלשתים האבען זיך אבער אויך נאכדעם נישט אבגעזאגט פון דער האפנונג, צו פערקנעכטען דוד'ן און זיין פאלק. פיעל מאל האבען זיי געמאכט אנפאלען אויפ'ן לאנד: איינמאל זענען זיי אריינגעדרונגען אינ'ם לאנד ביז'ן טהאל אפרים, א צווייטען מאל ביז „אפס דמים“. דוד'ס מחנה און זיינע גבורים האבען בעוויזען גרויסע העלדישע מעשים, און האבען שטענדיג צושלאגען די פלשתים און פערפאלגט זיי.

נאר דוד האט זיך נישט בענוגענט דערמיט, וואס ער האט זיך פערטיידיגט פון די פלשתי'שע אנפאלען. ער ה[illegible] איינגעזעהן, אז [illegible]זמן ער וועט אינגאנצען נישט צושלאגען דאס דאזיגע פאלק, וועט ע[illegible] פון קיין רוה נישט וויסען. דאס קליינע, אבער קריעגערישע און מוטיגע פאלק האט נישט אויפגעהערט אין א משך פון פיעל הונדערטער יאהרען צו פיהרען מלחמות מיט אידען און געהאלטען אין איין טראכטען איינצונעהמען זייער לאנד און פערקנעכטען זיי. אנשטאט שטענדיג צו זיין געצוואונגען צו בעשיצען זיך פאר די אנפאלען מצד די פלשתים, האט דוד דעריבער בעשלאסען זיי מיט אמאל צו פערניכטען אין א גרויסער מלחמה.

דוד האט אריבערגעטראגען דעם מלחמה־פלאץ פון ארץ־ישראל אין פלשתים־לאנד, און איז צוגעטראטען צו דער הויפט־שטאדט פון די פלשתים, גת, וועלכע איז געווען די נאהענטסטע פלשתי'שע גרויסע

שטאדט נעבען דעם לאנד פון שבט יהודה. עס פערשטעהט זיך, אז די פלשתים האבען זיך געשטעלט א שטארקען ווידערשטאנד. עס זענען פארגעקומען פיעל בלוטיגע מלחמות, אין וועלכע די אידישע גבורים האבען געהאט פיעל געלעגענהייט אויסצוצייכענען זיך מיט זייערע העלדישע מעשים. ווי עס שיינט, האבען די פלשתים פארגעשלאגען, איינצוארדנען צוויי־קאמפפען (דועלען), לויט'ן מנהג פון די ריעזען (רפאים). די צייטען האבען זיך אבער געביטען. וועהרענד מען האט אין דוד'ס יוגענד־צייט נישט געקאנט געפינען קיין איינציגען העלד ביי אידען, וועלכער האט געוואלט קאנען ארויסגעהן אין קאמפף מיט גלית'ן, זענען שוין איצט אין דער אידישער מחנה געווען העכער דרייסיג גבורים, וועלכע האבען געברענט פון אונגעדולד, צו געהן קעמפפען מיט די פלשתי'שע ריעזען.

לסוף איז עס געלונגען דוד'ן צו ברענגען אזא מפלה די פלשתים, אז זיי זענען געווען געצוואונגען צו ענטלויפען און פערלאזען זייער הויפט־שטאדט, גת, מיט אלע איהרע ארומיגע שטעדט און דערפער. די צייטען און די ראליעס האבען זיך געביטען. די שטאדט, אין וועלכער דוד איז אמאל געקומען אלס אונגליקליכער, פערטריבענער און גע'רודפ'טער, צו בעטען שוץ געגען זיינע פיינד, האט זיך איצט געמוזט בויגען פאר דוד'ן און בעטען ביי איהם, אז ער זאל רחמנות האבען און נישט חרוב מאכען זי אינגאנצען. די ערניעדרונג פון די פלשתים און זייער געבראכענע קראפט איז געווען פאר אידען א העכסט־וויכטיגע געשעהעניש. דאס אידישע פאלק האט שוין איצט געקאנט לעבען זיכער אין זיין לאנד אין פאלקאמער רוהיגקייט אויף א גאנץ לאנגע צייט, וויל אויסער די פלשתים זענען נישט געווען קיין פעלקער, וועלכע וואלטען געוואגט צו מאכען אנ'אנפאל אויף די אידישע גרעניצען. ווייטער האט אבער דוד נישט געשטרעבט איינצונעהמען קיין לאנד; אפילו די שטאדט גת האט ער, ווי עס שיינט, אויך איבערגעלאזען שפעטער דעם קעניג פון די פלשתים.

דער נצחון איבער די פלשתים האט זעהר שטארק דערהויבען דוד'ן אין די אויגען פון אידישען פאלק, ווי אויך ביי די ארומיגע פעלקער. דער פעניקישער קעניג, חירום, וועלכער האט אריבערגעטראגען די גאנצע פעניקישע מאכט פון צידון קיין צור, האט געשיקט שליחים צו דוד'ן און פארגעשלאגען, מיט איהם א בונד צו שליסען, דערביי האט ער איהם אויך געשיקט צעדער־בוימער און אנדערע בוי־מאטעריאלען, כדי צו בויען שענע פאלאצען אין ירושלים. חירום איז העכסט צופריעדען געווען מיט דער פערקנעכטונג פון די פלשתים, וויל אין זייער אבשוואכונג האט אויך חירום דערזעהן פאר זיך א זיכערקייט געגען זייער שטרעבונג איינצונעהמען פרעמדע לענדער. אויסער דעם איז פאר חירום'ן געווען זעהר וויכטיג צו שליסען א בונד פון פריינדשאפט מיט דוד'ן, כדי די פעני־

קישע קאַראַוואַנען זאָלען קאָנען געהן אונגעשטערט אויף די גרויסע וועג־
גען פון ארץ־ישראל און פיהרען דעם מסחר מיט מצרים. דוד האָט אָנ־
גענומען חירום׳ס פאָרשלאַג זעהר גערן, און צווישען ביידע מלכים האָט
די פריינדשאַפט זיך בעפעסטיגט. דוד האָט באַלד אויסגענוצט דעם נייעם
בונד מיט חירום׳ן. אין רשות פון די פעניקיער איז געוועזן דער באַרג
לבנון מיט זיינע רייכע און געדיכטע וועלדער פון צעדער־בוימער. ביי
די פעניקיער איז די בוי־קונסט דאַמאָלס שוין געשטאַנען אויף אַ הויך־
כער מדרגה. און אַט האָט דוד באַלד נאָכ׳ן שליסען דעם בונד מיט
חירום׳ן, אַראָבגעבראַכט בוי־קינסטלער און אַרבייטער פון צור קיין
ירושלים און האָט אויך אַרויסגעפיהרט פיעל צעדער־האָלץ פון לבנון,
כדי צו נעהמען זיך בעפעסטיגען, בעפוצען און אַרומבויען זיין הויפט־
שטאָדט, ירושלים. די ערשטע זאַך האָט דוד בעפעסטיגט ירושלים און,
ווי עס שיינט, נאָר פון צפון־זייט, וואו דער צוגאַנג צו דער שטאָדט
איז געוועזן לייכטער. דער באַרג ציון, אָדער דוד׳ס פעסטונג, איז געוועזן
צו־קליין, כדי צו קאָנען אַריינגעהמען אהין אַלע מיטאיינוואָהנער פון
דער שטאָדט אין פאַל פון מלחמה, ווייל די צאָהל איינוואָהנער פון
ירושלים איז שוין דאַמאָלס אויך געוועזן גרויס, און, ווי מען האָט גע־
קאָנט פאָראויסזעהן, וועט די צאָהל באַלד פיעל גרעסער ווערען. דע־
ריבער האָט מען איינגעשלאָסען אין דער שטאָדט אויך דעם נידריגען
באַרג מלוא, וועלכען מען האָט, אין בעציהונג צו דוד׳ס פעסטונג, אַ נאָ־
מען געגעבען „דער צווייטער שטאָדט־טייל“. דער באַרג מוריה מיט זיין
צווייג עופל זענען פאָרלויפיג געבליבען אויסגעשלאָסען פון דער שטאָדט;
זיי האָבען בכלל נישט געהערט צו ירושלים, נאָר זיי זענען געוועזן בע־
וואָהנט, ווי שוין דערמאָהנט, דורך די יבוסים.

דוד האָט געלאָזט אויסבויען פאַר זיך אַ פּאַלאַץ פון צעדער־האָלץ,
וועלכעס מען האָט געבראַכט פון לבנון. ער האָט אויך געטראַכט וועגען
דעם, אַז ירושלים דאַרף ווערען אַ מיטעל־פּונקט פונ׳ם אידישען רעליגיעזען
לעבען, כדי די אויגען פונ׳ם גאַנצען פאָלק זאָלען שטענדיג זיין געווענדעט
צו דער דאָזיגער שטאָדט, וועלכע האָט געדאַרפט ווערען דער סימבאָל
פון דער אידישער אחדות. ער האָט דעריבער געמאַכט הכנות צו ברענגען
קיין ירושלים דעם הייליגען אָרון מיט די לוחות־הברית, וועלכער איז
נאָך אַלץ געשטאַנען אין קרית־יערים (וואַלד־שטאָדט), וואו מען האָט
איהם אַריינגעבראַכט, נאָכדעם ווי די פּלשתים האָבען איהם אָבגעשיקט
צוריק פון דער געפאַנגענשאַפט ביי זיי. כדי צו קאָנען האַלטען אין דער
געהעריגער פּראַכט און פייערליכקייט דעם אָרון, האָט דוד געלאָזען אויס־
בויען אַ שיין געצעלט אין דוד׳ס פעסטונג. ווי ס׳איז צו זעהן פון אַ
תהלים־געזאַנג, וואָס שטאַמט פון דוד׳ן, האָט דוד זיך געגעבען אַ נדר,
נישט אַריינצוציהען זיך פריהער אין זיין הויז און נישט לעגען זיך פרי־
הער אויף זיין בעט שלאָפען, ביז ער וועט נישט האָבען אַ בעשטימטען

ארט פאר'ן ארון מיט די היילינע לוחות. אין דער בעגלייטונג פון א גרויסען המון פון פאלק און פון די לוים, איז דער קעניג געגאנגען קיין קרית־יערים, וועלכע געפינט זיך דריי שעה גאנג פון צפון־מערב־זייט פון ירושלים. דעם ארון האט מען ארויפגעשטעלט אויף א נייעם וואגען, גע־שפאנט מיט אקסען, וועלכע עס האבען געפיהרט צוויי לוים. אויפ'ן וועג איז אבער פארגעקומען אנ'אונגליקס־פאל מיט איינעם פון די פיהרער; דוד האט דעריבער מורא געהאט צו ברענגען דעם ארון גלייך קיין ירושלים, ווייל עס האבען געקאנט קומען אויף די דארטיגע איינוואהנער אויך אזעלכע אונגליקען, ווי פריהער איבער די פלשתים. דעם ארון האט מען דעריבער אריינגעפיהרט אין הויז פון עובד־אדום פון גת. דריי מאנאטען־לאנג איז דער ארון דארט פערבליבען, און פאר דער דאזיגער קורצער צייט איז דאס הויז געבענשט געווארען מיט אלעם גוטען. דאן איז דוד צו'ם צווייטען מאל ארויסגעגאנגען אריינצוברענגען דעם ארון קיין ירושלים. איצט האט מען איהם שוין מעהר נישט געפיהרט אויף א וואגען, נאר די לוים האבען איהם געטראגען אויף די אקסלען. אין דער בעגלייטונג פון פיעל פאלק, אונטער פרייד־שטימען, שופר־בלאזען, גע־זאנג און טענץ האט מען דעם ארון ענדליך אריינגעבראכט אין דאס גע־צעלט, וואס מען האט פאר איהם אויסגעבויט; דוד אליין האט זיך גע־מאכט פערגעסען, אז ער איז קעניג, און האט געזונגען און געטאנצט מיט גרויס התלהבות פאר'ן ארון. זיין פרוי מיכל האט איהם וועגען דעם געמאכט דערנאך שפאטישע בעמערקונגען, אז ער האט זיך עפענטליך בעוויזען, ווי א גאסען־יונג; דוד האט איהר אבער דערויף געענטפערט, אז ער האט זיך דאדורך נישט ערניעדריגט, ווייל ער האט פאר זיין גאט געטאנצט.

דורך דער דאזיגער אנוועזענהייט פון דעם ארון איז די נייע שטאדט ירושלים דערהויבען געווארען צו דער מדרגה פון א היילינער שטאדט, אזוי ווי פריהער איז געוועזען שילה. צו א מזבח ברויכט מען אבער אויך צו האבען א כהן, אדער א גאנצע געמיינדע פון כהנים. עס פערשטעהט זיך, אז די דאזיגע הויכע שטעלע האט געדארפט פערנעהמען אביתר, דוד'ס געטרייער בעגלייטער אויף אלע זיינע וואנדערונגען. אביתר איז טאקי בעשטימט געווארען פאר'ן ערשטען „כהן גדול" אין ציון ביי'ם ארון. עס איז אבער געוועזען נאך א גרויסער כהן אין גבעון, וועלכען שאול האט בעשטימט פאר נוב, נאכדעם ווי ער האט דארט געלאזט אויס־הרג'ענען עלי'ס משפחה. כדי צו פערמיידען קנאה און שנאה, האט דוד אויך איהם אנערקענט פאר כהן גדול, און אזוי ארום זענען אין דער זעלביגער צייט געוועזען צוויי כהנים גדולים — אביתר אין ירושלים און דער אנדערער, צדוק, אין גבעון. עס פערשטעהט זיך, אז דוד, וועלכער איז געוועזען א תלמיד פון די לוים און אליין א דיכטער, א זינגער און א שפיעלער אויף מוזיקאלישע אינסטרומענטען, האט אויך אזוי, ווי

שמואל, געמוזט איינפיהרען תהלים־געזאנגען און חאָר ביי'ם פייערליכען גאָטעס־דיענסט. אמת, דוד האָט אליין נאָך געבראַכט פיעל קרבנות און בכלל זיך בעצויגען צום גאָטעס־דיענסט דורך קרבנות זעהר ערנסט; ער האָט אָבער אויך אַנערקענט די הויכע בעדייטונג פון די תהלים־געזאַנגען, וועלכע דערהויבען דעם רעליגיעזען געמיט. די דאָזיגע געדאַנקען האָט דוד אַרויסגעזאָגט אין פיעל תהלים־ליעדער און ער האָט דאָס אויך דערהויזען דאַדורך, וואָס ער האָט געשטעלט די תהלים־געזאַנגען ביי'ם גאָטעס־דיענסט אויף אַ גאַנץ הויכער מדרגה. פון דוד'ס צייטען אָן זענען די תהלים־ליעדער געבליבען אויף אייביג דער הויפּט־פונדאַמענט פון יעדען גאָטעס־דיענסט.

אָבער נישט נאָר אַלס אַ בענייער פון רעליגיעזען לעבען ביי אידען האָט זיך דוד אויסגעצייכענט, ער האָט אויך די יונגע מלוכה דערפרישט און האָט געשטעלט איהר פונדאַמענט אויף גערעכטיגקייט. דוד פלעגט אליין זיצען אין געריכט און אויסהערען געדולדיג די צדדים, די מחלוקת'ן, וואָס פלעגען פאָרקומען צווישען פּריוואַטע פּערזאָנען, אָדער צווישען פערשיעדענע גרופּען פון די שבטים, און ער פלעגט משפט'ן אונפּאַר־טייאיש, לויט דער גערעכטיגקייט. דוד'ס טראָהן איז געווען נישט בלויז דער הויכער אָרט, פון וואַנען די קעניגליכע מאַכט פלעגט פיהרען איהר הערשאַפט איבער לאַנד און פאָלק; דאָס איז אויך געווען דער אָרט, וואו עס האָט געקעניגט גערעכטיגקייט, יושר און אמת. דוד האָט פאַר אַלע שפּעטערדיגע צייטען געגאָלטען אַלס אַ ביישפּיעל פון אַ גערעכטען, אידעאַלען קעניג, וואָס זיין טהראָן איז געווען אַ שטיצע פאַר'ן רעכט און דעם אמת און זיין קעניגליך שטעקען — פאַר אַ מאָס פון אַ גוטען אינערליכען שלום צווישען די בירגער. פאַר דער בעפרייאונג פון דעם יאָך פון די פלשתים, פאַר דער בעפעסטיגונג פונ'ם שלום אין לאַנד און גערעכטיגקייט אויפ'ן ריכטער־שטוהל, איז דוד געוואָרען ווידער דער געליעבטער פון פאָלק, ווי ער איז געווען אין זיין פריהערער יוגענד. די געטריישאַפט פונ'ם פאָלק האָט זיך איהם אליין אין די הענד געגעבען, ער האָט זי גאָרנישט געדאַרפט זוכען, אָדער נעהמען מיט געוואַלד. די אינערליכע אָרדנונג אין לאַנד איז דורך דוד'ן טיילוויז געענדערט געוואָרען. די קאָנסטיטוציע פון די שבטים איז אפילו געבליבען דיזעלביגע ווי פריהער, אָבער די פרייהייט פון די שבטים, אָדער בעסער, זייער ווילקיר אין בעציהונג אויף אַרמעע־ענינים, זענען בעגרענצט געוואָרען. יעדער שבט האָט געמוזט, אין פאַל פון מלחמה, שיקען אין דער אַרמעע אַלע מענשען פון צוואַנציג יאָהר און ווייטער, וואָס זענען פעהיג געווען צו טראָגען געוועהר. ווען די מחנות האָבען זיך פערזאַמעלט, זענען זיי געשטאַנען אונטער'ן בעפעהל פונ'ם פעלדהערר יואָב. דוד האָט אויך געהאַט אַ מחנה סאָלדאַטען, וועלכע ער האָט געדונגען צווישען די געצענדיענערישע פעלקער, די כרתי, פון דער פלשתישער געגענד כרתי, און

פלתי, פון אַן׳אונבעוואוסטען אָרט. זייער אָנפיהרער איז געווען איינער פון דוד׳ס גרויסע גבורים, בניהו בן יהוידע.

דוד האָט אויך געהאַט דאָס גליק צו האָבען נעבען זיך אַ גוטען ראַטגעבער (יועץ), וועלכער האָט פערשטאַנען צו געבען גוטע עצות אין די פערוויקעלטסטע אַנגעלעגענהייטען, דאָס איז געווען אחיתופל פון דער שטאָדט גילה; זיינע עצות זענען אַזוי קלוג געווען, אַז מען פלעגט צו זיי האָבען צוטרוי, ווי צו גאָטעס וואָרט, וואָס ער לאָזט הערען דורך זיין כהן-גדול. אָט דער דאָזיגער קלוגער, שוין צו-קלוגער בעל יועץ, האָט שפּעטער געדאַרפט האָבען אַ טרויעריגע בעדייטונג פאַר דוד׳ס מלוכה-לעבען.

איינמאָל איז דוד׳ס ריכטערליכער יושר געשטעלט געוואָרען אויף אַ האַרטער פּראָבע. אין לאַנד איז אויסגעבראָכען אַ שטאַרקער הונגער, וואָס האָט געדויערט דריי יאָהר כסדר. דאָס פאָלק איז געקומען צום קענוויג נאָך הילף. אַזאַ גרויס אומגליק אין לאַנד האָט מען בעטראַכט, לויט די דאַמאָלדיגע בעגריפען, ווי אַ שטראָף פון גאָט פאַר נישט-ענט-דעקטע פערברעכען. דוד האָט אָנגעהויבען פאָרשען דורכ׳ן כהן אֶביתר, וואָס פאַר אַ פערברעכען עס איז געטהון געוואָרען; אֶביתר האָט געענט-פערט: „פאַר שאול׳ס בלוטיגע פערפאָלגונג געגען די גבעונים". דוד האָט באַלד געלאָזט רופען די גבעונים, וואָס זענען נאָך לעבען געבליבען, קיין ירושלים און האָט ביי זיי געפרעגט: „וואָס זאָל איך טהון פון אייערט-וועגען, כדי אָבצווישען דעם פערברעכען, וואָס איז געגען אייך בעגאַנגען געוואָרען?" די גבעונים האָבען נישט געוואָלט נעהמען קיין געלד און קיין אַנדער אויסקויפונג, אויסער שאול׳ס קינדער. זייער פאָדערונג איז געווען אַ גערעכטע, ווייל שאול האָט געבראָכען די שבועה, וועלכע אידען האָבען געגעבען די גבעונים ביי׳ם אַריינציהען אין ארץ ישראל. ווען דוד וואָלט זיי נישט געוואָלט אַרויסגעבען שאול׳ס קינדער, וואָלט דאָס גאַנצע אידישע פאָלק צו איהם איצט געהאַט אַ טענה, אַז ער האָט דאַדורך נישט געוואָלט אָבווענדען דאָס אומגליק פונ׳ם גאַנצען לאַנד. פון דער אַנדער זייט ווידער האָט ער מורא געהאַט, אַז מען זאָל איהם נישט חושד זיין, דאָס ער האָט, צוליעב נקמה געגען שאול׳ן, אָדער צוליעב אַנדערע אייגעננוציגע ציעלען, געלאָזט פערניכטען שאול׳ס קינדער. דוד האָט זיך ענדליך בעשלאָסען צו ערפילען די פאָדערונג פון די גבעונים מיט אַ שווערען געמיט. צוויי זיהן שאול׳ס פון זיין קעבס-ווייב רצפה און פינף אייניקלעך זיינע פון זיין טאָכטער מירב האָט דוד אַרויסגע-געבען די גבעונים, וועלכע האָבען זיי גרויזאַם אויפגעהאַנגען אין גבע בנימין, אין דער שטאָדט, וואו זייער פאָטער שאול האָט די קעניגליכע קרוין געטראָגען. איבערגעלאָזען האָט דוד נאָר יהונתנ׳ס זוהן, מפיבושת, אויף וועלכען ער האָט רחמנות געהאַט. מפיבושת האָט געלעבט אין הויז פון אַנ׳אָנגעזעהענעם מאַן אויף יענער זייט ירדן. דוד האָט איהם

געלאָזט ברענגען צו זיך אין זיין פּאַלאַץ, געזעצט ביי זיך ביי'ם טיש און בעהאַנדעלט איהם, ווי אַן אייגענעם זוהן. די לייט פון שבט בנימין האָבען אָבער בעשולדיגט דוד'ן, אַז ער האָט בכיון פערטיליגט שאול'ס הויז און האָט איבערגעלאָזען ביי'ם לעבען נאָר יענעם, וועלכער איז נישט געוועזען פעהיג צו קעניגען, דעם לאַהמען זוהן פון יהונתן. שפּעטער, ווען דאָס גליק האָט זיך אָבגעווענדעט פון דוד'ן, האָבען די לייט פון שבט בנימין געוואָרפען אויף דוד'ן שטיינער.

נאָכדעם ווי דוד האָט שוין געקעניגט אַ יאָהר צוואַנציג, האָבען זיך ווידער אָנגעהויבען מלחמות, וועלכע האָבען איהם אָבגעצויגען אויף אַ געוויסער צייט פון זיין אינערליכער פריעדליכער טעטיגקייט, צו בעפעסטיגען אָרדנונג און גערעכטיגקייט אין'ם לאַנד. די דאָזיגע מלחמות מיט די ווייטעסטע פעלקער, אין וועלכע ער איז אַריינגעצויגען געוואָרען געגען זיין ווילען, האָבען אונערוואַרטעט פערגרעסערט זיין מאַכט און דערהויבען דאָס פאָלק אויף אַן איבעראַשענדען אופן. ערשטענס, האָט דוד געפיהרט אַן ערביטערטע מלחמה געגען מואָב, אויף יענער זייט ים־המלח, מיט וועלכען ער האָט פריהער געלעבט בשלום, בשעת שאול האָט איהם גערודפ'ט; דעמאָלט האָט מען דוד'ן אויפגענומען אין מואָב פאַר אַן אָנגעלעגענעם גאַסט, ס'איז אָבער קיין ספק נישט, אַז די איצטיגע מלחמה האָט דוד געמוזט פיהרען, כדי צו בעצאָהלען די איינוואָהנער פון מואָב פאַר אַן אָנפאַל, וואָס זיי האָבען, ווי עס שיינט, געמאַכט אויף די אידישע גרעניצען, ווייל נאָכדעם, ווי דוד האָט איבער מואָב אָבגעהאַלטען אַ נצחון, האָט ער זייערע געפאַנגענע בעהאַנדעלט מיט אַזאַ גרויזאַמקייט, ווי ער האָט דאָס נישט געטהון מיט קיינעם פון די אַנדערע פעלקער, וועלכע ער האָט איינגענומען, און דאָס פאָלק מואָב האָט געמוזט יעהרליך שיקען אָבצאָהלונגען קיין ירושלים.

פיעל שווערער און פערוויקעלטער איז געוועזען די מלחמה מיט עמון, וועלכע דוד האָט אונטערגענומען, צוליעב דער חרפה, וואָס די עמונים האָבען אָנגעטהון דוד'ס שלוחים. די עמונים האָבען גערופען צו הילף אין דער מלחמה געגען דוד'ן די אַראַמעער, וועלכע האָבען אין צפון־זייט פון בארג לבנון און דמשק ביז צום טייך פרת (עפראַט) איינגענומען זעהר אַ גרויס לאַנד; דוד האָט דעריבער געהאַט צו פיהרען מלחמה אין דערזעלביגער צייט פון צוויי פראָנטען. דוד'ס מחנות האָבען אָבער אָבגעהאַלטען גרויסע נצחונות אויףביידע פראָנטען, און דוד האָט אַריינגעזעצט זיינע בעאַמטע אין די איינגענומענע לענדער, כדי זיי זאָלען דאָרט איינמאָהנען די אַרויפגעלעגטע אָבצאָהלונגען. אויך די אַלטע שטאָדט דמשק איז איהם געוואָרען אונטערטעניג. די דאָזיגע גרויסע מלחמות, וועלכע דוד האָט אַזוי גליקליך געפיהרט געגען שטאַרקע מלוכות, האָבען גרויס געמאַכט זיין נאָמען אין אַלע ווייטע לענדער. און זיין אַרמעע איז געוואָרען בערימט און

געפירכטעט איבעראל. אויסלענדער, ווי אויך די ארטיגע איינוואהנער פון די פעלקער, זענען אליין געקומען צו איהם און דיענסט אין זיין ארמעע. ווען דוד איז אנערקענט געווארען פאר א קעניג איבער אלע שבטים, זענען די גרענוצען פון אידישען לאנד געווען פון דן ביז באר שבע; איצט האט דוד געהערשט איבער דעם גאנץ גרויסען לאנד פון טייך מצרים און עזה ביז דעם טייך עפראט. די אונטערגעווארפענע פעלקער האבען איהם געמוזט יעדעס יאהר ברענגען אבצאהלונגען און מעגליך, אויך קנעכט צו פערשיעדענער שווערער ארבייט און צו בויען גרויסע געביידעס.

די גרויסע מלחמות און נצחונות האבען מעהר. ווי די שווערע צייטען, וואס דוד האט איבערגעלעבט, ארויסגעוויזען די גאנצע גרויסקייט פון זיין שענער נשמה. פעסט און שטארק אין אונטערנעהמונגען, דארט, וואו ס'איז נויטיג געווען צו זארגען און בעשיצען דעם כבוד פון זיין פאלק און זיין פאליטישע אונאבהענגיגקייט, איז דוד געבליבען נאך די נצחונות דער איינפאכער, שטילער עניו, אהן קיין שום שפורען פון גאוה. דוד האט זיך נישט געלאזט שטעלען קיין מאנומענט צו'ם אנדענקען פון זיינע נצחונות, אזוי ווי שאול.

די גרויסע גלענצענדע נצחונות פון קעניג דוד האבען געהאט זעהר וויכטיגע קולטורעלע פאלגען: אינ'ם בעוואוסטזיין פון אידישען פאלק האבען זיך בוסלעכוויז איינגעווארצעלט צוויי גרויסע און ערהאבענע איבערצייגונגען, וועלכע זענען ענג צוזאמענגעבונדען צווישען זיך, און זענען מיט דער צייט געווארען א טייל פון אידישען כאראקטער, וואס האט געהאט א גרויסע ווירקונג אויף דער צוקונפט פון אידישען פאלק. די ערשטע איבערצייגונג בעשטעהט דערין, אז אויב גאט העלפט נישט עמיצען, וועט יענער זיך אליין נישט קאנען העלפען:

„דער קעניג קאן נישט דורך
„זיין גרויס' ארמעע געהאלפען ווערען,
„און נישט דער העלד דורך זיינער גרויסער קראפט,
„עס העלפט דאס פערד דעם גבור נישט אין קריעג".

גאט אליין נאר פיהרט דעם קריעג ביז'ן סוף, צו'ם נצחון אדער צו א מפלה, און פאר גאט איז לייכט צו העלפען מיט א קליינער אדער א גרויסער ארמעע.

די אנדערע איבערצייגונג איז בעשטאנען דערין, אז ווען די אידישע ארמעע איז געגאנגען אין מלחמה פאר א גערעכטע זאך—כדי צו קעמפפען פאר'ן כבוד פון גאט'ס נאמען און צו ראטעווען זיין פאלק פון די פיינד, איז גאט שטענדיג געגאנגען פאר דער אידישער ארמעע און געפיהרט זי צו'ם נצחון. דער גאט פון ישראל איז צוליעב דעם געווי-

בעצייכענט דורך א בעזונדערען נאמען, וועלכער דריקט אוים דעם דא־זיגען געדאנק אין איין ווארט: „צבאות" — דער גאט פון הער־שאפטען פון ישראל, וועלכער פיהרט אידען צו'ם נצחון. פאר יעדער מלחמה פלעגען דעריבער די אידישע מחנות תפלה טהון צו'ם גאט פון זייערע אבות, צו'ם גאט „צבאות", און זענען פעסט זיכער גע־ווען, אז ער וועט זיי פיהרען צו'ם נצחון. דער דאזיגער פעסטער בטחון האט טאקי שטענדיג בעוויזען גרויסע וואונדער און געפיהרט אידען צו נצחונות.

די פרייד איבער די גרויסע נצחונות האט אבער דערוויל גע־דויערט א קורצע צייט. דוד'ס איין איינציגער פאלשער שריט האט ביי איהם נישט בלויז צוגענומען זיין פרייד און רוה, נאר ער האט אונ־טערגעריהרט דעם פונדאמענט פון זיין מלוכה, וואס דוד האט אזוי פיעל גע־ארבייט צו בעפעסטיגען איהם.

אט וואס ס'איז פארגעקומען. דוד האט זיך צוריקגעקעהרט אהיים פון זיין נצחון איבער די אראמעער און האט זיך אויסגערוהט נאכ'ן קריעג. יואב מיט זיינע גבורים און די ארמעע איז נאך דערוויל געבלי־בען אין לאנד פון די עמונים, וואו זיי האבען בעלאגערט א שטאדט. איינמאל איז דוד געזעסען אין אוונד־צייט אויפ'ן דאך פון זיין הויכען פאלאץ און אויסגערוהט זיך. פלוצלינג האט ער דערזעהן פון דערווייטען א זעלטען־שענע פרוי. דאס איז געווען דאס ווייב פון איינעם פון זיינע געטריישטע העלדען, אוריה, די שענע בת־שבע. די הייזער פון דוד'ס העלדען זענען געשטאנען נעבען דעם קעניג'ס פאלאץ, האט דעם קע־ניג'ס בליק, נישט ווילענדיג, דערזעהן די שענע פרוי. דער קעניג האט פלוצלינג דערשפירט א שטארקע ליידענשאפט און געשיקט נאך בת־שבע'ן, מען זאל זי איינלאדען צו איהם. די פרוי האט גערעכענט, אז דעם קעניג'ס ווילען מוז מען אין אליץ געהארכען, און איז צו איהם גע־קומען. אין א געוויסער צייט ארום האט דער קעניג זיך דערוואוסט, אז בת־שבע איז פון איהם שוואנגער געווארען. כדי צו ראטעווען זיין כבוד, איז דער קעניג בעגאנגען נאך א פערברעכען. ער האט געלאזט רופען איהר מאן אוריה צו זיך פון מלחמה־פעלד קיין ירושלים, וואו ער האט איהם פריינדליך אויפגענומען, און האט איהם פרייגעלאזען אהיים, כדי צו לעבען מיט זיין פרוי. אוריה האט אבער נישט אויסגענוצט די דאזיגע פרייהייט און איז אהיים נישט געגאנגען, נאר ער איז פערבלי־בען אין קעניגליכען הויף. דוד האט איינגעזעהן, אז זיין פערברעכען וועט ענדליך מוזען ענטדעקט ווערען, און האט געמוזט זוכען אנ'אנדער מי־טעל, ווי אזוי צו מאכען א סוף מיט זיין אומאנגענעהמער לאגע. זיין כבוד צו ראטעווען איז איהם שוין שווער געווען, האט ער אלזא בע־שלאסען אינגאנצען צו בעפרייען זיך פון אוריה'ן. דוד האט אבגעשיקט אוריה'ן צוריק אין לאגער צו יואב'ן, דערביי האט ער איהם אנגעוואונ־

קען, דאס ער פערלאנגט, אז מען זאל אוריה'ן שטעלען אין די פאדערשטע רייהען פון די מחנות, און געפעהרליכסטען ארט אונטער די פיילען פון די עמונים, כדי דער טויט זאל איהם דארט טרעפען. יואב האט ערפילט דוד'ס פערלאנג: אוריה איז געפאלען טויט, דערשאסען דורך אן עמונ'ישע פייל. בת־שבע האט געטרויערט נאך איהר מאן, ווי דער מנהג איז, און ווען די טרויער־צייט איז אריבער, האט דוד זי גענומען פאר א ווייב אין זיין פאלאץ און זי האט איהם געבוירען א זוהן, וועלכער איז באלד נאכדעם געשטארבען.

אין יעדער אנדער מלוכה פלעגען אזעלכע געשעהענישען טרעפען גאנץ אפט; א פאר טעג פלעגט מען וועגען דעם רעדען אין דער שטיל אין קעניגליכען הויף, נישט אלע פלעגען אויך האלטען די זאך פאר אן'אונגערעכטיגקייט מצד דעם קעניג, און באלד פלעגט מען וועגען דעם פערגעסען. אין פאלק פלעגט מען וועגען דעם גארנישט וויסען, אדער מען פלעגט עס האלטען בלויז פאר א פוסטען קלאנג. ווארום וואס איז דען פארגעקומען? אוריה איז אין מלחמה געפאלען. ווער האט עס געוואוסט, ווער עס האט דערצו געבראכט? איין יואב. דער קעניג האט גענומען בת־שבע'ן פאר א פרוי — וואס־זשע איז דא פאר א וואונדער? זי איז דאך געווען א שענע אלמנה! בת־שבע האט געבוירען דוד'ן א זוהן עפעס א ביסעל צו־פריה, — ווער האט דען געקאנט אדער געוואלט צעהלען די מאנאטען פון איהר שוואנגערשאפט? דאס קינד האט אויך געקאנט זיין פון אוריה'ן. אין דער אידישער מלוכה איז אבער געווען אן'אויג, וועלכעס האט דורכגעקוקט די גאנצע געקינסטעלטע מעשה, און א פעסטער געוויסען איז געווען, וועלכער האט זיך נישט געשראקען אלעמען צו זאגען דעם ריינעם אמת, און זאל עס אפילו זיין אויך דעם קעניג אליין! דאס דאזיגע אויג, וואס זעהט אלץ, איז געווען די נבואה, וואס האט שטענדיג פערטיידיגט דעם יושר און אמת. די שענע אויפגאבע פון די נביאים איז געווען, נישט צו פערשוויגען און פערגלעטען א פערברעכען און לאזען עס דאדורך ווערען א געוועהנליכע טעגליכע ערשיינונג, נאר, פערקעהרט, ארויסצושטעלען דאס פערברעכען אין זיין גאנצער נאקעטקייט און פערשטעמפלען עס, אלס אזעלכעס. דוד האט געקאנט גלויבען, אז נאר בת־שבע האט געוואוסט, אז ער האט געלעבט מיט אן'אשת־איש, און נאר יואב האט געוואוסט, דאס ער איז שולדיג געווען אין אוריה'ס טויט. פונ'ם דאזיגען טעות איז ער פלוצלינג ארויסגעריסען געווארען, צו זיין גרויסען שרעק.

איינמאל איז געקומען דער נביא נתן צו דוד'ן און געבעטען, אז ער זאל איהם ערלויבען אנצוגעבען איהם אן'אנקלאגע אויף עמיצען. דערביי האט איהם נתן רוהיג דערצעהלט א מעשה'לע וועגען אן'אייגענטימער פון טשערעדעס שאף, וועלכער האט צוגענומען דאס לעצטע שעפסעלע ביי'ם ארימאן. אויסהערענדיג די דאזיגע מעשה'לע, איז דוד

מיט זיין גרויסען געפיהל פון גערעכטיגקייט ארײן אין שטארקען צארן און אויסגערופען מיט כעס: „דער הארטהערציגער עושר האט פער־דיענט דעם טויט און פאר דאס גערויבטע שעפסעלע מוז ער פיער מאל אזוי פיעל בעצאהלען“. דער נביא האט דעם קעניג דערויף געענטפערט: „דו ביזט עס אליין“.

אנ'אנדער קעניג אין יענער צייט וואלט דעם נביא שטרענג בע־שטראפט פאר אזא מין מוסר־זאגען, ווארום די פארצייטיגע פעלקער פלעגען פערעהרען דעם קעניג, ווי א גאט. דוד אבער האט רוהיג אויס־געהערט דעם נביא'ס רייד און אראבגעלאזען דעם קאפ, געבראכען פון טיעפער חרטה: „יא, איך האב געזינדיגט געגען גאט“ — האט דוד טרויעריג־שטיל געזאגט.

אבער דוד'ס חרטה האט נישט מעהר געהאלפען. די זינד, וואס ער איז בעגאנגען, האט זיך אונטערגעגראבען אונטער זיין רוהיגקייט און אונטער דער רוהיגקייט פונ'ם לאנד. אוריה'ס ווייב, בת־שבע, איז געוועזען די טאכטער פון איינעם פון דוד'ס גבורים, אליעם, און אנ'אייניקעל פון זיין ראט־געבער אחיתופל. דער אלטער זיידע האט געהאלטען די פער־פיהרונג פון זיין אייניקעל פאר א שרעקליכע חרפה פאר זיין משפחה, און ער האט עס דוד'ן קיינמאל נישט מוחל געוועזען. אחיתופל האט גע־שוויגען, אבער נאר ביז א צייט. טיעף אין הארצען האט ער געטראגען בעהאלטען די שנאה צו דוד'ן, און ער האט נאר געווארט אויף א גע־לעגענהייט, צו נעהמען נקמה. דוד האט אפילו געטהון אלץ, איהם צו בע־רוהיגען: ער האט דערהויבען בת־שבע'ן פאר א קעניגין און איהר צו־געזאגט אויך בשתיקה, אז איהר זוהן, שלמה, וועלכען זי האט איהם געבארען, זאל נאך איהם קעניג זיין; די דאזיגע הבטחה האט ער אויך בעקרעפטיגט מיט א שבועה. אבער אחיתופל האט זיך דאדורך נישט געלאזט איבערבעטען, און זיין שנאה צו דוד'ן איז נישט אויסגעלאשען און נישט שוואכער געווארען ביי איהם אין הארצען. די וואלקענס אי־בער דוד'ס הימעל זענען דערווייל געווארען געדיכטער: אין זיין הויז האט זיך געטראפען א העסליכע געשעהעניש, וועלכע האט איהם בערויבט די רוה אין זיינע לעצטע יאהרען. מעגליך, אז דוד אליין איז דערין א ביסעל שולדיג געוועזען.

דוד'ס עלטסטער זוהן, אמנון, וועלכער האט געווים געדארפט זיין קעניג נאך דוד'ן, און געמיינט דעריבער, אז ער קאן זיך אלץ ערלויבען, האט ליידענשאפטליך געליעבט זיין שטיעף־שוועסטער, די טאכטער פון מעכה, דוד'ס פרוי און אבשלום'ס מוטער, די שענע תמר. פאר אמנון'ען וואלט געוועזען גאנץ לייכט צו בעטען זי ביי דוד'ן פאר א ווייב און הייראטען מיט איהר „כדת משה וישראל“. ער האט אבער דאס נישט געוואלט. לויט דער עצה פון א שלעכטען פריינד, האט אמנון פער־

שטעלט זיך פאר קראנק, פערנארט תמר'ן צו זיך אין צימער און האט זי דארט געשענדעט. צו זיין אונפערשעמטקייט האט ער נאך צוגעלעגט א שרעקליכע בעליידיגונג, דען ער האט זי געלאזט מיט שפאט ארויסווארפען פון זיין צימער, זאגענדיג, אז זי האט איהם געוואלט פערפיהרען. תמר האט אויף זיך, פאר גרויס וועהטאג און בושה, די קליידער צוריסען און, ברעכענדיג די הענד, איז זי געגאנגען, וויינענדיג, צוריק אין איהר צימער. אינ'ם דאזיגען אויפגערעגטען צושטאנד האט זי געטראפען איהר ברודער אבשלום. אין זיין קאפ איז באלד געבוירען געווארען א שרעקליכער פלאן. ער האט זיין שוועסטער בערוהיגט און בעפוילען איהר צו שווייגען, צוזאגענדיג איהר צו נעהמען א פאלקאמע נקמה. דוד האט זיך דערוואוסט פונ'ם שענדליכען פערברעכען, און די זאך האט איהם שטארק וועה געטהון. אבער ער איז געוועזען צו-מילד געגען זיינע קינדער און האט זיי מוחל געוועזען זייער פערברעכען. אבשלום האט פערשטאנען, ווי אזוי צו פערדעקען און בעהאלטען טיעף אין הארצען זיין שנאה צום ברודער, וועלכער האט זיין שוועסטער געשענדעט, ווי אויך דעם פלאן, וועלכער איז ביי איהם געבוירען געווארען. ער האט מיט'ן ברודער קיין פריינדליך, אבער אויך קיין פיינדליך ווארט נישט גערעדט, כדי צו פערשטעלען זיין מעגליכען חשד, ווי אויך צו בערוהיגען דעם פאטער, אז זיי זאלען גלויבען, דאס ער האט פערגעסען אן אמנון'ס פערברעכען. אבשלום איז געוועזען אויך אזוי קלוג און חיטרע, ווי אחיתופל. מעגליך, אז דער לעצטער האט זיך מיט איהם אבגערעדט וועגען דעם גאנצען פלאן, וואס אבשלום האט געוואלט דורכפיהרען, און ער האט עם איהם געלערנט, וואס אבשלום דארף טהון.

אין א געוויסען טאג האט אבשלום איינגעלאדען אלע קעניגליכע זיהן אין זיינע גיטער, נישט ווייט פון ירושלים, צו שערען די שעפסען. ביי א מאהלצייט, וואס אבשלום האט איינגעארדענט פאר די געסט, זענען זיינע קנעכט, לויט זיין בעפעהל, אנגעפאלען אויף זיין ברודער אמנון! און האבען איהם דערהרג'עט. מיט'ן דאזיגען מארד האט אבשלום געהאט א צווייאיגען צוועק: ערשטענס, די נקמה פאר דער געשענדעטער שוועסטער, און, צווייטענס, נאכ'ן מארד פון קרוינפרינץ האט אבשלום געהאפט אליין צו ווערען קרוינפרינץ. די ידיעה וועגען דעם מארד האט געטראפען דוד'ן, ווי א דונער-שלאג. זיין זוהן — א ברודער-מערדער! אינ'ם ערשטען מאמענט האט ער געוואלט אויפזוכען אבשלום'ן און משפט'ן איהם, ווי א ברודער-מערדער. אבשלום איז אבער דערווייל ענטלאפען צו זיין מוטער'ס פאטער, תלמי, דעם קעניג פון גשור, און אין דוד'ס הויף האבען זיך אנגעהויבען אינטריגעס, וועלכע האבען בכלל דארט נישט געפעהלט נאך דער מעשה מיט בת-שבע'ן. מען האט דוד'ן אבגעהאלטען פון שיקען אויפזוכען אבשלום'ן, כדי צו שטעלען איהם פאר א געריכט, דען יואב איז געוועזען געגען דעם, אז שלמה, בת-שבע'ס

זוהן, זאל זיין מלך נאך דוד'ס טויט; אין זיינע אויגען איז אבשלום שוין איצט געווען קרוינפרינץ, און אט דעריבער האט יואב אבגעהאלטען דעם קעניג פון צו משפט'ן באלד זיין זוהן אבשלום. אויך אחיתופל, דוד'ס שטענדיגער ראטגעבער, האט געוואלט בעסער, אז אבשלום זאל נישט בעשטראפט ווערען, ווייל ער האט איהם גערעכענט אויסצונוצען פאר אנ'אינסטרומענט אין זיין נקמה געגען דוד'ן.

ווען דוד האט בעשלאסען אויפצוזוכען זיין בלוט־בעפלעקטען זוהן, אדער צו פאדערען ביי'ם קעניג פון גשור, דאס ער זאל איהם ארויסגעבען אבשלום'ן, האט יואב, אנגעווענדט א קלוגען איינפאל, ווי אזוי אבצוהאלטען דוד'ן פון זיין בעשלוס. ער האט געבראכט צו זיך פון תקוע א קלוגע און בערעדעווודיגע פרוי און האט מיט איהר אבגערעדט א פלאן, ווי אזוי פארצושטעלען די זאך פאר דוד'ן, אז ער זאל אליין איינזעהען, ווי גרויזאם עס איז, ווען א פאטער וויל אומברענגען זיין זוהן, דערפאר וואס ער, דער זוהן, האט בעגאנגען א ברודער־מארד, וועהרענד ער האט אין גרונד געהאט א געוויסען רעכט דערויף.

די קלוגע פרוי פון תקוע האט אנגעטהון טרויער־קליידער און איז געקומען צום קעניג, ווי איינע, וואס געהט בעטען גערעכטיגקייט געגען א פיינד, און האט אויסגערופען מיט א יאמערליך קול: „העלף, אה, העלף מיר, קעניג!“ און ווען דוד האט ביי איהר געפרעגט וואס זי פערלאנגט, האט זי איהם דערצעהלט אנ'אויסגעטראכטע מעשה'לע און אזא טאן, אז דער קעניג האט באלד זיך אנגעשטויסען, דאס זי רעדט וועגען זיין בעציהונג צו אבשלום'ן. אויף דער פראגע פון דעם מלך האט די תקוע'רין זיך מודה געווען, אז יואב האט זי צו איהם געשיקט און איהר געהייסען דערצעהלען איהם איהר מעשה'לע. דוד האט באלד געלאזט רופען יואב'ן און איהם בעפוילען, צו ברענגען אבשלום'ן קיין ירושלים אין זיין אייגענעם פאלאץ, „נאר פאר'ן קעניג זאל ער זיך נישט ווייזען“. די קלוגע רעדע פון דער תקוע'רין האט געווירקט אויפ'ן קעניג, אז ער זאל איינזעהען, דאס ער טאר נישט אנווענדען קיין בלוטיגע נקמה געגען דעם אייגענעם זוהן.

יואב איז באלד אליין געגאנגען צום מלך פון גשור און געבראכט אבשלום'ן קיין ירושלים, וואו ער האט געדארפט וואהנען, כמעט ווי אנ־ארעסטירטער אין זיין אייגענעם הויז. דערמיט האט יואב, געגען זיין אייגענעם ווילען, ארייגעבראכט אין דוד'ס הויז זיין פיינד, וועלכער האט געהארפט געגען איהם מאכען דעם אויפשטאנד. דען אבשלום זיצענדיג איינזאם ביי זיך אין שטוב, האט טאג און נאכט געהאלטען אין איין טראכטען, ווי אזוי ארויסצושטויסען זיין פאטער פון טהראן. אבער אבשלום האט אנגעווענדעט דערביי זיין גאנצע פעהיגקייט צו פערשטעלען זיך, כדי צו קאנען זיכערער אויספיהרען זיין שענדליכען פלאן. דערצו

איז פֿריהער פֿאַר אַלץ נויטיג געווען, אַז ער זאָל, לפּחות, לפּנים שלום מאַכען מיט׳ן פֿאָטער.

ענדליך, נאָך פֿערלויף פֿון צוויי יאָהר, ווי דוד האָט זיין זוהן אַבשלום נישט געזעהען, האָט ער זיך בעשלאָסען, אויף יואב׳ס בקשה און השתדלות, צו לאָזען קומען אַבשלום׳ן צו איהם. ווען אבשלום האָט זיך פֿאָרגעשטעלט דוד׳ן, האָט ער מייסטערהאַפֿט געשפּיעלט די ראָליע פֿון אַ זוהן אַ בעל־תשובה, וועלכער וויל זיך איינגאַנצען אונטערגעבען זיין פֿאָטער. דוד האָט איהם ווידער געגעבען זיין פֿאָטערליכען קוש, און דער פֿאָטער מיט׳ן זוהן האָבען געמאַכט שלום. דאָס איז געווען שוין כמעט זיעבען יאָהר נאָך אַמנון׳ס טויט.

אָט ערשט האָבען זיך אָנגעהויבען די רעכטע אינטריגעס אַרום דוד׳ס טהראָן. ווי עס שיינט, האָט אַבשלום זיך בעראַטען בשתיקה מיט אחיתופל און געטהון אַלץ, לויט זיינע עצות. פֿון איצט אָן האָט אבשלום אָנגעהויבען אַרויסצוטרעטען פֿאַר׳ן פֿאָלק, ווי דער קינפֿטיגער מלך ביי אידען. אַלס קרוינפּרינץ, האָט ער זיך געלאָזט ברענגען פֿון מצרים פֿערד און קאַרעטעס און זיך אַרומגערינגעלט מיט אַ סוויטע פֿון פֿופֿציג מאַן, וועלכע האָבען איהם געדאַרפֿט דיענען און ערפֿילען אַלע זיינע בעפֿעהלען. אויך זיין הויז האָט ער איינגעאָרדענט אויפֿ׳ן קעניגליכען אופן און האָט זיך בכלל געפֿיהרט, לויט ווי עס פּאַסט פֿאַר׳ן מלכות. אַבשלום איז געווען דער שענסטער מאַן פֿון זיין צייט און ער איז דאַמאָלס אַלט געווען אַ יאָהר דרייסיג, אַלזאָ, אין די בעסטע יאָהרען פֿון לעבען. זיין געדיכטעס האָאָר איז ביי איהם פֿונאַנדערגעפֿאַלען אויפֿ׳ן נאַקען און אויף די אַקסלען אין געקרייזעלטע לאָקען און געגעבען איהם די געשטאַלט פֿון אַ יונגען לייב. די מענשען, וועלכע פֿלעגען צו איהם קומען, האָט ער פּשוט בעצויבערט מיט זיין לייטזעליגקייט. דוד אָבער איז געווען, ווי פֿערבלענדעט און האָט גאָרנישט בעמערקט, ווי זיין פֿאַלשער זוהן רויבט ביי איהם די הערצער פֿון פֿאָלק. אבשלום האָט נאָר אָבגעוואָרט אַ גינסטיגע געלעגענהייט, ווען ער וועט קאָנען עפֿענטליך אַרויסטרעטען געגען זיין פֿאָטער און פֿערכאַפּען אין זיין מאַכט די הערשאַפֿט איבער׳ן אידישען פֿאָלק. די דאָזיגע געלעגענהייט האָט זיך איהם באַלד פֿאָרגעשטעלט.

אין די לעצטע צעהן יאָהר פֿון זיין רעגיערונג האָט דוד, ווי עס שיינט, זיך בעשעפֿטיגט מיט אַ פּלאַן, אונטערצונעהמען אַ גאַנץ שווערע מלחמה, צו וועלכער מען האָט געברויכט צו האָבען זעהר אַ גרויסע אַרמעע. צו דעם צוועק האָט דוד שוין אָנגעדונגען פֿיעל סאָלדאַטען פֿון די אַרומיגע פֿעלקער, וועלכע האָבען מיט איהם געמאַכט שלום. זעקס הונדערט קריעגער פֿון גת מיט זייער אָנפֿיהרער אתי זענען אַליין געקומען און פֿאָרגעלעגט איהם צו דיענען ערגעבענסט, דען זיי האָבען בעוואונ־

דערט זיין גרויסע גבורה און געהאלטען פאר א כבוד איהם צו דינען. דוד האט אָבער אויך געוואלט וויסען, וויפיעל קעמפפער ער קאָן האָבען ביי אידען, וועלכע זאָלען זיין אלט פון צוואנציג יאהר און ווייטער, און ער האט דעריבער געלאזט צעהלען די אידישע בעפעלקערונג ביי אלע שבטים, אויפ'ן גרונד פון דער דאזיגער צעהלונג האט ער געדארפט וויסען, אויב ער קאָן אונטערנעהמען מיט אייגענע כחות א גרויסען און א שווערען קריעג, וועלכער זאָל מעגליך דארפען דויערן א גאנץ לאנגע צייט. די צעהלונג פון פאָלק האט דער קעניג אנגעטרויט זיין ממונה אויף דער גאנ־צער ארמעע, יואב'ן, וועלכער האט זי געדארפט דורכפיהרען מיט דער הילף פון די איבריגע הויפט־לייט. די צעהלונג האט דערוויזען, אז פעהיגע קעמפפער, יונגע לייט און עלטערע, זענען פאַרהאַן אין יהודה און ישראל—א מיליאָן מיט דריי הונדערט טויזענד מאַן. מען קאָן אלזא רע־כענען, אז די גאנצע אידישע בעפעלקערונג האט דאמאלס בעטראָפען לערך פיער מיליאָן נפשות.

ווי עס האט זיך באלד ארויסגעוויזען, האט דוד געמאכט א גרויסען פעהלער מיט זיין צעהלען דאס פאָלק, א פעהלער, אויף וועלכען ער האט געהאַרפט האָבען א ביטערע חרטה, דען ער האט דורך איהם שטארק אויפגערעגט די אונצופריעדענהייט פון פאָלק. די צעהלונג איז בכלל געווען זעהר אונבעליעבט ביי'ם פאָלק, ווייל מען האט אין איהר געזעהען א סימן, אז עס האלט ביי א מלחמה, וואס וועט זיך דארפען ציהען זעהר לאנג; דערצו אָבער איז נאך געקומען דער אבערגלויבען פון יענער צייט, לויט וועלכען יעדע פאָלקס־צעהלונג מוז ווערען פערדערבליך פאר'ן פאָלק, דען מען טאָר קיין לעבעדיגע מענשען נישט צעהלען. און ווען באלד נאָכ־דעם האט אויסגעבראָכען א שרעקליכע מגפה אין לאנד און פיעל מענשען זענען אויסגעשטאָרבען, זענען אלע געווען איבערצייגט, אז שולדיג איז דערין די פאָלקס־צעהלונג. פון דער מגפה האט די הויפט־שטאדט, נאטיר־ליך, געליטען מעהר, ווי די פראָווינץ, צוליעב איהר געדיכטער בעפעלקע־רונג, און זעהענדיג די גרויסע צאהל מתים פון דער מגפה, אדער, ווי די דאמאלסדיגע בילדליכע שפראך דריקט זיך אויס, „זעהענדיג דעם מלאך פון פערדערבען" וועלכער מאָרדעט אוים דאס פאָלק, האט דוד צו גאָט געבעטען: „איך האָב געזינדיגט און שלעכטס געטהון, וואס איז אָבער שול־דיג אָט די אָרעמע טשערעדע שאָף? זאָל בעסער דיין האנד טרעפען מיך און מיין פאָטער'ס הויז!" די מגפה האט אויף א וואונדערליכען אופן נישט אנגעריהרט דעם בארג „מוריה", וואו עס האָבען געוואוינט די יבוסים, נאָכדעם ווי זיי האָבען שלום געמאכט מיט דוד'ן, און ער האט זיי דאָרט אנגעוויזען אנ'ארט אויף צו וואהנען. און אָט האט דער נביא גד מודיע געווען דוד'ן, אז ער זאָל אויפ'ן דאזיגען בארג בויען א מזבח און ברענגען דאָרט קרבנות, כדי די מגפה זאָל אויפהערען אין ירושלים. דוד האט באלד זיך געלאָזט געהען אהין מיט אלע זיינע לייט. דער עלטסטער פון

די יבוסים, ארנן, איז איהם ארויסגעקומען אנטקעגען מיט גרויסער אונטערטעניגקייט און האט ערקלערט, אז ער איז גרייט אבצוטרעטען דוד'ן זיין פעלד און שייער, אלס א מתנה; דוד אבער האט קיין מתנה נישט געוואלט נעהמען און האט אבגעקויפט ארנן'ס גוט פאר געלד, כדי צו בויען דארט א מזבח פאר גאט.

ווי די מסורה דערצעהלט, האט די מגפה באלד אויפגעהערט אין ירושלים, ווי נאר מען האט געבראכט דעם ערשטען קרבן אויפ'ן מזבח, וואס דוד האט געלאזט אויף גיך אויפבויען. פון דאמאלס אן האט מען דעם בארג מוריה אנגעהויבען צו האלטען פאר א הייליגען, ווייל די מגפה האט דארט נישט געהאט קיין שליטה, צוליעב דעם וואס דארט האט אברהם אבינו געוואלט ברענגען א קרבן פאר גאט זיין איינציגען זוהן יצחק, ווען גאט האט איהם געוואלט פרובירען, אויב ער איז געטריי ערגעבען זיינע בעפעהלען.

די מגפה האט טאקי אויפגעהערט, אבער די אויפרעגונג פון פאלק געגען דוד'ן איז נישט געווארען קלענער: מען האט איהם בעשולדיגט, אז צוליעב זיין זינד זענען טויזענדער מענשען דורכ'ן „פערדערבענדען מלאך“ פערניכטעט געווארען. אט די אונצופריעדענהייט פון פאלק האט אויסגענוצט אחיתופל, כדי צו נעהמען נקמה פון דוד'ן דורך זיין זוהן אבשלום. ער האט צוזאמענגעשטעלט מיט אבשלום'ן א פלאן, ווי אזוי צו פערדערבען דוד'ן, און ווען אבשלום וואלט גענוי אויסגעפיהרט אחיתופל'ס פלאן, וואלט ער געוויס געלונגען.

די פערשווערונג און דער ערשטער אויפשטאנד געגען דוד'ן האט געדארפט פארקומען אין חברון, וועלכע איז געווען די הויפט־שטאדט פון שבט יהודה. כדי אבצונארען דעם קעניג, אז ער זאל נישט איינזעהען דעם שענדליכען פערראט, האט אבשלום אויסגעטראכט עפעס א תירוץ און געבעטען ביי זיין פאטער א'ערלויבניש צו געהן קיין חברון. דוד האט איהם אין קיין שלעכטס נישט חושד געווען און געגעבען די ערלויבניש, און אבשלום איז אבגעגאנגען קיין חברון מיט אלע זיינע בעדיענטע און צוויי הונדערט אנגעזעהענע איינוואהנער פון ירושלים, וועלכע ער האט איינגעלאדען מיט זיך אויף א מאהלצייט. די דאזיגע צוויי הונדערט געסט האבען אהן זייער וויסען פיעל מיטגעווירקט, אז אבשלום'ס פלאן זאל געלינגען, דען ווען די איינוואהנער פון חברון האבען דערזעהען, וואס פאר א אנגעזעהענע לייט עס זענען צו איהם איבערגעגאנגען, האבען זיי שוין געגלויבט, אז גאנץ ירושלים איז אויפגעשטאנען געגען דוד'ן. אויך אחיתופל האט געפונען א תירוץ אבצופאהרען אויף א געוויסע צייט פון דוד'ס הויף, און ער איז צוזאמען מיט די איבעריגע מענשען געקומען קיין חברון; דארט האט ער עפענטליך ערקלערט, אז ער איז איבערגעגאנגען אויף אבשלום'ס צד, און דאדורך האט ער דעם אויפ־

שטאַנד געגעבען אַ בעזונדערס גרויסע בעדײַטונג, ווײַל אַלע האָבען געוואוסט, אַז אחיתופל איז דוד'ס רעכטע האַנד. דער פֿעררעטערישער פּלאַן איז געלונגען אויסגעצייכענט: די אײַנוואוינער פֿון חברון און די איבעריגע אַנוועזענדע האָבען אויסגערופֿען אבשלום'ן פֿאַר אַ מלך, ווערענד מען האָט געבראַכט קרבנות, ווי דער מנהג איז געווען. צו אבשלום'ן זענען אויך צוגעשטאַנען אייניגע מיטגלידער פֿון דוד'ס משפחה, נעמליך, עמשא, דוד'ס פֿעטער, וועלכער האָט זיך געהאַלטען פֿאַר אַ גרויסען גבור און פֿעלדהערר און דעריבער האָט איהם פֿערדראָסען, פֿאַרוואָס דוד האָט בעשטימט פֿאַר אַ ממונה איבער דער אַרמעע יואב'ן און נישט איהם.

ווי נאָר מען האָט אויסגערופֿען אבשלום'ן פֿאַר אַ מלך, האָט מען פֿונאַנדערגעשיקט שלוחים אין אַלע שטעדט, וועלכע האָבען דורכ'ן שופֿר־בלאָזען געגעבען אַ צייכען אַלע פֿעררעטער געגען דוד'ן, און, לויט ווי די זאַך איז געווען אָבגערעדט פֿריהער, האָבען זיי איבעראַל זיך געדאַרפֿט תיכף פֿערזאַמלען און אויסרופֿען: „לעבען זאָל דער קעניג אבשלום!" די פֿעררעטער געגען דוד'ן האָבען צוגעצויגען צו זיך אַלעמען, ווער עס איז געווען אומצופֿריעדען מיט דער פֿאָלקס־צעהלונג, ווי אויך אַלע יענע לייט, וואָס זענען בכלל צופֿריעדען שטענדיג מיט אַ נייער פֿערענדערונג, האָפֿענדיג, אַז זי וועט זיי ברענגען נוצען. דער שבט בנימין, וועלכער האָט פֿיעל פֿערלוירען פֿון זײַן בעדײַטונג, וואָס ער האָט געהאַט, ווען שאול, וואָס האָט געשטאַמט פֿון שבט בנימין, איז נאָך געווען קעניג, און דער שבט אפרים, וועלכער איז פֿון אייביג אָן געווען דער אומצופֿריעדענער בײַ אידען — אָט די צוויי שבטים זענען באַלד צוגעשטאַנען צו אבשלום'ן, האָפֿענדיג, אַז בײַ אַ נייעם מלך, וועלען זיי בעקומען צוריק זייערע אַלטע פֿרייהייטען. מיט אבשלום'ן, וועלכער וועט אויף לאַנג נישט קאָנען דערהאַלטען פֿאַר זיך די ליעבע פֿון פֿאָלק, האָבען זיי געהאָפֿט גיכער צו מאַכען אַ סוף, איידער מיט'ן שטאַרקען מלך דוד. באַלד האָבען אָנגעהויבען קומען צו אבשלום'ן פֿון פֿיעל שטעדט שלוחים פֿון אַלע שבטים, וועלכע האָבען איהם בעגריסט פֿאַר אַ מלך. מיט יעדען טאָג איז די צאָהל פֿון אבשלום'ס אַנהענגער געוואָרען גרעסער.

אַ געוויסע צײַט האָט מען די פֿערשווערונג געפֿיהרט בשתיקה; פֿון חברון האָט מען קיינעם נישט געלאָזט געהן קיין ירושלים, כדי דאָרט מודיע צו זײַן וועגען דעם אויפֿשטאַנד. דוד האָט זיך דערוואוסט, אַז מען האָט איהם אַראָבגעזעצט פֿון טהראָן, ערשט דאַן, ווען אַלע שבטים, פֿון ישראל און יהודה, האָבען זיך שוין פֿון איהם געהאַט אָבגעזאָגט. מיט פֿיעל נסיונות איז שוין דוד געפּרובט געווען, אָבער דער איצטיגער אויפֿשטאַנד איז געווען דער טרויעריגסטער מאָמענט אין זײַן לעבען. דוד האָט באַלד בעשלאָסען וואָס צו טהון. ער האָט נישט געוואָלט דערלאָזען, אַז עס זאָל קומען צו אַ בירגער־קריעג, ווי עס האָבען איהם געראַטען צרויה'ס

זיהן, יואב און אבישי, ווי אויך אנדערע געטרייע אנהענגער. פערלאזען פון אלע שבטים, וואלט דוד זיך געמוזט איינשליסען אין ירושלים, וועלכע וואלט אבער נישט קאנען אויסהאלטען קיין שטארקען שטורם אדער א לאנגע בעלאגערונג; די אויפגעשטאנענע וואלטען זיך געוויס ארייננגעריסען אין שטאדט אין — פאר דוד'ן איז די זאך געוועזען קלאר — זיי וואלטען דארט געמאכט אן אמת'ע בלוט-באד, נישט שפירענדיג קיין מורא פאר גאט אדער מענשען. ביטערער פאר אלץ איז געוועזען פאר דוד'ן דאס בעגעהן זיך פון זיין ראטגעבער אחיתופל, וועלכער האט זיך פעראייניגט מיט זיין טהראן-רויבערישען זוהן, און אט דאס האט צוגענומען ביי דוד'ן זיין געוועהנליכען שטארקען מוט. ער האט צו שפעט איינגעזעהען, אז די פערשווערונג געגען איהם איז געוועזען צוגעגרייט שוין פון גאנץ לאנג, און, ווייל דער פלאן פון דער פערשווערונג איז גאנץ לאנגזאם אויסגעארבייט געווארען און גוט בעטראכט געוועזען, איז דוד'ן איצט קלאר געווארען, אז דאס שטעלען זיך געגען דעם אויפשטאנד, קאן זיך פאר איהם ענדיגען אונגליקליך. און אט דערפאר האט ער ערקלערט זיינע מענשען, אז ער פערלאזט באלד די שטאדט ירושלים, איידער אבשלום וועט אונטערקומען מיט זיינע פיעל אנהענגער פון חברון.

ווען דוד איז ענטלאפען פון ירושלים, האט זיך ארויסגעוויזען, אז ער האט אויך פיעל געטרייע פריינד, וועלכע זענען איהם ערגעבען ביז אין דעם טויט. ווען ער איז ארויסגעקומען פון זיין פאלאץ אין עק שטאדט, האט ער צו זיין טרייסט דערזעהען, אז מיט איהם צוזאמען געהט א גרויסע מחנה; נישט בלויז זיינע פעלדהערען, יואב און אבישי מיט זייערע לייט, נישט בלויז א גרויסער טייל פון זיין העלדישער מחנה, די געדונגענע סאלדאטען, כרתי און פלתי מיט זייער אנפיהרער בניהו, נאר אויך אתי מיט זיינע זעקס הונדערט מאן, וועלכע דוד האט ערשט א קורצע צייט פאר דעם געדונגען — איז אויך ארויסגעקומען מיט איהם, צו טיילען דאס ביטערע וואנדער-לעבען. די בעפעלקערונג פון ירושלים האט געוויינט אויפ'ן קול, ווען דוד איז געגאנגען דורכ'ן טהאל קדרון, כדי צו קומען פון דארט איבער'ן הר הזיתים אין דעם מדבר ארום דעם ירדן. אבצושטעלען זיך אין א שטאדט האט דוד נישט געוואגט, מורא האבענדיג פאר פעררעטער. באלד האבען דוד'ן אנגעיאגט אויך זיינע צוויי כהנים גדולים, צדוק און אביתר, מיט די לויים און דעם ארון מיט די לוחות. אבער דוד האט זיי בעפוילען אבצופיהרען דעם ארון צוריק, און דערביי האט ער פרום בעמערקט „אויב איך וועל ווידער געפינען ביי גאט גנאדע און ער וועט מיך ברענגען צוריק קיין ירושלים, וועל איך ווידער זעהען דעם ארון מיט זיין געצעלט; אויב נישט, אויב גאט האט מיך פון זיך פערטריבען, בין איך בערייט צו טראגען זיין גוטען ווילען". דערביי האט דוד אויך געהאפט, אז די ביידע כהנים וועלען איהם קאנען מעהר נוצען בלייבענדיג אין ירושלים, איידער

מיט איהם אויף דער וואַנדערונג. וועהרענד די כהנים האָבען זיך צוריק־געקעהרט מיט'ן אָרון קיין ירושלים, איז דוד אַרויפגעשטיגען באָרפוס און מיט אַ פערהילטען געזיכט, וויינענדיג, אויפ'ן הר הזיתים; אַלע זיינע בעגלייטער האָבען אויסגעבראָכען אין אַ ביטער געוויין. אָבער ווען דוד'ס טרויעריגקייט און פערצווייפלונג האָט דערגרייכט צו דער העכסטער מדרגה, איז איהם אַרויסגעקומען ענטקעגען אַ פריינד, וועלכער האָט איהם געדאַרפט ברענגען רעטונג דורך זיין חכמה און ערגעבענהייט.

דאָס איז געוועזען חושי פון דער שטאָדט אֶרך (חושי הארכי) איינער פון דוד'ס געטריינע יועצים, וועלכער איז געוועזען נישט וועניגער קלוג, ווי אחיתופל. איצט איז ער אַרויסגעקומען צו דוד'ן אנגעטהון אין טרויער־קליידער, כדי פערוואָגעלט צו ווערען גלייך מיט איהם. דוד האָט איהם אָבער נישט דערלאָזען דאָס צו טהון, ווייל ער איז געוועזען אַן אַלטער מאַן און די וואַנדערונג איז נישט געוועזען פאַר זיינע כחות. אויסער דעם האָט ער געקאָנט דוד'ן בעסער דיענען, געפינענדיג זיך ביי אבשלום'ן און צושטערענדיג אחיתופל'ס עצות; דערביי האָט ער אויך געדאַפט מודיע זיין דוד'ן בעתיקה אַלץ, וואָס וועט איהם נוצליך זיין צו וויסען. חושי האָט זיך דעריבער אומגעקעהרט צוריק קיין ירושלים.

די ערשטע שטאָדט, דורך וועלכע דוד איז דורכגעגאַנגען אויף זיין איצטיגען וואַנדער־וועג, איז געוועזען בחורים. אַנשטאָט אַ פריינדליכען קבלת־פנים, האָט ער דאָ געליטען בעליידיגונגען און אָבשפּאָטונג; אַ מענש פון שבט בנימין, שמעי בן גרא, איז אַרויסגעקומען דוד'ן ענטקעגען און געשאָלטען איהם און געזידעלט: „דו בלוטיגער פערדאָרבענער מענש, גשה! גאָט בעצאָהלט דיר איצט אַלץ, וואָס דו האָסט געטהון שאול'ס הויז, נאָכדעם ווי דו האָסט זיין טהראָן גערויבט". און אַזוי, זיך לענדיג און שילטענדיג, האָט ער בעגלייטעט דוד'ן אַ שטיק וועג, וואַרפענדיג פון באַרג אַרונטער שטיינער און שטויב אויף איהם, אַזוי אַז דוד'ס בעגלייטער האָבען איהם געמוזט פערטיידיגען פון'ם אַנפאַל. דוד האָט אָבער געהאַט אויך פריינד אין דער שטאָדט בחורים. ערמידערט און מיעד, איז דוד מיט זיינע לייט געקומען דורכ'ן מדבר אין דער געגענד פון יריחו. דאָ האָט דער אונגליקליכער קעניג אָבגעשטעלט זיך. מען האָט באַלד אויפגעשטעלט געצעלטען און דוד האָט זיך געפּרובט אויסרוהען פון זיינע קערפּערליכע און מאָראַלישע יסורים, אָבוואַרטענדיג אויף אַ ידיעה פון זיינע פריינד, וועלכע ער האָט איבערגעלאָזען אין ירושלים.

אין דער צייט, וואָס דוד איז געקומען אין דער געגענד פון ירדן, איז אבשלום מיט זיינע פערשוואָרענע און פערעטער געקומען קיין ירושלים. אחיתופל איז געוועזען מיט איהם, און ער האָט איהם געגעבען אַן עצה צו בעגעהן אַ שענדליכע טהאַט—צו פערנעהמען זיין פאָטערס פרויען־הויז און שענדען דאָרט דוד'ס קעבס־ווייבער. דורך דער דאָזיגער

טהאַט האָט אחיתופל געוואָלט מאַכען אונמעגליך יעדען שלום צווישען דוד'ן מיט זיין זוהן. און וואָס האָט עס דען געקימערט אחיתופל'ן, וואָס אבשלום האָט דאַדורך זיך געמאַכט פֿערהאַסט ביי'ם פֿאָלק! אחיתופל האָט דאָך נאָר געוואָלט נעהמען נקמה אָן דוד'ן און אראָבוואַרפֿען איהם פֿון טראָן, און אבשלום איז פֿאַר איהם געוועזען נאָר אַ אינסטרומענט; אַז אבשלום זאָל דוקא בלייבען קעניג, האָט אחיתופל כלל נישט געוואָלט. דער שוואַכקעפּיגער פֿערברעכער, וועלכער האָט זיך געלאָזט אויסרופֿען פֿאַר אַ קעניג, זייענדיג אונפֿעהיג אַליין צו טהון אַפֿילו אַ טריט אָהן אַ זייטיגער עצה, האָט אויך איצט געפֿאָלגט אחיתופל'ן און בעגאַנגען דאָס שענדליכע פֿערברעכען, לויט ווי ער האָט איהם געראַטען.

אָבער וועהרענד אבשלום האָט זיך אָבגעגעבען מיט שענדליכע מעשים אין זיין פֿאָטערס פֿרויען־הויז, האָט זיך געפֿונען אַ מענש, וועלכער האָט געדאַרפֿט מאַכען צונישט אַלע זיינע פּלענער. דאָס איז געוועזען חושי הארכי, וועלכער האָט לפנים אַנערקענט אַבשלום'ן פֿאַר אַ מלך און פֿערזיכערט איהם, אַז ער וועט איהם דינען אויך אַזוי געטריי, ווי ער האָט געדינט דוד'ן. מיט אַ פֿאַלשען מענשען האָט חושי בעגאַנגען זיך פֿאַלש, אָבער אַבשלום האָט עס נישט פֿערשטאַנען און זיך געלאָזען געבען פֿון איהם עצות. און אַט האָט אבשלום צונויפֿגערופֿען זיינע יועצים, כדי צו בעראַטען זיך, וואָס מען דאַרף אונטערנעהמען, כדי דוד'ן צו פֿערדערבען. צו דער בעראַטונג האָט מען אויך איינגעלאַדען די זקנים פֿון אַלע שבטים. אחיתופל האָט געגעבען אַ טייוולאָנישע עצה, אַז מען זאָל זיך באַלד לאָזען פֿערפֿאָלגען דוד'ן, כדי אָנצופֿאַלען אויף איהם פּלוצלונג מיט אַ גרויסער מחנה און צווינגען דוד'ס קליינע מחנה צו ענטלויפֿען און איבערלאָזען דוד'ן אַליין; אַזוי אַרום וועט מען איהם קאָנען נעהמען געפֿאַנגען, ווי ער איז מיעד און דערניעדעריגט, און טויטען איהם. נאָך זיין טויט וועט שוין דאָס גאַנצע פֿאָלק, אָהן קיין שום חרטה און מורא, אַנערקענען אַבשלום'ן פֿאַר אַ מלך.

אָבער ווען מען האָט געפֿרעגט ביי חושי, ווי איז זיין מיינונג וועגען דעם פֿערפֿאָלגען באַלד דוד'ן, האָט ער אָבגעוואָרפֿען אחיתופל'ס עצה, אַנווייזענדיג אַזוי פֿעסט און איבערצייגענד, אַז די עצה טויג נישט, דאָס אבשלום האָט בעשלאָסען צו פֿאָלגען נישט אחיתופל'ן, נאָר איהם, חושי. זיין עצה איז געוועזען, דאָס מען זאָל פֿריהער פֿערזאַמלען די גאַנצע אידישע אַרמעע און ערשט דאַן אַרויסצוטרעטען געגען דוד'ן. ס'פֿערשטעהט זיך, אַז חושי האָט באַלד מודיע געוועזען דוד'ן דעם רעזולטאַט פֿון דער בעראַטונג און די יונגע זיהן פֿון די כהנים גדולים, אחימעץ און יהונתן, האָבען די דאָזיגע שליחות אויסגעפֿיהרט.

די ערשטע גינסטיגע ווענדונג פֿאַר דוד'ן איז געוועזען, וואָס אחיתופל האָט פֿון פֿערדרוס, וואָס זיין עצה איז נישט אָנגענומען געוואָרען, באַלד

אבגעגאנגען פון ירושלים אין זיין געבורטס־שטאדט גילוה און זיך דארט אויפגעהאנגען. אחיתופל האט זיין זעלבסטמארד געמוזט בעגעהן אויך דערפאר, וואס ער האט איינגעזעהען, דאס צוליעב דעם, וואס אבשלום האט איהם נישט געפאלגט, וועט ער זיכער האבען א מפלה, און דוד וואלט אחיתופל'ן זיכער שטרענג בעשטראפט. פאר אבשלום'ן איז אחיתופל'ס זעלבסטמארד געוועזען א שטארקער קלאפ, ווייל צווישען זיינע געטריינע לייט האט ער קיין פעהיגען און קלוגען מענשען נישט געהאט, און ער אליין איז נישט געוועזען קיין גבור אין מלחמה, נישט קיין חכם, צו געבען זיך עצות. זיין פעלדהערר עמשא האט ארויסגעוויזען קנאפע פעהיגקייטען אלס אנפיהרער פון אנ'ארמעע. אבשלום האט אפילו ארויסגעגעבען א בעפעהל, אז אלע אידישע קעמפפער זאלען זיך פערזאמלען צו איהם. אבער איידער די דאזיגע פערזאמלונג איז דורכגעפיהרט געווארען, האט דוד שוין געהאט א גרויסע מחנה; דען ווען דוד איז אריבערגעגאנגען דעם ירדן, זענען דארט צו איהם צוגעשטאנען זעהר פיעל מענשען, און די שטאדט מחנים האט אויפגענומען דוד'ן אויך אזוי פריינדליך, ווי פריהער שאול'ס זוהן, איש־בושת. אלע אידען פון יענער זייט ירדן זענען געקומען צו דוד'ן, כדי צו העלפען איהם בעשטראפען זיין פערברעכערישען זוהן. צוויי אנגעזעהענע רייכע לייט פון גלעד האבען אויפגענומען דוד'ן מיט גרויס ליעבשאפט און געגעבען איהם מיט זיינע לייט אלע זייערע בעדערפעניסען די גאנצע צייט, וואס זיי זענען געוועזען אין גלעד.

ווען אבשלום און זיין פעלדהערר עמשא האבען ענדליך פערזאמעלט א גרויסע מחנה, זענען זיי אריבער דעם ירדן און געקומען נעהנטער צו מחנים. אין דער וואלד־געגענד ארום דער דאזיגער שטאדט האבען אויפגעשטעלט זייער לאגער אבשלום'ס מחנות, ווי עס שיינט, אהן קיין שום פלאן און ארדנונג. דוד דאגעגען האט איינגעטיילט זיין מחנה אין דריי אבטיילונגען, וואס איין טייל פון זיי האט ער אנגעטרויט יואב'ן, דעם צווייטען—אבישי'ן און דעם דריטען אתי פון גת. די אלע דאזיגע דריי אנפיהרער זענען געוועזען בעוואוסטע גבורים און געאיבט אין פיהרען מלחמה. דוד'ן אליין האבען זיינע הויפט־לייט נישט געלאזען געהן אין מלחמה, ווייל זיי האבען געוואוסט, ווי שטארק ער ליעבט זיין זוהן, חאטש ער איז אויך געוועזען א פערברעכער. די מלחמה האט זיך אנגעהויבען, און זי האט געקאסט פיעל מענשען דאס לעבען. חאטש אבשלום'ס מחנה איז געוועזען פיעל גרעסער פאר דוד'ס, פונדעסטוועגען האט זי דאך געהאט א מפלה, ווייל זי האט נישט געקעמפפט אין א גוטער ארדנונג, און אין געדיכטען וואלד האט זי זיך נישט געקאנט אויך גוט אויסשטעלען, דאגעגען דוד'ס מחנה האט זיך געהאלטען פעסט, ווי איין מענש. מעהר נאך ווי דאס שווערד, האט געבראכט שאדען די קעמפפער דער וואלד. צוואנציג טויזענד מאן זענען אין יענעם טאג געפאלען טויט. אויך פאר אבשלום'ן איז דער וואלד נעבען מחנים געווארען פערדערבליך. מיט זיינע

לאנגע האהר, מיט וועלכע ער פלעגט אזוי שטארק שטאלצירען, האט ער זיך פערפלאנטערט אין די צווייגען פון א בוים און געבליבען הענגען אין דער לופטען, דען זיין מויל-עזעל איז פון אונטער איהם ענטלאפען געווארען. און אט האט זיך גערארפט טרעפען, אז דוקא יואב זאל איהם דערזעהען אין אזא געפעהרליכער לאגע און ער האט איהם באלד דער-הרג'עט. אזוי ארום איז יואב'ן אויסגעקומען אליין צו בעשטראפען אבשלום'ן פאר זיין אויפשטאנד, נאכדעם ווי ער האט פריהער נישט ווי-לענדיג מיטגעהאלפען זיין פלאן, צו מאכען דעם אויפשטאנד. יואב האט באלד נאכ'ן דער'הרג'ענען אבשלום'ן געבלאזען מיט זיין שופר, צו געבען א סימן דוד'ס ארמעע, אז די מלחמה האט זיך געענדיגט מיט א נצחון. ווען אבשלום'ס לייט האבען זיך דערוואוסט, אז זייער מלך איז דער-הרג'עט געווארען, האבען זיי זיך באלד צושטרייט און ענטלאפען צוריק אויף יענער זייט ירדן.

אזוי האט זיך געענדיגט דער צווייטער בירגער-קריעג, וועלכער איז פארגעקומען אונטער דוד'ס רעגירונג, א קריעג, וועלכער איז געווען בע-זונדערס שרעקליך דאדורך, וואס אויף איין זייט איז געשטאנען דער פא-טער און אויף דער אנדערער זייט—דער זוהן. די נאכוועהעגישען פון דער דאזיגער מלחמה זענען אויך געווען זעהר טרויעריג. קודם כל האט מען גערארפט איבערברענגען דוד'ן די ידיעה וועגען זיין נצחון; דאס איז אבער געווען זעהר א שווערע אויפגאבע, ווייל אלע האבען געוואוסט, מיט וואס פאר א וועהטאג דוד וועט אויפנעהמען די ידיעה פון זיין זוהנ'ס טויט. חאטש דער זוהן איז געווען א גרויסער פערברעכער. דוד איז טאקי שטארק ערציטערט געווארען, ווען ער האט די ידיעה ערהאלטען. „מיין זוהן, מיין זוהן, אבשלום—האט ער ביטערליך געקלאגט און אויסגערופען פיעל מאל — הלואי וואלט איך בעסער, אנשטאט דיר געפאלען!“ די טיעפקייט פון א פאטערליך הארץ קאן מען נישט אויסמעסטען.— מעגליך, אז דוד האט געזעהען אין אבשלום'ן בלויז א פערפיהרטען אונגליקליכען מענשען, וועלכען אחיתופל האט אריינגענארט אין זיין נעץ און אנגערעדט צו מאכען אנ'אויפשטאנד.

דוד'ס קעמפפער האבען נישט געוואגט אריינצוקומען אין מחנים; ווי פערשעמטע נאך א שענדליכער מפלה, זענען זיי איינציגווייז אריינגע-קומען אין שטאדט. דוד האט קיינעם פון זיי נישט געוואלט אויפנעהמען, דען ער האט געהאלטען אין איין קלאגען איבער זיין זוהנ'ס טויט. ענדליך האט יואב זיך בעשלאסען צו געהן צו דוד'ן און פארהאלטען איהם, אז ער בעגעהט זיך נישט גוט מיט זיינע געטריינע דיענער. אין שארפע ווער-טער האט יואב בעשולדיגט דוד'ן, אז ער איז אונדאנקבאר געגען זיינע געטריינע דיענער מיט זיין העפטיגען טרויער. דערביי האט יואב ארויס-געזאגט אויך א דראהונג געגען דוד'ן: אויב דער קעניג וועט זיך נישט ווייזען באלד פאר זיינע קריעגער און רעדען מיט זיי פריינדליך, וועלען

נאָך אין דער זעלביגער נאַכט אַלע זיינע געטרייע לייט איהם פֿערלאָזען און ער וועט בלייבען אָהן קיין שום הילף. די דאָזיגע שאַרפֿע רייד פֿונ'ם האַרטען, אָבער דאָך אמת געטרייען יואב האָבען בעוואויגען דוד'ן צו שטאַרקען זיך און בעווייזען זיך פֿאַר'ן פֿאָלק.

פֿון אַבשלום'ן איז נאָר געבליבען איין איינציגער שפּור: מען האָט איהם מקבר געווען אין וואַלד רפֿאים און אַ גרויסען באַרג שטיינער אויף זיין קבר געלעגט. קיין זיהן זענען פֿון איהם נישט איבערגעבליעבען, נאָר אַ שענע טאָכטער. זיינע צוויי זיהן האָט דער טויט צוגענומען נאָך פֿאַר זיין אויפֿשטאַנד און מען האָט געקאָנט מיינען, אַז דאָס איז געווען דער־פֿאַר, כדי עס זאָל נישט בלייבען קיין זוהן, וואָס זאָל טראַכטען וועגען דעם טויט פֿון זיין פֿאָטער, בשעת ער לעבט נאָך. אין דער קורצער צייט פֿון זיין קעניגען אין ירושלים האָט ער אין קעניגס־טהאָל ביי ירושלים אויסגעבויט אַ פּרעכטיגען מאָנומענט „יד אבשלום“, וועלכער האָט געהאָפֿט פֿעראייביגען זיין נאָמען; ער האָט אָבער פֿעראייביגט נאָר די שאַנדע פֿון אַן'אויפֿשטאַנד געגען אַ פֿאָטער. אין דער געשיכטע זענען איבערגעבליבען שפּורען פֿון זיין טהאָט. נאָכ'ן סוף פֿון דער מלחמה האָט דוד שוין געוואָלט געהען צוריק קיין ירושלים; ער האָט אָבער נישט געוואָלט אַנוואַרפֿען זיך די אידישע שבטים. ער האָט געוואָלט אָבוואַרטען, ביז זיי וועלען צו איהם אַליין קומען אין פֿאָלקאָמער חרטה און אַנערקענען איהם צוריק פֿאַר אַ מלך איבער זיי. מערקווירדיג איז עס, וואָס גראַדע צווישען די צפֿון־שבטים איז די שטימונג פֿריהער געוואָרען גינסטיג פֿאַר דוד'ן. דאָס פֿאָלק האָט געמאַכט פֿאָרוואורפֿע די זקנים: „דער קעניג, וועלכער האָט אונז געהאָלפֿען פֿון אונזערע פֿיינד, האָט געמוזט ענטלויפֿען פֿאַר אַבשלום'ן... וואָרום איילט איהר זיך נישט, צו ברענגען איהם צוריק קיין ירושלים?“ דאַגעגען האָט דער שבט יהודה, פֿון וועלכען דוד האָט געשטאַמט, זיך אָבגעהאַלטען און נישט געגאַנגען ברענגען דוד'ן צוריק אויף זיין טהראָן. צי איז עס נישט געווען דערפֿאַר, וואָס עמשא האָט די זקנים אָבגעהאַלטען נישט צו טהון אַזאַ שריט, ווייל ער האָט מורא געהאַט, אַז דוד וועט איהם שטרענג בעשטראָפֿען? עמשא האָט געהאַט אַ גרויסען איינפֿלוס אויף די זקנים פֿון שבט יהודה, איז דעריבער גאַנץ מעגליך, אַז ער האָט טאַקי אָבגעהאַלטען זיי צו מאַכען דעם ערשטען שריט שלום צו מאַכען מיט דוד'ן. מערקווירדיג איז אָבער, וואָס דוד האָט אַליין געשיקט זאָגען עמשא'ן, אַז אויב ער וועט צו איהם קומען, וועט ער איהם פֿערגעבען זיין פֿערברעכען און נאָך בעשטימען פֿאַר אַ הויפּט־פֿעלדהערר איבער זיין גאַנצער אַרמעע. און צו די זקנים פֿון שבט יהודה האָט ער געשיקט זאָגען, אַז עס איז זייער פֿליכט, איינצולאַדען איהם צוריק אין דער הויפּט־שטאָדט. ערשט דאַן האָבען די זקנים פֿון שבט יהודה געשיקט צו דוד'ן שלוחים, איינצולאַדען איהם, צו קומען קיין ירושלים.

מיט אַ גרעסערער מחנה, ווי פֿריהער, אַריבערגעהענדיג דעם ירדן,

איז איצט דוד געגאנגען צוריק אין דער בעגלייטונג פון זיינע אמת'ע פריינד און פערעהרער. די ערשטע שטאדט נאכ'ן איבערגעהן דעם ירדן איז געוועזן גלגל. דא האבען דוד'ן אבגעווארט די שלוחים פון די שבטים פון דער זייט ירדן, כדי צו אנערקענען איהם ווידער פאר א מלך. די שלוחים זענען אבער געווען נישט וועניג פערוואונדערט, ווען זיי האבען שוין דא אנגעטראפען די שלוחים פון שבט יהודה. זיי האבען ערווארטעט, אז דער שבט יהודה וועט שיקען זיינע שלוחים מיט זיי צוזאמען מקבל פנים צו זיין דוד'ן, לסוף האבען זיי דערזעהען, אז יהודה איז זיי דעם וועג פערלאפען; דערין האבען זיי דערזעהען א פאלשקייט מצד דעם שבט יהודה, וועלכער וויל זיך אונטערקויפען ביי'ם מלכות, כדי צו שטעלען זיך איהם נעהנטער, ווי אלע איבעריגע שבטים פון ישראל.

די זקנים פון די שבטים פון ישראל האבען וועגען דעם ארויסגעזאגט זייער פערדרוס אין דוד'ס געגענווארט. די שלוחים פון יהודה זענען זיי נישט געבליבען שולדיג קיין ענטפער, און עס האט אויסגעבראכען אנ'ערביטערטע מחלוקת צווישען ביידע פארטייען. ווי עס שיינט, איז דוד געווען אויפ'ן צד פון שבט יהודה. דאן האט איינער א מענש פון שבט בנימין, שבע בן בכרי, אויסגענוצט דעם דאזיגען טומעל און ווידער אויפגעהויבען די פאהן פון אנ'אויפשטאנד. בלאזענדיג אין א שופר, האט ער אויסגערופען: „מיר האבען נישט קיין חלק אין דוד'ן און קיין ערבשאפט אין ישי'ס הויז, יעדער שבט פון ישראל זאל זיך געהען צוריק אהיים!“ די זקנים פון די צפון-שבטים האבען באלד געפאלגט שבע'ס אויפרוף און זיך געלאזט געהן מיט איהם. נאר דער שבט יהודה איז געבליבען געטריי דוד'ן און האט איהם בעגלייטעט קיין ירושלים. די שמחה פון ווידערקעהרען זיך קיין ירושלים איז געווען דעריבער געמישט מיט דאגה וועגען דעם נייען אויפשטאנד. עס האט אויסגעבראכען א נייע שפאלטונג, און ס'איז פארגעשטאנען א נייער בירגער-קריעג. אין דער דאזיגער טרויעריגער לאגע האט דוד געמאכט א שריט, וואס ס'איז שווער צו פערשטעהן, צי איז דאס געווען קלוגשאפט, אדער אונבעדאכטקייט. פון דער צייט אן, וואס דוד האט געוואוסט, אז יואב האט דער־הרג'עט מיט די אייגענע הענד זיין זוהן אבשלום, האט ער ביי איהם פערלוירען זיין גאנצען חן אין די אויגען. ער האט איהם מעהר נישט געוואלט האבען ביי זיך פאר א פעלדהערר. אבער, ווי עס שיינט, האט דוד אויסערדעם אויך געוואלט האלטעןווארט געגען עמשא'ן, ווי ער האט איהם מבטיח געווען, צו בעשטימען איהם פאר א פעלדהערר. און אט, ווען דוד האט זיך איצט געשטיצט נאר אויף איין שבט יהודה, האט ער נאך מעהר געשפירט די נויטווענדיגקייט צו בעשטימען עמשא'ן פאר א פעלדהערר, דען ער האט געהאט א שטארקען איינפלוס אויפ'ן שבט יהודה.

דוד האט דעריבער בשתיקה פון יואב'ן בעפוילען עמשא'ן אז ער־

זאָל איהם פערזאַמלען אַלע קעמפפער אין אַ משך פון דריי טעג, כדי באַלד צו פערפאָלגען דעם אויפגעשטאַנענעם שבע בן בכרי. די בעשטימטע צייט איז אָבער שוין לאַנג פאַראיבער און עמשא איז נאָך אַלץ נישט געקומען. דוד איז געוואָרען אונרוהיג. צי האָט איהם עמשא נישט אָבגענאַרט און געמאַכט יד־אחת מיט זיינע נייע געגנער? מען האָט געדאַרפט זיך צו־איילען, כדי נישט צו געבען צייט שבע בן בכרי אַריינצוקומען אין די בעפעסטיגטע שטעדט. דוד'ן איז געבליבען נאָר צו טהון איין זאַך: צו ווענדען זיך ווידער צו יואָב'ן, וועלכער איז איהם שטענדיג געטריי געוועזען. דוד האָט אָבער נישט איבערגעגעבען די העכ־סטע מאַכט איבער'ן מיליטער יואָב'ן, נאָר זיין ברודער אבישי. יואָב איז פונדעסטוועגען מיטגעגאַנגען מיט אבישי'ן און איז אויך געווען אין דער ווירקליכקייט דער הויפט־אַנפיהרער. ווי עס שיינט, האָט ער אויך אַרויס־געלאָזען אַנ'אויפרוף צום פאָלק, אַז די מחנות זאָלען זיך אַרום איהם פערזאַמלען. געקומען אין גבעון, האָט יואָב זיך צוזאַמענגעטראָפען מיט עמשא'ן, וועלכען מען האָט חושד געווען, אַז ער איז געגען דוד'ן. יואָב האָט לאַנג נישט געטראַכט, איין שטויס מיט'ן שווערד, און — עמשא האָט אויפגעהערט צו לעבען. נישט פערהאַלטענדיג זיך לענגער ערגעץ־וואו, האָבען ביידע ברידער, צוריה'ס זיהן, יואָב און אבישי, געאַיילט ווייטער, צו פערפאָלגען דוד'ס פיינד, שבע בן בכרי. די מחנות פון יהודה, וועלכע עמשא האָט צונויפגענומען, זענען געגאַנגען מיט זיי, און אין יעדער שטאָדט, וואו זיי זענען דורכגעגאַנגען, זענען צו זיי צו־געשטאַנען נייע מחנות. שבע האָט געהאַט ווייניג אַנהענגער. מיט אַ קליינער מחנה, וועלכע איז מיט איהם געגאַנגען, האָט ער זיך געוואָרפען אין דער פערפעסטיגטער שטאָדט אָבל, אין צפון־ארץ־ישראל, און אַ צווייטער טייל פון זיין מחנה האָט פערנומען די שטאָדט „דן" ביי'ם באַרג חרמון. יואָב האָט באַלד בעלאַגערט די שטאָדט אָבל; נישט פאַר־לייגענדיג די איינוואָהנער אַפילו, אַז זיי זאָלען זיך אונטערגעבען, האָט ער בעפוילען אונטערצוגראָבען די מויערען אַרום שטאָדט, כדי אומ־צוּוואַרפען זיי. די איינוואָהנער האָבען זיך דערשראָקען און נישט געוואוסט, וואָס צו טהון. געראַטעוועט די שטאָדט האָט אַ קלוגע פרוי, וועלכע האָט, שטעהענדיג אויף דער מויער, זיך געווענדעט צו יואָב'ן מיט פאָלגענדע ווערטער: „מען האָט דאָך פריהער געדאַרפט רעדען, מען האָט דאָך פריהער געדאַרפט אַנפרעגען, אויב ביי אידען זענען שוין גאָר פערשוואונדען געוואָרען אַלע געטריינע און רוהיג־געשטימטע לייט. פאַרוואָס ווילסטו פערניכטען אידישע קינדער און מוטערס? פאַרוואָס ווילסטו צושטערען אידישע נחלאות?"

יואָב האָט דערויף געענטפערט, אַז ער וויל נאָר בעקומען אין זיין רשות דעם מענשען, וועלכער האָט זיך אויפגעהויבען געגען קעניג. ווי נאָר מען וועט איהם איבערגעבען דעם מענשען פון שבט בנימין, שבע

בן בכרי, וועט ער אבטרעטען פון דער שטאדט. די קלוגע פרוי האט איהם געגעבען די הבטחה, אז אין קורצען וועט זי צו איהם ארונטער־ווארפען פון דער מויער שבע'ס קאפ. אזוי איז דאס טאקי באלד גע־שעהן; יואב האט בעפרייט די שטאדט פון דער בעלאגערונג, פונאנדער־געלאזען זיינע מחנות און געקומען מיט דער בשורה פון נצחון קיין ירושלים צוריק. יואב איז ווידער געווארען פעלד־הערר, חאטש דוד איז דערמיט נישט געוועזען צופריעדען.

דוד איז אבגעקומען זיין זינד געגען אוריה אינגאנצען. ער האט פיעל געליטען און לאנג געלעבט אין טיעפער חרטה. ער האט געהיים געשענדעט די פרוי פון זיין געטרייען דיענער, זיין אייגענער זוהן האט דערפאר געשענדעט זיינע פרויען עפענטליך; ער האט אומזיסט פער־גאסען אוריה'ס בלוט — און זיין אייגענעם הויז האבען זיך געגאסען טייכען בלוט, וועלכע האבען איהם אליין שיער נישט איינגעשלונגען. איצט איז ער, אויסגעלייטערט אין יסורים, געקומען צוריק קיין ירושלים; ער האט אבער טרויעריגע ערפאהרונגען געמאכט אין דער לעצטער צייט. פון זיינע גרויסע פלענער, צו פיהרען נייע מלחמות, איז גארנישט געווארען. פאר דוד'ן זענען שוין איצט אנגעקומען די עלטערע יאהרען, און ער האט זיך אינגאנצען געווידמעט די אינערליכע אינטערעסען פון דער מלוכה. א געדאנק, וועלכען ער האט, מעגליך, שוין פון לאנג־אן געטראגען אין הארצען, האט ער איצט געוואלט פערווירקליכען פאר זיין טויט. ער האט געוואלט אויפבויען א הערליכען בית־המקדש פאר'ן גאט פון ישראל.

איידער ער איז אבער צוגעטראטען אויסצופיהרען דעם דאזיגען פלאן, האט ער זיך געהאלטען אן עצה מיט'ן נביא נתן. דער נביא איז דאמאלס געשטאנען העכער פאר'ן כהן גדול. „איך וואהן אין א פעסטען הויז, געבויט פון צעדערבוימען — האט דוד געזאגט — וועהרענד דער ארון מיט די לוחות, וואס גאט האט אונז געגעבען, געפינט זיך נאך אלץ אין א בעוועגליכען געצעלט. איך וויל פאר איהם אויסבויען א בית־המקדש פון צעדער־האלץ“. דער פלאן איז געפעלען געווארען דעם נביא נתן, ער האט אבער ערקלערט דעם קעניג אין גאט'ס נאמען, אז נישט ער דארף בויען א בית־המקדש פאר גאט, וויל ער האט פיעל בלוט פערגאסען אין זיין לעבען. די דאזיגע אויפגאבע וועט ערפילען זיין זוהן. צוזאמען דערמיט האט דער נביא אויך מודיע געוועזען דעם קעניג דוד, אז זיין טהראן וועט שטעהן א לאנגע צייט, און א רייהע פון מלכים, וועלכע וועלען פון איהם ארויסקומען, וועלען קעניגען ביי אידען, אויב זיי וועלען נאר אבהיטען גאט'ס געבאטען. ווי ווארים דוד האט נישט גע־שפירט דעם פערלאנג, דעם בית־המקדש אליין צו בויען, האט ער זיך דאך אונטערגעגעבען דעם נביא'ס רעד, וועלכער האט גערעדט צו איהם אין גאט'ס נאמען, און האט זיך אבגעזאגט פון זיין פלאן. און שמער־

הענדיג פאַר'ן אָרון, האָט דוד אין וואַרימע ווערטער, טיעף גערידהרט, ארויסגעזאָגט זיין דאַנק צו גאָט, וואָס ער האָט איהם דערהויבען פון דער ניעדריגקייט און געמאַכט צום ערשטען קעניג און אידישען פאָלק; בעזונדערס אָבער האָט דוד געדאַנקט דערפאַר, וואָס גאָט האָט איהם גע־לאָזט צוזאָגען, אַז זיין טהראָן וועט לאַנג שטעהן ביי'ם אידישען פאָלק. די דאָזיגע געפיהלען האָט דוד אַרויסגעזאָגט אין אַ תהלים־געזאַנג, וועלכער איז, ווי עס שיינט, געוועזן זיין לעצטער.

אויב דוד האָט אויך נישט אָנגעהויבען אַליין צו בויען דעם בית־המקדש, האָט ער דאָך אָבער געמאַכט די פאָרבערייטונגען דערצו. פונ'ם רויב, וועלכען ער האָט געמאַכט ביי די פרעמדע פעלקער אין זיינע מלחמות, האָט ער געווידמעט אַ גרויסען טהייל דעם בית המקדש. אויך דעם סדר פונ'ם גאָטעס־דיענסט האָט דוד, בלי ספק, אַליין צוזאַמענגע־שטעלט. דוד איז אויך געהאַלטען געוואָרען פאַר'ן ערפינדער פון פיעל מוזיקאַלישע אינסטרומענטען, וועלכע מען האָט פיעל שפּעטער איינגע־פיהרט צו געברויכען ביי'ם גאָטעס־דיענסט אין בית־המקדש.

דוד'ס כחות האָבען אָנגעהויבען שוואַכער צו ווערען, נאָך איידער ער האָט דערגרייכט דאָס זיעבציגסטע יאָהר. דאָס שווערע לעבען אין דער יוגענד, די גרויסע מלחמות, די טרויעריגע געשעהענישען אין זיין הויז, אמנון'ס שענדליך פערברעכען, אבשלום'ס בונט — דאָס אַלץ האָט דוד'ן פריה׳ אַלט געמאַכט. זיין לייב האָט פערלוירען די נאַטירליכע וואַרימקייט: אינ'ם הייסען קלימאַט פון ירושלים איז דוד'ן קאַלט געווען, און די וואַרימע דעקעס האָבען נישט געקאָנט איהם געבען יענע וואַרימ־קייט, וואָס זיין נאַטור האָט פערלוירען. די דאָזיגע שוואַכקייט פונ'ם קעניג האָט אויסגענוצט דוד'ס פיערטער זוהן, אדוניהו, כדי צו בעקומען פאַר זיך דעם טהראָן. נאָך דעם טויט פון אמנון און אבשלום האָט ער געהאַט דאָס נאָהענטע רעכט אויפ'ן טהראָן. ער האָט אָבער מורא געהאַט, אַז אויב ער וועט אָבוואַרטען, ביז זיין פאָטער וועט שטאַרבען, וועט דעם טהראָן פערנעהמען אַנ'אַנדערער. אדוניהו האָט נישט געוואָלט שטעלען זיך געגען זיין פאָטער, ווי אבשלום, ער האָט נאָר געוואָלט, אַז מען זאָל איהם געזעצליך אָנערקענען פאַר אַ קרוינפּרינץ. ער האָט דעריבער אָבגעהאַלטען אַ בעראַטונג מיט יענע דוד'ס לייט, וועלכע זענען געוועזן געגנער פון זיין ברודער שלמה, בעזונדערס, מיט יואב'ן, וועלכער האָט איהם געשטיצט; אדוניהו'ס צווייטער פריינד איז געווען דער כהן אביתר, וועלכער איז, ווי עס שיינט, דורך דוד'ן ניעדעריגער געשטעלט געוואָרען, ווי דער כהן צדוק.

אין קעניגליכען הויף האָבען זיך ווידער אָנגעהויבען אינטריגעס. אדוניהו איז אויך אַזוי שעהן געווען פון געשטאַלט, ווי אבשלום, און פיעל הערצער זענען איהם געוועזן וואַרים ערגעבען; ווי עס שיינט, איז ער

אָבער אויך אַזוי, ווי אַבשלום, געווען אונבעדאַכט און נישט פֿעהיג צו רעגירען. דוד איז געגען איהם אויך אַזוי שוואך געווען, ווי געגען אַבשלום׳ן, און האָט איהם נישט געשטערט, צו שפּיעלען די ראָליע פֿון אַ קרוינפּרינץ. דורך זיין שווייגען האָט איהם דוד אַנערקענט פֿאַר אַ קינפֿטיגען מלך ביי אידען. אין אַ געוויסען טאָג האָט אדוניהו איינגעלאַדען צו זיך אויף אַ מאָהלצייט אַלע זיינע פֿריינד און געטרייע פֿער־זאָנען, ווי אויך אַלע זיהן פֿונ׳ם קעניג, אויסער שלמה׳ן. דער מאָהלצייט האָט געדאַרפֿט פֿאָרקומען אין עין רגל, אין דרום־מזרח זייט פֿון ירושלים. ווען די געסט זענען זיך צוזאַמענגעקומען, האָט מען אויף אַ שטיין דאַנק־קרבנות געבראַכט און בשעת דעם מאָהלצייט האָבען אַדוניהו׳ס פֿריינד, לויט ווי מען האָט פֿריהער אָבגערעדט, אויסגערופֿען: „לעבען זאָל דער קעניג אדוניהו!“ וועגען דעם האָט מען זיך באַלד דערוואוסט אין קעניג־ליכען פּאַלאַץ, נאָר דוד אַליין האָט דערפֿון גאָרנישט געוואוסט, ווייל צוליעב דעם, וואָס ס׳איז איהם שטענדיג קאַלט געווען, איז ער געלעגען אין בעט אין זיין צימער, אָבגעזונדערט פֿונ׳ם הויף־לעבען.

דער ערשטער, וועלכען די נייע געשעהעניש איז נישט געפֿעלען געווען, איז געווען דער נביא נתן. ער האָט געוואוסט דעם סוד, אַז דוד האָט געשוואָרען זיין פֿרוי בת־שבע, דאָס דער טהראָן וועט געהערען איהר זוהן, שלמה׳ן. דער נביא איז דעריבער געקומען צו בת־שבע׳ן און האָט איהר דערצעהלט, וואָס עס איז פֿאָרגעקומען ביי אדוניהו׳ן, דערביי האָט דער נביא איהר געראַטען, וואָס זי זאָל טהון. בת־שבע איז באַלד געקומען צום קעניג און האָט איהם דערמאָהנט אָן זיין שבועה וועגען דעם טהראָן; זי האָט איהם אויך אויפֿמערקזאַם געמאַכט, דאָס אין פֿאַל, אויב אדוניהו זאָל קעניג ווערען, וועלען זי און איהר זוהן שלמה די ערשטע פֿאַלען פֿאַר אַ קרבן, און דוד׳ס חתונה מיט איהר וועט פֿאָרגע־שטעלט ווערען אַלס אַ שענדליכע טהאַט. ווי נאָר בת־שבע האָט מיט טרעהרען געענדיגט שילדערן, וואָס פֿאַר אַ טרויעריגע צוקונפֿט עס ערוואַרטעט איהר, אויב שלמה וועט נישט זיין מלך נאָך דוד׳ן, איז אַריינגעקומען צום קעניג אויך דער נביא נתן און האָט איהרע רעד בעשטעטיגט. דוד האָט זיך שנעל בעשלאָסען און אויסגעפֿיהרט זיין בעשלוס טאַקי אין דעמזעלביגען טאָג. דוד האָט דורכאויס געוואָלט בלייבען געטריי זיין שבועה און איבערגעבען דעם טהראָן בת־שבע׳ס זוהן, שלמה׳ן. ער האָט געלאָזט רופֿען צו זיך זיינע שרים, וועלכע זענען נישט געווען פֿערבונדען מיט אדוניהו, און האָט זיי ערקלערט זיין ווילען, צו זאַלבען שלמה׳ן פֿאַר אַ מלך נאָך ביי זיין לעבען. די פֿערזאַמעלטע האָבען אַלע פֿייערליך געשוואָרען צו אַנערקענען שלמה׳ן פֿאַר אַ מלך. דאַן האָט דוד בעפֿוילען זיין מחנה, די כרתי און פלתי, צו פֿערזאַמלען זיך און בעגלייטען שלמה׳ן, וועלכער איז געריטען אויף אַ קעניגליכען מוילעזעל פֿון ציון אין טהאָל גיחון אין מערב זייט פֿון שטאָדט. די

אַנפיהרער פון דער מחנה זענען געווען: דער כהן צדוק און בניהו בן יהוידע; מיט דער מחנה איז אויך מיטגעגאַנגען אַ גרויסער המון, און ווען דער כהן גדול, צדוק, און דער נביא, נתן, האָבען געזאַלבט שלמה'ן פאַר אַ מלך פון אַ קריגעל בוימאייל, וועלכע מען האָט געהאַלטען אין היילינגען געצעלט ביי'ם אָרון, האָבען די סאָלדאַטען געבלאָזען מיט די שופרות און דאָס אַנוועזענדע פאָלק האָט אויסגערופען: „לעבען זאָל דער קעניג שלמה!" יענעם טאָג האָט אין ירושלים געהערשט גרויס אויפרעגונג: אויף די מזרח־בערג האָבען געהילכט די שטימען: „לעבען זאָל דער קעניג אדוניהו!" און די מערב־בערג האָבען געענטפערט מיט אַ ווידערקלאַנג: „לעבען זאָל דער קעניג שלמה!" און ווען די אַנהענגער פון ביידע זיתן פון קעניג וואָלטען זיך פעסט געהאַלטען יעדער ביי זיינע רעכטע, וואָלט עס ווידער געקומען צו אַ בירגער־קריעג. אָבער אדוניהו איז נישט געווען אבשלום, און מאַכען אַן אויפשטאַנד געגען דעם פאָטער און קעניג האָט ער נישט געוואָלט. ווייבאַלד נאָר ער האָט זיך דער־וואוסט, אַז זיין ברודער שלמה איז, לויט'ן בעפעהל פון קעניג דוד, געזאַלבט געוואָרען פאַר אַ קעניג, האָט ער דעם מוט פערלוירען, און געאיילט צום מזבח, נעמען דעם אָרון אויפ'ן באַרג ציון, כדי צו בעשיצען זיך דאָרט*). שלמה, וועלכער האָט באַלד נאָך זיין זאַלבונג גענומען די מלוכה־געוואַלט אין די הענד, האָט איהם געשיקט זאָגען, אַז מען וועט איהם קיין האָר נישט אַנריהרען, כל־זמן ער וועט קיין פערברעכען נישט בעגעהן. דאַן איז אדוניהו געקומען צום יונגען קעניג און האָט איהם אַנערקענט פאַר אַ מלך און געבוקט זיך פאַר איהם; שלמה האָט איהם מיט זיין חסד געלאָזט פריי. דערמיט האָט זיך געענדיגט דער שטרייט וועגען דעם טהראָן.

דוד'ס שוואַכקייט איז געוואָרען אלץ גרעסער און נאָך אַ קעניגען אין אַ משך פון פערציג יאָהר מיט זעקס חדשים, איז ער ענדליך גע־שטאָרבען. (אין יאָהר 1087 פאַר'ן חורבן פון צווייטען בית המקדש, 1017 פאַר דער געוועהנליכער צייט־רעכענונג). דוד איז געווען דער ערשטער פון די געזאַלבטע אידישע מלכים, וועלכער איז געקומען צו קבורה אין די קברים פון די מלכים פון דוד'ס הויז, וועלכע דוד האָט געלאָזט אויסבויען אונטער'ן באַרג ציון אין דרום־זייט אין אַ שטיינערנער הייהל.

דאָס אידישע פאָלק האָט דוד'ס טויט בעטרויערט, דען דוד האָט דאָס פאָלק געמאַכט זעלבסטשטענדיג, גרויס און גליקליך. דער טויט האָט געהייליגט זיין אַנדענקען; זיינע פעהלערען האָט מען בילעכוויז פערגעסען, ובפרט, אַז ער אַליין האָט גאַנץ טייער בעצאָהלט פאַר זיי דורך זיין חרטה און גרויסע יסורים. די שפּעטערדיגע דורות האָבען בע־

*) לויט'ן אידישען דין, איז די פּערזאָן, וואָס געפינט זיך ביי'ם מזבח, הייליג און מען טאָר איהר נישט טהון קיין שאָדען, כל־זמן זי געפינט זיך דאָרט.

סער פערשטאנען צו אבצושאצען זיין הויכען ווערט און בעדייטונג, איידער די מענשען פון זיין צייט. צוליעב זיינע גרויסע מעשים, זיין מילדקייט און זיין ערגעבענהייט צו גאט, ווערט דוד בעטראכט, אלס א אידעאל פון א גרויסען קעניג, א צדיק, פאר אלע שפעטערדיגע דורות. דוד איז געווארען דער מאסשטאב, מיט וועלכען מען האט געמאסטען די שפעטערדיגע מלכים פון זיין הויז, אויב זיי זענען צו איהם גלייך געוועזען, אדער נישט. אין די שפעטערדיגע צייטען האט דוד'ס מלוכה־צייט בעקומען א גלאנץ, אלס די העכסטע פאלקסמע, אין וועלכער ס'האבען געהערשט רעכט און גערעכטיגקייט, גאטספירכטיגקייט און אחדות. מיט יעדען יאהרהונדערט איז דוד'ס בילד אלץ מעהר אידעאליזירט געווארען, און לסוף איז ער אנערקענט געווארען פאר א מוסטער פון א וואהלטעטיגען קעניג און פון א היילינען דיכטער

פיערטעס קאפיטעל
דער קעניג שלמה.

(פון 1087 ביז 1047 פאר'ן חורבן בית שני, אדער פון 1017 ביז 977 פאר דער געוועהנליכער צייט=רעכנונג).

דוד האט איבערגעלאזען די אידישע מלוכה אין אזא איבערגעצייכענטער ארדנונג, דאס זיין זוהן, וואס האט געקעניגט נאך איהם, האט געברויכט צו האבען נישט קיין בעזונדערס גרויסע טאלענטען, כדי צו קאנען פיהרען זי ווייטער; עס איז בלויז גענוג געוועזען, אז ער זאל נישט זיין קיין שוואכער קאפ, קיין פערברעכער, אדער א מענש, וואס זאל זיך לאזען פערפיהרען פון שלעכטע ראטגעבער. דער קעניג שלמה איז אבער אליין אויך געוועזען א גרויסער מענש און דעריבער האט ער אויפגעטהון פיעל מעהר: ער האט דערהויבען דאס לאנד צו אזא הויכען גלענצענדען צושטאנד, וועגען וועלכען מען האט פריהער גאר נישט געקאנט טראכטען. ווען א קעניג האט אפילו אליין נישט געגרינדעט די קראפט און דעם כבוד פון א מלוכה, נאר ער האט זיי בעפעסטיגט און פערגרעסערט; ווען ער האט דערביי מעגליך געמאכט, אז זיין פאלק זאל קאנען לעבען אין פריעדען, און האט נאך דערצו מיט א וואהלטעטיגער האנד געעפענט זיינע גרויסע אוצרות פאר'ן גאנצען לאנד; ווען א קעניג עפענט נייע וועגען פאר זיין פאלק און גיעט איהם די פולע מעגליכקייט, צו ענטוויקלען אלע זיינע כחות, און שטיצט נאך אויך די דאזיגע שטרעבונג פון פאלק מיט גרויסע מיטלען; ווען א קעניג האט נאך צו אלעם דעם פערשטאנד צו דערהויבען אויך דאס קולטורעלע שטרעבען פון זיין פאלק און וועקט אליין ביי'ם פאלק דאס געפיהל אין

פֿערשטאַנד פֿאַר גרויסע שענהײטס־ווערק, און ווען, ענדליך, דער קעניג דערהויבט זײַן לאַנד דורך זײַן רעגירונג, דורך זײַנע מאַטעריעלע און גײַסטיגע שעפּפֿונגען, צו אַ מוסטערהאַפֿטער מלוכה, ווי דאָס איז פֿאַר איהם קײנמאָל נישט פֿאָרגעקומען — געווים, אַזאַ קעניג פֿערדיענט דעם הויכען שבח, וואָס די שפּעטערדיגע וועלט האָט איהם געגעבען. זעהענדיג די גרויסאַרטיגע מעשים, וועלכע אַזאַ קעניג האָט אויפגעטהון, ווערט דאָס אויג, ווי אונטערגעקויפֿט, אַז עס זאָל גאָרנישט זעהען זײַנע שוואַכקײטען, און בעטראַכט זיי אַלענפֿאַלס אַלס אַ נויטווענדיגקײט, וועלכע שטאַמט דערפֿון, וואָס דעם מענשענס האַראַקטער איז בכלל אײַנפֿאַלקאָם. אָט די אַלע גרויסע שטריכען אין דער טעטיגקײט און אין לעבען פֿון אַ קעניג געפֿינען מיר אין שלמה׳ן. ער האָט זײַן פֿאָלק געלאָזען לעבען אין פֿריעדען, האָטש ס׳איז איהם נישט שווער געווען מיט די שטאַרקע מיטלען, וועלכע זײַן פֿאָטער דוד האָט איהם איבערגעלאָזען, צו פֿיהרען גרויסע מלחמות און אײַננעהמען נײַע לענדער, כדי זײַן מלוכה צו פֿערגרעסערען, און אָט דערפֿון איז איהם אויך געבליבען מיט רעכט זײַן נאָמען: שלמה, דאָס הײסט, דער קעניג, וואָס דער פֿריעדען איז זײַנער. ער האָט זײַן פֿאָלק געהאָלפֿען, אַז עס זאָל קאָנען לעבען אין וואוילשטאַנד, און דאַדורך האָט ער עס בעפֿרײַט פֿון געדריקטקײט און ענגשאַפֿט; ער האָט רעגיערט איבער׳ן פֿאָלק מיט חכמה און גערעכטיגקײט, און די מחלוקת צווישען פּריוואַטע פּערזאָנען, ווי אויך צווישען די שבטים האָט ער אונפּאַרטײַאיש גע׳משפּט; ער האָט אינ׳ם לאַנד אויסגעבויט פֿיעל שטעדט און געזאָרגט דערפֿאַר, אַז די קאַראַוואַנען זאָלען קאָנען זיכער זײַן פֿון רויבער אויף די וועגען; די שטאָדט ירושלים האָט ער בעפּוצט מיט רײַכע געבײַדעס און אַ בית־המקדש האָט ער דאָרט אויסגעבויט, גאָט׳ס נאָמען בעריהמט צו מאַכען. ער איז אויך אַליין געווען אַ גרויסער דיכטער און האָט דאַדורך דערהויבען דעם גײַסט פֿון זײַן פֿאָלק.

דער אָנפֿאַנג פֿון שלמה׳ס רעגירונג איז אָבער נישט געווען רײן פֿון בלוטיגע פֿלעקען, און דער סוף — נישט אָהן שווערע וואָלקענס. שלמה האָט פֿערוואַנדעלט זײַן מלוכה אין אַ שטרענג דעספּאָטישע, וואו אַלעמענס ווילען מוז זיך בויגען פֿאַר זײַן אײַנציגען ווילען. דערמיט האָט ער אויפ׳ן פֿאָלק אַרויפגעלעגט אַ יאָך, וועלכעס דאָס פֿאָלק האָט אפילו לאַנג געטראָגען; מען האָט עס אָבער אַראָבגעוואָרפֿען פֿון זיך ביי דער ערשטער געלעגענהײט. שלמה׳ס דעספּאָטיזם איז אָבער נישט געווען גלײַך צו יענעם דעספּאָטיזם, וועלכער האָט געהערשט אין מצרים און האָט דאָרט אָבגעטויט אין פֿאָלק יעדע שטרעבונג צו פֿרײַהײט, מאַכענדיג דאָס פֿאָלק פֿאַר נידעריגע קנעכט, וואָס ערלויבען זיך נישט אָנאײַגען וואָרט אַרויסצוזאָגען.

שלמה איז נאָך געווען אַ יונגערמאַן, ווען ער איז קעניג געוואָרען,

פֿילײַכט סך־הכל א יאָהר צוואַנציג אַלט. אָבער שוין אין די דאָזיגע יונגע יאָהרען, האָט ער זיך שוין געשטעלט א גרויסען ציעל — צו דערהויבען דעם כבוד פון אידישען פאָלק. ווען ער איז באַלד, ווי ער איז קעניג געוואָרען, געקומען קיין גבעון און דאָרט בײַ'ם מזבח תפלה געטהון, האָט ער געבעטען בײַ גאָט נישט קיין לאַנג לעבען, נישט קיין עשירות, נישט קיין כבוד, נאָר חכמה, כדי צו קענען משפט'ן זײַן פאָלק אין גערעכטיגקײַט. די דאָזיגע חכמה, דער טאַלענט צו פערשטעהן די שטימונג און דעם גײַסטיגען צושטאַנד פון די פּאַרטײַען, דעם ריכטיגען צושטאַנד פון דער זאַך און צו דערקענען דעם אמת אין די פערוויקעלטסטע ענינים — אָט דעם טאַלענט האָט שלמה געהאַט אין א הויכער מאָס. שלמה'ס משפט איז בעוואוסט און בעריהמט געווען אין דער וועלט. דורך אַנ'אורטײל, אין וועלכען ס'האָט זיך געמוזט הויך אַרויסווײַזען דאָס אמת־מוטערליכע געפיהל, האָט ער דערקענט אין א מחלוקת צווישען צוויי ווײַבער, וועמען פון זיי דאָס קינד געהערט, וועלכע פון זיי זאָגט אמת, און וועלכע שקר. — בכלל איז שלמה'ן זעהר טײַער געווען דאָס רעכט און די גערעכטיגקײַט; אין זײַן מלוכה האָט קײנער נישט געדאַרפט לײַדען קיין אונגערעכטיגקײַט. און אויב מען קאָן אפשר האָבען א ספק, אויב דער מאמר: „דורך גערעכטיגקײַט ווערט דער טהראָן בעפעסטיגט“ — שטאַמט טאַקי פון שלמה'ן גופא, איז ער אָבער אַרויסגעזאָגט געוואָרען געווים אין שלמה'ס גײַסט.

שלמה'ס חכמה ווערט געריהמט אויך פון אַנ'אַנדער זײַט — זײַנע בעשעפטיגונגען מיט דער דיכטער־קונסט (פּאָעזיע). שלמה איז געווען, ערשטענס, בעריהמט דורך זײַנע פאַבעלען (משלים). ער האָט אַנגעהויבען אַנצוווענדען אין דער פאַבעל „די הויכע צעדערען פון לבנון און די נידעריגע געוויקסען אונטער א וואַנד“, אַלס א סימבאָלישע בילד פון דאָס העכסטע און דאָס נידעריגסטע; דעסגלײַכען האָט ער אויך אַרײַנגענומען אין דער פאַבעל די פיער־פיסיגע חיות, די הויך־פליהענדע פויגלען און די קריכעדיגע ווערים, אפילו אויך די שטומע פיש, אַלס רעדעוודיגע און דענקענדע בעשעפעניש מיט אַנ'אײגענעם כאַראַקטער.

א וויכטיגער אומשטאַנד האָט געבראַכט שלמה'ן צו א פערברעכען אין די ערשטע טעג פון זײַן רעגירונג. שלמה איז געווען דער יונגערער זוהן פון קעניג און ער איז געוואָרען מלך געגען דעם געזעץ פון ירושה־רעכט, ווערהענד זײַן עלטערער ברודער, אדוניהו, וועלכען א גרויסע פּאַרטײַ האָט שוין געהאַט אויסגערופען פאַר א קעניג, האָט אין די אויגען פון פאָלק געהאַלטען פאַר'ן געזעצליכען יורש פון טהראָן. אדוניהו האָט דעריבער געמוזט פערשווינדען: דער אַנפיהרער פון דער קעניגליכער לײַב־וואַך איז אַרײַנגעקומען צו איהם אין צימער און האָט איהם דער'הרג'עט. ווען אדוניהו איז געפאַלען, האָט זײַן בעשיצער, דוד'ס העלד, יואָב, פערשטאַנען, אַז אויך זײַן לעבען איז אין סכנה. דער גרוי־

סער פעלדהערר, וועלכער האט אזוי פיעל מיטגעווירקט ביי'ם דערהויבען דעם כבוד פון אידישען פאלק און פון דוד'ס טהראָן, האט איצט געמוזט זעהען א בעשיצונג פאר זיך ביי'ם מזבח אויפ'ן בארג ציון, און ווי א פערברעכער, האט ער זיך אן איהם פעסט געהאלטען, כדי צו ראטעווען זיך פון טויט. בניהו האט אבער איהם נישט געשוינט און זיין בלוט פערגאָסען. דעם כהן גדול פון אדוניהו'ס אנהענגער, אביתר, האט שלמה נישט געוואגט צו לאזען דער'הרג'ענען, מען האט אבער ביי איהם צוגענומען די כהונה גדולה — דאס רעכט צו זיין כהן גדול. צדוק איז פון דאמאלס אן געווען דער איינציגער כהן גדול, און די כהונה גדולה איז פערבליבען אין זיין משפחה העכער טויזענד יאהר. אויך דער מענש פון בנימין, שמעי, וועלכער האט אבגעלאכט פון דוד'ן און געשאלטען איהם, ווען ער איז ענטלאפען פון אבשלום'ן, האט שלמה געלאזט דער'הרג'ענען, חאטש דוד האט איהם זיין פערברעכען מוחל געווען. און ערשט נאך דער ערמאָרדונג פון יואב, אדוניהו און שמעי האט שלמה זיך דערשפירט זיכער אויפ'ן טהראָן.

קודם כל האט שלמה געפינען פאר נויטיג ארומצוצירונגלען זיין קעניגליכען טהראָן מיט א גלענצענדער פראכט, ווי עס פאסט פאר א גרויסען קעניג, וואס זיין מאכט דערגרייכט פון דער גרעניץ פון לאנד מצרים ביז דעם טייך פרת. צום גלענצענדען כבוד פון א קעניג איז אין יענער צייט נויטיג געווען, אז ער זאל האבען פיעל שענע פרויען. שלמה האט דעריבער זיך אויסגעקליבען א הארעם, אין וועלכען ער האט אריינגעבראכט זעהר פיעל שענע פרויען. שלמה'ס ערשטע פרוי, נעמה (די זיסע), איז געווען א טאכטער פונ'ם קעניג פון עמון. מעהר פאר אלץ איז אבער שלמה שטאלץ געווען מיט זיין שידוך, וואס ער האט געטהון מיט דער טאכטער פון עגיפטישען קעניג פזוזענעס, וועלכער האט איהם אליין פארגעלעגט זיין טאכטער פאר א ווייב. שלמה האט געהאלטען דעם דאזיגען שידוך פאר א גליקליכען פאליטישען שריט, וויל דורך דער מחותנ'עשאפט מיט'ן מלך פון מצרים האט ער גערעכענט, אז ער וועט שטארק דערהויבען די קראפט פון זיין לאנד און דעם כבוד פון זיין קעניגליך הויז. פזוזענעס'עס טאכטער האט מען, פערשטעהט זיך, געבראכט קיין ירושלים מיט גרויס פאראד און כבוד, און זי איז געווארען די הויפט־קעניגין אין שלמה'ס הארעם. שלמה האט עס בעטראכט פאר א חרפה פאר זיך, אז ער האט דער דאזיגער קעניגס־טאכטער נישט געקאנט געבען קיין בעזונדערען פרעכטיגען פאלאץ, ווארום וואס פאר א פנים האט געהאט דוד'ס פאלאץ פון צעדער־האלץ אויפ'ן בארג ציון אין פערגלייך מיט די ריעזען־געביידעס און פאלאצען פונ'ם קעניג פון מצרים! שלמה האט דעריבער אנגעהויבען טראכטען וועגען בויען א פרעכטיגען פאלאץ פאר פרעה'ס טאכטער.

דורך דעם שידוך מיט'ן קעניג פון מצרים האט מען איינגעפיהרט

אין אידישען לאַנד נייע זאַכען, וועלכע האָבען געהאַט זעהר אַ גרויסע בעדייטונג פֿאַר דער צוקונפֿט פֿון אידישען פֿאָלק. איינע פֿון זיי איז געוועזען דאָס אַריינפֿיהרען פֿון פֿיעל פֿערד און פּרעכטיגע וואָגענס פֿון מצרים. מיט חירום, דעם קעניג פֿון צור, האָט שוין דער קעניג דוד געשלאָסען פֿריינדשאַפֿט; שלמה האָט די דאָזיגע פֿריינדשאַפֿט פֿערשטאַרקט, און זי האָט מיטגעבראַכט זעהר גרויסע אונטערנעהמונגען. דער גרויסער האַרעם האָט געפֿאָדערט אויך פֿיעל דינער; שלמה האָט שטאַרק פֿערגרעסערט די צאָהל פֿון זיינע בעדינטע, פֿרויען און מאַנסלייט. בכלל האָט שלמה'ס גאַנצע סביבה זיך אויסגעצייכענט מיט גרויסער פּראַכט און שענהייט. די שליחים פֿון די אונטערטעניגע מלכים, וועלכע פֿלעגען קומען קיין ירושלים, צו ברענגען שלמה'ן די אָבצאָהלונגען, פֿלעגט מען אויפֿנעהמען מיט גרויסע צערעמאָניעס. שלמה האָט געהאַלטען פֿאַר זעהר וויכטיג די גרויסע קעניגליכע פּאַראַדען ביי אַלע אומשטענדען און געשעהענישען, און דאָס האָט געקאָסט פֿיעל געלד. פֿון וואַנען האָט אָבער שלמה געקאָנט בעקומען גרויסע סומעס געלד? קיין אייגענע לענדער און גיטער האָט ער פֿון זיינע עלטערן נישט גע'ירשענ'ט; די הוצאות האָט געמוזט געבען דאָס אידישע פֿאָלק.

בעזונדערס שטאַרק האָט שלמה פֿערגרעסערט די פּראַכט אַרום זיך דורך זיינע גרויסאַר...ע געביידעס. קודם כל האָט שלמה אָנגעהויבען טראַכטען וועגען אויפֿבויען אַ פּראַכטפֿולען בית־המקדש. שלמה האָט נישט געקאָנט בלייבען גלייכגילטיג, זעהענדיג, וואָס פֿאַר אַ גרויסע טעמפּלען ס'האָבען אויסגעבויט פֿאַר זייערע געטער די פֿעלקער, מיט וועלכע ער איז בעפֿריינדעט געוועזען, די פֿעניקיער און די עגיפּטער, וועהרענד אין זיין הויפּט־שטאָדט איז דער הייליגער אָרון נאָך אַלץ געשטאַנען אין אַ קליינעם געצעלט. און דעריבער האָט שלמה באַלד נאָך זיין בעשטייגען דעם טהראָן אָנגעהויבען מאַכען הכנות צו בויען דעם בית־המקדש. דער פּלאַץ דערצו איז שוין געוועזען אויסגעקליבען, דער באַרג מוריה, אין צפון־מזרח פֿון ירושלים, וואו דוד האָט געהאַט געבויט אַ מזבח און געבראַכט קרבנות, כדי די מגפה זאָל אויפֿהערען. אויך זילבער און גאָלד איז געוועזען דערויף גענוג אָנגעגרייט; געפֿעהלט האָבען נאָר בוי־מאַטעריאַלען, צעדער־האָלץ און שטיינער, וועלכע מען האָט געמוזט ברענגען פֿון דערווייטענס. שטיינער איז אפילו געוועזען אַרום דער הויפּט־שטאָדט ירושלים גאַנץ גענוג, אָבער ריגעלמעסיגע פֿירקאַנטיגע שטיינער, וואָס זאָלען טויגען צום בויען, האָט מען געמוזט ערשט אויסהאַקען פֿון אונטער דער ערד אין די שטיינערנע בערג. און וואו נעהמט מען אַזוי פֿיעל אַרבייטער, וואָס זאָלען טויגען צו דער שווערער אַרבייט פֿון אויסהאַקען טיעף אין דער ערד שטיינער, בעאַרבייטען זיי און ברענגען אויפֿ'ן אָרט? פֿון זיין שוועהר, דעם עגיפּטישען קעניג פּזוזענעס, האָט שלמה געלערנט, מיט וואָס פֿאַר אַ מיטלען מען קאָן בעקומען אַרבייטער

אהן גרויסע הוצאות. אין ארץ ישראל האבען נאך געוואהנט טייל מענ־שען, איבערגעבליבענע פון די כנען־פעלקער. שאול האט אפילו אנגע־הויבען זיי פערניכטען אינגאנצען, אבער צוליעב זיינע רדיפות געגען דוד'ן, מיט וועלכע ער איז געווען פערנומען און די לעצטע יאהרען פון זיין קעניגען, האט ער נישט בעוויזען צו פערענדיגען די דאזיגע אונ־טערנעהמונג. דוד אבער האט די כנען־איינוואהנער געלאזט צורוה, ווייל זיי האבען געלעבט אין פריעדען מיט אידען און האבען איהם געטריי געדיענט אין זיינע מלחמות געגען די פלשתים און אנדערע פעלקער. וואס שטארקער ס'איז געווארען דאס אידיש פאלק, אלץ וועניגער שאדען האבען איהם געקאנט ברענגען אט די פרעמדע אלטע איינוואהנער פונ'ם לאנד. פונדעסטוועגען האט שלמה פלוצלונג אלע איבערגעבליבענע מענשען פון די אמאליגע פעלקער חתים, אמורים, פריזים און יבוסים, וועלכע דוד האט ערלויבט צו וואהנען הינטער די מויערען פון ירושלים, ערקלערט פאר קנעכט און געצוואונגען זיי צו שווערער ארבייט. פון די דאזיגע פעלקער זענען נאך דאמאלס איבערגעבליבען 150 טויזענד ארבייטס־פעהיגע מענשען און שלמה האט זיי געמאכט פאר געמיינע ארבייטער. העכער דריי טויזענד אידישע אויפזעהער האט ער געשטעלט איבער זיי, כדי צו צווינגען זיי צו ארבייטען. איבער די אויפזעהער האט שלמה געשטעלט אנ'אויבער־אויפזעהער, אדונירם. אכציג טויזענד פון די דאזיגע ארבייטער זענען געווען בעשעפטיגט ביי'ם אויסהאקען שטיינער פון די בערג, וואו די ארבייט איז געפיהרט געווארען טאג און נאכט ביי דער בעלייכטונג פון לאמפען; אונטער דער אנווייזונג פון פאך־לייט פון ביבלאס (גבלים) האט מען ארויסגעהאקט פון דער טיעפעניש פון די בערג שווערע שטיינער (קוואדערען), וועלכע מען האט ארומגעהאקט אין די קאנטען און געשליפען, כדי זיי זאלען זיך צופאסען גוט איינע צו די אנדערע. זיעבציג טויזענד פון די פערקנעכטעטע ארבייטער זענען געווען בעשעפטיגט ביי'ם ארויסהויבען די שטיינער פון אונטער דער ערד און ברענגען זיי אויפ'ן ארט פון דער געביידע.

צעדערן־ און ציפרעסען־האלץ אויף צו בויען דעם בית־המקדש האט גע־ליעפערט דער קעניג פון צור, חירום, שלמה'ס פריינד. אויפ'ן בארג לבנון האט מען די בוימער אויסגעהאקט, פון דארט האט מען זיי געבראכט קיין צור אדער אין אנ'אנדער ארט ביי'ם ברעג ים, וואו מען האט זיי צונויפגעבונדען אין פראמען און געפיהרט אויפ'ן וואסער מיט'ן ים קיין יפו. פון דארט האט מען דאס געהילץ מיט גרויסער מיה געפיהרט אי־בער בערג און טהאלען קיין ירושלים.

וועלכע ארבייטער האט מען אנגעווענדעט ביי דער ארבייט פון האַ־קען די בוימער און טראנספארטירען זיי אויפ'ן ארט? די קנעכט פון כנען זענען וועניג געווען דערצו. און דעריבער האט שלמה פערוועדעט אידען. יעדען מאנאט פלעגט מען ארויסשיקען צו צעהן טויזענד פרישע

אידישע ארבייטער אין די וועלדער פון לבנון, כדי דארט די בוימער אויסצוהאקען און ברענגען זיי קיין ירושלים. ווען דער מאנאט פלעגט אריבער, פלעגען די ארבייטער זיך לאזען אומקעהרען צוריק אהיים, און אנדערע צעהן טויזענד אידישע ארבייטער פלעגען, אנשטאט זיי, געשיקט ווערען פון ארץ־ישראל.

פון קעניג חירום האט מען נישט געקאנט פערלאנגען, אז ער זאל ערלויבען אומזיסט אויסצוהאקען זיינע צעדער־וועלדער אויפ'ן לבנון און שיקען זיינע בוי־קינסטלער און מויער־מייסטערס אהן געצאהלט. פאר די אלע דאזיגע זאכען האט שלמה געצאהלט חירום'ן פאר דער גאנצער צייט, וואס די ארבייט האט געדויערט, מיט'ן שיקען איהם יעדעס יאהר ווייץ, וויין און בוימאייל. ס'איז קיין ספק נישט, אז אויך אט די פראדוקטען האט מען ביי'ם אידישען פאלק גענומען אין דער פארם פון אנ'אבצאהל, וואס מען האט אויף איהם ארויפגעלעגט. אבער אויך גאלד האט חירום געדארפט געבען אויף צו בעפוצען דעם בית־המקדש פון אינוועניג, דען שלמה האט נאך דאן נישט געהאט קיין פלאט (שיפען), צו ברענגען אליין גאלד פון לאנד אופיר. פאר'ן ליעפערען דאס גאלד האט שלמה געמוזט אבטרעטען חירום'ן צוואנציג שטעדט אויף דער גרעניץ פון פעניקיען, וועלכע האבען געהערט צום שבט אשר. די שטעדט זענען געווען אזעלכע נישט־וויכטיגע, אז זיי זענען חירום'ן נישט בעזונדערס געפעלען געוואָרען; פאר'ן אידישען לאנד איז דאס אבער געווען א פערלוסט, דען דער אידישער באדען איז איבערגעגאנגען צו א פרעמד פאלק. חירום האט די צוואנציג שטעדט בעזעצט מיט איינוואהנער פון פערשיעדענע פעלקער, און דעריבער האט דער קאנט בעקומען דעם נאמען „גליל הגוים“—דער קרייז פון די פעלקער, אדער קורץ „גליל“, ווי מען האט איהם גערופען שפעטער.

ווי נאר מען האט די שטיינער און דאס האלץ צוגעפיהרט צום בעשטימטען ארט, וואו מען האט געדארפט בויען דעם בית המקדש—אנ'ארבייט, וועלכע האט געדויערט דריי יאהר—האט מען אנגעהויבען בויען דעם בית המקדש אונטער דער אויפזיכט פון פעניקישע קינסטלער־ארכיטעקטען און אין פעניקישען סטיל (ד. ה. לויט דער פארם און דעם כאראקטער פון די פעניקישע געביידעס) די וואנד האט מען געבויט פון גרויסע פיער־קאנטיגע שטיינער און זיי בעדעקט פון אינוועניג מיט צעדער־האלץ, אין וועלכען מען האט געמאכט שענע אויסשניצונגען און פיגורען פון פאלמען־בוימער און פון קינסטליכע בלומען־בעכערס. די דאזיגע פיגורען זענען געווען בעדעקט מיט גאלד. דער בית המקדש האט געהאלטען אין דער לענג זעכציג איילען, אין דער בריים—צוואנציג, און אין דער הויך—דרייסיג. די געביידע איז בעשטאנען פון פאלגענדע אבטיילונגען: פון „קדש הקדשים“ אדער „דביר“—די הייליגסטע אבטיילונג, א פיער־קאנטיגע געביידע פון צוואנציג אויף צוואנציג איילען, און פון דער

הייליגער אַבטיילונג, אָדער היכל, וועלכע איז געוועזן פֿירציג איילען לאַנג און צוואַנציג ברייט. אין „קדש הקדשים“, וועלכער איז, ווי עס שיינט, געשטאַנען העכער פֿאַר די איבריגע אַרומיגע געביידעם פֿון בית המקדש, זענען געשטאַנען צוויי כרובים, געשניצט פֿון איילבירט־האָלץ און בעדעקט מיט גאָלד; זיי זענען געוועזן צעהן איילען הויך און יעדער זייער פֿליגעל איז געוועזן פֿינף איילען לאַנג. ביי׳ם אַריינגאַנג אין בית המקדש איז געוועזן אַ פֿאָדער־געביידע (אולם), וועלכע האָט זיך געצויגען איבער דער גאַנצער ברייט פֿון בית המקדש. פֿאַר דער פֿאָדער־געביידע זענען געשטאַנען שענע צוויי סלופּעס פֿון קופּער, בעפּוצט מיט קרוינען; די סלופּעס האָבען געטראָגען די נעמען: יכין און בועז (די בעדייטונג פֿון די נעמען איז אונז איצט נישט בעוואוסט).

אין „קדש הקדשים“ זענען געשטאַנען בלויז די כרובים *), וועלכע האָבען אויסגעשפּרייט זייערע פֿליגלען איבער דעם ארון מיט די לוחות. קיין אַנדער זאַך איז דאָרט נישט געוועזן. אין בית המקדש, ד. ה. אין דער צווייטער געביידע נאָכ׳ן קדש הקדשים, וועלכע האָט געהייסען היכל, איז געשטאַנען נאָר אַ מזבח פֿון צעדער־האָלץ, פֿערגילדעט פֿון אַלע זייטען, פֿינף גאָלדענע מנורות רעכטס, און פֿינף לינקס און ענדליך—אַ גאָלדענער טיש מיט צוועלף הייליגע חלות, „לחם הפנים“, וועלכע זענען שטענדיג אויף איהם געלעגען.

דער בית המקדש איז געוועזן אַרומגערינגעלט מיט אַ געראַוימען הויף— די עזרה—וואו ס׳איז געשטאַנען אַ גרויסער מזבח, געבויט פֿון קופּער און אַ גאַנץ גרויסער וואַסער־בעקען, וועלכען מען האָט גערופֿען ים־הנחושת— דער קופּערנער ים — דער בעקען איז געוועזן אַרומגערינגעלט מיט אַ בלומען־בעכער, ווי פֿון רויזען, און האָט געהאַט אויך אַנדערע פֿערציערונגען. דער דאָזיגער וואַסער־בעקען איז געשטאַנען אויף צוועלף רינדער, אויסגעגאָסענע פֿון קופּער, וואָס יעדע דריי פֿון זיי זענען געווען געווענדעט מיט זייערע געזיכטער צו אַ בעזונדערער זייט.

אין בעקען, וואו די כהנים פֿלעגען מוזען וואַשען די הענד און די פֿיס יעדעס מאָל, ווען זיי פֿלעגען דאַרפֿען אַריינקומען אין היכל, צו טהון די עבודה, פֿלעגט דאָס וואַסער אַריינקומען, ווי עס שיינט, דורך קראַנען, וועלכע מען פֿלעגט ברויכען צו עפֿענען. צעהן קלענערע קופּערנע בעקענס פֿון זעהר קינסטליכע אַרבייט, זענען געשטאַנען אויף רעדער אין פֿאָדער־הויף, און מען פֿלעגט זיי מיט די רעדער פֿיהרען, וואוהין מען האָט געברויכט. שלמה האָט אויך געלאָזט פֿערפֿערטיגען פֿיעל גאָלדענע כלים פֿאַר׳ן בית המקדש, ווי אויך בעקענס פֿאַר די קרבנות און פֿאַר די קטורת (ווייהרויך). אויפֿ׳ן בית המקדש איז געוועזן אויסגעגאָסען אַ חן און

*) פֿויגלען מיט דעם געזיכט פֿון אַ מענשען.

אנ'עשירות פון אויסענווענינ און פון אינווענינ. די סלופעם אין פאדערהויף (אין דער עזרה) און דער גרויסער קופערנער וואסער-בעקען האבען געשם'ט פאר מייסטער-ווערק אין דער קונסט.

שלמה האט אויך געזארגט פאר דעם, אז מען זאל צוזאמען מיט'ן ברענגען קרבנות איינארדנען א גאטעס-דינסט מיט געזאנג און שפילען אויף מוזיקאלישע אינסטרומענטען. צו דעם דאזיגען צוועק האט שלמה געלאזט אויסארבייטען פון סאנדעל-האלץ הארפען און פיאלינען.

מיט גרויס פייערליכקייט און פאראד איז ענדליך פארגעקומען דער „חנכת הבית“, די היילינונג פונ'ם בית המקדש, נאכדעם ווי דאס בויען האט געדויערט זיבען יאהר. (1077 יאהר פאר'ן צווייטען חורבן). באשטימט האט מען דערצו דעם חדש, ווען ס'ענדיגט זיך די ארבייט אויף די פעלדער און אין די ווין-גערטנער. צו דער פייערונג האט שלמה איינגעלאדען די אנפיהרער פון אלע שבטים און די עלטסטע פון די משפחות; פון נאהנט און וויט זענען געקומען קיין ירושלים א גרויסער המון אידען כדי צו זעהען דעם וואונדערליכען בית המקדש און בייצוואהנען זיין עפנונג. די פייערונג האט זיך אנגעהויבען דערמיט, וואס מען האט אריבערגעפיהרט דעם ארון מיט די לוחות פון בארג ציון, פון דוד'ס פעסטונג אויפ'ן בארג מוריה און אריינגעבראכט איהם אין קודש הקדשים. די ביבעל דערצעהלט, אז ווי נאר אט דער ערשטער אקט איז פארגעקומען, האט א געדיכטער וואלקען איינגעהילט דעם גאנצען בית המקדש, אזוי אז די כהנים האבען נישט געקאנט ערפילען זייער דיענסט. אין דער דאזיגער ערשיינונג האט מען געזעהען א צייכען פון גנאד, וועלכען גאט האט בעוויזען — א סימן, אז גאט האט אבגעהייליגט פאר זיך דעם בית המקדש פאר אנ'ארט, וואו אידען זאלען איהם שטענדיג דיענען. די שטימונג פון די אנוועזענדע איז דעריבער געווען זעהר א געהויבענע און א רעליגיעזע. דער קעניג שלמה האט אין זיין התלהבות'דיגער און הארציגער תפלה געפונען דעם ריכטיגען אויסדרוק פאר די געפיהלען פון פאלק. „גאט האט צוגעזאגט צו רוהען אינ'ם וואלקען. געבויט האב איך פאר דיר, אה, גאט, א פעסטע וואהנונג, אנ'ארט, וואו דו זאלסט אייביג רוהען“.

דער בארג מוריה איז דורך דעם בית המקדש געווארען אויך אזוי הייליג, ווי דער בארג סיני, אויף וועלכען גאט'ס שטימע האט זיך געלאזט הערען פון א געדיכטען וואלקען. פון דאמאלס אן האט דאס פאלק געקוקט אויפ'ן בית המקדש מיט'ן גרעסטען געפיהל פון עהרע, ווי אויף אנ'ארט, וואו גאט רוהט שטענדיג, האטש ער איז אויך פול אויפ'ן הימעל און אויף דער ערד. פון בית המקדש האט דאס פאלק פון איצט אן אנגעהויבען ערווארטען זיכערע אנווייזונגען וועגען דעם וועג, וואס מען וועט ברויכען צו געהן, און די מעשים, וואס מען וועט ברויכען צו טהון. א נביא, וועלכער איז דערביי געווען, האט ערקלערט דעם קעניג שלמה אין גאט'ס

נאָמען פאָלגענדעס: „אויב דו וועסט לויט מיינע געזעצען לעבען און מיינע געבאָטען אָבהיטען, וועל איך ערפילען די הבטחה, וועלכע איך האָב געגעבען דיין פאָטער דוד".

צוזאַמען מיט דער „חנכת הבית" האָט זיך ביי אידען אויך איינגעאָרדענט די טעטיגקייט פון די כהנים אין אַזאַ מאַסשטאַב און פאָרם, ווי זי איז ניכט געווען פריהער ניכט אין שילה, ניכט דערנאָך אין'ם געצעלט נעבען אָרון אויפ'ן באַרג ציון. ערשט אין שלמה'ס צייטען האָט מען בעשטימט אַ כהן גדול, וועלכער איז געשטאַנען העכער פאַר אַלע כהנים, און מען האָט אויך איינגעפיהרט פערשיעדענע שׂררות און בעאַמטע צווישען די איבעריגע כהנים און לויים. פאַר אַ כהן גדול איז בעשטימט געוואָרען עזריה, צדוק'ס זוהן, *) נאָכדעם ווי זיין פאָטער איז געשטאָרבען. די איבריגע כהנים זענען זיינע געווען מיטהעלפער; פאַר די לויים האָט מען איינגעפיהרט אַ נייע אָרדנונג: איין טייל פון זיי פלעגט העלפען די כהנים ביי'ם ברענגען קרבנות, אַ צווייטער טייל פלעגט האַלטען די וואַך ארום דעם בית המקדש און אַ דריטער טייל, ענדליך, האָט געזונגען און געשפּיעלט אויף אינסטרומענטען, בשעת'ן גאָטעס-דיענסט.

ירושלים איז געוואָרען אין דער ווירקליכקייט די הויפּט-שטאָדט פון ארץ-ישראל ערשט נאָכדעם, ווי מען האָט אויסגעבויט דעם בית המקדש און איינגעפיהרט אין איהם אַ נייע אָרדנונג. יעדעס יאָהר פלעגען צום יום-טוב סכות קומען אַהער זעהר גרויסע מאַסען „עולי רגל", כדי צו זיין ביי'ם גאָטעס-דיענסט, וועלכער איז אין בית המקדש פאָרגעקומען אין אַ פיעל העכערער פייערליכקייט, ווי פריהער אויף די מזבחות ביי די פערשיעדענע שבטים.— בּיסלעכווייז איז ירושלים אויך געוואָרען אַ בעדייטענדע האַנדעלס-שטאָדט, וואו ס'האָבען זיך צום ערשטען מאָל בעוויזען אויף די מערק אויסלענדישע סחורות און זעלטענע זאַכען, און עס זענען געקומען אויסלענדישע סוחרים. דאָס האָט מיטגעווירקט, אַז אויך פון די שבטים זאָלען אַהינצוּ קומען קיין ירושלים אַלץ מעהר פרישע מענשען. ירושלים, די יונגסטע פון אַלע דאַמאָלסדיגע אידישע שטעדט, איז זיי אַלע אריבערגעשטיגען מיט איהר פראַכט, גלאַנץ, און עשירות. שלמה האָט געלאָזען ירושלים גוט בעפעסטיגען פון אַלע זייטען און אויך דער באַרג מוריה מיט'ן בית המקדש איז איינגעשלאָסען געוואָרען אין דער מויער, וואָס האָט זיך געצויגען ארום שטאָדט.

דאָס אויפבויען דעם קעניגליכען פּאַלאַץ האָט זיך געצויגען דרייצעהן יאָהר. אָבער דאָס איז געווען ניכט אַיין פּאַלאַץ, נאָר אַ גאַנצע רייהע פון געבייידעס, וואָס האָבען פערנומען אַ גרויסען שטח פּלאַץ אויפ'ן צפון-באַרג אין'ם שטאָדט-טייל מלוא. נעבען דעם אריינגאַנג אין קעניגליכען

*) פילייכט אַנ'עניקעל, וועלכער הייסט אויך ביי אידען „זוהן".

הויף איז געשטאנען „דאס הויז פון וואלד לבנון“, וועלכעס האט זיך אזוי גערופען צוליעב די פיעל סלופעס פון צעדער-האלץ, וועלכע זענען דא געווען. דא איז געשטאנען די קעניגליכע וואך, וועלכע איז בעשטאנען פון דריי הונדערט קעניגליכע בעגלייטער, אנגעטהון אין פאנצערען און בעוואפענט מיט שווערדען, וועלכע פלעגען שטענדיג מיטגעהן מיט'ן קעניג, ווען ער פלעגט אין בית המקדש געהן. נאך דער דאזיגער געביידע איז געשטאנען דער געריכטס-פאלאץ, אין וועלכען ס'האט זיך געפונען דער טהראן, וועלכער האט גע'שמ'ט פאר איינע פון די זעלטענסטע וואונדערליכע זאכען פון דער וועלט; ער איז געווען איינגאנצען געארבייט פון העלפאנד-ביין און בעדעקט מיט גאלד.

אין'ם דאזיגען אפענעם געריכטס-פאלאץ פלעגט שלמה אויסהערען די טענות און תביעות פון די פארטייען און ארויסזאגען זיין אורטייל. די אויפגאבע פון א ריכטער האט שלמה געהאלטען פאר איינע פון די הייליגסטע אין דער מלוכה און פאר דער וויכטיגסטער פפליכט פון קעניג. דא פלעגט שלמה אויך אויפנעהמען די שלוחים פון פיעל פרעמדע מלוכות, וועלכע פלעגען קומען צו איהם, כדי אבצוגעבען איהם כבוד, אדער צו שליסען מיט איהם א בונד. — א בעזונדערען פאלאץ האט שלמה געלאזט אויסבויען פאר זיך אליין און פאר זיינע דיענער און פרויען. די טאכטער פונ'ם קעניג פון מצרים, שלמה'ס הויפט-פרוי, האט געוואהנט אין א בעזונדער הויז, אבגעזונדערט פון די איבריגע פרויען און קעבס-ווייבער פונ'ם קעניג.

ווי עס שיינט, האט שלמה אויך אריינגעפיהרט אין ירושלים א וואסער-לייטונג, כדי צו פערזארגען די שטאדט מיט וואסער; דאס וואסער האט זיך געצויגען פונ'ם קוואל „עין עיטם“, וועלכער איז געלעגען צוויי שעה גאנג פון שטאדט אין דרום-זייט.

שענע און גרויסע געביידעס האט זיך געלאזט בויען נישט בלויז שלמה אליין; אויך די פרינצען און די רייכע און בעוואוסטע אידען, וואס האבען אין ירושלים געוואהנט, האבען זיך דארט געלאזט אויסבויען גרויסע און פרעכטיגע פאלאצען פון צעדער-האלץ. דער מסחר מיט אויסלאנד האט זיך אין שלמה'ס צייטען שטארק אנטוויקעלט, די לאנד-ארבייט האט געגעבען גרויסע הכנסות, און די פרעמדע אונטערטעניגע מלוכות האבען אריינגעבראכט גרויסע אבצאהלונגען; די עשירות האט זיך פערגרעסערט, און דאס האט געגעבען די מעגליכקייט צו בויען גרויסע פאלאצען און פערשענערען די הויפט-שטאדט. אין ירושלים האבען זיך אויך בעזעצט אנגעזעהענע פעניקישע סוחרים, וועלכע האבען געפיהרט גרויסע געשעפטען, געלד-אויסטוישער און מענשען, וואס האבען געגעבען געלד אויף פראצענט. די אלע דאזיגע פרעמדע איינוואהנער זענען געשטאנען אונטער'ן שוץ פון שלמה'ס בונד מיט חירום'ן און האבען געהאט דאס רעכט צו לעבען, לויט זייערע איינענע געזעצען, מנהגים און געוואהנהיי-

טען. אפילו זייער געצענדיענעריי האבען זיי דא געקאנט פיהרען, און קיינער האט זיי נישט געשטערט דערין.

פון דריי הויפט־קוואלען האט דער שטראם פון גאלד זיך א גאס געטהון קיין ירושלים: די אידישע מאכט איבער אנדערע פעלקער, די פערבינדונג מיט מצרים און דער מסחר מיט אינדיען. יענע פירשטען און מלכים, וועלכע האבען געשלאסען א בונד מיט דוד'ן, זענען געבליעבען געטריי אויך שמלה'ן; אבער אויך נאך אנדערע מלכים זענען איצט אליין געקומען, אדער געשיקט שלוחים צו שלמה'ן, כדי צו שליסען מיט איהם א בונד. אלע דאזיגע פירשטען און פעלקער האבען, לויט'ן מנהג פון זייער צייט, געבראכט שלמה'ן גרויסע אבצאהלונגען אדער מתנות: גאלדענע און זילבערנע כלים, טייערע שטאפען, בשמים, פערד און מויל־עזלען. נאך מעהר האט אבער אריינגעטראגען הכנסה די פערבינדונג מיט מצרים. דאס דאזיגע לאנד פלעגט ליעפערען פאר געלד פערד אלע פעלקער, וואס האבען געוואהנט אין געבירגיגע לענדער און דעריבער נישט געהאט קיין אייגענע פערד; בעזונדערס פיעל פלעגט מען אויפקויפען פערד אין מצרים פאר דער בעדערפעניש פון דער ארמעע. אויך קריעגס־וואגענס פלעגט מען אין מצרים אויסארבייטען, וועלכע האבען גע'שמ'ט ביי די פעלקער פאר די בעסטע. די מלכים פון ארם און פון דער געגענד ארום דעם טייך עפראט, וועלכע פלעגען פריהער קויפען פערד און רייט־וואגענס גלייך פון מצרים, האבען איצט געמוזט דאס קויפען ביי דער אידישער האנדעלס־געזעלשאפט, וועלכע שלמה האט געגרינדעט. דאס אידישע לאנד איז דאמאלס געוועזען דער פערמיטלער־ארט, וואו ס'איז געפיהרט געווארען דער מסחר מיט פערד און רייט־וואגענס פאר די ארמעען. די האנדעלס־געזעלשאפט האט פונ'ם געשעפט פיעל פערדיענט, און אין ארץ־ישראל פלעגען אריינקומען גרויסע סומען געלד.

ס'פערשטעהט זיך פון זעלבסט, אז דערביי האט שלמה אריינגעפיהרט פיעל פערד מיט רייט־וואגענס פון מצרים פאר זיין אייגענער בעדערפעניש אויך. ער האט געלאזט אויסבויען גאנצע שטעדט פאר די פערד און זייערע רייטער. שלמה האט געהאט צוועלף טויזענד רייט־פערד מיט פיערצעהן הונדערט קריעגס־וואגענס, יעדער געשפאנט אין צוויי פערד. דערצו האט מען געמוזט האבען גרויסע געביידעס—גאנצע שטעדט. שלמה האט טאקי געלאזט אויסבויען פיער טויזענד שטאלען פאר זיינע פערד, אויסער פיעל גרויסע געביידעס פאר די רייטער.

די רייכסטע הכנסה אבער האט שלמה געהאט פון זיין מסחר מיט אינדיען, וועלכער איז געגאנגען איבער'ן ים. פאר די פעניקיער איז דער דאזיגער מסחר מיט'ן גרויסען וואונדערלאנד געוועזען אבגעשלאסען, כל זמן די געגענד פון רויטען ים איז נישט זיכער געוועזען פון די רויבערישע ווילדע פעלקער, וואס האבען דארט געוואהנט. דורך דער פערבינדונג מיט'ן

קעניג שלמה האט אבער חירום געפינען א זיכערערען וועג קיין אינדיען. פון דער דרום־גרעניץ פון שבט יהודה ביז צום מזרח־אויסגוס פון רויטען ים ביז אלות אין לאנד אדום, איז אונטער שלמה'ס הערשאפט די גאנצע געגענד געווארען פריי פון רויבער. און די וועגען זענען זיכער געוועזן פאר די קאראוואנען, וועלכע האבען געקאנט דאמאלס געהן מיט די רייך־בעלאדענע קעמלען פון ירושלים ביז דעם רויטען ים (דער ים פון אדום) אין זיין צפון־שפיץ ביי'ם האפען אלות. לויט חירום'ס עצה, האט שלמה געלאזט בויען אין אלות א פלאט פון פעסטע, גרויסע שיפען, וועלכע מען האט גוט בעוואפענט. חירום האט געשיקט אהער זיינע פעהיגסטע שיפס־לייט, און זיי האבען געפיהרט די שיפען. די אידען פון די שבטים אשר און זבלון, וואס האבען געוואהנט אויפ'ן ברעג ים, נעבען צידון, און גוט בעקענט געוועזן מיט'ן ים, זענען אויך מיט זיי צוזאמען געפאהרען. די דאזיגע שיפען האבען געדארפט געהן ביז'ן אריינגוס פונ'ם גרויסען טייך אינדוס אין ים.

פון האפען אלות איז דער פעראייניגטער פלאט פון די אידען און פעניקיער אבגעגאנגען אין רויטען ים און איז געגאנגען, האלטענדיג זיך נישט ווייט פון די ברעגען, ביז דעם אינדישען אקעאן, דארט, וואו עס גיעסט זיך אריין אין איהם דער טייך אינדוס, צום לאנד אופיר (וועלכער הייסט איצט „זינד"). נאך דריי יאהר האט דער פלאט זיך אומגעקעהרט צוריק פון זיין ערשטער רייזע, רייך בעלאדען מיט די טייערסטע סחורות. גאנצע קאראוואנען בעלאדענע קעמלען האבען געטראגען די געבראכטע אוצרות קיין ירושלים, צום גרויסען וואונדער פון דער גאנצער אידישער בעפעלקערונג. העכער 400 טאלענטען גאלד, זעהר פיעל זילבער, העלפאנד־ביין, עבען־האלץ, מאלפעס, שענע פאוועס, סאנדעל־האלץ און פערשידענע בשמים — דאס אלץ האט מען געבראכט פון דער ערשטער רייזע פון אופיר. שלמה האט געשיקט זיין פלאט עטליכע מאל אויף דער דאזיגער רייזע, און יעדעס מאל איז דער פלאט צוריקגעקומען בעלאדען מיט גרויסע אוצרות פון עשירות און זעלטענהייטען. די שטאדט אלות אויפ'ן ברעג ים האט דאדורך בעקומען א וויכטיגע בעדייטונג. דארט האבען זיך בעזעצט פיעל אידען, און דאס אידישע לאנד איז דאדורך פערגרעסערט געווארען און האט זיך אויסגעשפרייט פון רויטען ים ביז צום טייך עפראט.

די פערד און וואגענס פון מצרים, וועלכע אידען האבען געליפערט קיין ארם און אין די לענדער אויפ'ן עפראט, ווי אויך די גרויסע קאראוואנען, בעלאדען מיט סחורה, וועלכע מען פלעגט דארפען פיהרען פון פעניקיען צו'ם רויטען ים נעבען אלות — דאס אלץ האט געפאדערט, אז דאס לאנד זאל האבען גוטע וועגען, וואו מען זאל קאנען זיין זיכער פון רויבער און אויף וועלכע מען זאל קאנען בעקוועם מאכען די רייזע. שלמה האט געמאכט די נויטיגע ארדנונג אויך אין דער הינזיכט.

אין אַ געבירגיג לאַנד איז עס נישט קיין לייכטע זאַך, צו מאַכען ווייטע רייזען מיט שווער־בעלאָדענע קעמלען און בפרט מיט פֿערד און וואָגענס, ווייל דאָ קומט אויס אַרויפֿצושטייגען אויף אַ הויכען באַרג, און דאָ אַראָנטערצולאָזען זיך אין אַ טיפֿען טהאַל, כמעט פֿון אַ גלייכשטעהענדער וואַנד אַראָב, און דאָ ווידער טרעפֿט מען גאָר אויף בערג שטיינער, וועלכע פֿערשטעלען דעם וועג. שלמה האָט דעריבער געלאָזט דורכפֿיהרען גרויסע וועגען איבער'ן גאַנצען לאַנד, און דערביי האָט ער אויך געלאָזט אויסבויען די שטאָדט תדמור אין דעם מדבר (שפּעטער איז זי בעוואוסט געווען מיט'ן נאָמען פּאַלמירא), וועלכע האָט געשפּיעלט אַ גרויסע ראָליע אין די שפּעטערדיגע צייטען און איז נאָך אויך בעוואוסט געווען אין די צייטען פֿון די רוימער, אַלס אַ שטאָדט, וואָס איז פֿול לעבען און שטאַרק בעפֿעלקערט.

אַט אַזוי האָט עס שלמה איינגעאָרדענט די אידישע מלוכה אין יעדער ריכטונג און געזאָרגט אויך פֿאַר דער ווייטער צוקונפֿט. שלמה האָט נישט געהאַט ביי זיך קיין קלוגען ראַטגעבער, ווי זיין פֿאָטער דוד האָט געהאַט אחיתופל'ן, וועד עס זאָל איהם ראַטען, ווי אַזוי איינצופֿיהרען אָרדנונג אין דער מלוכה. שלמה איז אָבער אַליין געווען אַ גרויסער חכם. ער האָט אויך פֿערשטאַנען, ווי אַזוי אויסצוקלייבען גוטע מיטהעלפֿער און בעאַמטע, וועלכע זאָלען פּינקטליך אויספֿיהרען אַלע זיינע בעפֿעהלען, און פֿערווירקליכען זיינע גרויסע פּלענער. זיין מלוכה איז געוואָרען אַזוי גרויס, און זיין איינענע הויפּט־שטאָדט אַזוי בעפֿעלקערט, זיין הויז אַזוי רייך, אַז ער האָט געמוזט האָבען זעהר פֿיעל גוטע בעאַמטע, צו קאָנען האַלטען איבעראַל גוטע אָרדנונג. פֿאַר זיין גרויסען הויף, אין וועלכען ס'האָבען אָנגעהויבען צו קומען אָפֿט פֿיעל פֿרעמדע געסט, האָט מען געמוזט האָבען אַן אויפֿזעהער איבער'ן קעניגליכען פּאַלאַץ מיט אַן אונטערגעבענעם מאַכט. איבער די קנעכט, וועלכע האָבען געדאַרפֿט שווערע אַרבייט טהון, האָט מען געמוזט האָבען אַ גוטען אויפֿזעהער, וועלכער זאָל האַלטען צווישען זיי אָרדנונג און צווינגען זיי צו געהאָרכען און צו דערפֿילען אַלע פֿאָדערונגען

ארץ־ישראל איז, דורך דער איננערליכער מוסטערהאַפֿטער אָרדנונג, דורך דער אויסברייטונג פֿון די גרענצען און דער עשירות, וועלכע שלמה האָט פֿיעל אָנגעזאַמעלט, געוואָרען אַ גרויסע פֿעסט־בעגרינדעטע מלוכה, וועלכע האָט געקאָנט זיך שטעלען געגען די דאַמאָלסדיגע גרעסטע וועלט־מלוכות — אשור און מצרים. מלכים און פֿעלקער, וועלכע האָבען צווישען זיך קריעג געפֿיהרט, זענען געקומען צום הערשער פֿון דער גרויסער אידישער מלוכה, מיט דער ביטע, אַז ער זאָל זיין אַ שופט צווישען זיי און אַרויסזאָגען זיין משפּט. די גרעסטע ברכה פֿון שלמה'ס רעגירונג איז אָבער געווען דער שלום פֿון אויסענווייניג און די זיכערהייט אינ'ם לאַנד

גופא. פֿון דן ביז באר־שבע האָבען אידען געקאָנט רוהיג לעבען „יעדער אונטער זיין ווייןשטאָק און אונטער זיין פֿייגענבוים“.

דער ענטוויקעלטער מסחר, דער אַלגעמיינער וואוילשטאַנד און די בירגערליכע זיכערהייט האָבען צוגעצויגען ביסלעכווייז רייכע שכנות'דיגע משפחות פֿון מואב, עמון, אדום און מצרים צו בעזעצען זיך אין ארץ ישראל. ווי עס שיינט, האָט אויך דער אידישער גאָטעס־דיענסט אין'ם פּרעכטיגען בית־המקדש אין ירושלים, ווי בכלל די ריינע אידישע רעליגיע, צוגעצויגען זעהר שטאַרק די אויסלענדער צו קומען אין אידישען לאַנד און בעשיצען זיך „אונטער די פֿליגלען פֿונ'ם אידישען גאָט“. דאָס אידישע פֿאָלק, זיין לאַנד און זיין גאָט זענען אין שלמה'ס צייטען ווייט און ברייט בעוואוסט געוואָרען. די אידישע רייזענדער אויף די ווייטע ימים, וועלכע האָבען בעזוכט אַזוי פֿיעל האַפֿענס, פֿרעמדע לענדער און מערק, און די אידישע סוחרים, וועלכע פֿלעגען קומען אין בעציהונג מיט די אויסלענדישע איינוואָהנער, האָבען געבראַכט די ווייטעסטע פֿעלקער און שפּראַכען די ערשטע ידיעה פֿונ'ם אידישען פֿאָלק און זיין איינציגען גאָט. די אידישע ים־רייזענדער און סוחרים זענען, אונבעוואוסט, געוועזען די ערשטע שלוחים, וואָס האָבען פֿערשפּרייט דעם גלויבען אין אַן'איינציגען גאָט צווישען די געצענדיענער.

אין אַ געוויסען טאָג איז מען אין ירושלים איבעראַשט געוואָרען מיט אַ מערקווירדיגען גאַסט. אַ קלוגע קעניגין פֿונ'ם ווייטען לאַנד שבא, וועלכעס איז בעוואוסט מיט זיינע בעריהמטע בשמים, וואָס וואַקסען דאָרט, אויפ'ן דרום־אַראַבישען ברעג פֿון רויטען ים, איז געקומען פּלוצלונג מיט איהרע פֿיעל בעגלייטער קיין ירושלים, ווייל זי האָט געהערט פֿיעל פֿון שלמה'ס גדלות און פֿון דער גרויסקייט פֿונ'ם אידישען גאָט. זי האָט דעריבער געוואָלט זעהען מיט די אייגענע אויגען און איבערצייגען זיך אַליין, צי איז עס אמת אַלץ, וואָס מען האָט איהר ערצעהלט, אָדער נישט. נאָכדעם, ווי שלמה האָט אויפגענומען די קעניגין מיט גרויס כבוד און אויפמערקזאַמקייט, האָט די קעניגין לאַנג גערעדט מיט איהם און האָט בעוואונדערט זיין חכמה, דעם בית־המקדש, וועלכען ער האָט אויפגעבויט, און די גרויסע אָרדנונג אין זיין קעניגליכען הויף, ווי אויך די פּראַכט, מיט וועלכער ער האָט זיך אַרומגערינגעלט. ווי מען דערצעהלט, האָט די קעניגין אויסגעפּרובט זיין חכמה דורך די רעטענישען, וועלכע זי האָט איהם פֿאָרגעלעגט, און וועלכע ער האָט איהר אַלע ריכטיג ערקלערט.

דער גרויסער גלאַנץ פֿון שלמה'ס רעגירונג, סיי אין דער מלוכה גופא, סיי פֿון אויסענווייניג, האָט אָבער אויך געבראַכט די פֿערדערבענדע זאַמען, וועלכע האָבען מיט דער צייט געדאַרפֿט צושטערען דאָס, וואָס מען האָט אויפגעבויט דורך אַזוי פֿיעל מיה. נישט קוקענדיג אויף דער

פעראייניגענדער קראַפט, וועלכע האָט געשטעקט אין בית־המקדש, וואָס איז דאָך געווען דער סימבאָל פון דער אחדות, נישט קוקענדיג אויף דער בעמיהונג, וועלכע שלמה האָט אנגעווענדעט צו מאַכען אַ סוף מיט דער אַבגעזונדערטקייט פון די שבטים איינע פון די אַנדערע, איז אַבער איהם פאָרט נישט געלונגען צוזאַמענצושמעלצען אַלע שבטים איניאיינעם און מאַכען פון זיין איין גאַנץ פאָלק. נאָר דער שבט בנימין האָט זיך פעסטער פעראייניגט מיט׳ן שבט יהודה, ווייל ירושלים און דער בית המקדש זענען געווען געבויט אינ׳ם לאַנד פון שבט בנימין, און אַנגעזעהענע מענשען אין שבט בנימין האָבען זיך בעזעצט אין דער הויפטשטאָדט. דאַגעגען אַבער האָט נישט אויפגעהערט דער פרוד צווישען די איבעריגע שבטים פון איין זייט און דעם שבט יהודה פון דער צווייטער, אָדער צווישען די שבטים פון די דרום־ און צפון־קאַנטען פון ארץ ישראל. צווישען די צפון־שבטים האָט זיך געטליעט אַ פונק פון אונצופריעדענהייט מיט שלמה׳ן, חאָטש ער האָט זיי געבראַכט צו אַ גרויסען וואוילשטאַנד; זיי האָבען נאָר געפיהלט דעם יאָך, וואָס שלמה האָט אויף זיי ארויפגעלעגט צוצושטעלען רעגעלמעסיג פאַר זיין קעניגליכען הויף נאַטורפראָדוקטען, ווייל שלמה האָט איינגעטיילט דאָס גאַנצע לאַנד אין צוועלף ווילקירליך צוזאַמענגעשטעלטע חלקים, און יעדער פון זיי האָט געמוזט איין מאָנאַט אין יאָהר צושטעלען פאַר׳ן קעניגליכען הויף אַלץ, וואָס איז נויטיג געווען אין עסענוואַרג און דער פראַכטפולער אויסהאַלטונג פונ׳ם קעניגליכען הויף, ווי אויך אַלץ, וואָס מען האָט געברויכט צו האָבען פאַר די פיעל פערד פונ׳ם קעניג. איבער יעדען פון די צוועלף חלקים, אָדער לענדער, איז געווען געשטעלט אַ בעזונדערער בעאַמטער, וועלכער האָט געדאַרפט בעאָבאַכטען, אַז די נויטיגע פראָדוקטען זאָלען צוגעשטעלט ווערען אין דער בעשטימטער צייט און אין פולער מאָס. צוויי פון די דאָזיגע בעאַמטע זענען געווען שלמה׳ס איידעמס. צוליעב דער דאָזיגער איינטיילונג פונ׳ם לאַנד, איז צוריסען געוואָרען דער פערבאַנד, וועלכער האָט פון אייביג אָן פעראייניגט יעדען שבט אין אַ בעזונדערען אָרגאַניזם. די דאָזיגע נייע רעפאָרם, ווי אויך דאָס, וואָס מען האָט געצוואונגען די שבטים צוצושטעלען אַרבייטער אויף צו בויען דעם בית־המקדש און די קעניגליכע פאַלאַצען — אַט דאָס אַלץ צוזאַמען האָט ענטוויקעלט די אונצופריעדענהייט צווישען די שבטים ביז דער העכסטער מדרגה. די אונצופריעדענע האָבען זיך אפילו פערהאַלטען שטיל, אַבער זיי האָבען נאָר געדאַרפט האָבען אַ געלעגענהייט, כדי אַז דער אויפשטאַנד זאָל אויסבּרעכען עפענטליך. ווי קלוג שלמה איז געווען, האָט ער דאָך נישט קלאָר אויסגערעכענט די צוקונפט; און די פעהלערען, וואָס ער האָט געמאַכט, האָבען אונטערגעגראָבען די פונדאַמענטען פון זיין מלוכה.

צווישען שלמה׳ס בעאַמטע, וועלכע האָבען געהאַט די אויפזיכט

ביי'ם בויען דעם בית־המקדש און די פאלאצען, איז געווען אויך איינער פון שבט אפרים, א מענש מיט א שארפען קאפ, מיט א שטארקען מוט און מיט א שטרעבען צו כבוד. דאס איז געווען ירבעם דער זוהן פון נבט פונ'ם שטעדטעל צרדה, וואס איז געלעגען נישט וויים פון ירדן, א זוהן פון דער אלמנה צרועה. דיענענדיג אלס אויפזעהער איבער די בעפעסטיגונג פון די מויערען ארום ירושלים, האט ירבעם ארויסגעוויזען א פעסטקייט פון חאראקטער געגען די קנעכט, און שלמה איז מיט איהם שטארק צופריעדען געווען, און האט איהם בעשטימט פאר אנ'אבער־בעאמטען און פאר א שר איבער די שבטים אפרים און מנשה. דא האט ירבעם געהאט די געלעגענהייט אויסצוהערען די אונצופריעדענהייט פונ'ם פאלק מיט דער שווערער משא פון אבצאהלונגען און ארבייטען, וואס דער קעניג שלמה האט ארויפגעלעגט אויף איהם. אזא אונצופריעדענהייט האט זיך שטענדיג געשפירט שטארקער אינ'ם שבט אפרים, איידער אין די אנדערע שבטים. פאר ירבעם'ס געהיימע פלענער און פאר זיין גרויסער ליעבע צו כבוד איז די דאזיגע אונצופריעדענהייט געווען א געוואונשענע זאך; ירבעם האט זיך פעסט ענטשלאסען זי אויסצונוצען, ער האט נאר געווארט אויף א גינסטיגער געלעגענהייט. די דאזיגע געלעגענהייט האט זיך באלד געפונען. שלמה האט בעגאנגען א גרויסען פעהלער, ערלויבענדיג די פרעמדע איינוואהנער פון ירושלים, צו בויען פאר זיך אין שטאדט מזבחות פאר זייערע אבגעטער. צי איז דאס פארגעקומען צוליעב דעם, וואס זיינע פרעמדע פרויען האבען ביי איהם אויף דער עלטער ארויסבעקומען די דאזיגע ערלויבניש, אדער אז די אויסלענדער, בעזונדערס די פעניקיער, האבען טאקי לכתחלה זיך אויסגעדונגען די דאזיגע פרייהייט פאר זיך, בשעת שלמה האט מיט זיי א בונד געשלאסען, סיי־ווי־סיי — אויפ'ן הר הזיתים האבען זיך בעוויזען מזבחות פאר דער געטין פון צידונים, עשתרות, ווי אויך פאר אנדערע אבגעטער. דאס אידישע פאלק איז נאך נישט געווען גענוג געשטארקט אין גלויבען אינ'ם איינציגען אידישען גאט, אז מען זאל נישט ארייינפאלען צוריק אין דער געצענדיענערייי. א נביא האט געהאט דעם מוט אויפמערקזאם צו מאכען דעריבער דעם קעניג און צו דראהען איהם, אז ער קאן דעריבער פערליערען די הערשאפט איבער אידען. שלמה האט אבער, ווי עס שיינט, נישט אכטונג געגעבען אויף דער דאזיגער אזהרה. דער נביא אחיה פון שילה איז דעריבער שטארק בייז געווארען אויף שלמה'ן און האט אויסגעקליבען ירבעם בן נבט פאר א אינסטרומענט צו בעשטראפען דורך איהם דעם קעניג שלמה. ווען ירבעם איז איינמאל ארויסגעקומען פון ירושלים, איז צו איהם צוגעגאנגען דער נביא און, אננעהמענדיג זיין אויבער־קלייד, האט ער עס צוריסען אין צוועלף טייל און איבערגעגעבען איהם צעהן פון זיי, ערקלערענדיג דערביי: „נעהם די דאזיגע צעהן שטיק, זיי בעדייטען צעהן שבטים, וועלכע וועלען זיך אבּרייסען פון דוד'ס הויז,

און די זאָלסט איבער זיי קעניג ווערען". מעהר האָט ירבעם נישט געבראַכט, כדי צו שמידען ווייטער פלייסיגער זיינע גרויסע פלענער: א נביא האָט זיי געהייליגט דורך זיין וואָרט. ירבעם איז באַלד אַבגעגאַנגען צום שבט אפרים, צוזאַמענגערופען די עלטסטע פון'ם שבט און גערעטען אַבצורייסען זיך פון דוד'ס הויז. שלמה האָט דערווייל בייצייטענס זיך דערוואוסט דערפון: איידער דער אויפשטאַנד האָט נאָך אויסגעבראָכען, האָט ער געשיקט זיינע שלוחים צו טויטען ירבעם בן נבט. אָבער ירבעם איז בייצייטענס ענטלאָפען קיין מצרים.

אינ'ם דאָזיגען לאַנד איז דאַמאָלס אויפגעשטיגען אויפ'ן טהראָן א נייע קעניגליכע פאַמיליע. אונטער דעם ערשטען קעניג פון אָט דער פאַמיליע, שישק, איז צוריסען געוואָרען דער בונד, וועלכער איז געווען צווישען ארץ ישראל און מצרים, א בונד, וואָס איז געשלאָסען געוואָרען, בשעת שלמה האָט זיך מתחתן געווען מיט דער טאָכטער פון מצרים'ער קעניג. שישק האָט גאָר אָנגעהויבען טראַכטען, ווי אַזוי צו ברענגען שאָדען דער אידישער מלוכה, וועלכע איז געוואָרען צו־שטאַרק אין זיינע אויגען. ער האָט דעריבער אויפגענומען פריינדליך שלמה'ס פיינד, ירבעם. שישק האָט מיט א קורצער צייט פריהער געהאַט אויפגענומען פריינדליך נאָך איין אידישען פיינד, דעם פירשט פון אדום, הדד, וועלכער האָט זיך בעזונדערס אַרומגעטראָגען מיט נקמה־געדאַנקען געגען דעם אידישען פאָלק. הדד האָט געשטאַמט פון א קעניג פון אדום, וועלכען דוד האָט מנצח געווען, און נאָר על פי סבה איז ער נצול געוואָרען פון יואָב'ס שווערד, בשעת יואָב האָט האַרט בעשטראָפט דאָס פאָלק אדום פאַר זייער אויפשטאַנד געגען דוד'ן. ווי נאָר שישק האָט איינגענומען פאַר זיך דעם טהראָן פון מצרים, איז הדד געקומען צו איהם און אויפגענומען געוואָרען אויך אַזוי פריינדליך, ווי דערנאָך ירבעם. הדד האָט אָבער נישט געטראַכט צו בלייבען אין מצרים; עס האָט איהם געצויגען צוריק אַהיים, קיין אדום, כדי צו בעקומען צוריק זיין לאַנד און זיין טהראָן. און ער האָט טאַקי מיט שישק'ס הילף אויסגעפיהרט זיין פלאַן, דען ער האָט געוואוסט, אַז דער קריעגערישער גייסט ביי אידען, וועלכער האָט געהערשט אונטער דוד'ן און יואָב'ן, איז אויסגעלאָשען געוואָרען אין שלמה'ס צייטען. הדד האָט דעריבער צונויפגענומען א קליינע מחנה און איז געקומען באַלד צוריק קיין אדום, פון וואַנען ער האָט אָנגעהויבען מאַכען אָנפאַלען אויף שלמה'ס קאַראַוואַנען, וועלכע זענען געגאַנגען בעלאָדען מיט סחורה צווישען רויטען ים ביי אלות און דער הויפט־שטאָדט ירושלים. שלמה'ס מחנות זענען נישט געווען אימשטאַנד צו בעזיעגען איהם, ווייל הדד האָט מיט זיין קליינער מחנה זיך אויסבעהאַלטען אין פערשיעדענע ערטער אין בערג און טהאָלען.

נאָך אַנ'אַנדער קליינער וואָלקען האָט זיך צוזאַמענגעצויגען אין צפון־זייט פון ארץ ישראל, א וואָלקענדעל, וועלכען שלמה האָט נישט

בעמערקט, וועלכעס האט אבער שפעטער געבראכט פיעל שאדען דעם אידישען לאנד. איינער פון די דיענער פון'ם קעניג הדדעזר פון צובה, וועלכען דוד האט איינגענומען, רזון דער זוהן פון אלידע, האט, נאך דער מפלה פון זיין קעניג, צוזאמענגענומען א קליינע מחנה רויבער, וועלכע פלעגען מאכען רויב-אנפאלען אין דער געגענד צווישען דעם טייך עפראט און די בערג-קייטען, וואס האבען זיך געצויגען פון'ם לבנון אין צפון-זייט. דורך גליקליכע אנפאלען איז רזון'ס מחנה גרעסער און פערשטארקט געווארען און, צוזאמען דערמיט, איז ביי איהר אויך דער מוט אויסגעוואקסען. לסוף איז דעם רויבער רזון געלונגען איינצונעהמען די שטאדט דמשק, און ער האט זיך ערקלערט דארט פאר א קעניג. רזון האט זיך בעצויגען זעהר פיינדליך צו אידען און צו זייערע פערבינדעטע פעלקער אין צפון-זייט; ער פלעגט מאכען דארט אפטע אנפאלען, און שלמה האט איהם דערין נישט געקאנט שטערען. אזוי ארום האבען זיך אנטוויקעלט אין פערשיעדענע ערטער גרויסע פיינדליכע קרעפטען פון גאנץ קליינע, און זיי אלע זענען ארויסגעטראטען געגען שלמה'ן אין אנהויב מיט זייערע אנפאלען, און יענער צייט וואלט מען זיי נאך געקאנט לייכט פערניכטען; מען האט דאס אבער נישט געטהון, און מיט דער צייט זענען פון זיי אויסגעוואקסען גרויסע, מעכטיגע שונאים פון אידישען פאלק, וועלכע האבען נישט אויפגעהערט איהם צו ברענגען שאדען און פערדערבען.

דערצו האט נאך אויך געדארפט קומען א גרויסע שפאלטונג אין דער אידישער מלוכה גופא; אידען איז נישט בעשערט געווען צו בלייבען א שטארק פאלק אונטער א שטארקער מלוכה און א גרויסען לאנד. שלמה האט אבער געהאט דאס גליק נישט צו זעהען מיט זיינע אויגען, ווי זיין גרויסע מלוכה הויבט אן אבגעשוואכט ווערען און פונאנדערצופאלען. ער איז געשטארבען אין פריעדען, א יאהר זעכציג אלט (אין יאהר 1047 פאר'ן צווייטען חורבן — 977 פאר דער געוועהנליכער צייט-רעכענונג), נאכדעם ווי ער האט געקעניגט פיערציג יאהר. צו קבורה איז שלמה געקומען מיט גרויס כבוד אין די קברים פון די אידישע מלכים, וועלכע דוד האט געגרינדעט אויפ'ן בארג ציון. שפעטער האט מען דער-צעהלט, אז דוד און זיין זוהן שלמה האבען אנגעזאמעלט אין דער הייהל ביי די קברים גרויסע אוצרות פון גאלד און אבנים טובות, און די שפע-טערדיגע אידישע מלכים זאלען זיי האבען אויסגענוצט אויף זייערע בע-דערפנישען. קיין פיעל זיהן האט שלמה, ווי עס שיינט, נישט איבערגע-לאזען, חאטש ער האט געהאט פיעל פרויען. דער טהראן איז איבערגע-גאנגען צו זיין זוהן רחבעם, וועלכען ס'איז בעשערט געווען מיט די אייגענע הענד צו צערייסען די אידישע מלוכה אויף צוויי טיילען.

פֿינפֿטעס קאַפּיטעל.

י׳ שפּאַלטונג אין דער אידישער מלוכה.

(פֿון יאָהר 1047 ביז 957 פֿאַר׳ן צווייטען חורבן, אָדער פֿון יאָהר 977 ביז 887 פֿאַר דער געוועהנליכער צייט־רעכענונג).

צום ערשטען מאָל, זינט די אידישע מלוכה איז געגרינדעט געוואָרען, האָט נאָך שלמה׳ס טויט געקאָנט אַרויפֿגעהן אויפֿ׳ן אידישען טהראָן א נייער מלך אָהן בלוט־פֿערגיסונג און אָהן אונרוהיגער בעוועגונג. גליקליכער ווי זיין פֿאָטער און זיין זיידע, האָט רחבעם געקאָנט רוהיג איבערנעהמען די רעגירונג איבער דעם לאַנד, וועלכעס איז שוין איצט געוועזען א גרויסע, מעכטיגע מלוכה; זיינע גייסטיגע קרעפֿטען זענען אָבער געוועזען זעהר שוואַך; ער האָט קיין שום שפּור אין זיך נישט געהאַט פֿון דער גרויסקייט פֿון זיין פֿאָטער און נאָך וועניגער פֿון זיין זיידען, דוד. ער איז געוועזען אַזוי וועניג זעלבסטשטענדיג, אַז ער האָט זיך נישט געקאָנט געפֿינען אַליין קיין עצה. ער האָט נישט געהאַט קיין העלדישען גייסט, נישט קיין פֿערשטאַנד פֿאַר אמת׳ער גרויסקייט. דער טהראָן איז געוועזען פֿאַר איהם בלויז א זאַך, וואָס האָט איהם געדאַרפֿט פֿערשאַפֿען פֿערגניגען און פֿערזיסען דאָס לעבען. אָט די דאָזיגע שוואַכקייט זיינע האָט אויסגענוצט זיין שונא, וואָס האָט אין דער אידישער מלוכה געמאַכט אַזאַ שפּאַלטונג, וועלכע האָט שוין מעהר קיינמאָל נישט געקאָנט אויסגעבעסערט ווערען.

ירבעם בן נבט, פֿון שבט אפרים, וועלכער האָט אין די לעצטע יאָהרען פֿון שלמה׳ס רעגירונג אויפֿגעהויבען די פֿאָהן פֿון אויפֿשטאַנד און געמוזט ענטלויפֿען קיין מצרים, ווייל ער האָט אינ׳ם ערשטען מאָמענט נישט געהאַט קיין ערפֿאָלג, האָט זיך אומגעקעהרט צוריק אַהיים, ווי נאָר ער האָט זיך דערוואוסט, אַז שלמה איז געשטאָרבען. ווי עס שיינט, האָט זיין פֿריינד, דער קעניג פֿון מצרים, שישק, איהם מיטגעהאָלפֿען דערצו. ווי נאָר דער דאָזיגער ענערגישער אפרים־זוהן איז צוריקגעקומען קיין שכם, וועלכע איז געוועזען די צווייטע גרעסטע שטאָדט אין דער מלוכה און האָט זיך שטענדיג אויסגעצייכענט מיט איהר אונרוהיגער שטימונג, — האָט זיך באַלד אָנגעהויבען אין שבט אפרים א געהיימע קאָכעניש, וואָס האָט זיך ענדליך אויסגעגאָסען אין א גרויסע פֿאָלקס־פֿערזאַמלונג, אין וועלכער ירבעם איז אַרויסגעטראָטען מיט זיינע עצות, וועלכע שריט מען דאַרף אונטערנעהמען, כדי צו בעפֿרייען זיך פֿונ׳ם דעספּאָטישען רעזשים, צו בעקומען פֿרייהייט. מען האָט אויך איינגעלאַדען פֿון די איבריגע צעהן שבטים די „זקנים“ — די עלטסטע,

צו בעטײליגען זיך אין דער בעראַטונג אין שכם, כדי דאָדורך צו גע־
בען אַ כאַראַקטער פֿון אַ פֿאָלקס־װילען די נײַע פֿאָדערונגען, װעלכע מען
האָט זיך געקליבען אַרױסצושטעלען דעם קעניג. קודם־כל האָט מען
בעשלאָסען, אַז די „עלטסטע“ זאָלען נישט געהן אַלײן קײן ירושלים,
אָנצוערקענען רחבעם׳ן פֿאַר אַ מלך, נאָר מען זאָל איהם אײַנלאַדען, צו
קומען אַלײן קײן שכם, װאו מען װעט איהם אָנערקענען פֿאַר אַ מלך און
בעגריסען. רחבעם האָט זיך בעשלאָסען אָנצונעהמען די דאָזיגע אײַנלאַ־
דונג, װי עס שײַנט, זעהר אומגערן; ער האָט אָבער געהאָפֿט, אַז אין
זײַן געגענװאַרט װעט מען זיך נישט דערװעגען אױפֿצוהױבען אַ אױפֿ־
שטאַנד. דאָס איז געװען זעהר אַ װיכטיגער מאָמענט אין דער אידישער
געשיכטע, אַ מאָמענט, װעלכער האָט געדאַרפֿט האָבען זעהר שװערע און
טרױעריגע פֿאָלגען אין דער װײַטער צוקונפֿט.

רחבעם איז אַװעק קײן שכם אין דער בעגלײטונג פֿון זײַנע ראַט־
געבער, — די עלטערע, װעלכע זענען געשטאַנען פֿאַר זײַן פֿאָטער שלמה,
און די יונגערע, מיט װעלכע ער איז צוזאַמען ערצױגען געװאָרען. אויף
יעדען פֿאַל האָט ער אויך גענומען מיט זיך דעם בעאַמטען איבער די
אַרבײטער־קנעכט, אדונירם, װעלכער איז געװאָהנט געװען צו צװינגען
די קנעכט צו געהאָרכען מיט זײַן פֿינסטערן, שטרענגען בליק און מיט
דער בײַטש אין דער האַנד. װען רחבעם איז געקומען קײן שכם, זענען
צו איהם געקומען די עלטסטע פֿון די שבטים, אַרױסצושטעלען פֿאַר
איהם זײערע טענות און בעקלאָגען זיך אויף דער שװערער לאַגע. אַלס
רעדנער פֿאַר׳ן קעניג איז אַרױסגעטראָטען ירבעם, װעלכער האָט גע־
שטעלט די פֿאָדערונג פֿון פֿאָלק בכיון אין זעהר אַ שאַרפֿער פֿאָרם:
„דײַן פֿאָטער האָט אַרױפֿגעלעגט אויף אונז אַ שװערען יאָך און געפּאַ־
דערט פֿון אונז שװערע אַרבײט; אויב דו װעסט דעם דאָזיגען שװערען
יאָך גרינגער מאַכען, װעלען מיר דיר זײַן אונטערטעניג“.

איבעראַשט פֿון אַזאַ דרײסטען, שאַרפֿען אַרױסטריט, האָט רחבעם,
נאַטירליך, אויך געענטפֿערט מיט צאָרן, אַז ער װעט זײ געבען אַן ענט־
פֿער אין דרײַ טעג אַרום, און האָט דערװײַל אָפּגעהאַלטען אַ בעראַטונג
מיט זײַנע לײַט. די עלטערע יועצים האָבען איהם געראַטען, אַז ער זאָל
נאָכגעבען מילד און נאָכגעבענד; די יונגערע, דאַגעגען, האָבען איהם גע־
ראַטען, צו ענטפֿערען שטרענג. דער נישט קלוגער קעניג האָט געפֿאָלגט
זײַנע יונגערע יועצים. און װען די דרײַ טעג זענען אַריבער, און די
עלטסטע פֿון די שבטים זענען צוזאַמען מיט ירבעם׳ן געקומען נאָך אַ
תשובה, איז ער אַרױסגעטראָטען פֿאַר זײ מיט אַן ענטפֿער, װאָס ער
האָט געמײנט, דאָס עס װעט װירקען אויף זײ, װי אַ דונער־שלאַג: „מײַן
קלײנער פֿינגער — האָט רחבעם צו זײ געזאָגט — איז שטאַרקער פֿאַר
מײַן פֿאָטער׳ס לענדען! און אויב ער האָט אײַך געשטראָפֿט מיט רוטען,

וועל איך אייך שטראפען מיט שארפע דערנער". אזא ענטפער האט טא־קי ירבעם ערווארטעט, און דערויף האט ער געהאפט, און ווענדענדיג זיך צו די עלטסטע פון די שבטים, האט ירבעם, וועלכער האט פון אנ־הויב־אן געטראכט נאר וועגען א שפאלטונג, אויסגערופען: „וואס פאר א חלק האבען מיר אין דוד'ן, און וואס פאר א שייכות צו ישי'ס זוהן? אהיים געהט, צוריק אין אייערע געצעלטען, איהר קינדער ישראל, און דו, דוד, היט דיין אייגענע הויז!". ער האט באלד ארויסגעשטעלט די פאהן פון אויפשטאנד און פערזאמעלט ארום זיך די איינוואהנער פון שכם, וועלכע האבען זיך גערן מיט איהם פעראייניגט, כדי ארויסצוווייזען זייער פיינדשאפט געגען רחבעם'ן. די גאנצע קנאה, וועלכע דער שבט אפרים האט לאנג געטראגען טיעף פערבארגען אין הארצען אין דער צייט פון דוד און שלמה געגען דעם שבט יהודה, און דער וועהטאג, וואס אפרים האט געשפירט דערפון, וואס דער מלך שטאמט נישט פון איהם, — אט דאס אלץ האט איצט פלוצלינג זיך געעפענט און ארויסגעשוואומען פריי. דער שבט אפרים האט אויסגענוצט די געלעגענהייט, כדי אבצורייסען זיך פון דוד'ס טהראן און ווידער, ווי אמאל, אין דער צייט פון די ריכ־טער, שטעלען זיך אין דער שפיץ פון אלע איבריגע שבטים. מיט וואפען אין די הענד און מיט ירבעם בן נבט בראש האבען די איינוואהנער פון שכם זיך א לאז געטהון צום הויז, וואו רחבעם האט זיך געפונען. רחבעם האט ארויסגעשיקט זיי אנטקעגען זיין שר אדונירם, ער זאל זיי צוטרייבען, אזוי ווי מען צוטרייבט צובונטעוועטע קנעכט. די איינ־וואהנער פון שכם האבען איהם אבער בעגעגענט מיט א האגעל שטיי־נער און דער'הרג'עט. ווען רחבעם האט דערזעהן, אז אויך זיין לעבען איז אין סכנה, האט ער זיך געשווינד אריינגעכאפט אין זיין וואגען, איז ענטלאפען פון שכם און געקומען צוריק קיין ירושלים.

קומענדיג אהיים, האט רחבעם גלייך א קוק געטהון, ווי האלט עס מיט די איבריגע שבטים, ווי גרוס איז די צאהל פון זיינע געטריי־געב־ליבענע פריינד, צי וועלען אויך די איבריגע שבטים נישט נאכטהון די איינוואהנער פון שכם? וועגען דעם האט ער זיך אבער באלד בערוהיגט. דער שבט יהודה, וועלכער איז ענג צוזאמענגעוואקסען געווען מיט דוד'ס הויז, איז געטריי געבליבען דעם קעניג. דער שבט שמעון איז אין אלץ געווען אזא געטרייער אנהענגער פון שבט יהודה, אז ער האט גארנישט געטראכט וועגען זעלבסטשטענדיגקייט; און אויך דער שבט בנימין איז געטריי געבליבען דעם קעניג רחבעם, ווייל בנימין איז שוין געווען ענג צוזאמענגעבונדען מיט'ן שבט יהודה דורך דער הויפט־שטאדט ירושלים, וואו עס האבען געוואהנט מעהר מענשען פון שבט בנימין איידער פון שבט יהודה. די דאזיגע דריי שבטים האבען, אלזא, געהאלטען פעסט מיט'ן קעניג רחבעם. ווי נאר רחבעם האט זיך פערזיכערט פון אט דער זייט, האט

ער, ווי ס'פערשטעהט זיך, אנגעהויבען צו טראכטען וועגען בעטשראפען די איינוואהנער פון שכם און זיי צווינגען אנצוערקענען איהם פאר א קעניג. און דאס וואלט אפשר טאקי געלונגען, ווען ירבעם וואלט נישט אנגענומען אלע מיטלען צו פערשטארקען דאס פייער, וואס האט אויסגעבראכען, און וואס מעהר אויפצוהעצען דעם שבט אפרים, ער זאל זיך אבריסען פון שבט יהודה און ווערען זעלבסטשטענדיג מיט א אייגענעם קעניג, און דאס אלץ, נאטירליך, מיט דער כונה, אליין צו ווערען א קעניג. וואס ס'האט איהם טאקי געלונגען. די איינוואהנער פון שכם האבען איהם אויסגערופען פאר א קעניג און האבען אויך צוגעצויגען פיעל פון די איבריגע שבטים, און דאס אידישע פאלק איז צושפאלטען געווארען אין צוויי מלוכות: דאס הויז ישראל און דאס הויז יהודה.

און דא וואלט געווים אויסגעבראכען א גוואלדיג-בלוטיגע ברידער-שלאכט. רחבעם האט שוין געהאט פערזאמעלט זיינע מחנות צו געהן אויף שכם, אבער דער נביא האט געווארענט די שבטים בנימין און יהודה אין גאט'ס נאמען, ניט אנצוהויבען די מלחמה; „טרעט ניט ארויס אין מלחמה געגען אייערע ברידער פון הויז ישראל—האט דער נביא צו זיי געזאגט—וויל די שפאלטונג האב איך אליין פארגעבראכט!“ און צו קיין ערנסטער מלחמה צווישען די ביידע ברידערליכע מלוכות איז נישט געקומען.

כדי אבער נישט צו זיין גענויט שטענדיג צו זיין בעוואפענט און זיך היטען איינע פאר די אנדערע, האבען ביידע מלכים, רחבעם און ירבעם, געזוכט די פריינדשאפט פון די ארומיגע פעלקער. כדי שטארק צו ווערען דורך א פריינדשאפטליכער פערבינדונג און נישט דארפען מורא צו האבען פאר'ן געגנער ירבעם, האט רחבעם געשלאסען א בונד מיט דער נייער מלוכה פון דמשק, און האדורך געהאלטען ירבעם'ן שטענדיג אין ציטערניש; דאגעגען, ירבעם האט געשלאסען פריינדשאפט מיט מצרים און געהאלטען דאדורך אין שרעק רחבעם'ן.

כדי צו קאנען זיך בעשיצען אין דער זעלבער צייט אי פון מצרים, אי פון ישראל, האט רחבעם געלאזט בעפעסטיגען פיעל שטעדט אין יהודה און בנימין; די דאזיגע פעסטונגען האבען געדארפט אבהאלטען דעם פיינד צו קאנען קומען קיין ירושלים. דער קעניג פון מצרים, שישק, האט זיך אבער דערפאר נישט דערשראקען און האט אונטערגענומען א גרויסע מלחמה געגען דעם קעניג רחבעם, און איז אוועק אויף ירושלים מיט א זעהר גרויסער ארמעע, פוסגעהער, רייטער און קריעגס-וואגענס. און, ווי עס שיינט, האט רחבעם זיך גארנישט געשטעלט אפילו געגען איהם, נאר אליין געלאזט עפענען די טויערען פון דער שטאדט פאר'ן פיינד. שישק האט דעריבער די שטאדט נישט פער-

וויסטעט, נאָר ער האָט צוגענומען די גרויסע אוצרות, וועלכע שלמה האָט אָנגעזאַמעלט אין בית־המקדש, גאָר דאָס גאָלד, וואָס ער האָט געפֿונען אין ירושלים, ווי אויך דאָס גאָלדענע געוועהר, וואָס עס האָ־בען געטראָגען די בעגלייטער פון קעניג, ווען זיי פלעגען איהם בעגליי־טען אין בית־המקדש אַריין; נאָר די מלכות יהודה מיט איהר מלך רחבעם האָט שישק נישט אָנגערירט.

דער בונד, וועלכען שלמה האָט געשלאָסען מיט'ן פריהערדיגען קע־ניג פון מצרים, בשעת ער האָט חתונה געהאַט מיט זיין טאָכטער, האָט אַלזאָ געדויערט נישט לאַנג. מיט דער גרויסקייט און פראַכט פון דער שטאַרקער מלוכה, וואָס שלמה האָט איבערגעלאָזען, האָט שוין איצט בכלל גענומען אַן ע'נדע. די גרויסע מלוכה איז כמעט אין איין טאָג צובראָכען געוואָרען. דער גרעסטער טייל איהרער האָט זיך פון איהר אָבגעריסען, און דער קלענערער טייל איז איצט געוואָרען אונטערטעניג ביי מצרים. די פריהערדיגע אונטערטעניגע פעלקער, פלשתים און אדום, האָבען, נאַטירליך, אויך אויסגענוצט יהודה'ס שוואַכקייט און געוואָרען אונאָבהענגיג. און רחבעם האָט שוין אויך נישט געקאָנט אויסניצען דעם גרויסען פלאָט, וואָס זיין פאָטער האָט געבויט, און שיקען איהם קיין אופיר, ווייל מען האָט שוין איצט מעהר נישט געקאָנט דורך אדום דורכפיהרען קיין קאַראַוואַנען צום ים. און אַזוי האָט עס גענומען אַ סוף אויך מיט דעם גרויסען קוואַל פון עשירות, וועלכע שלמה האָט בעקומען פון אינדיען. אויך די איבריגע קוואַלען האָבען אויפגעהערט צו געבען עשירות: דער מסחר מיט פערד און רייט־וואַגענס פון מצרים האָט שוין איצט געמוזט אויפהערען, ווייל אין צפון פון יהודה האָט זיך געפונען די מלוכה פון ישראל, און מען האָט מעהר נישט געקאָנט דורכפיהרען דאָרט קיין קאַראַוואַנען. דער גלאַנץ פון גאָלד פון שלמה'ס צייטען איז פערלאָשען געוואָרען און זיין גאַנצע עשירות איז פערשוואונדען.

אויך ירבעם'ן אין שכם איז עס נישט געגאַנגען אַזוי ווי ער האָט געהאָפט. שכם האָט ער, נאַטירליך, געמאַכט פאַר זיין הויפּט־שטאָדט, און זי האָט געזאָלט קאָנקורירען מיט ירושלים און איבערשטייגען זי. דער שבט אפרים איז געוואָרען דער פונדאַמענט פון דער מלוכה פון די צעהן שבטים, וועלכע מען האָט דעריבער אָנגעהויבען רופען „די מלוכה פון אפרים“, אָדער „דאָס הויז פון יוסף“. אָבער די איינוואָהנער, די אָנ־פיהרער פון שבט אפרים, זענען בכלל געווען נישט קיין לייכטע און גע־האָרזאַמע אונטערטאַנען, אויף וועלכע אַ קעניג זאָל קאָנען בויען. אין דער צייט פון די ריכטער האָבען זיי די ערשטע געפאָדערט, אַז מען זאָל בעשטימען אַ קעניג, און אויך די ערשטע — אָבצוזאָגען זיך פונ'ם קעניג; אַזוי איז עס אויך איצט געווען אין פאַל מיט ירבעם'ן, וועלכען זיי האָבען די ערשטע אויסגערופען פאַר אַ קעניג און האָבען זיך דער־

נאָך די ערשטע אָבגעזאָגט איהם צו פֿאָלגען און צו ערפֿילען זײַנע פֿאָדערונגען, צו זײַן איהם געהאָרזאַם. ווי עס שײַנט, איז עס געקומען צו שאַרפֿע רײַבונגען צווישען די אײַנוואָהנער פֿון שכם און ירבעם, דען ער האָט זיך אַרויסגעצויגען פֿון שכם און געבויט די שטאָדט פּנואל, אָבער אויך דאָרט איז עס איהם נישט געגאַנגען אַמבעסטען און ער האָט זיך בעזעצט אין תרצה (איצט הײסט די שטאָדט טאַלוזאַ).

אין די אינערליכע אַנגעלעגענהײַטען פֿון זײַן נײַער מלוכה האָט ירבעם געמוזט אײַנפֿיהרען אַ וויכטיגע נײַעס: צוליעב געוואוינהײַט, אָדער טאַקי איבערצײַגונג, פֿלעגען טייל משפחות פֿון די צפֿון־שבטים, אויך נאָך דער אויסטײלונג אין אַ בעזונדערער מלוכה, עולה רגל זײַן צום יום־טוב סכּות קײַן ירושלים, כּדי דאָרט טײלצונעהמען אינ'ם אידישען גאָטעס־דינסט אָהן אָבגעטער. די דאָזיגע סימפּאַטיע פֿון אַ טייל פֿון פֿאָלק צום בית־המקדש אין ירושלים האָט געמאַכט זעהר אונרוהיג ירבעם'ן. וואָס וועט זײַן, אַז דאָס פֿאָלק וועט אָנהויבען עולה־רגל זײַן קײַן ירושלים אַלץ מעהר און וועט זיך דאָרט צוריק פֿעראײניגען מיט'ן מלכות פֿון דוד'ס הויז? צי וועט ער דען, ירבעם, צוריק נישט אַזוי געשווינד פֿאַלען, ווי געשווינד ער איז דערהויבען געוואָרען? און כּדי צו פֿערהיטען פֿון אָט אַזאַ מפּלה, האָט ירבעם אויפֿגעטהון אַ פֿערברעכערישען פּלאַן, וועלכער האָט געדאַרפֿט צוריקשטויסען אידען צו דער געצענדינערײַ.

בשעת ירבעם איז געוועזען עטליכע יאָהר אין מצרים, האָט ער זיך דאָרט בעקענט געמאַכט מיט דער עגיפּטישער געצענדינערײַ און זיך דערוואוסט, אַז די פֿערגעטערונג פֿון די חיות איז בעזונדערס גינסטיג פֿאַר די מלכים: דינענדיג צו אַנ'אָקס, ווערט דאָס פֿאָלק זעהר פֿערווילדעוועט און פֿערגרעבט, און דעריבער איז עס זעהר לײַכט פֿאַר'ן קעניג אײַנגאַנצען איהם צו פֿערקנעכטען. אַזאַ פּאָליטיש־גינסטיגע רעליגיע האָט איהם, דעם פֿריהער גאָר אונבעוואוסטען ירבעם'ן, אויך געקאָנט פֿיעל נוצען ברענגען. ירבעם האָט געהאָפֿט צו פֿערגרעבען דאָס פֿאָלק, כּדי צו קאָנען בעסער און זיכערער געוועלטיגען איבער איהם, און דאָס בעסטע מיטעל דערצו האָט ער געזעהען דערין, וואָס ער וועט אײַנפֿיהרען די עגיפּטישע געצענדינערײַ, דאָס דינען צו אַנ'אָקס (אַפּיס). ירבעם האָט אויסער דעם געהאָפֿט דאַדורך בעזונדערס שטאַרק צו געפֿינען חן אין די אויגען פֿון מצרים, ווײַל דינענדיג אײַן גאָט, וועלען בײדע פֿעלקער האָבען די זעלביגע אינטערעסען און בעדערפֿנישען. כּדי אָבער נישט צו ערשײַנען אין די אויגען פֿון פֿאָלק, אַלס גרינדער פֿון אַ נײַער רעליגיע, האָט ירבעם געוואָלט אײַנשומעסען דעם פֿאָלק, אַז די עבודה צום אָקס איז טאַקי די אמת'ע אידישע רעליגיע. און אַ בעווײַז האָט ירבעם געהאַט, אַז די אידען, באַלד ווי זיי זענען פֿון מצרים אַרויסגעגאַנגען, האָבען אויך געדינט דעם עגל; און צו ווײַזען, אַז ער, ירבעם, האָט נאָר אײַן

כּוהנה: צוריקצושטעלען די אלטע אידישע רעליגיע, האט ער פער־באטען עולה־רגל צו זיין קיין ירושלים און אוועקגעשטעלט פערפער־טיגטע קעלבער־בילדער אין צוויי שטעדט, וועלכע זענען פון פריהער גע־ווען געהייליגט דורך די מזבחות, וואס זענען דארט געשטאנען — אין בית־אל און אין דן. די ערשטע, בית־אל, האט געדארפט דיענען פאר א צענטר פון דער דרום־פראווינץ, און די צווייטע — פאר דער פראווינץ פון צפון. ווען ער האט די צוויי בילדער אויפגעשטעלט, האט ער גע־לאזען אויסרופען: „דאס איז דיין גאט, ישראל, וועלכער האט דיך ארויס־געפיהרט פון מצרים“. דערצו האט ער אין בית־אל, וואו ער האט פערזענליך גערעכענט צו דיענען דעם אבגאט, געלאזט אויפבויען א גרויסען טעמפעל, און כּדי גאר איינגאנצען אבצוגעוואהנען דאס פאלק פון עולה־רגל זיין קיין ירושלים אויף סכּות, האט ער בעשטימט, אז מען זאל דעם דאזיגען יום־טוב פייערן א חדש שפעטער (אין חשון, אנשטאט אין תשרי). און אויף אזא אופן האט זיך דאס פאלק צוגעוואהנט צו געהן אויף יום־טוב קיין בית־אל און קיין דן. ירבעם האט דערגרייכט זיין צוועק: דאס פאלק איז פערנארישט און פערגרעבט געווארען און האט זיך געלאזט פערקנעכטען און געהארכען איהם. „אפרים איז געווארען, ווי א נארישע טויב, אהן פערשטאנד — האט זיך שפעטער געקלאגט דער נביא — א שטיק האלץ האט ער געמאכט פאר אנ'אראקעל (א ראטגעבער)“

פיעל פערדרוס און שוועריגקייט האט ירבעם געהאט נאר פון שבט לוי. קיין לוי האט נישט געוואלט געהן אבהאלטען דעם דיענסט ביי זיינע אבגעטער, דען שמואל'ס לעהרע האט שטארק געווירקט אויף די לויים און איינגעווארצעלט אין זיי די ריינע אידישע רעליגיע, און מורא האבענדיג, אז ירבעם זאל זיי נישט צווינגען, האבען די לויים, וואס האבען געוואהנט צווישען פערשיעדענע שבטים, אויסגעוואנדערט פון דארט און זיך בעזעצט אדער אין ירושלים, אדער אין די שטעדט פון די שבטים יהודה און בנימין, און ירבעם האט דארום געמוזט צונעהמען פאר כּהנים זייטיגע מענשען, און כּדי אויפצוהויבען דעם דיענסט אין די אויגען פון פאלק, האט ער אליין אנגעהויבען ערפילען די ראליע פון א כּהן. מעגליך, אז ער האט אויך געוואלט נאכטהון די מלכים פון מצרים, וועלכע פלעגען אפט ארויסטרעטען מיט זייער דיענסט פאר די געטער. דער דאזיגער נייער געצענדיענערישער קולט האט זיך געהאל־טען די גאנצע צייט, וואס עס האט עקזיסטירט די מלוכה פון די צעהן שבטים. קיינער פון די מלכים, וואס האבען געקעניגט נאך ירבעם'ן, האט נישט געמאכט די פראבע מבטל צו מאכען די געצענדיענערייי, וואס ירבעם האט איינגעפיהרט.

און חאטש ירבעם'ס פעלדהערר, בעשא, האט זיך צובונטעוועט גע־געו זיין זוהן נדב און האט מיט'ן שווערד פערניכטעט ירבעם'ס גאנצעם

קעניגליכעס הויז, איז פונדעסטוועגען ירבעם'ס געצענדיענרייא נישט אנגעריהרט געווארען אויך דורך איהם. אויך די בעציהונג צו דער מלוכת פון יהודה איז געבליבען די זעלבע: בעשא און זיין זוהן האבען געפיהרט קליינע מלחמות געגען אסא דעם קעניג פון יהודה, וואס האט געקעניגט נאך אבים'ן, רחבעם'ס זוהן; אזעלכע מלחמות זענען אויך פארגעקומען אין דער קורצער צייט פון אבים'ס קעניגען אין יהודה. נאר דאס זענען אלץ נישט וויכטיגע צוזאמענשטויסען. ערשט פערציג יאהר נאך דער שפאלטונג פון דער אידישער מלוכה זענען פארגעקומען בלוטיגע געשעהענישען, וועלכע האבען געהאט א גרויסע בעדייטונג פאר ביידע חלקים פון אידישען פאלק. — בעשא'ס זוהן אלה, וועלכער האט געקעניגט צוויי יאהר און פערבראכט זיין גאנצע צייט אין לעדיג-געהן און אין שכרות, איז דער'הרג'עט געווארען דורך זיין קנעכט זמרי, וועלכער האט אויך אויסגע'הרג'עט אלע מיטגליעדער פון בעשא'ס משפחה און זיך געלאזט אויסרופען פאר א קעניג אין דער מלוכה פון ישראל (1002 יאהר פאר'ן צווייטאן חורבן).

נישט לאנג אבער האט געדויערט זיין רעגירונג — נאר איין וואך. ווי נאר די ארמעע האט דערהערט, אז מען האט דער'הרג'עט דעם קעניג, האט מען אויסגערופען פאר א קעניג דעם פעלדהערר עמרי, וועלכער האט זיך באלד צוריקגעקעהרט צו דער הויפט-שטאדט תרצה; ער האט אבער געפונען די טויערען פון שטאדט פערשלאסען. עמרי האט בעלאגערט די שטאדט און דורכגעבראכען ענדליך די מויער ארום איהר. ווען זמרי האט דערזעהן, אז ער איז פערלוירען, האט ער אונטערגעצונדען דעם קעניגליכען פאלאץ און אריינגעווארפען זיך אין די פלאמען. דעם דאזיגען זעלבסטמארד איז ער בעגאנגען, כדי נישט צו דערלעבען די שאנדע אריינצופאלען אין די הענד פון זיין פיינד און בעשטראפט ווערען דורכ'ן טויט, ווי א קעניגס-מערדער. פון די ערשטע פינף מלכים אין ישראל איז זמרי שוין געוועזען דער דריטער, וואס האט געענדיגט מיט אנ'אומנאטירליכען טויט, און נאר צוויי פון זיי זענען בעגראבען געווארען אין די קברים פון מלכים, וועלכע ירבעם האט געגרינדעט. באלד האט אויך א פיערטער קעניג פון דער מלוכה אין ארץ-ישראל געזאלט ענדיגען זיין לעבען דורך די הענד פון א מערדער.

עמרי, אלס פעלדהערר, וועלכער איז פאר א קעניג אויסגערופען געווארען, האט געזאלט פערנעהמען דעם טהראן מיט דער מאכט פונ'ם שווערד. אבער א טייל פון דער בעפעלקערונג אין דער הויפט-שטאדט האט זיך מיט א שטארקען ווידערשטאנד געגען איהם געשטעלט און אויסגעקליבען פאר א קעניג תבני דעם זוהן פון גינת, וועלכער איז, ווי עס שיינט, געוועזען א געבירטיגער אין שטאדט. די ארמעע האגעגען האט געהאלטען מיט עמרי'ן. און אזוי ארום זענען אין דער הויפט-שטאדט פון דעם קעניגרייך ישראל ענטשטאנען צוויי

פּאַרטײען, װעלכע האָבען צװישען זיך געפֿיהרט אַ בלוטיגען קאַמפּף. מעהר װי אַ בירגער־קריעג האָט נישט געפֿעהלט ' דער מלוכה פֿון אֶפֿרים, צו דערפֿילען די מאָס פֿון איהר עלענד! גאַנצע פֿיער יאָהר האָט געדױערט די מלחמה צװישען ברידער (998 פֿאַר'ן צװײטען חורבן). ענדליך האָט געזיעגט די פּאַרטײ פֿון דער אַרמעע, תּבני איז דער'הרג'עט געוואָרען און עמרי איז געבליבען קעניג אין אֶפֿרים. ער האָט זיך אָבער געפֿיהלט נישט גוט אין דער הױפּט־שטאָדט תּרצה; דער קעניגליכער פּאַלאַץ איז מיט זמרי'ס טױט אָפּגעברענט געוואָרען און, װי מען קאָן פֿערשטעהן, זענען, מסתּמא, נישט װעניג חורבות צוגעקומען אױך אין דער צײט פֿון דער פֿיער־יעהריגער מלחמה. די בעזיעגטע פּאַרטײ איז אױך געװען פֿײנדליך געגען איהם. עמרי האָט דעריבער געגומען זוכען אַנ'אַנדער הױפּט־שטאָדט. שכם האָט ער נישט געוואָלט אױסקלױבען פֿאַר אַ רעזידענץ, מחמת דעם אונרוהיגען גײסט פֿון די דאָרטיגע אײנװאָהנער. קײן אַנדער גרעסערע שטאָדט אין מיטעלפּונקט פֿון זײן מלוכה איז אָבער נישט געװען. עמרי האָט זיך דעריבער בעשלאָסען צו גרינדען אַ נײַע הױפּט־שטאָדט. אַ פּלאַכען באַרג, עטליכע שעה גאַנג װײַט פֿון צפֿון־מערב פֿון שכם, האָט עמרי געקױפֿט און דאָרט אױסגעבױט פֿאַר זיך אַ פּאַלאַץ און נאָך פֿיעל אַנדערע געבײדעס, װעלכע ער האָט אַרומגערינגעלט מיט אַ מױער און בעפֿעסטיגט. אַזױ אַרום איז אױסגעװאַקסען אַ שטאָדט, װעלכע עמרי האָט אַ נאָמען געגעבען שומרון. אַ יאָהר שפּעטער נאָך זײן נצחון איבער זײן געגנער, תּבני, האָט ער זיך אַרױסגעצױגען פֿון תּרצה און זיך בעזעצט אין דער נײַער הױפּט־שטאָדט, װעלכע איז אין אַ משך פֿון צװײ יאָהרהונדערטען געװען אַ קאָנקורענטין פֿון ירושלים. פֿון דער נײַער שטאָדט האָט די מלוכה פֿון אפֿרים אױך בעקומען אַ נײַעם נאָמען — שומרון.

עמרי, דער ערשטער קעניג פֿון שומרון, איז נישט געװען קײן בעזונדערס שטאַרקער און געניטער פֿעלדהערר, ער איז אָבער געװען זעהר קלוג און האָט געשטרעבט גרױס מאַכען זײן לאַנד און זײן פֿאָלק און דערהױבען זײ אין די אױגען פֿון די אַרומיגע פֿעלקער. דער גלאַנץ פֿון שלמה'ס רעגירונג האָט איהם נישט געלאָזט צורוה. אמת, דאָס פֿאָלק איז שױן איצט געװען געשפּאָלטען אין צװײ חלקים; אָבער צי האָבען דען אָט די צװײ חלקים געמוזט שטענדיג קריעג פֿיהרען צװישען זיך? צי האָבען זײ דען נישט געקאָנט לעבען צוזאַמען אין פֿריעדען, פֿערטײדיגענדיג די אַלגעמײנע אינטערעסען און שטיצענדיג אײנער דעם אַנדערען? עמרי האָט געמאַכט די פּראָבע, צו שליסען שלום מיט'ן מלכות פֿון דוד'ס הױז, און האָט איהם ערקלערט, װי װײַט דער שלום איז נוצליך און װיכטיג פֿאַר בײדע טײלען, װײַל דאַדורך װעלען זײ װידער קאָנען הערשען איבער די אײנגענומענע פֿעלקער און צװינגען זײ, זײ זאָלען זיך אונטערגעבען און ברענגען זײערע מסים און אָב־

צאָהלונגען. אַ לאַנגע צייט איז טאַקי געווען שלום צווישען ביידע מלוכות, צווישען דעם קעניג פֿון יהודה, אסא'ס זוהן, יהושפט, און עמרי'ס זוהן, די מלכים פֿון שומרון. עמרי האָט אויך געשטרעבט צו שליסען אַ פֿריינד־שאַפֿט מיט די פֿעניקיער, זיינע שכנים, כדי צו קאָנען אַנטהייל נעהמען אינ'ם רייכען האַנדעל, וועלכען זיי האָבען געפֿיהרט איבער'ן ים. אין פֿע־ניקיען האָט מען אין יענער צייט אויך איבערגעלעבט אַזאַ עפּאָכע, ווי אין דער מלוכה פֿון אפרים: קעניג־מערדער האָבען פֿערהאַפּט איינע נאָך די אַנדערע דעם טהראָן פֿון צור, און לסוף איז דאָרט, נאָכדעם ווי מען האָט דער'הרג'עט דעם לעצטען קעניג, געוואָרען אַ קעניג דער כהן פֿון דעם אַבגאָט עשתרות, אתבעל. די פֿעניקישע מלוכה איז דורך די בלוטיגע געשעהעניסען זעהר אָבגעשוואַכט געוואָרען, און דאָס לאַנד איז פֿעראָרימט געוואָרען. אַנגעזעהענע פֿעניקישע משפּחות זענען געווען געצוואונגען אויסצוּוואַנדערן, און זיי האָבען געגרינדעט קאָלאָניעס אין די צפֿון־ברעגען ביי'ם ים אין אַפֿריקאַ. אתבעל האָט דעריבער אויך געזוכט פֿריינדשאַפֿט מיט די אַרומיגע מלוכות, קודם־כל מיט זיין שכן, שומרון. די מלכים, עמרי און אתבעל, האָבען געהאַט גלייכע אינטערע־סען, צו שליסען אַ פֿריינדשאַפֿט־בונד אויף צו פֿערטיידיגען איינער דעם אַנדערען און אַרויסטרעטען צוזאַמען געגען אַנדערע מלוכות. דעם דאָזי־גען בונד האָט מען געשלאָסען דורך אַ שידוך: עמרי'ס זוהן, אחאב, האָט גענומען פֿאַר אַ ווייב די טאָכטער פֿון אתבעל, איזבל.

איצט האָט עמרי שוין געקאָנט אָנהויבען טראַכטען וועגען אונ־טערנעהמען מלחמות געגען די אַרומיגע פֿעלקער. אין ירבעם'ס צייטען האָט מואב זיך בעפֿרייט פֿון זיין אונטערטעניגקייט צו דער אידישער מלוכה. איצט האָט עמרי צוגענומען ביי מואב'ן פֿיעל שטעדט און גע־צוואונגען די גאַנצע מלוכה אָנצוערקענען איבער זיך די אידישע הער־שאַפֿט. מואב איז צוריק געוואָרען אונטערטעניג און האָט יעהרליך גע־מוזט צאָהלען שטייער מיט גרויסע טושערעדעס פֿון בעק און שעפּסען מיט וואָל. ווייל אָבער צווישען מואב און ארם האָט עקזיסטירט אַ בונד, לויט וועלכען זיי האָבען געדאַרפֿט פֿערטיידיגען איינער דעם אַנדערען, און ארם האָט בכלל געקוקט מיט קנאה אויף דער פֿערשטאַרקונג פֿון דער אידישער מלוכה, האָט דער אַראַמעאישער קעניג פֿון דמשק, בן הדד דער ערשטער, ערקלערט אַ קריעג דער אידישער מלוכה און געצוואונגען דעם קעניג עמרי צו שליסען מיט איהם שלום אונטער זעהר שווערע בע־דינגונגען; עמרי האָט אויך געמוזט צוזאָגען, אַז ער וועט לאָזען פֿריי דורכגעהן דורך דער אידישער מלוכה די קאַראַוואַנען פֿון דמשק און האַלטען פֿון זייערטוועגען די וועגען זיכער פֿון רויבער.

עמרי האָט דערפֿאַר נאָך שטאַרקער זיך פֿעראייניגט מיט די פֿע־ניקיער און געשטרעבט אינגאַנצען צו אַסימילירען זיין פֿאָלק מיט די כנענים (פֿעניקיער). דער קעניג פֿון ישראל האָט געמאַכט אַזאַ פּאָליטי־

שעָן *חשבון: צוליעב וואָס זאָלען אידען זיך אבזונדערען פון זייערע שכנים? האָבען זיי דען דערפון געהאַט ווען עס איז מאַטעריעלען נוצען? צי וואָלט דען נישט געווען קלוגער פאַר׳ן פאָלק, ווען די מלוכה פון די צעהן שבטים וואָלט איינגאַנצען אנגענומען אַ חאַראַקטער פון אַ פיניקישער מלוכה, און וואָלט, אַ שטיגער, אַ צווייטע צור געוואָרען? די שפראך און די געוואָהנהייטען זענען ביי ביידע פעלקער, ביי די אידען און פעניקיער, כמעט געווען די זעלביגע, און ווען אידען וואָלטען נאָר אנגענומען די פעניקישע רעליגיע, האָבען זיי זיך געקאָנט איינגאַנצען מיט די פעניקיער אסימילירען. עמרי האָט אנגעהויבען שטאַרק צו אַרביטען פאַר דער מעגליכקייט פון אזא אסימילאַציע. ער האָט איינגעפיהרט דעם קולט (דעם גאָטענסדיענסט) פון בעל און עשתרות, אַלס די אָפיציעלע רעליגיע פון דער מלוכה; אין שומרון האָט ער אויסגעבויט אַ שענעם טעמפעל פאַר׳ן בעל (אדאָנים), ער האָט געבראַכט פון צור פריסטער (כהנים) פאַר די אבגעטער און בעפוילען, אַז מען זאָל ברענגען קרבנות דעם בעל און דער עשתרות. אפילו דער קולט פון די קעלבער אין דן און בית־אל, וועלכע ירבעם האָט איינגעפיהרט, איז פאַר עמרי׳ן אויך געווען נאָך צו־אידישליך, וויל ער האָט דאָך פאָרט דערמאָהנט אן דעם אידישען גאָט, דען ירבעם האָט דאָך ערקלערט: „דאָס איז דיין גאָט, ישראל, וועלכער האָט דיך אַרויסגעפיהרט פון מצרים“. פאַר עמרי׳ן איז אַלץ איינס געווען, צי מען דיענט דעם אידישען גאָט מיט אַ בילד, אָדער אָהן דעם; קוים דערמאָהנט ער אן דער אידישער פערגאַנגענהייט, אָדער אן אַ אידישער איינגענער צוקונפט, איז ער שוין ממילא עטוואָס אנדערש, ווי דער גאָט פון די פעניקיער, ווי דער בעל, ווי די עשתרות; לויט עמרי׳ס פאָליטישע קאָמבינאַציעס, האָט מען אבער דוקא אָט דאָס געדאַרפט אויסמיידען: אידען האָבען זיך געדאַרפט אין אַלץ אויסגלייכען מיט די פעניקיער און צונויפגיסען זיך מיט זיי, אסימילירען זיך אין איין פאָלק, כדי צו געניסען פון אַלע יענע וועלטליכע גליקען און ברכות, מיט וועלכע דאָס פעניקישע פאָלק איז געבענשט געווען. אין דער ווירקליכקייט איז די מלוכה פון די צעהן שבטים שטאַרק רייך געוואָרען אין עמרי׳ס צייטען. אין לאַנד האָט זיך בעוויזען גאָלד און זילבער נאָך מעהר, ווי אין שלמה׳ס צייטען. עמרי׳ס זוהן, דער אידישער מלך אחאב, האָט זיך שוין געקאָנט ערלויבען אויך אזא לוקסוס, וועלכען שלמה אפילו האָט זיך נאָך נישט געקאָנט ערלויבען: בשעת שלמה האָט זיך אויסגעבויט אַ פּאַלאַץ, האָט ער נאָר זיין טהראָן געלאָזט מאַכען פון העלפאַנד־ביין; אחאב אבער האָט זיך געלאָזט אויסבויען אַ גאַנצען פאַלאַץ פון העלפאַנד־ביין.

עמרי׳ס נייע אויפטהועכצען האָבען געהאַט נאָך אַ פיעל גרעסערע בעדייטונג, ווי ירבעם׳ס, אָדער, ווי דער אַלטער היסטאָריקער דריקט זיך אויס, „עמרי איז געווען אַ גרעסערער פערברעכער, ווי אַלע פריהערדיגע

מלכים פֿון די צעהן שבטים. ירבעם האט אנגעוויזען אויף זיינע „קעלבער“, אלס אויף דעם „גאט פֿון ישראל“; עמרי דאגעגען האט איינגעזען געוואלט צונעהמען ביי אידען זייער נאציאנאלען גאט, האט ער געוואלט, אז אידען זאלען גאר פֿערגעסען זייער אבשטאמונג און ווערען פֿעניקיער. וויל עמרי איז אבער געשטארבען זעקס יאהר נאכדעם, ווי ער האט אויסגעבויט זיין שטאדט שומרון, האט ער נישט בעוויזען און דער ווירקליכקייט אויסצווארצלען ביי אידען יעדע שייכות צום אלטען אידישען פֿאלק. זיין זוהן אחאב האט געדארפֿט וויטער פֿיהרען זיין טעטיגקייט, איבערנעהמענדיג זי בירושה פֿון עמרי'ן. ס'פֿערשטעהט זיך, אז אחאב האט אויך פֿעסט געהאלטען דעם בונד מיט די פֿעניקיער און מיט'ן קעניג פֿון יהודה, יהושפט.

אחאב איז געוועזען נישט קיין שטארקער מענש. ער האט געהאט א שוואכען און מילדען כאראקטער, ער האט געזוכט רוהיגקייט און בעקוועמליכקייט. און ווען עמרי'ס פלענער האבען געזאלט פֿערווירקליכט ווערען בלויז דורך אחאב'ן, וואלט פֿון זיי באלד גארנישט געווארען. אחאב איז אויך נישט געוועזען קיין מלחמה־מענש, קיין העלד; די מלכים פֿון די ארומיגע פֿעלקער האבען זיך ערלויבט צו מאכען איהם אפט אזעלכע ערקלערונגען, וואס אנ'אנדער קעניג אויף זיין ארט וואלט אויף זיי געענטפֿערט מיט א מלחמה אויף טויט און לעבען. אחאב איז אבער געוועזען צו־שוואך דערצו, און האט אלץ געדולדיג געליטען, אבענטפֿערנדיג זיין געגנער ווייך און כמעט מיט תחנונים. און ערשט ווען זיין געגנער איז דאדורך געווארען נאך דרייסטער און ארויסגעטראטען געגען איהם שארפֿער, האט שוין אחאב, געגען זיין אייגענעם ווילען, גענוזט אננעהמען די מלחמה. און אט אזוי איז עס אויך געוועזען מיט אחאב'ס קאמפף געגען דער אידישער רעליגיע און פֿאלקסטימליכקייט: מען האט עס איהם מיט גוואלד אנגעווארפֿען. זיין פֿאטער, עמרי, האט איהם חתונה געמאכט מיט א פֿרוי, וועלכע איז געוועזען און אלץ דער היפך פֿון איהם, א פֿרוי, וועלכע האט זיך אויסגעצייכענט מיט א שטארקען מאנסבילשען כאראקטער, מיט אנ'אייזערנעם ווילען און א שטרענגקייט, כמעט אהן גלייכען. איזבל, די טאכטער פֿונ'ם פֿעניקישען קעניג, וועלכער איז אליין געוועזען אויך פריעסטער ביי די אבגעטער בעל און עשתרות, איז געוועזען דורכגעדרונגען מיט'ן געדאנק, צו כנענ'יזירען אידען, צו מאכען פֿון די צעהן שבטים אין נייעם פֿעניקישען שבט, וועלכער זאל זיך פֿעסט צוזאמענגיסען מיט די פֿעניקיער. זי האט זיך גענומען פֿערווירקליכען עמרי'ס פלענער מיט דער גאנצער קראפֿט און שטרענגקייט און האט אויך איהר שוואכען מאן, אחאב, געבראכט דערצו, אז ער זאל איהר העלפֿען אין אלע איהרע גוואלטטעטיגע און פֿערברעכערישע מעשים. די גאנצע מלוכה־מאכט איז געוועזען אין איהר האנד; אחאב איז געוועזען בלויז דער אינסטרומענט, דורך וועלכען זי האט אויסגעפֿיהרט

אלץ, וואס זי האט פערלאנגט. איזבל'ס פינסטערער, עקשנות'דיגער גייסט, איהר ענערגיע, וועלכע האט זיך נישט אבגעשטעלט פאר קיין זאך, און איהר גרויסע גרויזאמקייט, האבען ארויסגערופען ביי אידען א שטארקע בעוועגונג פון אונצופריעדענהייט, וועלכע האט געבראכט צו בלוטיגע געשעהענישען אין געווירקט דערביי, ווי א שרעקליכער שטורם, וואס צעשטערט אלץ, אבער מאכט אויך ריין די לופט. פריהער פאר אלץ האט איזבל געלאזט אויסבויען אין שומרון א טעמפעל פאר'ן אבגאט בעל. פאר'ן דאזיגען פעניקישען קולט האט איזבל געבראכט פון איהר פאטערלאנד קיין שומרון פעניקישע פריעסטער (כהנים) און פאלשע נביאים — 450 פאר'ן בעל און 400 פאר'ן אבגאט עשתרות; די דאזיגע „נביאים און כהנים" האט זי אויסגעהאלטען אויפ'ן חשבון פונ'ם קעניגליכען הויף, און זיי אלע פלעגען עסען ביי איהר טיש. די אלע נביאים און פריעסטער פלעגען טיילוויז פיהרען דעם דיענסט אין די טעמפלען פון בעל און עשתרות אין שומרון גופא, וואו זיי פלעגען ברענגען קרבנות, און טיילוויז פלעגען זיי ארומרייזען אין די שטעדט און דערפער און לערנען דאס פאלק צו דיענען די אבגעטער. זייער רייזע פלעגען זיי מאכען אויף א העכסט אויסגעלאסענעם אופן: זיי פלעגען זיך אנטהון אין ווייבערשע קליידער אהן ארבעל, בעמאהלען דעם פנים און די אויגען אויפ'ן ווייבערשען שטייגער; זיי פלעגען אויסער דעם זיך בעוואפענען מיט שווערדען און העק, מיט א בייטש, און נעהמען מיט זיך פייפלעך, צימבלען, פויקען און אנדערע קלאפערגעצייג. קומענדיג אין א ישוב, פלעגען זיי אנהויבען טאנצען און ליארמען, דרעהענדיג זיך אין א קאראהאד (אין קרייז), ארונטערלאזענדיג דעם קאפ צו דער ערד און אויסשמירענדיג די האר פון קאפ אין דער בלאטע פון דער גאס. דערנאך פלעגען זיי ברעכען די הענד און צושניידען זיך דאס לייב מיט די שווערדען און מעסערס, ביז בלוט פלעגט זיך גיסען; דאס בלוט פלעגען זיי ברענגען א קרבן פאר דער בלוטדורשטיגער אבגעטין. דערגרייכענדיג ביז דער העכסטער מדרגה פון שגעון, פלעגען זיי אנהויבען בעגעהן שענדליכע זנות־מעשים. מיט דער דאזיגער כנופיא כהנים פון בעל און נואפים פון דער עשתרות, האט איזבל גערעכענט אבצוגעוואהנען דאס אידישע פאלק פון זיינע גרויסע אבות און מאכען פון איהם פעניקיער, אנשטאט אידען. אין דער זעלביגער צייט האט מען אויך געלאזט צושטערען די אלטע אידישע מזבחות און אנשטאט זיי האט מען אויסגעבויט פעניקישע. דאס פאלק, וועלכעס איז געווען געוואהנט צו דיענען גאט דורך קרבנות, האט פון איצט אן געדארפט אנהויבען ברענגען קרבנות אויף די נייע מזבחות צום בעל און דער עשתרות.

אין די גרעסערע שטעדט האט איזבל'ס פאליטיק געהאט אנ'ערפאלג. די בעפעלקערונג פון די שטעדט איז דורכ'ן וואהלשטאנד געוואהנט געווען צו א שענערען לעבען, צו צירונגען, צו פערגניגען, צו

תאוות, און דער אונציכטיגער דיענסט צו דער עשתרות האט טאקי הייליג געמאכט אלערליי זנות־מעשים. די אויסגעלאסענקייט איז געווארען א געוועהנליכע ערשיינונג. סך־הכל זיעבען טויזענד מענשען לערך זענען געטריי געבליבען דעם אידישען האראקטער און האבען זיך נישט געבוקט פאר'ן בעל און נישט געדיענט דער עשתרות דורך קושען. דאס איבריגע פאלק אבער האט זיך געקוויינקעלט, מען האט נישט געוואוסט, אויב דער אידישער גאט איז דער אמת'ער, אדער דער בעל, און מען האט בשתיקה געדיענט צו גאט, עפענטליך אבער — דעם בעל און דער עשתרות. דאס איז געווען א צייט פון אונרוהיגער ערווארטונג און מהומות, ווי עס קומט שטענדיג פאר אין דער געשיכטע, א מין צייט פון בין־השמשות, ווען עס פיהלט זיך שטארק די נויטיגקייט פון א קרעפטיגער פערזענליכקייט, א העלד און א פיהרער.

אזא פערזענליכקייט איז געווען דער נביא אליהו פון תשבי

(אליהו הנביא האט געפיהרט זיין טעטיגקייט פון יאהר 990 ביז 970 פאר'ן צווייטען חורבן).

מען האט איהם גערופען געוועהנליך „אליהו פון גלעד“, ער איז אבער נישט געווען פון דארט א געבוירטיגער, נאר אן איינוואהנער פון גלעד. פאר די שפעטערדיגע דורות האט אליהו געגאלטען אלם א הויכער ביישפיעל פון שטארקען רעליגיעזען גייסט און שטרענגע מדות טובות. אליהו איז אויפגעטראטען אין שטורם, און אין שטורם איז ער אויך ארויסגעטראטען פאר'ן שוואכען קעניג אחאב, וועלכער האט זיך אינגאנצען געפונען אונטער'ן איינפלוס פון זיין ווייב איזבל. אליהו האט זיין ווארט געזאגט אחאב'ן אין פנים, טרעפענדיג איהם, ווי א דונער־שלאג; באלד נאכדעם איז ער, ווי א שטורם, פלוצלינג פערשוואונדען געווארען, נישט וועלענדיג זיך אויפהאלטען לענגער אין דער פערברעכערישער געזעלשאפט. אליהו איז געווען דורכגעדרונגען מיט איין איינציגען געדאנק: ארויסצוראטעווען דאס אידישע פאלק פון יענעם מאראלישען פערדערבען, אין וועלכען עס איז געשטאנען אין סכנה אונטערצוגעהן דורך דער טעטיגקייט פון איזבל מיט איהרע כהנים; דעם דאזיגען ציעל האט אליהו זיך געווידמעט מיט'ן גאנצען פייער פון זיין שטורמדיגער נשמה.

אליהו האט מיט זיין גאנצען ערשיינען, אויך מיט זיין אויסערליכקייט געוואלט דיענען פאר א פראטעסט געגען די כהנים פון בעל. אויב זיי האבען געטראגען פרויען־קליידער און זיך אויסגעצייכענט דורך זייער לוקסוס, האט ער אנגעטהון א גראבען האריגען מאנטעל און ארומגעבונדען זיך מיט א פראסטען לעדערנעם גארטעל; אויב זיי האבען זיך געפוצט אויף'ן ווייבערשען שטייגער און געפארבט זיך דעם פנים און די אויגען, האט ער זיך געלאזט אנוואקסען לאנגע האר, וועלכע זענען ווילד ארונטערגעפאלען איבער זיינע אקסלען, און זיך אבגעהיט פון טרינקען וויין, ווי א נזיר. אין אזעלכע קליידער און מיט אזא סדר פון לעבען האט ער איבעראל געלאזט אויסרופען: „ד' הוא האלהים“.

אליהו האָט באַלד געפונען פיעל מיטאַרבייטער און מיטהעלפער. איידער מען האָט זיך נאָך אַרומגעזעהן, האָט שוין אליהו געהאַט אַרום זיך פערזאַמעלט אַ מחנה נביאים, אָדער תלמידים פון נביאים, וועלכע האָבען געווידמעט זייער לעבען אויפצוהאַלטען און צו שטאַרקען די אַלטע אידישע פאָלקסטימליכקייט. אליהו'ס מחנה האָט אויך אָנגעהויבען פיהרען אַזאַ אַרט לעבען, ווי ער אַליין, זיי זענען געוואָרען נזירים. דאָס לעבענס־סיסטעם פון דער נייער מחנה איז בעשטאַנען אין פאָלגענדען: מען דאַרף פיהרען אַנ'אייניפאַך לעבען, נישט וואָהנען אין די שטעדט, וואו עס הערשען לוקסוס און ווייבערשע ווייכקייט, נאָר אין אָרימע געצעלטען, אין די דערפער; מען דאַרף נישט טרינקען קיין ווין און נישט פלאַנצען קיין ווין־גערטנער, נאָר בעשעפטיגען זיך, אַזוי ווי די אָבות, מיט האָדעווען בהמות. יהונדב, דער זוהן פון רכב, וועלכער האָט, אָהן ספק, געהערט צו אליהו'ס אָנהענגער, האָט איינגעאָרדענט פאַר זיין הויזגעזינד דאָס לעבען אויף אַזאַ שטייגער.

מיט דער נייער מחנה פון די נביאים האָט אליהו אָנגעהויבען צו ווירקען געגען די כהנים פון בעל און עשתרות. ווי אַ שטורם־ווינד האָט ער זיך מיט זיי געטראָגען איבער'ן גאַנצען לאַנד, פון שטאָדט צו שטאָדט, פון דאָרף צו דאָרף, צונויפזאַמלענדיג איבעראַל דאָס פאָלק און לערנענדיג איהם צו געדענקען די)הויפט־זאַך: „דער אידישער גאָט איז דער איינציגער און אמת'ער; בעל און עשתרות זענען שטומע און טויטע אָבגעטער". ווי עס שיינט, איז אליהו אויך בעגאַנגען גוואַלדטהאַטען געגען די כהנים פון בעל, מיט וועלכע ער פלעגט זיך טרעפען. איזבל האָט לענגער נישט געקאָנט צוזעהן רוהיג, ווי דער „נביא פון תשבי" טרעט אַרויס געגען אַלע איהרע פלענער; זי האָט אַרויסגעשיקט איהרע לייט געגען אליהו'ס מחנה, און די, וועלכע עס פלעגט געלינגען צו נעהמען געפאַנגען, פלעגט מען אָהן אַ שום רחמנות דער'הרג'ענען. דאָס זענען געוועזען די ערשטע אידישע קדושים, וועלכע זענען דער'הרג'עט געוואָרען „על קדוש השם", און איזבל, די אידישע קעניגין און טאָכטער פונ'ם בעל־פריעסטער, אתבעל, איז געוועזען די ערשטע, וועלכע האָט אָנגעהויבען פערפאָלגען אידען פאַר זייער גלויבען. אליהו'ן אַליין האָט אָבער איזבל נישט געקאָנט נעהמען געפאַנגען, חאָטש זי האָט געשיקט פיעל מענשען איהם צו זוכען. ס'איז איהם תמיד געלונגען צו ענטרינען פון די הענד פון זיינע פערפאָלגער. אליהו'ס קנאה פאַר'ן אַלטען אידישען גלויבען האָט שוין געהאַט אַזאַ שטאַרקע ווירקונג, אַז זי איז אַריינגעדרונגען אויך אַפילו אין קעניגליכען הויף, אין דער אויפזעהער איבער אַחאב'ס פּאַלאַץ, עובדיה, איז בשתיקה געוואָרען אַ געטרייער גאָטעס־דינער. מען קאָן גלויבען, אַז איזבל האָט איהם בע־
טרייער גאָטעס־דינער. מען קאָן גלויבען, אַז איזבל האָט איהם בע־
האָט בעהאַלטען הונדערט פון זיי אין צוויי הייהלען אין באַרג כרמל.

צו פופציג אין א הייהל, און אויסגעהאלטען זיי דארט „מיט ברויט און וואסער“. אליהו איז געווארען דאדורך א שטארקע מאכט, וועלכע מען קאן נישט אזוי לייכט צוברעכען, ווארום ווי אזוי האט איזבל געקאנט קעמפפען געגען א פיינד, וועלכען זי בעקומט נישט אפילו צו זעהען, און וועלכער האט זיינע אנהענגער שוין ביי איהר אין שטוב אויך?

אין א געוויסען טאג איז אליהו ערשינען פאר אחאב'ן אליין, כדי איהם איבערצושרעקען מיט שטראף-רייד פאר דעם, וואס ער איז אזוי שוואך פון חאראקטער און דערלויבט זיין פרוי פיהרען איהר שענדליכע טעטיגקייט ביי אידען. אחאב האט געליעבט צו בויען נייע געביידעם און בעפעסטיגען זיינע שטעדט. ער האט זיך אויסגעבויט א נייע רעזידענץ אין'ם שענעם טהאל יזרעאל, כדי צו לעבען דארט אין דער ווינטער-צייט, וועהרענד ער פלעגט לעבען אין שומרון אים זומער-צייט. פאר דעם קעניג מיט דער קעניגין האט ער דארט געלאזט אויפבויען א פאלאץ פון עלפאנד-ביין. אחאב האט אבער געברויכט צו האבען א גרויסען פלאץ נעבען זיין פאלאץ צו פערפלאנצען א גארטען, און אט האט זיך איהם פערוואלט בעקומען דעם שענעם וויינגארטען נעבען זיין פאלאץ, וועלכער האט געהערט צו איינעם פון די אנגעזעהענסטע בירגער פון יזרעאל, מיט'ן נאמען נבות. אחאב האט געוואלט ביי איהם אבקויפען דעם וויינגארטען, נבות האט אבער ערקלערט, אז ער וויל זיך נישט שיידען מיט דער נחלה פון זיינע עלטערען. אחאב האט געהאט דערפון אזא עגמת-נפש, אז ער האט אין יענעם טאג אפילו נישט געקאנט עסען. ווען איזבל האט איהם געפונען אין אזא טרויעריגער שטימונג, האט זי זיך אויסגעלאכט פון זיין קינדישען עגמת-נפש, ווי אויך דערפון, וואס ער קאן זיך נישט געפינען קיין עצה. „אט אזוי — האט איזבל אויסגערופען — מיינסטו צו האלטען די הערשאפט איבער אידען?“ איזבל האט צוגעזאגט איהר מאן, באלד צו בעקומען פאר איהם דעם פערלאנגטען וויינגארטען. אין'ם נאמען פון קעניג האט זי צוגעשיקט בריעף צו יענע עלטסטע פון יזרעאל, וועלכע זי האט געקאנט פאר געטרייע קנעכט, וואס וועלען אלץ טהון, וואס מען וועט פון זיי פערלאנגען. אין איהרע בריעף האט זי זיי בעפוילען צונויפצורופען א געריכטס-פערזאמלונג און ארויסשטעלען צוויי עדות, וועלכע זאלען בעשולדיגען נבות, אז ער האט געלעסטערט די געטער און דעם קעניג. די שקלאווישע עלטסטע האבען זיך ערלויבט צו טהון אזא זאך און לאזען אנקלאגען זייערען א מיטבירגער אין א פערברעכען, פאר וועלכען מען בעשטראפט מיט'ן טויט. מען האט פערזאמעלט די ריכטער און צוויי פאלשע עדות זענען ארויסגעטראטען, וועלכע האבען ערקלערט, אז זיי האבען געהערט, ווי נבות האט געלעסטערט גאט און דעם קעניג. אזוי ארום איז נבות פער'משפט געווארען צום טויט. און די טויט-שטראף איז באלד אויסגעפיהרט געווארען איבער איהם און זיינע זיהן, דען די גיטער פון א

פֿער׳משפּט׳ען צום טויט געהערען דעם קעניג. איזבל האָט דערביי ערקלערט איהר מאַן מיט טריאומף: „איצט קאָנסטו זיך נעהמען נבות׳ס ווייני־גאָרטען, דען ער איז שוין טויט“. ווי נאָר אליהו האָט זיך דערוואוסט וועגען דער דאָזיגער פֿערברעכערישער טהאַט, האָט ער שוין לענגער נישט געקאָנט איינהאַלטען זיין צאָרן. ער איז אַוועק קיין יזרעאל און גע־טראָפֿען דאָרט גראָד אין׳ם מאָמענט, ווען אחאב איז געקומען בעטראַכטען דעם וויינגאָרטען פֿון נבות, וועלכער האָט צו איהם שוין איצט געהערט. הינטער אַחאב׳ן זענען געריטען צוויי מענשען, זיינע דיענער, וועלכע האָ־בען שפּעטער געדאַרפֿט אויספֿיהרען די נקמה אַן איהם פֿאַר דער מערדע־ריי איבער נבות׳ן. מיט אַ דונער־שטימע האָט דער נביא אליהו אויסגע־רופֿען: „האָסטו בעגאַנגען אַ מאָרד און איצט געהסטו נעהמען די ירושה? דאָס אונשולדיג פֿערגאָסען בלוט פֿון נבות און זיינע זיהן האָט גאָט נעבּ־טען געזעהען און אויפֿ׳ן זעלביגען אָרט, וואו די הינד האָבען זיין בלוט געלעקט, וועלען זיי אויך דיין בלוט לעקען“. די דאָזיגע דראָהונג האָט געמאַכט אַ צושמעטערנדען איינדרוק אויפֿ׳ן שוואַכען געמיט פֿון אַחאָב. ער האָט באַלד זיינע קלײדער צוריסען, געפֿאַסט און אָנגעטהון זיך אין אַזאַק (ער האָט תשובה געטהון). זיין ווייב איזבל האָט איהם אָבער נישט דערלאָזען צו ענדערען זיך אינגאַנצען: זי האָט איבער דעם שוואַכען מאַן אינגאַנצען געהערשט. אליהו איז תיכף פֿערשוואונדען גע־וואָרען אויך אַזוי פּלוצלונג, ווי ער האָט זיך פּלוצלונג בעוויזען.

באַלד איז אין לאַנד אויסגעבראָכען אַ הונגער, וואָס דער נביא האָט פֿאָראויס געזאָגט; ס׳איז אפילו נישט געווען קיין פֿאַשע פֿאַר די פֿערד און מויל־עזלען פֿונ׳ם קעניג. אין דער דאָזיגער נויט האָט אחאב אַרומ־געשיקט שלוחים אינ׳ם גאַנצען לאַנד, אויפֿצוזוכען אליהו׳ן, וועלכער האָט איהם דאָס אונגליק פֿאָראויס געזאָגט. קיינער פֿון די שלוחים האָט אָבער נישט געקאָנט ענטדעקען דעם אָרט, וואו אליהו געפֿינט זיך. איינמאָל איז אליהו ערשיענען דעם אויפֿזעהער איבער אחאב׳ס פּאַלאַץ, עובדיה, און איהם ערקלערט קורץ: „געה זאָג דיין הערן, אַז אליהו איז דאָ“. אחאב איז געקומען, און ווי נאָר ער האָט דערזעהען אליהו׳ן, האָט ער אויסגע־רופֿען: „ביזטו עס דער פֿערדערבער פֿון אידישען פֿאָלק?“ דערויף האָט איהם דער נביא געענטפֿערט: „נישט איך האָב אידען דאָס פֿערדערבען געבראַכט, נאָר דו און דאָס הויז פֿון דיין פֿאָטער, דערמיט וואָס איהר האָט גאָט פֿערלאָזען און דעם בעל געדיענט“. און אליהו האָט געהייסען דעם קעניג צו פֿערזאַמלען אַלע כהנים פֿון בעל אויפֿ׳ן באַרג כרמל, כדי דאָרט עפֿענטליך צו דערוויזען, ווער עס איז אַן אמת׳ער נביא און ווער ס׳איז אַ פֿאַלשער. זיין בעפֿעהל האָט אליהו געגעבען אין אַזאַ טאָן, פּונקט ווי דאָס רעכט בעפֿעהלען צו געבען וואָלט געהאַט נישט דער קעניג, נאָר ער, דער נביא.

און אַט אַזוי ווערט דערצעהלט אין דער ביבעל וועגען דעם קאַמפּף

צווישען אליהו און די פאלשע נביאים. אחאב האט בעפוילען אלע נביאים און כהנים פון בעל צו קומען אויפ'ן בארג כרמל, און אליין איז ער אויך אהין געקומען; אויך א גרויסער המון פון פאלק האבען זיך דארט פערזאמעלט, אין דער אונגעדולדיגער ערווארטונג צו זעהען, מיט וואס ס'וועט זיך ענדיגען דער קאמפף צווישען דעם נביא מיט'ן קעניג, און צו דאדורך וועט עס נעהמען א סוף מיט דער דריי־יעהריגער טריקעניש, און עס וועט זיך בעוויזען רעגען. אין דער היהל אויפ'ן בארג כרמל זענען געווען די הונדערט נביאים, וועלכע עובדיה האט דארט בעהאלטען; אויך זיי האבען אנטייל גענומען אין דער גרויסער געשעהעניש. אליהו איז באלד ארויסגעטראטען דער ערשטער צו דער פערזאמלונג און געווענדעט זיך צו איהר מיט א פראגע: „ביז ווי לאנג ווילט איהר נאך, ווי די פויגלען, ארומשפרינגען פון צווייג צו צווייג? איז דער אידישער גאט א גאט, טא פאלגט זשע איהם; אויב ווידער דער בעל איז א גאט, טא בלייבט אייך ביי איהם“. דאן האט אליהו בעפוילען די כהנים פון בעל צו שטעלען זיך א מזבח און ברענגען פאר זייער אבגאט א קרבן, כדי אז ער זאל פאר זיי וואונדער טהון. די כהנים פון בעל האבען געבראכט דעם קרבן אין דערביי האבען זיי, ווי זייער שטייגער איז, פערוואונדעט זיך מיט מעסער'ס און שווערדען, ביז דאס בלוט האט זייער לייב בעדעקט, און אלץ געהאלטען אין איין בעטען, פון פריהען מארגען ביז מיטאג־צייט: „אה, בעל, ענטפער אונז“. אבער זיי האבען קיין שום ענטפער נישט ערהאלטען. דאן האט אליהו זיך אנגערופען מיט א בייסענדער איראניע: „רופט העכער צו אייער גאט, אפשר האלט ער גאר איצט אין א שמועס, אפשר איז ער אויף א פערוויילונג, אדער גאר אויף דער רייזע; פיליכט שלאפט ער, וועט ער זיך אויפכאפען!“ און ווען די כהנים פון בעל זענען פערשעמט צוריקגעטראטען, האט אליהו צו גאט געבעטען אין דער שטיל: „גאט פון אברהם, יצחק און יעקב, ענטפער מיר, כדי דאס פאלק זאל זעהען, אז דו ביזט דער איינציגער, און איך שטעה דא, ערפילענדיג דיין ווילען, דען דו אליין האסט דאך זייער פערשטאנד פון דיר אבגעווענדעט!“ אין ווי אליהו האט נאר זיין תפלה געענדיגט, איז פארגעקומען א צייכען פון גאט אזוי פלוצלונג, אז אלע אנוועזענדע זענען אויפ'ן פנים געפאלען און אויסגערופען: „ד' הוא האלהים!“

א פלוצלונגער בליץ — ווערט דערצעהלט — איז אראבגעפאלען פון הימעל אויף אליהו'ס מזבח און פערברענט זיין קרבן און אלץ, וואס איז געווען אויפ'ן מזבח און ארום איהם. אליהו האט באלד נקמה גענומען פון די פאלשע נביאים; ער האט בעפוילען דעם פאלק, אז מען זאל זיי כאפען, דער'הרג'ענען און אריינווארפען אין דערבייאיגען טייך קישון. אחאב, וועלכער איז דערביי געווען, איז אזוי שטארק איבערראשט געווען פון דעם, וואס ס'איז פארגעקומען, אז ער האט נישט געשטערט אליהו'ן, צו לאזען אויסהרג'ענען זיין וויב'ס נביאים.

איזבל האָט אָבער נישט געהאַט אַחאָב'ס כאַראַקטער. זי איז אַריין אין אַ שרעקליכען כעס אויף אליהו'ן און האָט פון איצט אָן געלויערט אויף זיין לעבען. אליהו איז ענטלאָפען אין לאַנד יהודה. ווי עס שיינט, איז ער אָבער דאָרט אויך נישט געווען זיכער מיט'ן לעבען, ווייל יהושפט, דער קעניג פון יהודה, איז געווען גוט־פריינד מיט אַחאב'ן און ער האָט איהם געקאָנט אַרויסגעבען אחאב'ן. אליהו איז דעריבער אַוועקגעגאַנגען ווייטער פון באַר־שבע צו דרום־צו, און ער איז געוואָרען אַזוי פערצווייפעלט פון די רדיפות, אַז ער האָט זיך דעם טויט געוואונשען. איינמאָל, ווען אליהו איז געשלאָפען מיעד אין דער מדבר, האָט ער דערהערט, ווי אַ שטים רופט צו איהם און הייסט איהם עסען און טרינקען, ווייל ער ברויך צו מאַכען אַ ווייטען וועג אַזש ביז'ן באַרג חורב. דורך דער דאָזיגער ערשיינונג האָט אליהו זיך דערשפירט געטרייסט און געשטאַרקט און איז אַוועקגעגאַנגען ווייטער אין דער וויסטעניש, ביז צו'ם באַרג חורב, אויפ'ן אָרט, וואו די תורה איז געגעבען געוואָרען, און דאָ, זיצענדיג אין אַ'איינזאַמער הייהל אונטער'ן באַרג חורב, האָט אליהו אָנגעהויבען זיך צו קלאָגען: „איך האָב פאַר גאָט זיך מתקנא געווען, ווייל די אידען האָבען דיין בונד פערלאָזען, דיינע מזבחות צושטערט און דיינע נביאים פערטיליגט, און איך אַליין בין נאָר איבעריג געבליבען, אָבער אויך מיין לעבען זוכען זיי צו נעהמען".

אין דער לאַנגער צייט, וואָס אליהו האָט פערבראַכט אין דעם מדבר און אויף דעם באַרג סיני, האָבען צווישען די אָנהענגער פון אַחאָב'ס הויז און דעם נביא פון תשבי אויפגעהערט די סכסוכים. דורך דער צייט איז אויפגעשטאַנען אַ נייער דור פון יונגע אידישע נביאים, וועלכע דער קעניג האָט נישט גערודפט. נאָר איין איינציגער פון די יונגע נביאים איז געווען אונפריינדליך געגען אחאב'ן, דאָס איז געווען מיכיהו דער זוהן פון ימלה. ווען נאָר אַחאב פלעגט דאַרפען אונטערנעהמען אַ מלחמה אין ער פלעגט שיקען נאָך מיכיהו, כדי צו הערען פון איהם, מיט וואָס די מלחמה וועט זיך אויסלאָזען פאַר אחאב'ן, פלעגט מיכיהו איהם שטענדיג זאָגען נביאות נאָר שלעכטס. אָבער אחאב האָט דעם נביא געלאָזט לעבען און נאָר געהאַלטען איהם געפאַנגען. דער קעניג האָט געהאַט געניג אונגליקען, און זיין מוט איז געפאַלען. דער קעניג פון אַרם, בן־הדד דער צווייטער, איז געוואָרען אַלץ שטאַרקער, און האָט אַרויסגעשטעלט גרעסערע תביעות; בן־הדד האָט געטראַכט וועגען פערגרעסערען זיין לאַנד. צוזאַמען מיט זיינע שכנים און מיט זיינע אונטערטאַנען איז ער אָנגעפאַלען אויף דעם לאַנד פון די צעהן שבטים; ווי עס שיינט, האָט בן־הדד גוט געוואוסט אחאב'ס שוואַכקייט, וועלכע האָט געשטאַמט פון דער לאַנגער הונגער־צייט אין זיין לאַנד, ווי אויך פון די שטענדיגע סכסוכים און מחלוקת איבער דער געצענדיענשאַפט. בן־הדד האָט אָבגעריסען גאַנצע שטיקער לאַנד פון אחאב'ס מלוכה און לסוף בעלאַגערט זיין הויפט־

שטאדט שומרון. (974 פאר'ן צווייטען חורבן). אחאב האט געבעטען ביי בן־הדד'ן, ער זאל מיט איהם שלום מאכען, אבער יענער האט איהם געשטעלט שענדליכע בעדינגונגען: נישט בלויז גאר דאס גאלד און זילבער פונ'ם לאנד האט אחאב איהם געזאלט ארויסגעבען, נאר אויך זיינע ווייבער און קינדער. אחאב איז געווען אזוי מיעד און שוואך, אז ער האט שוין שיער נישט איינגעשטימט דערויף. אבער די עלטסטע אידען, מיט וועלכע ער האט זיך בעראטען, ווי אויך דאס גאנצע פאלק, האבען ערקלערט, אז ס'איז בעסער צו פיהרען די מלחמה וויטער אויף טויט און לעבען, איידער אנצונעהמען א שלום אויף אזוינע שענדליכע בעדינגונגען.

אחאב האט געהאט נאר א גאנץ קליינע ארמעע ארויסצושטעלען געגען דער גרויסער ארמעע פונ'ם פיינד. פונדעסטוועגען אבער איז בן־הדד'ס ארמעע דורך דער אידישער צוקלאפט געווארען, און בן־הדד אליין האט זיך געראטעוועט נאר דורכ'ן ענטלויפען. און ווען בן־הדד איז א צווייטען מאל אנגעפאלען אויף אחאב'ס מלוכה און איז אריינגעקומען ביז'ן טהאל יזרעאל, האט אחאב איהם ווידער מנצח געווען און האט דעם פיינד אזוי שטארק צוקלאפט, אז בן־הדד האט אפילו נישט געקאנט ענטלויפען. איצט האט בן־הדד געמוזט בעטען, אז מען זאל איהם שענקען א שלום. אין א טרויער־צוג, אנגעטהון אין גראבע קליידער, מיט שטריק אויפ'ן האלז, זענען געקומען בן־הדד'ס געטריינע לייט צו אחאב'ן בעטען, אז ער זאל נעהמען זיי געפאנגען און שענקען דאס לעבען זייער קעניג, בן־הדד'ן. אחאב האט דערשפירט א אינערליכע פרייד, צו זעהן, ווי זיין שרעקליכער פיינד האט זיך פאר איהם ערניעדעריגט, און האט געשאנקען בן הדד'ן דאס לעבען. ער האט געלאזט ארויספברענגען בן הדד'ן און ארויפגענומען איהם צו זיך אויפ'ן וואגען. די דאזיגע בעגנעדיגונג איז פאר בן הדד'ן געווען אזוי אונערווארטעט, אז ער האט צוגעזאגט צו בלייבען אייביג דאנקבאר. ער האט צוגעזאגט אבצוגעבען אחאב'ן צוריק אלע שטעדט, וועלכע זיין פאטער, בן הדד דער ערשטער, האט אבגעריסען ביי דער מלוכה פון די צעהן שבטים; דערצו האט ער נאך אויך צוגעזאגט צי האלטען פאר אידען אפען און זיכער די האנדעלס־וועגען קיין דמשק און בעשיצען די אידישע סוחרים. די נעכטיגע בלוט־פיינד זענען היינט געווארען גוטע פריינד; זיי האבען געשלאסען א בונד און געשווארען געטריי איהם צו האלטען, אבער געהאלטען האט דער בונד נישט, ביי דער ערשטער געלעגענהייט איז ער צופאלען. געגען דעם דאזיגען, גאנץ לייכטזיניגען שלום־אבמאך איז מיט רעכט ארויסגעטראטען א אידישער נביא און האט אחאב'ן נביאות געזאגט, אז ער וועט דורך אזא שלום ברענגען אויף זיך נייע אונגליקען.

אין דער ווירקליכקייט, ארויסראטעווענדיג זיך גליקליך פון זיין געפעהרליכער לאגע, האט בן־הדד גאנץ ווייניג געטראכט צו ערפילען די

הבטחות, וועלכע ער האָט געמאַכט אחאב׳ן; די שטעדט, וועלכע זיין פאָ־
טער האָט צוגענומען ביי אידען, האָט ער נישט געוואָלט אָבגעבען צוריק,
בעזונדערס, די וויכטיגסטע שטאָדט רמות־גלעד, וועלכע געפינט זיך
צווישען הויכע בערג אויף דער צפון־מזרח גרענעץ פון ארץ־ישראל. אחאב
איז געווען אַזוי פויל און נאַכגיעביג, אַז ער האָט נישט געפאָדערט באַלד
פון בן־הדד צו ערפילען זיין הבטחה, דערווייל אָבער האָט זיך בן־הדד
פערשטאַרקט, און וועגען אָבנעהמען רמות־גלעד ביי בן־הדד׳ן מיט גע־
וואַלד, האָט אחאב אליין אוודאי נישט געקאָנט טראַכטען. געוואָלט האָט
ער דאָס טהון נאָר מיט דער הילף פונ׳ם קעניג פון יהודה, יהושפט, מיט
וועלכען ער האָט געשלאָסען אַ פריינדשאַפטס־בונד. מיט יהושפט׳ס הילף
האָט ער די אונטערנעהמונג געגען בן־הדד בעטראַכט אַלס אָהן געפאַהר.
ס׳איז באמת געווען אַ איבעראַשענדע געשעהעניש, וואָס די מלכים פון
ביידע פיינדליכע מלוכות, פון ישראל און יהודה, זענען איצט געשטאַנען
אַזוי נאָהענט בעפריינדעט איינער מיט׳ן אַנדערען, און האָבען זיך אפילו
געמאַכט וויזיטען אין זייערע הויפט־שטעדט. דער פריינדשאַפטס־בונד,
וועלכען מען האָט נאָך געשלאָסען אין די צייטען פון קעניג עמרי, איז
געווען אַזוי פעסט, אַז יהושפט, וועלכער האָט אין פיעל הינזיכטען „זיך
געפיהרט ווי זיין פאָטער דוד", האָט זיך נישט אָבגעשטעלט אויף פאַר׳ן
מתחתן זיין זיך מיט׳ן קעניג אחאב און האָט גענומען פאַר זיין זוהן,
יהורם, אחאב׳ס טאָכטער, עתליה, פאַר אַ ווייב. דאַדורך האָט יהושפט
זיך פעראייניגט מיט׳ן געצענדיענערישען קעניגס־הויז.

יהושפט האָט, ווי עס שיינט, געמאַכט אַ וויזיט דעם קעניג אחאב
אין שומרון, כדי זיך צו שטאַרקען דורך דעם פעסטען בונד מיט אחאב׳ן;
דער לעצטער האָט דערביי אויסגענוצט די געלעגענהייט, צו פועל׳ן ביי זיין
גאַסט, אַז ער זאָל מיט איהם צוזאַמען געהן מלחמה האַלטען מיט
בן הדד. יהושפט האָט דערויף איינגעשטימט און האָט איהם געגעבען
זיין גאַנצע אַרמעע; יהושפט אליין האָט זיך אויך אויסגערופען צו געהן
אין דער מלחמה, נאָר ער האָט געוואָלט פרעגען ביי אַ אידישען נביא
וועגען דעם סוף פון דער מלחמה און איבערגערעדט אחאב׳ן, צו שיקען
רופען נאָך אַ נביא. צו אַ נביא פון דעם אָבגאָט בעל האָט יהושפט קיין
צוטרוי נישט געהאַט. צוליעב דער פריינדשאַפט מיט יהושפט׳ן, האָט
אחאב איינגעשטימט צו רופען אַ אידישען נביא, און האָט ערלויבט די
יונגע נביאים, צו קומען קיין שומרון און רעדען פריי. אויף אחאב׳ס
פראַגע: „צי זאָלען מיר געהען צו רמות־גלעד, אָדער נישט?"— האָבען
אַלע געענטפערט איינשטימיג: „געה אַהין, און גאָט וועט אָבגעבען די
שטאָדט אין דיינע הענד". יהושפט׳ן איז נישט געפעלען געוואָרען דאָס,
וואָס אַלע האָבען געענטפערט איינשטימיג, און ער האָט דעריבער ער־
קלערט, אַז ער וואָלט געוואָלט הערען, וואָס וועט זאָגען דער נביא
מיכיהו בן ימלה, וועלכען אחאב האָט געהאַלטען אין אַ זיכערען אַרט.

אחאב האט זיך ענטשלאסען צו שיקען רופען דעם דאזיגען נביא, געגען זיין ווילען, און בעפוילען א סריס, צו ברענגען מיכיהו. ווען מען האט פאר מיכיהו איבערגע׳חזר׳ט די פראגע, האט ער לכתחילה אויך געענטפערט ווי די איבריגע נביאים: „געה אין דער מלחמה און האב הצלחה, און גאט זאל דיר אבגעבען רמות־גלעד צוריק“. אבער באלד האט ער אנגעהויבען צו רעדען אין א בעגייסטערטען טאן: „כ׳האב געזעהען גאט׳ס טשערעדע צוזייעט און צושפרייט אויף אלע בערג, ווי שאף אהן א פאסטוך, און גאט האט געזאגט: זיי האבען נישט קיין האר איבער זיך, זאלען זיי בעסער געהען יעדערער צו זיך אהיים אין פרידען“. אחאב האט זיך געקווינקעלט. צי זאל ער גלייבען דעם נביא, צי נישט. ער האט ענדליך בעפוילען דעם דרייסטען נביא נאך שטרענגער צו היטען אין שומרון און האלטען איהם אויף קארגען ברויט מיט וואסער. באלד נאכדעם איז ער מיט יהושפט׳ן ארויסגעטראטען אין דער מלחמה. אין הארצען, משמעות, האט אבער אחאב פארט געציטערט, טאמער האט געזאגט דער נביא מיכיהו פארט דעם אמת; דעריבער האט ער זיך פערקליידעט, כדי דער פיינד זאל איהם נישט דערקענען. אבער נאך איידער די מלחמה האט זיך אינגאנצען ענטוויקעלט, האט איהם געטראפען א פייל און איהם שטערבליך פערוואונדעט. אחאב האט נאך געהאט גענוג קראפט צו בעפעהלען זיין פיהרמאן אומצוקעהרען און ארויסצופיהרען איהם פון מלחמה־פעלד. די קעמפפער האבען וועגען דעם גארנישט געוואוסט, און די מלחמה האט זיך געצויגען ביז׳ן אוועגד. נאר ערשט ווען דער קעניג איז אין גאנצען אבגעלאפען מיט בלוט און איז געשטארבען, האט מען אויסגערופען אויפ׳ן מלחמה־פעלד: „זאל יעדער זיך אומקעהרען צוריק צו זיין לאנד און אין זיין שטאדט!“ די ארמעען פון יהודה און ישראל זענען צוריק אריבערגעגאנגען דעם ירדן, און בן הדד איז געבליבען הערשער איבער רמות־גלעד. אחאב׳ן האט מען געבראכט קיין שומרון און דארט האט מען איהם מקבר געווען. און בשעת מען האט אויסגעגאסען פון וואגען זיין בלוט אין טייכעל פון שומרון, „האבען די הינד געלעקט דאס בלוט“.

נאך אחאב׳ן איז ארויפגעשטיגען אויפ׳ן טהראן זיין זוהן אחזיה. דאס איז געוועזען דאס ערשטע מאל, ווען די קרוין פון א קעניג איבער די צעהן שבטים איז איבערגעגאנגען צום אייניקעל פון קעניג. אחזיה האט געקעניגט סך־הכל צוויי יאהר (970 פאר׳ן צווייטען חורבן) און נאך זיך איבערגעלאזט אזוי ווייניג זכרונות, אז מען קאן וועגען זיין כאראקטער גארנישט וויסען. איינמאל איז אחזיה אראנטערגעפאלען פון פענסטער פון זיין באלקאן אין זיין פאלאץ אין שומרון און שטארק קראנק געווארען, דאן האט ער געלאזט שיקען קיין עקרון, אנפרעגען ביי׳ם דארטיגען אבגאט בעל־זבוב, אויב ער וועט פון זיין קרענק צוריק געזונד ווערען. אין יענער צייט איז דער נביא אליהו שוין צוריקגעקומען פון זיין וואנ־

דערונג דורך דעם מדבר צום בארג חורב, ער האט אבער שוין געפיהרט איצט אנ'איינזאם לעבען, ווי עס שיינט, אויפ'ן בארג כרמל. איצט האט אליהו זיך מעהר נישט געמישט אין די וועלטליכע ענינים; נאר נאך איין מאל איז אליהו ארויסגעטראטען מיט אנ'ענטליכער נבואה: ער איז געקומען ענטקעגען די שלוחים, וועלכע אחזיה האט געשיקט צום בעל־זבוב, און געזאגט צו זיי: „צי איז דען נישטא קיין גאט אין ישראל, אז דו שוקסט קיין עקרון, כדי צו פרעגען ביי בעל־זבוב וועגען דיין קראנק־הייט? פון דיין קרענק וועסטו נישט שוין אויפשטעהן, דו וועסט שטאר־בען פון איהר". די שלוחים האבען זיך אומגעקעהרט צוריק קיין שומרון און דערצעהלט, וואס דער וואונדערליכער נביא, וועלכען זיי האבען בע־געגענט, האט זיי געזאגט. לויט דער שילדערונג, וועלכע די שלוחים האבען געמאכט פונ'ם אונבעקאנטען נביא, האט אחזיה דערקענט, אז אליהו געפינט זיך שוין ווידער אינ'ם לאנד, און האט בעפוילען די שלוחים, אז זיי זאלען איהם אויפזוכען און פאדערען, אז ער זאל קומען צום קעניג. אליהו האט זיך נישט געשראקען און איז געקומען קיין שומרון, וואו ער האט נביאות געזאגט דעם קעניג אחזיה, אז ער וועט פון זיין קרענק שטארבען. באלד נאכדעם איז אחזיה טאקי געשטארבען, נישט איבערלאזענדיג נאך זיך קיין קינדער. דער טהראן איז איבער־געגאנגען צו זיין ברודער יהורם.

נאך זיין דאזיגען לעצטען ארויסטריט ביי'ם קעניג האט אליהו זיך שוין אינגאנצען אבגעשלאסען פון דער ענטליכער וועלט און האט געלעבט נאר צווישען זיינע תלמידים. ער האט זיך אויסגעקליבען אויך א ממלא מקומו, ס'הייסט, א נביא, וואס זאל זיין ארט פערטרעטען ביי אידען. דער דאזיגער נביא איז געווען אלישע, דער זוהן פון שפט, און אויסגעקליבען האט איהם אליהו אויף אנ'אריגינעלען אופן, וועלכער איז זעהר האראקטעריסטיש פאר אליהו'ן: ער האט געטראפען אלישע'ן צום ערשטען מאל אויפ'ן פעלד, וואו אלישע האט מיט א פאר רינדער בעאקערט דאס פעלד פון זיין פאטער. דער נביא אליהו איז צו איהם צוגעגאנגען, האט אויף איהם, נישט רעדענדיג קיין ווארט, ארויפגע־ווארפען זיין הארינען מאנטעל און אוועקגעגאנגען. אויב אלישע איז ווערט געווען, צו זיין זיינער א ממלא מקומו, האט ער געדארפט פערשטעהן דעם דאזיגען וואונק פונ'ם נביא. און דער ווירקליכקייט איז אלישע איהם נאכגעלאפען און געבעטען, צו ווארטען אויף איהם א קורצע ווילע, ביז ער וועט זיך צוקושען מיט די עלטערען און נעהמען פון זיי אבשייד. „טא קעהר זיך אום צוריק" — האט אליהו קורץ געענטפערט: „וואס האב איך דיר דען געטהון?" אלישע האט פערשטאנען, אז כדי צו זיין א געטרייער דינער פון גאט, א נביא, מוז מען פערלאזען פאטער און מוטער און ברענגען פאר א קרבן די אלטע געוואוינהייטען און אפילו אויך די היילינע ליבע צו די עלטערען. אלישע האט זיך דעריבער שוין

מעהר נישט אומגעקעהרט צום פֿאָטער און שטוב; ער איז אַוועקגעגאַנגען מיט אליהו׳ן און האָט איהם בעדיענט, אָדער, ווי מען פֿלעגט דאַמאָלס זאָגען „ער האָט געגאָסען וואַסער אויף זיינע הענד“.

באַלד נאָך דעם טויט פֿונ׳ם קעניג אחזיה, איז אויך אַוועק פֿון דער וועלט דער נביא אליהו, און ווי עס ווערט דערצעהלט, איז ער אין שטורם אַרויפֿגעפֿלויגען צום הימעל.

דער גרעסטער וואונדער, וואָס אליהו האָט אויפֿגעטהון, איז געוועזען דאָס, וואָס ער האָט געגרינדעט אַ שולע פֿון נביאים, וועלכע האָבען אונטערגעהאַלטען דאָס פֿייער פֿון דער אַלטער תורה, און זענען אַרויסגעטראָטען, לויט ווי די צייט און אומשטענדען האָבען דאָס געפֿאָדערט, עפֿענטליך אָדער געהיים, געגען דער געצענדיענערייַ און אַנדערע פֿערברעכען. די שולע פֿון נביאים, וועלכע אליהו האָט געגרינדעט, האָט געלעבט, ווי אַנ׳אַבגעזונדערטע קהלה אין דער מלוכה פֿון די צעהן שבטים. די אַנהענגער פֿון דער דאָזיגער שולע האָבען נישט גענומען ביי עמיצען קיין שוחד אָדער מתנות. די יונגע נביאים האָבען געפֿיהרט אַנ׳איינפֿאַך, אָרעם לעבען, בעשעפֿטיגענדיג זיך אַליין מיט אַלערליי אַרבייט. נאָכדעם, ווי דער אַנפֿיהרער אליהו איז מעהר נישט געוועזען, האָט ער די שולע פֿון די נביאים געמוזט האָבען אַנ׳עלטסטען איבער זיך; אלישע איז נאָך דאַמאָלס יונג געוועזען, ער איז אָבער געוואָרען עלטסטער און האָט זיך געשטעלט בראש פֿון דער שולע. אַלע תלמידים האָבען געוואוסט, אַז אליהו האָט איהם אָבגעגעבען די בכורה אין דער ירושה איבער זיינע גייסטיגע קינדער; ער האָט איהם אויך געלאָזען בירושה זיין האָריגען מאַנטעל. אין דער ערשטער צייט האָט זיך אלישע געפֿיהרט אינגאַנצען, ווי זיין לעהרער אליהו: ער האָט זיך געהאַלטען אָן אַ זייט פֿון דער געזעלשאַפֿט און האָט מייסטענס פֿערבראַכט זיין צייט אויפֿ׳ן באַרג כרמל. ביסלעכווייז אָבער האָט ער זיך אָנגעהויבען מישען צווישען דעם פֿאָלק, נאָכדעם ווי ס׳איז איהם געלונגען צו דערוועקען אַ טעטיגען און אַ קרעפֿטיגען מענשען צו פֿערניכטען דאָס איהם פֿערהאַסטע קעניגליכע הויז פֿון עמרי און צו פֿערטיליגען דעם קולט פֿונ׳ם אָבגאָט בעל.

יהורם, דער פֿירטער קעניג פֿון עמרי׳ס הויז, (פֿון 969 ביז 957 פֿאַר׳ן צווייטען חורבן) האָט נישט געאַרבייט מיט אַזאַ ענערגיע ביי׳ם פֿערשפּרייטען די געצענדיענערייַ, ווי זיין מוטער, איזבל. אָבער פֿונדעסטוועגען האָט ער אויך אַליין געדיענט צו די געצען, און דעם נביא אלישע איז ער אַזוי פֿערהאַסט געוועזען, אַז ער האָט איהם נישט געקאָנט גלייך קוקען אין פּנים. נאָכדעם ווי זיין ברודער אחזיה איז געשטאָרבען, האָט ער אונטערגענומען אַ מלחמה געגען מישע, דעם קעניג פֿון מואב, וועלכער האָט זיך אָבגעזאָגט צו זיין אונטערטעניג דעם אידישען קעניג און נישט געוואָלט שיקען דעם יעהרליכען אָבצאָהל. יהורם האָט אָבער אַליין נישט געוואָלט געהן אין דער מלחמה און האָט, אויך אַזוי, ווי זיין

זײדע אחאב, געפועל'ט בײ'ם קעניג פון יהודה, יהושפט, צו געהן מיט
איהם צוזאמען מלחמה האלטען מיט מואב. די פעראײניגטע אידישע
ארמעע האט געדארפט געהן דורך אדום אין דרום־זײט פונ'ם ים־המלח,
בדי פון דארט אַרײַנצוקומען אין מואב; דער קעניג, אדער דער פירשט
פון אדום, װעלכער איז געװען אונטערטעניג דעם קעניג יהושפט, האט
אויך געדארפט מיטגעהן מיט זײן מחנה. אויפ'ן װעג צו דער דרום־גרעניץ
האט יהורם געמוזט געהן פארבײ ירושלים. יהושפט האט איהם אײנ־
געלאדען אַרײַנצוקומען אין דער הויפט־שטאדט פון יהודה און איהם
דארט אויפגענומען מיט גרויס פאראד. נאכדעם, װי אין דער אידישער
מלוכה איז אין רחבעם'ס צײטען דורכגעפיהרט געװארען די גרויסע
שפּאלטונג, האבען איצט די שבטים, אדער בײדע חלקים פון אידישען
פאלק, װי עס האט אויסגעװיזען, געלעבט צװישען זיך פיעל פרײנדליכער,
װי פריהער. אין דער װירקליכקײט אבער איז עס בלויז געװען די פרײנד־
שאפט צװישען די מלכים, אבער נישט צװישען דעם פאלק. אפרים און
יהודה זענען נישט געװארען ברידערליך בעפרײנדעט אײנער מיט'ן אנ־
דערען. יהושפט האט אויך איצט פערלאנגט, אז מען זאל פרעגען בײ
גאט'ס א נביא, װאס פאר א סוף די געגענװערטיגע מלחמה װעט האבען,
און װײל דער אנגעזעהענסטער צװישען די נביאים איז איצט געװען
אלישע, אליהו'ס תלמיד און ממלא מקומו, האט מען געשיקט נאך איהם.
בײ דער דאזיגער געלעגענהײט האט אלישע ערקלערט יהורם'ן אין פנים:
„װען איך װאלט נישט געשאנעװעט דעם קעניג יהושפט, װאלט איך דיר
אין פנים גלײך נישט געקוקט. געה צו די נביאים פון דײן פאטער און
דײן מוטער!“ װעגען דער מלחמה גופא האט אבער אלישע פאראויסגע־
זאגט, אז זי װעט זיך ענדיגען מיט א נצחון.

מישע, דער קעניג פון מואב, װעלכער האט מיט זײן ארמעע ערװאר־
טעט די פערבונדעטע אויף דער דרום־גרעניץ פון זײן מלוכה, איז דורך
זײ אינגאנצען צושלאגען געװארען און איז ענטלאפען אין דער פעסטונג,
װעלכע ער האט געהאט צװישען די בערג, קיר חרושת. כדי צו נעהמען
נקמה אן מואב, האט יהורם געלאזט חרוב מאכען אלע שטעדט פון
מואב, דורך װעלכע די פערבונדעטע ארמעע איז דורכגעגאנגען; זײערע
פרוכטבארע פעלדער האט ער מיט שטײנער געלאזט פערשיטען, כדי זײ
זאלען װערען אונפרוכטבאר, זײערע קװאלען װאסער האט ער פער־
שטאפט און זײערע פרוכטבוימער געלאזט אויסהאקען. די שטאדט קיר
חרושת האט מען ארומגערינגעלט פון אלע זײטען און געשטורמט אויף
איהר מיט שלײדער־שטײנער. מישע האט אפילו געמאכט א פראבע דורכ־
צורײסען זיך דורך דער בעלאגערונג מיט עטליכע הונדערט מאן פון זײ־
נע לײט, כדי צו קומען צום קעניג פון אדום און איבערעדען איהם אב־
צושטעהן פון דער אידישער ארמעע און קעמפפען געגען איהר, דען, װי
עס שײנט, איז איהם בעװאוסט געװען, אז אדום טראכט נאר װעגען

אָבּפאַלען פון אידען. מישע האָט אָבער נישט געקאָנט דורכרייסען זיך דורך די בעלאַגערנדע פיינד. די איינוואָהנער פון מואב האָבען געגלויבט, אַז זייער גאָט, כּמוש, איז אויף זיי בייז, און דעריבער האָבען זיי געליטען אַ מפּלה אין דער מלחמה. מישע האָט דעריבער געבראַכט פאַר אַ קרבּן צו זיין גאָט כּמוש זיין איינגענעם זוהן. די דאָזיגע שוידערהאַפטע טהאַט איז ער בעגאַנגען עפענטליך אויף דער מויער פון דער שטאָדט, כּדי די בעלאַגערענדע פיינד זאָלען דאָס זעהען. ווי עס שיינט, האָט דאַמאָלס אויסגעבראָכען אַ מגפה אין דער אידישער אַרמעע און דעריבער האָט זי זיך געמוזט צוריקציהען קיין ארץ־ישראל. מואב איז מעהרסטענטהיילס פערוויסט געוואָרען, אָבער דער קעניג מישע איז געבליבען פריי און נישט אונטערטעניג.

אַ קורצע צייט נאָכדעם איז אֶדום אָבגעפאַלען פון יהודה; פאָרגע־קומען איז דאָס שוין נאָך יהושפט'ס טויט. שוין בּשעת מען האָט געפיהרט די מלחמה געגען מואָב, האָט אֶדום זיך פערהאַלטען נישט גאַנץ גע־טריי, און, ווי עס שיינט, האָט ער זיך שפּעטער צוזאַמענגערעדט מיט מישע דעם קעניג פון מואב און זיי האָבען צווישען זיך פריינדשאַפט גע־שלאָסען. מען האָט געקאָנט מיינען, אַז ס'איז שוין אַ בּעשערטע זאַך גע־ווען, אַז די פריינדשאַפט צווישען דעם הויז פון עמרי און דוד'ס הויז, און דער שידוך, וואָס זיי האָבען צווישען זיך געטהון, זאָל ברענגען נישט קיין גליק, נאָר אונגליק. יהורם, יהושפט'ס זוהן און אַחאָב'ס איידעם, איז אַזוי ענג געווען בּעפריינדעט און פערבּונדען מיט'ן הויז פון די מלכים פון ישראל, אַז ער האָט אויך בּיי זיך אין לאַנד איינגעפיהרט די געצענדיענערייַ. בּלי ספק, האָט דערבּיי פיעל מיטגעווירקט איזבל'ס טאָכטער, זיין פרוי עתליה, ווייל זי האָט פון איהר מוטער איבּערגענומען אַ ליידענשאַפטליכע און פאַנאַטישע ערגעבענהייט פאַר דער געצענ־דיענערייַ, פאַר'ן בעל און דער עשתרות.

אין דער זעלבער צייט איז אין דמשק אַרויפגעשטיגען אויפ'ן טהראָן אַ נייע דינאַסטיע. דער קעניג בן הדד דער צווייטער איז דורך זיין דיע־נער חזאל דערשטיקט געוואָרען; און חזאל איז אַנשטאָט איהם קעניג גע־וואָרען. לויט ווי די יונגע נביאים האָבען דערצעהלט, זאָל עס דער נביא אלישע האָבען דורכגעפיהרט די דאָזיגע איבּערקעהרעניש אין פּאַלאַץ פון'ם קעניג פון ארם. ווי נאָר חזאל איז קעניג געוואָרען, האָט ער אָנ־געהויבען אָבצונעהמען צוריק בּיי דער מלוכה פון אפרים יענע שטעדט, וועלכע בן הדד דער צווייטער האָט אָבגעגעבען צוריק. צוערשט האָט חזאל זיך געווענדעט געגען די שבטים פון יענער זייט ירדן. יהורם, קע־ניג פון ישראל, איז דעריבער אַוועקגעגאַנגען מיט זיינע מחנות צו רמות־גלעד, כּדי צו פערטהיידיגען די דאָזיגע וויכטיגע פעסטונג, וועלכע האָט געהאַט זעהר אַ גרויסע בּעדייטונג פאַר דער גאַנצער אומגעגענד. ווי עס שיינט, איז די מלחמה אַרום דער פעסטונג געווען זעהר אַ בּלוטיגע; דער

קעניג פון ישראל איז דערביי פערוואונדעט געווארען דורך א פייל און איז אבגעגאנגען צוריק קיין יזרעאל, צו קורירען זיך דארט פון זיין וואונד; אלס פעלדהערר איבער זיין ארמעע האט ער איבערגעלאזען איינעם פון זיינע שרים, יהוא. אין א געוויסען טאג איז געקומען איינער פון די יונגע נביאים, אין אלישע'ס שליחות, צו יהוא, און האט איהם ארויסגערופען פון קרייז פון די שרים, מיט וועלכע ער איז געזעסען, אין אזייטיג צימער; דארט האט ער איהם געזאלבט אין גאט'ס נאמען פאר א קעניג איבער ישראל און איהם בעפוילען צו פערטיליגען דאס גאנצע קעניגליכע הויז פון עמרי; אזוי רעדענדיג, איז דער נביא פלוצלונג פערשוואונדען געווארען, ווי ער איז געקומען. ווען יהוא האט זיך צוריק אומגעקעהרט צו די שרים, האבען זיי ביי איהם נייגיעריג געפרעגט, וואס דער יונגער נביא האט איהם געזאגט. יהוא האט תחלת נישט געוואלט זאגען. ענדליך האט ער זיי ענטדעקט, אז דער יונגער נביא האט איהם אין אלישע'ס שליחות געזאלבט פאר א קעניג. די שרים האבען באלד אנערקענט יהוא'ן פאר א קעניג. אויף די העכסטע טרעפ פון פאלאץ האבען זיי ארויפגעלעגט פורפור־קליידער און דעקעס אלס א טהראן, אויף וועלכען זיי האבען ארויפגעזעצט דעם נייעם קעניג, און, בלאזענדיג מיט א שופר, האבען זיי אויסגערופען: „לעבען זאל דער קעניג יהוא!“

ווי נאר די שרים האבען איהם אויסגערופען פאר א קעניג, איז יהוא באלד ארויסגעטראטען ענטשלאסען און געשווינד דורכצופיהרען די איבערקעהרעניש ביז'ן סוף. ערשטענס, האט ער פערשטעלט דעם וועג פון רמות־גלעד צו יזרעאל, כדי קיינער זאל נישט קאנען ברענגען אהין צו פריה די ידיעה; דערנאך האט ער גענומען מיט זיך א טייל פון דער ארמעע, איז אריבער דעם ירדן און האט זיך געלאזען לויפען צו יזרעאל, וואו דער קעניג יהורם האט זיך נאך קורירט פון זיינע וואונדען. דער וועכטער איבער'ן טויער פון קעניגליכען פאלאץ האט מודיע געווען דעם קעניג, אז ער זעהט פון דער ווייטען א גרויסע מחנה, וועלכע נעהנטערט זיך צו דער שטאדט אין א ווילד־שנעלען לויפען. דער קעניג האט דערקענט, אז דאס מוז זיין יהוא דער זוהן פון נמשי. דערצו איז דעם קעניג עפעס אויסגעקומען פערדעכטיג, וואס עס האבען זיך נישט אומגעקעהרט צוריק די שלוחים, וועלכע ער האט ארויסגעשיקט מקבל פנים צו זיין יהוא. יהורם האט דעריבער געלאזט איינשפאנען זיין רייט־וואגען און זיך געלאזט פאהרען געגען יהוא, כדי אליין צו הערען, וואס עס האט איהם אזוי געשווינד געבראכט קיין יזרעאל. אויך אחזיה, דער קעניג פון יהודה, וועלכער איז מיט א קורצער צייט פאר דעם בעשטיגען נאך זיין פאטער'ס טויט דעם טהראן אין יהודה און איצט געקומען מבקר חולה צו זיין זיין פעטער יהורם, דעם קעניג פון ישראל, האט זיך אויך געלאזט מיט איהם פאהרען געגען יהוא. אזוי האבען ביידע מלכים בעגעגענט יהוא ביי'ם פעלד פון נבות, איבער וועלכען איזבל האט געלאזט אויספיהרען א געך

ריכטליכען מארד. ווען ביידע מלכים האבען דערזעהען יהוא, האט יהורם געפרעגט: „איז עס שלום, יהוא?“ — „וואס קען עס זיין פאר א שלום ביי דער זנות־טרייבעריי און דער כשוף־מאכעניש פון דיין מוטער איזבל!“ — האט יהוא געענטפערט. יהורם האט זיך באלד געלאזט לויפען צוריק און צוגערופען אחזיה אויך דאס זעלביגע צו טהון, דען עס געהט אום לעבען. אינ'ם זעלביגען אויגענבליק האט איהם געטראפען יהוא'ס פייל און ער איז געפאלען טויט אין זיין וואגען. אויך דער קעניג פון יהודה אחזיה, אחאב'ס אייניקעל, איז געפאלען טויט פון יואב'ס פייל; אחזיה האט זיך נאך דערשלעפט ביז מגדו און איז דארט געשטארבען. אזוי איז אויסגעפיהרט געווארען די איבערקעהרעניש: אחאב'ס הויז איז אונטערגעגאנגען, און עס האט זיך נישט געפונען קיין איינציגער מענש, וועלכער זאל איהם וועלען פערטיידיגען. אפילו די דיענער האבען פערלאזען די פערזאנען, וועלכע זענען נאך ביי'ם לעבען געבליעבען פון דער קעניגליכער פאמיליע. יהוא איז אריינגעקומען אין יזרעאל אונגעשטערט. די מוטער פונ'ם דער'הרג'עטען קעניג, איזבל, האט נאך געהאט אין זיך אזוי פיעל פעסטיגקייט, אויסצופוצען זיך רייך און צו בעגעגענען יהוא דורכ'ן פענסטער מיט א פראגע: „וואס הערט זיך, דו, זמרי, וועלכער האסט דער'הרג'עט דיין העררן?“ יהוא האט באלד בעפוילען איזבל'ס ארומיגע דיענער, ארויסצווארפען זי דורכ'ן פענסטער אויף דער גאס. די דיענער האבען געפאלגט דעם בעפעהל: די קעניגין איז ארויסגעווארפען געווארען און בעשפריצט מיט איהר בלוט די ווענד פון פאלאץ און יהוא'ס פערד. און ווען יהוא האט שפעטער בעפוילען, אז מען זאל איזבל'ן בעגראבען, ווי א טאכטער פון א קעניג, האט מען נאר געפונען איהר שארבען און די ביינער פון די הענד און פיס. דאס איבריגע האבען די הינד אויפגעגעסען. די מענשען, וועלכע האבען נאך געדענקט, ווי מען האט אויסגעפיהרט איזבל'ס מערדערישען משפט איבער נבות'ן מיט זיינע זיהן, האבען איצט מיט אימה בעטראכט די שרעקליכע בעשטראפונג. מיט'ן טויט פון יהורם, איזבל און אחזיה האט זיך אבער די בלוטיגע געשיכטע נאך נישט געענדיגט. עס האבען נאך געלעבט אין שומרון זיהן, אייניקלעך און קרובים פון יהורם, לערך זיעבציג פערזאן, וועלכע זענען געוועזען ערצויגען דורך די אנגעזעהענסטע מענער און די עלטסטע פון שומרון. יהוא האט זיך געווענדעט צו די לעצטע מיט א פארשלאג, אז זיי זאלען איינעם פון די קעניגליכע פרינצען פון אחאב'ס הויז בעשטימען פאר א קעניג איבער די צעהן שבטים. די עלטסטע פון שומרון האבען פערשטאנען, אז יהוא מיינט עס נישט ערנסט, און האבען זיך געשראקען אליין עפעס אונטערצונעהמען געגען דעם ווילען פון יהוא, וועלכער האט שוין צוויי מלכים דער'הרג'עט. זיי האבען איהם דעריבער געשיקט זאגען, אז זיי זענען זיינע אונטערטאנען און וועלען טהון אלץ, וואס ער וועט זיי הייסען. דאן האט יהוא זיי געשיקט זאגען, אז זיי זאלען מיט די זיעבצי-

ציג עלטסטע (אין העברעאיש הייסט „ראשים“—„קעפ“ און אויך עלטסטע) קומען צו איהם קיין יזרעאל. די איינוואהנער פון שומרון האַבען פערשטאַנען יהוא'ס אנצוהערעניש, האבען אויסגעשאָכטען אלע זיעבציג קינדער פון אחאב און געבראַכט זייערע קעפ קיין יזרעאל. אזוי וועניג פריינד האט עם אחאב געהאַט אין אונגליק! דער שטאָדט־פרעזידענט פון שומרון, די אויפזועהער איבער'ן קעניגליכען פאלאץ, די ערציהער פון די קעניגליכע קינדער, די עלטסטע און די הויכע בעאַמטע,— אלע זענען געקומען קיין יזרעאל מיט כלים, אנגעפילט מיט די בלוטיגע קעפ פון די לעצטע קינדער פון עמרי'ס הויז, און איבערגעבען זיי דעם נייעם קעניג יהוא. די בלוטיגע קעפ האט יהוא געלאָזט אויסשטעלען בייגאַכט אין צוויי רייהען פאר'ן טויער פון שטאָדט און אויף צומארגענס האט ער אהין איינגעלאַדען די איינוואהנער פון שטאָדט. ביי'ם שוידערהאַפטען אַנבליק פון די פערבלוטיגטע קעפ האט יהוא ערקלערט, אז ער האט זיך אויפגעהויבען נאר געגען יהורם, די דאָזיגע זיעבעציג פערזאָן אָבער זענען דער'הרג'עט געוואָרען דורך אַנדערע הענד, כמעט דורך א מיספערשטענדניש, דען ער האט עם גארנישט בעפוילען; דאָס בעווייזט אָבער, אז אליהו'ס נבואה איבער אחאַב'ס הויז איז ערפילט געוואָרען. יהוא איז געווען נישט בלויז א ענערגישער און ענטשלאָסענער מענש; ער איז אויך געווען קלוג און, אויספיהרענדיג די בלוטיגע טהאט, האט ער פערשטאַנען דאָס צו מאַכען אזוי, אז עם זאָל זיך אויסדוכטען, דאָס ער איז גאר אין איהר אונשולדיג; די זאַך איז אליין אבגעטהון געוואָרען, וויל גאָט האָט אזוי געוואָלט. איצט איז שוין פונ'ם קעניגליכען הויז פון עמרי קיינער נישט געבליבען לעבען, ווער עס זאָל קאָנען פערנעהמען דעם טהראָן. יהוא איז בעשטיגען דעם טהראָן, און די איינוואהנער פון יזרעאל האָבען איהם אויסגערופען פאר א קעניג.

כדי צו געווינען די הערצער פון די געטריייע אידען, האָט יהוא זיך גענומען פערניכטען דעם בעל־דיענסט. ער האָט אַנגעהויבען פון שומרון, וויל דאָרט איז געווען דער מיטעלפונקט פון דער געצענדיענעריי.. מיט זיינע געטריייע פריינד איז ער אוועקגעגאַנגען קיין שומרון, אויפ'ן וועג האָט ער געטראָפען די ברידער און קרובים פונ'ם מלך פון יהודה אחזיה, וועלכע האָבען אָבער נאָך גאַרנישט געוואוסט פון די לעצטע שרעקליכע געשעהענישען. ווי נאָר יהוא האָט זיך דערוואוסט, ווער זיי זענען, האָט ער בעפוילען זיי אלעמען צו חאַפען לעבעדיגערהייד. זיינע מענשען האָבען זיי אלעמען געחאַפט, אויסגעשאָכטען און אריינגעוואָרפען אין א ברונען. אידער יהוא איז אריינגעקומען אין שומרון, האָט ער אָנגעטראָפען יהונדב דעם זוהן פון רכב, וועלכער האָט איינגעפיהרט אין זיין משפחה א לעבען פון נזירים, לויט ווי דער נביא אליהו האָט געלערנט. „ביזטו נאָך מיט מיר אלץ גוטער פריינד, ווי פריהער?“—האָט ביי איהם יהוא געפרעגט:— „געוויס!“— האָט יהונדב געענטפערט. „טאָ גיעב זשע

מיר די האנד!" דערביי האט יהוא ערקלערט אליהו'ס תלמיד, יהונדב'ן, וואס ער האט בדעה צו טהון אין שומרון מיט די כהנים פון בעל און זייער געצענדיענעריי. „זעץ זיך מיט מיר אין וואגען — האט יהוא געזאגט צו יהונדב'ן — וועסט מיט מיר פאהרען קיין שומרון און זיין אנ'עדות ווי איך וועל נקמה נעהמען פון גאט'ס פיינד". קומענדיג קיין שומרון, האט יהוא בעפויהלען, אז אלע כהנים פון בעל זאלען זיך צוזאמענקומען אין א בעשטימטען טאג אין טעמפעל פונ'ם בעל, ווי, א שטייגער, ער וואלט אליין געוואלט מיט זיי צוזאמען דיענען דעם אבגאט; דערביי האט ער אויך פעראָרדענט, אז די כהנים פון בעל זאלען אנטהון זייערע פאראדנע קליידער, ווי זיי טראגען שטענדיג, ווען זיי דיענען די אבגעטער. בשתיקה האט אבער יהוא געלאזט אויסשטעלען זיינע בעוואפענטע בעגלייטער אין טעמפעל און ארום איהם, און אליין איז ער מיט יהונדב'ן געקומען אין טעמפעל פון בעל. יהוא האט כלומרש'ט אליין געבראכט א קרבן צום בעל; דאס איז געווען דער סיגנאל: די בעגלייטער פון יהוא'ן האבען זיך געווארפען אויף די כהנים פון בעל און אויסגעהרג'עט אלעמען אין טעמפעל, און די, וועלכע האבען בעוויזען צו ענטלויפען, האט מען דער'הרג'עט אין דרויסען. דערנאך זענען יהוא'ס בעגלייטער אריינגעקומען אין די אינערסטע צימערען פון טעמפעל און פערניכטעט דארט אלע בילדער און געצען, צושטערט דעם מזבח און די מאנומענטען און געמאכט פון גאנצען טעמפעל א בארג מיסט. און איבעראל אין לאנד האט יהוא געלאזט פערניכטען דעם געצענדיענסט פון בעל מיט אלע זיינע טעמפלען און אלטארען. יהוא האט זיך געוואלט ארויסווייזען פאר'ן פאלק, ווי א געטרייער תלמיד פונ'ם נביא אליהו, ווי א שטרענגער דיענער פון גאט, וועלכער נעהמט נקמה פון זיינע פיינד, נאר אין ירושלים איז נאך איבערגעבליעבען גאנץ דער קולט פון בעל, דען ער האט זיך דארט געהאלטען דורך איזבל'ס טאכטער, עתליה, וועלכע איז געווען א פאנאטישע אנהענגערין פון בעל און האט זיך אויסגעצייכענט מיט איהר מוטער'ס ענערגיע.

עס איז מערקווירדיג צו בעצייכנען, אז די פרויען האבען זיך מעהר געהאלטען אין דעם אויסגעלאסענעם קולט פון בעל, ווי די מאנספערשוינען. אומעטום זעהען מיר, אז גראד די פרויען נעהמען זיך אן פאר די אלטע אבגעטער. מעכה, די מוטער פונ'ם קעניג אסא אין יהודה, האט געבויט אלטארען פאר די דאזיגע אבגעטער אין ירושלים, וועהרענד איזבל האט געטהון דאס זעלבע אין שומרון, און איצט האט ווידער אנגעהויבען פיהרען די דאזיגע אונצימטיגע טעטיגקייט עתליה, די מוטער פונ'ם קעניג אחזיה אין ירושלים. עתליה איז אויך ווייט אריבערגעשטיגען איהר מוטער איזבל אין גרויזאמקייט און בלוטדורשטיגקייט. איזבל האט געלאזט ערמארדען נאר נביאים און עקשנות'דיגע אנהענגער פונ'ם אלטען אידישען גלויבען, אלענפאלס, אזעלכע מענשען, וועלכע זי האט בעטראכט אלס

איהרע געגנער; עתליה אבער האט פערגאסען דאס בלוט פון איהרע אייגענע קרובים, די קרובים פון איהר מאן און איהר זוהן. ווי נאר זי האט ערהאלטען די ידיעה, אז מען האט דער'הרג'עט איהר זוהן אחזיה נעבען יבלעם, האט זי געלאזט אויסמאָרדען דורך איהרע לייט אלע פרינצען פון דוד'ס הויז, וועלכע זענען געווען אין ירושלים, אלע זיהן פון איהר מאן יהורם, וועלכע ער האט געהאט פון אנדערע פרויען, אויך דעם איינגסטען זוהן פון אחזיה, דעם איינייעהריגען יואש, האט זי געוואָלט דער'הרג'ענען, און נאר דורך א וואונדער איז ער בצויל געווארען פון איהרע הענד. זי האט מיט איהרע גרויזאמע מעשים געווארפען אזא'ן אימה אויפ'ן פאלק פון יהודה, אז ס'האט זיך נישט געפונען קיין איינציגער מענש, וועלכער זאל זיך איהר שטעלען ענטקעגען. דאס פאלק און די כהנים האבען ניעדריג דעם קאפ געבויגען פאר איהר; אפילו דער כהן גדול יהוידע, וועלכער איז געווען א שוואגער פונ'ם קעניג אחזיה און איהר מאנס אנ'איידעם, האט זיך נישט דערוואויגען דערווייל עפעס וואס צו טהון געגען איהרע מערדערישע מעשים און געשוויגען. עתליה האט געלאזט אויפשטעלען אין ירושלים דאס בילד פונ'ם בעל מיט מאנומענטען און מזבחות פאר איהם דוקא אין יענער צייט, ווען יהוא האט פערניכטעט די דאזיגע געצען אין שומרון; עתליה האט בעשטימט פאר אנ'ערשטען כהן פון בעל דעם געצענדיענער מתן און האט געבראכט קיין ירושלים א גאנצע כנופיא פון בעל־כהנים, וועלכע האבען געדארפט מיטהעלפען דעם כהן מתן צו פערשפרייטען די געצענדיענעריי. צי האט עתליה אויך אריינגעבראכט די אבגעטער אין בית־המקדש אויפ'ן בארג מוריה? דאס האט זי נישט געוואגט צו טהון. אבער ווי עס שיינט, האט זי צושטערט דעם גאטעסדיענסט אין בית־המקדש, דען זי זאל האבען אויסגעשטעלט איהרע בעוואפענטע בעגלייטער, אלס א וואך פאר די טויערען פון בית־המקדש, אום נישט צו לאזען קיינעם אהין אריינקומען. זעקס יאהר האט געדויערט די הערשאפט פון עתליה איבער יהודה, און געהערשט האט זי נישט בלויז איבער'ן פאליטישען לעבען פונ'ם לאנד, נאר אויך איבער'ן רעליגיעזען לעבען פונ'ם פאלק; די אנגעזעהענסטע משפחות אין יהודה האבען וואהרשיינליך געהערט צו איהר פארטיי. נאר דער כהן גדול יהוידע מיט זיינע געצעהלטע פריינד האבען זיך פעסט געהאלטען ביי דער אלטער אידישער אמונה און ביי דוד'ס קעניגליכען הויז. יהוידע האט גענומען פאר א ווייב די טאכטער פון קעניג יהורם, יהושבע, וועלכע איז אליזא געווען די שוועסטער פון קעניג אחזיה, נאר פון איין פאטער, און האט דעריבער נישט געהאט קיין שייכות צו אחאב'ס פאמיליע. בשעת עתליה האט אויסגע'הרג'עט די לעצטע מיטגליעדער פון דוד'ס הויז, האט יהושבע ארויסגעראטעוועט איהר ברודער'ס יונגסטעס קינד פונ'ם בלוטבאד און האט עס צוזאמען מיט זיין אם בעהאלטען אין א זייטיגער געביידע פון בית־המקדש, דארט, וואו די לויים פלעגען שלאפען. דארט האט

מען לאנג געהאלטען פערבארגען דאס קעניגליכע קינד, און זיין מוהמע
יהושבע האט איהם ערצויגען אין דער שטיל. די כהנים און לויים, וועל־
כע זענען געטריי געוועזען דעם כהן גדול יהוידע, האבען דעם סוד קיינעם
נישט ענטדעקט. דאס קעניגליכע קינד האט גראדע צוליעב זיין יוגענד
דערוועקט ביי אלעמען רחמנות צו זיך. אינ׳ם משך פון די זעקס יאהר,
וואס עתליה האט מיט געוואלד געקעניגט אין ירושלים, איז יהוידע אויך
נישט געבליבען זיצען מיט צוזאמענגעלעגטע הענד: ער האט אפט גע־
האט געשפרעכען מיט די אנפיהרער פון די מחנות, וועלכע האבען גע־
דינט עתליה׳ן און מיט די בעגלייטער פון קעניגליכען הויף. און, נאכ־
דעם, ווי ער האט זיך איבערצייגט, אז אין טיעפען הארצען זענען זיי גע־
בליבען געטריי דוד׳ס הויז, האט ער ביסלעכווייז זיי ענטדעקט דעם
סוד, אז ס׳איז נאך איבערגעבליבען און לעבען א יונגער זוהן פון קעניג
אחזיה, וועמען עס געהערט די קעניגליכע קרוין. אלע אנפיהרער האבען
זיך ערקלערט פאר פיינד פון עתליה׳ן און איהם צוגעזאגט צו שטיצען,
ווען די צייט וועט קומען. ווען דער כהן גדול האט זיך שוין איבערצייגט
אין זייער געטריישאפט, האט ער זיי אריינגעפיהרט אין בית־המקדש און
געוויזען דעם זיעבען־יעהריגען יואש, און זיי האבען נאך זיין פנים איהם
אנערקענט פאר׳ן אמת׳ען זוהן פון אחזיה. יהוידע האט זיי געלאזט שווע־
רען, אז זיי וועלען דינען דעם קינד געטריי. מיט זייער הילף האט יהוידע
נעקאנט אויספיהרען די איבערקעהרעניש און צוריק ארויפזעצען אויפ׳ן
טהראן פון יהודה א קעניג פון דוד׳ס הויז. אין א געוויסען טאג, ווען די
וואך האט פערנומען איהר ארט ארום בית־המקדש, האט יהוידע געלאזט
דורך איהר בעזעצען דעם אריינגאנג אין בית־המקדש און געגעבען א
בעפעהל צו דער׳הרג׳ענען יעדערען, ווער עס וועט נאר וועלען אריינקומען
אין אינערליכען טהייל פון דער עזרה מיט א פיינדליכער כונה. און ווען
יהוידע האט זיך אזוי ארום פערזארגט, אז קיינער זאל נישט קאנען אנ־
פאלען אויף יואש׳ן, האט ער געלאזט אריינפיהרען א גרויסען המון אין
דער עזרה. די מחנות, וועלכע זענען געוועזען געטריי יהוידע׳ן, האבען זיך
אויסגעשטעלט מיט בלאנקע שווערדען און די הויפטלייט פון דוד׳ס קע־
ניגליך הויז האבען אויפגעהויבען הויך זייער עהרען־געוועהר, מיט וועלכען
זיי פלעגען בעשיצען דעם קעניג. אלע האבען געווארט געשפאנט, צו זע־
הען, וואס דא וועט פארקומען. פלוצלונג האבען זיך געעפענט די אינער־
ליכע טויערען פון בית־המקדש, און פון א זייטיגער אבטיילונג איז ארויס־
געטראטען דער כהן גדול מיט א זיעבען־יעהריגען קינד. דער כהן גדול
האט באלד אנגעטהון דעם קינד די קעניגליכע קרוין, האט איהם געזאלבט
פאר א קעניג און ארויפגעזעצט אויפ׳ן הויכען סלופ, וועלכער איז געשטא־
נען אין הויף פון בית־המקדש פאר די מלכים פון דוד׳ס הויז. באלד הא־
בען געשאלט די טרומייטען און די שופרות, די בעגלייטער פון קעניג
האבען אויפגעהויבען דאס געוועהר און דאס פאלק האט אויסגערופען:

„לעבען זאָל דער קעניג יואש פון דוד'ס הויז!" עתליה האָט פון אַלעם דעם גאַרנישט געוואוסט, און נאָר ערשט, ווען זי האָט דערהערט דאָס טרומייטערען, דאָס שופר־בלאָזען און די פריי־אויסרופען פון פאָלק, האָט זי זיך אויפגעהאַפּט פון איהר זיסען שלאָף. זי האָט צו שפּעט איינגעזעהען, אַז זי האָט צופיעל געהאַט אמונה אין איהרע בעגלייטער און זייער געטרייהייט צו איהר. זי האָט זיך באַלד געלאָזט לויפען צום פּלאַץ פאַר'ן בית־המקדש מיט עטליכע פון איהרע נאָהענטסטע לייט, אָבער דאָ האָט זי צו איהר גרויסען שרעק דערזעהען אַ יונג קינד מיט אַ קרוין אויפ'ן קאָפּ, און איהרע מחנות שטעהען אַרום, צו בעשיצען איהם. ווען עתליה האָט איינגעזעהען, אַז ס'איז פאַרגעקומען אַן איבערקעהרעניש און אַלע איהרע געטרייע דיענער האָבען איהר פערראַטען, האָט זי אויף זיך די קליידער צוריסען און אויסגערופען: „אַ בונט, אַ בונט!" איינינגע הויפּט־לייט האָבען איהר באַלד אַנגענומען און אַרויסגעפיהרט פון הויף פון בית־המקדש און איהר פּלאַץ אַריין, וואו זיי האָבען זי דער'הרג'עט. אין בית־המקדש האָבען זיי זי נישט געקאָנט דער'הרג'ענען, ווייל דער כהן גדול יהוידע האָט דאָס פערבאָטען. אַזוי האָט געענדיגט שענדליך, ווי איהר מוטער, איהר לעבען די לעצטע פון עמרי'ס הויז. די פריינדשאַפט און פערוואַנדטשאַפט מיט צור האָט ביידע אידישע מלוכות נישט געבראַכט קיין גליק. ווי עס שיינט, האָט אחאב'ס טאָכטער אויך נישט געהאַט קיין פיעל אמת'ע פריינד און אָנהענגער אין ירושלים, דען אין דער שעה פון איהר טויט האָט זיך קיינער פאַר איהר נישט אָנגענומען.

דער כהן גדול, יהוידע, וועלכער האָט צוגעגרייט און אויסגעפיהרט די איבערקעהרעניש, האָט איצט געטראַכט וועגען דעם, אַז ס'איז נויטיג אונטערנעהמען געוויסע שריט, צו מאַכען אונמעגליך, אַז עס זאָלען אין ירושלים ווידער קאָנען זיך איבערחזר'ען אַזעלכע טרויעריגע געשעהעניש'ען, ווי די וואָס זענען פאַרגעקומען אין די לעצטע יאָהרען. ער האָט אויס־גענוצט די פרעהליכע געהויבענע שטימונג פון פאָלק, כדי צו דערוויטער־רען פון ירושלים אַלע שפּורען פון דער געצענדיענעריי און צו דערוועקען די אַלטע געטרייהייט פון פאָלק צו דער אידישער אמונה און צום גאָט פון די אבות. אין בית־המקדש האָט ער געפאָדערט פון די פערזאַמעלטע און פונ'ם קעניג, אַז זיי זאָלען פייערליך ערקלערען און צוזאָגען, דאָס פון איצט אָן וועלען זיי געטריי דיענען גאָט און נישט פערעהרען מעהר קיינע אָב־געטער. יהוידע האָט אָבער, ווי עס שיינט, נאָך מעהר געטהון, כדי צו דערהאַלטען פעסט און אויף אַ לאַנגע צייט די ווירקונג פונ'ם דאָזיגען רעד־ליגיעזען „אני מאמין", וואָס דאָס פאָלק האָט צום ערשטען מאָל אַרויס־געזאָגט צוזאַמען מיט'ן קעניג אויף אַזאַ פייערליכען אופן אין בית המקדש. די תורה, וועלכע משה האָט געגעבען, און יענע הלכות, וועלכע מען האָט פון איהם איבערגענומען, זענען ביז איצט געווען נאָר בעוואוסט אין דעם קרייז פון די נביאים און לויים; אפילו די עשרת הדברות זענען

געבליבען ביז איצט בלויז אויסגעקריצט אויף די שטיינערנע לוחות, אָבער דאָס פֿאָלק האָט פֿון זיי ווייניג געוואוסט. די לוחות זיינען געבליבען ליגען אין ארון, וועלכער איז געשטאַנען אין געהיים אין „קודש הקדשים“— אין דער הייליגסטער אָבטיילונג פֿון בית־המקדש, וואוהין קיין לעבעדיגער נפש פֿלעגט קיינמאָל נישט אַריינקומען אויסער דעם כהן גדול, אי דאָס נאָר איינמאָל אין יאָהר, אום יום כפור. דער אָרון מיט די לוחות איז אַלזאָ געהאַלטען געוואָרען, ווי אַן אַלטער מאָנומענט, וואָס האָט קיין שייכות נישט צום לעבען, און דאָס פֿאָלק האָט איהם בעטראַכט נאָר אַלס אַ זאַך, וואָס דאַרף בעשיצען דאָס פֿאָלק אין אומגליק. ערשט דער כהן גדול יהוידע האָט, ווי עס שיינט, בעקאַנט געמאַכט דאָס פֿאָלק מיט'ן אינהאַלט פֿון די לוחות ווי אויך מיט פֿיעל ערטער אין דער תורה און מיט די געזעצען. יהוידע האָט זיכער פֿאָרגעלייענט פֿאַר'ן פֿאָלק די געזעצען. יהודיעה האָט, בלי ספק, דאַמאָלס פֿאָרגעלייענט פֿון „ספר תורת משה“ אַזעלכע שטעלען, וואָס האָבען אַמבעסטען געפּאַסט פֿאַר יענער צייט, ווי, למשל, די שטעלע אין דער תורה, וואו עס ווערט דערצעהלט, ווי משה איז צו'ם צווייטען מאָל אַרויפֿגעשטיגען אויפֿ'ן באַרג סיני, נאָכדעם ווי דאָס פֿאָלק האָט בעגאַנגען אַ פֿערברעכען און געמאַכט דעם עגל — דאָס גאָלדענע קאַלב, צו בוקען זיך פֿאַר איהם און דיענען איהם, ווי אַ גאָט, און גאָט האָט דאַמאָלס צו משה'ן געזאָגט, אַז ער איז אפילו גנעדיג, פֿול רחמנות, געדולדיג, פֿול ליעבע און געטריייהייט, און זיין גרויסען חסד טהוט ער נישט אָב פֿון טויזענדער דורות און פֿערניכטעט זיי נישט; אָבער דערצו איז ער אויך אַ גאָט פֿון נקמה און די זינד פֿון די עלטערן מאָהנט ער אויף ביי די קינדער און קינדס־קינדער. גאָט האָט געוואָרענט זיין פֿאָלק, נישט צו שליסען קיין בונד מיט די געצענדיענערישע פֿעלקער פֿונ'ם לאַנד כנען, ווייל דאָס קאָן פֿיהרען דאָס אידישע פֿאָלק נאָר צו'ם אומגליק. דורך דעם בונד מיט די פֿעלקער הויבט מען אָן מיט זיי מתחתן צו זיין זיך, און די טעכטער פֿון די געצענדיענער פֿערפֿיהרען די אידישע זיהן צו געצענדיענעריי. די מזבחות פֿון די געצען דאַרף מען צושטערען, זייערע מאָנומענטען דאַרף מען צוברעכען און די בוימער, וועלכע זענען געהייליגט דער געטין עשתרות, דאַרף מען אָבהאַקען. „דו זאָלסט נישט האָבען קיין אַנדער גאָט, אויסער מיך“.

ווען דאָס פֿאָלק האָט אויסגעהערט, ווי יהוידע האָט דאָס אַלין געלייענט פֿון משה'ס תורה, האָט עס זיך דערשפּריט שטאַרק געריהרט, דען אַלץ, וואָס דאָרט איז געווען געשריבען, האָט זיך אין דער ווירקליכקייט אויסגעלאָזען. יעדעם וואָרט האָט בעזונדערס געפּאַסט צו דער דאַמאָלסדיגער לאַגע. מען האָט לייכט דאָ געפֿונען די רמזים אויף די לעצטע געשעהעניש, אויף דעם בונד מיט צור, אויף די געצענדיענעריי, אויף איזבל און עתליה, וואָס האָבען זייערע מענער פֿערפֿיהרט צו דער געצענדיענעריי, און דאָס האָט געבראַכט אידען אומגליק. די איינ־

וואָהנער פֿון ירושלים האָבּען באַלד אָנגעהויבען דורכפֿיהרען דאָס, וואָס זיי האָבּען געהערט ליישענענדיג. זיי זענען אָנגעפֿאַלען אויף דעם טעמ־פּעל פֿונ'ם בעל, וועלכען עתליה האָט געלאָזט אויפֿבויען, זיי האָבּען צו־שטערט די מזבחות, חרוב געמאַכט די בילדער און פֿערניכטעט אַלץ, וואָס האָט נאָר געהאַט אַ שייכות צום קולט פֿון בעל. דאָס פֿאָלק אַליין האָט זיך גענומען צוריקשטעלען און אָבּהיטען די אַלטע אידישע אמונה און ריינינגען דעם גאָטעסדיענסט, און ערשט נאָכדעם האָט מען אַרויס־געפֿיהרט מיט טריאומף דעם יונגען קעניג און פֿאָרגעשטעלט איהם פֿאַר די קעניגליכע בעגלייטער און פֿאַר'ן פֿאָלק און נאָכדעם האָט מען איהם אַריבּערגעפֿיהרט פֿון בית־המקדש אין קעניגליכען פּאַלאַץ, וואו מען האָט איהם אַרויפֿגעזעצט אויפֿ'ן טהראָן פֿון זיינע עלטערן. אין ירושלים איז די שמחה געוועזען זעהר שטאַרק. די אָנהענגער פֿון דער געפֿאַלענער קעניגין האָבּען זיך פֿערהאַלטען רוהיג און נישט געוואַגט צו שטערען די אַלגעמיינע פֿרעהליכע שטימונג פֿונ'ם פֿאָלק.

מערקווירדיג איז, וואָס אין די אַלע פּאָליטישע און רעליגיעזע איבּערקעהרענישען, וועלכע זענען פֿאָרגעקומען איינע נאָך די אַנדערע אין שומרון און אין ירושלים, האָט דער נביא אלישע גאָר קיין אַנטייל נישט גענומען. ער האָט געלאָזט דורך זיינעם אַ תלמיד זאַלבּען פֿאַר אַ קעניג אין ישׂראל דער פֿעלדהערר יהוא, כּדי ער זאָל נקמה נעהמען אָן עמרי'ס הויז, אלישע אַליין האָט זיך אָבּער געהאַלטען אָן אַ זייט; ער איז אפילו נישט געוועזען דערבּיי, בשעת יהוא האָט פֿערניכטעט די מזבחות פֿון בעל אין שומרון. נאָך ווייניגער האָט אלישע, אליהו'ס תלמיד טייל גענומען אין דער איבּערקעהרעניש אין ירושלים און אינ'ם פֿערניכטען דאָרט די געצענדיענעריי. ווי עס שיינט, האָט זיך אלישע מעהר אָבּגעגעבּען מיט דער אויסבּילדונג פֿון נייע תלמידים, כּדי אויפֿ־צוהאַלטען און ענטוויקלען די שולע פֿון יונגע נביאים, וועלכע אליהו האָט געגרינדעט. אָבּער נישט אַלע האָבּען איהם אָנערקענט פֿאַר אַ מנהיג גלייך ווי אליהו'ן. אלישע'ן האָט מען אַ פֿאָרוואורף געמאַכט, אַז ער האָט געשוירען די האָר פֿון קאָפּ און איז נישט געוועזען אינגאַנצען אַ נזיר, ווי אליהו. קליינע קינדער פֿון די יונגע נביאים האָבּען אָבּגעשפּאָט פֿון איהם, נאָכרופֿענדיג איהם: „דו פּליך, דו פּליכעוואַטער!“ אלישע האָט פֿונדעסטוועגען פֿיעל אויפֿגעטהון פֿאַר זיינע תלמידים. אויך אין דער הינזיכט איז ער נישט געוועזען גלייך צו אליהו'ן, וואָס ער האָט נישט פֿערבּראַכט זיין לעבּען אין דער איינזאַמקייט; ער האָט נישט געלעבּט ביחידות, נאָר ער פֿלעגט אָפֿט זיך צוזאַמענקומען מיט מענשען. אין דער ערשטער צייט, ווען עס האָבּען געקעניגט די מלכים פֿון עמרי'ס הויז, האָט ער זיך אפילו אויך אויפֿגעהאַלטען אויפֿ'ן באַרג כּרמל און פֿלעגט פֿון דאָרט מאַכען אָפֿטע נסיעות צו'ם ירדן, כּדי צו בּעזוכען דאָרט די יונגע נביאים, וועלכע האָבּען זיך אין יענער געגענד אויפֿגעהאַלטען.

אין שונם, וואו ער פלעגט טיילמאל זיך אפשטעלען אין'ם הויז פון א גאטספורכטיגען מאן, האט ער געהאט א בעזונדער שטוב אונטער'ן דאך, מיט א בעט, א טיש, א שטוהל און א לאמפ, כדי ער זאל זיך דארט קאנען אויסרוהען און שפירען זיך היימיש. אלישע האט די וואה־נונג אנגענומען. שפעטער, ווען יהוא איז קעניג געווארען, האט אלישע זיך בעזעצט אויף א לאנגע צייט אין שומרון און איז געווארען בעוואוסט אונטער'ן נאמען „דער נביא פון שומרון“. דורך זיין פריינדליכען בע־נעהמען זיך מיט מענשען האט ער בעקומען א שטארקען איינפלוס אויף זיי. צו אלישע'ן האבען אנגעהויבען אפט צו קומען אנגעזעהענע מענשען, כדי צו לערנען ביי איהם. נאר אין'ם לאנד יהודה און אין ירושלים פלעגט זיך אלישע נישט בעוויזען.

אין ירושלים האט מען זיך בעזונדערס שטארק געווידמעט דעם בית המקדש און דער תורה, זינט דער כהן גדול יהוידע איז ארויסגע־טראטען צום ערשטען מאל, אלס שטרענגער אפהיטער פון די דאזיגע היילינגטימער. אין די צייטען פון עתליה איז דער בית־המקדש שטארק בעשעדיגט געווארען. נישט בלויז די בעפוצונג פון מיט גאלד־בעדעקטען צעדער־האלץ האט מען אין איניגע ערטער צושטערט, אפילו אויך גאנצע שטיינער פון דער מויער זענען אויסגעבראכען געווארען; נאך אין פיעל אנדערע ערטער האט מען דעם בית־המקדש בעשעדיגט. דער יונגער קעניג יואש האט אלזא אין דער ערשטער צייט פון זיין קעניגען שוין געהאט א וויכטיגע אויפגאבע די שאדענס אויסצובעסערען, בפרט, אז דער כהן גדול יהוידע האט דאס דורכאויס געפאדערט. די קאסע פון בית־המקדש איז אבער געוועזען לעדיג, און עס האט געפעהלט געלד. דער אוצר פון בית־המקדש, וועלכער האט זיך אנגעזאמעלט פון די נדרים און נדבות, ווי אויך פון די מתנות פון די פריהערדיגע מלכים, איז, בלי ספק, דורך עתליה'ן איינגאנצען אויסגעלעדיגט געווארען, כדי צו פערניצען עס פאר'ן בעל. דער קעניג האט דעריבער ארויסגעגעבען א בעפעהל די כהנים צו זאמלען געלד, אויף אויסצובעסערען די בעשע־דיגונגען פון בית־המקדש; די דאזיגע זאמלונגען האבען די כהנים געדארפט פיהרען מיט א בעזונדערער פלייסיגקייט, ווייל די זאך איז דאך זיי בעזונדערס נוגע געוועזען. יעדער כהן האט געדארפט נעהמען דערויף נדבות פון זיינע בעקאנטע. ארויסגעוויזען האט זיך אבער, אז קיין געלד פאר'ן בית־המקדש האט מען אויף אזא'ן אופן נישט פיעל צוזאמענגענומען. דער בית־המקדש איז אלזא נאך לאנג געבליבען מיט זיינע נישט־אויסגעבעסערטע בעשעדיגונגען. ענדליך האט דער קעניג בעפויהלען דעם כהן גדול אויפצושטעלען א קאסטען אין הויף פון בית־המקדש מיט א שפאלט אין זיין דעקעל, כדי דאס פאלק זאל אליין אריינווארפען אהין זיינע נדבות פאר'ן בית־המקדש. כדי אבער צו דער־וועקען דאס פאלק צו געבען נדבות וואס מעהר, האט דער כהן יהוידע,

געווים, ווידער געליעהנט פאר'ן פאלק פון משה'ס תורה, ווי אזוי מען האט דעם משכן געבויט, ווי די מאנסבילען און פרויען האבען דא־מאלס אראבגענומען פון זיך זייערע ציערונגען און געבראכט צו משה'ן זילבער און גאלד, מעטאל און פורפור אזוי פיעל, אז משה האט געמוזט לאזען אויסרופען, דאס מען זאל שוין אויפהערען צו ברענגען נאך נדבות, ווייל ס'איז שוין פאראן פיעל מעהר, ווי מען ברויכט. וואהר־שיינליך, האט די דאזיגע פארלעזונג פון יהוידע פאר'ן פאלק, וועלכע איז דאך פאר אלעמען געווען גאר א נייעס, געמאכט דעם פערלאנגטען איינדרוק: די נדבות האבען זיך א שיט געטהון מיט א רייכער האנד, און באלד האט מען שוין געקאנט קויפען געהילץ און שטיינער און דינגען מייסטערס, וואס זאלען די ארבייט אויספיהרען. ביי דער דאזיגער געלעגענהייט האט יהוידע דערהויבען די כהונה גדולה צו אזא הויכער מדרגה, אז זי איז געשטאנען אויף איין ליניע מיט'ן מלכות, וועהרענד פריהער האט דער כהן גדול פערנומען זעהר א עניוות'דיגען ארט. יהוידע האט טאקי אויך מיט רעכט געקאנט פערלאנגען, אז ער זאל האבען א וויכטיגע דעה אין אלע מלוכה־אנגעלעגענהייטען, דען ער האט דאך דורך זיין ערגעבענהייט און חכמה געראטעוועט די מלוכה פון דוד'ס הויז פון פערדערבען, ער האט דאך אויך אבגעראטעוועט די מלוכה פון א אונטערגאנג דורך עתליה'ס הענד. דער פאקט אבער, וואס די כהונה גדולה האט זיך גלייך געשטעלט מיט דער מלוכה, האט געמוזט פיהרען צו טרויעריגע קאנפליקטען, ווייל עס האבען זיך דאך שטענדיג געפונען צוויי הערשער, וואס נישט תמיד האבען זיי געלעבט בשלום צווישען זיך. כל זמן עס האט נאך געלעבט יהוידע, ווען דער קעניג יואש האט געהאט צו פערדאנקען דאס לעבען און די קרוין, זענען קיין סכסוכים צווישען דעם מלך און דעם כהן־גדול נישט פארגעקומען; צוליעב דאנקבארקייט, ווי אויך הויכאכטונג, האט דער קעניג זיך, מעגליך, אונטערגעגעבען אלע פאדערונגען און פעראָרדנונגען פון כהן־גדול. ווען יהוידע איז געשטארבען, האט דער קעניג יואש איהם מקבר געווען מיט גרוים כבוד אין דוד'ס שטאדט אין די קברים פון די מלכים. אבער נאך יהוידע'ס טוידט, ווען כהן־גדול איז געווארען זיין זוהן זכריה, איז צווישען דעם קעניג און דעם כהן־גדול אויסגעבראכען א קריעג, וועלכער האט געקאסט דעם כהן־גדול דאס לעבען: אויפ'ן בעפעהל פון קעניג יואש האט מען דעם כהן־גדול זכריה, יהוידע'ס זוהן, פערשטיינערט אין הויף פון בית־המקדש און דער'הרג'עט איהם דארט. יואש האט דערביי זיך געמאכט ווי נישט־וויסענדיג פונ'ם גרויסען חסד, וואס זכריה'ס פאטער האט מיט איהם געטהון. פאלענדיג טויט, האט זכריה אויסגע־רופען: „גאט זאל עס זעהען און זאל בעצאהלען דערפאר“.

נאכדעם, ווי עס זענען אויסגע'הרג'עט געווארען אלע מיטגלידער פון עמרי'ס קעניגליך הויז, וועלכע האבען ארויסגערופען אזוי פיעל

רייבונגען און אונגליקען אין שומרון און אין ירושלים, איז אין ביידע אידישע מלוכות געוואָרען רוהיג. דער אַלגעמיינער רעליגיעזער און מאָראַלישער צושטאַנד איז אַיצט שוין פֿיעל בעסער געווען, ווי פֿריהער; אָבער אין יהודה האָט מען פֿערניכטעט נאָר די עפֿענטליכע מזבחות פֿון דעם בעל, די פּריוואַטע מזבחות זענען גאַנץ געבליבען און די געצען־דיענעריי האָט אינגאַנצען נאָך אַלץ נישט אויפֿגעהערט; אין דער מלוכה פֿון די צעהן שבטים ווידער זענען נאָך געשטאַנען גאַנץ די גאָלדענע קעלבער אין דן און בית־אֵל, און דאָס פֿאָלק האָט צו זיי פֿלייסיג געדיענט. אָבער אָפֿיציעל איז דער קולט פֿון בעל פֿערשוואונדען געוואָרען פֿון ביידע מלוכות.

ווייניגער גינסטיג איז אָבער געווען די לאַגע פֿון אויסענווייניג, סיי פֿאַר יהודה און סיי פֿאַר ישראל. דער פֿעלדהערר יהוא, וועלכער האָט אַרויסגעוויזען אַזאַ ענערגיע און בריה׳שאַפֿט ביי׳ם פֿערטיליגען עמרי׳ס קעניג־הויז, האָט אָבער בעוויזען אַ קנאַפּע גבורה געגען אַ שטאַרקערען אויסערליכען פֿיינד. ווי ס׳איז שוין דערמאָהנט געוואָרען, איז אין דמשק פֿאָרגעקומען אַ פּאַלאַץ־רעוואָלוציע, און דער קעניגס־מערדער, חזאֵל, האָט זיך ערקלערט פֿאַר אַ קעניג. חזאֵל איז געווען אַ מענש מיט אַ שטאַרקען ווילען צו גרויסע אונטערנעהמונגען, ער האָט זיך אַרומגעטראָגען מיט׳ן געדאַנק צו מאַכען זיין מלוכה אַרם גרויס און שטאַרק און צו דערהויבען זיין הויפּט־שטאָדט, דמשק, צו אַ הויכער מדרגה פֿון אַ וועלט־שטאָדט. דאָס נאָהענטסטע לאַנד, וואָס איז נעבען אַרם געווען, איז געווען די מלוכה פֿון די צעהן שבטים, וועלכע האָט פֿאַר בן הדד׳ן אָבגעריסען צוריק עטליכע שטעדט, וואָס האָבען איהר פֿריהער געהערט. חזאל האָט זיך ווייניג וואָס געקימערט וועגען דעם פֿריינדשאַפֿטס־בונד, וואָס איז געווען צווישען אַרם און דעם מלך פֿון אפרים; מיט זיינע גרויסע מחנות האָט ער פֿערפּלייצט דאָס לאַנד פֿון די צעהן שבטים און איינגענומען פֿיעל פֿעסטע שטעדט, פֿערברענענדיג דאָרט די הייזער און אויסהרג׳ענענדיג די בעפֿעלקערונג; חזאל איז זיך בעגאַנגען מיט אַזאַ גרויזאַמקייט, אַז ער האָט אפילו נישט געשוינט קיין קינדער און שוואַנגערע פֿרויען. ער האָט איינגענומען די אידישע שטעדט אויף יענער זייט ירדן; ווי עס שיינט, האָט ער געהאַט אַ פֿערבונדעטען, וועלכער האָט איהם געשטיצט, דעם קעניג מישע פֿון מואָב.

דאָס גאַנצע לאַנד פֿון די שבטים גד און ראובן און האלב מנשה, פֿון באַרג בשן ביז דעם טייך ארנון, זענען אָבגעריסען געוואָרען פֿון שומרון, די איינוואָהנער זענען כמעט פֿאַר קנעכט ערקלערט געוואָרען און פֿיעל פֿון זיי האָט מען געהרג׳עט, ד. ה. צוריסען זייערע לייבער אונטער גרויסע דרעש־וואָגענס. דער קעניג יהוא האָט זיך נישט געקאָנט האַלטען געגען חזאל. נאָך ערגער איז עס געווען אונטער יהוא׳ס זוהן, יהואָחז (פֿון יאָהר 929 ביז 912 פֿאַר׳ן צווייטען חורבן). חזאל און דערנאָך זיין

זוהן, בן הדד דער דריטער, האָבען שטאַרק געדריקט און פערפאָלגט דאָס אידישע לאַנד, וועלכעס איז אַזוי אָבגעשוואַכט געוואָרען, אַז דער מלך פון ישראל האָט געהאַט שוין אַ גאַנץ קליינע אַרמעע, סך־הכל 10 טויזענד פוס־געהער, 50 רייטער, און נישט מעהר, ווי 10 קריעגס־וואַגענס. די אַראַמייער פלעגען מאַכען אָפטע אַנפאַלען אויף דאָס לאַנד און פלעגען רויבען נישט בלויז דאָס פערמעגען פון די איינוואָהנער, נאָר אויך די איינוואָהנער גופא נעהמען געפאַנגען און פערקויפען פאַר קנעכט. די אידישע לאַגע איז געוואָרען אַזוי שלעכט, ווי זי איז געווען אין דער צייט פון די ריכטער. ווי עס שיינט, האָט יהואחז געשלאָסען אַ שענדליכען שלום מיט'ן פיינד און איהם ערלויבט דורכצוגעהן מיט זיין אַרמעע דורכ'ן אידישען לאַנד, ווען ער איז געגאַנגען פיהרען מלחמה מיט די פלשתים. ערשט אונטער'ן קעניג יואָש, דעם זוהן פון יהואָחז, איז עס געלונגען ביסלעכווייז צו בעפרייען די מלוכה פון די אַראַמייער און ברעכען זייער מאַכט, ווי עס שיינט, אַ דאַנק דעם, וואָס אויך די מלכים פון די חתים און פון מצרים האָבען נישט געוואָלט צולאָזען, אַז אַרם זאָל ווערען אַזוי שטאַרק, און זענען אַרויסגעטראָטען געגען איהר פיינדליך.

די אָבשוואַכונג פון אַרם איז אויך געווען אַן אמת'ע ישועה פאַר דער מלוכה פון יהודה. דאָרט האָט דאַמאָלס געקעניגט אמציה דער זוהן פון יואָש, וועלכער איז דער'הרג'עט געוואָרען דורך זיינע קנעכט (913 פאַר'ן חורבן). דמשק האָט געשטיצט די קליינע מלוכות עמון, מואב און אֶדום, כדי זיי זאָלען קאָנען אָבּרייסען זיך פון צו זיין אונטערטעניג ביי יהודה אָדער ישראל, און אויך אפילו צו מאַכען אַנפאַלען אויף די אידישע לענדער. די מפלה פון חזאל'ס זוהן, בן־הדד דעם דריטען, האָט דעריבער פריי געמאַכט די הענד ביי דעם קעניג פון יהודה, אמציה, אַז ער זאָל קאָנען ווידער אונטערטעניג מאַכען פאַר זיך די פעלקער, וועלכע דוד האָט אַמאָל איינגענומען. דאָס קליינע לאַנד אֶדום האָט זיך שוין אַ משך פון אַ יאָהר פופציג אָבגעריסען פון יהודה און זיך ערקלערט פאַר זעלבסטשטענדיג. איינער פון אֶדום'ס מלכים האָט זיך אויסגעבויט אַ הויפּט־שטאָדט אויפ'ן הויכען באַרג שעיר, וועלכער בעשטעהט פון קאַלך־שטיינער און הויבט זיך אויף ביז 4000 פוס איבער'ן ים. פון די טהאָלען האָט מען געקאָנט אַריינקומען אין שטאָדט נאָר, איבער אַ וועג פון טרעפּ. אין דער דאָזיגער הויפּט־שטאָדט סלע (Petra) האָט אדום זיך געהאַלטען זיכער פון אַלע אַנפאַלען. אֶדום פלעגט מיט שטאָלץ זיך בערימען: „ווער וועט מיך אַרונטערוואַרפען פון דער הויך אין דער טיעפעניש?“ אמציה האָט אָבער בעוויזען די גבורה איינצונעהמען אָט די שטאָדט. אֶדום איז איהם אפילו אַרויסגעגאַנגען ענטקעגען מיט אַ גרויסער מחנה און אין'ם זאַלץ־טהאָל איז עס געקומען צו אַ מלחמה. די אדומים האָבען געהאַט אָבער אַזאַ מפלה, אַז זיי זענען זיך צולאָפען און געלאָזען פריי דעם וועג פאַר אמציה'ן אַריינצוקומען אין זייער הויפּט־שטאָדט סלע און איינצונעהמען

זי. אמציה איז זעהר שטאלץ געװעזען מיט זײַן דאזיגען נצחון איבער אדום. אבער זײַן גאוה האט באלד געבראכט איהם און זײַן פאלק גרויס אונגליק, װען ער האט זיך גענומען רײַצען מיט'ן קעניג פון ישראל.

צװישען בײדע מלוכות, ישראל און יהודה, איז אין די צײַטען פון יהוא און די מלכים, װאס האבען געקעניגט נאך איהם, געװען שלום; אבער יענע פרײַנדשאפט, װאס האט צװישען בײדע מלוכות געהערשט אין דער צײַט פון עמרי'ס קעניגליך הויז און יהושפט'ן, יענע פרײַנדשאפט איז שוין איצט נישט געװען, חאטש זײ האבען געהאט געמײנזאמע אינטערעסען — דעם אינערליכען קאמפף מיט דער געצענדיענערײ, און דעם אויסערליכען — מיט די געצענדיענערישע מלוכות. װען אמציה האט זיך אומגעקעהרט צוריק פון זײַן גליקליכער מלחמה מיט אדום, איז בײ איהם געבארען געװארען א דרײסטער געדאנק, צו געהן מיט זײַן שטארקער ארמעע אין מלחמה געגען דער מלוכה פון די צעהן שבטים און, נאכדעם װי ער װעט אבהאלטען א נצחון, װעט ער צוריק זײ פעראײניגען מיט זײַן מלוכה, װי אין דוד און שלמה'ס צײַטען. כדי צו געפינען א תירוץ פאר זײַן מלחמה, האט ער פערלאנגט פון יואש'ן, אז ער זאל געבען זײַן טאכטער פאר א װײַב פאר זײַן זוהן. אמציה האט פאראויסגעזעהען, אז יואש װעט אויף זײַן פאדערונג נישט אײַנשטימען, און דאן װעט ער איהם ערקלערען א מלחמה. אין דער װירקליכקײט האט יואש געענטפערט אמציה'ן אויף זײַן פאדערונג פאלגענדעס: „דער דארן האט געשיקט א מאל צום צעדערבוים פון לבנון א פארשלאג: גיעב דײַן טאכטער מײַן זוהן פאר א װײַב. דער לבנון האט דערויף ארויסגעלאזען זײַנע װילדע חיות, װעלכע האבען דעם דארן צוטראטען. דו האסט אדום מנצח געװעזען, ביזטו דעריבער שטאלץ געװארען. בלײַב בעסער בײ דײַן איצטיגען כבוד און זיץ זיך אין דערהײם. צו װאס זאלסטו אלײן ארײַנפאלען אין אונגליק און שלעפען נאך דערצו יהודה מיט זיך?“ אמציה האט זיך אבער נישט געלאזט איבעררעדען, און האט זײַן ארמעע געלאזט געהן צו דער גרעניץ פון ישראל. יואש, װעלכער האט שוין דאמאלס געהאט אבגעהאלטען נצחונות איבער די אראמײער, איז איהם ארויסגעקומען ענטקעגען. נעבען בית־שמש איז עס געקומען צו א מלחמה; די ארמעע פון אמציה האט געהאט א מפלה און איז ענטלאפען. אמציה'ן אלײן האט יואש גענומען געפאנגען. װען יואש װאלט דאמאלס געװאלט אויסנוצען אינגאנצען זײַן נצחון, האט ער געקאנט נעהמען ירושלים פאר זיך, אראבװארפען אמציה'ן פון טהראן, ערקלערען דוד'ס הויז פאר געענדיגט און װערען אלײן קעניג איבערן גאנצען אידישען פאלק. יואש האט אבער אזוי נישט געטהון: ער האט געבראכט דעם געפאנגענעם קעניג אמציה קײן ירושלים און האט דארט געלאזט אײַנברעכען די מויער ארום שטאדט אויף א שטח פון פיער הונדערט איילען; ער האט אויך פערנומען גאר דאס גאלד, זילבער און טײַערע כלים, װעלכע ער האט געפונען

אין בית־המקדש און אין דעם קעניגליכען פאלאץ, און האט זיך אומגעקעהרט צוריק אהיים. דעם קעניג אמציה האט ער איבערגעלאזען זיין טהראן, נאר ער האט גענומען מיט זיך איניגע מענשען פאר א משכן, אז איצט וועט מען שוין האלטען שלום און נישט בעפעסטיגען ירושלים צוריק. די שטאדט ירושלים איז דאמאלס צום ערשטען מאל איינגענומען געווארען און טיילוויז צושטערט געווארען. ס'איז קיין ספק נישט, אז דער חסד, וואס יואש האט געטהון מיט אמציה'ן און מיט דער שטאדט ירושלים, האט געשטאמט פונ'ם איינפלוס, וואס דער נביא אלישע אדער זיינער א תלמיד האט אויף איהם געהאט, דען יואש פלעגט אפט קומען צו די נביאים פרעגען אנ'עצה.

נאך יואש'עם טויט (900 יאהר לערך פאר'ן חורבן) האט אמציה נאך געקעניגט פופצעהן יאהר. דאס גליק אבער האט זיך פון זיין הויז אבגעטהון; דאגעגען די מלוכה פון אפרים איז זעהר גרויס און שטארק געווארען אונטער דער הערשאפט פון יהוא'ס אוראייניקעל, ירבעם דער צווייטער, דער זוהן פון יואש. דאס איז געווען א גרויסער גבור, ווי נאך קיין איינציגער פאר איהם, אונטער אלע מלכים, וואס האבען געקעניגט איבער ישראל, זינט ער האט זיך אבגעטיילט פון יהודה. מען האט געקאנט מיינען, אז פאר אידען האבען זיך אונטער זיין רעגיערונג צוריקגעקעהרט דוד'ס צייטען. געלעבט האט ירבעם זעהר לאנג, דען ער האט רעגיערט העכער זעכציג יאהר, (פון 900 ביז 839 פאר'ן צווייטען חורבן) און דאס גליק איז איהם תמיד בייגעשטאנען. אין דער לאנגער צייט פון זיין רעגיערונג האט ער פיעל מלחמות געפיהרט און אבגעהאלטען נצחונות איבער זיינע פיינד. די ערשטע זאך האט ער מלחמה געפיהרט מיט די אראמייער, די ערגסטע פיינד פון דער מלוכה פון ישראל, וועלכע האבען פון אחאב'ס צייטען אן נישט אויפגעהערט צו פיהרען מיט איהר קריעג. פרטים וועגען די דאזיגע מלחמות פעהלען, נאר ווי מען קאן ארויסזעהן פון די געשיכטען, האט ירבעם אבגעהאלטען נצחונות איבער ארם, דען די גרעניצען פון דער מלוכה פון ישראל האבען זיך ווידער געצויגען „פונ'ם גרויסען וועג, וואס פיהרט קיין חמת, ביז'ן ים המלח". ווי עס שיינט, האט ירבעם אויך איינגענומען מואב און ווידער עס פעראייניגט מיט דער מלוכה פון די צעהן שבטים.

אמציה דאגעגען איז געווען ווי פאראליזירט דורך דער ערניעדערונג, וועלכע ער האט געליטען אין דער מלחמה מיט יואש'ן. ציליעב דעם, וואס ירושלים האט פערלוירען א טייל פון איהרע פעסטונגען ארום שטאדט, האט ער נישט געקאנט איינעהמען קיין שום מלחמה, און איז גליקליך געווען, ווען די פיינד האבען איהם געלאזט צורוה. אויפבויען און בעפעסטיגען די מויער צוריק האט אמציה נישט געטארט, דערויף האט ער געגעבען משכנות — מענשען, וועלכע האבען געלעבט אין שומרון אין געפאנגענשאפט. ווי עס שיינט, איז דאס פאלק,

און נאך מעהר דער אדעל, די פירשטען פון יהודה, מיט איהם געוועזען אונצופריעדען, און די דאזיגע אונצופריעדענהייט האט זיך אויסגעדריקט אין א בונט געגען איהם. אמציה האט געמוזט ראטעווען זיך דורך ענט־לויפען קיין לכיש, אבער מען האט אהין געשיקט מערדער, וועלכע האבען איהם דארט דער׳הרג׳עט.

נאך אמציה׳ס טויט האט ירושלים און דאס גאנצע לאנד יהודה איבערגעלעבט נאך אונגליקליכערע צייטען. די שרים פון יהודה, וועלכע האבען דעם קעניג אראבגעווארפען פון טהראן און דער׳הרג׳עט, האבען פערהאפט די ממשלה אין די הענד, און, ווי עס שיינט, האבען זיי שוין די מאכט צוריק נישט ארויסגעלאזט מעהר א לאנגע צייט. דער איינציגער זוהן פון אמציה, עזריה, אדער עוזיהו, איז נאך געווען כמעט גאר א קינד, ווען ער איז קעניג געווארען, און דאס לאנד איז געווען פון אלע זייטען ארומגערינגעלט פון פיינד. דעם דאזיגען צושטאנד פון שוואכקייט און אונבעהאלפענקייט האבען אויסגענוצט די אדומים, וועלכע אמציה האט מנצח געווען און איינגענומען זייער הויפט־שטאדט סלע. זיי האבען געמאכט אנפאלען אויף דאס לאנד יהודה, און מצרים האט זיי מיטגעהאלפען, ווי דאס איז פארגעקומען אין רחבעם׳ס צייטען. די פיינד זענען אריינגעקומען טיעף אין לאנד ביז ירושלים, וואו די מויערען ארום שטאדט זענען נאך געשטאנען נישט אויסגעבעסערט, און האבען גענומען פיעל מענשען געפאנגען. קיין גענויערע פרטים וועגען דעם דאזיגען אנפאל פון אדום אויף יהודה זענען נישט בעוואוסט; איינציגע שטיקער לאנד זענען אין יענער צייט אבגעריסען געווארען פון יהודה און איבערגעגאנגען טיילס צו אדום, טיילס צו מצרים. די ווילדע אדומים האבען זיך בעגאנגען זעהר גרויזאם מיט די געפאנגענע אידען, וועלכע זיי האבען פערקויפט אין קנעכטשאפט אדער אויסגעטוישט „אויף ווין און אויף שאנד־מיידלעך“. יענע שכנות׳דיגע פעלקער, וועל־כע האבען נישט טייל גענומען אינ׳ם דאזיגען אנפאל, האבען דאך גע־קוקט מיט פרייד אויפ׳ן אונגליק פון יהודה און איהר אבשוואכונג. די אידישע מלוכה פון די צעהן שבטים איז נישט געקומען צו הילף. אויך די פלשתים האבען אנגעהויבען צו בעגעהן זיך שרעקליך גרויזאם מיט יהודה: די ענטלאפענע מענשען פון יהודה, וועלכע האבען ביי זיי גע־זוכט א בעשיצונג געגען זייערע פערפאלגער, די אדומים, האבען די פלשתים אליין ארויסגעגעבען צו זייערע פיינד אין די הענד, און די געפאנגענע אידישע בחורים און מיידלעך, וועלכע זיי האבען ביי די אדומים אבגעקויפט, צאהלענדיג מיט ווין און שאנד־מיידלעך, האבען זיי ווייטער פערקויפט צו די יונים (גריכען), וועלכע האבען דאמאלס קאנקורירט מיט די פעניקיער אינ׳ם מסחר מיט קנעכט (שקלאפען־האנ־דעל). אפילו אויך די כלומר׳שטע אידישע פריינד, די פעניקיער, וועלכע האבען ...ייט געהאט א פריינדשאפטס־בונד מיט דוד׳ס הויז,

אפילו זיי האָבען אויך געטהון דאָס איינגענע, וואָס די פלשתים, און איי־בערגעגעבען צו אדום די ענטלאָפענע אידען פון יהודה. אין יענער צייט (885 ביז 875 פאר'ן צווייטען חורבן) האָט די מלוכה פון יהודה און דאָס קעניגליכע הויז פון דוד איבערגעלעבט אַ שרעקליכען חורבן, און מען האָט געקאָנט מיינען, אַז זי האַלט שוין גאַר ביי'ם אונטערגעהן. דאַמאָלס האָט זיך אויך צוערשט אָנגעהויבען דער שרעקליכער אידישער היסטאָרישער פּראָצעס — די צושטרייאונג פון די איינוואָהנער פון לאַנד יהודה אין אַלע עקען וועלט, וואוהין די גריכען האָבען זיי פערקויפט פאַר קנעכט. עס איז גאַנץ מעגליך, אַז די דאָזיגע „קנעכט פון לאַנד יהודה" האָבען געבראַכט צו די פעלקער פון די מערב־לענדער די ערשטע געזונדע קערנער פון די אידישע אנשויאונגען און די אַלטע אידישע גייסטיגע קולטור.

זעקסטעס קאַפּיטעל.

די לעצטע מלכים פון מלכות ישראל און דער אונטערגאַנג פון שומרון.

(פון 957 ביז 790 פאר'ן צווייטען חורבן; פון 887 ביז 720 פאר דער געוועהנליכער צייט־רעכנונג).

די מלוכה פון יהודה איז נאָך אמציה'ס טויט געוואָרען אַזוי שטאַרק אָבגעשוואַכט דורך די אינערליכע מחלוקת און סכסוכים און די אָנפאַלען פון די פיינד פון אויסוועניג, אַז זי איז געוואָרען צו שאַנד און צו שפּאָט צווישען די אַרומיגע פעלקער. אַ נביא פון יענער צייט האָט עס גערופען „דוד'ס איינגעפאַלענעם ביידעל" (סוכּת דוד הנופלת) און ער פלעגט אויך אָפט מיט וועהטאָג אויסרופען: „ווער וועט דען קאָנען דערהויבען יעקב ווידער, ער איז דאָך אַזוי קליין!"

און פון אָט דער שוואַכקייט און ערנידערונג האָט זיך דאָס לאַנד יהודה ווידער דערהויבען און איז געוואָרען אַזאַ בעדייטענד־שטאַרקע מאַכט, אַז די אַרומיגע פיינדליכע פעלקער האָבען ווידער אָנגעהויבען מורא צו האָבען פאַר איהר. כדי צו קאָנען פערשטאַרקען די צופאַלענע מלוכה, האָט מען קודם־כל געדאַרפט מאַכען אַ סוף מיט די אינערליכע קריעגערייען און סכסוכים. דאָס גאַנצע פאָלק יהודה האָט זיך אויפגע־הויבען געגען דעם אדעל, וועלכער האָט פערכאַפּט די ממשלה און די הענד, נאָכדעם, ווי ער האָט צוויי מאָל בעגאַנגען אַ קעניגס־מאָרד; דאָס פאָלק האָט אויסגערופען פאַר אַ קעניג דעם יונגען זוהן פון אמציה, עזריה אָדער עזיהו, ווי מען האָט איהם גערופען פערקירצט. דער דאָזיגער זעכצעהן־יעהריגער קעניג, וועלכער האָט אויך געקעניגט

כמעט אזוי לאנג ווי ירבעם דער צווייטער אין ישראל (פון 875 ביז 825 פאר'ן צווייטען חורבן), האט זיך אויסגעצייכענט דורך זיין ענטשלאסענהייט, דורך זיין קרעפטיגער טעטיגקייט און פארזיכטיגקייט, און דאדורך איז איהם געלונגען צוריק אויפצובויען „דאס איינגעפאלענע ביידעל פון דוד'ן“. זיין ערשטער שריט איז געווען צו ברענגען זיין דערהרג'עטען פאטער, וועלכען מען האט מקבר געווען אין לכיש, קיין ירושלים און מקבר זיין איהם אין די קברים פון די מלכים. צי האט ער אויך בעשטראפט זיין פאטער'ס מערדער, איז אונבעוואוסט. דערנאך האט ער זיך גענומען אויסצוהיילען די טיעפע וואונדען פון לאנד יהודה. די דאזיגע אויפגאבע איז געווען זעהר א שווערע, ווייל ער האט געהאט צו קעמפפען נישט בלויז געגען אינערליכע און אויסערליכע פיינד, נאר אויך געגען נאטור־ערשיינונגען. ערשטענס, איז אין עוזיהו'ס צייטען פארגעקומען אנ'ערד־ציטערניש אין ארץ־ישראל, וועלכע האט ארויפגעווארפען א גוואלדיגען פחד אויף דער בעפעלקערונג, ווייל אזא ערשיינונג איז אין ארץ־ישראל געווען גאר אנ'אונגעוועהנליכע זאך. די לייכטע הייזער זענען איינגעפאלען, און עטליכע שטעדט זענען אינגאנצען חרוב געווארען. די איינוואהנער זענען זיך צולאפען אין ווילדען געשריי פון דעם וואקעלדיגען באדען, וואו זיי זענען געשטאנען יעדען אויגענבליק אין סכנה איינגעשלונגען צו ווערען. צו דער ערד־ציטערניש זענען נאך צוגעקומען אנדערע דערשרעקענדע ערשיינונגען. דורך דעם געדיכטען נעבעל, וועלכער האט זיך פלוצלינג אויפגעהויבען פון דער ערד נאך דער ערד־ציטערניש, איז די זון פערפינסטערט געווארען; דעם שרעקליכען חושך האבען אפט דורכגעריסען אימה'דיגע בליצען און פערשטארקט דאדורך די גרויזאמע שטימונג; דאס פאלק האט געמיינט, אז זיי האבען גאר פערלוירען זייער ליכטיגקייט. די ערד־ציטערניש האט, ווי דער שטייגער איז, זיך פערשפרייט אויך וויט אונטער'ן ים, ארויסרופענדיג אין איהם מורא'דיגע חוואליעס; דאס רוישען פון די חוואליעס האט זיך געהערט וויט איבער'ן גאנצען לאנד, און מען האט געמיינט, אז דער ים וויל איינשלינגען די גאנצע יבשה. צו יענער צייט בעציהען זיך די ווערטער פון נביא עמוס, וואס האט זיין נבואה געהאלטען אונגעפעהר עטליכע יאהר פאר די שרעקליכע געשעהענישען:

„אונטער אייך וועל איך דעם באדען מאכען קנאקען,
„ווי עס קנאקט א וואגען, שווער בעלאדען
„מיט די גרויסע, גארבען תבואה.
„ווער עס האט גאנץ לייכטע פיס צום לויפען,
„וועט פערלירען דאך די מעגליכקייט דערצו;
„ווער ס'איז שטארק אין קאמפף, דער גרויסער גבור

„װעט זײַן לעבען ראַטעװען ניִשט קאָנען;
„װער מיִט פֿײַלענבױגען, װער עם רײַט שנעל —
„אַלע װעלען גאַנץ אומטעכטיג בלײַבען.
„אױך דער גבּור מיִט'ן שטאַרקען מוּט
„מוּטער־נאַקעט װעט ער דאַן ענטלױפֿען”.

און קוים איז נאָר אַריבּער אָט די אֵימה, האָט אױסגעבּראָכען אין לאַנד אַ נײַ אונגליִק. די רעגעלמעסיגע רעגענס זענען ניִשט אַראָבּגעפֿאַלען אין דער בּעשטימטער צײַט, דער טױ האָט ניִשט אָבּגעפֿריִשט די פֿעלדער, אַ שטענדיגע טריִקעניִש האָט אױסגעבּרענט דאָס גראָז, דאָס װאַסער איז אױסגעטריִקענט געװאָרען אין די ציִסטערנעס, די זון האָט געבּרענט, װי פֿײַער, און האָט פֿערװאַנדעלט די תּבואה־פֿעלדער אין אַ טרוּקענעם מדבּר. די אײַנװאָהנער פֿון די שטעדט, װאו ס'האָט אײנגעצען פֿערפֿעהלט װאַסער, האָבּען זיִך געלאָזט װאַנדערן אין די נאָהנטע שטעדט, אֶפשר װעלען זײ דאָרט קאָנען לעשען זײער דורשט, אָבּער אױך דאָרט האָבּען זײ קײן װאַסער ניִשט געפֿונען. די הײַשעריִקען, װעלכע האָבּען קײן נאַהרוּנג ניִשט געפֿונען מעהר איִן'ם לאַנד אױף יענער זײַט ירדן אין די לאַװאַ־בּערג, זענען אַריבּערגעפֿלױגען דעם ירדן און זיִך אַראָבּגעלאָזען איִבּער די לענדער פֿון יהודה און ישׂראל, װאו זײ האָבּען אױפֿגעפֿרעסען אַלץ, װאָס די טריִקעניִש האָט נאָך ניִשט בּעװיזען צו פֿערניִכטען. אין געדיִכטע שאַטענס, װעלכע האָבּען פֿערפֿיִנסטערט די שטראַהלען פֿון דער זון, זענען זײ אַרױפֿגעטראָגען געװאָרען אױפֿ'ן לאַנד, און בּאַלד האָבּען זײ אױפֿגעפֿרעסען די װײַנשטאָקען, די פֿײַגען און טײַטעל־בּױמער, די עפּעל־בּױמער און אפילו די בּױמער, װאָס טראָגען ניִשט קײן פֿרוּכטען. די הײַשעריִקען זענען געקומען אין לאַנד עטליִכע יאָהר נאָכאַנאַנד און געבּראַכט נױט און פֿערצװײפֿלונג.

איִן'ם לאַנד יהודה, װאו די לעצטע מלחמות האָבּען שױן פֿריִהער געמאַכט גרױסע חורבּנות, האָט בּײַ די נײַע אונגליִקען די אַלגעמײנע דריִקענדע שטימוּנג דערגרײכט די העכסטע מדרגה פֿון פֿערצװײפֿלונג. מען האָט אײַנגעאָרדענט אַ עפֿענטליִכען טרױער און תּפלות צו גאָט, כּדי אָבּצוּװענדען דאָס אונגליִק. דאָס האָט אַ בּיִסעל אױפֿגעהױבען דעם מוּט. פֿיִעל האָט אױך מיִטגעװיִרקט דערבּײַ דער נביא יואל, דער זוהן פֿון פּתואל, װעלכער האָט געלעבּט אין דער צײַט פֿון דער נױט, און מיִט זײַנע טרײסט־רעד, װי אױך מיִט זײַנע גוּטע בּשורות װעגען בּעסערע טעג, האָט ער אָבּגעהאַלטען דאָס פֿאָלק פֿון געניצליִכען יאוש. אָהן אַנ'אײַנדרוּק איז זײַן קרעפֿטיגע און געפֿיִהלפֿוּלע רעדע געװיִס ניִשט געבּליִבּען, בּפרט נאָך װען זײַן נבואה איז גיִך מקוים געװאָרען: די טריִקעניִש האָט אױפֿגעהערט, דער הײַשעריִק איז פֿערשװאונדען געװאָרען,

אונטער'ן פֿרישען רעגען האָבען די גערטנער און פֿעלדער זיך ווידער בעדעקט מיט גרינס, די טייכען און צויסטערנען האָבען זיך אָנגעפֿילט מיט וואַסער, און הונגער און דורשט זענען פֿערגעסען געוואָרען. דער יונגער קעניג עוזיהו, האָט אויסגענוצט די אָנגעקומענע בעסערע צייט, צו בעשטראָפֿען די פֿיינד פֿון לאַנד יהודה. צוערשט האָט ער זיך געווענדעט געגען דעם לאַנד אֶדום; ער האָט מנצח געווען די אדומים און שטרענג זיי בעשטראָפֿט פֿאַר די אונגליקען, וואָס זיי האָבען געבראַכט אויף דאָס לאַנד יהודה און זיינע איינוואָהנער; ער האָט אויך איינגענומען זייער פּאָרט־שטאָדט אֵילוֹת נעבען דעם רויטען ים, און דאָדורך האָט ער ווידער מעגליך געמאַכט, אַז די אידישע שיפֿען זאָלען קאָנען געהן צו די ברעגען פֿון אַראַביען און פֿיהרען דעם האַנדעל אויך מיט אופיר (אין אינדיען). עוזיהו האָט אויך שטרענג בעשטראָפֿט די פלשתים, וועלכע האָבען אין דער צייט פֿון זיין יוגענד געמאַכט אָנפֿאַלען אויף יהודה און איבערגעגעבען די אידישע ענטלאָפֿענע צו די אדומים אין די הענד, כדי צו פֿערקויפֿען זיי פֿאַר קנעכט. ער האָט אויך צוגענומען ביי די פלשתים גרויסע שטיקער לאַנד און, פֿעראייניגענדיג זיי מיט זיין מלוכה, האָט ער דאָרט געלאָזען אויפֿבויען נייע שטעדט, וועלכע ער האָט בעפֿעסטיגט און בעזעצט מיט איינוואָהנער פֿון יהודה.

אַ בעזונדערע אויפֿמערקזאַמקייט האָט ער געווידמעט דער אויפֿגאַבע אָבצובויען און צו בעפֿעסטיגען פֿון דאָס ניי די מויער אַרום ירושלים. צוליעב דעם אונגליקליכען קריעג פֿון זיין פֿאָטער מיט'ן קעניג יואָש פֿון ישראל, האָט מען, ווי שוין דערמאָנט, דורכגעבראָכען אויף פֿיערהונדערט איילען די צפון־מויער פֿון דער שטאָדט. עוזיהו האָט זי צוריק אויפֿגעבויט און געמאַכט זי נאָך פֿעסטער, ווי זי איז געווען פֿריהער. אין דריי ערטער האָט עוזיהו געלאָזט אויסבויען טהורמס פֿון הונדערט און פֿופֿציג איילען הויך. אויף די טהורמס, ווי אויך אויף די שפּיצען פֿון די מויערען, האָט ער געלאָזט אויסשטעלען מאַשינען, מיט וועלכע מען האָט געקאָנט ווייט שליידערען שווערע שטיינער אויפ'ן פֿיינד. בכלל האָט עוזיהו ארויסגעוויזען פֿיעל ענערגיע און פֿלייסיגקייט ביי'ם צוגרייטען גוט געוועהר אויף צו בעוואָפֿענען די אַרמעע און צו בעשיצען די שטאָדט. פֿאַר זיין אַרמעע האָט ער געלאָזט פֿערפֿערטיגען פּאַנצירען, שווערדען, פֿיילענבויגען, שילדען און מעטאַלענע היטלען; ער האָט אויך איינגעפֿיהרט, פֿון דאָס ניי, ווי אין שלמה'ס צייטען, רייטעריי און קריעגס־וואַגענס, וועלכע ער האָט געלאָזט ברענגען פֿון מצרים. דורך זיין פֿלאָט האָט יהודה און ירושלים ווידער אָנגעהויבען רייך צו ווערען: „דאָס לאַנד האָט זיך אָנגעפֿילט מיט זילבער און מיט גאָלד און ס'איז נישט געווען קיין סוף צו זיינע אוצרות; און ס'איז פֿול געוואָרען מיט פֿערד און ס'איז קיין סוף נישט געווען צו זיינע קריעגס־וואַגענס". עוזיהו האָט אַזוי שטאַרק דערהויבען דאָס לאַנד דורך זיינע

בעוואַפֿנונגען און דורך דער עשירות, אַז די שכנים האָבען ווידער אָנגע־הויבען צו קוקען מיט אַכטונג אויף דאָס לאַנד יהודה, און אפילו אין מצרים איז עוזיהו׳ס נאָמען געאַכטעט געוואָרען.

דאָס לאַנד פֿון די צעהן שבטים איז אין דער זעלביגער צייט נאָך מעהר דערהויבען געוואָרען אונטער ירבעם דעם צווייטען, וועלכער איז נאָך פֿיעל קריגערישער געוועזען, ווי עוזיהו. אין די ווייטערדיגע יאָהרען פֿון זיין לאַנגער רעגירונג האָט ער שטענדיג געפֿיהרט מלחמות מיט די אַראַמעער; ער האָט איינגענומען די אַראַמעאישע הויפּט־שטאָדט דמשק און איז אַריינגעדרונגען אין טיעפֿען לאַנד ביז צו דער שטאָדט חמת, וועלכע ער האָט איינגענומען און פֿעראייניגט מיט זיין מלוכה.

עשירות איז אַזוי שטאַרק געווען בנמצא אין׳ם לאַנד, אַז נישט בלויז דער קעניג און דער אַדעל, נאָר אויך דאָס געמיינע פֿאָלק האָט געלעבט אין גרויס לוקסוס, אפשר נאָך מיט אַ גרעסערען, ווי אין שלמה׳ס צייטען. דער קעניג ירבעם האָט געהאַט אַ זומער־פּאַלאַץ און אַ ווינטער־פּאַלאַץ; הייזער פֿון גרויסע פֿיערקאַנטיגע שטיינער בעפּוצט מיט העלפֿאַנד־ביין, זענען געוואָרען אַ גאַנץ געוועהנליכע ערשיינונג. קוקענדיג אויף דער עשירות און דער מאַכט פֿון ביידע אידישע מלכים, האָט מען געקאָנט מיינען, אַז שלמה׳ס צייטען דויערען נאָך, און אַז קיינע אַנדערע פֿערענדערונגען זענען גאָר פֿון דאַמאָלס אָן נישט פֿאָר־געקומען, אויסער ווי דאָס, וואָס עס קעניגען צוויי מלכים, אַנשטאָט איינעם. אָבער אונטער דעם אויסערליכען גלאַנץ האָבען זיך געטליעט אין׳ם אינערען לעבען פֿון פֿאָלק שרעקליכע פֿעהלערען, וועלכע האָבען זיך באַלד אַרויסגעוויזען אין זייער גאַנצער העסליכער פֿאָרם, בעזונדערס אין דער רייכער מלוכה פֿון ישראל, און האָבען געמוזט פֿיהרען צו אַ שרעקליכער קאַטאַסטראָפֿע און צו אַ פֿאָלקאָמען חורבן.

אין׳ם לאַנד פֿון די צעהן שבטים האָט דער קולט פֿון די גאָלדענע קעלבער אין דן און אין בית־אֵל נישט בלויז נאָך געדויערט, נאָר ער האָט זיך געוואַלדיג פֿערשפּרייט איבער׳ן גאַנצען לאַנד. גאָלדענע קעלבער האָט מען שוין אויפֿגעשטעלט אויך אין שומרון און אין גלגל. אין בית־אֵל האָט ירבעם אויפֿגעבויט פֿאַר׳ן דאָזיגען אָבגאָט דעם הויפּט־טעמ־פּעל — אַ גרויסען נאָכגעמאַכטען בית־המקדש מיט אַ מזבח; אמציה איז דאָרט געווען דער אויבערשטער כהן בײ׳ם אָבגאָט, האָט געפֿיהרט זעהר אַ רייך לעבען און איז געווען זעהר פֿעראינטערעסירט אויפֿצוהאַלטען די געצענדיענעריי. מען האָט אויך צוריק איינגעפֿיהרט די געצענדיענעריי פֿון בעל מיט איהר גאַנצער אונזיטליכקייט און זנות־טרייבעריי. צוזאַמען מיט׳ן קולט פֿון געצענדיענעריי איז שטענדיג גע־גאַנגען האַנד ביי האַנד דאָס שטרעבען צו לוקסוס, צו לעבען אַ גוטען טאָג, צו פּראַכט און עשירות. די רייכערע האָבען געגעבען זייער געלד אויף פּראָצענט, וועלכע זיי פּלעגען מאָהנען מיט אַזאַ האַרטקייט און

גרויזאַמקייט, אַז זיי פֿלעגען די פֿעראָרימטע בעלי־חובות מיט זייערע קינדער מאַכען פֿאַר קנעכט און פֿערקויפֿען זיי. בעזונדערס שטאַרק איז געווען ענטוויקעלט דאָס געשעפֿט מיט פֿאָרצענט אויף תבואה. אין די הונגער־יאָהרען פֿלעגען די עשירים עפֿענען זייערע זאַפּאַסען און פֿער־קויפֿען תבואה און אַנדערע לעבענס־מיטעל, געבענדיג דערביי פֿאַלשע וואָג און מאָס. און ווען די פֿעראָרימטע זענען דערנאָך נישט געווען ביכולת צו צאָהלען זייער חוב, פֿלעגען זיי פֿערקויפֿען זייערע קינדער פֿאַר קנעכט. און ווען די אומגליקליכע פֿלעגען זייערע אַנקלאַגען דער־לאַנגען אויף די פֿאָלקס־פֿערזאַמלונגען, פֿלעגט זיי קיינער נישט הערען, ווייל די ריכטער גופֿא האָבען אויך געהאַט אַזעלכע געשעפֿטען, אָדער זיי פֿלעגען געהמען שוחד און האָבען נישט געוואָלט הערען די שטים פֿון גערעכטיגקייט. די אָנגעזאַמעלטע עשירות פֿלעגען די רייכע לייט פֿערשווענדען אויף פּרעכטיגע מאָהלצייטען און געלוסטיגקייטען, וועלכע פֿלעגען פֿאָרקומען יעדען טאָג. דאָס לוקסוס־לעבען פֿון יענער צייט האָט געשילדערט מיט שאַרפֿע אויסדריקען דער נביא עמוס. וועגען די רייכע און אָנגעזעהענע לייט פֿון דער הויפּט־שטאָדט שומרון זאָגט עמוס:

„אויף בעטען פֿון העלפֿאַנד־ביין טהוען זיי ליעגען
„און ציהען זיך לוסטיג אויף זייער געלעגער;
„און עסען זיך שעפּסען, געקליבענע, פֿעטע,
„און קעלבער געשטאָפּטע, נאָר וואָס פֿון דער מייסט!
„און שפּיעלען אויף האַרפֿען און אויף אינסטרומענטען
„צו מוזיק ערפֿונדען, ווי דוד המלך...
„און טרינקען אין בעקענס דעם גאַנץ זיסען וויין,
„און שמירען דאָס לייב מיט׳ן בויםאייל, דעם שענסטען, —
„וואָס קימערט זיי דען יוסף׳ס אומגליק, דאָס גרויסע!...“

די ווייבער פֿון די רייכע לייט אין שומרון, פֿערשטעהט זיך, זענען נישט אָבגעשטאַנען פֿון זייערע מענער און פֿלעגען נאָך איבערשטייגען זיי אין אויסגעלאַסענקייט און האַרטהערציגקייט.

צום גליק האָבען די אומאָראַלישע מדות און מנהגים נישט געקאָנט אַריינדרינגען אַזוי טיעף אין דער אידישער פֿאָלקסטימליכקייט, ווי ביי די אַנדערע פֿעלקער; די גוטע מדות, די גערעכטיגקייט און די ריינע אמונה אין׳ם איינציגען גאָט האָבען צווישען פֿאָלק אַלץ געהאַט זייערע פֿערטרעטער, די נביאים, וועלכע פֿלעגען תמיד דערהויבען זייער מעכ־טיגע שטים געגען דער פֿערדאָרבענהייט פֿון די „גדולים“; שטענדיג שטאַרקער און ענטשלאָסענער פֿלעגט קלינגען זייער שטים, ווען זיי פֿלעגען שטראָפֿען און וואָרענען דאָס פֿאָלק, די שרים און דעם קעניג. און זייערע רעד פֿלעגען דאָך סוף כל סוף אַריינדרינגען אין די הערצער. לערך אַ יאָהר הונדערט איז שוין איצט אַריבער, זינט דער נביא „אינ׳ם

האַריגען מאַנטעל מיט די לאַנגע לאָקען". אליהו איז אַרויסגעטראָטען געגען אַחאָב'ס און איזבל'ס שענדליכע מעשים, אָבער די שולע פון נביאים, וועלכע ער האָט געגרינדעט, האָט נאָך געלעבט. און די יונגע נביאים האָבען נאָך געווירקט אין זיין גייסט און מיט זיין פייערדיגער התלהבות. די יוגענד, וועלכע האָט, געוועהנליך, שטענדיג אַ וואַרים האַרץ פאַר די אידעאַלע שטרעבונגען, האָט געפיהלט מיט צאָרן און אויפרעגונג די מאָראַלישע פערדערבעניש, וואָס מען האָט אַריינגעבראַכט אין אידישען לעבען, און האָבען זיך פערזאַמעלט מאַסענווייז אַרום די יונגע נביאים פון בית־אל, גלגל און יריחו. אליהו'ס תלמידים, וועלכע אלישע האָט ערצויגען און געלערנט, האָבען זיך געפיהרט, ווי נזירים; זיי פלעגען פיהרען אַנ'איינפאַך, פראָסט לעבען, טראָגען לאַנגע האָר און נישט טרינקען קיין וויין; זיי פלעגען נישט אויפהערען צו מוסר'ן און לערנען דאָס פאָלק און אַרויסטרעטען שאַרף געגען דעם לוקסוס און פערדאָרבענע מנהגים און מדות. די זיהן זענען אַרויסגעטראָטען אַלס שטרענגע ריכטער געגען זייערע פאָטערס; די יונגע לייט האָבען זיך אָבגעזאָגט פונ'ם וויין, וועהרענד די עלטערע און אפילו אויך די זקנים פלעגען האַלטען אין איין שכור'ן. די יונגע נביאים פלעגען אַרויסטרעטען געגען די רייכע, געגען די שרים און אויך געגען דעם קעניג אין עפענטליכע פאָלקס־פערזאַמלונגען, וואו זיי פלעגען דונערען מיט זייערע רעדעס געגען דער האַרטהערציגקייט, שלעכטסקייט און אויסגעלאַסענהייט. נישט דער קעניג, נישט די שרים האָבען געוואָגט עפּעס אונטערצונעהמען געגען די נביאים. צי איז דאָס געווען דערפאַר וואָס די נביאים זענען אַרויסגעטראָטען אין אַ גרויסער מאַסע, אָדער מען האָט פּשוט מורא געהאַט פאַר זיי, אָדער דערפאַר, וואָס צווישען זיי זענען אויך געווען פיעל יונגע לייט פון הויכען אַדעל, מעגליך, גאָר די קינדער פון די שרים גופא — מערקווירדיג איז עס געווים: מען האָט זיי נישט פערפאָלגט. די שכורים פלעגען זיי אָפט צווינגען צוזאַמען מיט זיי צו טרינקען וויין און האָבען זיי פערבאָטען מוסר צו זאָגען; מען האָט זיי געהאַסט, — די יונגע ריכטער פון גוטע מדות, וועלכע פלעגען שילדערן די גאַנצע נאַקעטקייט און שענדליכקייט פון די גרויסע לייט, אָבער קיין שלעכטס האָט מען זיי נישט געטהון.

די דאָזיגע וואָרט־פרייהייט, וועלכע האָט געהערשט אין דער מלוכה פון די צעהן שבטים, האָט אויסגענוצט אַ נביא, וועלכער איז געווען דער ערשטער אין דער גרויסער רייהע נביאים, וואָס פלעגען זייערע הויכע דיכטערישע געדאַנקען בעקליידען אין אַ שיינער פאָרם און זאָגען די שרים דעם אמת מיט שניידענדער שאַרפקייט. דער דאָזיגער נביא איז געווען עמוס פון תקוע. ער האָט נישט געהערט צו די פּראָפעסיאָנעלע נביאים און איז כלל נישט געווען קיין תלמיד פון דער נביאים־שולע; ער האָט נישט געטראָגען קיין האַריגען מאַנטעל און זיך נישט געלאָזט

אבוואקסען דאס האר, ווי אליהו; ער איז געווען אנ'איינפאכער בעזיצער פון טשערעדעס און א פלאנצער פון בוימער, סיקאמארען, וועלכע זענען זעהר פיעל געוואקסען אינ'ם נידעריגען לאנד (שפלה). אבער זיין נביא'אישער גייסט האט איהם ארויסגעריסען פון זיין שטילען ווינקעל, און ער האט אנגעהויבען ארויסצוטרעטען פאר דער עפענטליכקייט. ער איז געקומען ביז קיין בית־אל, און דארט, ביי'ם טעמפעל פונ'ם אבגאט, וואס דער קעניג ירבעם האט געלאזט בויען אין זיין דערוויליגער רעזידענץ, האט עמוס אנגעהויבען שילדערן די שענדליכע פערברעכענס. אין בית־אל האט עס, געוויס, געמאכט א שטארקען איינדרוק, וואס א מענש פונ'ם לאנד, א פראסטער פאסטוך, ווי מען האט עס געקאנט זעהען פון זיינע קליידער, דערוועגט זיך עפענטליך ארויסצוטרעטען מיט זיינע רעדעס. ס'איז זיכער, אז אין דער מלוכה פון די צעהן שבטים איז שוין די פאלקס־בילדונג דאמאלס געשטאנען אויף א הויכער מדרגה און געווען שטארק פערשפרייט איבער'ן גאנצען לאנד. אויב א געוועהנליכער פאסטוך האט געקאנט האלטען אזעלכע שענע רעדעס אין א פיינער קינסטלערישער פארם. און דאס פאלק האט איהם געקאנט גוט פערשטעהן. צי איז עמוס טאקי געווען דער ערשטער, וועלכער האט איינגעפיהרט די נייע רעהנערישע קונסט צווישען די נביאים? אויף וויפיעל מען קאן זיך איבערצייגען פון דער גאנצער רייהע נביאים, וועלכע זענען ערשיענען פון שמואל'ן און ווייטער, פלעגען די פריהערדיגע נביאים ארויסזאגען זייערע נביאות אין א גאנץ איינפאכער, קלארער רעדע, אהן קיין שום דיכטערישער בעפוצונג; זעלטען ווען זיי פלעגען אמאל אנווענדען א משל, אדער א וועלכע ס'איז טהאט. וואס פלעגט זייער געדאנקען בעלייכטען. אבער די רעדעס פון עמוס, ווי אויך פון די נביאים, וואס זענען ערשיענען נאך איהם. געהערען שוין גאר צו אנ'אנדער קאטעגאריע: זיי האבען פעראייניגט די געפליסיגקייט און פאפולערע פערשטענדליכקייט פון דער פראזע מיט דער מאס, טאקט און שענעם קלאנג פון דער פאעזיע. דורך משלים, און פאנטאזיען־רייכער לעבעדיגקייט האבען זיי דעם דיכטערישען ווערט פון זייערע רעדעס נאך מעהר דערהויבען. ס'איז בכלל שווער צו בעשטימען, צו א וועלכער קאטעגאריע פון דער דיכטערישער קונסט עס געהערען די שענע רעדעס פון די נביאים; אמבעסטען קאן מען זיי בעצייכענען, אלס א דיכטערישע בערעדעוודיגקייט אין א שענער פארם. אין די רעדעס פון עמוס קאן מען לייכט ארויסזעהען, צו וואס פאר א קלאס פון דער געזעלשאפט ער האט געהערט: ער געברויכט שטענדיג משלים פונ'ם לעבען פון די פאסטוכער. מען הערט גאנץ דייטליך, אז ער האט ביי זיין טשערעדע אפט געהערט דאס ברומען פון א לייב, און מען זעהט, אז ער האט אין דער נאכט געמוזט בעטראכטען די שטערען אויפ'ן הימעל. אבער דורך

אַט די אײַנגעשאַפטען בעקומען זײַנע רעדעס נאָך מעהר רײַצענדע שענהײט.

עמוס איז אַרויסגעטראַטען אין בית־אל נאָך פאַר דער ערד־ציטערניש און, ער האַט װעגען איהר נביא'יש פאַראויסגעזאָגט די אונ־גליקען. און װען די ערד־ציטערניש האַט אויסגעבראָכען מיט אַלע איהרע שרעקעניסען, האַט עמוס געהאָפט, אַז זי װעט צוריקפיהרען דאָס פאָלק צום פערבעסערען זײַנע מעשים. דאָס איז אָבער נישט פאָרגעקומען. געגען דער דאָזיגער עקשנות און האַרטנעקיגקײט איז עמוס אַרויסגע־טראַטען אויף אַ נאָך שאַרפערען אופן, און האַט פאַראויסגעזאָגט אַ שרעקליכען טאָג:

„אַ שטאָדט מיט טויזענד אײַנװאָהנער
„װעט בלײַבען בלויז מיט הונדערט;
„אַ שטאָדט מיט הונדערט אײַנװאָהנער
„װעט בלײַבען בלויז מיט צעהן.

. . . .

„און װײַל איהר טרעטעט אויף דעם אָרימאַן
„און נעהמט בײַ איהם זײַן קאָרן און זײַן װײַץ,
„זאָלט איהר אין הײַזער, װעלכע איהר'ט געבויט
„פון גרויסע שטײנער, דאָך אַלײן נישט װאָהנען,
„און פון װײַנגערטנער, װעלכע איהר'ט געפלאַנצט,
„זאָלט איהר דעם זיסען װײַן אַלײן נישט טרינקען!“
„נאָך גאָטעס טאָג גלוסטעט איהר, —
„װאָצו, װעה, ברויכט איהר איהם!...
„דען פינסטער װעט דאָך גאָטעס טאָג
„זײַן, טונקעל, אָהן קײַן שײַן!“

דער כהן פון'ם אָבגאָט אין בית־אל, אמציה, האַט געפונען פאַר נויטיג צו מאַכען אַ סוף מיט די דאָזיגע שאַרפע רעדעס פון'ם נביא, און ער האַט אויפמערקזאַם געמאַכט דערויף דעם קעניג ירבעם, ערקלע־רענדיג, אַז עמוס דערװעקט דאָס פאָלק צו אַן אויפשטאַנד געגען דעם קעניג. װי עס שײַנט, האַט אמציה גערעדט אין'ם קעניג'ס נאָמען, װען ער האַט געשיקט עמוס'ן זאָגען: „ענטלויף געשװינדער אין לאַנד יהודה, דאָרט װעסטו ברויט עסען און דאָרט װעסטו דײַן נבואה האַלטען, אין בית־אל אָבער זאָלסטו מעהר קײַן נבואה נישט זאָגען, דען עס איז דאָס הײַליגטום פון'ם קעניג און די הויפט־שטאָדט פון דער מלוכה“. עמוס אָבער האַט זיך נישט געלאָזט שטערען צו האַלטען זײַנע רעדעס אין ער האַט ערקלערט: „איך בין נישט קײַן נביא און נישט קײַן תלמיד פון דער נביא'ישער שולע, נאָר אַ פאַסטוך און אַ פלאַנצער, אָבער גאָט האַט מיר געהײסען: „געה און זאָג נבואה מײַן פאָלק ישראל“.

פיעל מילדער און ווייכער איז עמוס געווען אין זיינע רעדעס וועגען דער שוואכער מלוכה יהודה. אין זיין נבואה, אז נייע אונגליקען וועלען קומען אויף דאס לאנד, האט עמוס געבעטען ביי גאט:

„כ'האב געזאגט: אה, גאט, פערגיעב!
„ווי קאן דען יעקב אויסהאלטען
„ער איז דאך שוואך און קליין...

די שוואכקייט פון מלכות יהודה אין די לעצטע צייטען פון קעניג אמציה, ווי אויך באלד נאך זיין טויט, האט דערוועקט מיטלייד און רחמנות אינ'ם נביא עמוס. ער האט דעריבער נישט געוואלט דורך זיינע שטראף־רעד נאך מעהר צונעהמען דארט דעם מוט ביי'ם געפאלענעם פאלק און ביי'ם קעניג. ער האט גראד געוואלט זעהען, ווי זיי וועלען מוט בעקומען און זיך שטארקען. עמוס האט געלעבט אין דער איבערצייגונג, אז די אידישע ישועה און דער צוקונפט מוז קומען פון יהודה; ער האט דעריבער נבואה געזאגט, אז יהודה וועט זיך נאך א מאל פעראייניגען מיט ישראל אונטער דוד'ס הויז. דאס זענען געווען די לעצטע טרייסט־רעד פאר דער צוקונפט פונ'ם גרויסען נביא פון תקוע:

„כ'וועל ברענגען צוריק פון געפענגשאפט מיין פאלק,
„און שטעדט וועלען זיי בויען, בעוואהנען;
„און וויינגערטנער פלאנצען, און ויין וועל'ן זיי טרינקען,
„און גערטנער בעזעצען, די פרוכט צו געניסען;
„און אויף זייער באדען וועל איך זיי פערפלאנצען,
„שוין קיינמאל נישט מעהר אויסגעריסען צו ווערען
„פונ'ם לאנד, וואס איך האב זיי געגעבען, —
„אזוי האט דיין גאט מיר געזאגט".

וועגען דעם לעבען און דער ענדע פונ'ם נביא עמוס איז אונז גארנישט בעוואוסט.

ווי עס שיינט, אין דער זעלביגער צייט איז ארויסגעטראטען אין ירושלים א נביא, וואס פון זיין לעבען ווייסען מיר נאך פיעל ווייניגער, אדער כמעט גארנישט; דאס איז געווען יואל, דער זוהן פון פתואל. די נביאים זענען מייסטענס ארויסגעטראטען פון אונבעוואוסטע משפחות און נאכדעם, ווי זיי האבען א געוויסע צייט דאס פאלק געשטראפט, פערשווינדען זיי פון היסטאריקער'ס אויגען, נישט איבערלאזענדיג קיין שום שפור פון זייער לעבען, אויסער זייערע גרויסע רעדעס. יואל איז ארויסגעטראטען אין דער צייט פון אונגליק, ווען עס זענען פארגעקומען די אנפאלען פון אדום און אנדערע שכנים אויף יהודה, ווען דאס לאנד איז געפלאגט געווארען דורך דער ערד־ציטערניש, דורך די פערוויסטונגען, וואס עס האבען געמאכט די טריקעניש און די היישעריקען; דאס פאלק

איז דורך אַלעם דעם שיער נישט טעמפּיג און פערנאַרישט געוואָרען פון גרוים פערצווייפלונג. די בעפעלקערונג פון ירושלים און פון'ם גאַנצען לאַנד האָט פערבראַכט די צייט אין תעניתים און אין תפלות; מען האָט צורייסען די קליידער, אַלס אַ סימן פון טרויער, מען האָט זיך פערזאַמעלט אַרום בית־המקדש ומיט וועה־געשרייען און געוויינען, כדי אַבצוווענדען גאָט'ס כעס. יואל האָט דעריבער געהאַט אַנ'אַנדער אויפגאַבע ווי עמוס: ער האָט געבּרויכט נישט שטראָפען און רופען צו תשובה, נאָר טרייסטען די געמיטער, צוגעבען מוט און שטאַרקען די פערצווייפעלטע. זיין גאַנצע רעדנערישע קראַפט האָט יואל געמוזט אַנווענדען, אויף איבערצייגען דעם פאָלק אין יהודה און אין ירושלים, אַז גאָט'ס גנאָד איז פון איהם נישט אַבגעטהון געוואָרען, אַז ציון איז געבליבען גאָט'ס הייליגער באַרג, און ער וועט זיין פאָלק נישט מאַכען צו שאַנד און צו שפּאָט, אַז גאָט איז געדולדיג, פול מיט חסד און ער וועט אַבווענדען דאָס אונגליק אויך אָהן קרבנות און תעניתים.

יואל האָט פאָראויסגעזאָגט אַ פּאָליטישע איבערקעהרעניש. די געפאַנגענע פון יהודה און ירושלים, וועלכע די פלשתים און די פעניקיער האָבען פערקויפט צו די גריכען, וואָס האָבען געהאַנדעלט מיט מענשען און האָבען די אידען פערקויפט אין אַלע עקען וועלט, אַז אָט די אידען וועלען צוריקקומען פון זייער געפאַנגענשאַפט. ער האָט אויך נבואה געזאָגט אויף די פעלקער, וועלכע זענען זיך בעגאַנגען גרויזאַם מיט אידען, אַז גאָט וועט זיי שטרענג משפט'ן אין טהאָל פון יהושפט, דאָרט, וואו גאָט וועט משפט'ן אַלע פעלקער. יהודה און ירושלים וועלען אָבער בעזעצט ווערען אויף אייביג. און דאַמאָלס וועט זיך איינשטעלען אויף דער וועלט אַ העכערע אָרדנונג, אַ געזעצליכע און אַ גערעכטע, וואָס איז געבויט אויף גנאָד און רחמנות. אַלע מענשען וועלען דאַמאָלס פול זיין מיט'ן געטליכען נביא'ישען גייסט:

„מיין גייסט וועל איך אויף אַלץ, וואָס לעבט, אויסגיסען:
„די זקנים וועלען חלומות פול נבואה זעהען,
„די יוגענד וועט פון זעהונג בעגייסטערט זיין;
„און אויך אויף שקלאַפען און שקלאַפינען
„וועל איך אין יענעם טאָג מיין גייסט פערשפּרייטען“.

דער דריטער נביא פון ירבעם און עוזיהו'ס צייט האָט זיך אַרויס־געזאָגט נאָך שאַרפער געגען דער מלוכה פון די צעהן שבטים און פאַר דוד'ס הויז — די מלוכה פון יהודה. דאָס איז געווען דער נביא הושע, דער זוהן פון בארי. ווי עס שיינט, איז ער אַרויסגעטראָטען אין בית־אל, אָדער אין שומרון. וועהרענד עמוס האָט געשטראָפט פאַר דער מאַ־ראַלישער אויסגעלאַסענהייט און אויסגעלאַכט זי, האָט הושע אויפגע־הויבען זיין לייבען־שטים געגען דעם, וואָס מען איז אַבגעפאַלען פון דער

אידישער רעליגיע און מען האט אנגעהויבען דינען צום בעל אינ'ם קעניגרייך פון די צעהן שבטים. דאס איינפיהרען פונ'ם בעל-קולט שילדערט דער נביא אלס א פערברעכען פון א פרוי געגען איהר געטרייען מאן; די זונה האט זיך איינגעשמועסט, אז אלץ האט זי בעקומען נאר פון איהר זנות-טרייבעריי, און האט פערגעסען, אז איהר אייגענער מאן האט עס איהר אלץ געגעבען; דאס לאנד פון אפרים איז רייך געווארען, האט מען געמיינט, אז דער בעל האט די דאזיגע ברכה אריינגעשיקט, פערגעסענדיג, אז נאר גאט האט איהם געשאנקען דעם וויין און די תבואות, דאס גאלד און זילבער, וועלכעס עס האט פערשווענדעט פאר'ן בעל. גאט וועט אבער אלץ צונעהמען ביי'ם זינדיגען פאלק און נישט איבערלאזען איהם אפילו אזוי וועניג, אויף צו בעדעקען זיין נאקעטקייט. און דער נויט וועט די זונה (דאס הייסט, דאס אידישע פאלק) ערשט קומען צו'ם שכל און זי וועט זאגען: „איך וועל מיך אומקעהרען צוריק צו מיין ערשטען מאן, ווייל דאמאלס איז מיר בעסער געווען ווי איצט“.

און דער נביא שילדערט, ווי אזוי דאס צוריקקעהרען וועט פארקומען: די זינדיגע פרוי וועט, פול חרטה, קומען צו דער איבערצייגונג, ווי שלעכט זי האט זיך בעגאנגען, און זי וועט זיך צוריק אומקעהרען צו איהר מאן, וועלכען זי וועט איצט „מיין מאן“ און נישט „מיין הערר“ רופען, ווייל דער נאמען „הערר“ וועט איהר שוין זיין פערהאסט, דען ער דערמאהנט אן דעם נאמען בעל (בעל — הייסט א הערר), און גאט וועט זיך צו איהר צוריק צו-ווענדען:

„כ'וועל דיך פאר א כלה נעהמען אויף אייביג,
„כ'וועל דיך נעהמען מיט רעכט און גערעכטיגקייט,
„כ'וועל דיך נעהמען מיט גנאד און רחמנות,
„כ'וועל דיך נעהמען מיט גלויבען, —
„און דו וועסט דערקענען דיין גאט!“

דער צוריקגעקעהרטער פרוי, דער אידישער נאציע, וועט גאט ווידער בעווייזען זיין גנאד, ווי אין דער צייט פון יציאת-מצרים. פינ'ם מדבר וועט ער זי צוריקפיהרען אין איהר אמאליג לאנד, און זי וועט איהם ווידער זינגען איהרע לויב-לידער, ווי אין דער צייט פון איהר יוגענד, ווי אינ'ם טאג, ווען זי איז ארויסגעגאנגען פון מצרים. דער בונד, וואס גאט וועט מיט איהר ווידער שליסען, וועט איהר פערטיידיגען פון ווילדע חיות, און פיילענבויגען און שווערד, און מלחמות וועלען גאר פערשווינדען. ווי עמוס, האט אויך הושע נבואה געזאגט, אז די צעהן שבטים וועלען זיך פעראייניגען מיט זייערע ברידער יהודה און בנימין אונטער דער קרוין פון דוד'ס הויז. ווען הושע האט אויפגעוויקעלט פאר זיינע צוהערער דאס בילד פון דער גלענצענדער צוקונפט, האט ער אבער

אויך געווארענט, אז פֿיעל אונגליקליכע טעג דארפֿען נאך פֿאראיבער געהן, איידער די צעהן שבטים וועלען זיך צוריק פֿעראייניגען מיט'ן שבט יהודה.

די רעדעס פֿון די נביאים זענען נישט געבליבען אהן שפּורען אויף דער נשמה פֿון פֿאלק; די יסורים, וואס זיי האבען איבערגעליטען אין זייער טיעפֿער נשמה, זייערע גרויסע האפֿנונגען, זייערע געדאנקען און איבערצייגונגען זענען געווארען אַן'אייגענטום פֿון גאנץ גרויסע קרייזען און האבען איבעראל געווירקט, וועקענדיג די גייסטער און פֿעראיידעלענדיג זיי. די תלמידים האבען מיט א אייגענהאלטענעם אטעם צוגעהערט די רעדעס פֿון די גרויסע נביאים און האבען זיי טיעף איינגעגראבען אין זייער זכרון, אדער זיי האבען זיי זיך באלד פֿערשריבען. דאס זענען געווען די ערשטע בלעטער פֿון דער פֿערשריבענער נבואה, וועלכע האבען שפּעטער געדארפֿט וועקען די פֿעלקער פֿון דער וועלט צו א נייעם לעבען און אַן'איידעלען, הויכען דענקען. איינער פֿון די דאמאלסדיגע נביאים האט געשילדערט א בילד פֿון דער ווייטער צוקונפֿט, א בילד, וואס לעבט נאך ביז צום היינטיגען טאג אלס אידעאל:

„געשעהן וועט עס אין די שפּעטסטע צייטען:
„דער בארג פֿון גאטעס הויז
„וועט פֿעסט שטעהן איבער אלע הויכע בערג,
„און העכער וועט ער זיין דערהויבען,
„און אלע פֿעלקער וועלען געהן צוזאמען
„און זאגען וועלען זיי:
„נו, קומט־זשע, לאמיר ארויפֿשטייגען
„צו גאטעס בארג, צום הויז פֿון יעקב'ס גאט,
„און זאל ער לערנען זיינע וועגען אונז,
„מיר וועלען געהן אין זיינע שטעגען".
„פֿון ציון וועט דאן תורה שיינען וויט און ברייט
„און גאטעס ווארט פֿון שטאדט ירושלים.
און ער וועט ריכטען צווישען פֿעלקער פֿיעל
„און וועט זיין אורטייל טהון צו וויסען
„די מעכטיגע נאציאנען ביז גאנץ וויט.
„די שווערדען וועט מען דאמאלס איבערשמידען
„אויף אקער־אייזענס, און די שפּיזען —
„אויף מעסערס פֿאר די ווינשטאקען.
„קיין פֿאלק וועט געגען פֿאלק זיין שווערד נישט מעהר אויפֿהויבען,
„מען וועט נישט לערנען מעהר קיין קריעג צו פֿיהרען".

דאס דאזיגע ערהאבענע בילד פֿון איביגען פֿריעדען, וועלכער זאל בעגרינדעט ווערען דורך דער אידישער תורה, וועלכע געהט ארויס פֿון

ציון, אז מען זאל דאס פערדערבענדע געוועהר פון דער מלחמה פער־וואנדלען אין אינסטרומענטען פון פרוכטבארער טעטיגקייט — דאס דאזיגע בילד איז איינס פון די שענסטע ליכטיגסטע האפנונגען פון דער מענשהייט ביז היינט.

אויך אויף דער דאמאלדיגער פאליטיק איז דאס פיינדליכע ארוים־טרעטען פון ביידע נביאים, הושע און עמוס, געגען יהוא׳ס קעניגליך הויז נישט געבליבען אהן איינפלוס און ווירקונג. ווי אלישע האט צו־זאמען מיט זיין תלמיד דערוועקט יהוא׳ן געגען דעם לעצטען קעניג פון עמרי׳ס הויז (יהורם), אזוי האבען אויך, ווי עס שיינט, די רעדעס פון עמוס און הושע דערוועקט א פיינד געגען דעם לעצטען מלך פון יהוא׳ס קעניגליך הויז. ירבעם דער צווייטער איז נאך געשטארבען אין פריעדען אין א גאנץ טיעפען עלטער, נאך א לאנגער גליקליכער רע־גירונג. אבער ווי נאר זיין זוהן זכריהו איז ארויפגעשטיגען אויפ׳ן טהראן (839 פאר׳ן צווייטען חורבן), איז אויסגעבראכען געגען איהם א פערשווערונג, וואס אין איהר שפיץ איז געשטאנען שלום, דער זוהן פון יבש, וועלכער האט דער׳הרגע׳ט זכריהו׳ן, דעם פיערטען מלך פון יהוא׳ס הויז, נאכדעם, ווי ער האט געקעניגט בלויז זעקס מאנאטען. זיין מערדער האט אויך אויסגע׳הרג׳עט די מיטגליעדער פון ירבעם דעם צווייטענס משפחה, ווי יהוא — אחאב׳ס משפחה. אפילו אויף פרויען און קינדער האט שלום קיין רחמנות נישט געהאט. אויך שלום האט אבער קיין גוטען סוף נישט געהאט. ער איז אבגעגאנגען קיין שומרון, צו פערנעהמען דעם טהראן און די רעגיערונג איבער דער מלוכה; אבער ער האט געקאנט זיך האלטען אויפ׳ן טהראן נאר איין מאנאט, דען געגען איהם האט זיך אויפגעהויבען א פערשווערונג, וואס אין איהר שפיץ איז געשטאנען אן איינוואהנער פון דער פריהערדיגער הויפט־שטאדט, תרצה, — מנחם, דער זוהן פון גדי. מיט זיין פערשווארענער מחנה איז מנחם געקומען קיין שומרון; די איינוואהנער האבען איהם אריינגעלאזען אין שטאדט אהן קיין שום ווידערשטאנד; דארט האט ער דער׳הרג׳עט שלומ׳ן. באלד אבער האט ער דערזעהען, אז לייכט וועט ער דעם טהראן נישט קאנען איינעהמען, דען נאר די הויפט־שטאדט האט איהם באלד אריינגעלאזען, אבער די איבריגע שטעדט האבען איהם גארנישט געוואלט אנערקענען פאר א מלך. מנחם איז אבער געווען א מוטיגער מענש און דערצו האט ער געהאט א גרויזאמען הארטען כאראקטער. די אידישע שטאדט תפסח, וועלכע האט זיך פאר איהם נישט געוואלט עפענען, האט ער בעלאגערט אזוי לאנג, ביז זי האט געמוזט איהם אונטערגעבען זיך; דאן האט ער דארט אויסגע־הרג׳עט די גאנצע בעפעלקערונג — מאנסבילען, פרויען און קינדער, אפילו די שוואנגערע פרויען האט ער נישט געשוינט. אויך די בעפעלקערונג ארום דער דאזיגער שטאדט האט מנחם אינגאנצען אויסגע׳הרג׳עט.

נאָך דער דאָזיגער בלוטיגער ארבייט איז ער געקומען צוריק קיין שומרון און האט פערנומען דעם טהראָן. צוליעב זיין אכזריות איז ער ביי'ם פאָלק נישט בעליעבט געווען. ווי עס שיינט אָבער, האט מנחם אָבגע־שאפט די געצענדיענערייַ ביי'ם בעל, דאגעגען ירבעם בן נבט'ס גאָל־דענע קעלבער האט ער נישט אָנגערירט. אין זיין צייט איז דאס געווען, אז א שטארקע מלוכה, וואס האט זיך דערהויבען איבער מלכות ישראל, האט אונגעפאנגען חרוב געמאכט דאס קעניגרייך פון די צעהן שבטים און זיי פערטריבען אין גלות.

צוליעב דער פערדארבענהייט און די אָפטע אונארדנונגען און קעניג־מערדערייען, וואס זענען פארגעקומען אין שומרון, האבען פיעל איינוואהנער פון'ם לאנד זיך אריבערגעצויגען קיין יהודה, אין דער האָפנונג, דארט צו געפינען א בעסערע און רוהיגערע היים. דארט אָבער האבען זיי זיך געמוזט איבערצייגען, אז זיי האבען א טעות געהאט: די לאגע אין יהודה איז געווען נישט פיעל בעסער. ווי אינ'ם לאנד פון די צעהן שבטים, און ירושלים איז דאמאלס געשטאנען מאראליש נישט העכער, ווי שומרון. אין ירושלים זענען אין דער רעגירונג פון עוזיהו פארגעקומען אינערליכע רייסענישען, וועגען וועלכע דער אלטער היסטאריקער האט געפונען פאר בעסער גארנישט צו דער־צעהלען. דער קעניג עוזיהו האט געווידמעט זיין גאנצע אויפמערקזאם־קייט דער בעוואפנונג פון זיינע מחנות: צוצוגרייטען פיילענבויגען, שווער־דען, רייט־וואגענס און פאנצירען. מעגליך, אז צווישען איהם און די כהנים איז עפעס וואס פארגעקומען, בעזונדערס נאכדעם, ווי די בע־ציהונג צווישען ביידע כחות, דער מלוכה און דער כהונה, זענען זעהר שלעכט געווארען נאך אין די צייטען פון זיין זיידען, דעם קעניג יואש, וועלכער האט געלאזט דער'הרג'ענען דעם כהן גדול זכריה אין בית־המקדש. א פאקט איז עס, אז אין עוזיהו'ס לעצטע רעגירונגס־יאהרען זענען פארגעקומען שטארקע רייבונגען צווישען דעם קעניג און דעם דאמאלסדיגען כהן־גדול עזריה, ווי צווישען דעם קעניג יואש און דעם כהן־גדול זכריה.

דער קעניג עוזיהו האט געוואלט זיין נישט בלויז מלך, נאר כהן־גדול אויך. ער איז אריינגעקומען אין קודש הקדשים (דביר) מיט א פאן פון קטורת, און האט אנגעהויבען אנצינדען די קטורת אויפ'ן גאלדענעם מזבח — אן עבודה, וועלכע איז קיינעם נישט ערלויבט געווען, אפילו נישט די געוועהנליכע כהנים, אויסער דעם כהן גדול. די אויפרעגונג צווישען די כהנים איז געווען געוואלדיג גרויס. דער כהן־גדול, עזריה, איז איהם נאכגעגאנגען מיט אכציג כהנים און האט אויסגערופען צום קעניג: „ניט דיר איז עס ערלויבט, אה, עוזיהו, די קטורת אין קודש הקדשים אנצוצינדען, נאר דעם געהייליגטען כהן פון אהרן'ס הויז. געה

גיכער ארוים פון היילינען ארט, דען דו פערשוועכסט איהם דאדורך און דו וועסט דערפון קיין כבוד נישט האבען".

וואס דערנאך איז פארגעקומען, איז אונבעוואוסט. ווייל אבער עוזיהו איז אין זיינע לעצטע יאהרען געווארען מצורע און מען האט איהם געמוזט האלטען אין א בעזונדער הויז, האט דאס פאלק דאס בעטראכט פאר א בעשטראפונג פון גאט פאר זיין זינד. „די העסליכע קרענק — האט מען געזאגט — איז געקומען אויפ'ן קעניג באלד, ווי ער האט זיך אנגערוהרט אן גאלדענעם מזבח". אינ'ם קאמפף צווישען דער מלוכה און דער כהונה האט אפילו מנצח געווען די כהונה, אבער אן'אנדער גייסטיגע מאכט האט זיך באלד געדארפט דערהויבען, א מאכט, וועלכע האט געדארפט ערקלערען קריעג דער שטאלץ-געווארענער כהונה, פונקט ווי די כהונה האט ערקלערט קריעג דער קרוין. די דאזיגע נייע מאכט איז געווען — די נבואה. ווען דער קעניג עוזיהו איז מצורע געווארען און האט געלעבט אבגעשלאסען פון דער גאנצער וועלט, האט איבערגענומען די רעגירונג זיין נאך גאנץ יונגער זוהן יותם. און שומרון האט נאך דאמאלס געקעניגט דער גרויזאמער טהראן-רויבער, מנחם. וואהרשיינליך האט ער רעגירט מיט אן'אייזערנער האנד. ביידע מלוכות זענען זיך געגאנגען ווייטער אין די אלטע דרכים, נישט שפירענדיג, אז אויפ'ן ווייטען עק הימעל זאמעלט זיך אן א שווערער וואלקען, וועלכער וועט ברענגען א שטורם און וועט ווערען פאר ביידען פערדערבליך. פון צפון-זייט, פון די לענדער, וועלכע זענען געלעגען אויף די טייכען עפראט און טיגער, האט געדארפט דאס שווערע אונגליק איבער ביידע הייזער קומען. די מלוכה אשור האט זיך דאמאלס געשטארקט, בעפעסטיגט און איז געווארען א געפעהרליכע קראפט. די איינוואהנער פון אשור זענען געווען זעהר קרעפטיגע מענשען, און אין אפטע און שווערע מלחמות זענען די אסירער (אשורים) אבגעהארטעוועט געווארען און זעהר געאיבט אין קריעג. די אסירער האבען אויך געהאט זעהר פיעל פערד, וועלכע זיי האבען בעקומען פון ארמעניען, און, אלס גוטע רייטער, האבען זיי לייכט געקאנט אבהאלטען א נצחון איבער אנ'ארמעע פון פוסגעהער. א נביא פון יהודה שילדערט דאס אסירישע פאלק זעהר בילדליך אין פאלגענדע ווערטער:

„געשווינד און לייכט קומט עם צופליהען;
„קיין מידער, שוואכער איז ביי איהם נישטא;
„עס שלאפט נישט, דרימעלט נישט; די לענדען
„בעפרייען זיך נישט פון זיין גארטעל;
„די שנור פון זיינע שיך, די שטארקע,
„צורייסען זיך קיינמאל נישט גאר;
„די פיילען זיינע זענען שארפע

„די בויגענס פעסט געשפאנט;
„די קלויען פון זיינע פערד —
„ווי שארפע שטיינער, און די רעדער
„פון זיינע וואגענס — שטורם־ווינד!
„עם ברומט געוואלדיג ווי א לייב,
„עס האפט זיין רויב, עס שלעפט, עס לויפט,
„און ווערט פערשוואונדען אהן א שפור“.

ביי די אסיריער, ווי ביי אלע פארצייטיגע פעלקער, אויסער די גריכען און רוימער, איז דער קעניג געוועזען דער מושל איבער אלץ און אונבעגרענצט אין אלע זיינע מעשים. די אסירישע הערשער האבען די ערשטע אנגענומען דעם טיטול „קעניג איבער קעניגען“ (מלך המלכים) און זיי האבען זיך אין דער ווירקליכקייט געקאנט בערימען, אז די פירשטען, וואס זענען זיי אונטערטעניג, זענען אליין אויך מלכים.

ווי נאר די אסיריער האבען פערשפרייט זייער מלוכה איבער צפון, מזרח און מערב, האבען זיי זיך געווענדעט אויך צו׳ם דרום. זיי האבען קודם־כל געשטרעבט איינצונעהמען די ים־ברעגען פון די פעני־קיער, כדי צו בעקומען אין זייער געוואלט די עשירות פונ׳ם דאזיגען האנדעלס־פאלק. דערנאך האבען זיי געוואלט איינגעהמען מצרים, וועלכעס איז אויך געווען זעהר א רייך לאנד. אזוי ארום איז צום ערשטען מאל גע־קומען אין דאס אידישע לאנד א מחנה פון אשור, וועלכע האט אין א משך פון פופציג יאהר געדארפט ווארפען אנ׳אימה אויף ביידע העלפטען פון דער אידישער מלוכה און צו׳ם סוף מאכען אנ׳ענדע מיט דער מלוכה פון די צעהן שבטים. פול איז געוועזען דער ערשטער קעניג פון אשור, וועלכער האט געמאכט דעם אנפאל אויף דאס אידישע לאנד. פון חמת און חמשק האט זיך געצויגען די אסירישע ארמעע, וועלכע האט געמאכט אנ׳אנפאל אויף די שטעדט פון גלעד און גענומען געפאנגען אלע איינ־וואהנער, וואס האבען נישט בעוויזען צו ענטלויפען; דאס פערמעגען האבען זיי צוראבעוועט. דערנאך זענען זיי אריבער דעם ירדן און בע־גאנגען זיך אויף אזא אופן אויך אינ׳ם לאנד פון די שבטים זבלון און נפתלי. דער קעניג פון שומרון, מנחם, האט אפילו נישט געוואגט צו שטעלען זיך ענטקעגען אזא גוואלדיגער ארמעע. די אינערליכע סכסוכים האבען, ווי עס שיינט, אזוי איהם אבגעשוואכט און פאראליזירט, אז ער האט גאר נישט געקאנט דענקען וועגען פערטיידיגען דאס לאנד. ווען פול איז אריינגעטראטען אין לאנד, האבען, ווי עס שיינט, מנחם׳ס פיינד זיך געווענדעט צו אשור מיט א ביטע, אז זיי זאלען אראבווארפען פון טהראן דעם קעניג, וועלכער האט זיך מיט גוואלד געזעצט אויפ׳ן טהראן. מנחם איז אבער זיי פערלאפען דעם וועג. אויך ער איז אוועקגעגאנגען צו׳ם אסירישען מנצח און האט איהם צוגעזאגט פיעל געלד, אויב ער

וועט בעשטעטיגען די מלוכה אין זיינע הענד. פול האט זיך בעגניגענט מיט'ן געבראַכטען געלד און האָט צוריק אַבגעצויגען פֿונ'ם לאַנד, אַוועק פֿיהרענדיג מיט זיך דאָס גרויסטע פֿערמעגען און די פֿיעל געפֿאַנגענע. דאָס געלד, וואָס מנחם האָט אַבגעגעבען דעם קעניג פֿון אשור, האָט ער גענומען נישט פֿון זיין קעשענע, נאָר ער האָט עס צוגענומען מיט געוואַלד ביי די רייכע איינוואָהנער; יעדער פֿון זיי האָט געמוזט געבען זיין חלק לערך 60 רובל, און דאָס איז געווען פֿאַר דער דאַמאָלדיגער צייט זעהר אַ גרויסע סומע.

אַט אַזוי איז געקומען דער אָנהויב פֿונ'ם סוף. די מלוכה פֿון די צעהן שבטים האָט דערווייל נאָך לפנים זיך געהאַלטען פֿעסט. עס זענען אין לאַנד נאָך געווען 60 טויזענד רייכע פֿאַמיליעס, וועלכע האָבען געקאָנט צונויפֿברענגען אַ גרויסע סומע אַבצאָהלונג פֿון 3 מיליאָן שקלים. דער קעניג מנחם האָט נאָך געהאַט אין זיין אַרמעע רייטער און גענוג געווער; עס זענען נאָך אויך געווען אין דער מלוכה גענוג בעפֿעסטיגטע שטעדט, אויף וועלכע דער קעניג האָט זיך געקאָנט פֿערלאָזען, לויט ווי ער האָט גערעכענט. אָבער אַליין נישט בעמערקענדיג דאָס, איז דאָס פֿאָלק פֿון די צעהן שבטים אַלט געוואָרען, אַלט-שוואַך, ווי איין נביא האָט די לאַגע ריכטיג בעצייכענט. די אינערליכע שפּאַלטונג האָט שוואַך געמאַכט דעם צוזאַמענבונד פֿון דער מלוכה-געביידע. נאָך דעם טויט פֿונ'ם גרויזאַמען קעניג מנחם האָט זיין זוהן פקחיה זיך געקאָנט האַלטען אויפֿ'ן טהראָן קוים צוויי יאָהר. זיין אייגענער וואָגען-קעמפֿער, פקח, דער זוהן פֿון רמליהו, האָט געגען איהם אויפֿגעהויבען אַ פֿערשווערונג און, נאָכדעם, ווי ער האָט איהם דער'הרג'ע'ט אין זיין פּאַלאַץ אין שומרון (826 פֿאַר'ן צווייטען חורבן), האָט ער זיך געלאָזט אויסרופֿען פֿאַר אַ קעניג. די פּרטים, ווי אַזוי דער דאָזיגער אויפֿשטאַנד איז פֿאָרגעקומען, און ווי אַזוי מען האָט אויסגעפֿיהרט דעם קעניגס-מאָרד, וועלכער איז שוין געווען דער זיבעטער אין דער מלוכה פֿון די צעהן שבטים, זענען געבליבען אומבעוואוסט.

רמליהו'ס זוהן, דער פֿאָרלעצטער קעניג פֿון ישראל, איז געווען אַ האַרט-הערציגער, גוואַלדטעטיגער טיראַן, וועלכער האָט געדריקט דאָס פֿאָלק נאָך מעהר, ווי די פֿריהערדיגע מלכים. אַ נביא האָט איהם כאַראַקטעריזירט אַלס „אַ שלעכטער פּאַסטוך, וועלכער זאָרגט נישט פֿאַר זיין טשערעדע: „די פֿערלוירענע שעפּסען האָט ער נישט אויפֿגעזוכט, די פֿערוואונדעטע האָט ער נישט געהיילט, פֿאַר די קראַנקע האָט ער נישט געזאָרגט און דאָס פֿלייש פֿון די געזונדע האָט ער אויפֿגעפֿרעסען“. כדי צו בעוואָרענען זיך פֿון די אָנפֿאַלען, וועלכע אשור האָט אויף איהם געקאָנט מאַכען, איז ער צוגעשטאַנען צום „פֿעלקער-בונד“ — אַ בונד, וואָס עס האָבען געשלאָסען די אַרומיגע פֿעלקער אונטער איינאַנדער, כדי צו קאָנען זיך פֿערטיידיגען געגען קעניג פֿון אשור. ווי עס שיינט, האָט מען

דעם בונד געשלאָסען לויט'ן פּלאַן פוּנ'ם אַראַמעאישען קעניג רצין, וועל־
כער האָט געקעניגט אין דמשק, און איז דער ערשטער געשטאַנען אין
סכנה, איינגעשלונגען צו ווערען דורך אשור; צום בונד זענען אויך צו־
געשטאַנען די פעניקיער.

אויך דעם קעניג פון יהודה, יותם, (פון 824 ביז 809 פאַר'ן צווייטען
חורבן) האָט מען איינגעלאַדען טיילצונעהמען אינ'ם בונד. יותם האָט
זיך נישט אויסגעצייכענט מיט וועלכע ס'איז אייגענשאַפטען; ער איז
געווען אַ קנאַפּער פּאָליטיקער, און איז זיך געגאַנגען אין דער אַלטער
אויסגעטראָטענער קאַליע פון די פריהערדיגע מלכים. אויסערליך איז
אין יהודה נאָך אַלץ געבליבען אין זעלבינגען צושטאַנד, ווי ס'איז געווען
אין עוזיהו'ס צייטען. עס זענען געווען גענוג רייטער, גענוג קריעגס־
וואָגענס, אַ פלאָט פון תרשיש, וועלכער איז געגאַנגען אויפ'ן רויטען
ים און האָט פערשאַפט עשירות און גלאַנץ דער מלוכה. יותם האָט אויך
בעפעסטיגט ירושלים נאָך בעסער, ווי פריהער, בעזונדערס פון דער
מזרח־זייט, וואו דער בית־המקדש איז געשטאַנען, ביי'ם באַרג מוריה
און ווייטער. אויף די בערג פון יהודה האָט יותם אויסגעבויט נייע
שטעדט, וועלכע ער האָט, צוזאַמען מיט די אַלטע, שטאַרק בעפעסטיגט,
און אויף די בעוואַלדיגטע בערג האָט ער אויסגעבויט טהורעמס אין
פאָרטען. ער האָט אויך געשלאָסען אַ בונד מיט'ן קעניג פון ישראל,
פקח דעם זוהן פון רמליהו.

די דאָזיגע פריינדשאַפט צווישען ביידע אידישע מלוכות פון איין
זייט און דאָס אויפוואַקסען פון אַ נייער געלד־אַריסטאָקראַטיע, פון דער
אַנדערער, האָט זעהר שלעכט געווירקט אויף די גוטע מדות אין יהודה,
בעזונדערס, אין ירושלים; דען אין דער צייט, וואָס יותם איז נאָך געווען
פערוואַלטער איבער דער מלוכה, צוליעב דעם, וואָס זיין פאָטער עוזיהו
איז מצורע געווען, האָבען אַנגעזעהענע משפחות אין ירושלים זיך אַזוי
שטאַרק דערהויבען און שטאָלץ געוואָרען, אַז זיי זענען כמעט שטאַרקער
געוואָרען פאַר'ן קעניג. די „שרים“ פון יהודה האָבען בעקומען די הויפּט־
דעה אין דער מלוכה און פלעגען אַליין בעשליסען איבער אַלע וויכטיגסטע
ענינים.

דער אויפזעהער איבער'ן קעניגליכען פּאַלאַץ פלעגט הערשען אונ־
בעגרענצט אויף אַלע קעניגליכע דיענער און ביסלעכווייז האָט ער בע־
קומען אַזאַ איינפלוס און מאַכט, אַז מען האָט איהם בעטראַכט פאַר'ן
אמת'ן פיהרער פון דער מלוכה, דען ער פלעגט פערוואַלטען איבער אַלע
מלוכה־אינטערעסען, ער פלעגט בעשיקען, אָדער בעשטראָפען, וועמען
ער האָט געוואָלט, בקיצור — ער האָט געהאַט אַזאַ מאַכט אין זיינע
הענד, אַז דער קעניג האָט בלויז געהייסען הערשער, אָבער דער אמת'ער
רעגירער איז ער געווען. ער האָט געהאַט אַ טיטעל „סוכן אשר על הבית“,
דאָס הייסט פּאַלאַץ־פערוואַלטער. אויך די „ראשי האבות“, אָדער די

עלטסטע פון די רייכע און אנגעזעהענע משפחות אין יהודה און ירושלים, האבען זיך זעלבסטשטענדיג געמאכט און האבען רעגירט אין זייער קרייז, לויט ווי עס וועט זיי געפעלען, נישט קימערנדיג זיך וועגען דעם קעניגס בעפעהלען. און ווען זיי פלעגען זיך נאר צוזאמענרעדען מיט'ן „סוכן“, האבען זיי שוין געקאנט מאכען מיט'ן פאלק אדער מיט די פרעמדע איינוואהנער אלץ, וואס זייער הארץ האט געגלוסט, נישט מורא־האבענדיג פאר א וועלכער ס'איז בעשטראפונג, לויט'ן געזעץ. די דאזיגע „גרויסע העררען“, די שרים פון יהודה, האבען זיך איינגעפרעסען, ווי א געפעהרליכע קרענק, אינ'ם ארגאניזם פון דער מלוכה אין יהודה. צאנקערייען, אונטערקויפונגען, אויסגעלאסענקייט, אלע יענע פערברעכען, וועלכע בעגלייטען תמיד די הערשאפט פון דער אריסטאקראטיע, האבען זיך דא אויך אריינגעריסען אין עפענטליכען לעבען. דער „אדעל“ איז אין יהודה געוועזען נישט בעסער, אבער אויך נישט ערגער פאר דער דאזיגער קאסטע אין אלע לענדער און אין אלע צייטען. אונטער נישטיגע תירוצים און תביעות האבען די „גרויסע לייט“ פערכאפט מיט געוואלד די הייזער און די פעלדער פון זייערע שכנים אויפ'ן לאנד. ווען די בערויבטע פלעגען ברענגען זייערע אנקלאגען פאר די שופטים, פלעגט מען זיי נישט אויסהערען, ווייל די שופטים זענען געוועזען פון דערזעלביגער קלאס, ווי די רויבער, אדער גאר זייערע מיטשולדיגע; אויסערדעם האבען די שופטים כמעט שטענדיג גענומען שוחד און געצויגען דעריבער פאר די רייכע. דאדורך האט זיך ענטוויקעלט יענער פערדערבליכער צושטאנד, דאס אויף איין זייט האבען זיך אנגעזאמעלט גרויסע עשירות און אויף דער אנדערער — האט געהערשט א טרויעריגע ארימקייט מיט אלע שרעקליכע פאלגען, וועלכע עס ברענגט אזא לאגע אין דער געזעלשאפט. ווי עס שיינט, איז עס דערגאנגען אזוי ווייט, אז די „שרים און זקנים“ האבען פערכאפט אין זייערע הענד אלע גרויסע גיטער, וועלכע זיי פלעגען בעארבייטען דורך פרעמדע שקלאפען, אדער דורך די אייגענע ברידער, דורך אידען, וועלכע זיי האבען פערשקלאפט אין אייגענעם לאנד. זיי האבען זיך אפילו נישט געשעמט, צו נעהמען ביי זייערע בעלי־חובות די קינדער פאר די חובות, זיי מאכען פאר שקלאפען און צווינגען זיי, ווי בהמות, צו טרעטען די רעדער אין זייערע מיהלען.

די דאזיגע געוואלדיגע אונגערעכטיגקייט איז געוועזען פערבונדען מיט נאך אנ'אנדער פערברעכען. די רייך־געווארענע שרים פון יהודה האבען געוואלט לעבען א גוטען טאג, מאכען פעטע מאהלצייטען מיט פיעל וויינען און פערברענגען די צייט אין שטורמישער שמחה. „אויפשטעהענדיג גאנץ פריה, פלעגען זיי זיך באלד חאפען פאר'ן בעכער ווין און אויך אין שפעטען אווענד פלעגען זיי זיך נאך ערהיצען דורכ'ן וויין". ביי זייערע מאהלצייטען פלעגט, שפיעלען א רוישענדע מוזיק פון פידלען, הארפען, פויקען און פלייטען. דאס איז אבער נאך געוועזען א קלייניגקייט

געגען אנדערע פֿערגעניגענס. דורך דער שפּרות פֿלעגען זיי אויך פֿער־ליערען די בושה און אריינפֿאַלען אין שענדליכע תאוות. אָבער די שטרענגע מדות, וועלכע האָבען זיך ענטוויקעלט פֿון די געזעצען פֿון דער תורה, האָבען געשטערט אַלע אונציכטיגקייטען. כל־זמן די דאָזיגע מדות און די תורה האָבען זיך געהאַלטען, האָט די ליידענשאַפֿט נאָך נישט געקאָנט איינגאַנצען בעפֿריעדיגט ווערען. ארויסגעהאָלפֿען האָט די אויס־געלאַסענע שרים פֿון זייער בעגערענטקייט — די פֿריינדשאַפֿט מיט דער מלוכה פֿון די צעהן שבטים. אין דער דאָזיגער מלוכה, בעזונדערס אין שומרון, האָט דאָס לוסטיגע לעבען נישט געוואוסט פֿון קיין שום בע־גרענצונג דורך אַ תורה; אדרבא, די דאָרטיגע רעליגיע פֿון די געצענדיענער האָט נאָך געפֿאָדערט די ערפֿילונג פֿון אַלערליי תאוות, זי האָט זיי פֿער־הייליגט, דען זיי זענען געוועזען אַ טייל פֿון דעם דיענסט צום אָבגאָט. צום קולט פֿון בעל און פֿון דער עשתרות האָט געהערט די אונציכ־טיגקייט. אין שומרון זענען געוועזען פֿיעל זנות־מיידלעך, וועלכע האָבען זיך אויפֿגעהאַלטען אין טעמפּעל פֿון דער געטין עשתרות. אין דער מלוכה פֿון די צעהן שבטים פֿלעגט מען ברענגען קרבנות אויף אַלע שפּיץ בערג און רויכערען וויירויך אויף אַלע בערג, און אונטער דעם שאָטען פֿון די בוימער פֿלעגט מען אָפּטהון אַלע אונציכטיגע זנות־מעשים. די אונ־ציכטיגקייט איז אַזוי געוועזען פֿערשפּרייט אין דער מלוכה, אַז אפילו די אייגענע טעכטער און שניר פֿלעגט מען בעפֿלעקען, און די לעצטע פֿלעגען אַליין נאָכטהון דעם ביישפּיעל פֿון זייערע עלטערען. שכרות און זנות האָט דאָרט פֿערדאָרבען דאָס האַרץ פֿון די רייכע לייט. פֿון די דאָזיגע רייכע לייט פֿון ישראל, פֿון די „שכורים פֿון אפרים" האָבען די שרים פֿון יהודה אויך אָבגעלערנט, צו ערפֿילען אַלע זייערע געלוסטיגקייטען, נישט אָבהאַלטענדיג זיך דורך קיין שום בעגרענצונג. דאָס אידישע געזעץ, וועלכעס איז געשטאַנען, ווי אַ גרעניץ, צווישען ביידע מלוכות, יהודה און ישראל, האָבען זיי אָבגעוואָרפֿען, און פֿאַר דער אונציכטיגקייט איז פֿון ביידע מלוכות געוואָרען איין לאַנד. די שרים פֿון יהודה זענען געוועזען גוטע תלמידים; זיי האָבען געשווינד איינגעפֿיהרט ביי זיך דעם געצען־דיענערישען קולט פֿון בעל און עשתרות, זיי האָבען זיך געמאַכט געצען פֿון גאָלד און זילבער — זיי זענען דאָך רייך געוועזען! — און האָבען ביי זיך איינגעפֿיהרט אַלדאָס שלעכטע, וואָס זיי האָבען ביי די פֿרעמדע געפֿונען. דער גאָטעסדיענסט אין בית־המקדש איז אפילו נאָך געוועזען אָנערקענט אַלס אַ'אָפֿיציעלער; דער קעניג, די כהנים און לויים זענען געוועזען איהם ערגעבען און געטריי; אָבער דאָס האָט נישט געשטערט די שרים צו האָבען אויך אַ פּריוואַטען בעל־דיענסט ביי זיך אין דערהיים.

פּאָדעסטוועגען, ווי מאָראַליש ס'איז נישט געפֿאַלען דער אַדעל אין ישראל און יהודה, האָט מען דאָך אפילו אויך אין'ם דאָזיגען קרייז גע־זאָרגט דערפֿאַר, אַז די אויסגעלאַסענקייט זאָל נישט טראָגען קיין אָפֿיצי־

עלען חאַראַקטער און זאָל נישט אַנערקענט ווערען, אַלס אַ געזעצליכער צושטאַנד, כּדי דאַדורך צו קאָנען זיך פֿערשפּרייטען נאָך מעהר, ווי דאָס איז פֿאָרגעקומען ביי אַנדערע פֿעלקער, ווי, למשל, ביי די גריכען און שפּעטער אין רוים. אין ארץ־ישראל, ביי'ם אידישען פֿאָלק, האָט עס קיינמאָל נישט געקאָנט קומען דערצו, אַז מען זאָל עפֿענטליך אַנערקענען די אונגערעכטיגקייט און מאַכען פֿון איהר אַ געזעצליכע אָרדנונג. שטענדיג האָבען זיך דאָ געפֿונען מענשען, וועלכע האָבען הויך פֿעראַנטוואָרטוילט דאָס דריקען דעם אָרימאַן און פֿערקנעכטען איהם, ווי אויך דאָס אויסלאַכען זיך פֿונ'ם רעכט; תּמיד האָט מען דאָ בלויז די גערעכטיגקייט און די מאָראַל ערקלערט פֿאַר אַ געזעץ, און פֿאַר די שוואַכע געגען די שטאַרקע פֿלעגען שטענדיג אַרויסטרעטען מענשען מיט דער גאַנצער קראַפֿט פֿון זייער רעדנערישער קונסט. דוקא אין דער צייט פֿון מאָראַלישער געפֿאַלענקייט, אונטער דער רעגירונג פֿון יותם אין יהודה און פֿון פּקח אין ישראל, זענען אַרויסגעטראָטען פֿיעל מענשען, וועלכע האָבען מיט'ן גרעסטען פֿייער פֿון זייער רעדנערישער קונסט געשטראָפֿט אָהן אויפֿהער די מאָראַלישע פֿערדערבונג פֿון די שרים. דאָס איז געווען דער דריטער דור פֿון גרויסע נביאים נאָך אליהו מיט אלישע'ן און עמוס מיט הושע'ן.

דער גרעסטער פֿון די דאָזיגע נביאים איז געווען ישעיה דער זוהן פֿון אָמוץ, פֿון ירושלים. ווי די נביאים פֿון זיין צייט, זכריה דער ערשטער, הושע דער צווייטער און מיכה דער צווייטער, האָט ישעיה אויך געהאַט אַ פֿרייע און אַ דרייסטע שפּראַך, מיט וועלכער ער פֿלעגט אָפֿען שטראָפֿען די פֿערברעכער, און דאָס פֿערברעכען פֿלעגט ער אָנרופֿען מיט'ן אמת'ן נאָמען, אָבשטעמפּלענדיג איהם אַלס אַ שענדליכע זאַך. ער איז אָבער אַריבערגעשטיגען אַלע נביאים פֿון זיין צייט מיט דער רייכקייט פֿון געדאַנקען, מיט דער שענהייט פֿון דער פֿאָרם און מיט דער ערהאַבענהייט פֿון זיינע פּאָעטישע אויסדריקען, ווי אויך מיט דער פֿיינקייט פֿון זיינע בילדליכע פֿערגלייכונגען און קלאָרקייט פֿון זיינע נבואות. און אויב ישעיה האָט אויך געהאַט אַ שענע שטימע און אַ גלאַטע אויסשפּראַך, וועלכע האָט אַזוי טיעף געווירקט, ווי זיין רעדנערישער טאַלענט, האָט ער געמוזט מאַכען אַ געוואַלדיגען איינדרוק אויף די צוהערער. פֿון ישעיה'ס לעבענס־געשיכטע איז אונז ווייניג בעקאַנט. ווי עס שיינט, האָט ער זיין יוגענד צוגעבראַכט צוזאַמען מיט די שרים און געלעבט מיט זיי אינאיינעם זייער אַרט לעבען. דאָס קאָן מען זעהען אַמבעסטען דערפֿון, ווי גוט ער איז געווען בעקאַנט מיט אַלע קליינינקייטען פֿון דער טואַלעטע פֿון די פֿרויען, ווי גוט ער האָט געוואוסט אַלע געהיימניסען פֿון די לעבענספֿערגניגענס און פֿון די לוסטיגקייטען. מען זעהט, אַז ער האָט דאָס אַליין אַלץ דורכגעמאַכט און אין דער יוגענד האָט ער געמוזט האָבען גרויס בעקאַנטשאַפֿט מיט די לוסטיגע פֿרויען. שפּעטער האָט

ישעיה געהייראַטעט מיט אַ פֿרוי, וועלכע איז אויך געוועזען אַ נביאה. קלײַדער האָט ישעיה געטראָגען, ווי אַמאָל אליהו — אַ האָריגען מאַנטעל, אָדער גאָר אַ זאַק; די נבואה איז פֿאַר איהם געוואָרען אַ לעבענס־אויפֿגאַבע, און זײַן גאַנצע טעטיגקײט האָט ער געווידמעט אויף אַרויס־טערצורײַסען די מאַסקע פֿון שלעכטע און פֿאַלשע מענשען, אויף צו וואָרענען דאָס פֿאָלק פֿאַר'ן אומגליק און ווײַזען איהם די אידעאַלע צוקונפֿט, צו וועלכער מען ברויכט שטרעבען. זײַנע זיהן האָט ער אָנגע־רופֿען מיט סימבאָלישע נעמען, וועלכע האָבען געדאַרפֿט ווײַזען אויף די געשעהענישען, וואָס דאַרפֿען שפּעטער פֿאָרקומען, און דיענען פֿאַר אַלעמען פֿאַר אַ צײַכען און פֿאַר אַ וואָרנונג. איין זוהן האָט ער אַ נאָמען געגעבען „שאר ישוב" (דער רעשט וועט ווידערקעהרען), כדי אָנצוּווײַזען, אַז אַ טײל פֿון פֿאָלק וועט זיך ווידער אומקעהרען צו גאָט מיט'ן גאַנצען האַרצען, אָבער נאָר ד ע ר ר ע ש ט פֿון פֿאָלק; אַ צווייטען זוהן האָט ער אָנגערופֿען „מהר שלל חש בז" (געשווינד וועט ער פֿאַר אַ רויב ווערען), כדי האָדורך פֿאָראויסצוזאָגען, אַז צווײ געפֿעהרליכע געגנער פֿון דוד'ס הויז, שומרון און ארם, וועלען באַלד ווערען אַ רויב פֿאַר אשור און מעהר שוין נישט קאָנען ברענגען קיין שאָדען דער מלוכה פֿון יהודה. העכער 40 יאָהר (פֿון 825 ביז 780 פֿאַר'ן צווײטען חורבן) האָט ישעיה מיט פֿולען אײַפֿער און מסירת־נפש זײַנע נבואות דעם פֿאָלק געזאָגט. אין די געפֿעהרליכסטע לאַגעס, ווען אַלע, גרויס און קלײן, קעניג און שרים, זענען אַרײַנגעפֿאַלען אין פֿערצווייפֿלונג, איז ישעיה אַרויסגע־טראָטען מוטיג און האָט אַלעמען געטראָסטען און געטרייסט, און צוגעגעבען מוט דורך זײַן פֿעסטען בטחון און האָפֿנונג אויף גאָט.

דאָס ערשטע מאָל איז ישעיה אַרויסגעטראָטען אַלס נביא אין'ם יאָהר פֿון עוזיהו'ס טויט, און, ווי עס שײַנט, איז ער דאַמאַלס אַלט געווען אַ יאָהר דרײַסיג. ער האָט איבערגעגעבען דעם פֿאָלק, מעגליך, אויפֿ'ן באַרג מוריה, נעבען בית־המקדש, די נבואה, וועלכע ער האָט געזעהען און ווי אַזוי ער איז געוועהלט געוואָרען פֿאַר אַ נביא. ער דער־צעהלט, ווי אַזוי ער האָט גאָט געזעהען זיצען אויף זײַן ערהאַבענעם טהראָן, אַרומגערינגעלט פֿון מלאכים מיט פֿליגלען—שרפים—

„שרפים שטעהען גאָט אַרום
„הייליג, הייליג רופֿען זיי,
„הייליג איז דער גאָט צבאות,
„פֿול זײַן כבוד איז די ערד! —
„און דער שטימע־קלאַנג איז הויך,
„אַזש די שוועלען פֿונ'ם מקדש
„ציטערען; געדיכטען רויך
„איז דער מקדש פֿול געוואָרען.

„— אוי, וועה מיר, האב איך געזאגט:
„כ׳בין פערניכטעט, דען א מענש
„פול אומרייגער שפראך בין איך
„און אינמיטען פון א פאלק
„מיט א אומרייגער שפראך זיץ איך, —
„דאך דעם קעניג—גאט־צבאות
„האט מיין מענשליך אויג געזעהען!
„דאן איז איינער פון די שרפים,
„פליהענדיג, צו מיר געקומען
„און א קויהל, רויט גליהענדיג,
„מיט דער צוואנג האט ער גענומען
„פון מזבח, און בעריהרט האט
„מיר דעם מויל, און האט געזאגט:
„— אט האט דאס בעריהרט די ליפען
„דיינע, און דיין זינד איז שוין
„אבגעטהון פון דיר, און אויך
„דיינע פעהלערען פערגעבען.
„און איך האב געהערט די שטים
„פון מיין גאט, ווי זי טהוט רעדען:
„— ועמען שיקען, ווער וועט געהן
„און איך האב דערויף געזאגט:
„— דא בין איך, טא שיק זשע מיך!
„און ער האט צו מיר געזאגט:
„— געה און זאג צו אט דעם פאלק:
„הערען זאלט איהר אהן פערשטאנד
„זעהען זאלט איהר אהן קיין זין.
„טעמפ איז דאך דאס הארץ פון פאלק,
„זיינע אויערען פערטויב,
„זיינע אויגען ווענד איהם אב,
„און ער זאל נישט זעהען, הערען,
„זאל זיין הארץ גארנישט פערשטעהן...
„טאמער וועט ער זיך אומקעהרען
„און געהיילט שוין ווידער ווערען...
„און איך האב געזאגט: ווי לאנג,
„אה, מיין גאט, ביז וואנען!
„און ער האט דערויף געזאגט:
„— ביז די שטעדט פערוויסטעט זענען
„אהן בעוואהנער, און די הייזער
„אהן קיין מענשען, און דער באדען

„ווײסט און לעער וועט ליגען בלײבען.
„גאָט וועט מענשען ווײט פערטרײבען,
„גרויס וועט זײן אין לאַנד דאָס עלענד...
„אויב אײן צעהנטעל וועט נאָך בלײבען
„וועט עס אויך פערניכטעט ווערען...
„אָבער ווי דער שטאַרקער דאָמב
„און די פלאַמען—בלײבט זײן שטאָם
„הײליג וועט אויך זײן דאָס פאָלק,
„פונ'ם לאַנד דער גרויסער שטאָם".

אין זײן ערשטער רעדע האָט ישעיה נאָר אָבערפלעכליך בעריהרט די פערדאָרבענהײט פון די שרים און זקנים, אָנווײזענדיג, אַז זײ זענען ווײט פון טהון גוטס. אין אַן'אַנדער רעדע האָט ער שוין אָנגעהויבען רע־דען שאַרפער און האָט בעוויזען די שרים, ווי אין אַ שפּיגעל, זײערע שגעונות און פערדאָרבענהײט. ער שמײסט זײ אין פּנים זײער געצענ־דיענערישע פערבלענדעניש, זײער אָבשפּאַטען פון דער גערעכטיגקײט, זײערע רויבערײען און גערוסטיגקײטען און, בעזונדערס, זײער גאוה, ווי אויך דעם לוקסוס און אויסגעלאַסענקײט פון זײערע פרויען. דערבײ האָט דער נביא זײ בעוויזען די פאָלגען פון זײערע מעשים און דער צוקונפט:

„גאָט וועט אָבער צום געריכט שוין געהן,
„מיט די עלטסטע פון זײן פאָלק און זײנע פירשטען:
„וועה, מײן ווײנגאָרטען האָט איהר גלאַט אָבפרעסען!
„וועה, די גזלה פון דעם אָרעמאַן
„האַלט איהר זיך אין אײערע רײכע הײזער!
„ווי אַזוי דערוועגט איהר זיך,
„מיט די פּנים מײן פאָלק צו טרעטען,
„צוצודריקען מיר דעם אָרעמאַן?"

ישעיה האָט אָנגעוויזען, וואו ס'איז געווען די הויפּט־סבה, וואָס האָט געבראַכט דערצו, אַז מען זאָל אָבווענדען זיך פון דער אידישער תורה און ווערען הארט־הערציג און אונגערעכט געגען דעם אָרעמאַן. דאָס איז געווען די תאוה צו פערגעניגענס, די גלוסטיגקײט, וועלכע די ווײ־בער האָבען בעזונדערס שטאַרק דערוועקט; כדי צו קאָנען ערפילען אַלע זײערע תאוות, האָבען די פרויען אָנגערעדט די מענער, צו בערוי־בען דאָס אָרעמע פאָלק, צו פערקנעכטען דעם שוואַכערען שכן. דער נביא קלאָגט זיך:

„ווײבער הערשען אויף מײן פאָלק"

ווי אַזוי הערשען זײ? דורך זײער תאוה, צו געפעלען די מאַנספּילען, דורך זײער ליעבע צו ציערונגען, צו בעפוצען זיך, דורך זײער קונסט

צו פערפיהרען די מאנסבילען און אפילו נאך גאר יונגע קינדער:

„וויל צו־שטאלץ זענען געווארען
„ציונס טעכטער, דען זיי געהען
„מיט געשטרעקטע, בלויזע העלזער,
„און מיט אויגען — פלאמען־פייער;
„טריט־ביי־טריט נאר געהען זיי,
„און ביי'ם געהען קלינגען זיי.—
„אבער גאט וועט זיי דעם שייטעל
„קרעציג מאכען; דאס געהיימניס
„זייערס וועט ער אויך אבדעקען...

מיט שטוינענדער גענויאיגקייט שילדערט דער נביא די פראכט־ליעבע פון ציונס־טעכטער: זייערע קייטעלעך, זייערע נעצען, זייערע האל־בע לבנות, זייערע אוירינגלעך, זייערע שלייערס, זייערע קריינדלעך, זייע־רע גארטעלעך, זייערע רינגען, זייערע טיכער, זייערע טורבאנען און זיי־ערע קאפ־טיכער.

אין כדי נישט אבצושטעלען זיך ביי דער דאזיגער טרויעריגער רעדע, הויבט דער נביא אן צו רעדען פארביי־געהענד אין א טאן פול מיט האפ־נונג: נאכדעם ווי גאט וועט אבוואשען די אונרייניקייט פון ציונס טעכ־טער, וועט אויפ'ן הויכען בארג ציון און אויף די טהורעמס פון ירושלים ווידער שטעהן א וואלקען־זייל ביי טאג און א פייערדיגע זייל ביי נאכט, צו בעשיצען געגען יעדעס שלעכטע וועטער און אונגליק. באלד אבער קעהרט זיך אום דער נביא ווידער צו זיינע שטראף־רייד.

צי האט אט די געוואלדיגע מייסטערהאפטע רעדע, סיי לויט איהר אינהאלט, סיי לויט דער פארם, געמאכט אן איינדרוק אויף די צוהע־רער? אויף א לאנגע צייט האט זי קיין בעסערונג ביי'ם פאלק נישט ארויסגעבראכט. ווארום סיי ישעיה, סיי די אנדערע נביאים פון זיין צייט, האבען גאנץ אפט געמוזט שטראפען געגען איינע און די זעלבע פער־ברעכענס. דעם אידעל קאן מען בכלל נישט אזוי לייכט אויסבעסערען; פון די דראהונגס־רעד לאכט ער זיך געוועהנליך אויס, און פטר'ט זיך אב מיט זיין שטאלצער פעראכטונג. גאר אומזיסט, אויפ'ן ווינד, זענען אבער די אינהאלטספולע רעדעס פון די נביאים נישט געוועזען געזאגט: זיי האָ־בען געווירקט אויף יענע קרייזען, פאר וועלכע זיי זענען גארנישט גע־זאגט געווארען; זיי האבען אויך געווירקט אין די שפעטערדיגע צייטען. ווי מיט א דונער־שטימע האבען זיי אויפגעוועקט דאס שלאפענדע געווי־סען. ישעיה האט זיך אבער דערמיט נישט בענוגענט, וואס ער האט בלויז געשטראפט פאר די שלעכטע מעשים; ער האט אויך געשילדערט א אידעאל פון א בעסער לעבען, וואס די מענשען קאנען דורך זיין פער־ווירקליכונג קומען צו זייער גליק און צו זייער פולער בעפרידיגונג. דער

קענִיג דארף נִישט רִיכטען בלויז נאָכ'ן אויסערלִיכען, און נאָך דעם, וואָס ער האָט מִיט זײַנע אויערען געהערט. „ווער עס בעגעהט זיך מִיט גערעכטִיגקייט, רעדט נאָר דעם אמת, פערהאַסט דעם פערדִינסט, וואָס שטאַמט פוּן אונרעכט, שאָקעלט אָב זײַנע הענד פוּן צו נעהמען שוחד, פערשטאָפּט זײַנע אויערען, נִישט צו הערען קײן בלוט־שולד, און פערמאַכט זײַנע אויגען, נִישט צו זעהען קײן שלעכטס,— אַזאַ מענש וועט וואָהנען אִין דער הויך“. דאָס דִיענען גאָט בלויז מִיט דִי לִיפּען, דאָס לויבען גאָט מִיט'ן מויל, ווערהרענד דאָס הארץ אִיז נִישט דערבײַ, דאָס „אויסגעלערנטע געבאָט פוּן מענשען“—וועגען דעם האָט ישעיה גערעדט מִיט דער גרעסטער פעראַכטונג; נאָך מעהר האָט ער פעראורטײַלט דאָס ברענגען קרבנות און בלײַבען דערווײַל פאַלש צו גאָט און שלעכט פאַר לײַטען:

„וואָצו דִי פִיעל קרבנות אײַערע?— פרעגט גאָט:
„אִיך בִין שוין זאַט מִיט פעטס פוּן אָקסען, בעק פערברענטע!
„אִין בלוט פוּן רִינדער, שעפסען, בעק—דאָס ברויך אִיך נִישט...

„און קומט אִיהר מִיך בעזוכען אִין מײַן טעמפּעל,
ווער האָט אָט דאָס פוּן אײַך פערלאַנגט?—
„אִיהר טרעט דאָך נאָר מײַן הויף!
„אִיהר זאָלט נִישט ברענגען מעהר קײן פאַלשע גאָבען,
„דער ווײַהרויך אִיז אַ גרויל פאַר מִיר!
„בעשטִימט אִיהר יום־טוב, שבת אַ פערזאַמלונג,
„אִיז דאָס פערברעכען, כ'קאָן דאָס מעהר נִישט לײַדען:
„חדשים, פײַער־טעג פוּן אײַך פערהאַס אִיך,
„זײ זענען מִיר אַ משא, מִיעד בִין אִיך פוּן זײ!“

ווי אַזוי אָבער ברויכט מען פאָרט צו לעבען? דער נביא ישעיה שטעלט ארויס געגען דעם יאָגען זיך נאָך פערגעניגען, געגען דער אונמעסִיגקייט, וועלכע שטאַמט פוּן עשירות,— דאָס אײַנפאַכע לעבען פוּן אַ פאַסטוך, אַלס אַ מוסטער, ווי דִי אָבות האָבען געלעבט פארצײַטען, און ווי דִי פאַמִילִיע פוּן רכב האָט אַ לאַנגע צײַט געלעבט. יעדערער דארף האָבען אײַן בהמה און אַ פאָר שעפּסען; מִילך און האָנִיג וועט יעדערער נאָך האָבען גענוג, ווער עס וועט אִין לאַנד בלײַבען. דִי השגה פוּן גאָט, אַלס דעם יסוד פוּן רײַנע, מאָראַלִישע מעשים און פוּן אַ שענער, מאָראַלִישער געדאַנקען־וועלט, האָט דער נביא גלײַכגעשטעלט מִיט דער הײלִיגקייט און דער ערהאַבענהייט. דער נביא ישעיה האָט שטענדִיג געצײכענט דעם בעגרִיף „גאָט“, אַלס „דעם הײלִיגען פוּן ישראל, דעם ערהאַבענעם, וואָס זײַן הערלִיכקייט אִיז פוּל אִין דער גאַנצער וועלט“.

ווי עס שײַנט אָבער, האָט ישעיה אָנגעווענדעט נאָך אײן מִיטעל,

אויסער זיינע פייערדיגע רעדעס, צו היילען די מאראלישע און רעליגיעזע
פעהלערען פון יהודה. ווי שמואל און אליהו, האט אויך ישעיה פערזא־
מעלט ארום זיך א קרייז פון יונגע, גלייכגעזינטע מענשען, אדער ער
האט אליין ערצויגען תלמידים, וועלכע ער האט מיט זיין גייסט בע־
נייט און געשטארקט. ווי עס שיינט, האבען זיך בעזונדערס פיעל ארום
איהם פערזאמעלט יענע אונגליקליכע, וועלכע האבען געליטען רדיפות
און אונטערדריקונגען מצד די רייכע און אונגערעכטע שטארקע מענשען
פון יהודה. די דאזיגע קרבנות פון דער אונגערעכטיגקייט זענען געווארען
אי זיינע תלמידים, אי זיינע קינדער. ישעיה האט געלערנט זיינע תלמידים
נישט אזוי, ווי אליהו, צו זיין העפטיגע, שטורמישע, אייפערזיכטיגע פער־
טרעטער פון דער רעליגיע; ער האט זיי געלערנט צו זיין מילד, געדולדיג,
ליעבעפול און צו האבען בטחון אין גאט. דער קרייז, וועלכער האט זיך
פערזאמעלט ארום ישעיהו, אדער וועלכען ער האט אליין פערזאמעלט
ארום זיך, האט בעקומען דעם נאמען „די ענוים“, אדער די „דולדער פונ'ם
לאנד“. דאס זענען געווען געבארענע, אדער געווארענע ארעמע לייט.
די רייכע און שטארקע פון יהודה האבען בערויבט זייערע עלטערען אדער
זיי גופא. זיי אליין האבען זיך גערופען פראסט „ארעמע לייט“. אט די
„ענוים“ זענען געווארען א בעזונדערע געמיינדע, וועלכע דער נביא
ישעיה און די שפעטערדיגע נביאים האבען בעטראכט, אלס דער קערן
פון פאלק; דער דאזיגער געמיינדע זענען די נביאים געווען ערגעבען
בלב ונפש. פון דער דאזיגער געמיינדע האבען זיי ערווארטעט א בעסע־
רונג, א בעניייאונג פאר'ן גאנצען פאלק; די ארעמע לייט האבען גע־
דארפט ווערען א מוסטער פאר'ן פאלק.

צווישען די „ענוים“ זענען אויך געווען פיעל לוים, מעגליך, גאר,
אז זיי זענען געווען די מייסטע אין דער „געמיינדע“, דען די לווים הא־
בען געהאט פיעל צו ליידען פון די כהנים, וועלכע פלעגען זיי בעטראכ־
טען און בעהאנדלען שיער נישט ווי שקלאפען. צווישען די לווים זע־
נען געווען פיעל געלערנטע זינגער און דיכטער, וועלכע האבען די
ניי דערוועקטע שטימונג פון פעסטען בטחון אין גאט, פון ענוות און פון
אבזאגען זיך פון פערגעניגענס, פעראייביגט אין די ליעדער, וועלכע זיי
האבען געדיכטעט. די דאזיגע ליעדער זענען געווען איינער מין תהלים־
געזאנגען, וועלכע האבען זיך בעזונדערס אויסגעצייכענט דורך דער
טיעפקייט פון געפיהל. און אויב זיי זענען נישט געדיכטעט געווארען טא־
קי דורך ישעיהו'ס תלמידים גופא, זענען זיי אבער געווים א פראדוקט
פון ישעיהו'ס שולע, דען זיין גייסט שפיגעלט זיך אב אין זיי. די דאזיגע
תהלים־ליטעראטור, וועלכע האט שפעטער זיך געלאזט הערען אין פרעמ־
דע, נישט אידישע טעמפלען און גאטעס־הייזער, וועלכע זי האט בע־
ציערט און דערהויבען, איז געווארען א טרייסט פאר מיליאנען מענשען
אין פערשידענע צייטען, ווען די געוואלדטעטיגקייט, שלעכטסקייט און

מענשען־פיינדשאפט האט זיך ווי א שטורם אריבערגעצויגען איבער די שוואכע און ארעמע מענשען. די זינגער פונ׳ם קרייז פון די לויים, וועלכע האבען שטענדיג געוואהנט ביי׳ם בית המקדש, האבען קיין העכערען וואונש נישט געהאט, ווי „צו זיצען אנגעשטערט אין גאטעס הויז און זינגען איהם לויב־ליעדער“. דער געזאנג האט דערהויבען די „ענוים“ גאנץ הויך איבער די טעגליכע יסורים און די צייטווייליגע רדיפות. אין די פערשידענסטע פארמען האבען זיי אויסגעדריקט די דאזיגע געדאנקען און געפיהלען. דער גרונד־טאן, דער הויפט־מאטיוו אבער פון זייער געזאנג איז געווען דער בטחון אין גאט, אז ער וועט בעצאהלען רייך פאר׳ן ליידען יסורים און פאר׳ן בענוגענען זיך מיט אנ׳איינפאכען לעבען.

ישעיהו׳ס נבואות האבען זיך בעצויגען נישט בלויז אויף דעם אידישען פאלק און דעם אידישען לאנד; ווייט איבער די אידישע גרענ־צען האט דער נביא זיין בליק געווארפען, בעזונדערס אויף די צוויי גרוי־סע מלוכות, וועלכע האבען ווי שווערע וואלקענס זיך געדארפט אראבלא־זען אויף יהודה און ישראל, אויף מצרים און אשור. דאס לאנד פונ׳ם טייך נילוס, וועלכעס איז א מאל געווען מעכטיג און האט געהערשט אי־בער דער וועלט, איז דורך די אינערליכע אונארדנונגען געווארען אלץ שוואכער. אונטער דעם שוואכען קעניג באקחארים פון דער שטאדט סאיס האבען אין מצרים אנגעהויבען צו קעמפפען פערשידענע פארטייען, וועלכע זענען געווען זעהר פיינדליך איינע געגען דער אנדערער; די אנ־פיהרער פון די דאזיגע פארטייען האבען זיך בעפעסטיגט אין פערשיע־דענע שטעדט און ערקלערט זיך פאר אונאבהענגיגע פירשטען. וועגען אט דער צוריסענהייט פון מצרים האט ישעיה גערעדט אין זיין נבואה וועגען מצרים און האט פאראויס געזאגט, אז א מעכטיגער קעניג וועט פערא׳יניגען אלע קליינע פירשטען פון מצרים און וועט דאס לאנד פער־קנעכטען אונטער זיין שווערען יאך.

און דער ווירקליכקייט האט מצרים דאמאלס איבערגעלעבט א שווערע צייט. פון לאנד עטיאפיען (כוש) איז דאמאלס געקומען דער קעניג סאבאקא מיט א גרויסער ארמעע מלחמה צו האלטען מיט מצרים. סאבאקא האט גוט געוואוסט, ווי שוואך מצרים איז געווארען צוליעב די אינערליכע סכסוכים און מלחמות, און ער האט די דאזיגע שוואכ־קייט אויסגענוצט; ער האט גענומען געפאנגען דעם קעניג פון מצרים, באקחארים, און האט זיך אליין געזעצט אויפ׳ן טהראן פון מצרים (740 פאר דער געוועהנליכער צייטרעכנונג). סאבאקא האט אלזא געגרינדעט אין מצרים א נייע עטיאפישע מלוכה־משפחה, וועלכע האט בעהערשט דאס לאנד א יאהר פופציג אונגעפעהר. מיט אנ׳אייזערנער האנד האט דער נייער קעניג רעגירט איבער מצרים, און איז, צוליעב זיין גרויסער הצלחה, אזוי שטאלץ געווארען, אז ער האט אנגעהויבען טראכטען וועגען איינעהמען נאך

אַנדערע מלוכות. פֿון לאַנד יהודה האָט ער גענומען געפֿאַנגען פֿיעל אי־
דען און פֿערקויפֿט פֿאַר קנעכט אין ווייטע לענדער. ווי עס שיינט, האָט
דער קעניג יותם געקויפֿט ביי איהם דעם שלום אויך אַזוי, ווי דער קעניג
פֿון ישראל, מנחם, האָט מיט אַ יאָהר צעהן פֿריהער געקויפֿט דעם שלום
ביי פֿול, דעם קעניג פֿון אשור. יותם האָט געמוזט געבען אָבצאָהל דעם
נייעם קעניג פֿון מצרים, און די עגיפּטישע בעאַמטע זענען געגאַנגען אי־
בער'ן גאַנצען לאַנד יהודה, איינצומאָהנען די אָבצאָהלונגען. ביידע אידי־
שע מלוכות זענען אין אַ קורצער צייט אַראָבגעפֿאַלען פֿון דער גרויסער
מאַכט, וועלכע זיי האָבען געהאַט אין די צייטען פֿון ירבעם דעם צווייטען
און עוזיהו. ווען זיי זענען געוואָרען שרעקליך אפילו אויך פֿאַר זייערע
שכניש'ע פֿעלקער. ביידע מלוכות זענען איצט נאָר לפנים געוועזען
זעלבּסטשטענדיג; אין דער ווירקליכקייט אָבער, זענען זיי געוועזען אונטער־
טעניג צוויי מעכטיגע מלוכות: ישראל—ביי אשור, און יהודה—ביי מצרים.
אשור און מצרים זענען געשטאַנען פֿון ביידע זייטען פֿונ'ם אידישען
לאַנד, ווי די ריעזען־פֿיינד איינער געגען דעם אַנדערען, גרייט צו וואַר־
פֿען זיך איינער אויף דעם אַנדערען. דאָס מלחמה־פֿעלד האָט געדאַרפֿט
זיין דאָס צווישענלאַנד — ארץ ישראל, ווי עס האָט אויך געדאַרפֿט ווע־
רען דער פּרייז פֿונ'ם נצחון.

פֿיעל בעדייטענדער איז דער פֿאַקט, וואָס אינ'ם איצטיגען קריטישען
מאָמענט, אין דער צייט פֿון דער גרעסטער נויט, האָט דאָס אידישע פֿאָלק
זיך געווענדעט נישט צו די נביאים, וועלכע פֿלעגען צו זיי רעדען מיט
אַ האַרצעדיגער, ליעבעפֿולער שפּראַך, נאָר צו די הויז־געטער, צו די
מומיען און בילדער (תרפים), אָדער צו די מכשפים, וועלכע פֿלעגען פֿאַר
געלד די צוקונפֿט זאָגען. געגען אָט די ווילדע מעשים איז אַרויסגעטראָ־
טען איין נביא, ווי עס שיינט, אויך אַ ירושלים'ער, מיט'ן נאָמען זכריה,
דער זוהן פֿון יברכיהו, (אָדער זכריה דער ערשטער). מיט דער פֿייערדי־
גער און בע'חנ'טער בערעדעוודיגקייט פֿון ישעיהו'ן קאָן מען אָבער דעם
דאָזיגען נביא'ס רעד בשום אופֿן נישט פֿערגלייכען. זכריה ווענדט אָפּט
אָן פֿערגלייכענישען פֿונ'ם פּאַסטוך, מיט וועלכען ער מיינט דעם קעניג,
און פֿון דער טשערעדע, וועלכע בעציהט זיך אויפֿ'ן פֿאָלק. ער זאָגט אויך
בנבואה, אַז די אידישע שכנים, די פֿעלקער, וועלכע פֿלעגען תמיד דרי־
קען אידען, אָדער מאַכען אויף זיי אַנפֿאַלען—די אַראַמייער, פֿעניקיער
און אפילו אויך די פלשתים, וועלען נאָך אַ מאָל אין דער צוקונפֿט אַנער־
קענען דעם אידישען גאָט, און ער וועט זיי אויפֿנעהמען, ווי גלייכבערעכ־
טיגטע קינדער, ווען נאָר זיי וועלען אַוועקוואַרפֿען זייער פֿערברעכעריש
אונמאָראַליש לעבען און זייער פֿאַלשע גאוה.

פֿיל טרייסט און געהויבענעם פֿרישען מוט איז געוועזען זכריהו'ס
נבואה, בעזונדערס פֿאַר'ן אידישען פֿאָלק. גאָט אַליין וועט נאָך אַ מאָל
צוריק פֿעראייניגען ביידע הייזער, יהודה און אפרים, און זייערע פֿער־

טריבענע קינדער וועט ער פון די גלות־לענדער צוריק ברענגען אין ארץ־ישראל. אויב זיי זענען אפילו צוזייהט צווישען די פעלקער, וועלען זיי אין די ווייטע לענדער אָן גאָט, זייער פאָטער, זיך דערמאָהנען און צוריקקעהרען מיט זייערע קינדער; פון מצרים און אשור וועט גאָט זיי צוריקברענגען, ער וועט זיי זאַמלען און פיהרען קיין גלעד, צום לאַנד פון לבנון, וועלכע וועט ווערען פאַר זיי צו־קליין. די גאוה פון אשור וועט דערניעדריגט ווערען, און די ביטש פון מצרים וועט שוואַך ווערען. בעזונדערס דייטליך וויזט אָן דער נביא אין זיינע פערשטעלטע רעד אויפ'ן קעניג פון ישראל, פקח דער זוהן פון רמליהו, אויפ'ן דאָזיגען „נאַרישען פאַסטוך", וועלכער האָט בעהאַנדעלט זיינע שעפסען נאָך מיט וועניגער רחמנות און פערשטאַנד, ווי דער קעניג מנחם. מעגליך, אַז ביי'ם נביא האָט מען שוין צוגענומען די וואָרט־פרייהייט, און ער איז געווען געצוואונגען צו רעדען פערשטעלט, אנווענדענדיג דעם משל מיט דער מליצה: „גאָט האָט בעשטעלט אַ פאַסטוך איבער דעם פאָלק און האָט איהם געגעבען צוויי שטעקענס: איינעם האָט ער אָנגערופען „נועם", אָדער „ליעבליך", דעם אַנדערען — „חובלים", אָדער „צוזאַמענבונד", נאָר וויל דאָס פאָלק האָט זיך אָבגעזאָגט פון זיין גאָט, האָט גאָט זיך פון איהם אויך אָבגעזאָגט; צוערשט האָט ער צובראָכען דעם שטעקען „ליעבליך", וויל ער וועט זיך שוין מעהר נישט בעגעהן מיט זיין פאָלק ליעבליך און מיט גנאָד, און וועט צורייסען זיין בונד, וואָס ער האָט מיט אידען געשלאָסען; דערנאָך האָט ער אויך צובראָכען זיין שטעקען „צוזאַמענבונד", וויל ער וועט צוברעכען די ברידערשאַפט צווישען יהודה און ישראל. גאָט האָט בעשטעלט אַ נייעם פאַסטוך, אַ גרויזאַמען. דאָס פאָלק פערדיענט אפילו נישט קיין בעסערען, צי וועט דען אָבער נישט בעשטראָפט ווערען דער פאַסטוך, וועלכער פערלאָזט זיין טשערעדע?

אין דערווירקליכקייט איז צוריסען געוואָרען דער בונד פון פריינדשאַפט, וועלכער איז געווען צווישען יהודה און ישראל פאַר די צייטען פון די מלכים עוזיהו און יותם, ווי זכריה האָט נבואה געזאָגט: שנאה און מחלוקת האָט זיך ווידער אָנגעהויבען צווישען ביידע טיילען פון אידישען פאָלק. וואָס איז געווען די סבה דערפון? גענוי איז דאָס שווער צו זאָגען. מען קאָן זיך נאָר משער זיין פאָלגענדעס: דער נייער קעניג פון יהודה, אחז (פון 809 ביז 795 פאַר'ן צווייטען חורבן), וועלכער איז אַרויפגעשטיגען אויפ'ן טהראָן, אַלס אַ פינף און צוואַנציג יעהריגער יונגערמאַן, איז געווען אַ שוואַכער קאָפּ, אַ האַלב־מבולבל'ער מענש, וואָס האָט כלל נישט געפּאַסט פאַר אַזאַ געפעהרליכער צייט. גאַנץ וויכטיגע, פיעל בעדייטענדע פאָליטישע פערוויקלונגען זענען פאָרגעקומען אין זיין רעגיערונג, און ער האָט אַליין געזאָלט איינגעשלונגען ווערען דורך זיי, נישט האָבענדיג קיין מעגליכקייט אויסצודרעהען זיך. אַ קורצע צייט נאָך זיין בעשטייגען דעם טהראָן האָט זיך איהם געשטעלט אַ פראַגע פון גרוי־

סער בעדייטונג: צי זאָל ער צוטרעטען צום פערטיידיגונגס־בונד, וואָס עס האָבען געשלאָסען געגען אשור דער מלך פון ישראל, פקח, מיט'ן אראַמייאישען קעניג, רצין, פון דמשק, און ווי עס שיינט, מיט נאָך פיעל אנדערע מלכים און לענדער? דען די דאָזיגע לענדער זענען געווען געצוואונגען, ווי עס איז שוין דערמאָהנט געוואָרען, זיך צו פעראייניגען געגען דער סכנה, וואָס איז זיי פאָרגעשטאַנען פון צוויי צדדים: פון דעם קעניג סאַבאַקאָ פון מצרים און פון אשור, וואו ס'האָט געהערשט דער קעניג תגלת פלאָסר, וואָס האָט געהאַלטען אין איין טראַכטען וועגען איינגעהמען גרויסע לענדער. נאָכדעם ווי תגלת פלאָסר האָט איינגענומען פיעל פעסטע שטעדט אין מעסאָפּאָטאַמיען און האָט זיי חרוב געמאַכט, האָט ער זיך אַ קעהר געטהון צו די לענדער, וואָס זענען געלעגען אין מערב־זייט פון טייך עפראַט, און צו דער לבנון־געגענד, כדי איינצונעהמען זיי אינגאַנצען. נאָכדעם ווי דער אסירישער קעניג, פול, האָט זיי געמאַכט זיך אונטערטעניג און געצוואונגען זיי צו ברענגען איהם יעהרליך אַבצאָהלונגען. און אַט כדי צו קאָנען זיך שטעלען געגען תגלת פלאָסר האָבען די מלכים רצין, פון דמשק־ארם, און פקח, פון ישראל, געשלאָסען צווישען זיך אַ פערטיידיגונגס־בונד, צו וועלכען זיי האָבען איינגעלאַדען צוצושטעהען אויך דעם קעניג אחז פון יהודה. אחז האָט זיך אָבער אָבגעזאָגט צוצושטעהען צו זייער בונד, און דעריבער האָבען זיי אונטערגענומען געגען איהם אַ מלחמה.

ווען אין ירושלים האָט מען זיך וועגען דעם דערוואוסט, איז אין דער קעניגליכער משפחה פון דוד'ס הויז געוואָרען אַן'אמת'ע מהומה, בפרט נאָכדעם, ווי ס'איז בעוואָרען געוואוסט, אַז די פערבונדעטע מלכים האָבען בעשלאָסען נישט בלויז ירושלים איינצונעהמען, נאָר אויך אראָבצוואַרפען פון טהראָן דוד'ס קעניגליכעם הויז און צו מאַכען אין יהודה פאַר אַ קעניג אַ געווויסען מענשען, וועלכער איז געווען פערבונדען מיט פקח און רצין, בן־טבאַל. די לאַגע איז נאָך פיעל שווערער געוואָרען דאַדורך, וואָס אין ירושלים גופא איז געווען אַ גרויסע פּאַרטיי, וועלכע האָט געהאַלטען מיט די פערבונדעטע און זיך בעצויגען פיינדליך צו אחז'ן. די דאָזיגע פּאַרטיי, משמעות, די „פירשטען פון יהודה“ זענען זעהר בייז געווען אויף אחז'ן, פאַרוואָס ער האָט זיך נישט פעראייניגט מיט די פערבונדעטע מלכים, כדי אַרויסצוטרעטען אין קאַמפף געגען אשור, דען דורך דעם דאָזיגען קאַמפף האָבען זיי געהאָפט צו בעקומען די געלעגענהייט רייך צו ווערען און פערגרעסערען זייערע גיטער. די בעסערע מענשען פון פאָלק האָבען אָבער געהאַלטען מיט'ן קעניג אחז, בעזונדערס די נביאים און זינגער זענען געווען פאַר איהם שטאָהל און אייזען, נישט צוליעב זיין ווירכטיגער פערזענליכקייט, נאָר צוליעב זייער ערגעבענהייט צום הויז פון דוד המלך, וועלכער איז אינ'ם משך פון די עטליכע הונדערט יאָהר געוואָרען דער סימבאָל פון דער אידישער זעלבסטשטענדיג־

קײט אין די אויגען פון פאָלק. אבער די מחנות פון פקח און רצין זענען דערװײל אנגעפאלען אויף די אָפענע שטעדט און גענומען געפאנגען פיעל פון פאָלק, װעלכע זײ האָבען אװעקגעפיהרט, צו פערקויפען פאר קנעכט. א טײל פון די אראמײאישע מחנות זענען אויך אנגעפאלען אויף אדום, װעלכעס איז נאך געװען אונטערטעניג בײ יהודה, און האָבען אבגעריסען אדום פון יהודה; אויף אזא אופן האָבען זײ אויך צוגענומען בײ יהודה די װיכטיגע פאָרט־שטאָדט אילת אויפ׳ן רויטען ים און ארויסגעטריבען פון דאָרט די פיעל אידען, װעלכע האָבען זיך דאָרט בעזעצט פון די צײטען פון שלמה, אדער פון אמציה. אילת איז איבערגעגעבען געװאָרען צו אדום, און פאר אידען איז פערלאָרען געגאנגען זײער פלאַטץ און מיט איהם אויך דער מסחר מיט אינדיען. פקח און רצין זענען צוגעקומען נעהנטער צו ירושלים און אנגעהויבען מאכען הכנות, איהר צו בעלאגערען. דעמאָלט ערשט האָט אחז אנגעהויבען טראכטען װעגען פערטײדיגען זיך, און האָט אין גרוים שרעק אונטערגענומען א פערצװײפעלטען שריט: ער האָט געשיקט בשתיקה שלוחים צום אסירישען קעניג, תגלת פלאסר, און געבעטען בײ איהם הילף געגען זײנע פײנד. דערפאר האָט ער זיך ערקלערט אלס אונטערטהאן פון אשור. דער דאזיגער שריט האָט איהם אפילו געקאָנט ברענגען הילף אין דער שװערער מינוט, ער האָט אבער געקאָנט װערען געפעהרליך אין דער צוקונפט, װײל די אסירער האָבען אין אזעלכע פאלען זיך בעגאנגען, װי שפעטער רוים: די לענדער, װעלכע פלעגען זיך װענדען צו זײ מיט א פרײנדשאפטליכען בונד, פלעגען זײ אזוי שטארק פעסט נעהמען אין זײער מאכט, אז זײ פלעגען דערנאך מאכען פון די ארעמע פעלקער—עלענדע שקלאפען. פאר יהודה האָט אבער די זאך געקאָנט װערען געפעהרליך נאך אויך פון אנ׳אנדער צד: פון מצרים. די מלוכה פונ׳ם נילוס האָט נישט געקאָנט צוזעהען רוהיג, אז אשור זאָל זיך צושפרײטען אזש ביז די גרעניצען פון מצרים, זי װאָלט דעריבער געמוזט מאכען אנ׳אנפאל אויף יהודה, נאך אײדער אשור װעט דאָרט זײן כאכט פערשפרײטען. אזוי ארום האָט עס געקאָנט קומען, אז יהודה זאָל װערען דער עפעל, איבער װעלכען די פעלקער רײסען זיך ארום; דאָס לאנד יהודה האָט געדארפט װערען דאָס פעלד, װאו צװישען צװײ מעכטיגע פעלקער, אשור און מצרים, זאָלען פארקומען בלוטיגע מלחמות.

אחז איז אבער געװען צו קורצזיכטיג, צו קאָנען זעהען די דאזיגע סכנה. ער האָט נאר געטראכט װעגען אבװענדען די אויגענבליקליכע געפאהר פון זײן קעניגליך הויז. און אט פאר דעם ציעל האָט ער מפקיר געװען די זעלבסטשטענדיגקײט פון זײן לאנד. דער נביא ישעיהו האָט דעריבער געװאָרענט דעם קעניג נישט צו אײלען זיך אין גרוים פחד.

ישעיה זעהט אין זײן נביאות, װי דאָס אידישע לאנד װערט דורך די מחנות פון אשור פערװאנדעלט אין א מדבר, און די בערג פון יהודה,

וועלכע זענען געוועזען בעדעקט מיט די אידעלע ווינשטאקען, וואס האבען געגעבען דעם פיינעם ווין, וועלכער טרייסט דעם מענשען אין זיין קומער און דערפרעהט איהם אין דער בעסערער צייט—די דאזיגע בערג ווערען פערוויסטעט.

תגלת פלאסר האט זיך באלד דערוואוסט, אז עטליכע מלכים האבען געגען איהם געשלאסען א בונד, און ער האט געלאזט גיהן זיין ארמעע אויף זייערע לענדער. צוערשט איז ער אנגעפאלען אויף דאס לאנד ארם, און דעריבער האט דער אראמייער קעניג, רצין, וועלכער האט צוזאמען מיט'ן קעניג פון ישראל, פקח, בעלאגערט ירושלים, געמוזט אבטרעטען פון ירושלים און אוילען צוריק אין זיין הויפט-שטאדט דמשק צו פערטיידיגען איהר; דאס זעלבע האט אויך געטהון פקח, וועלכער איז אבגעגאנגען קיין שומרון, וואו ער האט געדארפט מאכען די נויטיגע הכנות ארויסצוטרעטען געגען תגלת פלאסר, אויב ער וועט אויך אויף איהם אנפאלען. ירושלים איז דערוויל בעפרייט געווארען פון דער בעלאגערונג. רצין און פקח, „די צוויי שטיקלעך רויכיגע האלאוועשקעס", ווי דער נביא ישעיה רופט זיי אן שפאטיש, האבען אבער געמוזט טייער בעצאהלען פאר זייער ארויסטריט געגען אשור: תגלת פלאסר האט גענומען געפאנגען רצין און איהם געלאזט דער'הרג'ענען. דאס ארמייאישע לאנד האט ער איינגענומען און דמשק מיט איהר אומגעגענד, וועלכע די דאמאלדיגע שריפטשטעלער האבען פערגליכען מיט א גן עדן, צוליעב דער שענהייט און פרוכטבארקייט, האט תגלת פלאסר געמאכט פאר דער הויפט-שטאדט פון זיין אסירישער מלוכה. דאס גאנצע ארמייאישע לאנד האט פון דאמאלס אן בעקומען דעם נאמען אסיריען, אדער קורץ: סיריען.

פון דמשק האט תגלת פלאסר זיך געווענדעט קעגען דעם לאנד ישראל און האט איינגענומען איניגע בעפעסטיגטע שטעדט אויף די „הרי אפרים" און אין דער געגענד פון ירדן, דאס גאנצע לאנד פון די שבטים נפתלי, אשר און זבלון, ווי אויך דאס לאנד פון שבט דן ביי די קוואלען, פון וואנען דער ירדן געהט ארויס, אונטער דעם בארג חרמון. ווי עס שיינט, האט פקח אפילו נישט געמאכט די פראבע צו פערטיידיגען זיין לאנד געגען תגלת פלאסר און האט זיך גלייך אונטערגעווארפען אונטער אשור. תגלת פלאסר האט איהם דערפאר געשאנקען דאס לעבען, אבער די אידישע איינוואהנער פון די צפון-שטעדט, ווי אויך פון יענער זייט ירדן האט ער אבגעפיהרט געפאנגען און בעזעצט אין פערשיעדענע ערטער פון דער גרויסער אסירישער מלוכה (808 פאר'ן צווייטען חורבן).

אזוי זענען טיילוויז מקוים געווארען די נבואות, פון נביא עמוס. די מלוכה פון די צעהן שבטים האט פערלוירען כמעט א העלפט פון איהר לאנד און איהרע איינוואהנער; אין צפון האט שוין איהר גרעניץ זיך געענדיגט בלויז ביי'ם בארג תבור, און די קליינע געבליבענע מלוכה האט זיך אויך געמוזט אנערקענען פאר אונטערטעניג ביי אשור און שיקען

יעהרליך אָבצאָהל דער אַסירישער מלוכה, אויסער דעם, נאָך אויך גרויסע מתנות דעם מלך פון אַשור. געבראַכט האָט דאָס דאָזיגע אונגליק אויף זיין לאַנד נאָר דער קעניג פקח, און ס'איז קיין ספק נישט, אַז אין לאַנד האָט געהערשט אַ גרויסע אויפרעגונג געגען אָט דעם „נאַרישען פאַסטיך“, ווי דער נביא האָט אָנגערופען דעם קעניג פקח. די אויפרעגונג האָט ענדליך אויסגעבראָכען אין אַן'אָפענעם אויפשטאַנד, וואָס אין זיין שפּיץ איז געשטאַנען הושע, דער זוהן פון אלה, וועלכער האָט געהרג'עט דעם קעניג פקח(806 פאַר'ן צווייטען חורבן). נאָכדעם ווי ער האָט געקעניגט, צום אונגליק פון זיין לאַנד, צוויי און צוואַנציג יאָהר.

אויך אין דער מלוכה פון יהודה איז אין יענער צייט פאָרגעקומען אַן'ענדערונג (פון זעהר אַ טרויעריגער בעדייטונג. צוליעב זיין פחדנות, האָט דער קעניג אָחז זיך אַליין ערקלערט פאַר אַן'אונטערטהאַן דעם קעניג פון אַשור. ער איז איצט געווען געצוואונגען פערזענליך צו געהן קיין דמשק און פיהרען מיט זיך פיעל רייכע מתנות; דאָרט האָט ער זיך געדאַרפט אַנערקענען פאַר אַן'אונטערטהאַן און בוקען זיך פאַר'ן „מלך איבער אַלע מלכים“, ווי תגלת פלאָסר האָט זיך געלאָזט רופען. אָבער אַנשטאָט צו פיהלען די ערניעדעריגונג פון זיין פאָלק און די אייגענע שפלות ביי'ם בוקען זיך פאַר אַ קעניג פון אַ פיינדליך לאַנד, איז אָחז געווען פערנומען אין דמשק מיט'ן בעוואונדערען די גרויסקייט פון תגלת פלאָסר און דאָס לעבען פון די אַסיריער, און האָט געהאַלטען אין איין טראַכטען, ווי אַזוי איינצופיהרען די אַסירישע מנהגים, זייער געצענדיענעריי און זייער פּרעכטיג לעבען אויך אין ירושלים. איהם איז שטאַרק געפעלען דער מזבח, וואָס תגלת פלאָסר האָט געלאָזט אויסבויען אין דמשק, און ער האָט בעפויהלען דעם כהן גדול אוריה אויפצובויען אויך אין ירושלים אַ מזבח, לויט'ן בילד, וואָס ער האָט איהם צוגעשיקט פון דמשק. אוריה האָט קנעכטיש ערפילט אָחז'ס פערלאַנג; ווי פערוואונדערט איז ער אָבער געווען, ווען ער האָט דערזעהען, ווי אָחז, באַלד נאָך זיין קומען צוריק קיין ירושלים, האָט אַליין אָנגעהויבען ברענגען קרבנות אויפ'ן נייעם מזבח! אָחז האָט געוואָלט נאָכטהון די מלכים פון אַשור און שטעלען די מלוכה העכער פאַר דער כהונה, אָדער נאָכמעהר: די מלכים פון אַשור האָבען זיך געהאַלטען פאַר קינדער פונ'ם אָבגאָט, און זיי ברויכען כלל נישט קיין כהן, קיין פערמיטלער צווישען זיך און זייער פאָטער. אָחז האָט געוואָלט, אַז מען זאָל איהם אויך האַלטען פאַר אַ האַלבען גאָט. אָחז האָט בכלל נישט געשפּירט די גרויסע ערניעדעריגונג פון זיין רייזע קיין דמשק; ער איז פיעל־מעהר געקומען צוריק קיין ירושלים שטאָלץ ביי זיך, און האָט אַלץ מעהר אָנגעהויבען נאָכצוטהון אַשור אין יעדער הינזיכט. ער האָט איינגעפיהרט אין ירושלים דעם נייעם דיענסט צו דער זון און די שטערען. ווי עס שיינט, האָט ער איבער'ן טהויער פון בית המקדש אַרויסגעשטעלט דאָס בילד פונ'ם אָבגאָט פון דער זון, וועלכען ער האָט אויך געווידמעט

פערד און וואגענס. די פערד האט מען אריינגעפיהרט אין א בעזונדערען פלאץ, כדי צו קאנען דיענען צו די שטערען (פלאנעטען), וועלכע מען זעהט נאר ביינאכט, האט אחז, לויט'ן שטייגער פון די אסירער, געלאזט אויסבויען אויפ'ן דאך פון זיין פאלאץ מזבחות; אזעלכע מזבחות צו דער זון און צו די שטערען האט ער געלאזט בויען אויף אלע הויכע ערטער און אונטער יעדען גרויסען בוים. אבער נישט בלויז די אסירישע געצענ־דיענערײ האט אחז געבראכט מיט זיך פון דמשק; ער האט אויך אנגע־הויבען איבערצומאכען דאס גאנצע לעבען אויפ'ן אסירישען שטייגער. די הויפלייט האבען זיך געמוזט אויסלערנען די אסירישע שפראך, וועלכע איז געוועזען עהנליך צו דער אראמײאישער, כדי צו קאנען זיך צוזאמענ־רעדען מיט די נייע הערשער פון לאנד יהודה. דורך דעם נאכטהון אין אלץ די אסירער האט מען אפער אריינגעבראכט קיין יהודה אויך עטלי־כע נוצליכע זאכען. אזוי, למשל, האט אחז געלאזט אויסבויען נעבען זיין פאלאץ א זון־זייגער, וועלכען די אסירער, אדער כאלדייער האבען ערפונ־דען. דעם נייעם זון־זייגער האט מען א נאמען געגעבען „מעלות אחז" — די „טרעפ פון אחז". פון דאמאלס אן האט מען אויך אנגעהויבען צו פיהרען אין ירושלים א רעגולירע צייט־רעכנונג, און צעהלען שעה'ן, טעג און חדשים. אויך פון די שענע קונסטען, בעזונדערס, פון דער מאלערײ אויף די ווענד פון די פאלאצען, אין וועלכער די אסירער האבען זיך אזוי שטארק אויסגעצייכענט, אז זיי זענען אפילו געווארען דערין די לעהרער פון די גריכען,— אויך פון דער דאזיגער קונסט האבען אידען אין יענער צייט פיעל געלערנט פון די אסירער. די ארכיטעקטור פון יענער צייט האט אויך פיעל איבערגענומען ביי די אסירער: מען האט אנגעהויבען אין ירושלים צו בויען גרויסע פאלאצען מיט פרעכטיגע בעפוצונגען און אויבערשטע שטאקען. אבער צוזאמען מיט די אלע נוצליכע זאכען האט מען אויך איבערגענומען די אבערגלויבערײ אין מכשפים, קונצען־מאכערײ און אלערליי שווינדלערײען, וואס זענען זעהר פארשפרייט געווען ביי די אסירער. אחז האט כלל נישט געוואוסט, וואו ער זאל זיך אבשטעלען אין זיין נאכטהון די אסירער; ער איז פערגאנגען אזוי וויט אין דער הינזיכט, אז איינמאל, ווען אן'אונגליק איז איהם פארגעשטאנען, האט ער געבראכט פאר א קרבן זיין איינגענעם זוהן צום אבגאט מולך.

אויך דער דאזיגער גרויזאמער און העסליכער פערברעכען איז גע־ווען א טייל פון דער אסירישער געצענדיענערײ. אינ'ם שענעם טהאל הינום אדער „בן הנום" (לויט'ן נאמען פון זיין פריהערדיגען איינענטימער) אין דרום־מזרח זייט פון טהאל קדרון, וואו די פרוכטבארקייט ברענגט ארום די פרעכטיגסטע פלאנצען, א דאנק די וואסערען פון קוואל שלוח, האט מען אויסגעשטעלט דעם „תופת" ד. ה. דעם ארט, וואו מען פלעגט ברענגען די מענשליכע קרבנות. און אט דארט האט אחז אויך געלאזט פערברענען זיין זוהן אין פייער

ס'פערשטעהט זיך, אז די ווילדע מעשים פון'ם קעניג האבען נישט געקאנט בלייבען אהן איינפלוס אויף דער סביבה אין הויף און אין שטאדט. פאר די „שרים פון יהודה", וועלכע האבען אהן דעם אויך שטארק געליעבט אלץ וואס אויסלענדיש איז, וואס גיעט זיי די פולע פרייהייט זייערע תאוות צו ערפילען, זענען אחז'עס נאכטהועכצען די אסירישער געווען זעהר א געוואונשענע זאך; זיי זענען בכלל געווען צופרידען, וואס אחז איז אינטערטעניג געווארען בײַ אשור, ווייל דאדורך וואס דעם קעניג'ס מאכט איז געווארען אבגעשוואכט, האבען זיי געקאנט לייכטער דריקען דאס ארעמע פאלק און דורכפיהרען אלע זייערע איינגערעכטיגקייטען, נישט שרעקענדיג זיך פאר קיין שום דין און משפט. אייך די כהנים, וועלכע האבען דאך געדארפט זיין די נאטירליכע אבהיטער פון דער ריינער תורה און דעם ריינעם גלויבען,— אויך זיי האבען זיך געלאזט פערפיהרען דורך די שלעכטע מעשים פון'ם קעניג מיט זיינע שרים און האבען זיי גענאפ'עט און געלויבט אלע זייערע שענדליכע מעשים. די כהנים האבען אפשר מורא געהאט ארויסצורעדען א שארף ווארט געגען די שטארקע לייט, אדער זיי האבען געזעהען זייער אייגענעם נוצען אין דעם, וואס זיי ווילען אויך נאכשלעפען זיך נאך די שרים, דאס ארעמע פאלק האט אבער געליטען דערבײַ זעהר שטארק. „פאר געלד — קלאגט זיך דער נביא — האבען די אידישע עלטסטע געמשפט, פאר געצאהלט האבען די כהנים געלערנט דאס פאלק". ווי עס שיינט, האט זיך אויך געפונען אפילו א כהן, וועלכער האט זיך נישט געשראקען צו ערקלערען, אז דאס ברענגען פאר א קרבן דעם ערשט־געבוירענעם זוהן, דעם בכור, איז כלל נישט געגען דער אידישער תורה, נאר גאר לויט איהר דין, דען משה'ס תורה בעפעהלט בפירוש, אז דער בכור דארף זיין הייליג פאר גאט; אט די הייליגקייט פאר גאט האט דער פאלשער כהן אויסגעטייטשט, אז מען דארף איהם לאזען פערברענען אין פייער פאר א קרבן. אזוי ווייט האט דערגרייכט אין יענער צייט די מאראלישע פערדערבונג, וועלכע מען האט אריינגעבראכט פון אשור!

די פאליטישע געשעהענישען זענען זיך געגאנגען דערווייל זייער וועג ווייטער. אין שומרון, וועלכע האט שוין איצט נישט געקאנט הייסען די מלוכה פון די צעהן שבטים, נאכדעם ווי מען האט פון איהר אבגעריסען א טייל לענדער אין מזרח און אין צפון, איז די אלטע פערדארבענהייט און קורצזיכטיגקייט געווארען אלץ שטארקער. די וואונדען, וואס שומרון האט בעקומען פון אשור, האבען נישט אויסגעהיילט דאס דארטיגע פאלק פון זיין גאוה און פון זיינע פערברעכענם; די רייכערע לייט האבען געטראכט נאר וועגען דעם, ווי אזוי בדלות צו שטעלען דעם ארעמאן און פערקנעכטען איהם; פון דעם חורבן פון'ם לאנד פלעגען זיי זיך גאר אויסלאכען, ערקלערענדיג: „געבוידעם פון ציגעל זענען איינגעפאלען, איצט ווילען מיר זיך לאזען בויען פאלאצען פון גרויסע פיער־קאנטיגע שטיינער;

סיקאמארען האט מען אויסגעהאקט, וועלען מיר איצט פערפלאנצען אנשטאט זיי צעדער-בוימער". די שכרות פון דעם אדעל פון אפרים איז געוועזען אזוי גרויס, אז זיי האבען גארנישט געקאנט האבען קיין מעגליכקייט צו בעטראכטען אמאל ערנסט זייער לאגע; צוליעב דער שכרות האט מען אויך נישט געזעהען, אז די ביז איצטיגע אונגליקען זענען נאר א התחלה, אנ'אנפאנג פון יענע גרויסע חורבנות, וועלכע מוזען אין גיכען קומען. צו דער אלגעמיינער פערבלענדעניש איז נאך אויך צוגעקומען די אנארכיע אין לאנד, אדער בעסער: די אנארכיע האט זיך גענומען פון דער אלגעמיינער פערבלענדעניש, זי איז געוועזען א פאלגע פון איהר. נאכדעם ווי רמליהו'ס זוהן, פקח, איז געפאלען טויט פון די הענד פון דעם מערדער הושע, אלה'ס זוהן, זענען דורכגעגאנגען עטליכע יאהר, ווען דאס לאנד איז כמעט גאר געבליעבען אהן א קעניג. ווי עס שיינט, האט הושע תחלת אבגעזאגט זיך אנצוטהון די „דערנער-קרוין" פון שומרון, און קיין אנדער מענש, וועלכער זאל זיך קאנען פערשאפען דרך ארץ אין די אויגען פון פאלק, אז מען זאל איהם עהרען ווי א מלך, איז גאר נישט געוועזען. די שרים פון ישראל האבען געלעבט אין איין קנאה איינער געגען דעם אנדערען און וואלטען נישט געוואלט געהארכען איינעם פון זייער גלייכען. און אויב אין א משך פון פיעל יאהרען האבען פערשיעדענע מענשען אליין פערהאפט די קרוין דורך א מערדערישען פערברעכען און זיך געלאזט אויסרופען פאר מלכים, האבען זיי זיך טאקי לאנג נישט געהאלטען. אין א קורצע צייט זענען פארגעקומען אין שומרון פיעל קעניגס-מארדען. אין שומרון זענען צוריסען געווארען אלע באנדען, וועלכע האלטען צוזאמען א מלוכה; פערברעכענס און שלעכטסקייט האבען געהערשט עפענטליך און די אונפערשעמטקייט האט געקעניגט אין דער געזעלשאפט, דערשטיקענדיג יעדעס געפיהל פון חרפה און בושה. פאלשע שבועות, שקרים, רציחה, גזלה, גנבה און זנות זענען געוועזען פערשפרייט אין דער מלוכה. די רייכע און אנגעזעהענע משפחות האבען זיך צוזאמענגעבונדען אין כנופיא'ס, וועלכע פלעגען זיך בעשעפטיגען מיט רויבעריי'ען אויף די וועגען, אנפאלענדיג אויף די קאראוואנען, אויף וואנדערער, צונעהמענדיג ביי זיי דאס פערמעגען און אפט אויך דאס לעבען. די הויכע בערג פון ישראל, דער בארג גריזים נעבען שכם, דער בארג תבור אין צפון-קאנט און דער מצפה אין לאנד גלעד, זענען געווארען ערטער פאר רויבער-באנדעס, וועלכע פלעגען זיך דארט אויפהאלטען און ווארפען אנ'אימה אויף די קאראוואנען און איינצעלנע רייזענדער. די אינערליכע אנארכיע אין לאנד האט אבער געהאט א טרויעריגען איינפלוס אויף דער אויסערליכער פאליטישער לאגע. דאס לאנד האט פשוט פערלוירען די מעגליכקייט צו קעמפפען געגען אנ'אויסערליכען פיינד. די מלוכה ישראל איז געוועזען שוין אינגאנצען אונטערטעניג ביי אשור און געמוזט יעהרליך שיקען אהין אבצאהלונגען, ווי אויך ליידען אנדערע ערניעדערונגען, וויל אשור פלעגט בכלל ווייניג

שאָנעווען די אונטערטעניגע פעלקער. וועגען אראָבוואַרפען פון זיך אשור'ס יאָך האָט מען איצט געוויס נישט געקאָנט טראַכטען. אָבער די, וועלכע זענען געשטאַנען אין שפיץ פון דער רעגירונג אין שומרון, האָבען וועגען דעם יאָ געטראַכט, און דוקא אויף אַ משונה'דיגען אופן: זיי האָבען גע־וואָלט דאָס טהון מיט דער הילף פון אַ פרעמדער מלוכה, און געפיהרט אונטערהאַנדלונגען מיט'ן מלך פון מצרים. ס'איז גאַנץ מעגליך, אַז דער לעצטער האָט זיי אַליין געמאַכט פערשיעדענע פאָרשלאַגען, אַז זיי זאָלען זיך אָבזאָגען פון צו זיין אונטערטעניג ביי אשור. כדי אָבער צו פער־דעקען פאַר אשור, אַז זיי ווילען זיך אָברייסען פון איהם, האָבען די „שרים פון ישראל“ געמאַכט רייזען קיין דמשק, מיטנעהמענדיג מיט זיך גרויסע מתנות פאַר'ן קעניג פון אשור און חנפ'ענענדיג דאָרט איהם און זיינע שרים, כדי מען זאָל זיי האַלטען פאַר געטרייע קנעכט. די שווערע לאַגע, ווי אויך די מורא, אַז מען זאָל נישט צורייבען ווערען אינגאַנצען צווישען ביידע שטאַרקע מלוכות, אשור און מצרים, האָט געמאַכט אי־דען פאַר פאַלשע מענשען, וועלכע האָבען געפיהרט אַ צווייזייטיגע פאָלי־טיק. אַ נביא פון יענער צייט שילדערט איראָניש די ראָליע, וועלכע שומרון האָט געשפּיעלט.

„נאָך פוסטע ווינטען לויפט אפרים
„און יאָגט זיך נאָך אַ שטורם גאָר;
„דעם גאַנצען טאָג טרייבט ער נאָר שקרים:
„אַט שליסט ער, דוכט זיך, נאָר אַ בונד
„מיט אשור, און געהיים
„שיקט ער זיין בוימאָהל קיין מצרים...

. . . .

„זיין עלענד שוואַכקייט האָט געזעהען
„אפרים און זיין גרויסער נויט,
„און האָט געשיקט צום מלך ירב;
„אָבער ד ע ר קאָן אייך נישט העלפען
„און קאָן נישט היילען אייערע וואונדען.

. . . .

אפרים איז געוואָרען נאַריש,
„פערנאַרישט, ווי אַ יונגע טויב:
„גערופען האָט ער צו מצרים
„געוואַנדערט ביי דער האַנד קיין אשור...

דער דאָזיגער עלענדער, אָבער אויך גרויזאַמער צושטאַנד פון מאָ־ראַלישער פערווילדונג און פון פאָליטישער שוואַכקייט איז, פערשטעהט זיך, געגאַנגען האַנד ביי האַנד מיט דער ווילדעסטער געצענדינערי. און

שומרון פלעגט מען נאך אפילו איצט אויך שווערען „חי ה׳“—ווי גאט לעבט, אבער דערביי פלעגט מען ברענגען קרבנות צו דער זון און די שטערען אין בית אל, גלגל, דן און שומרון, און מען האט געבויט פיעל מזבחות פאר׳ן בעל און גערויכערט קטורת פאר אלערליי אפגעטער און בילדער, וואו נאר א בארג און וואו נאר א בוים. ווי אין נינוה און אין בבל פלעגען זיך די פרויען און די טעכטער פון די אנגעזעהענסטע מענשען מפקיר זיין פאר אלע מאנסבילען לכבוד דער געטין פון ליעבע, כדי צו זאמלען מתנות פאר איהר טעמפעל, אזוי פלעגט מען עס אויך טהון אין שומרון. אויך דא פלעגט מען פאר׳ן געלד פון זנות בויען מזבחות און בעפוצען זיי מיט בילדער. און ווידער זענען ארויסגעטרעטען גאטס־פארכטיגע נביאים געגען דער דאזיגער דאפעלטער און דרייפאכער מאראלישער פערדערבונג און פערוויסטונג; די נביאים פלעגען שילדערען פאר׳ן פאלק די גרויסע אונגליקען, וועלכע די דאזיגע אויסגעלאסענקייט מוז ברענגען, אבער קיין גרויסען נוצען האבען שוין זייערע רעדעס נישט געבראכט. די שרים און מעכטיגע לייט האבען זיי שוין איצט פערבאטען צו רעדען, קיינער האט נישט געטארט שטראפען, קיינער האט נישט געטארט אנווייזען דעם רעכטען וועג. אבער די נביאים האבען זיך נישט געלאזט צונעהמען ביי זיי זייער הייליג ווארט און צווינגען זיי צו שווייגען; וואס שטארקער מען פלעגט זיי רודפ׳ן, אלץ שארפער פלעגען זיי ארויסטרעטען, אלץ שטורמישער איז זייער שפראך געווארען. די לופט איז שוין איצט געווען אזוי פערפעסטעט, אזוי אנגעשטעקט מיט מאראלישער קרענק, אז מען האט טאקי געברויכט שטארקע שטורם־ווינדטען זי אפצורייניגען. אבער די שטארקע לייט האבען זיך גענומען פערפאלגען די נביאים נאכמעהר: מען פלעגט שיקען נאך זיי שפיאנען, מען פלעגט זיי פערנארען אין זייטיגע ערטער און דער׳הרג׳ענען, מען האט ענדליך אפילו נישט געשראקען זיך צו דער׳הרג׳ענען נביאים אין בית־המקדש גופא, וואו זיי האבען זייערע שטראף־רעדעס געהאלטען. פיעל האבען זיך איצט די צייטען געביטען פון ירבעם דעם צווייטען אף וועלכער האט, לפחות, נישט צוגענומען ביי די נביאים זייער ווארט־פרייהייט!

די רעדעס פון איינעם פון די דאזיגע נביאים זענען נאך געבליעבען גאנץ ביז איצט אונטערן נאמען פון הושע, און זיי גיבען אונז א ריכטיג בילד פון דער דאמאלדיגער פערווילדונג. זיינע ווערטער פאלען ווי א דונער, ברענען דורך ווי א בליץ און טראגען זיך ווי א מורא׳דיגער שטורם. ער שאנעוועט קיינעם נישט, ער שרעקט זיך נישט פאר זיין לעבען. אין טעמפעראמענטפולע רעדעס דעקט אויף דער נביא הושע דער צווייטער די אויסגעלאסענקייט, דאס פערדערבען און די צופוילטקייט פון די שרים און פון פאלק. די נביאות פון דעם נביא צייכענט זיך אויס מיט אויפגערעגטקייט, מען זעהט, אז ער האט אפילו נישט געהאט די רוהיגקייט אבצוּוועגען זיינע ווערטער און געבען זיי די דיכטערישע מאס.

ער שפּרינגט פלוצלונג אַריבער פֿון איין געגענשטאַנד צום צווייטען. מען הערט אין זיינע רעדעס ביטערע יסורים, שפּאָט, איראָניע, מיט וועלכע ער לאַכטאויס דאָס פֿערברעכען; פּלוצלינג אָבער פֿליעסען ביי איהם דראָהונגען, תוכחות און קללות. דער נביא האַראַקטעריזירט זיך אַליין, זיין אַרויסטרעטען, ווי אויך דאָס אַרויסטרעטען פֿון זיינע חברים, מיט פֿאָלגענדע ווערטער:

„אַ נאַר איז דער נביא און משוגע דער גייסטיגער מאַן,—
„צוליעב דיינע זינד, אָט די שענדליכע, גרויסע,
„צוליעב דיינע העסליכע פֿינסטערע מעשים...
„דעם וועכטער אפרים'ס פֿאַר גאָט—זיינעם נביא
„נאָר נעצען און שטרויכלונגען לעגט ער אין וועג,
„אומזיסטע רדיפות, אפילו אין הויז פֿון זיין גאָט...

דער דאָזיגער לעצטער נביא אין דער מלוכה פֿון די צעהן שבטים האָט זיך אַליין אָבער גאַרנישט געגאַרט; ער האָט געוואוסט גאַנץ גוט, אַז מיט זיינע רעדעס וועט ער דאָס פֿאָלק און, בפרט די שררות, נישט פֿיהרען צוריק אויפֿ'ן בעסערען וועג. מיט וועהטאָג אין הארצען זאָגט ער אַרויס, אַז נאָר דורך אַ שרעקליכער שטראָף, דורך עלענד און דורך גלות קאָנען זיי אויסגעבעסערט ווערען. זיינע שטראָף־רעדעס האָבען זיך בעצויגען מייסטענס אויף דער מלוכה פֿון ישראל; וועגען יהודה רעדט ער נאָר, ווי וועגען אַ פֿערפֿיהרטען, וועלכער איז נאָכגעגאַנגען נאָך ישראל. דער נביא הושע שפּאָט־אָב אויך פֿונ'ם ברענגען קרבנות אָהן תשובה און אָהן מעשים טובים. שנײַדענד זענען זיינע ווערטער, ווען ער ערקלערט:

„ליעבע וויל איך, נישט קיין קרבן!
„גאָט צו קענען האַלט איך בעסער פֿאַר אַן'עולה!"

דער נביא דערמאָהנט אויך דעם פֿאָלק מיט שפּאָט, ווי אַזוי מען האָט ביי שמואל'ן געפֿאָדערט, אַז ער זאָל אויסקלויבען אַ מלך, זעהענדיג דערין אַ תרופה צו אַלע אומגליקען:

„וואו איז דען דער קעניג, וואָס דו האָסט פֿערלאַנגט?
„זאָל ער אין די שטעדט צו דיר קומען
„אָט איצט מיט זיין הילף פֿון די צרות!
„און וואו דיינע ריכטער, ווי דו האָסט געפֿאָדערט:
„נו גיעב מיר אַ קעניג מיט שררות!"
„איך האָב דיר אַ קעניג געגעבען אין צאָרן
„און נעהם איהם צוריק אין מיין גרויסען פֿערדרוס"

דאָס אונגליק, וואָס האָט געמוזט קומען אויף שומרון, האָט אָנגעהויבען צו קומען נעהנטער אַלץ מעהר און מעהר. יעדער שריט, וואָס די שרים האָבען אונטערגענומען כדי צו ראַטעווען שומרון, האָבען גע־

פֿיהרט אַלײן געשװינדער צום פֿערדאַרבען. צי איז עס געװען דערפֿאַר,
װאָס די שרים האָבען ענדליך זיך דערשראָקען פֿאַר דער אַלגעמײנער
שװאַכקײט פֿון דער מלוכה, אָדער דאָס איז געװען צוליעב אַן׳אַנדער מאָ־
טיװ—געװיס, די שרים האָבען ענדליך אַנערקענט אין שומרון פֿאַר אַ
מלך דעם מערדער פֿון קעניג פקח, הושע, דעם זוהן פֿון אלה. דער דאָזי־
גער לעצטער קעניג פֿון ישראל האָט געקעניגט אַכט יאָהר (797—789
פֿאַר׳ן צװײטען חורבן) און ער איז געװען בעסער פֿאַר׳ן פֿריהערדיגען
מלך, פקח, אָדער, בעסער געזאָגט, ער איז געװען נישט אַזוי שלעכט, װי
יענער. ער איז אױך געװען געאיבט אין מלחמה, אָבער אָבצוװענדען דעם
אונטערגאַנג פֿון דער מלוכה האָט ער אױך נישט געקענט. װי עס שײנט,
האָט ער אױך, װי זײנע שרים פֿריהער, זיך געװענדעט צום קעניג פֿון
מצרים בשתיקה און געבעטען הילף געגען אשור. מצרים האָט אָבער גע־
געבען נאָר גוטע הבטחות, אָבער נישט קײן ממשות׳דיגע הילף. אין יע־
נער צײט האָט אין אשור געקעניגט דער גבור שלמנאסר, װעלכער איז גע־
גאַנגען מלחמה האַלטען מיט די פֿעניקיער און זײער קעניג אלולי. דער קע־
ניג פֿון צור האָט נישט געקענט בײשטעהן געגען שלמנאסר, און געהאַט
אַ מפּלה. פֿעניקיען איז געװאָרען אונטערטעניג בײ אשור און דעם קע־
ניג שלמנאסר. בײ דער דאָזיגער געלעגענהײט איז שלמנאסר אױך אַרױס־
געטראָטען געגען שומרון. דער אידישער מלך הושע האָט נישט געװאַרט,
ביז דער „מלך איבער די מלכים“ װעט קומען אין זײן ,לאַנד, און איז
אַלײן אַרױסגעטראָטען דעם קעניג ענטקעגען, האָט זיך איהם אונטערגע־
געבען און צוגעזאָגט צו ברענגען גרױסע מתנות. אָבער װי נאָר שלמנאסר
איז אַװעקגעגאַנגען מיט זײן אַרמעע צוריק קײן דמשק, האָט מען געגען
איהם אױפֿגעהױבען אַן׳אױפֿשטאַנד. דער פֿעניקישער קעניג, אלולי, האָט זיך
געזוכט פֿערבינדעטע צװישען די אַרומיגע מלכים, כדי צו קאָנען זיך בע־
פֿרײען פֿון אשור, און דער קעניג פֿון מצרים האָט איהם אױך צוגעזאָגט
שטיצע, װײל מצרים האָט נישט געװאָלט דערלאָזען די צו גרױסע פֿער־
שטאַרקונג פֿון אשור. הושע האָט זיך אױך בעשלאָסען צוצוטרעטען צום
בונד און האָט געשיקט זײנע שלוחים קײן מצרים, כדי צו בעטען הילף
און רײטער אָדער, לפּחות, פֿערד. דער קעניג פֿון צור האָט געמאַכט דער
ערשטער דעם אױפֿשטאַנד געגען אשור. דאָס איז געװען אַן׳אַלגעמײנער
אױפֿשטאַנד פֿון די קלענערע פֿעלקער געגען דעם שטאַרקען אשור, װעל־
כער האָט פֿערקנעכטעט אַלע קלענערע מלוכות. די פּלשתּים האָבען זיך
אױך אױפֿגעהױבען געגען דער גרױסער מלוכה. נאָך דעם טױדט פֿון אחז
האָבען די פֿערבונדעטע מלכים געשיקט שלוחים צו זײן זוהן חזקיהו, אַז
ער זאָל אױך צושטעהן צום אַלגעמײנעם בונד געגען אשור. הושע האָט
זײן אױפֿשטאַנד אָנגעהױבען דערפֿון, װאָס ער האָט זיך אָבגעזאָגט צו
שיקען צום מלך פֿון אשור זײנע יעהרליכע אָבצאָהלונגען. שלמנאסר האָט
דאַן פֿערזאַמעלט זײן אַרמעע און איז אַריבער צוערשט דעם טײך עפֿראַט

און דעם באַרג לבנון, כדי אָנצופֿאַלען אויף די פֿעניקיער. ווען דער שטאַרקער מלך איז געקומען נעהנטער אין לאַנד מיט זיינע גרויסע מחנות, האָבען די פֿעלקער כמעט אַלע פֿערלוירען זייער האָפֿנונג אויף פֿרייהייט. די פֿעניקישע שטעדט האָבען זיך אונטערגעגעבען אַלע אָהן מלחמה. שלמנאָסר האָט גענומען די שטעדט צידון, עכו און אפילו אויך די הויפּט־שטאָדט צור.

פֿון עכו איז שלמנאָסר אַריבערגעגאַנגען די גרעניץ פֿון לאַנד שומרון און האָט זיך געלאָזט געהן דורכ'ן טהאָל יזרעאל מיט זיינע גרויסע מחנות. די שטעדט פֿון ישראל האָבען זיך אויך אונטערגעגעבען דעם געוואַלדיגען מלך. פֿיעל איינוואָהנער זענען אנטלאָפֿען קיין שומרון; אָבער הושע האָט דעם מוט נישט פֿערלוירען. ער האָט בעשלאָסען צו האַלטען זיך פֿעסט געגען דעם גרויסען אַסירישען מנצח, האָפֿענדיג, ווי עס שיינט, אויף דער הילף, וועלכע מצרים האָט צוגעזאָגט צו שיקען. די דאָזיגע הילף איז אָבער נישט געקומען. די הויפּט־שטאָדט שומרון, וועלכע איז געשטאַנען אויף אַ באַרג, איז געוועזען גוט בעפֿעסטיגט און האָט זיך געקאָנט האַלטען אַ געווויסע צייט, ביז די הילף פֿון מצרים האָט געזאָלט קומען, ווי עס האָט געהאָפֿט דער אידישער קעניג און זיין פֿאָלק, אָדער ביז עס וועט פֿאָרקומען עפּעס אַ פֿערענדערונג אין אַנדערע לענדער, וואָס וואָלט געפֿאָדערט דורכאויס, אַז שלמנאָסר זאָל מוזען אַהין קומען און, ממילא, וואָלט ער זיך אָבציהען פֿון שומרון. מען האָט בעסער בעפֿעסטיגט די וואַנד פֿון דער גרויסער מויער אַרום שומרון, ווי אויך די טהורעמס; מען האָט זיך אויך פֿערזאָרגט אויף אַ לענגערע צייט מיט עסענוואַרג און וואַסער און בכלל געטהון אַלץ, וואָס ס'איז נאָר נויטיג געוועזען די שטאָדט צו פֿערטיידיגען. די אַסירער האָבען אָבער געוואוסט פֿון דער קונסט, ווי אַזוי צו בעלאַגערען שטעדט און איינצונעהמען זיי. זיי זענען אין דער היינזיכט געוועזען מייסטערס. די פֿעסטעסטע שטעדט האָבען נישט געקאָנט בײַשטעהן פֿאַר זייערער אַ בעלאַגערונג. זיי האָבען אָנגעשאָטען בערג ערד אַרום דער שטאָדט, כדי זייערע אָנפֿאַלער און זייערע מאַשינען זאָלען שטעהען נישט הינטער דער מויער־וואַנד אַרום שטאָדט, נאָר גלייך מיט איהר; זיי האָבען אויך אַרויפֿגעבראַכט אויף די בערג זייערע בעוועגליכע טהורעמס, וועלכע מען האָט געקאָנט פֿיהרען פֿון איין אָרט אויפ'ן אַנדערען, און האָבען אָנגעהויבען צו שטורמען אויף דער מויער מיט זייערע אייזערנע בעק. ווי עס שיינט, איז די מלחמה פֿון ביידע צדדים געפֿיהרט געוואָרען מיט גרויסער ערביטערונג, סיי מצד די אָנפֿאַלער, סיי מצד די פֿערטיידיגער. דען די בעלאַגערונג פֿון שומרון האָט געדויערט גאַנצע דריי יאָהר (פֿון זומער 791 ביז זומער 789 פֿאַר'ן חורבן). אָבער אַלע אָנשטרענגונגען און דער מוט און אויסגעהאַלטענקייט פֿון די בעלאַגערטע האָט נישט געהאַט קיין ערפֿאָלג. די הויפּט־שטאָדט איז דורך דער אַרמעע פֿון אשור, וועלכע איז פֿיעל שטאַרקער און גרעסער

געוועזען פאר דער אידישער, גענומען געווארען אין שטורם; אזוי איז געפאלען שומרון, נאכדעם ווי זי האט עקזיסטירט העכער צוויי הונדערט יאהר. דער לעצטער קעניג, הושע, איז, ווי עס שיינט, גענומען געווארען געפאנגען, אבער שלמנאסר האט איהם נישט דער׳הרג׳עט. מען האט נאר זיין טיטול קעניג ביי איהם צוגענומען און געהאלטען אין תפיסה, וואהרשיינליך, אין נינוה, זיין לעבענס-לאנג. וויפיעל טויזענדער אידען עס זענען אין דער דאזיגער מלחמה אומגעקומען און וויפיעל עס זענען גענומען געווארען געפאנגען, האט קיין היסטאריקער נישט פערצייכענט.

נאר איין נביא, וואס זיין נאמען איז אונז אונבעוואוסט, האט געלאזען אנ׳אנדענקען דעם חורבן פון שומרון. דער נביא זעהט די צייט, ווען אפרים וועט צוריק געהיילט ווערען פון זיינע פערברעכענס און זיך אומקעהרען צו זיין פאלק, צו פעראייניגען זיך מיט יהודה, און ער הערט, ווי רחל, די מוטער פון יוסף און אפרים, וויינט ביטערליך אויף איהרע אונגליקליכע קינדער און זי וויל קיין טרייסט נישט געהמען, ווייל אזא טרייסט איז נישטא... א שטים פון הימעל רופט צו איהר צו: „האלט איין דיין שטים פון וויינען און דיינע אויגען פון טרעהרען, דען ס׳איז פארהאן א האפנונג פאר דיינע קינדער און זיי וועלען זיך אומקעהרען צוריק אהיים פונ׳ם פיינד׳ס לאנד“.

דאס קעניגרייך פון די צעהן שבטים איז חרוב געווארען. די געצענבילדער פון דן און שומרון, ווי אויך פון אנדערע אידישע שטעדט, האט מען געלאזט וואנדערען קיין נינוה און די אידישע געפאנגענע האט מען טויזענדערוויז אוועקגעפיהרט אין גלות און צושפרייט אין פיעל לענדער: מען האט זיי בעזעצט גרופּענוויז אין יענע ווייטע לענדער, וועלכע זענען וועניג בעזעצט געוועזען. וואו זענען געווען די דאזיגע לענדער, ווייס מען נאך עד היום נישט גענוי, אונגעפעהר: אין די שטעדט פון חלח, חבור אויפ׳ן טייך גוזן, אין די שטעדט פונ׳ם געבירגיג לאנד מדי, אין עילם צו מערב-זייט פון פרס. צוויי הונדערט מיט זעכציג יאהר איז געשטאנען די מלוכה פון די עשרת השבטים, אדער פון ישראל, ווי מען פלעגט איהר געוועהנליך רופען, צוואנציג מלכים האבען אין איהר געקעניגט, און אין א געוויסען טאג איז זי אונטערגעגאנגען אהן קיין שום שפור נאך זיך, ווייל זי האט זיך שטענדיג, דורך דער גאוה פון שבט אפרים, געהאלטען אן א זייט פון אידישען לעבען, אבגעריסען זיך פון זיין קוואל און אנפאנג, נישט וויסענדיג עטוואס פון דער אידישער תורה. דאס לאנד האט „אויסגעשפיגען“ די צעהן שבטים, אויך אזוי ווי עס האט אויסגעשפיגען פריהער די פעלקער פון כנען. וואו זענען די צעהן שבטים געבליבען? מען האט זיי געזוכט אין ווייטען מזרח, אין ווייטען מערב און געמיינט, אז מען האט זיי שוין געפונען. שווינדלער און פאנטאזיארען האבען פיעל מאל ערקלערט, אז זיי שטאמען פון די עשרת

השבטים. עס ווייזט אבער אויס, אז די עשרת השבטים זענען אונטערגעגאנגען אין גאנצען: זיי האבען זיך צומישט מיט אנדערע פעלקער און ממילא פערשוואונדען געווארען. טייל פון זיי, לאנד־אַרבייטער, וויינגערטנער און פיה־האדעווער, זענען געווים געבליעבען אינ'ם לאנד. אנדערע אנגעזעהענע משפחות ווידער, וועלכע האבען געוואהנט אויף די גרעניצען פון לאנד יהודה, זענען, ווי עס שיינט, אנטלאפען קיין יהודה און זיך דארט בעזעצט.

דאס איז געווען א פערפוילטער אבר אין ארגאניזם פון אידישען פאלק, וועלכער האט אנגעשטעקט דעם גאנצען ארגאניזם מיט געפעהרליכע מחלות. דעם אבר האט מען געמוזט אפשניידען, כדי צו מאכען איהם אונשעדליך. דער שבט אפרים, וועלכער האט דער ערשטער געבראכען די אחדות פון פאלק, בשעת מען האט געדארפט איינגעהמען דאס לאנד כנען, און האט צוליעב זיין איינענניציגקייט און איינגעגליעבע געשטערט אין דער אויספיהרונג פון דער דאזיגער גרויסער אויפגאבע; דער שבט אפרים, וועלכער האט מיט זיין גאוה, מיט זיין תאוה צו הערשען, דער ערשטער מיטגעבראכט א שפאלטונג אין דער מלוכה, וועלכע די אידישע מלכים דוד און שלמה האבען אזוי שטארק געמאכט,—דער דאזיגער שבט אפרים האט איצט געיאמערט אין וויטען גלות: „ווי א יונג קעלבעל, נישט קיין געלערנטע, בין איך געשטראפט געווארען; איך בין בעשעמט, און ווער רויט פאר בושה, דען איך מוז ליידען די חרפה פון מיין יוגענד“. נאכדעם ווי מען האט דעם שעדליכען אבר אבגעשניטען, האט דער אידישער ארגאניזם כמעט אויפגעלעבט און געפיהלט זיך פיעל לייכטער און געזונדטער. די שבטים פון יהודה און בנימין מיט זייערע ביידע אונטערגעארדענטע שבטים שמעון און לוי, וועלכע זענען נאכ'ן חורבן פון די עשרת השבטים אנגערופען געווען צוזאמען „שארית ישראל“ ד. ה. די איבערגעבליבענע פון אידישען פאלק, האבען זיך דערהויבען צו א נייער קראפט. דער חורבן פון שומרון האט געווירקט אויף זיי, ווי א צושמעטערנדער דונער־שלאג און אריינגעבראכט פערצווייפלונג אין דאס אידישע הארץ. אין איצטיגען אויגענבליק אבער האט עס געווירקט, ווי א גוטע ווארנונג, אז מען מוז זיך אבזאגען פון די פערשיעדענע שגעונות און אויסגעלאסענהייט, וועלכע האט אויך יהודה געקאנט פיהרען צו א פאלקאמען חורבן. דאס פאלק און די שרים זענען שוין איצט נישט געווען אזוי טויב פאר די שטראף־רעד פון די נביאים. די נבואה פונ'ם נביא ישעיהו, דאס „די פראכט־קרוין פון די שכורים פון אפרים וועט זיין ווי א יונגער פייג, וואס פאלט פריה ארונטער פון בוים און באלד אויפגעגעסען“—די דאזיגע נבואה איז מקוים געווארען, און דאס פאלק האט דעריבער זיך אויפמערקזאמער אנגעהויבען צוצוהערען צו די רעד פונ'ם דאזיגען נביא.

און דאס, וואס די לצים האבען פריהער אבגעלאכט מיט גרויס גאוה און בעריהמעריי: „מיר האבען מיט'ן טויט געשלאסען א בונד און

מיט׳ן קבר אנ׳אבמאך, אז די גרויסע פליצענדע בעשטראפונג וועט אונז נישט טרעפען, ווייל מיר בעשיצען זיך אונטער דער פאלשקייט און בע־האלטען זיך אין דעם שקר״—אט דאס אבשפאטען, די דאזיגע זיכערקייט האט אין ירושלים אויפגעהערט, באלד ווי מען האט דארט דערהערט דעם יאמער-געשריי פון די געפאלענע קעמפפער פאר דער פרייהייט אין שומרון, און ווען דער ווידערקלאנג פון די בערג האט געבראכט צו טראגען דעם גרויזאמען קלונג פון די קייטען, אין וועלכע מען האט געפיהרט געפאנ־גען די שרים פון אפרים. ווארום וויפיעל האט דען געפעהלט, אז אויך ירושלים זאל געטראפען ווערען פונ׳ם זעלבינגען קלאפ, וואס האט פער־וויסטעט שומרון? די גאנצע מאך איז אבגעהאנגען פונ׳ם גוטען ווילען פונ׳ם קעניג פון אשור. די מורא פאר דער צוקונפט, וועלכע האט גע־שטאמט פונ׳ם שרעקליכען ביישפיעל פון דער געגענווארט, האט געבראכט דערצו, אז מען זאל אנהויבען אויפמערקזאמער אויסצוהערען די רעד פון די נביאים און פון זייערע תלמידים די „ענוים“, וועלכע האבען אנ־געוויזען דעם וועג, וואס מען ברויכט צו געהן.

פערלאג „יהודיה".

אידישע פאלקס - געשיכטע

פון

פראפעסאר צבי גרעטץ.

(אילוסטרירט).

איבערזעצט פון דייטש.

צווייטער באנד.

ווארשא

Drukarnia Uniwersalna Warszawa Długa 26. Tel. 260-19.

אינהאלטס־פערצייכניס פון צווייטען באנד.

דער ערשטער פעריאָד:

פון דער גאנץ אלטער צייט ביז גלות־בבל.

(פארטזעצונג).

זיעבענטעס קאפיטעל:

די געבליעבענע אידען און זייער פאטערלאנד.

דער קעניג חזקיהו בן אחז פון יהודה און זיין צייט.— די אידישע שרים און דער קעניג.— דער נביא ישעיהו.— סנחריב'ס אנפאל אויף יהודה און זיין מפלה.— די מלכים מנשה און אמון און דער קולט פון דער געצענדיענערייא.— דער נביא מיכה.— דער קעניג יאשיהו און די ווידער־אויפלעבונג פון בית־המקדש.— דער נביא ירמיהו און זיין יוגענד.— די נביאה חולדה.— יאשיהו'ס טויט אין דער מלחמה ביי מגדול. — — — — — — — — — 1—46

אכטעס קאפיטעל:

די לעצטע מלכים פון יהודה.

די געפאלענקייט פון לאנד יהודה.— דער קעניג יהויקים און די געצענדיענערייא.— די נביאים ירמיהו, אוריה און חבקוק.— די משפחה פון שפן.— די מפלה פון אשור און דאס אויפוואקסען פון בבל.— דער קעניג נבוכדנאצר.— דער אנפאנג פון יהודה'ס קנעכטשאפט ביי בבל.— דער גלות פון יכניה מלך יהודה.— דער קעניג צדקיהו.— די נאטירליכע עשירות פונ'ם לאנד יהודה.— דער נביא יחזקאל און זיין נבואה.— די מרידה געגען נבוכדנאצר און די בעלאגערונג פון ירושלים.— ירמיהו'ס נבואה און זיינע ליידען.— דער חורבן בית־המקדש.— גדליהו אין מצפה און ישמעאל בן נתניה.— די אנטלאפענע אידען אין מצרים.— ירמיהו'ס קינות און זיינע לעצטע נבואות. — — — — — — — — 47—103

ערשטעס קאפיטעל.

דער „רעשט פון ישראל”.

(פון 789 ביז 678 פאר'ן צווייטען חורבן, אדער פון 719 ביז 608 פאר דער געוועהנליכער צייט = רעכנונג).

צום גליק פאר'ן „רעשט פון ישראל“, אדער פאר דער מלוכה יהודה, איז דארט איצט געזעסען אויפ'ן טהראן אזא קעניג, ווי מען האט שוין נישט געזעהען פון דוד המלך'ס צייטען אן. דאס איז געוועזען חזקיהו, דער זוהן פון אחז (פון 794 ביז 766 פאר'ן צווייטען חורבן), וועלכער איז געוועזען גראדע דער היפך פון זיין פאטער אחז. זיין ווייכע דיכטערישע נשמה איז געווען צוגעוועהנט נאר דעם אידעאלען לעבען, און דעם אידעאל האט ער געזעהען אין דער אידישער תורה, אין די אידישע געזעצען און אין דער אלטער אידישער טראדיציע. חזקיהו האט געארבייט איבער דער צוריקשטעלונג פון די אלטע אידישע מנהגים און מדות טובות מיט אזא ערגעבענהייט און מסירת נפש, מיט וועלכער זיין פאטער אחז האט געקעמפפט געגען אלץ, וואס הייסט אידיש און געשטרעבט איינצוווארצלען דעם אסירישען קולט. חזקיהו האט זיך גענומען די תורה און דאס געזעץ פאר זיין לייכטענדען שטערען, וועלכער זאל דארפען פיהרען איהם און זיין פאלק און ווייזען, ווי אזוי איינצואָרדנען דאס לעבען, און אויב א קעניג איז נאך געווען ווען עס איז א ווארעס מוסטער־בילד פאר זיין פאלק, איז דאס געווען חזקיהו. נישט בלויז די שענע מדות פון גערעכטיגקייט, פון איידעלקייט און גוטהערציגקייט האבען איהם בעצייכנט, נאר אויך יענע מדות, וועלכע זענען בכלל זעהר זעלטען ביי די טרעגער פון א קרוין—מילדקייט, ענוות און אונטערגעבענהייט. חזקיהו איז פון דער נאטור געווען א פרומער און א גאטספארכטיגער מאן, איינער פון יענע, וועלכע זענען אזא זעלטענהייט אין דער געשיכטע, ווי עס איז זעלטען א גרויסער קינסטלער אדער א גרויסער פעלדהער. צי האבען די נביאים דערקענט אינ'ם יונגען פרינץ חזקיהו שוין בייצייטענס די גרויסע איידעלקייט פון זיין נשמה און פון

זיין הארצען, אדער זיי האבען מיט זייער נביא'ישען גייסט געזעהען, אז אויף דוד'ס טהראן וועט זיצען א גרויסער מאן, וועלכער וועט פאר איהם א ציערונג ווערען? אדער אפשר גאר האבען די נביאים אליין גע־לערנט דעם יונגען פרינץ און אויסגעבילדעט זיין כאראקטער און גייסט אזוי, אז ער זאל ווערען א אידעאלער קעניג? — א פאקט איז, אז צוויי נביאים האבען נאך, ווען חזקיהו איז יונג געוועזען, אנגעזאגט די בשורה, אז אויף דוד'ס טהראן וועט זיך זעצען א גרויסער קעניג, וועלכער וועט פערווירקליכען די גרויסע האפנונגען פון דער אידישער מלוכה און פון אידישען פאלק.

אין דעם משך פון אחז'עס רעגירונג, וועלכע איז געוועזען א געמיש פון שוואכקייט און וויסטע שגעונות, האבען די נביאים, און בעזונדערס די „ענוים", וועלכע זענען געוועזען דער קערן און דאס הארץ פון פאלק, אנגעזאגט די בשורה, אז אין גיכען וועט אנהויבען קעניגען דער יונגער פרינץ, וועלכער וועט צוריקברענגען אויפ'ן לאנד יהודה די גאלדענע צייט פון דוד המלך. חזקיהו, וועלכער האט מיט וועהטאג אין הארצען געקוקט אויף די פערברעכען פון זיין פאטער, האט באלד נאך זיין פאטערס טויט נעגעבען א בעווייז, מיט וואס פאר א ווידערווילען ער האט געמוזט צוזעהן אלע שלעכטע זיינע מעשים. ער האט זיין פאטער נישט בעגראבען אין די קברים פון די מלכים פון דוד'ס הויז, נאר אין א זייטיגען קבר. ער האט איהם אפילו אויך נישט אריינגעלעגט אין א פרעכטיגען ארון, ווי עס פיהרט זיך ביי דער קבורה פון א קעניג, נאר ער האט איהם געלאזט שלע־פען אויף א מטה מיט שטריק.

די פעראכטעטע פון פאלק, די „שוויגער און ליידער", וועלכע הא־בען אין די צייטען פון'ם קעניג אחז געמוזט טראגען מיט יסורים אין הארצען זייער ערנידערונג, זיי אלע האבען געווארט מיט אונגעדולד אויפ'ן מאמענט, ווען דער יונגער קעניג וועט זיי בעפרייען פון זייער עלענד. איינער פון זייערע חברים האט ארויסגעזאגט זייער וואונש אין א נ'ערהאבענעם שענעם לויב־ליעד:

„פון גרויסער, גרויסער פינסטערניש
„האט ליכטיגקייט דאס פאלק דערזעהען;
„פאר איינוואהנער פון טוידטען לאנד
„האט ליכט און גלאנץ א שיין געטהון.
„דו האסט דיין פאלק גאנץ גרויס געמאכט,
„זיין פרייד האסטו פערגרעסערט,
זיי פרעהען זיך מיט דיר,
„ווי אין דעם תבואה־שניט;
„די פרייד איז גרויס ביי זיי,
„ווי ווען מען רויב צוטיילט.

„דען די האָסט איצט צובראָכען
„דעם שווערען, שווערען יאָך,
„דעם שטעקען פון דעם פּייניגער,
„ווי אין דעם טאָג פון מדין.
„איין קינד איז אונז געבאָרען,
„איין זוהן איז אונז געגעבען,
„די הערשאַפט וועט ער טראָגען;
„דעם נאָמען וועט ער האָבען—
„דער ראָט־געבער, דער וואונדערליכער,
„דער העלד, דער גרויסער, געטליכער,
„דער פאָטער און דער גרויסער פירשט
„פון פרידען, פון דעם איביגען“.

חזקיהו'ס רעגירונגס־צייט איז רייך געווען אין וואָהלטעטיגע מעשים און אין דיכטערישע שעפּפונגען, און זי האָט דעריבער געקאָנט ווערען א גאָלדענע עפּאָכע, ווען נאָר געגען זיין גרויסען ווילען וואָלטען זיך נישט אַרויסגעשטעלט קיין שווערע שטערונגען, איבער וועלכע ער האָט נישט געקאָנט אַריבערטרעטען, און אויך נישט דורכברעכען זיי. די מלוכה־מאַכט פון יהודה איז שוין לאַנג נישט געווען קיין אונבעגרענצטע; די שרים פון יהודה האָבען בעגרענצט דעם קעניגס מאַכט און צוגענו־מען פאַר זיך א טייל פון זיין ממשלה. און ווען די שרים פלעגען זיך פעראייניגען און אַרויסטרעטען געגען דעם קעניג, האָט ער געגען זייער ווילען גאָרנישט געקאָנט טהון. די שרים זענען אויך געווען די שופטים— די ריכטער, און מיט דער שטעלע פון א ריכטער איז אויך געווען פער־בונדען די מאַכט פון דער רעגירונג, וועלכע פלעגט פערווירקליכט ווע־רען דורך די „שוטרים“ — פּאָליציי. דער איינצעלנער מענש, דער קליינ־שטעדטעלדיגער איינוואָהנער, דער לאַנדאַרבייטער, אָדער דער פּאַסטוך האָט געהאַט איבער זיך נאָר איין העררן — דעם נאָהענטסטען שר, אָדער ריכטער, פאַר וועלכען ער פלעגט מוזען ציטערען. די אָנקלאָגען פון די געדריקטע פלעגען זעלטען ווען דערגרייכען צו די אויערען פון קעניג. פאַר'ן פאָלק איז נאָך אַלזאָ ווייניג נוצען געווען דערפון, וואָס חזקיהו איז גע־ווען איידעל, פרום און א פריינד פון דעם אָרעמען פאָלק און פון די גע־רודפ'טע, דען ער האָט נישט געהאַט קיין מיטלען, ווי אַזוי דורכצופיהרען זיין גוטען ווילען און צו פערווירקליכען זיינע גוטע פּלענער. אפילו אין ירושלים גופא איז זיין מאַכט געווען געבראָכען, דען נעבען איהם האָט זיך געפונען דער „סוכן“—דער אויפזעהער איבער'ן קעניגליכען פּאַלאַץ, וועלכער איז געווען דער אָנפיהרער איבער דער אַרמעע און די בעאַמטע פון קעניגליכען הויף, און וועלכער פלעגט האַלטען דעם קעניג כמעט, ווי א געפאַנגענעם אין קעניגליכען פּאַלאַץ. אויך האָבען פיעל מיטגעווירקט

די דאמאלסדיגע אנשויאונגען, וועלכע האבען נישט ערלויבט, אז דער קעניג זאל זיך ערניעדריגען דורך דעם אראבלאזען זיך צום פאלק. מען האט, למשל, געהאלטען פאר א ערניעדערונג פאר'ן קעניג, ווען ער פלעגט זיך אינטערעסירען מיט'ן אלטעגליכען לעבען פון געמיינעם פאלק. דער קעניג האט דעריבער בכלל גאנץ ווייניג געוואוסט פון דעם, וואס עס קומט פאר אין דער מלוכה, און ווען ער האט זיך שוין יא דערוואוסט, האט ער נישט געקאנט העלפען, ווייל זיינע פעראָרדנונגען פלעגען נישט אויסגעפיהרט ווערען. אין חזקיהו'ס צייט איז אזא אויפזעהער איבער'ן פאלאץ געווען שבנא, וועלכער האט געשפיעלט אזא ראליע, פונקט ווי ער וואלט געווען דער קעניג און די גאנצע מאכט פון דער מלוכה וואלט געהערט נאר איהם. ער האט אזוי פערשטאנען איינצו־ארדנען די גאנצע רעגיערונג, אז ער איז געווען דער פאקטישער בעל־הבית אין יהודה, און זיין ווילען איז פאר אלעמען געווען א געזעץ.

אין דער ערשטער צייט פון חזקיהו'ס רעגיערונג האבען די הויף־לייט, די ריכטער און די אנדערע בעאמטע נאך איבערגעלאזען דעם יונגען קעניג א ביסעל זעלבסטשטענדיגקייט, ביז מען וועט זיך דערוויסען, וואס פאר א כאראקטער ער האט, און וואוהין ער איז נוטה. אין דער דאזיגער עפאכע פון זיין רעגיערונג האט חזקיהו נאך געקאנט מאכען וועלכע ס'איז פלענער און טיילווייז זיי אויך אויספיהרען. אזוי איז איהם געלונגען צו דערווייטערען די געצענדיענעריי, איינצואָרדנען צוריק דעם גאטעס־דינסט אין בית המקדש און אבצוזאגען פון זיינע שטעלעס פיעל פערברעכערישע און חוצפה'דיגע בעאמטע פון זיין הויף. ס'פערשטעהט זיך, אז חזקיהו האט אויך פערזארגט די לויים, וועלכע זיינען געווען דער הויפט־עלעמענט צווישען די „ענוים“ און דערצו זינגער און דיכטער. לויט חזקיהו'ס בעפעהל האט מען אנגעהויבען צו געבען ווידער אין דער צייט תרומות און מעשרות, און די לויים האבען בעקומען זייער געהעריגען חלק.

וויפיעל האט אבער חזקיהו געמוזט ארבייטען, כדי „אויסצוואשען די אונריינקייט פון ציון“, יענע שמוציגקייטען און פערדארבענע מדות, וועלכע די געצענדיענעריי האט מיטגעבראכט! דער בית המקדש איז געשטאנען פער'יתום'ט, ווערענד דאס לאנד איז פיל געווען מיט די געצען און זייערע מזבחות. חזקיהו האט ווידער געעפענט און אבגערייניגט דעם בית המקדש און צושטערט דארט אלע בילדער פון די אב־געטער; אויך די קופערנע שלאנג, וועלכע איז געווען א סימבאל פונ'ם גאט פון דער מעדיצין, האט ער ארויסגעווארפען פון בית המקדש. כדי אבער צו מאכען איינמאל פאר אלע מאל א סוף מיט דער געצענדיענעריי, האט ער ארויסגעגעבען א בעפעהל, אז מען זאל מעהר נישט טארען בויען קיין מזבחות אויף די בערג (במות) און נישט ברענגען דארט קיין קרבנות, אפילו צו גאט אויך נישט, נאר יעדער, וועלכער וויל א קרבן

ברענגען, זאל מוזען קומען קיין ירושלים. פאר פיעל מענשען איז דער דאזיגער פערבאט געווען גענוג'ס א צו שטרענגער און שווערער, ווייל די רעליגיאנס־פרייהייט איז ביי אידען געווען תמיד איינע פון זייערע עלטסטע מנהגים און טראדיציעס. פיעל ערטער אין יהודה זענען שוין לאנג היילינ געווען אין די אויגען פון פאלק; פאר די פאסטוכער פון יהודה און שמעון, וועלכע האבען געוואהנט אין דער וויטער דרום־פראווינץ, איז עס טאקי אויך געווען זעהר אונבעקוועם, צו קומען מיט זייערע קרבנות אזש קיין ירושלים און שיידען זיך פון זייערע טשערעדעס און פאשע־פעלדער, וועז ס'איז געקומען נעהנטער צו פסח, האט חזקיהו בעפוילען, אז דעם קרבן־פסח זאל מען ברענגען נאר אין ירושלים אין בית־המקדש, אנשטאט דעם, וואס פריהער פלעגט יעדער בעל־הבית זיך מאכען דעם קרבן פסח אויף זיין היימישען מזבח, ער האט אבער אויך געהייסען אפלעגען דעם יום־טוב פסח יענעם יאהר אויף א גאנצען חדש, געווים דערפאר, וואס ניסן איז האמאלס נישט אויסגעקומען אין רעכטען פריהלינג, נאר פריהער, ווייל מען האט נישט ריכטיג צוגעפאסט די חדשים פון דער לבנה מיט די פיער יאהרעס־צייטען: פריהלינג, זומער, הערבסט און ווינטער, דען מען פלעגט נאך ביז דאמאלס נישט מאכען קיין אדר שני.

נישט לאנג האבען אבער די הויף־לייט איבערגעלאזען דעם קעניג די זעלבסטשטענדיגע פיהרונג פון דער רעגיערונג, אז ער זאל קאנען ארגאניזירען דעם אידישען גאטעס־דיענסט אין די רעליגיעזע לויט'ן אלטען אידישען גייסט — אנ'אונטערנעהמונג, וועלכע איז זיי פארגעקומען, ווי א געפעהרליכע רעפארם. דער אויפזעהער איבער'ן פאלאץ, שבנא, האט אנגעהויבען פיהרען אינטריגעס, כדי צוצונעהמען ביי'ם קעניג די רעגיערונגס־מאכט אינגאנצען. חזקיהו איז געווען א דיכטער, א אידעאלע נאטור, ווייכהארציג און נאכגיביג, אהן א שטארקען ווילען. מענשען פון אזא געמיט לאזען זיך לייכט פיהרען, און אפילו אזעלכע מלכים גיבען זיך אויך אונטער די שטארקערע כאראקטערען, וועלכע געפינען זיך ארום זיי. אזוי איז עס אויך געקומען, אז חזקיהו האט אנגעהויבען נאכצוגעבען זיינע שטארקע שרים; באלד האט זיך אבער ארויסגעוויזען, אז דאס האט געבראכט גרויסע אונגליקען דער מלוכה פון יהודה.

די מלחמות פון שלמנאסר געגען פעניקיען און שומרון, וועלכע זענען אויסגעקומען אין די ערשטע יאהרען פון חזקיהו'ס רעגיערונג, האבען דערוועקט, ווי מען קאן זיך לייכט פארשטעלען, גרויסע בעזארגונג און שרעקעניש אין ירושלים און אין קעניגליכען הויף. מען האט געמוזט אננעהמען א בעשלוס, וואס פאר א פאליטיק מען זאל פיהרען: צו זאל מען זיך פעראייניגען מיט די פערבונדעטע מלכים געגען אשור, אדער בלייבען אונטערטעניג ביי אשור. צוליעב זיין שוואכען כאראקטער, האט חזקיהו, ווי עס שיינט, נישט געקאנט לאנג זיך בעשליסען, וואס צו טהון.

די לאגע איז געווען אזא: די אידישע שבטים קעמפפען שוין כמעט גאנצע דריי יאהר פאר זייער פרייהייט, און אויב זיי וועלען פאלען, ערווארטעט זיי א שרעקליכער גורל, פערקויפט צו ווערען פאר קנעכט. צי האט יָנ׳ אלזא, חזקיהו, דער קעניג פון יהודה, געקאנט זיך אבזאגען פון צו געהן געבען הילף זיינע ברידער? פון דער אנדערער זייט אבער איז איהם אויך געווען שרעקליך צו דערוועקען זיין אייגען לאנד דעם מעכטיגען קעניג פון אשור. וואס טהוט מען? מעגליך, אז חזקיהו איז געווען צופריעדען דערמיט, וואס זיינע שרים מיט שבנא׳ן אין דער שפיץ האבען אליין אנגענומען א בעשלוס וועגען דער שווערער פראגע און איהם בעפרייט פון דער נויטווענדיגקייט אליין צו נעהמען אויף זיך די אחריות. ס׳האט זיך אבער באלד ארויסגעוויזען, אז די שרים האבען געפיהרט זעהר נישט קיין שענע און ערענטליכע פאליטיק אין דער בעציהונג צו שומרון: זיי האבען דער מלוכה פון ישראל נישט געשיקט קיין הילף, כלומרש׳ט, צוליעב דער מורא פאר אשור; אבער באלד נאך דעם שרעקליכען חורבן פון די עשרת השבטים האבען זיי אליין געזוכט אלערליי מיטלען, ווי אזוי ארויסצוטרעטען געגען אשור מיט אן אויפשטאנד. די שרים זענען געווען געגנער פונ׳ם קעניג, און אט דערפון זענען ארויסגעקומען פיעל סכסוכים און רייבונגען, וועלכע זענען געווען די סבות פון אלערליי גרויסע סתירות, וואס מען בעמערקט אין חזקיהו׳ס רעגיערונג. מען זעהט דא שענע גדלות און מאוס׳ע שפלות, געהויבענע מדות טובות און שרעקליכע מאראלישע פערדערבונג. יחזקיהו׳ן איז אפילו נישט געלונגען אינגאנצען צו פערטרייבען די געצענדיענעריי. די שרים האבען נאך געהאט איבערגעלאזען ביי זיך אין דערהיים זייערע גאלדענע און זילבערנע געצען, אין זייערע גערטנער זענען נאך געשטאנען די מזבחות פון דער אונציכטיגער געצין עשתרות אונטער די בוימער, וועלכע מען האט פאר איהר געפלאנצט.

און אויך די אויסערליכע פאליטיק האט שטארק געליטען פון דער אונמעכטיגקייט פונ׳ם קעניג און דעם צו שטארקען ווילען פון די שרים מיט׳ן „אויפזעהער“ שבנא בראש. די פאליטישע לאגע פון אלע קלענערע מלוכות צווישען אשור און מצרים איז געווען זעהר א געדריקטע: די געפאהרען זענען פארגעשטאנען מצד ביידע גרויסע מלוכות, סיי מיט וועמען מען איז פערבונדען געווען, סיי מצד דעם געגנער. יהודה איז זיך געבליעבען אונטערטעניג ביי אשור, אפילו אויך אין דער צייט, ווען די מלוכה פון די עשרת השבטים האט איהר בלוטיגע מלחמה געגען אשור געפיהרט און געקעמפפט מיט די לעצטע כחות פאר דער זעלבסטשטענדיגקייט. איצט איז, נאטירליך, שווער צו זאגען, צי איז עס געווען דאמאלס א פעהלער מצד יהודה, וואס מען איז נישט געקומען צו הילף די אייגענע ברידער אין דער נויט, צי איז דאס געווען א פערברעכען, אדער אפשר גאר א נויטווענדיגער שריט פון פאליטישער קלוגשאפט.

אלענפאלם איז חזקיהו דערין נישט שולדיג געווען, דען זיין שטים האט געהאט א קליינע בעדייטונג אין דער בעראטונג פון די שרים וועגען מלחמה אדער שלום. אבער העכסט איבערראשענד און משונה'דיג קומט אונז פאר די פאליטיק, וואס די שרים האבען געפיהרט. נאכדעם ווי שומרון איז געפאלען, ווען זיי האבען געראטען צו געהן זוכען הילף ביי מצרים און ארויסטרעטען געגען אשור. ווען די שרים וואלטען אזא פאליטיק געפיהרט נאך דאן, ווען שומרון האט געהאלטען אין קאמפף פאר איהר פריינהייט, וואלט עס געווען פיעל קלוגער; אלענפאלס וואלט עס געווען א טהאט א שענע און אן'אידעלע, וואס יהודה וואלט געגאנגען העלפען די אידישע ברידער געגען אשור, חאטש זי וואלט זיך דאדורך אליין געשטעלט אין גרויסע סכנה; איצט אבער האט די דאזיגע פאליטיק קיין שום פערשטענדליכען גרונד נישט געהאט. די שרים פון יהודה האבען זיך געהאלטען פאר גרויסע חכמים, אבער זייער עצה ארויסצוטרעטען איצט געגען אשור איז געווען אן'אמת'ע פערבלענדעניש. זיי זענען געגאנגען פונקט מיט'ן זעלביגען דרך, וואס שומרון איז געגאנגען מיט א יאהר צעהן פריהער. זיי האבען געזוכט שטיצע ביי מצרים, וועלכע האט זיי געזאלט שיקען אן'ארמעע אדער פערד, צו פיהרען מלחמה געגען אשור. עס פערשטעהט זיך, אז מען האט אין דער שטרענגסטער געהיימניס אונטערגענומען די אויספיהרונג פונ'ם דאזיגען פלאן. געוען דער פאליטישער אוואנטורע האט ארויסגעטרעטען דער נביא ישעיה, ער האט בעוויזען, אז דער וועג פון די שרים איז א פאלשער, און וועט ברענגען דעם זעלביגען חורבן, וואס איז געקומען איבער שומרון. אבער די שרים האבען ביי ישעיה'ן די ווארט-פרייהייט צוגענומען; זיי האבען איהם נישט ערלויבט צו רעדען, ווייל זיי האבען געוואוסט גאנץ גוט, דאס דורך זיין רעדען וועט ער דערוועקען געגען זיי דעם קעניג און דאס פאלק. ישעיה האט קלאר געזעהן, אז פון דער האפנונג אויף מצרים וועט זיך גארנישט אויסלאזען, און אז אשור וועט צודריקען די קליינע מלוכה יהודה, ווי זי האט שוין איצט געהאט איינגענומען כמעט דאס גאנצע לאנד פון די פלשתים, אויסער נאר דער ים-שטאדט אשדוד, וועלכע האט זיך נאך געהאלטען. אין ירושלים האט מען געווארט אויפ'ן סוף פון דער מלחמה געגען אשדוד זעהר געשפאנט. ישעיה האט דעריבער אויסגענוצט די דאזיגע געשפאנטע שטימונג, כדי צוווארנען דאס פאלק געגען דער שלעכטער פאליטיק פון די שרים אויף זעהר אן'אריגינעלען אופן: ער האט אנגעטהון זיין הארינגען מאנטעל (דעם זאק) און האט זיך געלאזט געהן בארפוס אין די גאסען פון ירושלים, און דאס האט געדארפט בעדייטען: אשדוד וועט פאלען און די איינוואהנער פון מצרים וועלען דורכ'ן קעניג פון אשור געפיהרט ווערען אין געפאנגענשאפט בארפוס און נאקעט. דריי יאהר האט געדויערט די בעלאגערונג אויף אשדוד, און ווען די שטאדט איז ענדליך געפאלען, האט דער נביא שוין מעהר נישט גע-

שווינגען און ער האט עפענטליך ערקלערט, וואס ער האט געמיינט צו זאגען מיט זיין נאקעטען און באָרופס'ען שפאציערען אין די גאסען פון ירושלים.

אבער אויך די מפלה פון אשדוד און די פערקנייכטונג פון די פלשתים האבען נישט איבערגעשראָקען די שרים פון יהודה; זיי האבען זיך זייער פאליטיק געפיהרט ווייטער. געווים האט זיי דערצו דערוועקט דער מצרים'ער קעניג, תרהקה. שלוחים פון יהודה זענען ווידער אבגעגאנגען קיין מצרים און געשלאסען א פייערליכען בונד, ווי עס שיינט, מיט דער בעדינגונג, אז אויב אשור וועט אנפאלען אויף יהודה, זאל מצרים איהר שיקען א גרויסע רייטער־מחנה צו הילף. צוזאמען מיט די שלוחים איז אויך געשיקט געווארען א גאנצע קאראוואנע פון קעמלען און מויל־עזלען, וועלכע האבען געטראגען מתנות דעם קעניג פון מצרים. דען חאטש מצרים האט זיך אליין אויך געוויניגט אינ'ם בונד מיט יהודה, האט דאך דער קעניג פון מצרים פונדעסטוועגען נישט געוואלט צוזאגען קיין הילף אהן מתנות.

ישעיה האט אנגעווענדעט זיין גאנצע רעדנערישע קראפט צו דער־ווייזען, ווי שלעכט די פאליטיק פון די שרים איז. די שענסטע רעדעס פונ'ם נביא שטאמען פון יענער צייט. אלע מיטלען פון דער נביא'ישער רעדנערישער קונסט האט ער אנגעווענדעט געגען די שרים און זייער עקשנות; ער האט געשילדערט, ווי שרעקליך עס וועט זיין דאס קומענדע אונגליק, ער האט מיט א שארפער איראניע אויסגעלאכט די פערבלענדע־ניש פון די שרים; ער האט מילד געזאגט מוסר און דערצעהלט וועגען א בעסערער צוקונפט; די שענסטע אויסדריקען האט דער נביא אנגע־ווענדעט אין זיינע איצטיגע רעדעס. ישעיהו'ס עצה איז געווען: נישט צו מישען זיך אין דער מלחמה צווישען אשור מיט מצרים, בלייבען אינ־פארטייאיש, גאר נישט צו אונטערנעהמען געגען אשור, נאר פערהאלטען זיך רוהיג. די רעכטע שארפקייט אבער פון זיינע דאזיגע רעדעס האט ישעיהו אנגעווענדעט נאר געגען די פערבלענדעטע הויף־לייט און שרים פון יהודה.

די שרים מיט זייער פאליטיק האבען זיך אבער וועניג וואס גע־קימערט וועגען דעם, וואס דער נביא זאגט. דער קעניג חזקיהו, אדער ריכטיגער זיינע שרים, האט זיך אבגעזאגט פון אשור און האט מעהר נישט געשיקט קיין דמשק זיין יעהרליך אבצאהל. דאס, וואס האט, אלזא, געמוזט פארקומען, איז פארגעקומען. סנחריב, דער קעניג פון אשור, האט פערזאמעלט א גרויסע ארמעע, צו געהן נישט בלויז געגען יהודה, נאר אויך געגען מצרים. דען דאדורך, וואס אשור האט פריהער איינגענומען ארם, פעניקיען, שומרון און דאס לאנד פון פלשתים, איז איצט לייכטער געווען פאר דער אסירישער ארמעע צו קומען קיין מצרים, דען קיין

שטערונג ביי'ם מאכען דעם אנפאל אויף מצרים האט שוין אשור איצט נישט בעגעגענט.

סנחריב האט געהאט מיט זיך פיעל מלכים, געהענדיג אין דער מלחמה, און ער האט זיך געמעגט בערימהען, אז ער איז א „מלך איבער מלכים“. אין לאנד יהודה האט מען געמאכט די נויטיגע הכנות צו קאפען שטעלען זיך געגען דעם שרעקליכען שונא. די אידישע ארמעע איז אבער געווען צו שוואך צו פיהרען א מלחמה אויפ'ן אפענעם פעלד געגען אשור, דעריבער האט מען בעסער געטראכט וועגען די פעסטונגען אויף די בערג, וועלכע האבען געדארפט אבהאלטען אזוי לאנג די ארמעע פון אשור, ביז עס וועט קומען די הילף פון מצרים. מיט א בעזונדערען ברען האט מען בעפעסטיגט ירושלים. דעם אויבערשטען טייך, וועלכער האט בעקומען זיין וואסער פונ'ם קוואל גיחון, האט מען פערמויערט און דאס וואסער האט מען אריינגעפיהרט אין שטאדט דורך א קאנאל אונטער דער ערד; דעם וואסער־קאנאל, וואס האט זיך געצויגען פונ'ם קוואל עיטם, האט מען אויך פערשטאפט, כדי דער פיינד זאל נישט האבען קיין וואסער צו טרינקען און נישט קאנען האלטען לאנג די בעלאגערונג. אין געוועהר־הויז, „דאס הויז פון וואלד לבנון“, האט מען צונויפגענומען זעהר פיעל געוועהר.

די גאנצע דאזיגע ארבייט איז דורכגעפיהרט געווארען אינטער דער אויפזיכט פון שבנא דעם „סוכן“, וועלכער איז, צוזאמען מיט די שרים פון יהודה מיט אלע זייערע אנהענגער, געווען גאנץ מוטיג און אהן קיין שום מורא פאר'ן אנקומען פון אשור'ס ארמעע. אין ירושלים האט מען גארנישט געקאנט דערקענען, אז מען שטעהט פאר א שרעקליכער מלחמה. איבעראל האט געהערשט, א גאוה'דיגע אויסגעלאסענהייט, די אווענדען האט מען צוגעבראכט ביי בעכער ויין, מען האט געגעסען און געטרונקען און געווען לעבעדיג, לוסטיג. און ווי מען וואלט א שטייגער, שוין זיך נישט געקאנט דערווארטען צו זעהען שוין א מאל דעם טייערען גאסט — דעם פיינד ארום שטאדט, פלעגט מען ארויפגעהן אויף די דעכער פון די הייזער און קוקען אין דער וויטען, אפשר וועט מען איהם שוין דערזעהען. שבנא האט אבער, אלס קלוגער מענש, אויך א טראכט געטהון וועגען דעם פאל פון א מפלה, און ער האט פעראָרדענט, אז אויב ער וועט דער'הרג'עט ווערען אין מלחמה, זאל מען איהם מקבר זיין נישט ווי א געוועהנליכען בשר־ודם עפעס אין א קבר, נאר אין א קעניגליכען קבר, דען ער האט זיך געהאלטען אזוי גרויס, ווי א מלך. צום דאזיגען צוועק האט ער זיך געלאזען אויסהאקען א קבר אין א הויכען שטיינערנעם בארג און קעניגליך בעפוצען איהם. ישעיהו האט נישט געקאנט צוזעהען אזא פערבלענדעניש און אזא גאוה, און אין א רעדע, וואס יעדעם ווארט פון איהר ווירקט, ווי א רוט, האט ער פאר'ן פאלק און די שרים געשילדערט זייער לייכטזיניגקייט און גרויס

-טחון אין זיך און דאן איז ער בעזונדערס שטארק אנגעפאלען אויפ'ן פערוואלטער שבנא, וועלכען ער האט געהאלטען פאר'ן אמת'ן אונגליקברענגער אויפ'ן לאנד יהודה, און מיט א פערניכטענדער איראניע פרעגט ער ביי איהם:

„וואס און וועמען האסטו דא,
„דאס דו האסט פאר זיך א קבר
„אויסגעהאקט אין פעסטען בארג?
„גאט וועט דיך פערשלײדערן
„וויט, גאנץ וויט אין פרעמדען לאנד;
„דארטען וועסטו שטארבען גאר;
„דארטען בלײבען דײנע גרויסע,
„פרעכטיגע רײטוואגענס, —
„שאנד און הויז פון דײנעם העררן!
„פון דײן שטאנד, דעם איצטיגען,
„וועל איך דיך פערשטויסען;
„פון דײן שטארקער, גרויסער שטעלע
„וועל איך דיך אויסרײסען“.

צי די דאזיגע עפענטליכע רעדע צי אנדערע אורזאכען האבען געווירקט, נאר דער קעניג האט זיך מוט געמאכט און דערווײטערט דעם שטאלצען פאלאץ-אויפזעהער פון זײן שטעלע.

אבער דאס געשעהענע האט מען שוין צוריק נישט געקאנט אומקעהרען. דער גרויסער און שטארקער מלך פון אשור, סנחריב, פול צארן איבער חזקיהו'ס אבפאל פון אשור, איז שוין געווען אויפ'ן וועג צו יהודה, כדי צו פערוויסטען דאס גאנצע לאנד. אלע אידישע פעסטע שטעדט, וועלכע זענען געלעגען פאר איהם אויפ'ן וועג, האט ער גענומען אין שטורם און חרוב געמאכט. די אײנוואהנער זענען ענטלאפען אין גרויס אנגסט און מיט יאמער קײן ירושלים, דען די ארמעע פון אשור האט נישט געשוינט נישט אלט נישט יונג, אלעמען האט זי אדער אויסגעהרג'עט, אדער פאר קנעכט אין געפאנגענשאפט גענומען. די וועגען זענען שוין איצט פערוויסט געווארען, קײן מענשען האט מען אויף זיי נישט געזעהען, ווייל קײנער האט זיך נישט דערוועגט צו בעווײזען זיך אויפ'ן אפענעם פעלד פאר די מערדערישע מחנות. סנחריב האט שוין אויסגעשטרעקט זײן האנד דראהענד אויף ירושלים. אפילו ביי די גרעסטע גבורים איז דער מוט געפאלען, ווען דער שטארקער שונא איז צו דער הויפט-שטאדט געקומען נאהענטער; די פריהערדיגע גאוה און בעריהמעריי איז איצט פערוואנדעלט געווארען אין פחדנות. וועגען שטעלען זיך ענטקעגען האט מען גארנישט געטראכט. אבער וועהרענד אלע זענען געווען פערצווייפעלט, איז דוקא דער נביא ישעיה, וועלכער האט

דאך געווארענט, אז מען זאל נישט מאכען דעם אויפשטאנד געגען אשור און נישט האפען אויף דער הילף פון מצרים, ווייל זי וועט נישט קומען — דוקא דער נביא ישעיה איז איצט, ווען דאס אונגליק האט שוין אויסגעבראכען, אליין געבליבען פעסט און נישט דערשראקען, און ער האט אלעמען צוגעגעבען מוט און טרייסט. אויף איינעם פון די גרויסע שטאדט־פלעצער אין ירושלים האט ער ווידער געהאלטען א רעדע, וועלכע איז דורך איהר פאלקאמער שענער פארם און דורך איהר התלהבות'דיגען גייסט אנ'אמת'ע מייסטער־ווערק, פון די שענסטע אין ישעיה'ס נביאות. אין דער דאזיגער רעדע האט ער נבואה געזאגט, אז סנחריב'ס ארמעע וועט האבען א מפלה, און דערביי שילדערט דער נביא א גלענצענדע צוקונפט פאר אידען, ווען די פערטריבענע און אלע לענדער וועלען זיך צוריקקעהרען קיין ארץ־ישראל, און די עשרת־השבטים וועלען זיך פעראייניגען מיט יהודה; קנאה און פיינדשאפט וועט מעהר נישט פארקומען און עס וועלען ווידער געשעהען אזעלכע וואונדער, ווי עס זענען געוועזען בשעת אידען זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים. דאס פאלק וועט דאמאלס זינגען א התלהבות'דיג ליעד:

„פרעה זיך, טריאומפיר, בעפעלקערונג פון ציון,
„גרויס איז צווישען דיר דער הייליגער ישראל'ס!"

פיעל אפטימיזם האט דער נביא געמוזט האבען, אום אין אזא צייט צו מאהלען הערליכע בילדער פון דער צוקונפט. די לאגע איז געווען פערצווייפעלט, דאס לאנד איז געלעגען חרוב, די שטעדט — פערברענט, דער באדען אויסגעטראטען דורכ'ן פיינד, די הויפט־שטאדט — בעלאגערט און נאהענט צום אונטערגאנג, און דער נביא רעדט מיט אזא זיכערקייט פון גרויסע גליקען און שענע טעג, ווען אנ'אייביגער שלום וועט הערשען צווישען די פעלקער. די אלגעמיינע לאגע און די שרעקליכע אויסזיכטען זענען געוועזען פאר אלעמען קלאר: סנחריב האט זיין חיל צונויפגענומען דאך נישט כדי צו געהן נאר דוקא אויף יהודה; ער האט דאך געוואלט געהן אויף מצרים; איצט, ווען פיעל שטעדט פון יהודה זענען שוין חרוב געוועזען, האט ער דאך גארנישט געהאט נאך וואס אפצושטעלען זיך פאר ירושלים; ער האט געקאנט געהן דורך דאס לאנד פון פלשתים קיין מצרים, און די הויפט־שטאדט פון יהודה, וועלכע ס'איז נישט לייכט איינצונעהמען צוליעב איהר שטארקער נאטירליכער בעפעסטיגונג, וואלט זיך שוין אליין אונטערגעגעבען.

דער קעניג חזקיהו, וועלכער האט געזעהען אין וואס פאר א פערצווייפלונג ירושלים איז געווען צוליעב דעם חורבן, וואס איז פארגעקומען אין גאנצען לאנד, איז געווארען שטארק דערשראקען און האט געשיקט שלוחים צו סנחריב'ן, כדי אויסצודריקען פאר איהם די חרטה אויפ'ן אבפאלען פון אשור און ערקלערען זיך איינגאנצען פאר אונטערטעניג. דער

מלך פֿון אַשור האָט צוערשט געפֿאָדערט די גרויסע סומע פֿון דריי הונ־דערט ככר זילבער און דרייסיג ככר גאָלד. מיט אַ שווער הארץ האָט חקיהו געבראַכט די דאָזיגע סומע; כדי צו האָבען דאָס געלד, האָט מען געמוזט אָפּרייסען די גאָלדענע בעציערונג פֿון די טהירען פֿון בית המקדש. אָבער סנחריב האָט דערמיט נאָך נישט צופֿריעדענגעשטעלט זיך; ווען ער האָט די דאָזיגע סומע ערהאַלטען, האָט ער געפֿאָדערט נאָך מעהר און דערצו אַן'אונבעדינגטען אונטערגעבען זיך פֿונ'ם קעניג און זיינע שרים. כדי צו פֿערשטאַרקען זיין פֿאָדערונג, האָט ער געשיקט אַן'אָב־טיילונג פֿון זיין חיל צו ירושלים מיט דריי בעאַמטע אין דער שפּיץ: תרתן, רב סריס און רבשקה. די אַרמעע פֿון אַשור האָט זיך אויסגעשטעלט אין צפון־מזרח פֿון ירושלים, נעבען דעם אויבערשטען טייך און אַנגע־הויבען די בעלאַגערונג. איידער אָבער מען האָט אָנגעהויבען שטורמען אויף דער שטאָדט, האָבען די אַסירישע בעאַמטע געפֿאָדערט, אַז חזקיהו זאָל מיט זיי האָבען אַן'אונטערעדונג. אַנשטאָט אַליין אַרויסצוגעהן צו זיי, האָט חזקיהו געשיקט זיינע דריי שרים און צווישען זיי אויך אליקום דער פֿערוואַלטער, וועלכער איז שוין איצט געווען אויף שבנא'ס שטעלע. רבשקה האָט גערעדט מיט די אידישע שרים אין סנחריב'ס נאָמען מיט אַזאַ שטאָלצען טאָן, פּונקט ווי דאָס איינגעהמען פֿון ירושלים וואָלט פֿאַר איהם געווען גאָר אַ קלייניגקייט, ווי נעהמען אַ נעסט פֿון אַ פֿויגעל אויפ'ן פֿרייען פֿעלד. אויף דער אויסערסטער מויער פֿון שטאָדט זענען געשטאַנען די אידישע קעמפּפֿער און צוגעהערט מיט אַ פֿערפּרעסטען אָטעם די אונ־טערהאַנדלונג. כדי איינצושרעקען די אידישע קעמפּפֿער, האָט רבשקה גערעדט העברייאיש, כדי אַלע זאָלען פֿערשטעהן, וואָס ער רעדט: „זאָגט חזקיהו'ן, — האָט רבשקה אָנגעהויבען—אויף וואָס פֿערלאָזט דו זיך דען? צו אַ מלחמה איז ווייניג אַרויסצוטרעטען מיט שאַרפֿע רעד, מען מוז אויך זיין אַ גבור און קאָנען זיך אַן'עצה געבען. מצרים וועט דיר נישט העלפֿען; מצרים איז ווי אַ געבראָכען שטעקעל, וואָס אויב מען שפּאַרט זיך אָן אויף איהם, פֿערשטעכט מען זיך נאָר די האַנד און מען פֿער־וואונדעט זיך. אָבער אויב אפילו מצרים וועט דיר שוין שיקען פֿערד, האָסטו דאָך אויך נישט אין דער אַרמעע פֿון יהודה קיין צוויי טויזענד מאַן, וואָס זאָלען קאָנען קעמפּפֿען. אויף גאָט'ס שוץ קאָן חזקיהו דאָך גע־ווים זיך נישט פֿערלאָזען, דען ער האָט דאָך איינגעפֿיהרט אַ נייע אָרדנונג און האָט דאָך דעם אַלטען גאָטעס־דיענסט צובראָכען". — ווען חזקיהו'ס שרים האָבען דערביי געבעטען ביי רבשקה, אַז ער זאָל בעסער רעדען צו זיי אין זיין אייגענער שפּראַך, אַראַמייאיש, האָט רבשקה דערויף געענטפֿערט, אַז ער רעדט בכיון העברייאיש, כדי די אידישע קעמפּפֿער זאָלען הערען און פֿערשטעהן און נישט לאָזען זיך פֿערבלענדען דורך חזקיהו'ס פֿערזיכערונגען, אַז ער וועט זיי פֿיהרען צום נצחון. און כדי נאָך בעסער צו ווירקען אויף די אידישע קעמפּפֿער, האָט רבשקה אויס־

גערופען הויך צו זיי, אז זיי זאלען זיך נישט לאזען איינרעדען פון
חזקיהו, אז גאט וועט זיי העלפען. „צי האבען דען די געטער פון די פעלי־
קער, וועלכע אשור האט איינגענומען, געהאלפען די פעלקער אין דער
נויט?“ דערביי האט רבשקה געפאדערט פון די אידישע קעמפפער גאר א
קלייניגקייט: זיי זאלען זיך אבזאגען פון חזקיהו און איבערגעהן צו
סנחריב'ן, און ער וועט זיי אבפיהרען אין א לאנד, וואס איז אויך אזוי
פרוכטבאר, ווי ארץ ישראל. הערענדיג די דאזיגע רעד האבען דאס פאלק
און די קעמפפער געשוויגען און נישט געענטפערט. אבער ווען מען האט
זיך אין ירושלים דערוואוסט, וועגען וואס מען האט די אונטערערדונג גע־
פיהרט, איז געפאלען אן אימה אויף אלע קלאסען פון דער בעפעלקערונג.
חזקיהו האט דעריבער גוזר תענית געווען און געהייסען אלעמען קומען
אין בית המקדש, גאט צו בעטען. ער אליין האט אויך צוריסען די קליי־
דער און איז אוועקגעגאנגען, איינגעהילט אין א זאק אין בית המקדש
אריין, תפלה צו טהון פאר גאט.

די דאזיגע געלעגענהייט האט אויסגענוצט ישעיהו, צו שטראפען די
גרויסע שרים פון יהודה. ער האט זיי אנגעוויזען, אז זייער גאט בעטען,
זייער כלומרש'טע פרומקייט, זייערע קרבנות און תעניתים האבען נישט
קיין שום ווערט, כל זמן זיי האבען נישט אויפגעהערט צו בערויבען דעם
ארעמאן און צו משפט'ן פאלש דעם געדריקטען. די דאזיגע שטראף־רעדע
פון'ם נביא האט געווירקט ווי א צושמעטערנדער דונער אויף די שרים,
וואס זייער מוט איז איצט געווען געפאלען. אבער ווי אזוי האט מען זיך
געקאנט ארויסראטעווען אינ'ם איצטיגען מאמענט? רבשקה'ס ווארט דאך
אויף אנ'ענטפער! דאס פאלק און דער אידישער חיל האבען דעם מוט
פערלארען; וואס טהוט מען, אויב זיי ווילען, כדי דאס לעבען צו ראטע־
ווען, באמת ארייןלאזען דעם פיינד אין שטאדט, ווי רבשקה האט זיי
פארגעלעגט? איצט האבען אלע געקוקט אויפ'ן נביא ישעיה, וואס האט
געקאנט האבען דעם איינפלוס אויפ'ן פאלק. דער קעניג האט געשיקט צום
נביא איינעם פון זיינע גרעסטע שרים און דעם עלטסטען פון די כהנים,
אז ער זאל גאט בעטען פאר'ן „רעשט אידען“, וועלכע זענען נאך געבליע־
בען פון גאנצען פאלק, און אויך זאגען אלעמען זיין טרייסט־ווארט. דער
נביא האט געענטפערט אין א קורצער רעדע, אז זיי זאלען זאגען דעם קע־
ניג חזקיהו, דאס ער זאל זיך נישט שרעקען פאר'ן שטאלצען סנחריב,
וו[...]בער האט גאט געלעסטערט; דען ער וועט ערהאלטען א ידיעה, וואס
וועט איהם אזוי דערשרעקען, אז ער וועט די בעלאגערונג פון ירושלים
ארונטערנעהמען און אבציהען צוריק אין זיין לאנד. די געשעהענישען זע־
נען טאקי אזוי פארגעקומען. חזקיהו האט אבגעענטפערט: ער שרעקט זיך
נישט פאר'ן מלך פון סנחריב און ער וועט איהם די שטאדט נישט אב־
געבען, ווייל ער האט בטחון אין גאט, אז ער וועט איהם בעשיצען פאר'ן
גרויסען חיל פונ'ם מלך פון אשור.

און איידער נאָך רבשקה איז צוריקגעקומען צו סנחריב'ן, איז שוין די גרויסע ענדערונג צום גוטען פאָרגעקומען: סנחריב האָט פּלוצלונג ערהאַלטען אַ ידיעה, אַז תרהקה, דער קעניג פון מצרים, פונ'ם קעניגליכען הויז פון כוש, איז איהם אַרויסגעטראָטען ענטקעגען מיט אַ גרויסער אַרמעע, כדי צו פערטרעטען איהם דעם וועג קיין מצרים. סנחריב האָט דעריבער אָראָבגענומען די בעלאַגערונג פון ירושלים און פערזאַמעלט זיין גרויסע אַרמעע, וועלכע איז געלעגען פונאַנדערגעוואָרפען אין פערשיעדענע ערטער, כדי צו געהן ווייטער צום דרום-זייט ביז דער גרעניץ פון מצרים ביי דער שטאָדט פּעלוזיום.

אָבער פונקט אין דעם מאָמענט, ווען ירושלים האָט פריער אָבגעאָטעמט, האָט זיך געטראָפען אַ זאַך, וועלכע האָט ווידער פערשפּרייט אַ נייע אימה איבער ירושלים: חזקיהו איז פּלוצלונג קראַנק געוואָרען, אַזוי געפעהרליך, אַז אפילו דער נביא האָט שוין געמיינט, דאָס ער וועט שטאַרבען, און איהם געראָטען צו מאַכען זיין צוואה. דער טויט פונ'ם קעניג אין אַזאַ שווערער צייט וואָלט געווים געבראַכט צו נייע אונגליקען, דען צווישען די שרים וואָלטען אויסגעבראָכען די אַלטע סכסוכים און עס וואָלט געקאָנט קומען צו אַ בירגערליכען קריעג. צום גליק איז חזקיהו געזונד געוואָרען, וואָס ס'האָט אַרויסגערופען אַ גרויסע טיעפע פריוד אין גאַנצען לאַנד. און די פריוד הערט זיך אויך אין דעם געזאַנג פון נביא, וואָס איז געזונגען געוואָרען אין בית המקדש:

„איך האָב געמיינט: נאָך גאָר בלוט-יונג
„זאָל איך שוין דאַרפען געהן אין שאול,
„בערויבט פון מיינע רעשטע יאָהרען;
„איך האָב געמיינט, איך וועל שוין וואויל
„נישט זעהען גאָט אין לאַנד פון לעבען;
„איך וועל שוין מעהר קיין מענשען זעהען
„מיט די בעוואָהנער פון דער שטערבליך וועלט...
„מיין וואָהנונג זאָל שוין אָבגעצויגען זיין,
„אַ ביידעל גלייך פון פּאַשע-פעלד;
„מיין לעבען זאָל שוין אָבגעשניטען זיין,
„ווי פעדים אויף דעם וועבער-שטוהל —
„פון פריהען מאָרגען ביז דער נאַכט געענדעט!
„איך בין געגליכען אין דערפריה,
„ווי דורך אַ לייב שוין גאָר צובראָכען —
„פון פריהען מאָרגען ביז דער נאַכט געענדעט!
„איך האָב געצווישערט ווי אַ שוואַלב,
„פונקט ווי אַ קראַניך האָב איך געטשיפּצעט,
„געמורעט שטיל, וויינד, ווי אַ טויב.

„פֿערשמאַכטעט הויב איך מיינע אויגען
„צום הימעל. אָה, מיין גאָט, איך בין
„געדריקט, טאָ העלף זשע, העלף דאָך מיר!
„וואָס זאָל איך זאָגען: ער האָט דאָך
„פֿערשפּראָכען מיר און אויסגעפֿיהרט.
„איך מוז איצט טרויערען מיין לעבען לאַנג
„דען, אָה, אין הארצען איז מיר זעהר באַנג.
„עס לעבען דאָך די, וועלכע גאָט בעשיצט
„אָה, זאָל מיין גייסט צו זיי געהערען איצט!
„אָה, שטאַרק מיך, שענק דאָס לעבען מיר!
„עס איז דאָך פֿרידען, אָבער מיר איז ביטער,
„דאָך ערשט האָסטו מיר מיט דיין ליעבע
„אַרויסגעהאָלפֿען פֿון דער טיעפֿער גרוב,
„פֿערגעסענדיג מיין זינד אינגאַנצען.
„דען ניט דער שאול און ניט דער טויט
„דאָך קאָנען דאַנקען, לויבען דיך,
„עס האָפֿען אויך נישט אויף דיין חסד
„די, וועלכע ס'האָט די ערד בעדעקט...
„נאָר לעבען, לעבעדיגע לויבען,
„ווי איך, דיין גרויסען נאָמען היינט;
„דער פֿאָטער טהוט די קינדער זאָגען
„פֿון דיינע גרויסע חסדים שטענדיג.
„צו העלפֿען מיר איז גאָט דערנעבען,
„און מיינע ליעדער וועלען מיר נאָך זינגען
„אין גאָטעס הויז דעם גאַנצען לעבען".

אין ירושלים איז געוועזען די פֿרייד זעהר גרויס, ווען דער קעניג איז צוריק געזונד געוואָרען, אָבער זי איז געוועזען געשטערט דורך דער מורא פֿאַר סנחריב'ן, וואָרום אויב סנחריב וועט מנצח זיין אין זיין מלחמה געגען מצרים, וועט ער די ערשטע זאַך פֿערוויסטען דאָס גאַנצע לאַנד יהודה און מאַכען אַ סוף מיט דוד'ס טהראָן. אָבער פּלוצלונג איז אין ירושלים ערהאלטען געוואָרען די פֿרעהליכע ידיעה, אַז סנחריב מיט זיין אַרמעע האָט זיך געשווינד אומגעקעהרט צוריק אַהיים קיין אשור, ווי ער וואָלט אַ שטייגער, פֿון אַ פֿיינד אַנטלאָפֿען (781 פֿאַר'ן צווייטען חורבן). וואָס איז פֿאָרגעקומען? וואָס איז געוואָרען פֿון דער גרויסער אַרמעע פֿון אשור? גענוי האָט מען שפּעטער דאָס אויך נישט געוואוסט, ווייל דאָס מלחמה-פֿעלד איז געוועזען גאַנץ ווייט פֿון ירושלים. אין ירושלים אָבער האָט מען דערצעהלט, אַז דער „מלאך המשחית" — אַ שרעקליכע מגפה איז אויסגעבראָכען אין דער נאַכט איבער דער אַרמעע פֿון אשור, און הונדערט מיט פֿינף און אַכציג טויזענד מאַן זענען טויט געפֿאַלען. אין מצרים האָ-

בען די פּריסטער דערצעהלט, אַז זעהר פֿיעל פֿעלד־מייז האָבען אין איין נאַכט איבערגעפֿרעסען אַלע בויגענס און רימענס פֿונ׳ם געוועהר, און די אסירישע אַרמעע איז געבליבען כּמעט ווי אונבעוואָפֿענט; זיי האָבען דעריבער געמוזט ענטלויפֿען, מורא האָבענדיג, אַז דער חיל פֿון מצרים זאָל אויף זיי נישט אָנפֿאַלען אין אַזאַ לאַגע.

ווי אַזוי עס זאָל נישט האָבען פֿאָרגעקומען דער אונטערגאַנג פֿון סנחריב׳ס אַרמעע,— פֿאַר יענער צייט איז עס ערשיענען אַלעמען, ווי אַ וואונדער פֿון גאָט, ווי אַ שטראָף, וועלכע גאָט האָט געשיקט אויף אשור פֿאַר די לעסטערנדע רעד פֿון סנחריב׳ס שרים. אין ירושלים איז די פֿרייד נאָך פֿערגרעסערט געוואָרען דאַדורך, וואָס דער נביא ישעיה האָט פֿון אָנפֿאַנג אָן נבואה געזאָגט, אַז סנחריב וועט קיין איינציגען פֿייל אויף ירושלים נישט וואַרפֿען און ער וועט מוזען זיך אומקעהרען צוריק אויפ׳ן וועג, מיט וועלכען ער איז געקומען.

ירושלים האָט זיך אַלזאָ בעפֿרייט פֿון דעם שרעק פֿאַר אשור. ישעיהו׳ס נבואה: „אשור׳ס יאָך וועט פֿון דיינע אַקסלען אַראָבפֿאַלען" איז מקוים געוואָרען אינגאַנצען. די איינוואָהנער פֿונ׳ם לאַנד וועלכע זענען טיילוויז ענטלאָפֿען קיין ירושלים, טיילוויז האָבען זיי זיך בעהאַלטען אין די גריבער און הייהלען, האָבען זיך איצט צוריקגעקעהרט אויף זייערע פֿעלדער און אָנגעהויבען זיי צו בעאַרבייטען.

איצט, ווען ס׳איז פֿערשוואונדען געוואָרען די מורא פֿאַר אַ פֿינסטערען בליק פֿונ׳ם קעניג פֿון אַשור, האָבען די איינוואָהנער פֿון יהודה געקאָנט אָנהויבען טראַכטען וועגען אויפֿזוכען נייע ערטער, וואו צו וואָהנען, דען די בעפֿעלקערונג פֿון יהודה האָט זיך שטאַרק פֿערגרעסערט *) און עס האָט פֿערפֿעהלט לאַנד אין יהודה פֿאַר די אַרבייטער. די וואונדערליכע ישועה, וועלכע איז פּלוצלונג געקומען אין דער שווערער נויט, האָט ביי אַלעמען געשטאַרקט דעם מוט, און מען האָט בעקומען אַ חשק צו פֿיהרען אַ נייעם קאַמפּף. חאָטש חזקיהו איז כּלל נישט געווען קיין מלחמה־העלד, פֿינדעסטוועגען האָט דאָך יהודה פֿערנומען איצט דעם אָרט פֿון אַ מנצח צווישען די פֿעלקער, וועלכע האָבען געוואָהנט צווישען אַשור און מצרים און זענען איצט אויך פֿריי געוואָרען פֿון אַשור. אַ קעניג פֿון אַ פֿרעמד לאַנד האָט געוואָלט שליסען אַ בונד מיט׳ן מלך פֿון יהודה. בבל, וועלכע האָט זיך מיט אַ יאָהר פֿופֿציג פֿריהער בעפֿרייט פֿון אשור, איז, ווי עס שיינט, אונטער תגלת פּלאָסר, שלמנאָסר און סנחריב ווידער געווען אונטערטעניג ביי אַשור. איצט, נאָך סנחריב׳ס מפּלה, איז בבל ווידער פֿריי געוואָרען, און דער קעניג פֿון בבל, מרודך בלאדן, דער פֿינפֿטער

---

*) ווי עס שיינט, אויך צוליעב דעם, וואָס עס האָבען אין יהודה איינגעוואַנדערט פֿיעל ענטלאָפֿענע פֿון די עשרת השבטים נאָכ׳ן דאָרטיגען חורבן.

נאָך דעם ערשטען קעניג נבונאַסר, האָט געשיקט שלוחים מיט בריעף און מתנות צו חזקיהו'ן, צו בעגריסען איהם, כלומרש'ט, צו זיין אויפשטעהן פון קרענק, אָבער בלי ספק, כדי צו שליסען מיט איהם אַ בונד געגען אשור. ס'פערשטעהט זיך, אַז חזקיהו האָט זיך שטאַרק געפרעהט מיט אַזאַ פאָרשלאַג, וואָס איז איהם געמאַכט געוואָרען פון אַ קעניג פון אַ ווייטען לאַנד; ער האָט דעריבער אויפגענומען די שלוחים פון בבל מיט גרויס כבוד און האָט זיי געוויזען זיינע אוצרות, זיינע גרויסע זאַמלונגען פון בשמים און בעזונדערס דעם טייערען באַלזאַם, וועלכער איז געווען אַ זעלטענהייט און איז איבעראַל געזוכט געוואָרען.

די פופצעהן יאָהר, וואָס חזקיהו האָט געקעניגט נאָך דעם אונטערגאַנג פון דער אַרמעע פון אַשור, איז געווען אַן'אמת'ע גאָלד־עפּאָכע פאַר'ן „רעשט אידען“. יעדערער האָט געקאָנט לעבען אונגעשטערט אונטער זיין ווינשטאָק און פייגענבוים, ווי אין דוד'ס און שלמה'ס צייטען. איצט זענען געקומען פרעמדע איינוואָהנער אין יהודה, וועלכע מען האָט פריינדליך אויפגענומען, און זיי האָבען זיך פעראייניגט מיט'ן אידישען פאָלק. די פעראָרעמטע מענשען, די געפּלאָגטע אָרעמע לייט האָט חזקיהו אויפגעהויבען פון זייער שפלות און געגעבען די מעגליכקייט צו פיהרען אַן'ערטרעגליך לעבען. נאָר ערשט האָט חזקיהו געקאָנט פערווירקליכען זיין וואַרעמען וואונש, צו האַלטען אין זיין פּאַלאַץ נאָר די געטרייע מענשען פון לאַנד, די פרומע און ערגעבענע גאָטספירכטיגע לייט. צו דער הערשאַפט פון פּאַלאַץ־אויפזעהער איז איצט שוין געקומען אַן'ענדע; חזקיהו האָט זיך אויך בעפרייט פון דער אָבהענגיגקייט ביי די שרים, אַ דאַנק דעם גרויסען וואונדער, וואָס גאָט האָט איהם געטהון. ישעיהו'ס תלמידים, וועלכע דער נביא האָט מיט זיין גרויסען גייסט אָנגעזאַפּט, זענען געוואָרען די ראַט־געבער פונ'ם קעניג און האָבען זיך גערופען „חזקיהו'ס לייט“.

די צווייטע העלפט פון חזקיהו'ס רעגירונג איז אויך געווען די אויפבליהונגס־צייט פון דער דיכטערישער קונסט, ווי אויך פון דער געלעהרטער ליטעראַטור. די לויים האָבען בעזונגען אין לויב־לידער די וואונדערבאַרע ישועה, ווי אַזוי די גרויסע מחנות פונ'ם שטאָלצען סנחריב'ן זענען אין אייביגען שלאָף געזונקען מיט זייערע פערד צוזאַמען. דאָס זענען שענע וואוילקלינגענדע לידער, וועלכע פּאַסען זעהר גוט צו ישעיהו'ס גאָלדענער שפּראַך. די תהלים־געזאַנגען פון יענער צייט האָבען בכלל זעהר אַ הויכען פּאָעטישען ווערט דורך זייער אינהאַלט און פאָרם. „חזקיהו'ס לייט“ האָבען געזאַמעלט אַלע עלטערע משלים און האָבען צוגעלעגט אייגענע פון זייער זייט. נעבען דער פּאָעזיע האָט אויך אויפגעבליהט די פּראָזא אין דער שילדערונג פון היסטאָרישע געשעהענישען, וועלכע איז אפילו שוין פריהער בעשאַפען געוואָרען, איצט אָבער האָט זי זיך שטאַרק ענטוויקעלט ווייטער. די געשיכטע פון דער עפּאָכע פון די „שופטים“.

דער איבערגאנג פון יענער עפאכע צו דער צייט פון די ערשטע מלכים, די רייהע פון גוטע און שלעכטע מלכים ביז צו דער שפאלטונג אין רחבעם'ס צייטען און ביז צום אונטערגאנג פון דער מלוכה פון שומרון אדער דעם גלות פון די עשרת השבטים — דאס אלץ איז געשריבען געווארען אין אנ'עכט מייסטערהאפטער פארם, ווי אויך די ספרים „שופטים", „שמואל" און מלכים" מיט זייער קינסטלערישער צוזאמענשטעלונג שטאמען פון יענער צייט. דער היסטארישער געדאנק פון די דאזיגע ספרים איז, אז כל זמן ישראל איז געבליעבען געטריי זיין גאט, האט ער געלעבט אין פרייד און פריעדען, דאגעגען די אונגליקליכע צייט איז שטענדיג געקומען דערפון, וואס מען האט זיך אבגעווענדעט פון גאט און צוגעווענדעט זיך דער געצענדיענערייי. ווי עס שיינט, איז איינער א לוי, אדער א תלמיד פון די נביאים פון חזקיהו'ס צייט, געווען דער מסדר פון אט די אלע דריי ספרים.

ביז'ן לעצטען טאג פון זיין לעבען האט חזקיהו געקאנט אונגעשטערט רעגירען איבער יהודה, סנחריב'ס מפלה איז געווען אזא געוואלדיגע, אז ער האט גארנישט געקאנט טראכטען וועגען אונטערנעהמען א נייע מלחמה געגען יהודה. אבער דער קעניג און דאס פאלק זענען געווען שטארק בעזארגט, אז אשור זאל פארט א מאל נישט מאכען ווידער אנ'אנפאל אויפ'ן לאנד. און דעריבער האט מען מיט גרויס פרייד אויפגענומען די בשורה, אז סנחריב, וועלכער האט אזוי חוצפה'דיג און שענדליך געלעסטערט גאט און זיין פאלק, איז פלוצלונג דער'הרג'עט געווארען דורך זיינע אייגענע זיהן אין טעמפעל פון אנ'אבגאט. ווי עס שיינט, האט חזקיהו נאך דערלעבט די מפלה פון זיין פיינד. די מחלוקת, וועלכע עס האט נאך סנחריב'ס ערמארדונג אויסגעבראכען אין נינוה צווישען סנחריב'ס זיהן, האט מעהר נאך פערשטארקט די האפנונג, אז ס'איז נישטא וואס מורא צו האבען ווייטער פאר אנ'אנפאל מצד אשור אויף יהודה.

חזקיהו איז געווען דער לעצטער קעניג, וועלכען מען האט מקבר געווען אין די קברים פון דוד'ס קעניגליך הויז. דאס פאלק, וואס האט איהם טיעף געליעבט, האט איהם אבגעגעבען גרויס כבוד נאך זיין טויט. ווי עס שיינט, האט חזקיהו איבערגעלאזען נאר איין איינציגען זוהן, מנשה, וועלכער איז געבארען געווארען א פאר יאהר נאך דער מלחמה מיט אשור.

נישט לאנג האט געדויערט די גליקליכע עפאכע פון מלך חזקיהו. נאר די לעצטע פופצעהן יאהר פון חזקיהו'ס רעגירונג פערנעהמט די גאלדענע צייט. דאס אונגליק האט באלד נאך חזקיהו'ס טויט, ווידער געדארפט אריינקומען אין לאנד יהודה. נאך דער גרויסער אחדות, וואס האט געהערשט ארום חזקיהו'ן און זיינע בעאמטע פון די „ענוים", האבען זיך אנגעהויבען מחלוקת און סכסוכים צווישען די נייע שרים, וועלכע האבען פערטריבען „חזקיהו'ס לייט". די לאגע האט זיך בכלל אינגאנצען פערענדערט. נאך דער אנגענעהמער רוה האבען אויסגעבראכען

שארפע שטורמ'ס פון אונרוהיגקייט; נאך דער גרויסער גייסטיגער פרוכטבארקייט, איז געקומען א צייט פון טריקעניש פאר'ן אידישען גייסט. קיין ווירכטיגע פאליטישע געשעהענישען אין דער בעציהונג פון יהודה צו די פרעמדע מלוכות זענען אין דער צייט פון חזקיהו'ס זוהן אפילו ניכט פארגעקומען, אבער אין דער מלוכה גופא האבען אנגעהויבען פארקומען שענדליכע מעשים. די ממשלה האבען פערהאפט די שרים און די הענה, און צווישען זיי האט געהערשט קנאה און שנאה, און די מלוכה איז אינגאנצען אבגעשוואכט געווארען. צום גרויסען אונגליק פונ'ם לאנד, האט מנשה געקעניגט זעהר לאנג—פינף און פופציג יאהר (פון 765 ביז 711 פאר'ן צווייטען חורבן), און אין אט דער לאנגער צייט האבען די סכסוכים קיינמאל ניכט אויפגעהערט צווישען די „שרים און די קצינים". געקומען האט זיך דאס אונגליק דערפון, וואס מנשה איז געווארען קעניג, ווען ער איז נאך גאנץ יונג געווען, און די ממשלה האבען אנגעהויבען צו פיהרען די גרויסע לייט די שרים. צו א הויכער ליעבע צום פאטערלאנד האבען זיך אבער די שרים פון יהודה ניכט דערהויבען; זיי זענען גאר געווען פול מיט אנדערע געפיהלען; זיי האבען נאך ניכט פערגעסען, וואס פאר א גרויסע מאכט זיי האבען געהאט פאר חזקיהו'ן און ווי זיי האבען די דאזיגע מאכט פערלוירען. איצט אלזא האבען זיי זייער לאנג איינגעהאלטענעם כעס געקאנט אויסלאזען, און זיי האבען זיך קודם כל גענומען דערווייטערען יענע פרומע מענשען, „חזקיהו'ס לייט", וועלכע זענען אין די לעצטע יאהרען געווען די ערשטע ביי'ם טהראן. נאר ניכט בלויז דערווייטערען האבען זיי געוואלט די פרומע לייט, נאר אויך נקמה נעהמען אן זיי. עס זענען געקומען הויף־בעאמטע, וועלכע האבען נאר געטראכט וועגען איין זאך — צושטויסען און פערוויסטען באלד אלץ, וואס חזקיהו האט אויפגעבויט. די ארדנונג, וועלכע חזקיהו האט איינגעפיהרט — צי איז דאס טאקי געווען די גאנץ אלטע אידישע ארדנונג, וועלכע ער האט צוריק איינגעפיהרט, אדער דאס איז באמת געווען א נייע ארדנונג, ווי מען האט זיך געקלאגט אין חזקיהו'ס צייטען — חזקיהו'ס ארדנונג איז דאך אבער אין דער ווירקליכקייט בעשטאנען בלויז אין דיענען גאט אהן קיין שום בילדער און אין דעם האס געגען יעדער געצענדיענעריי. אט די ארדנונג אומצוווארפען האבען זיך איצט גענומען מיט אנ'אמת'ען פאנאטיזם די שרים, וועלכע זענען געשטאנען אליין אין שפיץ פון דער רעגיערונג אדער האבען געהאט אויף איהר א זייטיגען איינפלוס. עס איז אויסגעוואקסען א נייע געצענדיענערישע פארטיי, וועלכע האט פערטריבען אלץ, וואס האט געטראגען אין זיך דעם אלטען אידישען גייסט און כאראקטער, און איינגעפיהרט אלץ, וואס מען קאן נאר נעהמען ביי פרעמדע. צוליעב וואס האט דאס די פארטיי געטהון, צוליעב איהר פאלשען פערשטעהן די אמת'ע בעדייטונג פונ'ם גאטעסדיענסט, פון דער רעליגיע, אדער צוליעב דעם, וואס מען האט בלויז נא־

ריש געוואָלט נאָכטהון אַלץ די פרעמדע און געהאַסט דאָס אידישע — דאָס איז איצט שווער צו זאָגען. מעגליך, אַז דאָ האָבען געווירקט אַלע סבות צוזאַמען.

אין שפּיץ פון דער נייער פּאַרטיי זענען געשטאַנען די פּרינצען, די יונגערע זיהן אָדער די קוזינען פון׳ם מלך אָחז, וועלכע האָבען געהאַסט חזקיהו׳ם מעשים האַלטענדיג זיי פאַר נייע איינפיהרונגען, פאַר אַן׳אַרויסטרעטען פון אַ זוהן געגען זיין פאָטער, פון חזקיהו׳ן געגען אָחז׳ן. ביז איצט האָבען זיי געמוזט שווייגען מיט אַ פערבעהאַלטענעם צאָרן. דער יונגער קעניג מנשה האָט זיך געפונען אינגאַנצען אונטער זייער איינפלוס און אויך דער פערוואַלטער פון פּאַלאַץ איז געוועזען פון זייערע לייט. באַלד נאָך מנשה׳ס בעשטייגען דעם טהראָן, זענען די פירשטען צוגעטראָטען דורכצופיהרען דעם פּלאַן פון גרויסע ענדערונגען אין אינערליכען לעבען אין דער מלוכה און אין דער רעליגיע. קודם כל האָט מען ערקלערט, אַז די מזבחות אויף אַלע הויכע ערטער, די במות, וועלכע חזקיהו האָט אַזוי שטרענג פערבאָטען, וועלען ווידער ערלויבט. דאַדורך איז דער המון פון פאָלק צוגעצויגען געוואָרען צו די פּרינצען, וועלכע האָבען איצט געקאָנט האָפען, אַז דאָס פאָלק וועט שוין מקבל באהבה זיין אויך אַלע אַנדערע ענדערונגען, וואָס מען האָט גערעכענט צו מאַכען. דאָס נייע געזעץ וועגען די במות האָט דאָס פאָלק אויפגענומען מיט צופרידענהייט, ווייל דאָס געהן צו יעדען מאָל דוקא קיין ירושלים, ווען מען וויל אַ קרבן ברענגען, איז געוועזען זעהר אונבעקוועם פאַר די וויטע איינוואָהנער פון לאַנד, ווי ס׳איז שוין דערמאָהנט געוואָרען פריהער. אין ירושלים און אין בית המקדש גופא האָבען די נייע בעלי בתים פון לאַנד, די פירשטען און שרים, איינגעפיהרט גרויס און ברייט די געצענדיענעריי; נישט בלויז די אַלטע געצענדיענעריי פון די פעלקער כנען, וועלכע אחאב און איזבל האָבען מיט אַזוי פיעל מיה פערפלאַנצט אין דעם לאַנד פון די עשרת השבטים, און עתליה—אין יהודה, נאָר אויך די נייע געצענדיענעריי פון אשור און בבל. מען האָט אויסגעשטעלט מזבחות פאַר׳ן געצענדיענסט פון בעל און עשתרות אין ביידע פאָדער־הויפען פון בית המקדש; קליינע מזבחות האָט מען אויסגעשטעלט אויף די דעכער, כדי צו דיענען צו די פינף פּלאַנעטען (שטערען). בכלל האָט מען איינגעפיהרט פון דאָס ניי אָחז׳ס עבודה: אַ זונען־וואָגען האָט מען געווידמעט דעם גאָט פון טאָג — דער זון. דערצו האָט מען אויסגעהאַלטען געהייליגטע פערד, כדי צו מאַכען פּראָצעסיעס אין פייערטאַגען. אין הויף פון בית־המקדש האָט מען אויך אַריינגעשטעלט אַ גרויס בילד (סמל), ווי עס שיינט, פון דער אַסירישער געטין מיליטאַ. נאָך פערדערבליכער, ווי דער דאָזיגער געמייטער געצענדיענסט, זענען געוועזען די שלעכטע מנהגים און מדות, וואָס זענען דערפון אַרויסגעקומען. פאַר׳ן דיענסט צו דער עשתרות האָט מען אַריינגעבראַכט אין בית־המקדש זנות־מיידלעך (קדשות) און מען האָט

דארט איינגעארדענט בעזונדערע צימערען פאר זייערע אויסציכטיגקייטען. אויף דעם שרעקליכען „תופת“, וואו מען פלעגט די קינדער פערברענען לעבעדיגערהייד, אלס א קרבן פאר׳ן מולך, האט מען ווידער אויפגעשטעלט אינ׳ם שענעם טהאל „בן־הנום“. אזעלכע, כמעט אונגלויבליכע, העסליך־שענדליכע, שרעקליך־גרויזאמע פערברעכען האבען אין מנשה׳ס צייטען זיך ענטוויקעלט ביז דער העכסטער מדרגה פון אויסגעלאסענקייט, ווי מען האט עס אפילו נישט געוואוסט דערפון אויך אין שומרון אין אחאב׳ס צייטען. די געצענדיענערייי האט שוין איצט געהאט איהרע פערביסענע פאנאטיקער, וועלכע האבען אנגעווענדעט אלערליי מיטלען צו מאכען אינגאנצען פערגעסען דעם אידישען גאט. ווי עס שיינט, האבען די כהנים פון אהרן׳ס הויז פון אנפאנג נישט געוואלט אנטייל נעהמען אין דעם דאזיגען פערלאזען גאט אינגאנצען, און דעריבער האט מען איינגעלאדען פריסטער פון אויסלאנד (כמרים) פאר דער געצענדיענערייי, ווי דאס איז פארגעקומען פאר איזבל׳ן און פאר עתליה׳ן. די דאזיגע געצענדיענערישע כמרים האט מען אפילו אויך צוגעלאזען צו טהון די עבודה אין בית־המקדש, נאכדעם ווי די כהנים זענען געבליעבען האדורך גאר אהן ברויט, זענען פיעל פון זיי, בעזונדערס די, וועלכע האבען געשטאמט פון כהן אביתר און זענען געוועזען אין זעהר א געדריקטער לאגע, צוגעטראטען צו געצענדיענסט, נאטירליך, מיט א וועהטאג אין הארצען. ס׳האבען אויך נישט געפעהלט קיין פאלשע נביאים, וואס האבען מיט זייערע רעדעס פערטיידיגט די שענדליכע מעשים; ווארום אויב נאר די גדולים און שרים אונטערנעהמען עטוואס, געפינען זיך שטענדיג מענשען, וועלכע זענען גרייט זיי צו חנפ׳ענען, און צו דערוויזען, אז זייער זאך איז נישט בלויז א כשר׳ע, נאר די איינציגע אמת׳ע און ריכטיגע. דער דאזיגער צושטאנד, וועלכער האט לאנג געדויערט, האט געקאנט ברענגען דערצו, אז אידען זאלען אינגאנצען פערגעסען זייער פערגאנגענהייט. דאס פאלק זאל אויפהערען צו זיין דער טראגער פון דער גרויסער תורה מיט איהרע געבאטען און הויכע אידעאלען, וועלכע האבען געדארפט ווערען א ברכה פאר דער גאנצער מענשהייט און, ממילא, אויפהערען צו עקזיסטירען, אלס א בעזונדער פאלק און צומישט ווערען צווישען די אנדערע פעלקער. — ווארום וואס בעדייטעט יהודה און ישראל אהן אט דער תורה? אלס געצענדיענער וואלטען זיי באלד פערשוואונדען געווארען צווישען פיעל אנדערע פעלקער, ווייל זיי זענען דאך די וועניגסטע צווישען זיי; אידען וואלטען פערשוואונדען געווארען צווישען פעלקער, וואס נאר א דאנק אידען און זייערע אלטע ספרים ווייסען מיר איצט, אז יענע פעלקער האבען גאר א מאל עקזיסטירט!

צום גליק אבער איז שוין דאמאלס געוועזען, וועניגסטענס, אין ירושלים, א שטארק אויסגעוואקסענע פארטיי, וואס האט זיך פעסט געהאלטען אן דער תורה, וועלכע די שרים האבען אזוי אויסגעלאכט און

פערהאסט ווי אויך אן דעם גייסטיגען גאט און דעם צניעות'דיגען לעבען, פון וועלכע די שטארקע לייט האבען זיך אבגעווענדעט מיט עקעל. די דאזיגע געטריי געבליבענע אידען זענען אין אלעמען געווען דער היפך פון די געצענדיענער, און זייער איבערצייגונג איז אזוי שטארק געווען, אז זיי זענען גרייט געווען פאר איהר זייער בלוט צו לאזען פערגיסען, צו פערטיידיגען זי און קעמפפען פאר איהר מיט מסירת־נפש. יענע „גאטעס־געלעהרטע קינדער", וועלכע ישעיהו האט ערצויגען, ווי אייגענע קינדער; יענע תהלים־זינגער, וועלכע האבען אין חזקיהו'ס צייטען געזונגען שענע לידער וועגען דער ישועה פון אידישען פאלק; יענע שטילע „ענוים", וועלכע דער קעניג חזקיהו האט דערהויבען אויף הויכע שטעלעס; יענע כהנים, בעזונדערס, פון צדוק'ס הויז, וועלכע האבען זיך נישט געוואלט ארונטערלאזען צו דער געצענדיענעריי און, בעזונדערס, יענע נביאים, וועלכע ישעיהו האט מיט זיין רעדנערישער קראפט דערוועקט צו א התלהבות'דיגער פערעהרונג פון גאט — אט דאס זענען געווען די מענשען, וועלכע האבען געהערט צו דער געטרייער אידישער פארטיי. נישט פיעל זענען זיי נאך געווען, אבער מוטיג און שטארק דורך זייער גרויסען גייסט. מען קאן זיי אנרופען „די פארטיי פון די נביאים, אדער פון די ענוים"; אליין האבען זיי זיך גערופען די „געמיינדע פון די עהרליכע לייט". אין דער דאזיגער געמיינדע האט געלעבט די איבערצייגונג, אז די געצענדיענעריי פון אלע פעלקער, אפילו אויך פון די ווייטעסטע, איז נאריש און נישטיג, שגעון און פערבלענדונג; אז גאט איז נישט מיט'ן שטארקען, מיט'ן מעכטיגען, נאר מיט'ן שוואכען, אז ער איז א פאטער פון יתומים און פון אלמנות און ליעבט אויך די פרעמדע. אויב אין די פריהערדיגע צייטען האט מען נאך בכלל געהאט א שוואכען בעגריף וועגען דער גאטהייט, און אפילו די, וועלכע האבען געגלויבט אין אידישען גאט, האבען דערביי אבער אויך אנערקענט, אז די אנדערע געטער האבען אויך א היילינגע בעדייטונג, נישט מעהר זיי זענען אונטערטעניג דעם אידישען גאט,— איז מען שוין איצט געקומען צו דער קלארער איבערצייגונג אין דאזיגען קרייז, אז אלע געטער זענען אינגאנצען נישטיג, „נאריש זענען זיי, אהן קיין שום נוצען". און ווי נאר אט די ווארהייט האט זיך איינגעווארצעלט אין פאלק, האטש אויך נאר אין א גאנץ קליינעם טייל זיינעם, איז שוין דער ענדליכער נצחון פונ'ם אמת געווען געזיכערט.

דער דאזיגער קרייז פון פרומע לייט האט געהאט איבערצולעבען איצט שווערע נסיונות. איינער פון זייערע קלענסטע נסיונות איז געווען, וואס מען האט זיי דערוויטערט פון די שטעלעס, וועלכע חזקיהו האט זיי געגעבען. זייערע חברים, די כהנים פון צדוק'ס הויז, זענען ארויסגעטריבען געווארען פון בית המקדש און, ממילא, פערלוירען אלע זייערע הכנסות און געבליבען אהן א שטיקעל ברויט. די לויים, וועלכע האבען

געהאלפען ביי'ם ברענגען די קרבנות, האט מען איצט בעהאנדעלט, ווי די שקלאפען, און געצוואונגען זיי צום געצענדיענסט צוצושטעהן. עס זעהען אבער געווען נאך פיעל שווערערע נסיונות. צי האבען די פרומע דען געקאנט שווייגען, זעהענדיג די גרויסע איבערקעהרעניש געגען חזקיהו'ס ארדנונג? צי האבען זיי דען געקאנט בלייבען רוהיג, זעהענדיג, ווי מען האט אריינגעפיהרט די ... נצילכטיגקייט אין בית המקדש און מטמא געווען איהם, ווי מען האט דארט איינגעארדענט די זנות-מיידלעך? ניין, זיי האבען טאקי נישט געשוויגען. די נביאים פון יענער צייט האבען הויך אויפגעהויבען זייער שטים געגען אלעם דעם און אנדערע מיטגליעדער פון דער דאזיגער פארטיי האבען, בלי ספק, אויך אויף אנ'אנדער אופן ארויסגעוויזען זייער האס און פעראכטונג געגען די שרים און הויף-לייט. אבער די שרים פון יהודה און דער קעניג מנשה האבען זיך פאר קיין שענדליכען פערברעכען נישט געשראקען. די שטים פון די נביאים האבען זיי דערשטיקט אין בלוט. ווי א מאל איזבל, אזוי האבען זיי איצט געלאזט דער'הרג'ענען די נביאים מיט'ן שווערד. די נעמען פון די דאזיגע „קדושים“ פאר דער הייליגער תורה פון גאט און פאר דער צניעות און פרומקייט זענען געבליבען אונבעוואוסט. די לעגענדע דערצעהלט, אז דער קעניג מנשה האט געלאזען דער'הרג'ענען אויף א גרויזאמען אופן דעם גרייז-גרויען גרויסען נביא ישעיהו. ווי עס שיינט אבער, האט ישעיהו גאר נישט דערלעבט ביז דער שענדליכער רעגירונג פון מנשה; ישעיהו'ס תלמידים זענען געווים געפאלען א קרבן פון זיין גרויזאמקייט. מנשה, זיינע דיענער, אדער שרים, האבען פערגאסען אזוי פיעל אונשולדיג בלוט, אז ירושלים איז, ווי דער נביא דערצעהלט, איבערפולט געווארען מיט בלוט. דען מען האט דער'הרג'עט נישט בלויז די, וועלכע האבען זיך ערלויבט ארויסצוטרעטען געגען די שענדליכע מעשים פון די שרים, מען האט זייערע קינדער אויך אויסגעהרג'עט.

קיין נביאישע רעדעס זענען אונז אבער פון דער דאזיגער צייט נישט איבערגעבליבען. מעגליך, אז דער נביא מיכה האט אויך אין דעם צייט נבואה געזאגט. די נביאים האט מען אפילו נישט געלאזען קיין צייט צו פערשרייבען זייערע רעדעס: דאס שווערד פלעגט מאכען אנ'ענדע מיט זייער לעבען, נאך איידער זיי פלעגען בעוויזען דעם גריפעל מיט'ן טאוועל אין די הענד צו נעהמען, אדער זיי זענען געווען געצוואונגען זייער נבואה איינצוהילען אין א משל, אז נישט אלע זאלען פערשטעהן, וואס זיי מיינען. אפילו די שרייבער פון דער געשיכטע האבען אויך נישט פערשרייבען אלץ, וואס ס'איז דאמאלס פארגעקומען, און מען האט געקאנט מיינען, אז דאס איז געטהון געווארען בכיון, כדי די שפעטערדיגע דורות זאלען בעסער נישט וויסען וועגען די אלע דאמאלדיגע העסליכע מעשים. אין מנשה'ס רעגירונג איז פארגעקומען א געשעהעניש, וועלכע האט טיעף געריהרט די בעפעלקערונג פון לאנד יהודה. אבער די געשיכ-

טע־שרייבער האבען זי אפילו נישט דערמאהנט, אדער נאר דורך א משל און אנ'אלעגאריע אנגעוויזען אויף איהר. איינער פון סנחריב'ס זיהן, וועלכער האט פערהאפט דעם טהראן, נאכדעם ווי ער האט זיין ברודער דער'הרג'עט, אסר חדון, האט אויסגעניצט דעם בירגערליכען קריעג, וועלכער איז פארגעקומען אין יענער צייט אין בבל און וואס האט געדויערט פיעל יאהר, און האט איינגענומען בבל. געשטארקט געווארען דאדורך, האט אסר חדון, אויך אזוי, ווי זיין פאטער סנחריב, זיך געלאזט געהען אויף מצרים מיט א מלחמה. איינינגע פון זיינע פעלדהערען זענען, ווי עס שיינט, אויך געקומען צום ברעג ים פון לאנד יהודה און געצוואונגען דעם קעניג מנשה דורך דראהונגען, אז ער זאל זיך אונטערגעבען דעם קעניג פון אשור. מנשה איז ארויסגעקומען צו די פעלדהערען, כדי צו מאכען מיט זיי שלום, חאטש אויף די שווערסטע בעדינגונגען, אבער זיי האבען איהם גענומען געפאנגען, איינגעשלאסען אין קייטען און געלאזט אפפיהרען קיין בבל. אויסער דעם איז אבער דאמאלס פארגעקומען נאך א געשעהעניש, וואס האט שפעטער געהאט זעהר א וויכטיגע בעדייטונג פאר'ן אידישען פאלק, חאטש איצט האט עס צו דער מלוכה פון יהודה קיין שום שייכות נישט געהאט. סנחריב האט דאמאלס געבראכט געפאנגענע איינוואהנער פון פיעל לענדער, וועלכע ער האט איינגענומען, פון בבל, כותה און ספרוים, אבגעפיהרט זיי קיין שומרון און האט זיי דארט בעזעצט. די דאזיגע פערטריבענע, וועלכע האבען געשטאמט פון כותים און, צוליעב זייער וואהנען אין שומרון, האט מען זיי גערופען שומרונים, האבען ביסלעכווייז אנגענומען די אידישע מנהגים, ווי עס שיינט, פון די ווענינגע אידען, וואס זענען אין לאנד אפרים נאך געבליבען נאכ'ן גלות פון די עשרת השבטים. די כותים פלעגען יעהרליך געהן קיין בית אל, וואו עס זענען נאך געווען געבליבען אידישע פריעסטער, וואס האבען דארט דעם געצענדיענסט געפיהרט. ווי מען האט שפעטער דערצעהלט, זענען אין דעם פערוויסטען לאנד ישראל ערשינען זעהר פיעל לייבען, וועלכע זענען אנגעפאלען אויף די כותים, און די כותים האבען דערין געזעהען א סימן, אז דער אידישער גאט איז אויף זיי שטארק בייז, פארוואס זיי האבען זיך בעזעצט אינ'ם לאנד פון זיין פאלק. די כותים זאלען דעריבער האבען געבעטען ביי א קעניג פון אשור, אז ער זאל זיי שיקען א אידישען כהן גדול, וועלכער זאל דיענען פאר'ן גאט פונ'ם לאנד און אבווענדען פון זיי זיין צארן. דער קעניג זאל זיי האבען געשיקט אזא כהן גדול, וועלכער האט זיך בעזעצט אין בית אל ביי די אבגעטער פון ירבעם בן נבט. די כותים האבען דערביי אויך געדיענט ווייטער זייערע אבגעטער און געבראכט פאר זיי אפילו אויך מענשליכע קרבנות. אויף אזא אופן זענען זיי געווען האלב אידען, האלב געצענדיענער.

די מלחמה פון אסר חדון געגען מצרים האט זיך אויסגעלאזען מיט

א מפלה פאר מצרים, וועלכע איז איינגאנצען איינגענומען געווארען דורך
דער ארמעע פון אשור. אסר חדון האט דארט איבערגעלאזען זיינע בעאמ־
טע און ארויסגעפיהרט פון מצרים מיט זיך קיין אשור פיעל רויב, דא־
רונטער אויך צוויי גרויסע שטיינערנע בילדער (ספינקסען).

דער קעניג מנשה איז צוריקגעקומען פון זיין געפענגעניש, און בע־
פרייט האט איהם אסר חדון אליין, אדער דער מלך, וואס האט געקעניגט
נאך איהם. בעסער אבער איז מנשה נאכדעם אויך נישט געווארען: דער
געצענדיענסט און די פערדארבענע מדות, ווי אויך די שרעקליכע רדיפות
און בלוטיגע מערדעריען האבען נישט אויפגעהערט ביז זיין טויט. גע־
שטארבען איז ער אין יאהר 711 פאר'ן צווייטען חורבן און צו קבורה
איז ער געקומען נישט אין די קברים פון די מלכים פון דוד'ס הויז,
נאר אינ'ם גארטען עוזא, וואס איז געווען נעבען זיין פאלאץ, ווי עס
שיינט, אונטער א בילד פון אנ'אבגאט, וועלכען מנשה האט דארט אליין
געהאט אויפגעשטעלט. נאך מנשה'ן האט געקעניגט זיין זוהן אמון, און
אויך אונטער איהם האט די געצענדיענערייע, וואס זיין פאטער האט איינ־
געפיהרט, געדויערט וויטער; ער האט אבער נישט מאריך ימים געווען
אויפ'ן טהראן, סך הכל. צוויי יאהר, דען דער פאלאץ-אויפזעהער מיט זיי־
נע שרים האבען איהם דער'הרג'עט. וואס איז געווען די סבה פון דער
דאזיגער הויף-רעוואלוציע, איז שווער צו זאגען. ווי עס שיינט אבער,
איז אמון געווען בעליעבט ביי'ם פאלק, דען דאס פאלק האט זיך באלד
פערזאמעלט און אויסגע'הרג'עט אלע שרים, וועלכע האבען אנטיילגענו־
מען אינ'ם קעניג-מארד, און אויסגערופען פאר א קעניג זיין אכט-יעהרי־
גען זוהן יואשיהו (פון 709 ביז 678 פאר'ן צווייטען חורבן). תחלת זוענען
ביי'ם נייען קעניג קיין ענדערונגען נישט פארגעקומען אין אינערליכען לע־
בען פון דער מלוכה, דען צוליעב דער פריהער יוגענד פונ'ם קעניג, הא־
בען ווידער די שרים געהאלטען די מלוכה-מאכט אין זייערע הענד און
געהאלטען זיך פעסט ביי דער געצענדיענערייע פונ'ם מלך מנשה, וועלכען
זיי האבען גאנץ ערנסט געמיינט איינצושטעלען שוין אויף אייביג ביי אי־
דען. און טאמער איז נאך ווענינ געווען אבגעטער אין ירושלים, האט מען
נאך אריינגעבראכט נייע געצין פון די פרעמדע פעלקער. דער בעל, די
עשתרות, דער מולך מיט זיינע שוידערהאפטע מענשען-קרבנות, די אב־
געטער פון דער זון און די שטערען, וועלכע מען האט פון אשור גע־
בראכט — דאס אלץ האט נאך צופריעדענגעשטעלט די גרויסע לייט,
די נגידים און קצינים פון ירושלים; מצרים האט אין יענער צייט זיך צו־
ריק געשטארקט אונטער'ן קעניג פסאמעטיך, און דעריבער האבען די אי־
דישע שרים געבראכט אבגעטער אויך פון מצרים, האפענדיג, אז דאדורך
וועט מען זיך פעסטער קאנען פערהייניגען מיט דער שטארקער נילוס־
מלוכה. אזוי ארום האט מען אויסגעשטעלט פאר די טויערען פון ירושלים
מזבחות פאר די בעק, און אונגערעכטיגקייט מיט בלוט-פערגיסונג הא־

בען זיך נאך געמעהרט אין דער גאנצער יוגענד־צייט פון'ם קעניג יאשיה.

די מאס פון די שענדליכע מעשים איז שוין אבער איבערפולט גע־ווארען, און ווידער זענען ארויסגעטראטען א גאנצע רייהע פון נביאים, וועלכע האבען מיט זייערע פייערדיגע רעדעס דאך ענדליך ארויסגערופען א רעאקציע צום בעסערען. צווישען די דאזיגע נביאים איז אויך געוועזען די נביאה חולדה, וואס איהרע רעדעס זענען אזוי בעליבט געוועזען ביי'ם פאלק, ווי פארצייטען די רעדעס פון דער נביאה דבורה. דער עלטסטער צווישען די דאזיגע נביאים איז געוועזען צפניה, וועלכער האט געשטאמט פון ירושלים און געהערט צו א מיוחסת'דיגער משפחה. פעסט און אהן קיין שום מורא האט ער געשטראפט די הויכע געזעלשאפט, בעזונדערס, די שרים און פרינצען, דערפאר וואס זיי האבען געזעהען זייער גאנצען כבוד אין'ם נארישען נאכטהון די פרעמדע פעלקער. ווי די פריהערדיגע נביאים עמוס און יואל, האט אויך צפניה פאראויסגעזאגט, אז עס וועט קומען „דער שרעקליכער טאג פון גאט". אויך פאר די פרעמדע פעל־קער, פאר די פלשתים, עמון און מואב, האט צפניה פאראויסגעזאגט א שרעקליכען חורבן, דערפאר, וואס זיי האבען זיך שטאלץ געהאלטען אי־בער אידען. א בעזונדערם שרעקליכען חורבן האט ער אבער פאראויסגע־זאגט פאר נינוה, וועלכע האט אינגאנצען געזאלט אונטערגעהן.

אין דער ווירקליכקייט, האט אין יענער צייט זיך אנגעהויבען די ירידה פון אשור. פון איהר אמאליגער גרויסקייט איז שוין איצט גע־בליעבען נאר א שאטען; די פעלקער, וועלכע האבען נאך נישט בעוויזען פריהער אבצופאלען פון איהר, זענען איצט אבגעפאלען איינע נאך די אנדערע, אדער זיי זענען דערצו געצוואונגען געווארען דורכ'ן מלך פון מדי, וועלכער האט זיי געוואלט מאכען פאר זיך אונטערטעניג. דער צווי־טער מלך פון מדי, פראארטעס, האט איינגענומען איין פאלק נאך דעם אנדערען און לסוף—אויך די פערסען. אלס קעניג פון צוויי גרויסע מלוכות פרס און מדי, האט ער אונטערגענומען א מלחמה אויף דער אלטער הויפט־שטאדט פון אשור, נינוה. אשור איז אבער נאך פארט געוועזען א שטארקע מלוכה, הגם זי האט שוין פערלוירען איהרע פרעמדע אונטערטעניגע פעלקער. אשור'ס מלך, אסר חדון, איז דעריבער געלונגען אבצוהאלטען א נצחון איבער דער פעראייניגטער ארמעע פון פרס און מדי (635 פאר דער געוועהנליכער צייט־רעכנונג) און דער קעניג פראארטעס איז אויך דער'הרג'עט געווארען אין דער דאזיגער גרויזאמער מלחמה. זיין זוהן קיאקסארעס, וועלכער איז געוועזען נאך העלדישער און מוטיגער פאר זיין פאטער, האט זיך געאיילט נקמה צו נעהמען פאר זיין פאטער'ס מפלה. ער האט צונויפגענומען א גרויסע אר־מעע, וועלכע ער האט איינגעטיילט, לויט די פערשידענע בעוואפנונגען אין פערשידענע מחנות, איז אנגעפאלען אויף אשור, צושלאגען איהר ארמעע און צוגעטראטען צו נינוה (634 פאר דער אלגעמיינער צ. ר.).

אבער וועהרענד ער האט די שטאדט בעלאגערט, האט ער דערהאלטען א ידיעה, דאס א ווילד, בארבאריש פאלק, גרויסע מחנות אהן א צאהל, פון די סטעפעס אויף דער וואלגא און דאן, פון קאווקאז און דער אומגעגענד פון קאספישען ים, די ווילדע סקיטען אדער סאקען, זענען אנגעפאלען מיט מחנות פון פעלקער, וואס זיי האבען איינגענומען, אויף דאס לאנד מדי און טראגען זיך ארום, ווי די ווילדע חיות, אויף זייערע פערד, איבער'ן גאנצען לאנד, בערויבענדיג, פערברענענדיג אלץ, און אומהרג'ענענדיג אלעמען, נישט שוינענדיג אויך קיין פרויען און קינדער. קאקסארעס איז דעריבער געווען געצוואונגען אראבצונעהמען די בעלאגערונג פון נינוה און אבצופיהרען זיין ארמעע אין זיכערהייט קיין מדי. אבער די ווילדע מחנות פון די סקיטען איז ער נישט געווען אימשטאנד איינצונעהמען, און האט געמוזט זיי בעצאהלען א גרויסע סומע געלד און מתנות, כדי זיי זאלען איהם לאזען צורוה. די ווילדע סקיטען, וועלכע האבען געהאט נאר אין זינען צו ראבעווען און מארדען, האבען זיך איצט א לאז געטהון אויך אויף אשור און האבען זי געוואלדיג פערוויסטעט. פון אשור האבען זיי זיך א ווארף געטהון אויף פעניקיען און איהרע רייכע שטעדט, און זענען געגאנגען מיט'ן ברעג ים אויך איבער דאס לאנד פון די פלשתים (632 פאר דער געוועהנליכער צייט־רעכנונג), כדי צו קומען פון דארט קיין מצרים, וואו עס זענען געווען אנגעזאמעלט גרויסע אוצרות פון עשירות. דער עגיפטישער קעניג פסאמעטיך האט זיך אבער מקדים געווען און ארויסגעשיקט זיי פיעל געלד און זילבער מיט טייערע מתנות, כדי זיי זאלען אין זיין לאנד נישט אריינקומען. א טייל פון די סקיטען זענען געבליבען אין לאנד פלשתים, וואו זיי האבען פערברענט דעם גרויסען טעמפעל פון דער אסירישער אונצוכטיגער געצין מילטא. פון פלשתים־לאנד זענען די סקיטען אויך אריינגעקומען אין לאנד יהודה, וואו זיי האבען בעראבעוועט פיעל שטעדט און דערפער, צונעהמענדיג ביי די איינוואהנער אלע זייערע טשערעדעס פיה, און פערברענענדיג דאס, וואס מען האט נישט געקאנט נעהמען מיט זיך. קיין ירושלים זענען זיי אבער נישט געגאנגען. ווי עס שיינט, איז זיי ארויסגעקומען ענטגעגען דער יונגער קעניג יאשיהו מיט פיעל מתנות און געפועל'ט ביי זיי, אז זיי זאלען אבציהען פון זיין לאנד.

די דאזיגע שרעקליכע צייט מיט די מורא'דיגע ידיעות וועגען פערברענטע שטעדט און וועגען דער גרויזאם־אויסגע'הרג'עטער בעפעלקערונג האט געווארפען אנ'אימה אויף אלע פעלקער אינ'ם גאנצען לאנד. בעזונדערס שטארק איז אבער געווען דער איינדרוק אין יהודה. דארט האבען די נביאים פאראויסגעזאגט אלע שרעקליכע געשעהענישען און מען האט דעריבער געזעהען אין זיי א שטראף פון גאט פאר'ן דינען די פרעמדע אבגעטער; אבער אויך אויסער דעם האט די געצענדינעריי פערלוירען דעם גאנצען חן און ציטרוי אין די אויגען פון פאלק. די שרעקליכע מפלות,

וואָס עס האָט געהאַט אשור, בבל, דאָס לאַנד פּלשתים, די פעניקיער און דאָס לאַנד מצרים מצד די סקיטען, האָבען געדינט פאַר'ן פראָסטען פאָלק אַלס דער בעסטער בעווייז, דאָס די אָבגעטער פון די פעלקער זענען נישטיג, דען זיי האָבען דאָך נישט געהאָלפען זייערע געטריישע דינער און פערעהרער. בעזונדערס, אין ירושלים האָט מען דעריבער שטאַרק געביטען די מיינונג וועגען די אָבגעטער, און דער יונגער קעניג יאשיהו האָט זיך גאָר אָבגעווענדעט פון זיי. יאשיהו איז געווען פון דער נאַטור אַ מענש מיט אַ מילדען כאַראַקטער, פרום און מיט אַ פיהלענד האַרץ. די אָבגעטער האָט ער אין זיין יוגענד איבערגעלאָזען, נאָר צוליעב געוואוינהייט. די געוואַלדיגע געשעהענישען האָבען איהם אָבער בעוויזען, אַז ער און זיין פאָלק שטעהען אויפ'ן פאַלשען וועג, דיענענדיג די אָבגעטער. נישט אַזוי לייכט איז איהם געווען צוצוטרעטען צום פערניכטען די געצענדינעדיי, דען שוין העכער פופציג יאָהר האָט זי זיך איינגעוואָרצעלט אינ'ם גאַנצען לאַנד, און זיינע שרים וואָלטען אויך, געוויס, אַרויסגעטראָטען בעגען איהם מיט געוואַלד, אויב ער וואָלט פלוצלונג געוואָלט פערניכטען זייערע הייליגטימער. יאשיהו האָט זיך דערויף נישט געקאָנט בעשליסען, שפירענדיג זיך צו שוואַך. פאַר יאשיהו'ן איז דאָס געווען נישט בלויז אַ רעליגיעזער קאַמפף, נאָר אויך אַ פאָליטישער: ער האָט זיך געדאַרפט בעפרייען פון דער הערשאַפט פון די שרים. די פּאַרטיי פון די פרומע און פון די נביאים האָבען אָבער נישט אויפגעהערט צו ווירקען אויפ'ן קעניג, אַז ער זאָל מאַכען אַ סוף מיט דער שענדליכער געצענדינעריי אין ירושלים. יאשיהו האָט דעריבער אונטערגענומען דערווייל נאָר איין וויכטיגען שריט: צו בעניייען דעם בית המקדש, דען צוליעב דער איינפיהרונג פון דער געצענדינעריי האָט מען אין די לעצטע פופציג יאָהר דעם בית־המקדש כמעט אינגאַנצען פערלאָזען. דאָס פאָלק האָט געהאַט אַזוי פיעל געטער, וויפיעל שטעדט, ווער זשע האָט זיך געקימערט וועגען דעם הייליגען הויז פונ'ם אַלטען אידישען גאָט? די מויערען אַרום דעם בית המקדש, זייטיגע געביידעס, דער היכל גופא זענען אַזוי אָבגעלאָזט און פערעלטערט געוואָרען, אַז זיי זענען געשטאַנען אין געפאַהר איינצופאַלען; די בעפוצונג איז איבעראַל געווען אַרומגעריסען און דער שענער בית האָט געמאַכט אַ טרויעריגען איינדרוק פון אַ חורבה. עס איז כלל נישט געווען, ווער עס זאָל זיך קימערען פאַר איהם: אַ גרויסער טייל פון די כהנים איז איבערגעגאַנגען צום געצענדינסט, און יענע כהנים פון צדוק'ס הויז, וועלכע זענען געטריי געבליבען דעם אידישען גאָט, זענען פון בית המקדש אַרויסגעטריבען געוואָרען. און אַט האָט יאשיהו בעשלאָסען אויסצובעסערען די געביידעס פון בית המקדש און בעפוצען איהם פון דאָס ניי. ער האָט אַריינגעבראַכט צוריק אין בית המקדש די כהנים און די לויים און בעפוילען זיי, ווי אין יואש'ס צייטען, צו זאַמלען געלד פון נדרים און נדבות פאַר'ן בית המקדש (697 פאַר'ן צווייטען חורבן).

אין שפיץ פון דער דאזיגער אויפגאבע האט ער געשטעלט דעם כהן גדול חלקיהו, משולם'ס זוהן, פון צדוק'ס הויז. וואו האט מען אבער געזאלט נעהמען געלד? די עשירים זענען געוועזען געצענדיענער און האבען זיך וועניג וואס געקימערט וועגען דעם בית מקדש און דאס פאלק איז, נאכ'ן אנפאל פון די סקיטען, שטארק פעראָרעמט געוועזען. מען האט דעריבער איצט נישט געקאנט האפען, ווי אין יואש'עס צייטען מיט 200 יאהר פריהער, אויף גרויסע נדבות. יאשיהו האט דעריבער פונאנדערגעשיקט לוויים איבער'ן גאנצען לאנד, וואס האבען געדארפט געהן פון הויז צו הויז, פון שטאדט צו שטאדט, און קלייבען נדבות.

אויב אבער יאשיהו איז פעסט געוועזען אין זיין בעשלוס אויסצובעסערען דעם בית המקדש, האט איהם נאך אלץ געפעהלט ענטשלאסענקייט אונטערצונעהמען דעם קאמפף געגען דער געצענדיענעריי. עס האבען געמוזט ערשט פארקומען נייע געשעהענישען, וועלכע זאלען דעם קעניג צוגעבען מוט צו דער גרויסער אויפגאבע. אנשטאט א געוועהנליכע געשעהעניש, איז געקומען עטוואס וויכטיגערעס — א מענש און א ספר; אט די ביידע האבען געמאכט א סוף צו'ם קעניג'ס האלבקייט און צו זיין אונענטשלאסענהייט. דער מענש איז געוועזען דער נביא ירמיהו און דער ספר איז געוועזען — די תורה. ביידע, אי דער נביא מיט זיין געוואלדיגער שפראך, אי די תורה מיט איהרע ליעבליכע שטילע רעד, האבען אריינגעפיהרט דעם קעניג אין א גרעסערען קרייז, אין וועלכען זיי האבען אויך מיט זייער גרויסער מאכט דערוועקט די בעסערע געפיהלען און די אייביג יונגע קראפט פון דער פאעזיע.

ירמיהו, דער זוהן פון חלקיהו, פון די כהנים, האט געשטאמט פון שטעדטעל ענתות אין שבט בנימין (אנדערטהאלבען שעה גאנג אין צפון־מזרח פון ירושלים). געבוירען איז ירמיהו צווישען די יאהרען 710 און 715 פאר'ן צווייטען חורבן (געלעבט האט ירמיהו 70 יאהר). קיין רייכער מאן איז זיין פאטער נישט געווען, אבער אויך נישט ארעם. רייך און פיל איז אבער געוועזען ירמיהו'ס נשמה. א ווייכער כאראקטער, עטוואס נוטה צו מעלאנכאליע און טרויעריגקייט, האט דער פערדארבענער רעליגיעזער און מאראלישער צושטאנד פון דער סביבה שוין אין פריהער יוגענד געמאכט אויף איהם זעהר א שטארקען איינדרוק און פערשאפט איהם וועהטאג און יסורים. אלץ וואס פאלש איז, וואס איז פערפוילט און צובראכען, איז איהם געוועזען צווידער און האט אנגעפילט זיין הארץ מיט טרויער. די איינוואהנער פון זיין שטעדטעל, די כהנים פון ענתות, האבען איהם גערודפ'ט מיט אזא פערביסענער שנאה און האס, זינט ער האט אנגעהויבען נבואה זאגען, אז עס איז אונמעגליך צו גלויבען, דאס זיין גייסט און זיין שטימונג האבען זיך ענטוויקעלט אין זייער סביבה. אג'איינפלוס האבען אבער געווים געהאט אויף איהם די נביאים, וואס זענען פריהער פאר איהם געוועזען. ער האט זיך אזוי שטארק פערטיעפט אין

זײַערע נבואות און רעדעס, אז ער פלעגט אפט רעדען מיט זײַערע אויסדריקען און ווידערהאלען זײַערע געדאנקען. די דאזיגע בעשעפטיגונג מיט די פערשריבענע נבואות פון די עלטערע נביאים האט ענטוויקעלט זײַן גײַסט און געגעבען איהם א נײַע ריכטונג, ווי אויך אנ׳ערהאבענעם בעגריף פון גאט און פון דער מאראלישער וועלט־ארדנונג, א גרונדליכען קוק אויף דער גאנצער אידישער פערגאנגענהײַט און איהר בעדײַטונג פאר דער צוקונפט; בעזונדערס האט עס אין איהם ענטוויקעלט א שטארקען געפיהל פון פעראכטונג פאר דער געצענדיענערײַ.

פיל מיט דער דאזיגער ערהאבענער אנשויאונג, האט ער זיך דערשפירט, ווי פרעמד, אין זײַן סביבה אין שטעדטעל ענתות. דער נביא אליין דערצעהלט דעם אנהויב פון זײַן נביאות־זאגען אזוי: „אזוי האט גאט צו מיר געזאגט: איידער איך האב דיך נאך אין דײַן מוטער׳ס לײַב בעשאפען, האב איך דיך שוין געקענט, און איידער דו ביזט ארויסגעקומען פון אונטער דײַן מוטערס ברוסט, האב איך דיך שוין געהאט געווידמעט, פאר א נביא פאר די פעלקער האב איך דיך בעשטימט“. „אה, רבונו של עולם, איך פערשטעה דאך גארנישט, ווי אזוי צו רעדען, איך בין דאך נאך גאר יונג!“ אבער גאט ענטפערט איהם: „זאג נישט: „איך בין יונג!“ נאר דו זאלסט געהן, וואוהין איך וועל דיך שיקען און זאלסט רעדען, וואס איך וועל דיר בעפעהלען“. דערבײַ האט ער אויך געשפירט, ווי א האנד וואלט זײַן מויל בעריהרען און א שטים האט געזאגט: „איך האב מײַן ווארט דיר אין מויל ארײַנגעלעגט, זעה! איך שטעל דיך הײַנט איבער אלע פעלקער און קעניגרײַכען, דו זאלסט זיי פאראויסזאגען חורבנות, צושטערונגען, פערוויסטונגען, מפלות, אבער אויך צוריק אויפבויאונג און ווידער פערפלאנצונג“ און דא האט דער נביא געהאט „זעהונגען“, וועלכע האבען בעדײַטעט, אז „דאס אונגליק וועט קומען פון צפון אויף די אײַנוואוהנער פון יהודה און ירושלים“. לסוף האט איהם די שטים דערוועקט צו זײַן מוטיג, נישט צו שרעקען זיך און צו רעדען געגען די מלכים, שרים, כהנים און דעם פאלק. „זיי וועלען איהם אפילו אלע דערפאר פײַנד האבען, אבער זיי וועלען איהם נישט קאנען בײַקומען; ווי אנ׳אײַזערנער סלופ אדער ווי א קופערנע וואנד וועט ער זײַן“.

אט אזוי איז ירמיהו געהײַליגט געווארען פאר א נביא, און ער האט עס דערצעהלט די ארומיגע מענשען אין ענתות אדער אין ירושלים. זײַן רעדנערישער טאלענט קאן גאר נישט פערגליכען ווערען צום טאלענט פון ישעיהו מיט זײַן גרויסער קונסט. אבער דאס, וואס עס האט געפעהלט דעם נביא ירמיהו אין שענהײַט און דערהויבענעם געדאנק, האט ער גענומען מיט זײַן קלארער, לײַכט־פערשטענדליכער שפראך און בעשטימטע רעד. ירמיהו׳ס צײַט האט טאקי אויך געפאדערט אנ׳אנדער נביא מיט אנ׳אנדער רעדנערישער קונסט, ווי אין ישעיהו׳ס צײַטען. די פערדארבענע

מדות זענען איינגעדרונגען טיעף אין פאלק און די געפאהר איז געווען גרויס, אויב מען וואלט נישט געבראכט באלד קיין היילונג. ירמיהו האט נישט געערט, ווי די פריהערדיגע נביאים, פאר א קליינעם געבילדעטען קרייזעל; ער איז ארויסגעטראטען פאר'ן גאנצען פאלק, און דא וואלט די שענע קונסט געבראכט ווייניג נוצען. דא האט מען געמוזט רעדען דייט־ליך און פערשטענדליך, כדי די רעדע זאל ווירקען, און אזוי האט טאקי גערעדט אויך דער נביא ירמיהו, מייסטענס אין איינפאכער פראזע, נאר זעלטען פלעגט ער איינפלעכטען א שעהן בלימעלע פון דער פאעזיע און זיינע א רעדע. מיט נאך איין בעזונדערער אייגענשאפט האבען זיך אויס־געצייכענט ירמיהו'ס נביא'ישע רעדעם: וועהרענד די גרעסטע נביאים פאר איהם האבען, אין מליצות און משלים, גערעדט אין א פערהילטען נעבעל וועגען דער וויטער צוקונפט, האט ער פאראויסגעזאגט דאס, וואס דארף באלד קומען, נאך ביי זייער לעבען. די פריהערדיגע נביאים האבען גערעדט וועגען „דעם גרויסען מורא'דיגען טאג פון גאט“, וועלכער וועט מיטברענגען א גאנצע איבערקעהרעניש, און ערשט דאן וועט זיך אנהויבען א אידעאלע צוקונפט פאר אידען. די דראהונגען ווי אויך די ישועות פון אלע פריהערדיגע נביאים, אויסער ישעיהו'ן, זענען געווען זעהר אונבעשטימטע, און דאס האט געגעבען די מעגליכקייט די איינוואה־נער פון ירושלים, וועלכע זענען תמיד נוטה געווען אויסצולאכען א זאך, אויך אויסצולאכען די נביאים. „עס וועלען נאך פיעל יאהרען אריבער־געהן און די נבואה וועט נישט מקוים ווערען“, פלעגען זיי זאגען, אדער „די נבואה בעציהט זיך אויף זעהר שפעטערדיגע צייטען“. ירמיהו האט געדארפט ארבייטען געגען אט דער שפאטישער בעציהונג און געגען דער גלייכגילטיגקייט צו דער נבואה מצד דעם פאלק. ער האט געדארפט נבואה זאגען וועגען דער שטראף אויף ירושלים און יהודה, וואס וועט אויסגע־פיהרט ווערען נאך אין זיינע יאהרען. ירמיהו איז געווען, מעהר ווי אלע אנדערע נביאים פאר איהם, בעגאבט מיט'ן נביאישען גייסט, צו קאנען זעהען קלאר די צוקונפט, וועלכע ער האט געלעזען, ווי אין א ליכטיגען שפיגעל. אין אנפאנג האט ער פאראויסגעזאגט אלץ, וואס וועט קומען פון יאהר צו יאהר, שפעטער, ווען די טראגישע געשעהעניש איז געקו־מען נעהנטער, האט ער פון מאנאט צו מאנאט פאראויסגעזאגט, וואס עס וועט קומען, און זיינע פאראויסזאגונגען זענען אויף א שטוינענדען אופן פינקטליך ערפילט געווארען. ער האט די צוקונפט געזעהען נישט אין חלום־בילדער, וועלכע קאנען האבען פערשידענע בעדייטונגען, נאר אין העלען טאג, ביי א קלארען זין, אין דער געגענווארט פון פיעל זיי־טיגע מענשען. און דעריבער האט ער נישט גערעדט אין רעטענישען און נישט אנגעווענדעט קיין קינסטליכע משלים, נאר ער האט אנגערופען די זאכען ביי זייער ריכטיגען נאמען.

און אט די דאזיגע נביאישע ריינע נשמה, וועלכע האט אין זיך גע־

טראָגען די ליכטיגקייט פון דער זון, האָט צום ערשטען מאָל בעקומען דעם נביא׳ישען גייסט אין יאשיהו׳ס דרייצעהנטען רעגירונגס־יאָהר (696 פאַר׳ן צווייטען חורבן), איין יאָהר נאָכדעם, ווי דער קעניג האָט זיך בע־פרייט פון זיין אַפּאַטיע און אָנגעהויבען צו ווירקען געגען דער געצענדיע־נערייי. און דער נביא האָט זיין שווערע אויפגאַבע געדאַרפט ערפילען אין אַ משך פון אַ האַלבען יאָהרהונדערט נאָכאַנאַנד. ווען ער האָט שטענדיג געדאַרפט אַנווייזען דעם פעראַירטען פאָלק דעם ריכטיגען וועג, אויף וועלכען ער דאַרף געהן. ווי נאָר דער נביא האָט ערהאַלטען דעם בעפעהל, צו רעדען אָהן קיין שום פחד פאַר מענשען, איז אויך פער־שוואונדען געוואָרען זיין ווייכקייט און שעמעוודיגקייט. ירמיהו שיל־דערט אַליין יענע געפיהלען, וועלכע דער נביא׳ישער גייסט האָט אין איהם דערוועקט. „גאָטעס וואָרט האָט אין איהם געברענט, ווי אַ פייער, און גע־קלאַפּט, ווי אַ געוואַלדיגער האַמער, וועלכער ברעכט שטיינער“. זיין ער־שטע רעדע וועגען דעם אָבפאַל פון פאָלק פון זיין אייגענעם נאַציאָנאַלען גייסט, וועגען דער געצענדיענעריי און דער מאָראַלישער פערדערבונג, איז געווען פון אַ געוואַלדיגער קראַפט.

„וואָס פאַר אַנ׳אומרעכט האָבען דען געפונען אייערע עלטערען אין מיר, דאָס זיי האָבען זיך פון מיר דערווייטערט? זיי זענען אוועקגעגאַנגען נאָך דער נישטיגקייט און זענען געוואָרען צו נישט! און זיי האָבען גאָר נישט געזאָגט זיך: וואו איז דער גאָט, וועלכער האָט אונז אַרויסגעפיהרט פון לאַנד מצרים דורך דעם גרויסען מדבר, דורך אַ לאַנד פון סטעפּעס און וויסטעניש, דורך אַ לאַנד פון טרוקעניש און שאָטענס פון טויט, דורך אַ לאַנד, וואָס קיינער איז נישט דורכגעגאַנגען און וואו קיין מענש האָט נישט געוואָהנט. און איך האָב אייך געבראַכט אין אַ לאַנד פון פרוכט־באַרע פעלדער, אַז איהר זאָלט זיין פרוכט עסען און זיין גוטס געניעסען, און אָט זענט איהר געקומען און פעראומרייניגט מיין לאַנד און פון מיין שענער נחלה האָט איהר אַנ׳אומווירדיגקייט געמאַכט. די כהנים האָבען נישט געזאָגט: וואו איז גאָט? און די, וואָס דאַרפען דאָס געזעץ האַלטען, האָבען מיך נישט דערקענט; די פּאַסטוכער זענען פון מיר אָבגעפאַלען און די נביאים האָבען גערעדט אינ׳ם נאָמען פון בעל און זענען נאָכגע־גאַנגען יענע, וועלכע קאָנען זיי קיין נוצען נישט ברענגען... צי האָט דען אַ פאָלק אַמאָל פערביטען זיינע געטער? — און דאָס זענען דאָך גאָר קיין געטער נישט! — מיין פאָלק אָבער האָט פערטוישט זיין גאַנצען כבוד אויף אַ זאַך, וואָס האָט קיין שום ווערט נישט!... איך האָב דאָך דיך פער־פלאַנצט, ווי אַנ׳איידעל יונגען ווייגשטאָק, אינגאַנצען פון עכטע זאָמען, ווי אַזוי דען ביזטו פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ פרעמד־אַרטיגען אָב־וואוקס? דו האָסט דיך אַזוי פערשמוצט, אַז דיר וועט שוין נישט העלפען קיין שום זייף און קיין זאַלץ, צום וואַשען זיך. דיין שולד בלייבט פאַר מיר, ווי אַ שענדליכער פלעק. דו האָסט דאָך געקאָנט פערשפּאָרען, צו

געהן מיט בארפוס-נאקעטע פיס, צו ליידען דורשט — יאה, דו האסט אבער פערצווייפעלט געזאגט: ניין! כ'האב ליעד, וואס פרעמד איז, און נאך די פרעמדע וועל איך געהן... טא וואו זשע זענען איצט דיינע געטער, וועלכע דו האסט דיר געמאכט? זאלען זיי אויפשטעהן, פיעלייכט וועלען זיי דיר העלפען אין דער נויט? די, יהודה, האסט דאך געטער גענוג: וויפיעל שטעדט אזוי פיעל געטער!"

אזעלכע רעד, ארויסגעזאגט געווארען דורך א נאך גאר יונגען מענשען, האבען נישט געקאנט פערפעהלען זייער ציעל. איינינגע אדעליגע משפחות האבען זיך טאקי באלד אבגעווענדעט פונ'ם פריהערדיגען וויסטען לעבען און צוריקגעקעהרט זיך צום גאט פון ישראל. די משפחה שפן, וועלכע האט פערנומען א הויכע שטעלע, האט זיך פעראייניגט מיט דער פארטיי פון די ענוים אדער נביאים און האט איהר שטענדיג פערטיידיגט.

דער קעניג יאשיהו האט זיך דערוויל ערנסט בעשעפטיגט מיט'ן ארומבויען צוריק דעם אלט געווארענעם בית המקדש. דריי פון זיינע הויכע בעאמטע, צווישען זיי אויך דעם שרייבער שפן, האט יאשיהו בעפוילען (691 פאר'ן צווייטען חורבן) צו געהן צים כהן גדול חלקיהו אין זאגען איהם, אז ער זאל שוין אנהויבען פערטהון דאס געזאמעלטע געלד פאר'ן בית המקדש, כדי מען זאל צוטרעטען צו דער ארבייט. ווען דער כהן חלקיהו האט איבערגעגעבען דאס געלד די בעאמטע, האט ער אויך דערלאנגט שפנ'ען א מגלה, ערקלערענדיג: „כ'האב אין גאט'ס הויז געפינען אט דעם ספר, ס'איז אונזער תורה". ווען שפן האט געלעזען דעם ערהאלטענעם ספר, איז ער אזוי ערשטוינט געווארען פון זיין אינהאלט, אז ער האט וועגען דעם מיטגעטיילט דעם קעניג. און אט דער ספר האט געהאט זעהר א שטארקע ווירקונג אויפ'ן קעניג און זיינע שרים.

די מגלה, אדער די ספר-תורה, וועלכע חלקיהו האט געשיקט דורך שפנ'ען צום קעניג, איז געוועזן די לעצטע צואה, וועלכע דער געזעצגעבערישער נביא משה האט געלאזען פאר זיין טויט פאר זיין פאלק, וואס ער האט ערצויגען. דער ספר ענטהאלט פיעל געזעצען, און אין דער הקדמה — א קורצען איבערבליק איבער דעם אנפאנג פון דער אידישער געשיכטע, ווי אויך איינינגע געשיכטליכע געשעהענישען אין סוף וועגען די לעצטע טעג פון משה'ס לעבען און די ערשטע טעג נאך זיין טויט. מיט איין ווארט: דאס איז געוועזן דער פינפטער ספר פון דער תורה, דער ספר „דברים", אדער די משנה-תורה.

א געזעץ-בוך דורכגעמישט מיט הארצעדיגע ליעבעם-פולע רעד איז געווען א זעלטענע ערשיינונג. די געזעצען רעדען געוועהנליך קאלט, טרוקען און שארף, דערביי ווייזען זיי אויך א דראהענדע האנד: „דו זאלסט טהון אדער נישט טהון אט דאס און יענץ, אויב נישט, וועסטו שטרענג בעשטראפט ווערען". אזא שפראך געפינט מען אין משנה תורה נישט

זי שטראָפֿט, זי זאָגט מוסר, זי וואָרענט, זי בעט זיך איינפֿאַך בײַ'ם לע־זער דאָס צו טהון און יענץ נישט צו טהון; זי דראָהט נישט, זי ווײַזט נאָר אָן, ווי טרויעריג עס וועט זיין, אויב מען וועט נישט ערפֿילען איהרע געבאָטען. זי רעדט, ווי אַ ליעבעס־פֿולער פֿאָטער, וועלכער שטעלט אַרויס זיין זוהן גרויסע ציעלען אין לעבען און וואָרענט איהם, נישט צו פֿער־פֿעהלען די גרויסע ציעלען דורך זיין אייגענער שולד און דאַדורך ווערען צו שפּאָט און צו שאַנד: „זעה, כ'האָב דיר געגעבען לעבען און גוט'ס, טויט און שלעכטס... אַ ברכה און אַ קללה, קלײַב זשע אויס פֿאַר זיך דאָס לעבען, כּדי דו און דײַנע קינדער זאָלען לעבען“—אַ גײַסט פֿון פֿולער ליע־בע אין רחמנות שוועבט איבער'ן גאַנצען ספר משנה תורה, וואָס משה האָט איבערגעלאָזען אידען פֿאַר זיין טויט. און אָט דעם ספר האָט חלקיהו געפֿונען אין בית המקדש און געשיקט צום קעניג יאשיהו.

די געשיכטליכע געשעהענישען, וועלכע ווערען דערצעהלט אין משנה־תורה, געהען נישט חראָנאָלאָגיש, נאָר זיי ווערען שטענדיג גע־בראַכט אַלס אַ פֿאַקטישער בעוויז פֿאַר דעם אָדער יענעם געזעץ. משה בעגלייטעט אויף יעדע נײַע ערצעהלונג מיט אַ וואָרנונג, אַ התראה, אָדער אַ מוסר, צו טהון אָדער נישט צו טהון אַזוי און אַזוי, ווײַל די געשיכטע פֿון די אבות דאַרף דיענען אַלס אַ לעהרע פֿאַר די קינדער, פֿאַר די שפּע־טערדיגע דורות. פֿיער הויפּט־געדאַנקען וויל בעזונדערס די משנה תורה איינשאַרפֿען דעם אידישען פֿאָלק אין מח און אין האַרצען: א) די ער־האַבענהייט און שענהייט פֿון גאָט; ב) דאָס גרויסע ציעל, וואָס דאָס אי־דישע פֿאָלק האָט צו ערפֿילען אין דער געשיכטע; ג) אַז דאָס אידישע פֿאָלק אין משה'ס צײַט איז נאָך צו שוואַך און ווייניג פֿערשטענדיג באַלד צו קאָנען דערגרייכען זיין הויכען ציעל, און, ענדליך, ד) אַז אויב דאָס פֿאָלק וועט נישט שטרעבען צו זיין הויכען ציעל און נישט האַלטען זיך בײַ'ם הייליגען געזעץ, וועט עס מוזען פֿיעל לײַדען אַלערליי יסורים און ענוּיים.

דעם גאָט פֿון ישראל שטעלט פֿאַר די משנה־תורה אַלס אַ הויך ער־האַבען וועזען איבער אַלע ברואים, וועלכער קאָן בשום אופן נישט פֿער־גליכען ווערען מיט יענע וועזענס, וואָס די פֿעלקער פֿערעהרען אַלס אַ גאָטהייט. „מען האָט דיר פֿאַר דײַנע אויגען בעוויזען, אַז נאָר ה' איז דער איינציגער גאָט אויפֿ'ן הימעל און אויף דער ערד, און קיין אַנדערער, אויסער איהם איז נישטאָ“. די משנה תורה לעגט אַ בעזונדערען ווערט אויף דאָס וויסען, אַז דער אידישער גאָט איז דער איינציגער:

„הער צו ישראל, דײַן גאָט איז דער איינציגער גאָט“.

דער דאָזיגער גאָט האָט געפֿיהרט דאָס אידישע פֿאָלק אין די פֿער־גאַנגענע צײַטען מיט אַ בעזונדערער בעזאָרגונג, ווי אַ פֿאָטער טראָגט זיין זוהן. גאָט האָט אויסגעוועהלט אידען און בעזונדערס געזאָרגט פֿאַר זיי, כּדי זיי זאָלען ווערען אַ הייליג פֿאָלק. די משנה תורה ווײַזט אָן די אידען

פון משה'ס צייט, אז דאס פאלק האט זיך נישט ארויסגעוויזען פאר ווערט צו נעהמען אויף זיך די ערפילונג פון'ם גרויסען צוועק, וואס מען האט איהם געשטעלט, און עס פערדיענט נישט דעם גרויסען חסד, וואס גאט האט מיט איהם געטהון. „ווידערשפעניג, עקשנות'דיג איז עס געוועזען פון'ם ערשטען אנפאנג ביז אויף איצטיגען טאג, און עס האט נאך אלץ נישט קיין הארץ צו פערשטעהן, קיין אויג צו זעהען און קיין אויערען צו הערען". ענדליך ווייזט אן די משנה תורה דורך די געשעהענישען, אז דער אבפאל פון גאט וועט שטענדיג דורך איהם שטרענג בעשטראפט ווערען. „גאט איז אפילו א גאט פון געטריהייט, וועלכער האלט פעסט זיין ווארט און זיין חסד פאר די, וועלכע ליעבען איהם און ערפילען זיין געזעץ, ביז אין טויזענדען דור; זיינע פיינד אבער בעצאהלט ער גלייך אין געזיכט און פערניכטעט זיי".

ווי א נייע גאטס-ערשיינונג, אדער ווי א נייע ענטפלעקונג קלינגט עס פון'ם ספר משנה תורה דארט, וואו ער שטראפט און דערמאנט אי־דען, צו היטען די געזעצען. דער ספר ערשיינט, אלס א נייער בונד, וואס גאט האט געשלאסען מיט אידען קורץ פאר משה'ס טויט, אדער פאר'ן אריבערגעהן דעם ירדן, ביי'ם אריינקומען צום ערשטען מאל אין לאנד כנען, א נייער בונד, גאר פערשידען פון'ם בונד, וואס איז געשלאסען גע־ווארען אויפ'ן בארג חורב, ווי משה ערקלערט עס אליין.

די עשרת הדברות זענען אזוי קלאר און פערשטענדיג, אז אפילו אויך א פערקנעכטעטע נשמה קאן זיי פערשטעהען. אבער דאס פערטיעפען זיך אין די העכערע בעגריפען פון ידיעת הבורא, פון דערקענען און פער־שטעהען גאט, ווי דאס האט זיך ענטוויקעלט אינ'ם גאנג פון דער אי־דישער געשיכטע, דאס האבען די נעכטיגע מצרים'ער קנעכט, וועלכע האבען, אנגעטהון אין קייטען, געקנאטען דעם לייהם, נאטירליך, נישט געקאנט נאך פערשטעהן. ערשט זייערע זיהן און אייניקלעך האבען גע־הארפט בעקומען די פעהיגקייט צו אזא שווערער אויפגאבע, און אט זיי האט עס משה איינגעשפארט פאר זיין טויט אין הארצען און אין מח: „דו זאלסט ליעב האבען דיין איינציגען גאט מיט דיין גאנצען הארצען, מיט דיין גאנצען וועזען און מיט דיין גאנצער קראפט". „וואס פערלאנגט, אה, ישראל, דיין גאט פון דיר? נישט מעהר, אז דו זאלסט איהם פערעהרען, געהן אין זיינע וועגען, ליעבען איהם און דיענען איהם מיט'ן גאנצען הארצען און מיט דיין גאנצער נשמה". ביי אלע פעלקער פון דער ערד האט די פרומקייט גע־שטאמט פון דער מורא: מען האט מורא געהאט פאר'ן אנגעזעהענעם, געוואלטיגען נישט פערשטאנענעם וועזען אין די וואלקענס אדער אויף די פייער-שפייענדע בערג; אלע נאטור-ערשיינונגען האבען געווארפען אנ־אימה אויף די מענשען און זייערע קניע האבען אנגעהויבען צוטערען; די מיטלען צו דער גאטעס-פערעהרונג זענען געווען — מזבחות, טעמפלען,

קרבנות, מתנות — דאס אלץ האט געדארפט דיענען איבערצובעטען דעם שרעקליכען גאט און שטימען איהם פריינדליך. צווישען דעם מענשען און דער גאטהייט איז געלעגען א גאנצע וועלט, די וועלט, וואס איז צווישען הימעל און ערד. די משנה תורה האט אבער צוערשט געעפענט פאר'ן מענשען די ליעבע צו גאט אלס א מאטיוו פון פרומקייט און שענע מדות; דאדורך איז דער מענש געשטעלט געווארען נאהענטער צו גאט, פיעל נאהענטער. דאס הארץ פונ'ם מענשען איז דאדורך געווארען א בית־מקדש, אין וועלכען עס ברויכט צו לעבען גאט און זיין פערעהרט, און די בעציהונג פונ'ם מענשען צו גאט איז דורך דער משנה תורה פערוואנדעלט געווארען אין דער בעציהונג פון א זוהן צו א פאטער. דער מענש ברויכט נישט מעהר צו ציטערען פאר זיין גאט, ווי דער קנעכט פאר זיין שטרענגען העררן; ער ברויכט זיך צו מתקרב זיין צו גאט מיט פרייד, ווי א קינד צו א ליעבענדען פאטער. די דאזיגע ערהאבענע ליעבע צו גאט און דאס דערקענען איהם און פערשטעהן, ווערט פיעל מאל איבערגע'חזר'ט אין משנה תורה.

מיט דער זעלביגער ווילטיגקייט, ווי דאס דערוויטערען זיך פון דער געצענדיענעריי, ווערט אין משנה תורה אויך ערקלערט, ווי אזוי מען דארף גאט דיענען. דערביי בעמערקט מען אבער, וואס פאר א קליינעם ארט עס פערנעהמען אין משנה תורה די קרבנות. געוויס, אויך דא זענען פאראן געזעצען, אז נאר אין א בעשטימטען ארט מעג מען ברענגען קרבנות, אינ'ם ארט, „וואס גאט האט אויסערוועהלט"; די קרבנות ווערען דאדורך אלזא אנערקענט פאר א בערעכטיגטע זאך, וואס איז גאט אנגענעהם. אבער מען זעהט, אז די משנה־תורה וויל אט דעם גאטעס־דיענסט זעהר בעגרענצען און נאר ערלויבען, אבער נישט פאדערען איהם. אויסער דעם ארט, וואס איז בעשטימט געווארען דארויף פון גאט, טאר מען קיין קרבנות גארנישט ברענגען. וויל מען עסען פלייש, ברויכט מען עס נישט, ווי פריהער, צו ברענגען א קרבן פאר גאט, נאר מען קאן שעכטען און עסען, ווי מען וויל, סיי דער ריינער, סיי דער אונריינער מעג עס עסען. דאדורך אלזא איז שוין נישט נויטיג געווארען צו האלטען פריוואטע מזבחות.

די משנה־תורה האט געוואלט אבגעוואהנען דאס פאלק פון די מזבחות. אפילו די קרבנות אין בית המקדש גופא האט אויך די משנה תורה געוואלט בעגרענצען. נאר דעם צעהנטען פון די בהמות, דעם בכור צווישען זיי און די נדרים־קרבנות האט מען דארט געדארפט ברענגען אויפ'ן מזבח (ד. ה. בלויז אין בית המקדש) און „אויב דו וועסט אויפהערען זיך צו נדר צו טהון צו ברענגען א קרבן, וועסטו אויך קיין זינד נישט טהון דערמיט. זאלסט נאר ערפילען דאס, וואס דו זאגסט צו". אויסער די כהנים, האט די משנה תורה אויך געזארגט פאר די לויים, פאר די גרים (פרעמדע!), פאר א יתום, פאר אנ'אלמנה, פאר א קנעכט

אין בדינעסט, וועלכע שטאַמען גאָרנישט פֿון אידען, „זאָלען דאַרפֿען קומען און עסען און זאַט זיין, צוזאַמען מיט דיין טאָכטער און דיין זוהן“, דען „דו דאַרפֿסט געדענקען, אַז דו ביזט אויך אַ קנעכט געוואָרען אין מצרים, זאָלסטו אַלזאָ אָבהיטען אַט דעם דין“. אַט אַזוי האָבען עס אַלע געדאַרפֿט זיין גלייכע ברידער, רייך און אָרעם, העָרר און קנעכט, און פֿרעהען זיך צוזאַמען אין די טעג פֿון יום־טוב, אָהן קיין אונטערשייד.

די משנה תורה גיעט צו אַ גרויסע בעדייטונג דער תפלה, וועלכע מען דאַרף זאָגען, אַריינקומענדיג אין בית המקדש. מען דאַרף דאַנקען גאָט פֿאַר זיין צוגעשיקטער ברכה און בעטען ביי איהם אויך אויף ווייטער. ווען דער לאַנד־אַרבייטער ברענגט זיינע ערשטע פֿרוכטען, די בכורים, אין בית המקדש אַ מתנה, דאַרף ער אַ דאַנק־תפלה זאָגען און דערמאָנען, וואָס פֿאַר אַ חסד גאָט האָט געטהון מיט אידען, אַרויספֿיהרענדיג זיי פֿון מצרים און געבענדיג זיי אַ רייכעס לאַנד. יעדעס דריטע יאָהר, ווען דער איד האָט געענדיגט אָבטיילען מעשר פֿון זיינע תבואות און געגעבען פֿאַר'ן לוי, פֿאַר'ן גר, פֿאַר'ן יתום און פֿאַר דער אַלמנה, דאַרף ער פֿאַר'ן מזבח אין בית המקדש ערקלערען, אַז ער האָט אויסגערוימט דאָס הייליגע פֿון זיין הויז, ווי גאָט האָט געבאָטען, און ערפֿילט אַלץ, ווי עס שטעהט אין דער תורה, געבענדיג פֿון זיין פֿערמעגען דעם אָרעמאַן. דערביי דאַרף ער בעטען גאָט, אָבער נישט בלויז פֿאַר זיך, נאָר פֿאַר'ן אַלגעמיינעם אידישען פֿאָלק: „קוק אַרונטער, רבונו של עולם, פֿון דיין הייליגער וואָהנונג, פֿון הימעל, און בענטש דיין פֿאָלק ישראל און דיין לאַנד, וואָס דו האָסט אונז געגעבען“.

די דריי יום־טובים, ווען מען דאַרף עולה רגל זיין „צום ערוועהלטען אָרט“, בעטראַכט די משנה תורה פֿאַר „טעג פֿון שמחה“, דאָס איז פסח, שבועות און סכות, און אין די יום־טוב־מאָהלצייטען דאַרפֿען ווידער אַנטהייל נעהמען דער אָרעמאַן, דער גר, דער יתום און די אַלמנה.

אין משנה תורה ווערט פֿיעל אַרומגערעדט, ווי איינצואָרדנען די געריכטען אין לאַנד. אין יעדער שטאָדט מוז מען בעשטימען ריכטער (שופטים) און שרייבער (שוטרים); דער ערשטער זאָגט אַרויס דעם אורטהייל, דעם פסק־דין, און דער אַנדערער פֿיהרט אויס דעם פסק. די ריכטער טאָרען קיין אַנדער זאַך אין זינען נישט האָבען, ווען זיי משפט'ן עמיצען, ווי נאָר דאָס רעכט, דאָס געזעץ, און קיין שום שוחד טאָרען זיי נישט נעהמען, נישט קיין שוחד מיט געלד, נישט קיין שוחד פֿון גוטע רעד, אָדער וואָס שטאַמט פֿון דרך ארץ אָדער מורא פֿאַר'ן שטאַרקען און רייכען, „נאָר גערעכט זאָלסטו זיין, דען די גערעכטיגקייט געהערט צו גאָט“.

אַ טויט־אורטהייל קאָן אַרויסגעגעבען ווערען נאָר לויט'ן עדות־זאָגען פֿון צוויי אָדער דריי עדות, וועלכע טאָרען אין קיין זאַך זיך נישט סותר זיין איינער דעם אַנדערען. די עדות דאַרפֿען גרינדליך און אַלזייטיג אויסגעפֿרעגט ווערען, כדי צו קאָנען זיך איבערצייגען, אַז די בעשולדיגונג איז

בעגרינדעט און נישט פאלש. די ריכטער דארפען זעהען, אז עס זאל קיין אונשולדיג בלוט נישט פערגאָסען ווערען, אָבער אויך, אז קיין בלוט־שולד זאָל נישט בלייבען אונבעשטראָפט. פאר די, וועלכע האָבען דער׳הרג׳עט עמיצען בשוגג (נישט גערנווילינג), דאַרף מען איינאָרדנען זעקס שטעדט, וואוהין דער מערדער זאָל קאָנען ענטלויפען (ערי־מקלט), כדי דאָרט זיכער צו זיין פאר נקמה פון די פריינד פון דעם דער׳הרג׳עטען. מיט א טויט־שטראָף דארף מען, לויט דער משנה תורה, בעשטראָפען פאר א מאָרד, פאר געצענדיענעריי, פאַר לעבען מיט אַן׳אשת־איש, ווי אויך פאַר א פער׳קנסטע כלה, וואָס האָט בעגאַנגען אַן׳אונציכטיגקייט נאָך אין איהר פאָטער׳ס הויז, און פאר א „בן סורר ומורה“. מיט גרויסער שטרענגקייט בעהאנדעלט די משנה תורה א פאַלשען עדות: „איהם דאַרף מען טהון. אזוי ווי ער האט געוואָלט טהון“, אָהן קיין שום שוינונג, א לעבען פאר א לעבען, אַן׳אויג פאַר אַן׳אויג, א פוס פאר א פוס, א האנד פאר א האנד. די דאָזיגע געזעצגעבונג וויל אָבער נישט מבזה זיין דאָס מענשליכע געפיהל אפילו אויך אין א פערברעכער: דעם טויטען קערפער פון א פערברעכער, וועלכער איז דורכ׳ן געריכט אויפגעהאָנגען געוואָרען, דאַרף מען נישט לאָזען הענגען איבער נאַכט, נאָר באַלד אַרונטערנעהמען און בעגראָבען. אויב דער ריכטער האט עמיצען פעראורטיילט צו מלקות, דאַרף מען איהם געבען נאָר אַ געוויסע צאָהל שמיץ, פערציג, נישט מעהר, „כדי דיין ברודער זאָל פאר דיינע אויגען נישט געשאַנדעט ווערען“. דורך מלקות האָט מען געדאַרפט בעשטראָפען דעם, ווער עס פלעגט אַרויסלאָזען אַ שלעכטען נאָמען אויף דער פרוי, מיט וועלכער ער האָט חתונה געהאָט.

די משנה תורה ענטהאַלט אויך געזעצען וועגען דער מלוכה און בעגרענעצט די רעכט פון מלך אויף אַזוי פיעל, אַז ער זאָל נישט קענען ווערען שעדליך דעם פאָלק. דער קעניג מוז דורך גאָט ערוועהלט ווערען, דאָס הייסט, אַ נביא מוז איהם בעשטעטיגען. אַ פרעמדער, וועלכער שטאַמט נישט פון אידען, טאָר ביי אידען קיין מלך נישט זיין. דער קעניג מאָר נישט האלטען קיין פיעל פערד און נישט שליסען קיין בונד מיט מצרים, כדי צו ברענגען פון דאָרט פערד. ער טאָר נישט האָבען קיין פיעל וויבער, וועלכע וואָלטען געקאָנט אָבוועדען זיין האַרץ פון גאָט. ער זאָל אויך נישט אַנזאַמלען צופיעל גאָלד און זילבער. ער זאָל איבערהויפט נישט ווערען שטאָלץ ביי זיך, נישט דערהויבען זיך איבער זיינע ברידער, און שטענדיג האַלטען זיך פעסט ביי׳ם געזעץ.

אין משנה־תורה געפינט זיך אויך אַ ספעציעל געזעץ וועגען מלחמה: ביי׳ם בעקעמפפען די פעלקער פון כנען, ווען מען וועט אַריינקומען אין לאַנד, דאַרף מען קיין איינציגען נפש נישט לאָזען לעבען, „כדי זיי זאָלען דיך נישט לערנען נאָכטהון זייערע שענדליכע מעשים“. דאַגעגען, ווען מען וועט בעלאַגערן אַ שטאָדט אויסער׳ן לאַנד כנען,

דארף מען פריהער שטעלען בעדינגונגען פון שלום, און, אויב די איינ־וואוינער שטימען דערויף איין, דארפען זיי נאר אבצאהלונגען געבען, זייער לעבען אבער דארף געשוינט ווערען. אויב אבער זיי ווילען נישט אננעהמען דעם שלום, וואס מען לעגט זיי פאר, און די שטאדט ווערט איינגענומען מיט'ן שטורם, דארף מען אלע דערוואקסענע מאנסבילען אויס'הרג'ענען, נאר די ווייבער און קינדער דארף מען שוינען. ביי'ם בעלאגערען א שטאדט, דארף מען ארום איהר נישט אויסהאקען די פרוכט־בוימער; מען טאר זיי אפילו נישט פערוועגדען אויף צו בויען טהורעמס אדער קאמפף־בערג ארום שטאדט. יעדער מענש דארף דאס ערשטע יאהר נאך זיין חתונה פריי זיין פון קריעגס־דיענסט אדער בכלל פון יעדען דיענסט פאר דער מלוכה, „כדי ער זאל קאנען דערפרעהען זיין פרוי". פאר די פערזאמעלטע מחנות דארף מען לאזען אויסרופען: „ווער עס האט א הויז געבויט, אדער א נייעם וויינגארטען געפלאנצט, אדער פער'קנס'ט א מיידעל, זאל די מחנה פערלאזען, כדי אנ'אנדערער זאל נישט צונעהמען דאס, וואס איהם איז ליעב, זיין פרוי, זיין הויז און זיין וויינגארטען, אין פאל, אויב ער וועט פאלען". אויך דער פחדן ווערט בעפרייט פון דער מחנה, כדי ער זאל קיין אנדערע נישט אנ־שטעקען דורך זיין פחדנות. די מחנה, דאס לאגער דארפען געהאלטען ווערען ריינליך און ציכטיג, און נישט פערשמוציגען עס, „דען גאט געהט מיט דיין מחנה, דעריבער זאל דיין מחנה הייליג זיין און קיין שאנדהאפטע זאך זאל דארט נישט געזעהען ווערען".

פריהער פאר אלץ אבער זארגט די געזעצגעבונג פון דער משנה־תורה פאר'ן ארימאן און וויל דערוועקען די מילדע געפיהלען פון ברי־דערליכקייט ביי'ם רייכען אין הארצען. ווען דער אידישער קנעכט געהט ארויס פריי, נאכדעם, ווי ער האט אבגעדיענט זעקס יאהר, דארף מען איהם נישט אבלאזען מיט לעדיגע הענד, נאר זיין ביז־איצטיגער הערר מוז איהם געבען פון זיין פיה, תבואה און וויין. וועגען מילדקייט, מענש־ליכקייט און רחמנות דערמאהנט די משנה־תורה זעהר פיעל מאל. א קנעכט נישט קיין איד, וועלכער איז ענטלאפען קיין ארץ־ישראל פון א פרעמד לאנד, דארף מען נישט ארויסגעבען צו זיין העררן, נאר „ער זאל בלייבען וואהנען אין דיין לאנד און זאל זיך אויסקלייבען אנ־ארט, וואו ער וויל, און דו זאלסט איהם נישט בעדריקען". אפילו מיט א פיינד מוז מען מיטלייד האבען. אויב עמיץ ברענגט אהיים פון דער מלחמה א שענע פרוי געפאנגען און וויל מיט איהר חתונה האבען, דארף ער איהר געבען א חודש צייט, צו טרויערן נאך איהר היים און איהרע פריינד און ערשט דאן קאן ער מיט איהר חתונה האבען. אויב ער הערט איהר אויף שפעטער ליעב צו האבען, טאר ער איהר נישט פערקויפען פאר א שקלאווין, נאר ער דארף איהר לאזען פריי". „טרעפט מען א נעסט פון א פויגעל, טאר מען נישט ארויסנעהמען די מוטער

פון איהרע פויגעלעך. נאָר אבטרייבען די מוטער און ערשט דאן. די פויר־געלעך צונעהמען".

משה האט בעזונדערס וואַרים געבעטען דעם אידישען פאָלק אָב־צוהיטען אַט די אַלע געזעצען, דען „זיי זענען אייער חכמה און פער־שטענדיגקייט און די אויגען פון די פעלקער", וועלכע וועלען זאָגען, ווען זיי וועלען דערהערן: „געוויס איז דאָס דאָזיגע גרויסע פאָלק קלוג און פערשטענדיג". „עס ליעגט דאָך ניט אין הימעל, אַז דו זאָלסט קאָנען זאָגען — ווער וועט עס מיר פון הימעל אַראָבברענגען, אַז מיר זאָלען דאָס הערען און פאָלגען; עס איז דאָך נישט אויף יענער זייט ים, אַז דו זאָלסט קאָנען זאָגען — ווער וועט עס אונז פון איבער'ן ים ברענגען? דאָס ליעגט דאָך נאָהענט נעבען דיר, אין דיין מויל, און דיין האַרצען, דו קאָנסט עס אַלץ טהון".

די משנה־תורה לעגט אויף פאַר, אַז מען זאָל תורה לערנען מיט'ן פאָלק: יעדעס זיעבעטע יאָהר, דעם שמיטה־יאָהר, אום סכות, ווען אַלע אידען וועלען זיך צוזאַמענקומען אינ'ם „ערוועהלטען אָרט", דאַרף מען לעזען די תורה פאַר אַלעמען; מען דאַרף דערצו „פערזאַמלען אַלע מאַנס־בילען, פרויען, קינדער און גרים, זאָלען אַלע הערען און לערנען און פערשטעהן, ווי אַזוי צו זיין גאָטספאַרכטיג און אָבהיטען צו טהון אַלץ, ווי עס שטעהט אין דער תורה". אויך דער קעניג איז מחויב צו לאָזען זיך שרייבען אַן אייגענע משנה־תורה און האַלטען זי ביי זיך, כדי שטענדיג צו לעזען אין איהר.

מיט רעכט האָט דער דאָזיגער געפונענער ספר געמאַכט אַזאַ שטאַרקען איינדרוק אויפ'ן מלך יאשיהו מיט זיינע שרים. דער גאַנצער ספר איז עטוואָס ערהאַבענעס און זעלטענעס, וואָס מען טרעפט עס גאַרנישט אין דער וועלט־ליטעראַטור. די פערעפענטליכונג פונ'ם ספר משנה־תורה אין יאשיהו'ס צייט איז געוואָרען אַ גרויסע עפּאָכע נישט בלויז אין דער אידישער געשיכטע, נאָר אויך אין דער געשיכטע פון אַלע קולטור־פעלקער. דער אינהאַלט פונ'ם דאָזיגען געזעץ, די פאָרמע, און וועלכער ס'איז בעקליידעט, די הערצליכע, פאָטערליכע שפּראַך, וועלכע הערשט דערין; דער בעפעהל, אַז זי זאָל אין געוויסע צייטען געלעזען ווערען און דעם גאַנצען פאָלק, אויך פרויען און קינדער, בעקאַנט געמאַכט ווערען, דאָס אַלץ האָט אַ הויכע בעדייטונג. און די דאָזיגע תורה האָט נישט געדאַרפט בלייבען אין אַ'ענגען קרייז פון כהנים, אָדער געלעהרטע, נאָר זי האָט געדאַרפט געהערען דעם גאַנצען פאָלק, און אפילו אויך די גרים, דאָס הייסט, די פרעמדע מענשען פון אַנדערע פעלקער, וועלכע ווילען זיך נאָר מיט איהר בעקענען. אין דער משנה־תורה געפינען זיך אפילו אויך געזעצען וועגען בית־המקדש, קרבנות, טומאה און טהרה — אַלץ ספעציעל־אידישע דינים; אָבער די מייסטע געזעצען בעציהען זיך אויף אַלמענשליכע זאַכען: צו זיין גערעכטיג.

רחמנות צו האבען אויף אנ'ארימאן, אבצוהיטען צניעות, צו האבען גוטע מדות, צו פיהרען זיך הייליג און ציכטיג אין לעבען, אבצוהאלטען זיך פון יעדער אומריינער תאוה — צו ליעבען גאט און בעהעפטען זיך אין איהם!...

משה האט פאראויסגעזעהן — דערצעהלט ווייטער די משנה־תורה — אז נישט אכטענדיג אויף זיינע שטראף־רייד און התראות, וועט דאס פאלק דאך איבערטרעטען דאס געזעץ און דערפאר וועלען אויף איהם און די שפעטיגסטע צייטען קומען גרויסע אונגליקען. דאס פאלק וועט אבער נישט פערשטעהן, פארוואס די אונגליקען זענען אויף איהם געקומען, און אט כדי צו דערמאהנען דעם פאלק, אז גאט איז גוט און ברענגט קיין שלעכטס נישט אויף זיין פאלק אומזיסט, האט משה א גרויס ליעד געזונגען און בעפוילען, אז אידען זאלען אויסוועניג לערנען און געדענקען עס אויף אייביג. דאס איז דאס גרויסע ליעד „האזינו“, וואו עס ווערט פאראויסגעזאגט, אז דאס פאלק וועט פון צופיעל גוטס פון רעכטען וועג אראבגעהן און ווענדען זיך צו אבגעטער, וועלכע זיינע עלטערען האבען נישט געקענט, און אז א ווילד פאלק וועט זיי מוזען בעשטראפען דערפאר. ערשט דאן, ווען דאס אידישע פאלק וועט זעהן, אז די פרעמדע געטער קאנען איהם נישט העלפען, וועט עס אנהויבען פערשטעהן, אז נאר גאט אליין קאן איהם העלפען, דער גאט, וועלכער טויטעט און מאכט לעבעדיג, פערוואונדעט און היילט, און ער נעהמט אבער אויך נקמה פאר'ן בעפלעקטען באדען פון זיין לאנד.

שרעקליך און אימה'דיג איז די „תוכחה“, וועלכע געפינט זיך אין משנה־תורה. זי רעדט וועגען יענע גרויזאמע פאלגען, וועלכע ערווארטען דאס פאלק און דעם קעניג, אויב זיי וועלען נישט געהען אינ'ם וועג פון די געזעצען. אלע ענוים און יסורים, וועלכע קאנען אריינברענגען אין לעבען פון א מענשען א שרעקליכע פערצווייפלונג, זענען געשילדערט אינ'ם דאזיגען אימה'דיגען בילד — אונגערעטעניש, הונגער־יאהרען, טריקעניש און מגפות פון איין זייט, און פון דער אנדערער — שפלות, בזיון, שווערע קנעכטשאפט און חרפות, ווי אויך אלערליי פגעים רעים, וועלכע ברעכען דאס הארץ פונ'ם מענשען און ברענגען איהם צו שגעון און טעמפקייט. „גאט וועט אויך זיך ברענגען א פאלק פון דערווייטען, פון עק וועלט, וואס וועט קומען צופליהען שנעל, ווי אנ'אדלער, א פאלק, וואס דו פערשטעהסט נישט זיין שפראך, אנ'עזות־פאלק, א הארט־הערציג, וואס שוינט נישט קיין זקן און האט קיין רחמנות נישט אויף א קינד... און עס וועט ביי דיר אלץ צונעהמען און וועט בעלאגערן דיינע פעסטע און הויכע שטעדט, אויף וועלכע דו פערלאזט זיך אזוי שטארק. און דער נויט פון דער בעלאגערונג וועסטו דאס פלייש פון דיינע אייגענע קינדער עסען... גאט וועט דיך צושפרייטען צווישען

אלע פעלקער אין אלע עקען וועלט, און דארט וועסטו דיענען אבגעטער פון האלץ און שטיין און צווישען די פעלקער וועסטו קיין מנוחה נישט האבען, נאר שטענדיג וועסטו דארפען ציטערן פאר דיין לעבען און פערצווייפעלט זיין. אין פריהען מארגען וועסטו זאגען: „אה, ווען ס'וואלט שוין נאכט געקומען!" און אין דער נאכט וועסטו בעטען: „אה, ווען ס'וואלט שוין טאג געווארען!" און, אויך דיין קעניג, וועלכען דו האסט זיך אויסגעוועהלט, וועט מיט דיר אין געפאנגשאפט אבגעפיהרט ווערען צו אנ'אונבעקאנט פאלק".

אט דעם ספר מיט זיינע הארציג־ריהרענדע שטראף־רייד און מיט זיינע אימה־בילדער וועגען א טרויעריגער צוקונפט, וועלכען דער כהן־גדול חלקיהו האט געפונען אין בית־המקדש און, נאכדעם, ווי ער האט עס געלעזען, האט ער עס איבערגעגעבען, דעם קעניגליכען שר, שפן, האט דער לעצטער געבראכט דעם קעניג יאשיהו און געלעזען פאר איהם איינינגע שטעלען פון דארט. איבערראשט און ערשראקען פון דער שרעקליכער תוכחה, צושמעטערט אינגאנצען דורך דער איבערצייגונג, אז ער איז אליין שולדיג און פעראנטווארטליך פאר אלע פאלקס־אונגליקען, דערמיט, וואס ער דערלאזט יענע אלע פערברעכענס, וועלכע זענען אין ספר אנגעוויזען, האט דער קעניג פון גרויס וועהטאג צוריסען אויף זיך די קליידער. א פחד איז געפאלען אויף זיין הארצען, ער האט געציטערט, דאס די אלע שטראפען וועלען טאקי באלד ערפילט ווערען. דער קעניג האט געשיקט רופען צו זיך דעם כהן־גדול חלקיהו. לויט דער עצה פונ'ם כהן־גדול, האט דער קעניג געשיקט איהם אליין מיט נאך עטליכע פון זיינע שרים צו דער נביאה חולדה, כדי צו פרעגען ביי איהר וועגען דער צוקונפט. ביי ירמיהו'ן האט מען נישט געפרעגט, ווי עס שיינט, צוליעב דעם, וואס ער איז נאך צו־יונג געוועזען, אבער אויך צום עלטערען נביא צפניה האט מען זיך נישט געווענדעט, צוליעב אנ'אונבעוואוסטען טעם. די נביאה חולדה איז געוועזען די פרוי פון שלום, וועלכער איז געוועזען דער ממונה אויף די קליידער פון קעניג, און געשטאמט פון זעהר א הויכער משפחה פון ירושלים. די נביאה האט דעם קעניג בערוהיגט דורך זיינע שלוחים, און ערקלערט, אז דאס אונגליק וועט קומען איבער דעם פאלק און דעם קעניג נישט אין זיינע צייטען, דערפאר וואס ער האט זיך צו גאט צוריקגעווענדעט און ליידט די יסורים פון א ביטערער חרטה. מען דארף אבער ביי דער בלויזער חרטה זיך נישט אבשטעלען, נאר מען דארף אונטערנעהמען מעשים, כדי צו פערטרייבען דעם געצענדיענסט מיט אלע זיינע אונזיכטיגקייטען, ווי אויך אויסבעסערן אלע אונגערעכטיגקייטען געגען דעם ארימען פאלק.

בערוהיגט איבער דעם גורל פון זיין פאלק, ווייניגסטענס, אין זיינע צייטען, האט דער קעניג זיך גענומען ענערגיש דורכצופיהרען אלע פערבעסערונגען, וועגען וועלכע די נביאה חולדה האט איהם אנגעוויזען.

דערביי האט ער זיך גענומען די משנה־תורה פאר א וועג־ווייזער און האט נאך שטרענגער, ווי חזקיהו, געווירקט ביי דער אבשאפונג פון דער געצענדיענערייי. ער האט איינגעארדענט אין בית המקדש א גרויסע פאלקס־פערזאמלונג, צו וועלכער ער האט איינגעלאדען די עלטסטע לייט פון ירושלים און פונ'ם גאנצען לאנד, ווי אויך די גאנצע בעפעלקערונג פון ירושלים, די נביאים און די כהנים, אפילו אויך די נידעריגסטע פון פאלק, די האלץ־העקער און וואסער־טרעגער פון בית־המקדש, און געלאזען פארלעזען פאר אלעמען דעם געפונענעם ספר משנה־תורה, ווערענד ער אליין איז געשטאנען אויף דעם הויכען סלופ, וואס איז אין בית־המקדש געווען בעשטימט פאר'ן קעניג. דער קעניג האט אויך געלאזט שליסען א פארמאלנעם „בונד“, און אלע אנוועזענדע האבען זיך געמוזט מתחייב זיין שטרענג אבצוהיטען אלע געזעצען פונ'ם ספר און ערפילען זיי מיט'ן גאנצען הארצען און מיט דער גאנצער נשמה. דערביי האט מען הויך געלייענט דעם פסוק: „פערשאלטען זאל זיין יענער, ווער עס וועט נישט מקיים זיין דאס, וואס די תורה הייסט“. אלע אנוועזענדע האבען דערויף געענטפערט: „אמן!“

באלד נאכדעם האט מען, אויפ'ן קעניג'ס בעפעהל, אבגערייניגט דעם בית־המקדש פון אלע געצענדיענערישע אונצילכטיגקייטען — דאס שענדליכע בילד פון דער „עשתרות“, וועלכע מנשה האט אין בית־המקדש אריינגעבראכט, די מזבחות פאר די אבגעטער, די הייזלעך פאר די זנות־מיידלעך, די פערד פאר'ן דיענסט צו דער זון, וועלכע זענען געשטאנען אין אריינגאנג פון בית־המקדש, און אויך די מזבחות צו דער זון און צו די שטערען — דאס אלץ האט מען צושטויסען, פערניכטעט, און אבגעפיהרט דערנאך אין טהאל קדרון, וואו מען האט עס פערברענט און די אש האט מען צושפרייט אויף די קברים פון געמיינעם פאלק. די ערטער אינ'ם טהאל „הנום“, וואו דער תופת איז געשטאנען, אויף וועלכען מען פלעגט פערברענען קינדער פאר א קרבן צום שוידערהאפטען מולך, האט יאשיהו געלאזט פעראונרייניגען. דער־נאך האט מען אויך ווידער פערבאטען, ווי אין חזקיהו'ס צייטען, די „במות“ — די פריוואטע מזבחות אויף אלע הויכע ערטער; די כהנים פון די געצען און פון די „במות“ האט מען דערווייטערט פון זייערע שטעלעס און געבראכט קיין ירושלים, וואו זיי האבען געמוזט לעבען אונטער א בעזונדערער אויפזיכט, כדי מען זאל זיכער זיין, אז זיי וועלען זיך שוין מעהר נישט בעשעפטיגען מיט דער געצענדיענערייי. צום דיענסט אין בית־המקדש האט מען זיי נישט צוגעלאזען, האטש זיי זענען געווען כהנים און לויים, אבער זייער חלק פון תרומות און מעשרות האט מען זיי יא געגעבען, כדי זיי זאלען נישט אויסשטארבען פון הונ־גער. יענע „כהנים“ אדער „כומרים“, וועלכע מען האט אראבגעבראכט פריהער פאר דער געצענדיענערייי פון אנדערע לענדער, האט מען איצט

צוריק ארויסגעטריבען פון ארץ־ישראל. א שרעקליכע אויסנאהמע האט יאשיהו געמאכט פאר די אידישע כהנים, וועלכע האבען געדיענט ביי די קעלבער אין בית־אל, וואס ירבעם בן נבט האט אויפגעשטעלט און זיי האבען מיטגעהאלפען צו פערפיהרען אידען אין דער געצענדיענעריי: יאשיהו האט זיי געלאזט דער׳הרג׳ענען אויף זייערע מזבחות, און די מזבחות גופא האט ער געלאזט פעראונרייניגען דאדורך, וואס מען האט אויף זיי פערברענט ביינער פון טויטע מענשען. דעם דאזיגען גרויזאמען אקט האט יאשיהו אויסגעפיהרט צוליעב דעם, ווייל פון בית־אל איז געקומען צו אידען ניט בלויז די געצענדיענעריי, נאר אויך דער פאלשער בעגריף וועגען דעם אידישען גאט גופא, ווייל, ווי עס איז שוין דערמאהנט געווארען, האט ירבעם ניט געזאגט, אז ער פיהרט איין א פרעמדע געצענדיענעריי, נאר טאקי דעם אידישען גאט, דעם גאט, וואס האט ארויסגעפיהרט אידען פון מצרים, שטעלט ער א ממשות׳דיג בילד. די איצטיגע כהנים פון בית־אל זענען אפילו ווייניג וואס שולדיג געוועזען דערין, דען זיי האבען אין זייער פראקטיקייט גע־מיינט, אז זיי דינען טאקי באמת דעם אידישען גאט, זיי האבען אבער בעצאהלט מיט זייער לעבען פאר די זינד פון זייערע עלטערען. אט דאס איז געוועזען דער סוף פון דעם קאלבען־קולט פון בית־אל. דאס מטמא מאכען און פערניכטען פון די מזבחות אין בית־אל האט דורכגעפיהרט דער קעניג יאשיהו פערזענליך.

און צו יענעם פסח (691 פאר׳ן צווייטען חורבן) האט יאשיהו צוזאמענגערופען דאס גאנצע אידישע פאלק קיין ירושלים, כדי צו מאכען דארט דעם קרבן־פסח, ווי די תורה האט געבאטען. און איצט האט זיך ארויסגעוויזען, אז דאס פאלק איז געקומען קיין ירושלים, ניט ווי אין חזקיהו׳ס צייטען, געצוואונגען, כמעט מיט געוואלד, — איצט זענען אלע אליין געקומען מיט גע־אנג און פרייד. דעם קרבן־פסח האט מען געבראכט מיט גרויסער פייערליכקייט, ביי׳ם זינגען תהלים און בעגלייטען דעם געזאנג מיט׳ן שפיעלען אויף פערשיעדענע מוזיקאלישע אינסטרומענטען. פאר דער נביאים־פארטיי איז די דאזיגע געשעהעניש געוועזען אזא וויכטיגע, אז מען האט אנגעהויבען פון איהר צו פיהרען א נייע צייט־רעכנונג; מען האט געזאגט, למשל, „דאס איז פארגעקומען אזוי און אזוי פיעל יאהרען נאך יאשיהו׳ס ערשטען קרבן־פסח“. אויך די געזעלשאפטליכע בעציהונגען האבען זיך געבעסערט. יאשיהו האט דורכגעפיהרט אין לעבען אלע געזעצען, וועלכע ער האט געפונען גע־שריבען אין משנה־תורה, און אט האט ער אויך בעפוילען, אז מען זאל צום שמיטה־יאהר פריילאזען אלע אידישע קנעכט און געבען זיי שעפסען, תבואה און וויין, ווי עס שיינט, האט יאשיהו אויך פונאנדערגעשיקט אין די שטעדט אין דערפער לויים, וועלכע האבען געדארפט איבעראל לערנען מיט׳ן פאלק די משנה־תורה. איינע פון די

וויכטיגסטע תקנות, וואָס יאשיהו האָט איינגעפיהרט, איז געווען וועגען דעם ארון מיט די לוחות. ביז דאַמאָלס האָט מען בעטראַכט דעם ארון ווי אַ מיטעל, וואָס דאַרף בעשיצען אידען אין מלחמה געגען דעם פיינד. בשעת אַ מלחמה פלעגען די לויים טראָגען דעם ארון אויפ׳ן מלחמה-פעלד. איצט אָבער האָט יאשיהו בעפוילען, אַז דאָס זאָל מעהר נישט פאָרקומען: דער ארון דאַרף זיך געפינען שטענדיג נאָר אין „דביר״, דאָס הייסט אין קודש הקדשים פון בית-המקדש, און זיין דער צענטער פון בית-המקדש און פונ׳ם גאַנצען אידישען פאָלק. ווי עס שיינט, האָט יאשיהו נעבען דעם ארון אויך אַריינגעבראַכט אין קודש-הקדשים דעם ספר תורה.

אין זיין ערשטער נבואה האָט ירמיהו פאָראויסגעזאָגט, אַז אין דער וועלט וועלען פאָרקומען גרויסע חורבנות און נאָכדעם וועלען זיך אָנהויבען אויפבויען נייע מלוכות. אָט די נבואה איז מקוים געוואָרען אין די לעצטע יאָהרען פון יאשיהו. דאָס גרויסע לאַנד אשור, וואָס האָט אין אַ משך פון כמה יאָהרען איינגענומען פיעל פעלקער און אַרויפגעלעגט אויף זיי זיין שווערען יאָך, האָט געדאַרפט אינגאַנצען אונטערגעהן און אויף זיין אָרט האָבען געדאַרפט אויסוואַקסען נייע מלוכות. די מלכים קיאַקסאַרעס פון מדי און נבו-פולאַסר פון בבל, האָבען צוריסען די לעצטע פעדים, וועלכע האָבען זיי פערבונדען מיט אשור, און ערקלערט זיך אינגאַנצען אונאָבהענגיג פון איהם. די וואַקסענדע שוואַכקייט פון אשור האָט אויך געוואָלט אויסנוצען מצרים, כדי צו נעהמען נקמה פאַר אַלדאָס שלעכטס, וואָס עס האָט געזעהען פריהער פון איהם. אין מצרים איז אַרויפגעשטיגען אויפ׳ן טראָהן אַ מוטיגער קעניג נכה, אָדער נעקאָס, אַ זוהן פון פסאַמעטיך, וועלכער האָט געוואָלט צוריקשטעלען די אַמאָליגע מאַכט פון מצרים. אַזוי אַרום זענען אין דער זעלביגער צייט אַרויס-געטראָטען פיעל שטאַרקע און מוטיגע מלכים, וועלכע האָבען גע-שטרעבט צו מאַכען אַ סוף מיט אשור׳ס הערשאַפט. נכה איז געווען נאָך מעהר העלד און אונטערנעהמער פאַר זיין פאָטער; דורך דעם פלאָט פון די פעניקיער האָט ער געלאָזט זיינע לייט אַרומרייזען און בעזעהען אַלע ברעגען פון אַפריקאַ אין מיטעללענדישען ים; איצט האָט ער בע-וואָפענט אַ שטאַרקען פלאָט, כדי צו בעזעצען איהם מיט אַ גרויסער אַרמעע און איינגעהמען אשור, אָדער, וועניגסטענס, דערנידעריגען איהם. נכה האָט געהאָפט, אַז איהם וועט געלינגען לייכט איינצונעהמען די לענדער אין סיריען, מעגליך אויך גאָר פעראייניגען גאַנץ אשור מיט זיין לאַנד מצרים. די דאָזיגע האָפנונג זיינע האָט ער בעזונדערס בעגרינדעט דערויף, וואָס זיין געגנער קיאַקסאַרעס איז איצט געווען פערנומען מיט אַ מלחמה געגען אַליאַטעס, דעם קעניג פון לידיען, און ער האָט איהם אַלזאָ נישט געקאָנט שטערען אין אויספיהרען זיינע גרויסע פלענער.

אָבער דעם דאָזיגען פלאַן האָט נכה נישט געקאָנט פערווירקליכען אינ־
גאַנצען, ווייל קיאַקסאַרעס האָט פּלוצלונג געשלאָסען אַ בונד מיט
נבופולאַסר און מיט אַליאַטעס, אַ בונד, וואָס איז בעקרעפטיגט געוואָרען
דורך שידוכים: אַ זוהן פון קיאַקסאַרעס האָט חתונה געהאַט מיט
אַ טאָכטער פון אַליאַטעס און אַ טאָכטער פון קיאַקסאַרעס האָט חתונה
געהאַט פאַר אַ זוהן פון נבופולאַסר. דעם דאָזיגען בונד האָט מען גע־
שלאָסען געגען אשור, וואו עס האָט דאַמאָלס געהערשט דער קעניג
סאַרדאַנאַפּאַל, אַ מענש אַ לוסטיגער, וואָס איז אינגאַנצען געווען איבער־
געבען צו שכרות און זנות. אין איין צייט זענען אַלזאָ אַרויסגעטראָטען
די דאַמאָלסדיגע דריי מעכטיגסטע מלכים איינצונעהמען גרויסע לענדער:
קיאַקסאַרעס און נבופולאַסר פון איין זייט, איינצונעהמען נינוה, די
הויפּט־שטאָדט פון אשור, און נכה, דער מלך פון מצרים, פון דער אַנ־
דערער — איינצונעהמען די לענדער אויפ'ן טייך פרת. דער מצרים'ער
קעניג האָט דערביי געדאַרפט דורכציהען מיט זיינע מחנות דורך ארץ־
ישראל, און דער קעניג יאשיהו האָט איהם דערין געשטערט. יאשיהו
האָט פעסט געגלויבט, אַז נאָכדעם, ווי ער האָט זיך צוריקגעקעהרט
מיט'ן גאַנצען האַרצען צו גאָט, וועט איהם גאָט נישט פערלאָזען און
העלפען אין זיין אַרויסטריט געגען דעם שטאַרקען מלך פון מצרים. ווי
נאָר נכה איז געקומען מיט זיין אַרמעע אין טהאָל יזרעאל, האָט ער
זיך ביי מגדו בעגעגענט מיט דער אַרמעע פון יהודה, וועלכע האָט איהם
געוואָלט פערשטעלען דעם וועג. ס'איז פאָרגעקומען אַ מלחמה, וועלכע
האָט זיך געענדיגט אומגליקליך פאַר יאשיהו'ס אַרמעע. די דאָזיגע
אַרמעע איז שרעקליך צושלאָגען געוואָרען און ער אַליין איז אויך גע־
פעהרליך פערוואונדעט געוואָרען (678 פאַר'ן צווייטען חורבן). די דיענער
פון קעניג האָבען געבראַכט אין איילעניש דעם גוסס'דיגען געליעבטען קעניג
קיין ירושלים, וואו ער איז באַלד געשטאָרבען. אין ירושלים האָט דערביי
אויסגעבראָכען אַ גרויס געוויין און אַ טרויער, און ווען מען האָט דעם
קעניג געבראַכט צו קבורה אין גאָרטען פון עוזא, וואו מען האָט איצט פון
דאָס ניי געגרינדעט אַן אָרט פאַר די קברים פון די מלכים פון דוד'ס
הויז, האָבען אַלע געקלאָגט און געיאָמערט: „אָה, קעניג, אָה זיין
דורכלויכט!“ און יעדעס יאָהר האָט מען אין'ם טאָג, ווען דער לעצטער
בעסטער קעניג פון דוד'ס הויז איז געפאַלען אין קאַמפף פאַר זיין פאָלק,
געלייענט אַ קינה, וועלכע דער נביא ירמיהו האָט נאָך איהם אין טרויער
געדיכטעט. מיט אַ ריינערען האַרצען האָט מען נאָך נישט בעקלאָגט
קיין אַנדער קעניג, ווי יאשיהו. די אומגליקליכע מלחמה ביי מגדו אין
טהאָל יזרעאל איז געוואָרען אַ טרויעריגע עפּאָכע אין דער געשיכטע
פון יהודה, וועלכע האָט באַלד נאָכדעם אָנגעהויבען שרעקליך צו פאַר־

צווייטעס קאפיטעל.

די לעצטע מלכים פון יהודה.

(פון 678 ביז 656 פאר'ן צווייטען חורבן, אדער פון 608 ביז פאר דער געוועהנליכער צייט-רעכנונג).

די פארזיכטיגקייט פון א מענשען, ווי ווייניג ווייט קאן זי דער גרייכען! א שפאן ווייט איבער דער געגענווארט. יאשיהו האט געמיינט, אז דאדורך, וואס ער וועט שטערען דעם מלך פון מצרים איינצונעהמען פרעמדע פעלקער און לענדער, וועט ער בעווארענען די זעלבסטשטענדיג-קייט פון יהודה, און האט דאדורך גאר מיטגעבראכט די פערקנעכטונג פון זיין לאנד דורך מצרים גופא. אין דער פערלארענער מלחמה ביי מגדו איז, ווי עס שיינט, אומגעקומען די גאנצע אידישע ארמעע, דען מען האט אפילו נישט געמאכט די פראבע צו דערוועקען אנ'אויפשטאנד אין יהודה געגען נכה, נאכדעם, ווי ער איז מיט זיינע מחנות אוועקגע-גאנגען ווייטער צום צפון-קאנט. אין ירושלים האט מען קיין אנדער שריט נישט געטהון, ווי אויסצוועהלען א נייעם קעניג נאך יאשיהו'ן. פון צוויי פרויען זענען נאך יאשיהו'ן איבערגעבליבען דריי זוהן: דער עלטערער אליקים און צוויי איגגערע שלום און מתניה. ווי עס שיינט, האט דער מלך יאשיהו ליעבער געהאט זיין צווייטען זוהן שלום, און דעריבער האט דאס פאלק געמאכט איהם פאר א קעניג, כדי צו ער-פילען דעם ווילען פונ'ם געליעבטען קעניג יאשיהו, און כדי צו פערמיידען א איגערליכע מלחמה וועגען דעם טהראן, האט מען איהם, אלס א אוים-נאהמע, געזאלבט מיט'ן היילעגען בוימעל פאר א קעניג, חאטש א מלך, א זוהן פון א מלך, האט גארנישט געברויכט געזאלבט צו ווערען. שלום האט ביי'ם ארויפגעהן אויפ'ן טהראן אנגענומען דעם נאמען יהואחז.

די לאגע פון יהודה איז אבער שוין איצט געוועזען אזוי נידעריג, אז נישט דאס פאלק האט געהאט די מאכט א קעניג אויסצוקלייבען, נישט עס האט געהאלפען די היילעגע זאלבונג. די זאך איז שוין געוועזען אבהענגיג גאר פון אנ'אנדער מאכט, פונ'ם קעניג פון מצרים. די מאכט איבער יהודה איז דורך דער מלחמה ביי מגדו אריינגעקומען אין דער האנד פון נכה, און ער, דער נייער הערשער איבער יהודה, האט בע-שלאסען נישט אזוי, ווי דאס אידישע פאלק האט געוואלט. תחלת האט מען געקאנט מיינען, אז נכה קימערט זיך כלל נישט וועגען דעם, וואס עס קומט פאר אין יהודה; ער איז אוועקגעגאנגען באלד נאך דער מלחמה ביי מגדו צו דער געגענד פון טייך פרת, האט איינגענומען די לענדער פון ארם, אדער סיריען, וועלכע האט שוין איצט געהערט צו אשור, און זיך בעזעצט אין רבלה. אהין איז אבגעגאנגען דער נייער

אידישער קעניג, שלום—יהואחז, כדי צו בעשטעטיגען זיין וואהל, אלס
קעניג. דעם נייעם מנצח איז אבער יהואחז עפעס נישט געפעלען געך
ווארען: ער האט איהם פאר א קעניג נישט אנערקענט און געלאזט
שמידען אין קייטען און אבגעשיקט קיין מצרים, נאכדעם, ווי יהואחז
האט געקעניגט בלויז דריי מאנאטען. פאר א קעניג האט דער מלך פון
מצרים אנערקענט זיין עלטערען ברודער אליקים, וועלכער איז באלד
בעשטיגען דעם טהראן און זיך א נאמען געגעבען יהויקים (677 ביז
666 פאר'ן צווייטען חורבן). דער דאזיגער קעניג האט באלד, ווי ער
איז ארויפגעשטיגען אויפ'ן טהראן, געדארפט אויספיהרען א שווערע
אויפגאבע: נכה האט ארויפגעלעגט א גרויסע שטראף אויף דאס לאנד
יהודה, דערפאר וואס יאשיהו האט איהם נישט געוואלט דורכלאזען
דורך זיין לאנד — א גרויסע סומע פון געלד און זילבער, וואס יהויקים
האט איצט געמוזט בעצאהלען איהם. אין קעניגליכען פאלאץ און אין
בית־המקדש זענען דאמאלס קיין אוצרות נישט געווען. יהויקים האט
איבער געמוזט ארויפלעגען אויף אלע פערמעגליכע מענשען א גרויסען
אבצאהל, וועלכען ער האט געלאזט איינמאהנען מיט געוואלט דורך
זיינע בעאמטע. צו דער גרויסער ערניעדערונג און דערשלאגענהייט פון
פאלק, צו זיין שוואכקייט און פערקנעכטיגונג דורכ'ן פיינד, איז אלזא
צוגעקומען נאך א נייע אונגליק. צוליעב דער רעליגיעזער און מאראלישער
בעסערונג, וועלכע ס'איז פארגעקומען אין יאשיהו'ס צייטען, האט דאס
פאלק געהאפט, אז עס זאלען אויך מקוים ווערען די הבטחות, וועלכע
זענען געווען געשריבען אין דער געפונענער משנה־תורה, און יהודה
וועט ווידער פערנעהמען צווישען די פעלקער אזא ארט, ווי עס האט
געהאט פערנומען אין די צייטען פון דוד און שלמה. איצט איז פארגע־
קומען גאר פערקעהרט. דער קעניג, וועלכער איז געווען ערגעבען צו
גאט, איז דער'הרג'עט געווארען אויפ'ן מלחמה־פעלד, די אידישע יוגענד,
זיין ארמעע, איז אבגעלאפען מיט בלוט, דער מלך, יאשיהו'ס זוהן, ליעגט
אין געפענגעניש, געשמידט אין קייטען, און דאס לאנד איז אריינגעפאלען
אין א שענדליכער קנעכטשאפט.— וואס פאר א שרעקליכע ענטטוישונג!
דאס פאלק האט אנגעהויבען צו טראכטען, אז דער אידישער גאט קאן
כלל נישט העלפען, דען ער האט נישט מקיים געווען זיין הבטחה, וואס
ער האט צוגעזאגט אין משנה־תורה! דאס פאלק האט אין זיין פער־
צווייפלונג אנגעהויבען צו מורמלען, אז די געטער, וועלכע מנשה האט
געהאט איינגעפיהרט, וואלטען מעהר געווען אימשטאנד צו מאכען
גליקליך דאס לאנד, און דעריבער האבען זיך פיעל מענשען א ווארף
געטהון צוריק צום געצענדיענסט. מען האט אין איילעניש אויסגעשטעלט
מזבחות אויף אלע בערג און אונטער יעדען גרינען בוים, און ווידער
איז אין יהודה געווען אזוי פיעל געטער, וויפיעל שטעדט. בעזונדערס
שטארק האט מען אנגעהויבען צו דיענען דער מצרים'שער געטין נעים.

אָדער דער הימעלס-קעניגין, וועלכע איז געווען שטאַרק פֿערעהרט אין סאַיס, און דער רעזידענץ פֿונ'ם קעניג נכה. דאָס פֿאָלק האָט געמאַכט אַזאַ חשבון: די דאָזיגע געטין האָט דאָך געפֿיהרט דעם מלך פֿון מצרים צו אַ נצחון, קען זי דאָך אויך העלפֿען איצט אידען, אויב מען וועט צו איהר פֿלייסיג דיענען. און אָט האָט מען אין די גאַסען פֿון ירושלים און פֿון אַנדערע שטעדט אָנגעהויבען ברענגען קרבנות דער דאָזיגער געטין; אין די הייזער האָט מען ווידער אויסגעשטעלט בילדער פֿון אָבגעטער, געמאַכטע פֿון גאָלד, זילבער, האָלץ און שטיין. מען האָט אַרויסגעשטעלט די אָבגעטער, וועלכע זענען געווען אָבגעמאָלט מיט יענע טיילען פֿון לייב, וועלכע זענען געגען דער צניעות, און דערצו אין זעהר אַן'אונציכטיגער פֿאָזע. אין בית-המקדש האָט מען ווידער, ווי פֿריהער, אַריינגעבראַכט די שענדליכסטע געצענדיענערייִ. דאָס שרעקליכסטע אָבער איז געווען, וואָס מען האָט ווידער אָנגעהויבען ברענגען מענשליכע קרבנות, ווי אין די צייטען פֿון אחז און מנשה. מען האָט אויפֿגעשטעלט פֿון-דאָס-נייִ דעם תופת אין טהאָל פֿון חנום און געבראַכט דאָרט קרבנות צום מולך. בעזונדערס שטאַרק פֿלעגט מען ברענגען פֿאַר אַ קרבן די בכורים. די געצענדיענערייִ, וועלכע מען פֿלעגט אַמאָל געברויכען בלויז כדי נאָכצוטהון אַנדערע פֿעלקער, האָט מען איצט, אונטער יהויקים, ווי אין מנשה'ס צייטען, אייַנגעפֿיהרט מיט לייַדענשאַפֿטליכער איבערגעבונג.

האַנד בייַ האַנד מיט דער געצענדיענערייִ, מיט די אונציכטיגקייטען און ברענגען קינדער פֿאַר קרבנות, איז אויך געגאַנגען די מאָראַלישע פֿערדערבונג: זנות מיט אשת-איש'ן, בעדריקונג פֿון גרים, אַלמנות און יתומים, שוחד-נעהמען פֿון די ריכטער, שקרים, אונעהרליכקייט, פּראָצענט-נעהמערייִ און האַרטהערציגקייט געגען די, וועלכע האָבען נישט געקאָנט צאָהלען זייערע חובות צו דער צייט, ווי אויך מערדערייען — זענען געוואָרען אַ טעגליכע ערשיינונג.

די בעסערונג, וועלכע יאשיהו האָט מיט אַזוי פֿיעל מיה אייַנגעפֿיהרט, איז אין עטליכע יאָהר נאָך זיין טויט פֿערשוואונדען געוואָרען; די שטראָף-רעד פֿון דער געפֿונענער משנה-תורה זענען באַלד פֿערגעסען געוואָרען, כאָטש זיי האָבען אין אָנהויב געמאַכט אַזאַ געוואַלדיגען אייַנדרוק. די פֿאָלקס-מאַסע האָט גאָר מעהר פֿון זיי נישט געוואָלט וויסען. ס'איז אפילו נאָך געווען אַ גרויסע קלאַס מענשען, וועלכע האָט זיך פֿעסט געהאַלטען בייַ'ם געזעץ און האָט ביטער געזיפֿצט, זעהענדיג די אַלגעמיינע פֿערדערבעניש פֿון די מדות-טובות, אָבער געגען דער גרויסער מאַסע פֿון פֿאָלק, וועלכע איז אַלץ מעהר צוגעשטאַנען צום געצענדיענסט און צו דער אויסגעלאַסענקייט, האָבען די דאָזיגע בעסערע מענשען גאָרנישט געקאָנט אויפֿטהון. ס'איז איצט ווידער פֿאָרגעקומען די פֿריהערדיגע ערשיינונג, ווי אין מנשה'ס צייט: פֿיעל כהנים זענען

אליין צוגעטראָטען צו דער געצענדיענעריי, און דורך זייער אַנזעהען איז דער העסליכער דיענסט געהייליגט געוואָרען אין די אייגענע פונ'ם פאָלק. בעזונדערס שטאַרק זענען צוגעשטאַנען צו דער געצענדיענעריי די כהנים פון ענתות, ירמיהו'ס צמאָליגע פריינד, און אויך די מיטגליעדער פון זיין משפחה. די פאַלשע נביאים האָבען שוין איצט פערטיידיגט אין זייערע רעדעס דעם געצענדיענסט נישט בלויז צוליעב געלד, ווי אין די פריהערדיגע צייטען, נאָר פון טיעפער איבערצייגונג, ווי אויך צוליעב זייערע אייגענע ליידענשאַפטען. וואָס - זשע האָט אָבער דערביי פאַר א ראָליע געשפּילט דער מלך יהויקים? קיין בעזונדערער אַנהענגער פון דער געצענדיענעריי, ווי מנשה, איז ער נישט געווען; ער האָט נישט געצוואונגען דאָס פאָלק צו איהר, ער האָט אויך נישט בעזונדערס מיט-געווירקט איהר; ער האָט אָבער דערלאָזען די אַלע שענדליכע מעשים און איז נישט אַרויסגעטראָטען געגען זיי; טיילמאָל האָט ער אליין אויך טיילגענומען אין דער אַלגעמיינער אויסגעלאַסענקייט, און דערמיט האָט ער שוין אויך מיטגעווירקט ביים פערשפּרייטען די געצענדיענעריי און דער מאָראַלישער פערדאָרבענהייט.

עס פערשטעהט זיך, אַז די לאַגע פון די נביאים, וועלכע זענען אַרויסגעטראָטען, ווי שטענדיג, פאַר דער פרומקייט, פאַר די ריינע מדות, פאַר דער ערגעבענהייט צו גאָט, — אַז זייער לאַגע איז איצט געווען זעהר א שווערע. מען האָט זיי ווידער אַנגעהויבען פערפאָלגען, ווי אין מנשה'ס צייטען. די נביאים האָבען אָבער דערויף ווייניג וואָס אַכטונג געגעבען. טראָץ די אַלע געפאַהרען און פערפאָלגונגען, זענען זיי הויך און שאַרף אַרויסגעטראָטען געגען דער מאָראַלישער און רעליגיעזער געפאַלענקייט. אין קיין עפּאָכע זענען ביי אידען נישט געווען אַזוי פיעל נביאים, וועלכע האָבען דאָס פאָלק געלערנט און געשטראָפט, ווי אין די לעצטע צוויי צעהנדליג יאָהר פאַר'ן חורבן בית-המקדש. די נביאים האָבען גערעדט צום פאָלק כמעט טאָג-טעגליך, ביי יעדער געלעגענהייט; זיי האָבען אויך גערעדט צו די שרים, צו די הויכע בעאַמטע, צו די רייכע לייט, צום מלך; זיי האָבען געזאָגט מוסר, געוועקט, געדראָהט, פאָראויסגעזאָגט א שרעקליכען חורבן. פון די אַלע דאָזיגע נביאים זענען אונז בעקאַנט בלויז פיער: ירמיהו, אוריהו, חבקוק און יחזקאל; עס זענען אָבער ראויך געבליבען נבואות פון אַנדערע נביאים, וואָס זייערע נ'מען זענען פאַר אונז געבליבען אונבעוואוסט. מיר ווייסען, למשל, אַז ס'איז געווען אין יענער צייט א נביא א ו ר י ה ו, שמעיהו'ס זוהן, פון קרית-יערים, און ער איז געשטאָרבען מיט א טראַגישען טויט, דורך דער גרויזאַמקייט פון קעניג יהויקים. אין דער ערשטער צייט פון יהויקים'ס רעגירונג (677 ביז 674 פאַר'ן צווייטען חורבן) האָט אוריהו פאָראויסגעזאָגט, אַז דאָס לאַנד יהודה וועט חרוב ווערען, אויב דאָ פאָלק און דער קעניג וועלען זיך נישט אָבזאָגען פון זייער'ע שלעכטע

מעשים און נישט צוריקקעהרען זיך צו גאָט. ווען יהויקים האָט זיך דערוואוסט וועגען דער דאָזיגער נבואה, האָט ער געשיקט שלוחים אויפ־צוזוכען דעם נביא און צו דער׳הרג׳ענען איהם. אוריהו איז אָבער ענט־לאָפען קיין מצרים. יהויקים איז אזוי אויפגערעגט געווען געגען איהם, אז ער האָט געשיקט איינעם פון זיינע שרים קיין מצרים; צו פאָדערען, אז מען זאָל איהם דעם נביא אַרויסגעבען, און ווען מען האָט דעם נביא צוריקגעבראַכט קיין ירושלים ,האָט ער געלאָזען איהם דער׳הרג׳ענען און אַרויסוואַרפען זיין טויטען קערפּער אויף די קברים פון געמיינעם פאָלק. יוען דאָס לעבען פון דעם נביא ווייסען מיר אָבער גאַרנישט.

ירמיהו׳ס נביא׳ישע טעטיקייט הויבט זיך אָן ערשט מיט דער רעגירונגסצייט פון יהויקים, ווען דאָס פאָלק און די שרים זענען צוריק אַריינגעפאַלען אין דער אמאָליגער געצענדיענעריי. ערשט איצט האָט דער נביא פערשטאַנען, וואָס פאַר אַ בעדייטונג עס האָבען געהאַט די נביא׳ישע ווערטער, וועלכע ער האָט געהערט אין ערשטען מאָמענט, ווען ער איז נאָך אַלס יונגערמאַן געהייליגט געוואָרען פאַר אַ נביא: „איך מאַך דיך פאַר אַ פעסטע שטאָדט, פאַר אַן׳אייזערנעם סלופּ און פאַר אַ קופּערנע מויער פאַר די מלכים פון יהודה, פאַר די שרים, פאַר די כהנים און פאַר׳ן פאָלק. ער האָט געמוזט בלייבען אונערשראָקען און קו־קען אָהן קיין שום מורא אין די אויגען דער גרויסער סכנה און די גרויסע דראָהונגען, וואָס מען וועט איהם מאַכען. ער האָט דעריבער איצט אָנגעהויבען פּאָראויסצוזאָגען מיט גרויסער פעסטיגקייט דעם נאָ־הענטען חורבן, כאָטש זיין ווייך הארץ האָט דערביי זיך בעגאָסען מיט בלוט פון ווייטאָג. „הלואי וואָלט מיין קאָפּ אויף וואַסער צוגאַנגען און מיינע אויגען זאָלען קוואלען טרעהרען ווערען, כדי איך זאָל קאָנען בעוויינען די דערשלאָגענע פון מיין עלענד פאָלק”. זינט ירמיהו האָט זיין ערשטע נבואה, אַלס יונגערמאַן, געזאָגט, איז אַריבער פיעל צייט, אָבער ער האָט נאָך אַלץ קיין פרוי נישט גענומען, דען ווי אזוי האָט ער גע־קאָנט טראַכטען וועגען בויען זיך אַ הויז און נעהמען אַ פרוי, צו פיהרען אַ פאַמיליען־לעבען, ווען די שרעקליכע שאָטענס האָבען זיך אַראָבגעלאָזט אויף זיין נשמה און זענען געוואָרען אַלץ געדיכטער און פינסטערער, אַלץ שווערער און אימה׳דיגער:

„מיין אינגעווייד, מיין אינגעווייד
„ווי ציטערט עס אין מיר!
„אַ שטורם אין מיין הארצען
„איך קאָן, איך טאָר נישט שווייגען.
„די שטימע פונ׳ם שופר,
„טרומייטען פון מלחמה,
„נאָר דאָס הערט מיין נשמה.

„אַ בראַך, אַ בראַך רופֿט עֶס,
„פֿעֶרוויסטעֶט איז דאָס לאַנד;
„די צעֶלטעֶן פלוצים גאַנץ בעֶרויבט,
„געֶשווינד די הילעֶן פֿון דעֶר וואַנד“.

דעֶר נביא זעֶהט, ווי דאָס לאַנד ווערט פֿעֶרוויסטעֶט, און אָט פֿיהרט עֶר אַן׳איינזאַם טרויעֶריג לעֶבעֶן און נעֶהמט נישט קיין אַנטייל אין דעֶר געֶזעֶלשאַפֿט; עֶר ווינשט זיך בעֶסעֶר צו זיין ערגעֶץ וואו ווייט אין אַ מדבר, כדי נישט צו דאַרפֿעֶן זעֶהעֶן די שלעֶכטסקייט אַרום זיך. עֶר טהוט תפלה פֿאַר גאָט, עֶר זאָל אָבוועֶנדעֶן דאָס אונגליק פֿון זיין פֿאָלק, אָבעֶר יעֶדעֶס מאָל האָט עֶר געֶהעֶרט איין ענטפֿעֶר: „אומזיסט דיין געֶבעֶט, טהו נישט קיין תפלה פֿאַר׳ן דאָזיגעֶן פֿאָלק, איך העֶר דיך נישט“...

דורך איינעֶ פֿון זיינעֶ ערשטעֶ רעֶדעֶס אין יהויקים׳ס רעֶגירונגס־צייט האָט דעֶר נביא שטאַרק אַריינגעֶבראַכט אין כעס די פּאַרטיי פֿון די ליידעֶנשאַפֿטליכעֶ געֶצעֶנדיענעֶר, בעֶזונדעֶרס, פֿון זייערעֶ כהנים און פֿאַלשעֶ נביאים. דעֶר נביא האָט איינמאָל געֶהאַלטעֶן אַ שאַרפֿעֶ שטראָף־רעֶדעֶ, בשעת אַ גרויסעֶר פֿאָלקס־פֿעֶרזאַמלונג אין אַ יום־טוב, ווען מעֶן האָט געֶבראַכט פֿיעל קרבנות. בעֶזונדעֶרס שטאַרק האָט דעֶר נביא דאַמאָלס געֶשטראָפֿט פֿאַר׳ן דיעֶנעֶן צום נייעֶן אָבגאָט, צו דעֶר מצרים׳עֶר געֶטין נ עֶ י ט, אָדעֶר די „הימעֶלס־קעֶניגין“, און געֶגעֶן דעֶם ברעֶנגען קינדעֶר פֿאַר קרבנות צום מולך.

ווי נאָר ירמיהו האָט זיין רעֶדעֶ געֶעֶנדיגט, האָבעֶן איהם פֿעֶסט געֶנומעֶן די כהנים און די פֿאַלשעֶ נביאים און אויסגעֶרופֿעֶן: „דו זאָלסט שטאַרבעֶן, ווייל דו האָסט נבואה געֶזאָגט: אַז דעֶר בית־המקדש וועֶט חרוב ווערעֶן, ווי דעֶר משכן אין שילה“. באַלד זעֶנעֶן זיך צוזאַמעֶנגעֶלאָפֿעֶן צום בית־המקדש זעֶהר פֿיעל מעֶנשעֶן, וועֶלכעֶ האָבעֶן געֶוואָלט בעֶשיצעֶן דעֶם נביא. עֶס זעֶנעֶן דעֶריבעֶר אויך אַרויסגעֶקומעֶן פֿון קעֶניג־ליכעֶן פּאַלאַץ עֶטליכעֶ שרים, צווישעֶן וועֶלכעֶ ס׳איז געֶוועֶן אחיקם, דעֶר זוהן פֿון שפן, און אַנדעֶרעֶ, וועלכעֶ האָבעֶן געֶהעֶרט צו דעֶר פּאַרטיי פֿון די נביאים. די דאָזיגעֶ שרים האָבעֶן באַלד איינגעֶאָרדעֶנט אַ געֶריכט נעֶבעֶן טויעֶר פֿון בית־המקדש, כדי אויסצוהערעֶן די אָנקלאַגעֶ אויפֿ׳ן נביא און זיין פֿעֶרטיידיגעֶן זיך. די כהנים און די פֿאַלשעֶ נביאים האָבעֶן געֶ׳טענה׳ט: „דעֶר מעֶנש פֿעֶרדיענט דעֶם טויט, ווייל עֶר האָט פֿאָראויס־געֶזאָגט אונגליק פֿאַר דעֶר שטאָדט ירושלים און פֿאַר׳ן בית־המקדש“. ירמיהו אָבעֶר האָט עֶרקלעֶרט, אַז עֶר האָט געֶרעֶדט אין גאָט׳ס נאָמעֶן: „איהר זאָלט וויסעֶן — האָט ירמיהו אויסגעֶרופֿעֶן — אויב איהר וועֶט מיך דעֶר׳הרג׳עֶנעֶן, וועֶט איהר אונשולדיג בלוט פֿעֶרגיסעֶן. בעֶסעֶרט־אויס אייעֶרעֶ דרכים און אייעֶרעֶ מעשים, וועֶט גאָט דאָס אונגליק פֿון אייך אָבוועֶנדעֶן“. דאַן האָבעֶן די שרים אַרויסגעֶזאָגט זייעֶר אורטייל: „דער

מענש פֿערדינט נישט דעם טויט, ווייל ער האָט גערעדט צו אונז אין'ם נאָמען פֿון אונזער גאָט". אַזוי אַרום איז ירמיהו פֿריי געשפּראָכען געוואָרען דעם מאָל, און דאָס אויך נאָר דורך דער בעמיהונג פֿון זיינע פֿריינד און, בעזונדערס, פֿון אחיקם, שפֿן'ס זוהן. אָבער דער האַס פֿון די כהנים און פֿאַלשע נביאים, זייער פֿערביסענע שנאה געגען ירמיהו, איז איצט געוואָרען נאָך שטאַרקער, און זיי האָבען נאָר געוואַרט אויף אַ געלעגענהייט צו קאָנען איהם בייקומען.

אין יענער צייט זענען פֿאָרגעקומען גרויסע ענדערונגען אין די מלוכות, וואָס אַרום יהודה. אשור, די דאָזיגע גרויסע מלוכה, וועלכע האָט אין אַ משך פֿון העכער זעקס הונדערט יאָהר דיקטירט איהרע געזעצען פֿיעל פֿעלקער און האָט זיך געצויגען פֿון די קאַווקאַזער בערג און פֿון קאַספּישען ים ביז דעם פּערסישען ים־אויסגוס און פֿון מזרח־מדי ביז קליין־אַזיען און מצרים; די מלוכה, וואָס האָט מיט גרויזאַמקייט פֿערקנעכטעט פֿיעל פֿערשיעדענע פֿעלקער און וואָס איהרע מלכים האָבען זיך געהאַלטען כמעט אַליין פֿאַר געטער — אָט די גרויסע מלוכה איז שענדליך געפֿאַלען דורך דער פֿעראייניגטער אָנשטרענגונג פֿון קיאַקסאַרעס, דעם מלך פֿון מדי, און נבופולאַסר, דעם מלך פֿון בבל. די גרויסע שטאָדט נינוה איז געפֿאַלען, נאָכדעם, ווי זי האָט אויסגעהאַלטען אַ לאַנגע בעלאַגערונג (675 פֿאַר'ן צווייטען חורבן). דעם דאָזיגען משפּט איבער אַשור האָבען פֿאָראויסגעזאָגט די נביאים צפניה און נחום. די נביאים, וועלכע האָבען אויפֿמערקזאַם בעאָבאַכטעט די פּאָליטישע געשעהענישען אין דער וועלט, האָבען אין אַשור'ס אונטערגאַנג דערזעהען אַ בעווייז פֿאַר דער ריכטיגקייט פֿון זייער איבערצייגונג, אַז אין דער געשיכטע און אין'ם לעבען פֿון די פֿעלקער הערשט אַ געזעץ פֿון גערעכטיגקייט, און די שלעכטע מעשים, די גרויזאַמקייטען פֿון די פֿעלקער בלייבען נישט אונבעשטראָפֿט. אַשור איז געפֿאַלען, ווייל די מלוכה איז געוועזען זעהר פֿערדאָרבען און שטאָלץ; אַזוי אָבער וועלען אויך פֿיעל אַנדערע גרויסע מלוכות האָבען אַ מפּלה, אויב זיי וועלען זיין פֿערדאָרבען, ווי אַשור. נאָך אַשור'ס מפּלה האָט די גאַנצע דאַמאָלסדיגע פּאָליטישע וועלט בעקומען אַנ'אַנדער געשטאַלט. עס איז פֿאָרגעקומען אַ גרויסע פֿערענדערונג אין די בעציהונגען צווישען פֿעלקער און מלוכות. מדי איז געוואָרען דער הויפּט־יורש פֿון אַשור; דער קעניג פֿון מדי, קיאַקסאַרעס, האָט גענומען פֿאַר זיך דעם גרעסטען חלק פֿון אַשור'ס לענדער און איבערגעלאָזען פֿאַר נבופולאַסר נאָר בבל און עילם, ווי אויך די לענדער אויפֿ'ן מערב־זייט פֿון טייך פּרת; צווישען די לענדער, וועלכע האָבען זיך געדאַרפֿט געפֿינען אונטער נבופולאַסר'ס הערשאַפֿט, איז אויך געוועזען דאָס לאַנד יהודה.

ווען נבופולאַסר איז געשטאָרבען, האָט דער קעניג פֿון מצרים, נכה, געמיינט, אַז איצט איז געקומען פֿאַר איהם די צייט צו געהן מלחמה

האַלטען אויף בבל און איינגעהמען איהר, דען דאָרט איז אַרויף אויפ'ן טהראָן אַ יונגער מלך, וועלכען נכה האָט געהאַלטען פאַר זעהר אַ שוואַכען. אָבער דער דאָזיגער יונגער מלך איז געוועזן נבוכדנאצר (פון 674 ביז 631 פאַר'ן צווייטען חורבן), — אַ העלדישער קעניג, וועלכער האָט איינגאַנצען געדאַרפט פערענדערן די פּאָליטישע בעציהונגען צווישען די פעלקער, וואָס האָבען געלעבט צווישען דעם טייך פרת און מצרים, און מאַכען אַנ'אמת'ע איבערקעהערניש אין דער דאַמאָלסדיגער וועלט. אין יהודה און אין ירושלים האָט מען ערוואַרטעט מיט גרויסער שפּאַנונג אויפ'ן רעזולטאַט פונ'ם צוזאַמענשטויס צווישען מצרים און בבל. דאָס אידישע פאָלק האָט געוואָלט, אַז נכה זאָל האָבען אַ מפלה, ווייל ער האָט פערקנעכטעט דאָס לאַנד יהודה. די דאָזיגע שפּאַנונג האָט זיך בעזונדערס געשטאַרקט, נאָכדעם ווי ירמיהו האָט געהאַלטען אַ גרויסע רעדע, אין וועלכער ער האָט פאָראויסגעזאָגט די מפלה פון דער אַרמעע פון מצרים, — אַ רעדע, וועלכע האָט אַ גרויסען קינסטלערישען ווערט.

„שילד און פאַנצער גרייט זיך,
„טרעט אַרויס צום קאַמפף;
„שפּאַנט די פערד און זעצט זיך, רייטער;
„שטעלט זיך אויך די היטלען אויף;
„שאַרפט די שפּיזען, טהוט פאַנציערען אָן!
„וואָס־זשע זעה איך זיי דערשראָקען,
„טרעטען אָב צוריק?
„העלדען מוטיגע — צושמעטערט,
„לויפען, פליהען,
„אויגען גליהען,
„קוקען גאָרנישט הינטער זיך —
„שרעק פון אַלע זייטען!
„נישט אַנטלאָפען דער געשווינדער,
„נישט אַנטרונען איז דער שטאַרקער,
„דאָרט אין צפון, ביי'ם טייך פרת,
„שטרויכלען, זינקען זיי און פאַלען...
„ווער פערפלייצט אַלץ, ווי אַ טייך,
„טרייבט די חוואַליעס, שטראָם־געוואַלדיג? —
„ס'איז מצרים! אַלץ פערפלייצט ער
„ס'ברויזען, זשומען זיינע חוואַליעס,
„און ער טראַכט זיך גאָר:
„כ'וועל פערפלייצען, אַלץ פערגיעסען,
„לאַנד און שטעדט וועל איך פערניכטען
„מיט די איינוואוינער.
„שפּרינגט־זשע, לויפט־זשע, פערד און רייטער,

„געהט איהר אויך, איהר העלדען!
„כוש און פוט, איהר פאַנצער־טרעגער,
„לודים־שיסער, בויגען־שפאַנער! —
„אָה, דער טאָג געהערט ניט אייך!
„ער געהערט נאָר גאָט אַליין,
„אָט דעם גרויסען גאָט צבאות!
„ס'איז נקמה פאַר זיין פאָלק
„פאַר דעם הייליג פריעדען!
„פרעס דאָך, שווערד, און ווער־זשע זאַט
„טרינק פון זייער בלוט!
„געה אַצינד קיין גלעד, נעהם דיר
„באַלזאַם, טאָכטער פון מצרים —
„כ'האָב אומזיסט רפואות גרייט,
„העלפען וועט דיר נישט...
„פעלקער הערען איצט דיין שאַנד,
„דיין געשריי פון לאַנד צו לאַנד;
„ביזט געפאַלען העלד אויף העלד,
„בלוטיג ליעגען זיי אין פעלד!"...

נכה'ס אַרמעע האָט אין דער ווירקליכקייט געהאַט ביי'ם טייך פרת אַ געוואַלדיגע מפלה (604 פאַר דער אַלגעמיינער צייט־רעכנונג). דער מצרים'ער מנצח האָט זיך געמוזט אָבזאָגען פון זיין פּלאַן איינצונעהמען בבל. די איינוואוינער פון לאַנד יהודה האָבען געזעהען דעם רעשט פון דער גרויסער מצרים'ער אַרמעע צוריקקעהרען אין איילעניש קיין מצרים. ארץ־ישראל איז דורך מצרים'ס מפלה ביי כרכמיש בעפרייט געוואָרען פאַר'ן אויגענבליק פון מצרים'ס יאָך. נאָך פון אַ צווייטער, גרעסערער מורא האָבען זיך דערשפירט בעפרייט דאָס פאָלק און, בעזונדערס, די שרים — פון דער מורא, אַז די מלוכה פון יהודה זאָל אינגאַנצען נישט אונטערגעהן. ירמיהו האָט דאָך אָפט נבואה געזאָגט אַ שרעקליכען חורבן, אויב מען וועט זיך נישט אָבזאָגען פון דער געצענדיענעריי. דער קעניג מיט זיינע שרים האָבען אפילו דעם נביא נישט געוואָלט פאָלגען, אָבער אין טיפען האַרצען האָבען זיי זיך שטאַרק געשראָקען פאַר זיין נבואה. איצט אָבער האָט דער גרעסטער פיינד פון יהודה, מצרים, געהאַט אַ מפלה און אָבגעשוואַכט געוואָרען; די מלוכה פון אשור, וועלכע איז העכער הונדערט יאָהר געשטאַנען איבער יהודה מיט איהר געוואַלדיגער קראַפט, שטענדיג גרייט צו מאַכען אָנפאַלען, שטענדיג פערקנעכטענדיג דאָס אידישע פאָלק, איז איצט פערשוואונדען געוואָרען פון דער צאָהל פון די פרייע פעלקער. דער קעניג יהויקים מיט זיינע שרים זענען דעריבער איצט פריי געוואָרען פון זייערע זאָרגען, דאגות און מורא, און האָבען זיך ווידער געקאָנט אָב-

געבען מיט זייערע געלוסטיגקייטען און דער אויסגעלאסענקייט.

יהויקים האט זעהר ליעב געהאט צו בויען שענע פאלאצען, און מ'האט געקאנט מיינען, אז ער טהוט בכיון לכבוד דעם שונא, בעפוצענדיג זיין קרבן, די שטאדט ירושלים, וועלכע ער האט געפיהרט צום חורבן דורך זיינע פערברעכערישע מעשים. ער האט זיך געלאזט אויסבויען א פראכט-פאלאץ, מיט גרויסע ליכטיגע זאלען און פיעל פענסטער, בעדעקט מיט טאוולען פון צעדער-האלץ און בעפארבען מיט די שענסטע בילדער. ער האט זיך געהאלטען מיט אזא גדלות, אז ער האט געוואלט שפיעלען די ראליע פון א צווייטען שלמה, און האט זיך געלאזט ברענגען טייער געהילץ פאר זיינע געביידעס פון בארג לבנון. אבער ביי דער גרויסער און שווערער ארבייט האט ער נישט פערווענדעט די קנעכט פון פאלק כנען, ווי שלמה האט געטהון, נאר ער האט די אידישע איינוואהנער געצוואונגען מיט געוואלדיגער גרויזאמקייט, צו ארבייטען, ווי געמיינע קנעכט. אזוי האט זיך דער קעניג יהויקים בעגאנגען מיט פרייע בירגער. די, וועלכע האבען זיין ארבייט נישט געוואלט טהון, האט ער געלאזט פייניגען מיט געוואלדיגער אכזריות, אפט ביז אין טויט. אין איצטיגען מאמענט האט דער קעניג זיך דערשפירט פריי פון דאגות און נאך גרויזאמער אנגעהויבען בעגעהן זיך מיט די פרייע בירגער; ער האט זיך אויך אבגעגעבען שטארק מיט שכרות און די ווילדעסטע תאוות צוזאמען מיט זיינע שרים.

פון דער דאזיגער זארגלאזיגקייט און פריצות האט דער נביא ירמיהו געוועקט אהן אויפהער דעם קעניג מיט די שרים. מיט זיין נביא'יש אויג האט דער נביא געזעהען, אז מיט דער מפלה פון אשור וועלען נישט אויפהערען די מהומות און מלחמות. אינ'ם חאלדייאישען פאלק, וואס איז ביז דאמאלס קוים בעוואוסט געווען מיט'ן נאמען, און זיין יונגען קעניג נבוכדנאצר, האט ירמיהו דערזעהען, ווי עס וואקסט א נייע מלוכה, וועלכע וועט פיעל איבערשטייגען אשור און פערוואונדערן די גאנצע וועלט מיט איהרע געוואלדיגע מעשים. באלד נאך נבוכדנאצר'ס ערשטען ארויסטריט, נאכדעם, ווי ער האט אבגעהאלטען א נצחון איבער נכה, דעם מלך פון מצרים, האט ירמיהו נבואה געזאגט וועגען דער גרויסער מאכט פונ'ם נייעם מלך פון בבל איבער אלע אנדערע פעלקער און לענדער, בעזונדערס אבער, איבער יהודה. ביי א געלעגענהייט, ווען די איינוואהנער פון יהודה און ירושלים האבען זיך פערזאמעלט פאר'ן בית-המקדש, איז דער נביא פון ענתות ארויסגעטראטען אהן קיין שום מורא און געהאלטען זיין נבואה, אין וועלכער ער האט געשילדערט קלאר, וואס עס האבען צו ערווארטען אלע פעלקער און, צווישען זיי, אויך יהודה, פון „דעם לייב, וואס איז ארויס פון זיין הייהל" — פון נבוכדנצר'ן. אין זיין דאזיגער נבואה דערמאהנט ירמיהו, ווי נאך מיט דריי-און-צוואנציג יאהר פריהער האט ער שוין געזעהען א נבואה, אז

פֿון צפון וועט קומען דאָס אונגליק אויף יהודה, און אויך פֿיעל אַנדערע נביאים האָבען טאָג-טעגליך געוואָרענט דאָס פֿאָלק אין'ם זעלביגען זין. איצט איז ער מודיע ווידער, אַז דאָס אונגליק וועט קומען אויף יהודה פֿון'ם צפון-פֿאָלק, מיט זיין מלך נבוכדנאצר אין דער שפּיץ, וועלכער איז אויסערוואָהלט געוואָרען פֿון גאָט צו בעשטראָפֿען אַלע פֿעלקער און אויך דאָס לאַנד יהודה.

אין דער זעלביגער צייט, ווי ירמיהו, האָט אויך געהאַלטען זיינע נביא'ישע רעדעס דער נביא חבקוק. „אַ שרעקליכער שטראָף-משפּט דאַרף קומען איבער יהודה און ירושלים — האָט חבקוק געזאָגט — און אויספֿיהרען וועלען דאָס די חאַלדייער". — חבקוק איז זעהר ענהליך געווען צו ירמיהו'ן; ער איז אויך אַזוי ווייך און געפֿיהלפֿול געווען, ווי דער נביא פֿון ענתות.

די שטראָף-רעד, נבואות און שענע רעדעס פֿון ירמיהו, חבקוק און די אַנדערע נביאים האָבען גאָרנישט געווירקט אויף דעם מלך מיט זיינע שרים. דוקא דערפֿאַר, וואָס די נביאים האָבען טאָג-טעגליך גערעדט, האָבען זיך אַלע צו זיי שוין צוגעוואָהנט און זיי צוגעהערט גאַנץ גלייכגילטיג. מען האָט זיך געלעבט אין ירושלים גאָר אָהן זאָרג, האָפֿענדיג נאָר אויפֿ'ן צופֿאַל. צו נבוכדנצר'ס מאַכט האָט מען זיך בעצויגען גאַנץ גרינגשעצענד, און די נביאים האָט מען טיילמאָל גאָר אויסגעלאַכט, וויל זייער נבואה איז דאָך נישט באַלד מקוים געוואָרען. „וואו איז דאָס וואָרט פֿון גאָט? — פֿלעגט מען פֿרעגען מיט שפּאָט — זאָל עס שוין קומען!" מען פֿלעגט גאָר אויך אָבלייקענען, אַז די נבואה איז אמת: „אונגליק וועט אויף אונז נישט קומען, פֿון קיין מלחמה און פֿון הונגער-נויט וועלען מיר נישט וויסען, די נביאים רעדען מיט'ן ווינד, גאָט'ס שטים רעדט נישט פֿון זיי!" אפילו אויך יענע, וואָס האָבען יאָ געגלויבט אין די נביאים, האָבען זיך אויך געטרייסט דערמיט, אַז די נבואה וועט דאָך זיי פֿאַרט נישט טרעפֿען, וויל זי בעציהט זיך אויף שפּעטערדיגע צייטען: „די טעג וועלען אַריבערגעהן, און די נבואות וועלען אויך פֿערשווינדען". אויך די פֿאַלשע נביאים האָבען שטאַרק געשטערט דער גוטער ווירקונג פֿון ירמיהו'ס רעד און די רעד פֿון זיינע חברים. די פֿאַלשע נביאים פֿלעגען בערוהיגען דאָס פֿאָלק און האַלטען אין איין טענה'ן: „שלום, שלום! אין לאַנד וועט זיין שלום, און פֿון קיין מלחמה וועט מען נישט הערען". פֿון אַזעלכע פֿאַלשע נביאים און פֿאַלשע כהנים האָט ירמיהו בעזונדערם פֿיעל געהאַט צו ליידען, וויל ער פֿלעגט צו-שאַרף אָנריהרען די וואונד, וועלכע זיי האָבען געשטרעבט צו פֿערדעקען. ירמיהו'ס אייגענע קרובים, די נאָהענטע פֿערוואַנדטע, די ברידער פֿון זיין משפּחה, האָבען געזוכט פֿלענער, ווי אַזוי איהם צו פֿערדערבען. צוזאַמען מיט איהם האָט אויך געליטען רדיפות זיין תלמיד,

ברוך, נריה׳ס זוהן, וועלכער איז שטענדיג געוועזען מיט איהם, ווי פֿריהער אלישע ביי דעם נביא אליהו.

די רעד פֿון די נביאים האָבען זיך אָבער ענדליך אַרויסגעוויזען ריכטיג; דאָס אונגליק, וואָס זיי האָבען פֿאָראויסגעזאָגט מצד די חאַלדייער, האָט אָנגעהויבען צו קומען נאָהענטער. נאָכדעם, ווי נבוכדנצר האָט פֿערשטאַרקט זיין פֿערגרעסערטע מלוכה פֿון אינוועניג און געמאַכט אין איהר אָרדנונג; נאָכדעם, ווי ער האָט אויך געלעגט די פֿינדאַמענטען צו די געוואַלדיג גרויסע געביידעס אין בבל און געלאָזט בויען קאַנאַלען, כדי צו פֿעראייניגען די טייכען עפֿראַט און טיגרים און מאַכען מעגליך די שיפֿעריי אין די גרעסטע טיילען פֿון זיין מדינה, האָט ער פֿערזאַמעלט זיין אַרמעע און זיך געלאָזט געהן אויף מלחמות, כדי אײַנצונעהמען נאָך לענדער. אשור, אָדער סיריען, האָט זיך איהם אונטערגעגעבען אָהן ווידערשטאַנד; פֿון דאָרט האָט ער זיך געלאָזט געהן צו פֿעניקיען, וואָס איהר קעניג אתבעל דער צווייטער איז שוין געוועזען אונטערטעניג ביי איהם. זיין הויפּט־ציעל איז אָבער געוועזען צו געהן אויף מצרים. כדי צו קומען אינ׳ם לאַנד פֿונ׳ם נילוס, האָט נבוכדנצר געדאַרפֿט אײַנגעהמען די מלוכות, וואָס זענען געלעגען אויפ׳ן וועג: דאָס לאַנד פֿון די פּלשתים, אדום און יהודה. ווי קליין ס׳איז נישט געוועזען די בעדייטונג פֿון די דאָזיגע מלוכות געגען דער גרויסער וועלט־מאַכט פֿון נבוכדנצר, האָבען זיי דאָך איהם געקאָנט שטערען אין זיין גאַנג קיין מצרים. נבוכדנצר האָט דעריבער בעשלאָסען זיי אײַנצונעהמען; דערביי האָט ער אויך געהאַט נאָך א כונה: דורך די אײַנגענומענע פֿעלקער וועט ער קאָנען פֿערגרעסערן זיין אַרמעע, ווייל ער פֿלעגט באַלד צווינגען די אײַנגענומענע קעמפֿפֿער צו פֿעראייניגען זיך מיט זיין אַרמעע. אָט אַזוי איז נבוכדנצר געגאַנגען אויף מצרים, אײַנגעהמענדיג אויפ׳ן וועג פֿרעמדע פֿעלקער און פֿערגרעסערענדיג זיינע מחנות. אויך צום קעניג יהויקים האָט נבוכדנצר געשיקט זאָגען, אַז ער זאָל זיך איהם אונטערגעבען, אָדער ער וועט איהם אײַנגעהמען און פֿערניכטען. פֿון דער אַנדער זייט אָבער, האָט דער קעניג פֿון מצרים געוואָלט מאַכען שווערער נבוכדנצר׳ס גאַנג אויף זיין לאַנד, און דעריבער האָט ער אָנגערעדט דעם מלך פֿון יהודה נישט אונטערצוגעבען זיך נבוכדנצר׳ן. דערביי האָט מצרים, ווי איהר שטייגער איז געוועזען תמיד, געמאַכט גרויסע הבטחות, צו שיקען הילף דעם קעניג פֿון יהודה געגען נבוכדנצר׳ן, אָבער געשיקט האָט זי גאָרנישט. יהודה איז איצט געקומען צו דערזעלביגער לאַגע, אין וועלכער זי איז געוועזען אין חזקיהו׳ס צייטען: זי האָט געדאַרפֿט ווערען דער קאַמפֿף־פּלאַץ צווישען צוויי גרויסע מלוכות — בבל און מצרים. יהויקים האָט געוואַרט אויף א וואונדער אָדער אויף די הילף פֿון מצרים און אָפּגעלעגט דעם ענטפֿער פֿאַר נבוכדנצר׳ן פֿון טאָג צו טאָג.

די סכנה איז אבער דערווייל געווארען אלץ גרעסער; דאס פאלק פון יהודה האט שוין איצט געזעהען, ווי עס קומט אן נבוכדנצר'ס מאכט; אין גרויסער אימה האט מען בעשטימט א פאלקס־תענית אין נײַנטען חודש (אין ווינטער 670 פאר'ן צווייטען חורבן) און בעפוילען, אז דאס גאנצע פאלק זאל קומען קיין ירושלים, גאט צו בעטען. ווי דאס פאלק איז נישט געווען פערווילדעוועט ביי זייער געצענדיענערײַ, האבען דאך נאך אלע געהאט צוטרוי צום בית־המקדש אין ירושלים, און צו גאט, וועלכער רוהט אין איהם, אז ער וועט בעשיצען די שטאדט און דאס לאנד פון דעם מעכטיגען פיינד. די געפאהר האט געזאלט אבגעווענדעט ווערען פון יהודה דורך גרויסע קרבנות אין בית־המקדש און דורך אנטהון זיך טרויער־זעק אויפ'ן לייב מיט'ן בעשיטען דעם קאפ מיט אש. דאס פאלק האט זיך פון אלע זייטען געלאזט געהן אין געוואלדיגער אויפרעגונג צום בית־המקדש, האפענדיג צו געפינען דארט די גוטיגע הילף. דאן האט ירמיהו בעפוילען זיין תלמיד ברוך, נריה'ס זוהן, אויפצושרייבען זיין נבואה, וועלכע ער האט נאך מיט עטליכע יאהר פריהער געהאלטען וועגען דער סכנה, וואס עס שטעהט פאר דאס לאנד יהודה מצד די חאלדייער, און די דאזיגע נבואה זאל ברוך לייענען פאר'ן פערזאמעלטען פאלק נעבען בית־המקדש. דאס פאלק האט דאדורך גע־דארפט זיך איבערצייגען, ווי ריכטיג דער נביא האט פאראויסגעזאגט און אנהויבען גלויבען דעם נביא און פאלגען זיינע אנווייזונגען. דער נביא אליין האט נישט געקאנט קומען צום בית־המקדש, צו האלטען די פארלעזונג, ווייל ער איז געווען ארעסטירט. ברוך האט תחילת נישט געוואלט נעהמען אויף זיך אזא אויפגאבע, וועלכע איז געווען פערבונדען מיט סכנה פאר'ן לעבען, ער האט אבער זיך ערגעבען און געפאלגט דעם נביא, דערביי האט ער אויסגערופען: „וועה מיר, גאט לעגט מיר צו א נייען טרויער צו מיין אלטען וועהטאג! איך בין שוין מיעד גע־ווארען זיפצענדיג און קאן זיך קיין מנוחה נישט געפינען“. ירמיהו האט אבער איהם דערויף געענטפערט, שטראפענדיג איהם מיט גרוים רחמנות: „אזוי זאגט צו דיר גאט: זעה, וואס איך האב געבויט וויל איך אליין צושטערען, וואס איך האב געפלאנצט, וויל איך אליין אויסרייסען, און דו פערלאנגסט פאר זיך עפעס גרויסע זאכען. דו זאלסט עס נישט פער־לאנגען“... דער יחיד מוז זיך מקריב זיין מיט'ן גוטען ווילען פאר א קרבן אין דער שווערער צייט פון איבערקעהרענישען און מלחמות. ברוך האט זיך ערגעבען און גענומען אויף זיך די שווערע שליחות. ער האט געדארפט לייענען די שרעקליכע נבואה און געבען אן עצה דעם פער־זאמעלטען פאלק, אז מען זאל זיך אונטערגעבען נבוכדנצר'ן, וועהרענד דאס פאלק האט זיך גאר פערזאמעלט גאט צו בעטען, אז ער זאל שיקען א ישועה געגען נבוכדנצר'ן. ברוך האט אלזא גענומען די מגלה און איז געקומען צום טויער פון בית־המקדש, וואו ער האט פארגעלעזען

ירמיהו'ס נבואה דעם פערזאמעלטען פאלק. פיעלע פון די פערזאמעלטע האבען זיכער שוין געהערט די דאזיגע נבואה פריהער אויך, אבער זיי האבען דאמאלס אויף איהר נישט אכטונג געגעבען און זי פערגעסען. איצט אבער, ווען נבוכדנצר'ס ארמעע איז שוין געשטאנען נישט ווייט פון ירושלים, האט די נבואה געמאכט א געוואלדיגען איינדרוק מיט איהר שרעקליכען אינהאלט. די געשעהעניש, וועלכע דראהט איצט דער שטאדט ירושלים, האט דער נביא שוין פאראויסגעזאגט עטליכע יאהר פריהער: „דער קעניג פון בבל וועט געווים קומען אין לאנד, אויב דאס פאלק וועט זיך נישט בעסערן". די פערזאמלונג איז געשטאנען צושמעטערט אינגאנצען, און איינער פון די פערזאמעלטע, מיכיהו, שפן'ס אנ'איינקעל, איז באלד אוועקגעגאנגען צו די שרים, וואס זענען געווען פערזאמעלט אין קעניגליכען פאלאץ, און מודיע געווען, אז ירמיהו'ס נבואה האט געמאכט א געוואלדיגען איינדרוק אויפ'ן פערזאמעלטען פאלק. אויך אויף די שרים איז געפאלען אנ'אימה, און זיי האבען געשיקט נאך ברוך'ן, אז ער זאל אויך זיי פארלעזען ירמיהו'ס נבואה. יעדעס ווארט פון דער נבואה האט זיי געטראפען, ווי א דונער. זיי האבען דעריבער בעשלאסען מודיע צו זיין וועגען דער נבואה דעם קעניג און ראטען איהם אונטערצוגעבען זיך דעם קעניג פון בבל און צו ווענדען זיך צו גאט, ווי עס האט אמאל געטהון זיין פאטער יאשיהו. ווען די שרים זענען געקומען צום קעניג, האבען זיי געמיינט, אז זיי האבען זייער ציעל שוין דערגרייכט, דען דער קעניג האט בעפוילען צו ברענגען די מגלה און פארצולעזען פאר איהם. צוליעב דעם קאלטען וועטער, איז דער קעניג געזעסען פאר א פייער-פאן מיט ברענענדיגע קויהלען; די פרינצען און די שרים זענען געשטאנען ארום איהם. מיט גרויסער שפאנונג האבען זיי ערווארטעט צו זעהען, וואס פאר אנ'איינדרוק די מגלה וועט מאכען אויפ'ן קעניג. איינער פון די שרים האט זי פארגעלעזען אויפ'ן בעפעהל פון קעניג און דער קעניג האט צוגעהערט גאנץ רוהיג; דערביי אבער האט ער זיך גענומען יעדעס נייע דורכגעלעזענע בלאט פון דער מגלה און ארויפגעלעגט געלאסען אויפ'ן פייער. די שרים האבען געקוקט דערויף מיט גרויס פחד און געבעטען דעם קעניג נישט צורייצען גאט. ער אבער האט זיך געמאכט, ווי נישט הערענדיג זייערע רעד, און געלעגט די מגלה בלאט פאר בלאט אויפ'ן פייער, ביז זי איז גאנץ פערברענט געווארען. דערנאך האט יהויקים געגעבען א בעפעהל צו פערהאלטען דעם נביא מיט זיין תלמיד און דער'הרג'ענען זיי, ווי מען האט עס פריהער געטהון מיט'ן נביא אוריה. צום גליק אבער, האבען איינגע שרים פון ירמיהו'ס פריינד פאראויסגעזעהן דאס און האבען איהם מיט זיין תלמיד בעהאלטען אין אנ'ארט, וואו קיינער האט זיי נישט געקאנט געפינען. אזוי ארום זענען זיי גערא-טעוועט געווארען פון א זיכערען טויט.

אין ירושלים איז עס געווען געווים אַ טאָג פֿון גרויסער אויפֿרעגונג, אָבער די גרויסע תענית־פֿערזאַמלונג איז זיך פֿונאַנדערגעגאַנגען מיט גערנישט. די פֿאָרלעזונג פֿון דער מגלה האָט פֿונדעסטוועגען געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג: זי האָט געבראַכט צו אַ שפּאַלטונג צווישען די שרים. יענע, וועלכע זענען געווען איבערצייגט אין דער ריכטיגקייט פֿון ירמיהו'ס נבואה און האָבען איהם אַרויסגעראַטעוועט פֿון אַ זיכערען טויט, זענען פֿעסט געווען בעשלאָסען, צו פּועל'ן, אַז מען זאָל זיך אונטערגעבען נבוכדנצר'ן; צווישען די דאָזיגע שרים איז אויך געווען אלישמע דער סופֿר, וואָס איז געווען אויפֿגענומען איבער דער אַרמעע, און ווען ער מיט נאָך פֿיעל אַנדערע שרים אין דעם מלוכה־ראָט זענען געווען געגען דער מלחמה, האָט דער מלך יהויקים נישט געקאָנט אונטערנעהמען קיין קריעג געגען נבוכדנצר'ן. ווי עס שיינט, האָט מען איהם איבערצייגט, אַז ער קאָן פֿערליערען זיין טהראָן, און ער האָט זיך דערשראָקען. יהויקים האָט אַלזאָ בעשלאָסען צו ערפֿילען נבוכדנצר'ס פֿאָדערונג און איהם אַרויסגעשיקט דעם פֿערלאַנגטען אָבצאָהל; ער האָט זיך אויך מתחייב געווען, צו געבען איהם חילות צו דער מלחמה מיט מצרים, ווי אַן'אונטערטעניגער קעניג פֿלעגט דאַמאָלס מוזען טהון. אַט אַזוי האָט זיך דאָס אָנגעהויבען די אונטערטעניגקייט פֿון יהודה בײ'ם קעניג פֿון בבל (670 פֿאַר'ן צווייטען חורבן). ירמיהו האָט שוין איצט געקאָנט פֿערלאָזען זיין בעהאַלטענעם אָרט: ווי אויפֿגעבראַכט דער קעניג איז געווען געגען איהם, האָט ער דאָך אָבער איצט נישט געקאָנט אָנריהרען אַ האָהר פֿון זיין קאָפּ, ווייל די שרים האָבען איהם בעשיצט. אויך דער קעניג נבוכדנצר, וועלכען מען האָט זיכער שוין געהאַט איבערגעגעבען, אַז ירמיהו האָט פֿאַר איהם נבואה־געזאָגט אַ גלענצענדע צוקונפֿט, האָט, בלי ספק, שוין דאַן איהם אָנגעהויבען צו בעשיצען, ווי ער האָט עס אויך געטהון שפּעטער.

יהויקים האָט אָבער געטראָגען מיט אַ פֿערביסענעם צאָרן נבוכדנצר'ס יאָך, דען ער האָט שוין איצט נישט געקאָנט נאָכגעהן פֿריי נאָך זיינע גלוסטיגקייטען. ס'איז זיכער, אַז דער מלך פֿון מצרים האָט אויך נישט אויפֿגעהערט איהם אויפֿצורייצען, אַז ער זאָל אַראָבוואַרפֿען פֿון זיך נבוכדנצר'ס יאָך. און ווען דער פֿעניקישער קעניג אתבעל האָט מיט צוויי יאָהר שפּעטער זיך אָבגעוואָרפֿען פֿון בבל און בעפֿעסטיגט זיין הויפּט־שטאָדט צור אַזוי שטאַרק, אַז זי האָט זיך אַ לאַנגע צייט געקאָנט האַלטען געגען נבוכדנצר'ן, האָט אויך יהויקים זיך געלאָזט פֿערבלענדען דורך זיינע תאוות אויף אַן'אונפֿערשטענדיגען שטייגער און אָבגעזאָגט זיך צו שיקען דעם אָבצאָהל צום מלך פֿון בבל. דערביי האָט ער געשלאָסען אַ בונד מיט מצרים און, ווי עס שיינט, אויך מיט'ן מלך פֿון צור. נבוכדנצר האָט איצט געמוזט אָנווענדען אַלע זיינע כחות געגען פֿעניקיען; ער האָט אָנגעהויבען בעלאַגערן צור און איינעהמען זי.

די בעלאַגערונג האָט געדויערט גאַנצע דרייצעהן יאָהר, און דאָס האָט געהינדערט נבוכדנצר'ן צו געהן באַלד אויף ירושלים. יהויקים האָט זיך געקאָנט דערווייל לעבען אין דער גוטער האָפנונג, אַז איהם איז געלונגען צו בעפרייען זיך אינגאַנצען פון נבוכדנאצר'ן און ווערען אונאָבהענגיג. קיין גרויס פרייד האָט איהם אָבער די זאַך נישט געקאָנט מאַכען, ווייל אויב נבוכדנצר האָט נישט געקאָנט שיקען קיין גרויסע אַרמעע אויף דאָס לאַנד יהודה, האָט ער דאָך אָבער געשיקט קליינע אַבטהיילונגען, וועלכע זענען אַנגעפאַלען אויף פערשיעדענע פונקטען אין לאַנד יהודה און געמאַכט דאָרט אַן'אמת'ן חורבן. דאָס איז געווען די התחלה פאַר נאָך אַ שרעקליכערע צייט, וועלכע האָט באַלד געדאַרפט קומען. אין דער דאָזיגער אונרוהיגער צייט איז דערווייל געשטאָרבען דער קעניג יהויקים (667 פאַר'ן צווייטען חורבן), און מען האָט איהם מקבר געווען אין גאָרטען עוזא, וואו עס זענען געווען די קברים פון די מלכים, וועלכע מנשה האָט געלאָזט בויען. יהויקים איז געווען דער לעצטער קעניג פון דוד'ס הויז, וועלכער איז אין זיין אייגען לאַנד געשטאָרבען און דאָרט געקומען צו קבורה.

נאָך יהויקים איז אַרויפגעשטיגען אויפ'ן טהראָן זיין אַכצעהן יעהריגער זוהן יהויכין, אָדער יכניהו (אויך כניהו פערקירצט); געהערשט איבער'ן לאַנד האָט אָבער נישט ער, נאָר זיין מוטער נחושתא, די טאָכטער פון דעם ירושלים'ער איינוואָהנער, אלנתן. יהויכין האָט זיך אויך געהאַלטען ביי זיין פאָטער'ס טעות, אַז ס'וועט איהם געלינגען צו קאָנען האַלטען זיך געגען נבוכדנצר'ן, און ער האָט דעריבער איהם נישט געשיקט קיין אָבצאָהל און בכלל נישט אַנערקענט בבל'ס הערשאַפט איבער יהודה. יהויכין האָט אין אַנדערע ענינים זיך אויך געפיהרט אויף זיין פאָטער'ס שטייגער און געדינט די אָבגעטער. נישט לאַנג אָבער האָט געדויערט די פערבלענדעניש פון יהויכין מיט זיין מוטער. נבוכדנצר האָט ענדליך געקאָנט אָבטיילען אַ גרויסע אַרמעע פון זיינע מחנות נעבען צור, כדי צו געהן געגען מצרים, וועלכע האָט אַנגעהויבען מאַכען הכנות, אַרויסצוגעהן געגען איהם מיט אַ גרויסער אַרמעע. נבוכדנצר'ס אַרמעע, וואָס האָט זיך געלאָזט געהן געגען מצרים, האָט לייכט איינגענומען דאָס גאַנצע לאַנד ביז נחל מצרים (Rhinokorura) אויך גאַנץ יהודה האָט זי איינגענומען, אויסער עטליכע שטעדט אין דרום-קאַנט. יהויכין האָט זיך אָבער נאָך אַלץ געהאַלטען פעסט ביי זיך; ער האָט געגלויבט, אַז הינטער די פעסטע מויערען פון ירושלים איז ער זיכער פאַר'ן שונא, און, אויסערדעם האָט ער געוואַרט אויף הילף פון מצרים. נבוכדנצר איז זעהר געררייצט געוואָרען דאדורך און האָט געשיקט עטליכע פון זיינע הויפטלייט, צו בעלאַגערן ירושלים.

ירמיהו, וועלכער האָט אין די לעצטע עטליכע יאָהר געשוויגען, איז איצט ווידער אַרויסגעטראָטען מיט זיינע שטראָף-רעדעס, נישט

שווינענדיג אויף דעם קעניג מיט זיין מוטער, די קעניגין. געשטיצט דורך די שרים, האט ער איצט גערעדט זעהר שארף און דראהענד און געוואָרענט, אז מען זאל זיך בעסערן. אבער יהויכינ'ען איז אפילו נישט איינגעפאלען קיין צייט צו בעסערן זיך, ווייל די נויט פון די בעלאַגערטע האט זיך געשטארקט פון טאג צו טאג. ווי עס שיינט, האט אויך פערפעהלט וואסער אין שטאדט, ווייל ס'איז קיין רעגען נישט געגאנגען. ווען דער קעניג נבוכדנאצר אליין איז ענדליך געקומען אין לאגער פאר ירושלים, זענען צו איהם ארויסגעקומען דער קעניג מיט זיין מוטער מיט די שרים, צו בעטען, אז ער זאל זיך בעגעהן מיט גנאד. דער מנצח האט אבער קיין רחמנות נישט געהאט, און געשטעלט זעהר שווערע שלום-בעדינגונגען: יהויכין האט געמוזט אראבגעהן פון טהראן און וואנדערען מיט זיין מוטער און זיינע פרויען און די גרויסע שרים און פריצים אין גלות קיין בבל. געקעניגט האט ער סך הכל הונדערט טעג. נבוכדנאצר האט נאך געטהון א חסד, וואס ער האט איהם געשאנקען דאס לעבען און האט בכלל קיין בלוט נישט פערגאסען. ער האט נאר פערטריבען צעהן טויזענד איינוואהנער פון ירושלים, וועלכע ער האט בעזעצט אין בבל; צווישען זיי זענען געוועזען 7000 קעמפפער, 2000 פערזאן פון די עלטסטע אידישע משפחות — צווישען וועלכע עס זענען געוועזען פיעל כהנים, לויים און פון די אנגעזעהענסטע לייט פון בנימין, וואס האבען אין ירושלים געוואהנט, ווי אויך 1000 מייסטערס, וואס האבען אויסגעארבייט געוועהר און פערשטאנען די קונסט, ווי אזוי צו בעפעסטיגען א שטאדט. דערמיט, וואס נבוכדנאצר האט ארויסגענומען גאר דאס גאלד און זילבער פון קעניגליכען פאלאץ און פון בית המקדש, האט ער, לויט די דאמאלדיגע בעגריפען, קיין רויבעריי נישט בעגאנגען; ער האט ארויסגעפיהרט אלע גאלדענע און זילבערנע כלים, וואס שלמה המלך האט געמאכט פאר'ן היכל אין בית המקדש. ער האט אבער נישט אנגעריהרט די בעפעסטיגונגען פון דער שטאדט ירושלים, נישט דעם בית המקדש. דער ערשטער אויסלענדישער מנצח, וועלכער איז אריינגעקומען קיין ירושלים, 500 יאהר נאכדעם, ווי די שטאדט איז געבויט געווארען, האט זיך בעגאנגען מיט איהר פיעל מילדער, ווי פיעל אנדערע איינגעהמער, וועלכע זענען אריינגעקומען קיין ירושלים הונדערטער און טויזענדער יאהר נאכדעם.

אויך דוד'ס טהראן האט נבוכדנאצר נישט געריהרט, און האט אויף איהם ארויפגעזעצט דעם קעניג'ס פעטער, מתניה, וועלכען ער האט א נאמען געגעבען צדקיהו. דאס איז געוועזען א מענש מיט א מילדען כאראקטער, נישט קיין קריגערישער העלד, א מענש, וואס לאזט זיך לייכט פיהרען דורך א שטארקערען פון זיך. דער קעניג פון בבל האט דעריבער געהאפט, אז ער וועט איהם זיין א געטרייער אונטערטאן און נישט צווינגען צו געהן ווידער פיהרען מלחמה געגען ירושלים. אום אבער נאך זיכערער צו זיין, אז צדקיהו וועט געגען איהם קיין אויפשטאנד נישט מא-

כען, האָט נבוכדנאצר מיט איהם געשלאָסען אַ פֿײַערליכען בונד, און צדקיהו האָט געשוואָרען, צו זײַן איהם אַ געטרײַער אונטערטאַן. פֿאַר נבוכדנאצר'ן איז זעהר וויכטיג געוועזן, צו האָבען אין זײַן מאַכט דאָס לאַנד יהודה, כדי צו קאָנען לײַכטער אונטערנעהמען אַ מלחמה געגען מצרים. מיט צדקיהו'ס שבועה אליין האָט אָבער נבוכדנאצר זיך נאָך נישט בערוהיגט, ער האָט געוואָלט האָבען אַ גאַראַנטיע און צו דעם צוועק, האָט ער געלאָזט אָפּפֿיהרען די אידישע שׂרים און אָנגעזעהענע לײַט אין גלות קיין בבל. בכלל האָט יהודה געדאַרפֿט בלײַבען אַ שוואַכע מלוכה, וועלכע דאַרף זיך שטיצען נאָר אויף איהם, אויף נבוכדנאצר'ן, און איהר גאַנצע קראַפֿט שעפּען נאָר אין איהם. איבערגעלאָזען האָט ער פֿון די שׂרים אין ירושלים נאָר יענע, וועגען וועלכע ער איז זיכער געוועזן, אָדער ער האָט, ווענינגסטענס, געגלויבט אַזוי, אַז זיי וועלען געגען איהם נישט אַרויסטרעטען. די דאָזיגע שׂרים זענען געוועזן דער צענטער פֿון דער „חאַלדייאישער פּאַרטיי". אויף וועלכער נבוכדנאצר האָט געהאָפֿט צו קאָנען זיך פֿערלאָזען. אין דער שפּיץ פֿון דער דאָזיגער פּאַרטיי איז געשטאַנען דאָס הויז פֿון שפן, וואָס זײַן איינִיקעל גדליה איז שפּעטער געבליבען געטרײַ נבוכדנצר'ן אויך נאָך דעם חורבן פֿון ירושלים. דער נביא ירמיהו איז אפילו נישט געווען קיין מיטגליעד פֿון אָט דער פּאַרטיי, אָבער פֿאַר נבוכדנצר'ן איז ער נאָך געוועזן וויכטיגער פֿון איהר, ווײַל ער האָט אונאויפֿהערליך נבואה געזאָגט, אַז גאָט אַליין האָט אַזוי בעשטימט, דאָס נבוכדנצר זאָל הערשען איבער יהודה און ירושלים. נבוכדנצר האָט דעריבער פֿערלאַנגט נישט בלויז, אַז די מלוכה יהודה זאָל אויך אויף ווײַטער גאַנץ בלײַבען, נאָר ער האָט אויך געוואָלט, אַז זי זאָל זיך שטאַרקען, און די אײַנוואָהנער איהרע זאָלען קאָנען לעבען רוהיג און געניעסען פֿונ'ם גוט'ס פֿון דעם פֿרוכטבאַרען לאַנד. נאָר זעלבסט־שטענדיג האָט יהודה נישט געדאַרפֿט ווערען. זי האָט געדאַרפֿט גלײַך זײַן, ווי איין נביא האָט זיך זיין אויסגעדריקט, צו „אַ ווײַנשטאָק פֿון ניעדעריגען געוויקס מיט אַראָבגעהאַנגענע צווײַגען; דער ווײַנשטאָק וואַקסט אפילו יאָ, אָבער אַלע זײַנע צווײַגען מוזען זיך ווענדען נאָר צו איהם, צום מלך פֿון בבל, און די וואָרצלען זאָלען אויך נאָר אונטער זײַן באָדען זייער יניקה האָבען"

אין דער ווירקליכקײַט האָט יהודה זיך אפשר געקאָנט נאָך האַלטען גאַנץ לאַנג, אויב זי וואָלט זיך בעגנוגט מיט דער ראָליע פֿון אַ קלײנער מלוכה און זיך נישט געשטעלט געגען די שטאַרקע מלוכות, אָדער צווישען זיי. פֿון די שטאַרקע שלעג, וואָס יהודה האָט בעקומען און איז דורך זיי עקאָנאָמיש רואינירט געוואָרען,—דערפֿון האָט זי זיך געקאָנט לײַכט צוריק ערהאָלען. שמערצליך איז געוועזן פֿאַר'ן לאַנד, דאָס וואָס מען האָט זײַנע גבורים פֿערטריבען קיין בבל; גרויס איז געוועזן דער בזיון, וואָס די אָנגעזעהענסטע משפּחות, די מיוחסים, האָבען געמוזט געהן געפֿאַנגען;

שטארק איז געווען דער אלגעמיינער טרויער; אבער נאך גרעסער פאר אלץ איז געווען דער אלגעמיינער דלות, וואס איז געבליעבען נאך נבוכדנצר'ס אבציהען פון ירושלים. דאס קליינע לאנד האט פערלוירען א גרויסען טייל פון זיין פערמעגען. באלד אבער האט דאס לאנד יהודה זיך ווידער געשטארקט און דערגרייכט א גרויסען וואוילשטאנד. ס'איז כמעט אנ'אונגלויבליכע זאך: נאכדעם ווי נבוכדנצר האט ארויסגעפיהרט אלע אוצרות פונ'ם קעניג'ס פאלאץ, פון בית המקדש און כמעט בערויבט דאס לאנד, איז אין ירושלים באלד ווידער געווען אזא עשירות, אז קינדער זענען געגאנגען געקליידעט אין פורפור און אבגעוואויגען געווארען מיט גאלד. ביז דער לעצטער צייט האט ירושלים גע'שמ'ט אלס א רייכע און א שענע שטאדט מיט א גרויסער בעפעלקערונג; איהרע איינוואהנער האבען זי געריהמט, אז זי איז די „קרוין פון דער שענהייט", די „פרייד פונ'ם גאנצען לאנד", די „פירשטין אונטער די לענדער". ירושלים'ס לאגע אויף פיעל בערג, אין דער מיט פון שענע טהאלען און הויכע בערג-קייטען, איז נאך דערהויבען געווארען דורך איהרע פרעכטיגע פאלאצען און גרויסע בעציערטע געביידעס. נעבען דעם פאלאץ, וואס שלמה האט אויפגעבויט און וואס איז פערגרעסערט און פערשענערט געווארען דורך יהויקים, זענען אויך געווען פיעל שענע געביידעס פון די שרים,— געביידעס געבויטע פון גרויסע פיערקאנטיג ארומגעהאקטע שטיינער און פון צעדער-און ציפרעסען-האלץ. דער בית המקדש, וועלכער איז אין פערשידענע צייטען אויסגעבעסערט און פערגרעסערט געווארען און איז געשטאנען אויפ'ן הויכען בארג מוריה ארומגערינגעלט פון א גרויסער שטיינערנער מויער, האט געהאט א שענעם ערהאבענעם אנבליק.

פון וואנען האט דאס קליינע לאנד, וועלכעס האט איצט קוים גערייכט פון ירדן ביז דעם מיטעללענדישען ים און פון צפון ביי דער שטאדט גבע ביז דרום ביי באר שבע, נעבען מדבר פון אדום — פון וואנען האט עס בעקומען אזא רייכע הכנסה, אז עס האט געהאט אזא שען אויסזעהען? דאס איז געווען דער רייכער פרוכטבארער באדען, וועלכער האט אט די גרויסע שפע געגעבען; דער באדען פון ארץ ישראל האט געגעבען דעם אידישען פאלק נישט בלויז ברויט צו זאט, ער האט איהם אויך געגעבען גאנצע קוואלען פון עשירות. די פעניקיער, וועלכע האבען אין אלע לענדער זייער האנדעל געפיהרט און פלעגען פאר זייער גאלד און זילבער בעקומען די בעסטע פראדוקציעס, וואס דער באדען און די נאטור האט דארט געגעבען, האבען אויך אין יהודה געקויפט דעם בעסטען ויין, דעם שענסטען האניג פון די טייטלען, בוימאייל, באלזאם און נאך א טייערען פראדוקט, פנג, וואס די שפראך-פארשער ווייסען נאך עד היום נישט, וואס דאס איז געווען. די גארטענס, וואו דער טייערער באלזאם איז געוואקסען, דער דרום-קאנט פון גלעד אויף יענער זייט ירדן איז שוין אפילו לאנג געווען אבגעריסען פון יהודה און די הכנסה פונ'ם באל-

זאס האט שוין געהערט צו אנ'אנדער מלוכה. אבער די גרויסע פלייסיגקייט, מיט וועלכער די אידישע לאנד־ארבייטער פלעגען זייערע פעלדער און גערטנער בעארבייטען, האט באלד אומגעקעהרט דעם גרויסען פערלוסט. די בערג פון ירושלים ביז חברון זענען געווען בעדעקט מיט איילבירטען און וויינגערטנער אזוי רייך, אז מען האט פיעל אייל און וויין געקאנט פערקויפען קיין אויסלאנד. די בערג זענען געווען בעארבייט ביז זייערע שפיצען. אונטען זענען געלעגען די וויינשטאקען און איילבירטען, העכער — די פעלדער פון ווייץ, קארן און גערשטען. אין ארץ ישראל זענען געווען גוט־געאיבטע גערטנער, וועלכע פלעגען ערציהען די שענסטע פרוכט־ביימער מיט דער גרעסטער קונסט. וואס עס האט געפעהלט ארץ ישראל אין שטח אין דער לענג און אין דער ברייט, דאס האט זי געוואונען אין דער הויך. אין יענע וויסטע געגענדען, וואו עס פעהלט וואסער, און רעגענס זענען ווייניג, האט מען אויסגעבויט קאנאלען, וואס פלעגען צופיהרען דעם וואסער פון ירדן, אדער פון די וויטע קוואלען. די פלייסיגקייט פונ'ם אידישען פאלק האט ארויסגעצויגען פונ'ם באדען זיינע שענסטע אוצרות, און דערין איז געלעגען דער סוד פון דער גרויסער אידישער עשירות.

אויך געוויסע קענטניסען אין דער שענער קונסט זענען אין ארץ ישראל געווען גאנץ היימיש. די קונסט צו בויען פעסטונגען האט דארט דערגרייכט זעהר צו א הויכער מדרגה, לויט דער דאמאלסדיגער צייט. די סקולפטור־ווערק האט מען אין יהודה, ווי אויך פריהער אין ישראל, געבראכט פון אשור. די אידישע מעטאל־גיסער פלעגען אבער, געגען זייער אייגענער תורה, פערפערטיגען בילדער און סטאטועז אין נאטירליכער גרויס פון גאלד און זילבער. אלע הייזער פון די עשירים זענען געווען אויסגעמאהלט מיט די שענסטע פארבען, און די פאדלאגעס אין די צימערען זענען געווען אויסגעפלאסטערט מיט מאזאיק־ארבייט פון די שענסטע שטיינער. דאס אידישע פאלק, ווענינגסטענס אין ירושלים, האט בעזעסען בילדונג אין א הויכער מדרגה. שרייבען און לעזען האבען געקאנט אין ירושלים אלע, סיי די גאנץ רייכע, סיי די גאנץ ארעמע. שרייבען פלעגט מען, געוועהנליך, אויף מגלות פון פארמעט; אויב דער אינהאלט פון דער געשריבענער זאך איז געווען בעזונדערס וויכטיג, פלעגט מען עס אויסקריצען אויף טאוולען פון האלץ אדער פון שטיין, כדי עס זאל קאנען לאנג האלטען. עס האט זיך דאמאלס אויך אויסגעבילדעט א לייכטע פאלקס־שריפט, וואס יעדער זאל זי קאנען שרייבען און לעזען, אויסער דער שווערער שריפט, וועלכע עס האבען געקאנט לעזען נאר די געלעהרטע.

די הויכע בילדונג פון די איינוואהנער פון ירושלים האט זיך ארויסגעוויזען אין ערנסטע און לוסטיגע געזאנגען, אין טרויער־לידער (קינות) און אין משלים. די נביאים מיט זייער ערהאבענער און הויכער רעדנער־

רישער קונסט, די תהלים־זינגער מיט זייערע געבעט־לידער און לויב־געזאַנגען, די חכמים מיט זייערע טיעף־קלוגע שפּריכװערטער — אַט דאָס איז געװען די בילדונגס־שולע פֿאַר'ן פֿאָלק. די יוגענד איז געװען אין אַ געװיסער מאָס אַרומגערינגעלט פֿון אַן אַטמאָספֿערע פֿון פּאָעזיע און הויכע, שענע רעדעס. די קינסטלערישע רעדעס פֿון די נביאים מיט זייער שענער מאָס און פֿיינע אויסדריקען זענען געװען אויסגערעכענט נישט פֿאַר'ן פּראָסטען אונגעבילדעטען המון, נאָר פֿאַר אַ געבילדעטע פֿאָלק. די פֿיין צוגעשפּיצטע שטעך־װערטער, די איידעלע און שאַרפֿע איראָניע, די שענע אָנצוהערענישען, װאָס די נביאים פֿלעגען געברויכען אין זייערע רעדעס, דאָס אַלץ בעװייזט, אַז דאָס דאַמאָלדיגע פּובליקום, די צוהערער זענען געשטאַנען אויף אַ הויכער מדרגה פֿון ענטװיקלונג.

די אידישע פֿרויען האָבען גענומען אַ שטאַרקען אַנטייל אין געזעלשאַפֿטליכען לעבען, סיי אין גוטען, סיי אין שלעכטען. זיי האָבען עס געטריבען די מאַנסבילען צו דריקען דעם אָרעמאַן, צו נעהמען גרויסע פּראָצענטער און טהון אונרעכט. נאָר כּדי צו קאָנען בעפֿריעדיגען זייערע געלוסטיגקייטען און דינען די געצען. און דעריבער האָט בעפֿויהלען די משנה תורה, װעלכע מען האָט ענטדעקט אין יאשיהו'ס צייטען, אַז אויך די פֿרויען זאָלען דערביי זיין, בשעת מען װעט די תורה לעזען, כּדי זיי זאָלען גלייך מיט די מאַנסבילען לערנען פֿרום צו זיין און צו פֿיהרען אַ מאָראַליש לעבען. די משלים, אין װעלכע עס דריקט זיך אויס די לעבענס־חכמה און די פּראַקטיק פֿון אַ פֿאָלק, װי אויך זיין אַרט לעבען, — די אידישע משלים ענטהאַלטען פֿיעל שטעלען, װעלכע בעציהען זיך אויף דעם לעבען פֿון אַ מאַנסביל מיט אַ גוטער און מיט אַ שלעכטער פֿרוי, אויף דעם גליק, װאָס די ערשטע, און אויף די יסורים, װאָס די אַנדערע ברענגט איהם מיט. פֿון די דאָזיגע משלים זעהט מען אַרויס, אַז בכלל האָט יעדער דעם גליק, װאָס די ערשטע, און אויף די יסורים, װאָס די אַנדערע ברענגט מאַן דאַמאָלס געהאַט נאָר איין פֿרוי ביי זיך אין שטוב, און דעריבער האָט די פֿרוי אויך געהאַט די פֿרייהייט אַנטייל צו נעהמען אין עפֿענטליכען געזעלשאַפֿטליכען לעבען, דען אויף איהר האָט זיך דאָס גאַנצע הויז געהאַלטען, זי איז געװען די „עקרת הבית“.

אין יהודה איז בכלל נישט געװען פֿערבאָטען פֿרויען און מאַנסבילען צו פֿערברענגען צוזאַמען. בחורים און מיידלעך פֿלעגען אָפֿט טאַנצען צוזאַמען לוסטיג און פֿרעהליך, בעגלייטענדיג דעם טאַנץ מיט אַ האַנד־פּויק, בעזונדערס, אויף חתונות, אָדער אין דער צייט, װען מען פֿלעגט זאַמלען די טרויבען אין די װיינגערטנער. װען עס פֿלעגט דערביי אויך נישט פֿעהלען קיין לאַכען און קיין פֿרעהליכע געזאַנגען. ירושלים איז איבערהויפּט געװען אַ שטאָדט פֿול לעבען און לוסטיגקייט. יונגע לייט פֿלעגען זיך צוזאַמענקומען אין די װיינהייזער, װאו זיי פֿלעגען טרינקען און

זובר׳שאַפט, שפּיעלענדיג דערביי מיט דער האַרפע פרעהליכע ליעדער, אויסלאַכענדיג זיך פון א טרויעריגען מאָרגען.

ווי נאָר א פאָלק דערגרייכט אין זיין ענטוויקלונג צו אזא מדרגה, אז מען בעטראַכט שוין זאַכען און מעשים, נישט בלויז טאַפּענדיג מיט׳ן אונזיכערען אינסטינקט, נאָר אורטיילענדיג מיט׳ן געזונדען פערשטאַנד, און ווען די רייכע ערפאַהרונג פון פאָלק לערנט איהם צו בעטראַכטען די געשעהענישען ווייט און ברייט איבער דער קליינער שפּאַן צייט פון דער געגענוואָרט, הויבען זיך אן ביי׳ם פאָלק צו דיפערענצירען, אויסטיילען זיך בעזונדערע קלאַסען: די געבילדעטע קלאַס און די אונבעוואוסטזיניגע פאָלקס־מאַסע. ביידע דאָזיגע קלאַסען האָבען די זעלביגע שפּראַך, די זעלביגע געוואָהנהייטען, א יין געמיינזאַם נאַציאָנאַל געפיהל, א געמיינזאַמע אבשטאַמונג, ווי אויך שותפות׳דיגע נאַציאָנאַלע זכרונות; אָבער דער גע־דאַנקענגאַנג, די אַנשויאונגען, די אידעאַלען און שטרעבונגען זענען שוין ביי ביידע קלאַסען אזוי פערשיעדען, אז מען האָט געקאָנט מיינען, דאָס זיי געהערען צו צוויי פערשיעדענע נאַציעס. אזוי איז עס שוין געוועזען איצט אויך אין דער מלוכה פון יהודה. די געבילדעטע פאָלקס־קלאַס, וועלכע האָט געוואָהנט אין דער הויפּט־שטאָדט, איז דערוועקט און ענטוויקעלט געוואָרען דורך די פּאָליטישע געשעהענישען און די וויכטיגע ערשיינונ־גען אין גייסטיגען לעבען; זי איז דעריבער געשטאַנען פיעל העכער פאַר דער בעפעלקערונג פון די קלענערע שטעדט, אָדער פונ׳ם לאַנד, וואָס פלעגט זיך מייסטענס בעשעפטיגען א יאָהר נאָך א יאָהר מיט לאַנד־אַר־בייט און איז זיך געבליבען איינפאַך און פּראָסט. די איינוואָהנער פונ׳ם לאַנד, די פּראָווינצער און דאָרפסלייט, האָבען גאַנץ ווייניג געוואוסט ווע־גען די גרויסע וועלט־געשעהענישען און נאָך ווייניגער האָבען זיי פער־שטאַנען זיי. די געבילדעטערע קלאַס אין דער הויפּט־שטאָדט, דער אָדעל, איז אָבער שוין געוועזען צופיעל פערשפּיצט און פערפיינערט. מיט א שטאָלצער גדלות האָט ער גערעדט וועגען זיין חכמה און געניטקייט און האָט געמיינט, אז מען ברויכט איהם שוין גאָרנישט צו לערנען. „מיר זענען אליין אויך קלוג — פלעגען די אָדעל־לייט זאָגען — און גאָט׳ס תורה איז ביי אונז“. צו אָט די לייט האָט ירמיהו געמוזט זאָגען: „דער חכם דאַרף זיך נישט בעריהמען מיט זיין חכמה, דער מוטיגער דאַרף זיך נישט בעריהמען מיט זיין מוטיגקייט און דער רייכער — נישט מיט זיין עשירות“. דערמיט האָט דער נביא געוואָלט זיי אָנווייזען, אז אומזיסט מיינען זיי, דאָס זיי זענען שוין געזיכערט פאַר א פעהלער און וויסען שוין אלץ. צווישען די איינוואָהנער פון לאַנד און פון דער הויפּט־שטאָדט האָט אויך געהערשט א געוויסע בעציהונג פון קנאה און שנאה: די איינוואָה־נער פונ׳ם לאַנד האָבען נישט געקאָנט פערטראָגען די גדלות פון די ירושלים׳ער איינוואָהנער און זייער שטאָלץ; ס׳איז אויסגעוואַקסען פון דאָס ניי די אלטע שנאה צווישען יהודה און בנימין אין א נייער פאָרם.

די אײנװאױנער פֿון די שטעדט האָבען געהערט מײסטענס צום שבט בנימין, דאַגעגען דער שבט יהודה האָט געװאױנט צום גרעסטען טײל אױפ'ן לאַנד. די שרים פֿון ירושלים זענען מײסטענס געװעזען פֿון שבט בנימין. אַ דאַנק זײער עשירות, זײער יחוס און הױכער שטעל, האָבען זײ בעזעסען אַ געװיסע שענהײט אין זײער בעװעגונג, אַ געשליפֿענע גלאַטע שפּראַך און פֿײנע מאַניערען. דורך די דאָזיגע אײגענשאַפֿטען איז זײ לײכט געװען אױפֿצוטהון אױך אַזױ פֿיעל, װי דורך דער געװאַלד, װאָס זײ פֿלעגען אָפֿט אַנװענדען; זײ האָבען געקאָנט די מאַסע דערמיט אונטערקױפֿען, אַז זי זאָל אונטערשטיצען זײערע פּלענער און זײן אױף זײער צד. פֿאַר די פּשוטע אײנװאױנער פֿון לאַנד זענען זײ, נאַטירליך, ערשינען אַלס פֿאַלשע מענשען, חונפים און שקרנים. און אָט דערפֿון האָט געשטאַמט די געגענזײטיגע שנאה, חאָטש מען האָט געהערט צו אײן פֿאָלק. די ירושלים'ער יחסנים האָבען געהערשט ניט בלױז איבער'ן פֿאָלק, נאָר אױך איבער דעם קעניגליכען הױף. די מלכים האָבען שױן איצט געהאַט אַ קלײנע בעדײטונג, בעזונדערס, זינט זײ האָבען אָנגעהױבען נאָכצוטהון די מלכים פֿון אשור און פֿלעגען זיך לעבען אין זײער הארעם, פֿערברענגענדיג די צײט מיט די פֿרױען, װײט פֿון פֿאָלק. דאָרט, אין זײער פּאַלאַץ, צװישען די פֿרױען, האָט קײנער פֿון פֿאָלק ניט געהאַט קײן רעכט אַרײנצוקומען. אַרום דעם קעניג האָבען זיך געפֿונען שװאַרצע נעגערן און סריסים, װעלכע פֿלעגען קײנעם צו איהם ניט צולאָזען. די מלכים זענען געװען אַרומגערינגעלט מיט אַ גרױסער פּראַכט און צערעמאָניעס, װעלכע מען פֿלעגט מוזען אױספֿיהרען מיט דער גרעסטער גענױאיגקײט; אָבער װאָס מעהר זײ האָבען זיך בעשעפֿטיגט מיט אָט די קלײניגקײטען, אַלץ מעהר האָבען זײ פֿערלױרען די מעגליכקײט, צו בעשעפֿטיגען זיך מיט די װיכטיגע אַנגעלעגענהײטען פֿון פֿאָלק. מען האָט געקאָנט מײנען, אַז די שרים האָבען זײ בכיון אַרומגערינגעלט מיט די צערעמאָניעס און מיט ניט װיכטיגע ענינים, כדי צוצונעהמען בײ זײ די גאַנצע מאַכט אין די אײגענע הענד אַרײן. די מלכים זענען געװעזען פֿערצערטעלט, די פּרינצען אַרום זײ זענען װײביש-װײך געװאָרען, און זײ האָבען געהאַט נאָר אײן האגה — אַכטונג צו געבען אױף זײער שענהײט. אױך די פּרינצען האָבען מעהר געהאַלטען פֿון די צערעמאָניעס, פֿון דער פּראַכט אַרום זײער פּערזאָן, אײדער פֿון די לעבענס-אינטערעסען פֿון פֿאָלק, אָדער פֿון דער קרעפֿטיגונג פֿונ'ם לאַנד.

אָט אַזױ איז די מאַכט איבער'ן לאַנד געװעזען פֿאַקטיש נאָר בײ די ירושלים'ער יחסנים פֿון יהודה און בנימין. אין װיכטיגע אַנגעלעגענהײטען האָבען זײ געהאַט די גאַנצע דעה און דעם כח עטװאָס אונטערצונעהמען. בעזונדערס שטאַרק האָבען זײ געקאָנט אַרױסװײזען זײער מאַכט אָט איצט, צוליעב צדקיהו'ס שװאַכקײט און מוטלאָזיגקײט. דער מלך האָט אַפֿילו ניט געהאַט אַזױ פֿיעל שטאַרקײט, אַז ער זאָל זיך דערװעגען צו

רעדען א ווארט געגען די שרים. צדקיהו האט פערלאנגט צו טהון גוט'ס; ער האט נישט ליעב געהאט די געצענדיענערײ, און די מאראלישע פערדערבונג איז איהם געוועזען צווידער; ער האט אויך גערן אויסגעהערט דעם נביא ירמיהו. ער האט אבער נישט געהאט די קראפט ארויסצוטרעטען געגען די מיוחסים און עטוואס אונטערצונעהמען געגען זייערע מעשים. אין דער ערשטער צײט, באלד נאכדעם ווי מען האט אבגעפיהרט געפאנגען דעם קעניג יהויכין מיט זײן מוטער און די שרים פון ירושלים קיין בבל, זענען אלע געווען אזוי ניעדערגעשלאגען, אז מען האט אפילו גארנישט אנגעהויבען טראכטען וועגען אבפאלען צוריק פון בבל. אלע האבען געלעבט אין איין אימה, אז די שרעקליכע געשעהענישען זאלען זיך נישט ווידער איבערחזר'ן. דעריבער איז אין די ערשטע יאהרען פון צדקיהו'ס רעגיערונג אלץ געווען לויט דער אלטער ארדנונג. די געצענדיענערײ, די אונגערעכטיגקײט, דאס רודפ'ן די ארעמע לײט און דריקען זיי מצד די רײכע—אלץ איז געבליעבען, ווי אין יהויקים'ס צײטען. נאר דאס רודפ'ן די פארטײ פון די נביאים האט אויפגעהערט, ווײל צדקיהו איז געווען מילדער פאר יהויקים'ן און האט נישט געלאזט אנווענדען קיין גוואלדטהאטען. ער האט אויך אין טיעפען הארצען געהאט אמונה אין ירמיהו'ס נבואה, און ירמיהו האט נישט אויפגעהערט צו שטראפען און ערקלערען, אז מען מוז זיך צופריעדענשטעלען מיט דער אונטערטעניגקײט בײ'ם מלך בבל און נישט מאכען קיין שום פלענער וועגען אנ'אויפשטאנד, כדי אז מען זאל קאנען לעבען ווײטער אינ'ם לאנד.

ביסלעכווײז אבער האבען די שרים אנגעהויבען צוריקצוקעהרען זיך צו זייער אלטער געוואהנהײט, גרויס־פאליטיק צו פיהרען. ס'איז זיי נמאס געווארען דאס רוהיגע לעבען אהן דער מעגליכקײט צו געוועלטיגען איננאנצען איבער'ן פאלק, לויט זייער אייניציגען פערלאנג, נישט רעכענענדיג זיך מיט דער מאכט פונ'ם קעניג פון בבל. זיי האבען דעריבער אויפגעטהון דעם פלאן צו מאכען אנ'אויפשטאנד געגען בבל און ארײנגעצויגען דאדורך דעם קעניג און דאס פאלק אין אבגרונד פון עלענד און יאמער. א שרעקליכער שגעון האט ארומגענומען די שרים, און זיי האבען נישט געוואלט הערען די ווארנונגען פון דעם נביא, נאר געלאזט זיך פערפיהרען פון די אונטערהעצונג מן הצד, אויפצוהויבען די פאהן פון אויפשטאנד געגען נבוכדנצר. צוערשט איז עס געווען דער אלטער „גוטער פרײנד“ פון יהודה — מצרים. דארט האט איצט געקעניגט פסאמעטיך דער צווייטער, א זוהן פונ'ם קעניג נכה, וועלכער איז אויך אזוי פאלש און בעטריגעריש געווען, ווי זײן פאטער; ער האט געמאכט תמיד די גלענצענדסטע הבטחות, שליסענדיג מיט עמיצען א בונד, און האט זיי קיינמאל נישט געהאלטען. פאר יהודה איז ער געווען, ווי איין נביא האט איהם גאנץ ריכטיג בעצייכענט, „א צובראכענער שטעקען, וואס אויב מען שפארט זיך אויף איהם אן, פערוואונדעט מען זיך און מען פאלט“. צווי־

שען די ירושלים'ער מיוחסים איז אויסגעוואקסען א „מצרים'ער פארטיי", וועלכע האט געפאדערט, אז מען זאל אבפאלען פון נבוכדנצר'ן און שליסען א בונד מיט מצרים. עפענטליך האבען זיי זייער פריינדשאפט פאר מצרים נישט געטארט ארויסווייזען, האבען זיי דאס ארויסגעוויזען דאדורך, וואס זיי האבען ווידער אנגענומען דעם מצרים'ער קולט פונ'ם אקס אפיס. אין איינע פון די פרעכטיגסטע געביידעס, וואס איז געווען ביי'ם בית המקדש, האבען זיי אריינגעבראכט די בילדער פון די פערגעטערטע חיות פון מצרים און גערייכערט פאר זיי קטורת.

אבער אויך פון א צווייטער זייט האט מען אנגערעדט יהודה אבצופאלען פון נבוכדנאצר'ן — פון פעניקיען און פון די איבריגע קליינע פעלקער. דער קעניג פון צור, אתבעל, האט זיך ארומגעטראגען מיט א פלאן צו פערבינדען אלע קליינע פעלקער געגען בבל. צו זיין בונד זענען שוין צוגעשטאנען אדום, עמון און מואב; איצט האט ער אויך געדארפט געווינען פאר'ן דאזיגען פלאן דעם קעניג צדקיהו.

און נאך פון א דריטער זייט האט מען אנגערעדט, צו מאכען דעם אויפשטאנד: די אידען, וועלכע זענען פערטריבען געווארען צוזאמען מיט יהויכין קיין בבל, האבען נישט איבערגעריסען זייערע בעציהונגען מיט זייער פאטערלאנד, און פלעגען אפט שיקען אהיים בריעף און שלוחים. איצט האבען זיי אנגעהויבען איינצורעדען די ירושלים'ער איינוואהנער, צו מאכען א בונד געגען נבוכדנצר, ווייל זיי האבען געהאפט, אז נבוכדנצר'ס ארמעע וועט אפשר האבען א מפלה, און זיי וועלען דאדורך פריי ווערען פון גלות און קאנען קומען צוריק אהיים.

אין פירטען יאהר פון צדקיהו'ס רעגירונג (663 פאר'ן צווייטען חורבן) זענען געקומען קיין ירושלים אין דער זעלביגער צייט שלוחים פון פערשידענע לענדער, וועלכע האבען געוואלט בעוועגען צדקיהו'ן צו ברעכען זיין שבועה, וואס ער האט געגעבען נבוכדנצר'ן, צו זיין איהם געטריי. דאס זענען געווען די שלוחים פון עמון, מואב, אדום און פון צור און צידון. זיי האבען אנגעווענדעט זייער גאנצע רעדנערישע קונסט איבערצורעדען דעם וויינמוטיגען צדקיהו צוצושטעהן צו זייער בונד געגען נבוכדנאצר'ן; דערביי האבען זיי איהם געמאכט די גלענצענדסטע הבטחות. יהודה האט געקאנט שטאלץ זיין דערויף, וואס אזוי פיעל מלוכות האבען איצט געזוכט איהר פריינדשאפט און געשיקט צו איהר שלוחים. אבער דער נביא ירמיהו איז דערפון ווייניג וואס נתפעל געווארען, דען ער האט געוואוסט, אז דאס שטאמט נישט דערפון, וואס יהודה איז באמת שטארק געווארען, און ער האט אויך געזעהען מיט זיין נביאיש אויג, וואס פאר אנ'אונגליק דער אויפשטאנד וועט ברענגען אויף אידען. ער האט דעריבער געהאלטען פאר זיין חוב צו ווארענען, אז מען זאל זיך נישט דערוועגען צוצוטרעטען צום בונד געגען בבל; ער האט אויך דערוויזען די אידישע פערטריבענע אין בבל, אז זייער האפנונג,

אויסגעלייזט צו ווערען פון גלות דורך אַן אויפשטאַנד, איז אַ פּוסטע האָפנונג און זיי דאַרפען זיך ניט לאָזען פערפיהרען דורך די פאַלשע נביאים; וועלכע רעדען זיי איין, אַז זייער הילף איז נאָהענט. צו די שלוחים פון די פערשיעדענע מלכים האָט ער צו יעדען געשיקט אַ בעכער ווייןּ אַנווייזענדיג זיי דערמיט, אַז זיי וועלען אַלע מוזען טרינקען דעם גיפט־בעכער פון נבוכדנצר'ס האַנד. אויסער דעם האָט ירמיהו געשיקט צו זיינע ברידער, די אידען, אין בבל, פאָלגענדען בריעף: „בויט זיך הייזער און וואָהנט אין זיי, פלאַנצט ווייגערטנער און געניעסט זייער פרוכט; נעהמט אייך פרויען, זאָלען זיי אייך געבוירען זיהן און טעכטער; נעהמט פרויען אויך פאַר אייערע זיהן און גיעט אויס אייערע טעכטער דאָרט אין דער פרעמד, און זאָלען זיי זיך מעהרען און ניט מינדערען. זאָרגט אויך פאַר'ן וואוילשטאַנד פון דער שטאָדט, וואוהין איהר זענט פערשיקט געוואָרען, ווייל אייער וואוילשטאַנד איז פערבונדען מיט איהרען. לאָזט זיך ניט איבערעדען און פערפיהרען דורך אייערע פאַלשע נביאים און שווינדלער... ווייל זיי זאָגען אייך פאַלש אין גאָט'ס נאָמען... ערשט אין זיבעציג יאָהר אַרום וועל איך אייך צוריקברענגען קיין יהודה".

ווען דער דאָזיגער בריעף איז ערהאַלטען געוואָרען אין בבל, האָט איינער פון די דאָרטיגע אידישע פאָלקס־פערפיהרער, שמעיה הנחלמי, געשיקט אַ בריעף צו די שרים אין ירושלים און אַנגעקלאָגט ירמיהו'ן, אַז ער איז אַ פאָלקס־פערראַטער, ווייל ער רעדט אָן די אידישע פערטריבענע, צו בעזעצען זיך אויף שטענדיג אין בבל און מיאש צו זיין זיך אינגאַנצען פון יהודה און ירושלים. שמעיה האָט אויך געמאַכט אַ ביטערען פאָרוואורף דעם אויפזעהער אויפ'ן בית המקדש, דעם כהן צפניה, פאַרוואָס ער שרייט ניט אָן אויף ירמיהו'ן און דערלאָזט איהם פריי צו האַלטען זיין נבואה, שמעיה הנחלמי פאָדערט פון צפניה'ן, אַז ער זאָל זעהר שטרענג זיין געגען ירמיהו'ן און די איבעריגע נביאים; וואָס האַלטען מיט איהם צוזאַמען און פיהרען זיך, ווי די משוגעים; מען דאַרף זיי פערהאַלטען און אפשר גאָר אויך פייניגען. אין ירושלים האָבען זיך דאַמאָלס געפונען פיעל מענשען, וועלכע האָבען איינגעשטיממט מיט די שווינדלער פון שמעיה'ס חברים אין בבל. די דאָזיגע פאַלשע נביאים פלעגען האַלטען אין איין טענה'ן: „איך האָב אַ חלום געזעהען" און דערביי פלעגען זיי דערצעהלען אַלע זייערע חלומות וועגען די גרויסע גליקען, וואָס שטעהען פאַר יהודה, אויב זי וועט מאַכען דעם אויפשטאַנד געגען בבל'ס יאָך. צוליעב דעם דאָזיגען ווילדען געפילדער האָט מען ירמיהו'ס שטים גע־הערט אַלץ ווייניגער, און ירמיהו'ן איז נאָר געבליבען איבריג צו טרויערן ביטערליך אויף דער אַלגעמיינער פערבלענדעניש: „וועגען די נביאים איז מיין האַרץ אין מיר געבראָכען, עס שוידערט מיין גאַנץ וועזען, איך בין ווי שכור געוואָרען, ווי אַ מענש, וואָס דער וויין האָט איהם דורכגע־נומען".

צדקיהו האט מיט זיין שוואכקייט לאנג נישט געקאנט בייזשטעהן די איבעררעדונגען פון די פרעמדע מלכים, בעזונדערס, פון מצרים, ווי אויך די ליידענשאפטליכע פאדערונגען פון די שרים פון יהודה, וועלכע האבען גע'טענה'ט, אז די ישועה איז נאהענט, אויב גאנץ יהודה וועט זיך נאר אויפהויבען, ווי איין מאן. צדקיהו האט זיך אלזא געלאזט פערשלעפען אין דעם געוואלדיגען שטראם און ענטזאגט זיך, צו שיקען נבוכדנצר'ן דעם יעהרליכען אבצאהל; דערמיט האט ער געבראכען זיין שבועה און אבגעפאלען פון בבל (661 פאר'ן צווייטען חורבן).

אט אזוי איז געווארפען געווארען דער גורל, וועלכער האט געדארפט בעשליסען וועגען דער גאנצער צוקונפט פון יהודה און פון אידישען פאלק. די גרעסטע האפנונג האבען די איינוואהנער פון ירושלים געזאט אויף די איבערנאטירליכע גייסטיגע קראפט, וועלכע ירושלים בעזיצט. אויף די וואונדער, וועלכע גאט טהוט מיט איהר. אין דער גאנצער צייט, וואס מען האט זיך צוגעגרייט צו דער מלחמה, האט מען ירמיהו'ס שטים נאך וועניגער געהערט. אין דער ערשטער צייט האט מען טאקי געקאנט מיינען, אז די פאלשע נביאים זענען גערעכט, ווייל נבוכדנצר האט זיך נישט געאיילט צו שיקען זיין ארמעע צו ירושלים און בעשטראפען דעם מלך צדקיהו'ן פאר'ן עובר זיין אויף זיין שבועה. העכער א יאהר איז אריבערגעגאנגען, איידער ער איז ארויסגעטראטען מיט זיין ארמעע, און דערנאך איז ווידער אריבער א יאהר, איידער ער איז געקומען צו ירושלים.

אין ירושלים האט געהערשט אויסגעלאסענע פרעהליכקייט אין די פאר יאהר, וואס די חאלדייאישע ארמעע האט זיך נאך נישט בעוויזען אין יהודה. אונטער די אידען, וואס האבען געלעבט אין גלות אין בבל, איז די פרייד געווען נישט וועניגער גרויס, חאטש מ'האט זי דארט נישט געטארט ארויסווייזען. די הארץ-קלעמעניש נאך דעם אייגענעם לאנד און דער ליידענשאפטליכער פערלאנג, צו קומען צוריק אהיים און פערנעהמען דארט די אמאליגע הויכע שטעל, האט געמאכט פאר זיי פון דער ווייטער אויסזיכט אויף א בעפרייאונג — א פעסטע האפנונג, און פון דער האפנונג — א ווירקליכקייט. זיי האבען שוין באמת געגלויבט, אז זיי וועלען אין גיכען אויסגעלייזט ווערען, און זייער פעסטען גלויבען האבען זיי איבערגעגעבען זייערע ברידער אין ירושלים דורך בריעף און שלוחים; אזוי ארום האט מען גארנישט געקאנט רעדען וועגען איבערלעגען די לאגע רוהיג, אדער בעטראכטען, וואס מען דארף, וועניגסטענס, אונטערנעהמען.

אבער דא איז ארויסגעטראטען צווישען די פערטריבענע אידען אין גלות אן'אמת'ער נביא, וועלכער האט געדארפט, נאך גרויסע קאמפפען און אינערליכע נסיונות, דורכברעכען דעם וועג פאר דער ריינער גאטעס וויסענשאפט און דעם הויכען געדאנק צווישען די אידען אין גלות. דאס איז געווען י ח ז ק א ל, דער זוהן פון בוזי הכהן (געבוירען 690 — געשטארבען 640 פאר'ן חורבן). דאס איז געווען א מענש מיט א שטארק אנציהענ-

דער רעדנערישער קראַפט, מיט אַ לעבעדיגער, שענער און העכסט רייכער פאַנטאַזיע, מיט אַ זיסער, האַרציגער שטים, אַ מענש מיט שטאַרקען מוט און אויסגעהאַלטענקייט, דורכגעדרונגען מיט אַ הויכען אידעאַל, וועלכעס דאָס אידישע פאָלק האָט געהאַרפט פערווירקליכען אין דער צוקונפט. ער איז געקומען מיט די פערטריבענע, צוזאַמען מיט'ן קעניג יהויכין קיין בבל, און האָט געוואָהנט אין „תל אביב“, נעבען דעם גרויסען קאַנאַל כבר, וועלכען נבוכדנאצר האָט געבויט, כדי צו פעראייניגען די טייכען עפראַט און טיגרים. דאָ האָבען געוואָהנט פיעל אָנגעזעהענע משפחות פון די אידישע פערטריבענע. און זיי האָבען דאָ געהאַט אַ פאָלקאָמע פרייהייט; די געמיינדע האָט זיך געפיהרט, לויט איהרע אַלטע מנהגים, וועלכע זי האָט מיטגעבראַכט פון דערהיים, און קיינער האָט איהר נישט געשטערט דערין. אין דער דאָזיגער געמיינדע האָט יחזקאל געלעבט עטליכע יאָהר גאַנץ רוהיג און געפיהרט אַ פאַמיליען־לעבען מיט זיין פרוי אין זיין איינענעם הויז. אָבער פּלוצלונג האָט ער בעקומען „זעהונגען“. ווי ער דערצעהלט, האָט זיך פאַר איהם „דער הימעל געעפענט און ער האָט געטליכע ערשיינונגען געזעהען“. תחלת האָט דאָס שרעקליכע ערהאַבענע „געזיכט“, וואָס האָט זיך פאַר איהם בעוויזען, נישט געווירקט אויף איהם דערהויבענד, נאָר עס האָט איהם איבערגעשראָקען און גאַנץ צובראָכען. ווי אַ צומישטער, האָט ער זיך אומגעקעהרט צוריק אהיים צו די פערטריבענע ברידער און איז געזעסען צווישען זיי זיבען טעג, נישט „רעדענדיג מיט קיינעם קיין וואָרט און גאַנץ צושטערט“. דאַן האָט ער אָנגעהויבען דערצעהלען די אַרומיגע אידען וועגען זיין זעהונג. דערביי האָט ער ערקלערט, אַז מען האָט איהם בעפויהלען נבואה צו זאָגען עטוואָס שרעקליכעס, נישט אַזוי, ווי די פאַלשע נביאים, וועלכע האָבען אַלעמען אומזיסט געטרייסט. יחזקאל האָט דערצעהלט, אַז גאָט האָט איהם געזאָגט: „איך האָב דיך געמאַכט פאַר אַ וועכטער ביי'ם אידישען פאָלק; וואָס דו וועסט פון מיר הערען, מוזטו איהם איבערגעבען און מזהיר זיין... דו זאָלסט רעדען שאַרף מיט די זינדיגע עלטערען, חאָטש זיי שטעהען געגען דיר ווי די דערנער... האָב פאַר זיי נישט מורא, דען זיי זענען פון אַ ווידערשפעניג הויז“. די דאָזיגע ערשטע רייד פון'ם נביא האָבען איהם באַלד געקאָסט טייער. מען האָט זיך מיט איהם בעגאַנגען, ווי מיט אַ משוגענעם: מען האָט געבראַכט שטריק, געבונדען איהם און פערבאָטען עפענטליך צו רעדען. דער נביא איז אַזוי איבערגעבליבען אין תפיסה, טיילס געגען זיין ווילען און טיילס מיט זיין איינענעם ווילען, פיער הונדערט מיט דרייסיג טעג. אין דער דאָזיגער לאַנגער צייט האָט ער געטהון פערשיעדענע מעשים, וועלכע האָבען געהאַט אַ סימבאָלישע בעדייטונג און געמוזט פאָרקומען אונפערשטענדליך פאַר זייטיגע מענשען, צוליעב זייער אונגעוועהנליכקייט. אָבער ווען מען האָט ביי איהם געפרעגט, וואָס עס בעדייטען די דאָזיגע מעשים, האָט ער ערקלערט, אַז ירושלים וועט בעלאַגערט ווערען, און די איינוואָה־

נער וועלען געצוואונגען זיין צו עסען זייער ברויט אויפ'ן וואג און מיט דאגה, און וואסער וועלען זיי טרינקען מיט א מאס און אין שרעקליכער בעטריבעניש... אז א גרויסער טייל פון פאלק וועט אומקומען אין פייער און פון שווערד, און דורך צושטערונג, און צושפרייט ווערען אין אלע עקען וועלט, און נאר א קלייגער טייל וועט איבריג בלייבען; עס וועט איבער'ן פאלק קומען אונגליק איבער אונגליק, און דער בית המקדש וועט אויך חרוב ווערען.

דער נביא האט זיין דאזיגע שרעקליכע נבואה געזאגט מיט אזא טרויעריגער שטים און א צובראכען הארץ, אז מען האט אנגעהויבען גלויבען, דאס ער רעדט באמת אין גאט'ס נאמען. פון דאמאלס אן האבען צו איהם אנגעהויבען קומען די עלטסטע פון פאלק און פלעגען איהם שטעלען פערשיעדענע שאלות, און די, וועלכע זענען נאר צו איהם אין הויז אריינגעקומען און זיין רעדען געהערט, זענען שוין געווען צו איהם מיט לייב און זעעל צוגעבונדען, ווייל זיין בערעדעוודיקייט און זיין זיסע שטים האבען געהאט א וואונדערליכע קראפט, וואס קיינער האט געגען איהר נישט געקאנט בייסטעהן. יחזקאל האט אפילו בכלל זיך געבילדעט נאך ירמיהו'ן, וועלכען ער האט זיך פאר א מוסטער גענומען, און זיין שפראך איז געווען אויך עהנליך צו ירמיהו'ס שפראך; אבער זיין לעבהאפטע פאנטאזיע און זיין דיכטערישער טאלענט איז געווען העכער פאר ירמיהו'ס. זיינע רעדעס זענען דעריבער געהויבענער, רייכער אין שענע אויסדריקען און זעהר אנציהענד, גאנץ אפט אויך קינסטלעריש געבויט און זעהר שפאנענד דורך די משלים, אלעגאריען און דעם לייכטען שפיעלען מיט'ן ווארט. ירמיהו'ס רעדעס זענען געווען קורצע, שארפע און קלארע, לויט'ן ענין, וועלכען ער האט געדארפט ארויסזאגען; זיינע בילדער זענען צארט און וויך, זיינע געדאנקען עלעגיש, טרויעריג, דורכגעזאפט פון א ווייכען צוועהטאגטען געפיהל, מען זעהט, ווי ירמיהו גיעסט טרעהרען רעדענדיג, און בלוט רינט פון זיין הארץ. יחזקאל דאגעגען האט געליעבט צו רעדען באריכות; די בילדער, וועלכע ער האט געברויכט האט ער געשילדערט אלזייטיג, נישט אויסמיידענדיג אויך קיין הארטע אויסדריקען, אבי נאר צו געבען זיין געדאנק די פולט'ע פארם. דערביי בלייבט ער אליין כמעט גאר קאלט און פעסט, און ווייזט נישט ארויס דעם צוהערער זיינע טיעפע וואונדען אין הארצען.

מיט'ן ערשיינען פון דעם דאזיגען רייכבעגאבטען נביא אין בבל הויבט זיך אן צווישען די דארטיגע פערטריבענע אידען אן ענדערונג אין זייער מאראלישען לעבען. אין זיינע רעדעס ווייזט אן דער נביא אויף די שענדליכע מעשים פונ'ם גאנצען פאלק, נישט שוינענדיג דערביי נישט די קצינים נישט די שרים. דער נביא האלט זיך אויך נישט אב דורך א קליינליכער רחמנות און צושטערט איגגאנצען זייער האפנונג, אז די אידישע מלוכה זאל נאך קאנען האלטען זיך ווייטער אין איהר איצטיגען

יאָמערליכען צושטאנד. קלאָר און דייטליך ווייזט ער אן זיינע צוהערער דעם וועג, ווי אזוי אנצוהויבען פיהרען א בעסער לעבען. ווי ירמיהו, זאָגט אויך פאָראויס יחזקאל, אז די אידישע הילף און זייער אויסבעסערונג וועט ארויסקומען נישט פון די גאנץ אויסגעלאָסענע און פערדאָרבענע אידישע איינוואָהנער אין ארץ ישראל, נאָר פון די גלות־אידען אין בבל. דעם עצם מהות פון דער ענדערונג צום גוטען, וואָס דאַרף פאָרקומען אין אידישען פאָלק, בעצייכענט דער נביא דאַדורך, וואָס אידען וועלען בעקומען א נייע הארץ מיט א נייעם גייסט. דער נביא שטעלט זיך נישט אָפּ בלויז בייַ'ם זאָגען מוסר, אז זיי זאָלען א נייע הארץ און א נייעם גייסט אין זיך אויסאַרבייטען, נאָר ער איז זיי אויך מבטיח, אז זייער פערשטיינערט הארץ וועט ווערען ווייך, ליבעפול און פיהלענד — א הארץ פון פלייש. דער נביא פון גלות האָט דער ערשטער ארויסגעזאָגט קלאָר דעם געדאַנק, אז דאָס אידישע פאָלק וועט ניי אויפלעבען, נאָכדעם ווי עס וועט קומען צו דער פולער איבערצייגונג, אז זיינע פריהערדיגע מעשים האָבען איהם געפיהרט צום פערדערבען, און ווען עס וועט אנהויבען פערשטעהן דעם אמת'ען מהות פון זיין גאָט. דאָס ניי־אויפגעלעבטע אידישע פאָלק אין גלות וועט דיענען פאַר א גוטען ביישפיעל פאַר אלע איבריגע אידען אויך אין ארץ־ישראל.

דעם דאָזיגען געדאַנק זאָגט ארויס דער נביא שאַרף פאַר די אידישע עלטסטע, באַלד, ווי זיי זענען געקומען איהם בעזוכען צום ערשטען מאָל; דער נביא הזר'ט אויך איבער דעם געדאַנק פיעל מאָל אין פערשיעדענע פאָרמען: „גאָט האָט זיך אָבגעזאָגט פון יהודה און ירושלים, דאַגעגען די פערטריבענע אידען וועט ער מאַכען פאַר'ן פונדאַמענט, פאַר'ן זיכערען יסוד פונ'ם נייען פאָלק“. און וועהרענד די איינוואָהנער פון ירושלים, אפילו אויך די בעסערע, וועלכע זענען געשטאַנען נאָהענט צו די נביאים אין זייער קרייז, האָבען פעסט געגלויבט, אז ציון, גאָט'ס שטאָדט און גאָט'ס בית־המקדש, וועלען זיין אַן'איביגער אָרט, וואו אידען וועלען זיך קאָנען בעשיצען פאַר'ן פיינד, וייל קיין פיינד און קיין אונגליק קאָנען זיי דאָרט נישט אָנריהרען, האָט יחזקאל ערקלערט, אז די שטאָדט און דער מקדש זענען אינגאַנצען פערלאָזען, און גאָט געפינט זיך מעהר נישט אין בית־המקדש, נאָר מיט די פערטריבענע אידען אין בבל.

פערקעהרט אָבער, די שרים פון יהודה, די מיוחסים, וועלכע זענען אין בבל פערטריבען געוואָרען, האָבען געלעבט איצט מיט דער האָפנונג, אז ס'איז נאָהענט די צייט, ווען זיי וועלען זיך צוריק אומקעהרען אַהיים, און דאָס וואָס צדקיהו איז אָבגעפאַלען פון נבוכדנצר, האָט זיי בעזונדערס געשטאַרקט אין דער דאָזיגער האָפנונג. די דאָזיגע האָפנונג האָט דער נביא יחזקאל צושטערט דורך זיינע רעדעס און סימבאָלישע ציי־כענס. ער האָט אָנגעטהון קליידער פון א געפאַנגענעם און פלעגט אין זיי ארומגעהן בייטאָג; בייַנאַכט האָט ער זיך אונטערגעגראָבען אונטער

א מויער־וואנד, פערהילט זיין פנים און געטראגען זיין בינטעל קליידער און זאכען אויף זיינע אקסלען. ווען מען האט איהם געפרעגט, וואס דאס בעדייטעט, האט ער געענטפערט, אז ער בעווייזט זיי א בילד פון דער נאהענטער צוקונפט פון פאלק יהודה מיט זיין קעניג.

מיט יעדער נייער רעדע איז אלץ מעהר געוואקסען דער גוטער נאמען פונ'ם נביא און זיין גרויסקייט אין די אויגען פון פאלק, וואס איז געווען מיט איהם צוזאמען אין גלות. יענע זקנים, וועלכע האבען אליין איהם פריהער געלאזט בינדען מיט שטריק און געפייניגט, זענען איצט געקומען צו איהם אפט, כדי צו פרעגען, וואס וועט זיין דער סוף פון דער מלחמה ארום ירושלים, וועלכע זיי האבען בעאבאכטעט מיט דער גרעסטער שפאנונג. זיי זענען געקומען צו איהם אויך אפילו מיט זייערע געצענבילדער אויפ'ן הארצען, כדי איהם אויסצופרעגען. דאן האט דער נביא איין מאל ערקלערט, אז ער וועט נישט ענטפערן יענע, וועלכע וועלען זיך בעווייזען פאר איהם עפענטליך אלס געצענדיענער. ווי עס שיינט, האט די דאזיגע דראהונג געווירקט, דען די זקנים פלעגען נאך שפעטער אויך קומען צום נביא און ער פלעגט מיט זיי שמועסען און זיי אפט זאגען אזעלכע זאכען, וועלכע זענען פאר זיי גאר נישט ליעב געווען.

סוף כל סוף איז געקומען נאהענטער דער שרעקליכער מאמענט: נבוכדנצר, וועלכער האט זיך א לאנגע צייט געהאלטען שטיל און רוהיג, איז ענדליך ארויסגעטראטען מיט זיין ארמעע, כדי צו בעשטראפען די פעלקער, וועלכע זענען אויפגעשטאנען געגען איהם, און צו בעגעהן זיך מיט זיי, ווי מיט געמיינע אבגעפאלענע קנעכט. געקומען צו דער געגענד פון לבנון אדער פון ירדן, האט נבוכדנצר זיך אבגעשטעלט פאר דער פראגע: וואוהין זאל ער געהן פריהער, צי אויף עמון אדער אויף יהודה? די דאזיגע פראגע האט געדארפט פערענטפערט ווערען דורך א גורל. ער האט אבגעשאסען פיילען מיט די נעמען פון עמון און יהודה, ער האט געפרעגט ביי זיינע היימישע אבגעטער און אויך געפרובט טרעפען אויף דער לעבער פון די געבראכטע קרבנות. דער גורל איז געפאלען צוערשט אויף ירושלים.

ווי עס שיינט, האבען די שכנות'ע פעלקער פון יהודה, וועלכע האבען די ערשטע אנגערעדט צו מאכען דעם אויפשטאנד, אויך די ערשטע זיך אונטערגעגעבען נבוכדנצר'ן, און געקראכען קנעכטיש פאר'ן פיינד, ווי נאר ער איז צוגעקומען נאהענטער צו זייער לאנד. אדום האט נאך דערביי אויך פערנומען א פיינדליכע שטעלונג געגען יהודה און מיטגעהאלפען נבוכדנצר'ן צו קעמפפען געגען איהר. צור (פעניקיען) איז אליין געווען אין א געדריקטער לאגע און האט קיין הילף נישט געקאנט שיקען דעם מלך צדקיהו. יהודה איז אלזא אויסגעקומען צו ווארטען אויף הילף נאר פון מצרים, אבער די דאזיגע מלוכה האט, ווי איהר

שטייגער איז שטענדיג געוועזען, נישט געאיילט זיך צו שיקען די צוגעזאגטע הילף און בפרט נאך ארויסצוטרעטען אליין די ערשטע געגען בבל. פאר נבוכדנצר'ן איז עס דעריבער לייכט געוועזען צו נעהמען דעם גרעסטען טייל פון די אידישע בעפעסטיגטע שטעדט. דאן איז די חאלדייאישע ארמעע צוגעקומען נאהענטער צו ירושלים און אנגעהויבען פיהרען די בעלאגערונג אויף איהר דעם צעהנטען טבת (658 פאר'ן צווייטען חורבן). ירושלים האט זיך דערווייל בעפעסטיגט און בעזארגט זיך מיט עסענווארג און וואסער אויף א לאנגע צייט. אבער די איינוואהנער פון לאנד זענען מיט זייערע ווייבער און קינדער ענטלאפען פאר'ן פיינד קיין ירושלים, און דעריבער האט דאס אנגעגרייטע פראוויאנט געקאנט קלעקען נישט אויף לאנג. אויפ'ן בעפעהל פון קעניג, ווי עס שיינט, לויט ירמיהו'ס עצה, האבען די עשירים און שרים בעפרייט זייערע אידישע קנעכט און דיענסטען; מעגליך, אז מען האט דאס געטהון צוליעב דעם, כדי מען זאל דורך די קנעכט קאנען פערגרעסערען די אידישע ארמעע, וואס האט געדארפט פערטיידיגען די שטאדט. די איינוואהנער פון ירושלים האבען, ווי עס שיינט, זעהר העלדיש זיך פערטיידיגט, דען די בעלאגערונג האט געדויערט כמעט אנדערטהאלבען יאהר (פון טבת 658 ביז אב 656 פאר'ן צווייטען חורבן). דער אנפיהרער פון די אידישע פערטיידיגונגס־מחנות איז געוועזען איינער פון צדקיהו'ס סריסים. דער קעניג אליין האט ווייניג אנטייל גענומען אין דער מלחמה; ער איז נישט געוועזען דער אנפיהרער נישט פון דער פערטיידיגונג, נישט פון דער גאנצער בעוועגונג פאר'ן אויפשטאנד.

א יאהר צייט האט שוין כמעט געדויערט די בעלאגערונג ארום ירושלים; אין משך פון דער דאזיגער צייט זענען פארגעקומען פיעל צוזאמענשטויסונגען צווישען די בעלאגערער און די בעלאגערטע, וועלכע פלעגען אפט ארויסקומען פון שטאדט און מאכען אנפאלען אויף די חאלדייער, כדי צו שטערען זייער ארבייט ביי'ם איינארדנען די בעלאגערונג, אדער אבצושוואכען זיי. ארום סוף דעם ערשטען יאהר איז אבער פארגעקומען א נייעס: דער קעניג פון מצרים, הפרע (Apries), האט בעשלאסען, ענדליך, צו ערפילען זיין הבטחה, וואס ער האט פיעל מאל געגעבען דעם אידישען קעניג, און האט ארויסגעשיקט אנ'ארמעע געגען נבוכדנצר'ן. די ארמעע איז, משמעות, געוועזען זעהר א גרויסע, דען די חאלדייער האבען באלד פערלאזען די בעלאגערונג פון ירושלים, כדי ארויסצוטרעטען געגען איהר (סוף ווינטער 656 פאר'ן צווייטען חורבן). אין ירושלים איז די שמחה זעהר גרויס געוועזען. ווי נאר מען האט געעפענט די טויערען פון שטאדט, האט די גאנצע בעפעלקערונג זיך א לאז געטהון פון שטאדט ארויס, כדי צו געניסען די פרייהייט, ווי אויך צו בעזוכען די פעלדער, גערטנער און פרוכטגערטנער און אנצוגרייטען נייע פראוויאנט פאר דער הויפטשטאדט אין פאל, אויב דער פיינד וועט ווידער

קומען זי בעלאגערן. ווי נאר ס'איז פאראיבער די שרעק פון דער בעלאגערונג, האבען די „קצינים, עשירים און שרים“ זיך ווידער גענומען דריקען דאס ארימע פאלק; די נישט לאנג בעפרייטע קנעכט און דינ־סטען האט מען ווידער געצוואונגען צו טהון שווערע ארבייט און צו דערנידעריגען איינגאנצען זייער מענשליך רעכט, נישט קוקענדיג דער־רויף, וואס מען האט פריהער געשלאסען פייערליך א בונד און געשווארען שוין נישט צו צווינגען מעהר די אייגענע אידישע ברידער צו זיין קנעכט. די דאזיגע הארטהערציגקייט און אייגענניציגקייט האט שטארק געקרענקט דעם נביא ירמיהו, און ער האט געהאלטען פאר'ן קעניג און די שרים א געוואלדיגע שטראף־רעדע, אין וועלכער ער מאכט זיי א ביר־טערען פארוואורף פאר זייער ברעכען די שבועה: „איך וועל פריי לאזען אויף אייך — זאגט גאט — דאס שווערד, די מגפה, דעם הונגער און איהר וועט ווערען א שרעק־בילד פאר אלע מלוכות פון דער וועלט“. דער־ביי האט ירמיהו נבואה געזאגט, אז די חאלדייער וועלען צוריקקומען, די שטאדט איינגעהמען און פערניכטען. די פערבלענדעטע איינוואהנער וועלען אומקומען אין פייער און פון שווערד. ווי עס שיינט, האט דער מלך צדקיהו געגלויבט אין דער נבואה פון ירמיהו'ן, דען ער האט גע־שיקט צוויי פון זיינע שרים און דעם אויפזעהער איבער'ן בית־המקדש, צפניה, דעם זוהן פון מעשיה, צו ירמיהו'ן, אז ער זאל גאט בעטען, דאס די חאלדייער זאלען זיך מעהר צוריק נישט אומקעהרען צו ירושלים; ירמיהו האט דערויף געענטפערט פאלגענדעס: „אויב איהר וועט אפילו אויס־הרג'ענען די גאנצע חאלדייאישע ארמעע, און עס וועלען פון איהר בלייבען בלויז עטליכע פערוואונדעטע, וועלען אט די לעצטע קומען און אונטערצינדען די שטאדט“.

אויב פיעל שרים פון יהודה זענען שוין פריהער אויך געוועזען געגנער פון ירמיהו'ן, זענען זיי איצט, נאך זיין לעצטער רעדע וועגען די קנעכט, געווארען זיינע דם־שונאים. ווען ירמיהו האט געוואלט ארויס־געהן פון שטאדט, כדי צו בעזוכען זיין געבורטס־שטאדט ענתות גלייך מיט די איבריגע אידען, וועלכע זענען, נאך דעם אבציהען פון נבוכדנצר, ארויסגעגאנגען פון שטאדט, כדי זייער היים צו בעזוכען, האט איהם פעסטגעהאלטען א'אויפזעהער און געבראכט איהם צוריק אין ירושלים, בעשולדיגענדיג איהם, אז ער האט געוואלט אריבערגעהן צו די חאלדייער. אומזיסט האט ירמיהו גע'טענה'ט און זיך געשווארען, אז ער האט דאס גאר נישט געהאט אין זינען, מען האט איהם אבגעגעבען צו זיינע פיינד, די שרים, אין די הענד, פאר וועלכע דאס איז געוועזען א'אמת'ע שמחה, ווייל זיי האבען איצט געקאנט נקמה נעהמען אן איהם און אויסגיסען אויף איהם זייער גאנצען כעס. די שרים האבען בעהאנדעלט ירמיהו'ן, ווי א שפיאן און א פעררעטער; זיי האבען איהם געשלאגען און אריינ־געווארפען אין דער תפיסה פון יהונתן דעם סופר, וועלכער איז געוועזען

אַ מענש מיט אַנ'אייזערנעם הארץ, וואָס וויים נישט פון קיין רחמנות און קיין מיטגעפיהל. דאָרט איז ירמיהו געבליבען אין אַנ'ענגער שמוציגער אונגעזונדער גרוב פיעל טעג. זיין שטרענגער אויפזעהער האָט צו איהם קיין מענשען נישט צוגעלאָזען, אפילו נישט זיינע קרובים, און עס האָט אויסגעוויזען, אַז ער מיינט באמת איהם צו לאָזען אומקומען אין זיין עלענד, אָדער, ווענינגסטענס, צו דערניעדעריגען איהם אַזוי, אַז ער זאָל שוין מעהר נישט אַרויסטרעטען מיט זיינע שאַרפע רעדעס. דער'הרג'ענען אָבער האָבען איהם די שרים נישט געוואָגט. זיצענדיג אין דער דאָזיגער שרעקליכער גרוב, האָט דער נביא געקלאָגט אויף זיינע יסורים אין זיין טיעף־ריהרענד קלאָג־ליעד: „מען האָט מיך אַריינגעזעצט אין דער פינסטערניש, ווי אַנ'אייביג־געשטאָרבענעם; מען האָט אַרומגעצוימט אַרום מיך, און שווער געמאַכט מיינע קייטען; מיין לייב האָט מען מיר צוריסען, מיינע ביינער צובראָכען“...

נישט לאַנג האָט געדויערט די שמחה אין ירושלים. די אַרמעע פון די חאַלדייער האָט צושלאָגען די אַרמעע פון מצרים; איצט האָט שוין יהודה גאַרנישט געהאַט מעהר. פון וואַנען צו וואַרטען אויף הילף. די אַרומיגע פעלקער, אפילו אויך יענע, וועלכע האָבען אַ בונד געשלאָסען מיט יהודה, האָבען איצט נאָר אָבגעלאָכט פון איהר און האָבען זיך קוים געקאָנט דערוואַרטען דעם טאָג, ווען זי וועט שוין פאַלען. די חאַלדייער זענען באַלד צוריקגעקומען און האָבען נאָך פעסטער אַרומגערינגעלט ירושלים, כדי צו מאַכען גיכער מיט איהר אַנ'ענדע. איצט האָט שוין באמת אָנגעהויבען פאַלען דער מוט ביי די בעלאַגערטע. פיעל פון זיי האָבען שוין געטראַכט נאָר אַרויסצוראַטעווען זיך מיט לייב און לעבען, און פלעגען זיך אַרויס'גנב'ענען פון שטאָדט דורך די נישט־בעוואַכטע ערטער, כדי צו אַנטלויפען קיין מצרים, אָדער איבערצוגעהן צו די חאַלדייער. דער קעניג צדקיהו אַליין האָט זיך שוין אויך איבערצייגט, אַז ס'איז געוועזען אַ ווילדער שגעון פון אַזאַ קליינער, שוואַכער מלוכה, ווי יהודה איז, אונטערצונעהמען אַ מלחמה געגען דעם געוואַלדיגען פיינד, נישט האָבענדיג נאָך דערצו מיט זיך אויך דאָס גאַנצע פאָלק, וועלכעס זאָל קעמפפען מיט פייער און התלהבות פאַר זיין פרייהייט. די לעצטע האָפנונג האָט צדקיהו איצט געהאַט נאָר אויף ירמיהו'ן; בשתיקה האָט ער געשיקט רופען דעם נביא צו זיך אין פאַלאַץ אַריין און ביי איהם געפרעגט, אויב ער האָט געזעהן אַ וועלכע ס'איז נבואה פון גאָט וועגען דעם סוף פון דער מלחמה. ירמיהו האָט איהם דערויף געענטפערט, אַז ער האָט אַזאַ נבואה: „אויב דו וועסט נישט אונטערגעבען זיך דעם קעניג פון בבל — האָט ירמיהו געזאָגט — וועסטו זיכער אַריינפאַלען אין זיינע הענד“. מיט אַ צובראָכענעם הארץ און ערגעבען זיין ביטערען גורל, האָט צדקיהו אויסגעהערט די דאָזיגע נבואה און דעם נביא קיין שלעכטס נישט געטהון; ער האָט נאָך אפילו, אויף דעם

נביא'ס ביטע, שוין נישט געלאזען אבפיהרען איהם צוריק אין זיין שרעקליכער תפיסה אונטער יהונתן'ס אויפזיכט, נאר ער האט בעפוילען, אז מען זאל איהם געבען אנ'ארט אין קעניגליכען פאלאץ, אין „חצר המטרה", וואוהין מען האט איהם טעגליך געשיקט פון דער קעניגליכער בעקערייא שטיק ברויט. דא איז ירמיהו געבליבען עטליכע חדשים. ער איז אפילו דא געוועזען אונטער דער אויפזיכט פון די בעאמטע, דאך האט ער געהאט די פרייהייט, אויפצונעהמען ביי זיך געסט און פריינד און רעדען מיט זיי, וועגען וואס ער האט געוואלט. זיין געטרייער תלמיד און בעגלייטער, ברוך בן נריה, איז ווידער געוועזען ביי איהם.

די לאגע פון די בעלאגערטע און איינגעשלאסענע אין ירושלים איז דערווייל געווארען אלץ גרויזאמער. חוץ־דעם, וואס דורך דער מלחמה זענען טאג־טעגליך געפאלען פיעל מענשען פון ירושלים, האבען די איינוואהנער אויך נאך אנגעהויבען ליידען הונגער. אין שטאדט האט פערפעהלט ברויט, און מען האט עס געמוזט שוין אנהויבען אויסטיילען אין קליינע פארציעס אויפ'ן וואג. באלד איז שוין אבער איבערגעבליבען אין שטאדט גאנץ ווייניג ברויט, און די איינוואהנער האבען אנגעהויבען הונגערן. דער בלאסער הונגער־טויט האט טאג־טעגליך ארויסגעריסען נייע קרבנות: „פון דרויסען — דאס שווערד, אין שטאדט — דער הונגער". די צאהל פון די מתים און דער'הרג'עטע איז אזוי גרוים געווארען, אז מען האט זיי אויפגעהערט צו בעגראבען, און אין די הייזער, ווי אויך אויף די גאסען, האבען זיך געוואלגערט טויטע מענשען. צוליעב דעם הייסען זומער, האבען זיי באלד אנגעהויבען פוילען און פערפעסטעט די לופט. אין שטאדט האט אויסגעבראכען א שרעקליכע מגפה.

אלע אימה'דיגע נבואות פון די נביאים אין א משך פון עטליכע הונדערט יאהר, אלע קללות, וועלכע זענען דערמאנט געווארען אין דער תוכחה — אלץ איז איצט מקוים געווארען ווארט אין ווארט. צארטע קינדער האבען געבלאנדזשעט אין די גאסען און געזיפצעט מיט די לעצטע כחות: „אה, גיעב אונז ברויט א שטיקעל, אביסעל וויין" און דערביי פאלען, ווי די שוואלבען, אהן כחות אין זייער מוטערס שויס. עלטערע און אנגעזעהענע לייט, וואס פלעגען אלע מאל עסען נאר דאס שענסטע און בעסטע און געהן געקליידעט אין זייד און פורפור, האבען זיך איצט ארומגעשלעפט אין די גאסען, פערשמאכטעטע און פער־חלש'טע, ווי די שאטענס; קיינער וואלט איצט אין זיי נישט דערקענט די אמאליגע לוסטיגע און פריש־געזונדע העררען; ערגעץ וואו אין א ווינקעל אונטער א וואנד פלעגען זיי בלייבען ליעגען אהן כחות, ביז דער טויט פלעגט זיך אויף זיי דערבארימען. צו קבורה פלעגט זיי קיינער נישט ברענגען, די צאהל פון די מתים איז אהן זיי אויך געניג גרוים געוועזען! ווי די נביאים און, בעזונדערס, יחזקאל, האט פאראויסגעזאגט, האבען איצט די עשירים געוואלט געבען אוצרות געלד פאר א שטיקעל

ברויט. אָבּער קיינער האָט זיי נישט געקאָנט העלפען. דאָס גרויזאַמסטע דערבּיי איז געוועזען, וואָס צאַרטע מוטערס, האָבּען זייערע אייגענע קינדער דערשאָכטען, געקאָכט און זייער פלייש געגעסען, אבּי דעם הונגער צו שטילען.

און אין אַט דער צייט פון אַלגעמיינעם יאָמער און עלענד האָט דער נביא ירמיהו גערעדט צו אַלעמען, ווער עס האָט נאָר איהם געקאָנט הערען: „ווער עס וועט אין שטאָדט בּלייבּען, וועט אומקומען דורכ'ן שווערד, פון הונגער און פון דער מגפה; ווער אָבּער עס וועט צו די חאַלדייער אַרויסגעהן, וועט זיין לעבּען ראַטעווען, דען די שטאָדט וועט פאַלען און פערבּרענט ווערען". ווי נאָר די שרים האָבּען דערהערט, אַז דער נביא האַלט אַזאַ נבואה, האָבּען זיי געפאָדערט פון קעניג, אַז מען זאָל איהם בּעשטראָפען מיט'ן טויט, וויל ער געהמט צו בּיי די קעמפּפער דעם מוט ווייטער צו פיהרען דעם קאַמפּף. צדקיהו האָט זיך נישט געקאָנט אַנ'עצה געבּען, ווי אַזוי אָבּצוראַטעווען ירמיהו'ן, דען ער איז געוועזען צו־שוואַך געגען זיינע שרים. ער האָט דעריבּער געענטפערט: „דער נביא איז דאָך אין אייערע הענד, דער קעניג קאָן דאָך געגען אייך גאָרנישט טהון". דאַן האָבּען די שרים געלאָזט אַריינוואַרפען ירמיהו'ן אין אַ לעהם־גרוב, וואו ער איז שיער נישט איינגעזונקען געוואָרען. צו דער'הרג'ענען איהם אָבּער האָבּען די שרים אויך איצט נאָך נישט געוואַגט, נאָר זיי האָבּען געהאָפּט, אַז אינ'ם לעהם־גרוב וועט ער שוין אַליין אומקומען. און ער וואָלט טאַקי דאָרט אומגעקומען, ווען עס וואָלט זיך נישט דערבּאַרימט אויף איהם אַ כּושי פון די דינער פון קעניג, מיט'ן נאָמען עבד־מלך. דער דאָזיגער קנעכט איז העכסט בּייז געוואָרען אויף דער גרויזאַמער טהאַט פון די שרים געגען דעם נביא, ווי אויך אויף דער שוואַכקייט פונ'ם קעניג, וועלכער האָט עס דערלאָזען. ער האָט צדקיהו'ן אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז דער נביא וועט אין גרוב אומקומען, ווען מען וועט איהם נישט העלפען. און דער קעניג האָט איהם ערלויבּט אַרויפצוּבּרענגען דעם נביא פון גרוב מיט שטריק. די גרוב איז געוועזען אַזוי טיעף, און די ירושלים'ער איינוואָהנער זענען דאַמאָלס אַזוי שוואַך געוועזען, אַז מען האָט געבּרויכט צו האָבּען דרייסיג מענשען, כּדי צו קאָנען אַרויסנעהמען איין מענשען, ירמיהו'ן, פון דער גרוב. ירמיהו'ס לעבּען איז געראַטעוועט געוואָרען, אָבּער זיין פרייהייט האָט ער צוריק נישט בּעקומען. צדקיהו האָט איהם געלאָזט האַלטען פערשלאָסען אין דער „מטרה", ער האָט אָבּער שוין נישט דערלאָזען די שרים צו טהון איהם מעהר שלעכטס. צדקיהו האָט בּכלל נוטה געוועזען אונטערצוגעבּען זיך דעם פיינד, נאָר פערשיעדענע געדאַנקען און פּחדים האָבּען איהם דערפון אָבּגעהאַלטען. צדקיהו האָט דעריבּער געזוכט אַנ'עצה בּיי'ם נביא, מיט וועלכען ער האָט זיך איצט ווידער געזעהן אין אַ געהיימען זאַל אין פּאַלאַץ. דער קעניג האָט ווידער געפרעגט בּיי'ם נביא, צי עס

איז טאַקי אַ בעֶשלאָסעֶנעֶ זאַך, אַז די שטאָדט וועֶט פאַלעֶן, און אויך, אויב עֶר וועֶט זיך אונטעֶרגעֶבעֶן דעֶם מלך פון בבל, צי וועֶלעֶן איהם די אידעֶן, וואָס זעֶנעֶן שוין איבעֶרגעֶגאַנגעֶן צו איהם, נישט מבזה זיין איהם, אָבשפּאָטעֶן און דעֶר'הרג'עֶנעֶן איהם. דעֶר נביא האָט איהם דעֶרויף פעֶסט פעֶרזיכעֶרט, אַז קיין האָר פון זיין קאָפּ וועֶט אין חאַלדיאישעֶן לאַגעֶר נישט געֶריהרט ווערעֶן. דעֶרביי האָט נאָך דעֶר נביא צוגעֶלעֶגט, אַז אויב עֶר וועֶט זיך עקש'נעֶן און פיהרעֶן די מלחמה ווייטעֶר, וועֶלעֶן זיינעֶ אייגעֶנעֶ פרויעֶן פון איהם אָבשפּאָטעֶן, ווייל עֶר בעֶגעֶהט דעֶרמיט אַ נאַרישעֶן שריט. דעֶם קעֶניג האָט אָבעֶר געֶפעֶהלט מוט, צו טהון דאָס, וואָס ירמיהו האָט איהם אַנ'עֶצה געֶגעֶבעֶן; די צייט איז געֶגאַנגעֶן פאַרווערטס, און עֶר איז געֶזעֶסעֶן און געֶוואַרט, וואָס זיין ביטעֶרעֶר גורל וועֶט איהם ברעֶנגעֶן. ביז'ן לעֶצטעֶן מאָמעֶנט איז דעֶר קעֶניג נישט געֶוועֶן אימשטאַנד מנצח צו זיין זיין אונעֶנטשלאָסעֶנקייט. און אַט דאָס איז געֶוועֶן דעֶר לעֶצטעֶר קעֶניג פון דוד'ם הויז — אַ שוואַך, ווייבישעֶ מעֶנש!

דעֶר דרייפאַכעֶר טויט — דאָס שווערד, דעֶר הונגעֶר און די מגפה — האָט דעֶרווייל געֶמאַכט אַ שרעֶקליכעֶן חורבן פון דעֶר ירושלים'עֶר בעֶפעֶלקעֶרונג אין די לעֶצטעֶ דריי חדשים. די צאָהל פון די קעֶמפפעֶר איז געֶוואָרעֶן אַלץ וועֶניגעֶר, און עֶס האָט פעֶרפעֶהלט פעֶרטיידיגעֶר ביי דעֶר מויעֶר אַרום שטאָדט. אין די לעֶצטעֶ טעֶג פלעֶגעֶן די קעֶמפפעֶר אָבגעֶהן צו דעֶר מויעֶר, ווי טרויעֶר-שאָטעֶנס, אָהן מוט און אָהן כח, טייל פון זיי פלעֶגעֶן פאַלעֶן אויפ'ן וועֶג, אויסגעֶמאַטעֶרטעֶ פון הונגעֶר, טייל — פון די פיילעֶן, וואָס די חאַלדייעֶר האָבעֶן אָהן אויפהעֶר געֶשליידעֶרט אויף די פעֶרטיידיגעֶר פון דעֶר מויעֶר. איינעֶר נאָך דעֶם אַנדעֶרעֶן זעֶנעֶן געֶפאַלעֶן די לעֶצטעֶ קעֶמפפעֶר אויף דעֶר מויעֶר פון דעֶר שטאָדט, און עֶנדליך האָט געֶשלאָגעֶן די לעֶצטעֶ שעה: די פעֶסטעֶ שטאָדט, וועֶלכעֶ די פרעֶמדעֶ פעֶלקעֶר האָבעֶן אויך געֶהאַלטעֶן פאַר אונמעֶגליך איינצונעֶהמעֶן, איז געֶפאַלעֶן. דעֶם ניינטעֶן תמוז (656 פאַר'ן צווייטעֶן חורבן) האָט זיך געֶשטאַרקט דעֶר הונגעֶר אין שטאָדט; קיין ברויט איז שוין מעֶהר גאַרנישט געֶוועֶן; די קעֶמפפעֶר זעֶנעֶן געֶוועֶן אַזוי מיעד און אָהנמעֶכטיג, אַז זיי האָבעֶן נישט געֶקאָנט גוט אָבהיטעֶן די מויעֶר אַרום שטאָדט, און דאַדורך איז עֶס געֶלונגעֶן די חאַלדייעֶר דורכצוברעֶכעֶן זי אין איין אָרט און אַריינצוקומעֶן אין שטאָדט. די חאַלדייאישעֶ הויפּטלייט, וועֶלכעֶ האָבעֶן די בעֶלאַגעֶרונג געֶפיהרט, זעֶנעֶן אַריינגעֶקומעֶן מיט זייערעֶ מחנות ביז אין מיטעֶן שטאָדט, נישט בעֶגעֶגעֶנעֶנדיג קיין ווידעֶרשטאַנד, ווייל ס'איז פשוט נישט געֶוועֶן שוין מעֶהר קיין קעֶמפפעֶר. אין דעֶם טויעֶר, וועֶלכעֶר פעֶרבינדעֶט די אונטעֶרשטאָדט מלוא מיט'ן בארג ציון, האָבעֶן זיי אויפגעֶשטעֶלט זייעֶר געֶצעֶלט, כדי צו משפט'ן דאָרט די בעֶפעֶלקעֶרונג. די חאַלדייאישעֶ קריגעֶר האָבעֶן

זיך דערווייל צוגאָסען אין אַלע גאַסען פון שטאָדט און געהרג'עט יונגע לייט און עלטערע, וועלכע' זענען נאָר פעהיג געווען נאָך צו קעמפפען, אנדערע האָבען זיי גענומען געפאַנגען און איינגעשמידט אין קייטען. די ווילדע קריעגער, וועלכע זענען, דורך דער לאַנגער בעלאַגערונג, נאָך מעהר פערווילדעט געוואָרען, האָבען געשענדעט פרויען און יונג־פרויען און אויסגעהרג'עט אָהן רחמנות קינדער און אַלטע לייט. אויך אין בית־המקדש זענען זיי אַריינגעקומען און געמאַכט דאָרט אַן'אמת'ע בלוט־באָד צווישען די כהנים און נביאים, וועלכע האָבען זיך דאָרט בעהאַלטען. די חאַלדייער האָבען אין מקדש געמאַכט אַזאַ ליאַרם און א געפילדער, פונקט, ווי זיי וואָלטען געוואָלט דאָרט פיהרען א קאַמפף אויך מיט'ן אידישען גאָט. צוזאַמען מיט די חאַלדייער זענען אויך געקומען די שכנות'ע פעלקער, וועלכע נבוכדנאצר האָט געצוואונגען צו געהן מיט זיינע מחנות, די פעלקער פלשתים, אדום און מואב. זיי האָבען צורויבט אַלע אוצרות פון בית־המקדש און איהם מטמא געוועזען.

אין דער גרויסער מהומה איז דערווייל געלונגען דעם מלך צדקיהו מיט'ן רעשט פון די קעמפפער צו ענטלויפען בייננאַכט דורך א גאַנג אונטער דער ערד. ער האָט געוואָלט געשווינד ענטלויפען אויף יענער זייט ירדן. אָבער די חאַלדייאישע רייטער, „פלינק ווי די אַדלערס", האָבען זיך געלאָזט נאָכיאָגען נאָך זיי. וועהרענד זיי זענען געגאַנגען מיט די לעצטע קרעפטען. אין איינעם פון די ענגע דורכגענג ביי'ם ירדן האָבען די חאַלדייער געחאַפּט צדקיהו'ן מיט זיין מחנה און גענומען זיי געפאַנגען. אין ירושלים גופא האָבען דערווייל די חאַלדייער גענומען געפאַנגען דעם כהן־גדול שריה און דעם אויפזעהער איבער'ן בית־המקדש, צפניה, דעם סרים, וועלכער איז געוועזען דער ממונה אויף דער אידישער אַרמעע, פינף אָדער זיעבען שרים פון דעם קעניג'ס מקורבים און נאָך זעכציג מאַן. אַלע דאָזיגע געפאַנגענע האָט מען אַבגעפיהרט קיין רמה, וואו נבוכדנאצר האָט געדאַרפט אַרויסזאָגען זיין אורטייל איבער זיי. צווישען די געשלאָסענע אין קייטען איז אויך געוועזען דער נביא ירמיהו. די חאַלדייער האָבען איהם גענומען געפאַנגען אין קעניגליכען הויף אין דער מטרה און זיי האָבען געמיינט, אַז ער געהערט צו די קעניגליכע דיענער. פאַר אַן'אויפזעהער איבער די געפאַנגענע האָבען די חאַלדייער בעשטימט איינעם פון די אָנגעזעהענסטע אידען פון ירושלים, גדליהו דעם זוהן פון אחיקם, שפן'ס אַנ'אייניקעל, וועלכער האָט פון אָנפאַנג בעלאַגערונג אָן געהערט צו דער „חאַלדייאישער פאַרטיי", ד. ה. צו די, וואָס האָבען געראַטען שלום צו מאַכען מיט נבוכדנאצר'ן.

ווען דער אונגליקליכער רעשט פון אידישען פאָלק האָט זיך דער־וואוסט, אַז דער קעניג איז אויך גענומען געוואָרען געפאַנגען, איז ביי איהם פערשוואונדען געוואָרען דער לעצטער פונק פון האָפנונג. צדקיהו מיט זיינע מענשען זענען גענומען געוואָרען געפאַנגען אַרום יריחו, נישט

ווייט פון ירדן, וואו ער האט זיך געקאנט ראטעווען אריבערגעהענדיג דעם טייך. ווי נאר דעם קעניג'ס בעגלייטער האבען דערזעהען פון דער ווייטען די כאלדייער, זענען זיי זיך צולאפען, טייל פון זיי איבער'ן ירדן, טייל פון זיי ערגעץ וואו אנדערש, איבערלאזענדיג דעם קעניג. זיינע זיהן מיט עטליכע פרינצען אין די הענד פון פיינד. דעם געפאנגענעם קעניג מיט זיינע זיהן און די אנדערע שרים האט מען אבגעפיהרט ווייט פון זייער פאטערלאנד, קיין רבלה, וואו נבוכדנאצר האט געהאט זיין הויפט-קוואַרטיר. דארט האט נבוכדנאצר אויסגעגאסען זיין גאנצען צארן אויף צדקיהו'ן, פארוואס ער האט דורך זיין ברעכען די שבועה געבראכט צו דער מלחמה. די שטראף, וועלכע נבוכדנאצר האט אויף איהם ארויפ־געלעגט, איז אבער געווען גרויזאם. צדקיהו האט פערדיענט מעהר פאר אנדערע מלכים אין זיין לאגע רחמנות, ווייל ער איז געווען נאר א אינ־סטרומענט אין די הענד פון די שרים און זיין גאנצע זינד איז בעשטאנען נאר דערין, וואס ער איז געווען פון דער נאטור א שוואכער מענש, כמעט אהן א'אייגענעם ווילען. נבוכדנאצר האט אבער פון רחמנות נישט געוואוסט: ער האט געלאזט צדקיהו'ס זיהן און אלע זיינע פער־וואנדטע פרינצען אויסשעכטען פאר זיינע אויגען. דערנאך האט ער איהם אויך געלאזט בלינד מאכען און אבפיהרען געשמידט אין קייטען קיין בבל אין געפענגעניש. דארט האט דער לעצטער אידישער קעניג געלעבט נישט לאנג. דער טויט האט איינגיכען געמאכט א'ענדע צו זיין אונגליקליך טרויעריג לעבען.

אויך פ.ל שרים האט נבוכדנאצר געלאזט אויסשעכטען אין רבלה, צווישען זיי — דעם כהן-גדול, שריה, דעם צווייטען כהן, צפניה, סך-הכל, עטליכע און זיעבציג שרים.

ירושלים איז געווארען א מתים-הויז. טויטע מענשען האבען זיך געוואלגערט אין אלע איהרע גאסען און אין די הייזער. אלע איהרע טויערען און עפענטליכע פלעצער זענען געשטאנען פוסט און וויסט. אויף אלע וועגען צו איהר איז געלעגען א טרויער. די שטאדט איז אבער נאך גאנץ געווען. וואס האט פון איהר געזאלט ווערען ווייטער? די כאלדייאישע הויפטלייט, וועלכע האבען זי איינגענומען, האבען נאך נישט געהאט קיין בעפעהל פון נבוכדנאצר'ן, וואס מען זאל מאכען מיט דער הויפט-שטאדט ירושלים. נבוכדנאצר האט כלל נישט געוואלט פער־וויסטען דאס לאנד יהודה, דען ער האט עס געמוזט האבען אין זיינע מלחמות מיט מצרים. אבער א לאנד אהן א פעסטער הויפט-שטאדט קאן זיך דאך נישט האלטען, ווייל די ארומיגע פעלקער וואלטען דאך עס באלד איינגענומען. פאר נבוכדנאצר'ן איז דעריבער גלייכער געווען, אז ירושלים זאל בלייבען גאנץ אונבערירט. פון דער אנדער זייט אבער איז עס געווען געפעהרליך פאר די כאלדייער צו לאזען בעפעסטיגטע אזא

שטאָדט מיט אַזעלכע העלדישע און שטאָלצע אײנוואָהנער, וועלכע וואָלטען אוּדאַי נישט געזוימט אײנציכען ווידער אָבצופֿאַלען פֿון בבל. און ווידער, וואו נעהמט מען אַ געטרײַען מענשען, וואָס מען זאָל איהם קאָנען אָנטרויען אַזאַ שטאָדט, נאָכדעם, ווי אפילו דער עהרליכער צדקיהו איז אויך פֿאַלש געוואָרען געגען בבל? דער דאָזיגער לעצטער געדאַנק איז פֿאַר נבוכדנאצר'ן געווען דער וויכטיגסטער און ער האָט געגעבען אַ בעפֿעהל זײַן הויפּטמאַן, נבוזראדן הרוב צו מאַכען ירושלים.

ווי נאָר נבוזראדן איז אַרײַנגעקומען מיט זײַנע מחנות אין ירושלים, זענען פֿאַר איהם אַרויסגעטראָטען די אַלטע אידישע שונאים, די שרים פֿון אֶדום, און דערוועקט איהם, אַז ער זאָל די צושטערונג דורכפֿיהרען אָהן קײן שום רחמנות, און שוינונג. „צושטערט, צושטערט אַלץ ביז'ן גרונד!“ — האָבען זיי געפֿאָדערט. נבוזראדן האָט דעריבער באַלד געלאָזט אונטערצינדען דעם בית־המקדש, דעם קעניגליכען פּאַלאַץ און די פּאַלאַצען פֿון אַלע שרים; ער האָט אויך בעפֿוילען אַראָבצורײַסען די גאַנצע וואַנד־מויער אַרום שטאָדט, און אַלע בעפֿעסטיגונגען. און דער דאָזיגער בעפֿעהל איז פּינקטליך אויסגעפֿיהרט געוואָרען (10־טער אָב, 656 פֿאַר'ן צווייטען חורבן). די אוצרות, וועלכע זענען נאָך איבערגעבליבען אין בית־המקדש, די קינסטלעריש־געאַרבײַטע קופּערנע סלופּעס, דער קופּערנער ים (אַ ווײַסער בעקען), די קופּערנע וואַסער־וואָגענס, די כּלים פֿון גאָלד און זילבער, וועלכע מען האָט גענוצט בײַ די קרבנות, די מוזיקאַלישע אינסטרומענטען — אַלץ, אַלץ האָט מען צושלאָגען און צובראָכען אָדער אָבגעפֿיהרט קײן בבל. „פֿון ירושלים איז געבליבען — ווי די נביאים האָבען פֿאָראויסגעזאָגט — אַ באַרג צובראָכענע געבײַדעס, פֿון באַרג מוריה, וואו דער בית־המקדש איז געשטאַנען — אַ הויכער וואַלד־באַרג“.

אָבער קײן אײנציגע פֿון די גרויסע וועלט־הויפּטשטעדט, וועלכע האָבען איבערגעלעבט אַזאַ חורבן, ווי ירושלים, זענען נישט אַזוי העריליך בעקלאָגט געוואָרען, ווי ירושלים. צו אַזאַ ליעבענד טרויעריג געפֿיהל, ווי ס'האָט זיך אויסגעגאָסען נאָך ירושלים'ס חורבן, האָט נאָך קײן גרויסע שטאָדט נישט זוכה געווען. די פּאָעזיע האָט געשילדערט איהר טרויעריגען סוף אין קינות, תהלים־קלאָגען און תפלות מיט אַזעלכע ריהרענדע טענער, אַז יעדעם ווײַך־געשטימטע האַרץ שפּירט נאָך איצט אויך מיטלייד מיט'ן גרויסען אונגליק פֿון דער הייליגער שטאָדט. אַ מערטירער־קרוין האָט די פּאָעזיע אויסגעפֿלאָכטען אַרום ירושלים. צי איז עס געווען ירמיהו, בײַ וועלכען ס'האָט זיך די ערשטע קינה אויסגעגאָסען פֿון האַרצען אויף ירושלים'ס חורבות, צי איז עס געווען זײַן תלמיד ברוך? אָדער אפשר זענען געווען נאָך אַנדערע דיכטער, וועלכע האָבען טיעפֿען טרויער אין זייער דיכטונגס־קונסט פֿעראייביגט? ווער קאָן דאָס וויסען איצט. אַלע דאָמאָלסדיגע קינות האָבען איינע אין די זעלביגע פֿאָרם.

די פערזען געהען נאכ'ן אלף־בית. די ערשטע קינה איז געדיכטעט געווארען באלד נאכ'ן איינגעהמען ירושלים, ווען די שטאדט איז נאך געשטאנען גאנץ און די מויערען מיט די פאלאצען זענען נאך נישט צושטערט געווארען, אבער די איינוואהנער זענען שוין געווען פערשוואונדען צוזאמען מיט דער איבעריגער פרייד, וואס האט אין שטאדט געהערשט. די דאזיגע קינה בעקלאגט איבערהויפט ירושלים'ס עלענד און די פאלשקייט פון יענע פעלקער, וועלכע האבען אליין אנגערעדט אבצופאלען פון בבל, און איצט לאכען זיי נאר פון איהר גרויסען בראך. מיט א פערביטערט הארץ קלאגט דער נביא:

ציון ברעכט די הענד און קלאגט —
ס'איז קיין טרייסט פאר איהר ניטא.
יעקב'ס פיינד האט גאט בעפוהלען
אנצופאלען איהם ארום.
ירושלים איז געווארען
ווי א פרוי אנ'אויסגעלאסענע —
פאר די פעלקער אומעטום...
הערט, אה, הערט, איהר פעלקער אלע,
זעהט מיין ביטער שמערץ:
מיינע שענע, יונגע טעכטער,
מיינע גרויסע, וואוילע זיהן,
קנעכט־געפאנגען שמאכטען זיי.
רופען טהו איך מיינע פריינד —
פאלש געווארען זענען זיי...
מיינע כהנים און זקנים
האבען ברויט אין שטאדט געבעטעלט —
אויסגעגאנגען עלענד, וועה!

די צווייטע קינה טרויערט מעהר איבער דעם חורבן פון דער שטאדט ירושלים און איהרע מויערען, בעזונדערס אבער, איבער דעם בית־המקדש:

ווי האט מיין גאט מיט צארן
פערהילט די טאכטער ציון
מיט שווארץ־געדיכטע וואלקענס!
די הערליכקייט ישראל'ס
פון הויכען שענעם הימעל
געווארפען אויף דער ערד...
דערמאנט אפילו אויך נישט
זיין איינגענעם טהראן, דעם קלארען
אין טאג פון גרויסען צארן...
געווארען מיר א פיינד

איז גאָט אין זײַן צושטערען...
צובראָכען גרויסע פּאַלאַצען,
פערדאָרבען זײַנע פעסטונגען,
פערוואָרפען זײַן מזבח
געשענדעט זײַן בית־מקדש,
דעם פֿײַנד האָט ער פערשאָנקען
די מויערען פון ציון...

די פירטע*) קינה בעקלאָגט דעם עלענד פון אַלע טײַערע און ערהאַבענע מענשען פון ציון, וועלכע זענען אומגעקומען אין דער הונגער־נויט, אָדער זענען אַבגעפירט געוואָרען אין געפאַנגענשאַפט, ווי אויך דאָס פערשווינדען אַלע האָפנונגען דורך דעם נעהמען אין געפאַנגענשאַפט דעם קעניג:

ווי גאָלד קאָן, אַך, ווערען פערדונקעלט,
ווי גין־גאָלד — אַזוי שטאַרק פערענדערט!
ווי וואַלגערן זיך הײליגע שטײנער
אַרום אין די אָפענע גאַסען!
די טײַערע קינדער פון ציון —
מיט גאָלד זענען זיי דאָך געוואויגען —
צו שאַרבענס געמײנע פון טעפּער,
אוי, זענען זיי איצט שוין געגליכען...

די גאַנצע טיעפקײַט אָבער פון׳ם ברענענדיגען וועהטאָג האָט אויסגעגאָסען אַ לוי פון דער משפּחה אָסף, וועלכער איז, געשמידט אין קייטען, פערטריבען געוואָרען אין בבל, — אין זײַן תהלים־טרויער:

אָה גאָט!
געקומען זענען הײדען — אַרײַן צו דיר אין מקדש
פעראומרײניגט דײַן היכל — — —
געמאַכט ירושלים — אַ באַרג אַ גרויסען אַש...
פערגאָסען בלוט ווי וואַסער — אַרום דער הײליגער שטאָדט,
געוואָרען זענען מיר — צו שאַנדע און צו שפּאָט.

טויזענד יאָהר איז פאַראיבער, זינט די שבטים פון ישראל זענען מיט יונגען מוט און גרויסער האָפנונג אַריבערגעגאַנגען דעם ירדן אונטער אַ קרעפטיגען מנהיג און פערנומען אַ פעסטען אָרט אין לאַנד כנען; פינף הונדערט יאָהר איז אַריבער, זינט די ערשטע מלכים פון דוד׳ס הויז האָבען דערהויבען זייער לאַנד צו דער מדרגה פון אַ וועלט־מאַכט. און וואָס פאַר אַ סוף! דער גרעסטער טייל פון די צעהן שבטים איז שוין העכער הונדערט יאָהר פערשוואונדען געוואָרען צווישען פרעמדע פעלקער;

---

*) די דריטע קינה „איך בין דער מאַן" בעציהט זיך פערזענליך אויף ירמיהו׳ן, זי מען האָט שוין געזעהען פריהער.

פון די איבריגע שבטים, וועלכע זענען פערבליבען אין לאנד יהודה, איז א גרויסער טייל אויסגעה׳רג׳עט געווארען, אדער אומגעקומען אין הונגער און אין מגפות, א קלענער טייל איז אבגעפיהרט געווארען אין געפאנגענשאפט, נאך א קלענערער טייל האט אויסגעוואנדערט קיין מצרים, אדער אין אנדערע לענדער, אדער האט נאך געלעבט אין קימער און אין נויט אין ארץ־ישראל גופא, אויסקומענדיג דערמיט, וואס דער פיינד האט איהם איבערגעלאזען. ווי ריכטיג איז ערפילט געווארען די נבואת פון יחזקאל: „א דריטעל וועט אומקומען דורכ׳ן הונגער אין ירושלים, א דריטעל וועט פאלען אונטער׳ן שווערד און א דריטעל וועט צוזייהט און צושפרייט ווערען אויף אלע ווינדטען, אבער אויך איבער איהם וועט דאס שווערד הענגען און עס וועט זיין צו שאנד און שפאט צווישען די פעלקער“. אויף דעם קליינעם רעשט פון אידישען פאלק האט זיך באמת אויסגעגאסען דער גאנצער ווילדער צארן פון פערשידענע פיינד, כדי איהם אויך צו פערטיליגען, אום עס זאל קיין איינציגער נישט בלייבען און זיין היימישען לאנד. דאס, וואס איז פארגעקומען נאכ׳ן חורבן, איז געווען אויך אזוי גרויזאם, ווי דער חורבן גופא.

די איבעריגע קריעגער, וועלכע זענען ענטלאפען אין דער פינסטערער נאכט צוזאמען מיט צדקיהו דורך א גאנג אונטער דער ערד, זענען, ווי שוין דערמאהנט, זיך באלד צולאפען, ווי נאר זיי האבען דערזעהען פון דערווייטען די חאלדייאישע פערפאלגער. א קליינער הייפעל פון זיי איז, אונטער דער אנפיהרונג פון א פירשט פון דעם קעניג׳ס משפחה, ישמעאל, דער זוהן פון נתניה, ענטלאפען איבער׳ן ירדן און אויפגענומען געווארען פריינדליך פונ׳ם קעניג פון עמון, בעלים; אייניגע פון זיי זענען געבליבען אין עמון, אנדערע האבען זיך בעזעצט אין מואב. די איבריגע זענען ענטלאפען קיין מצרים, וואוהין עס האבען שוין פריהער אריבערגעוואנדערט פיעל אידישע משפחות, ווייל זיי האבען געהאפט, אז דער דארטיגער קעניג הפרע, וועלכער האט געשלאסען א בונד מיט צדקיהו׳ן, וועט זיי אויפנעהמען פריינדליך און בעשיצען. אבער כדי צו קאנען קומען אהין, האבען זיי געמוזט דורכגעהן דאס לאנד אדום, וואו דאס פאלק האט געהערט צו די שרעקליכסטע אידישע פיינד. די אלטע שנאה, וואס איז געווען צווישען אדום און יהודה, איז אזוי גרויס געווען, אז אדום האט נישט אבגעקיהלט זיין כעס און שנאה אפילו אויך דאן, ווען ער האט געזעהען דאס גרויסע אידישע עלענד און נאכדעם, ווי ער האט אליין געהאלפען חרוב מאכען ירושלים און איז רייך געווארען, רויבענדיג אין איהרע גאסען. אדום האט אויסגעשטעלט שומרים אויף זיינע גרעניצען און איז אנגעפאלען אויף אלע אידישע ענטלאפענע, וועלכע מען פלעגט באלד אויס׳הרג׳ענען, אדער איבערגעבען די חאלדייער, כדי דאדורך זיי צו חנפ׳ענען און ארויסווייזען זיי די אייגענע כלומר׳שטע געטריהייט. אדום האט אויך הערביי געהאט

און זינען אַ פּאָליטישע קאָמבינאַציע. ער האָט געוואָלט דאַדורך דער־
שלאָגען זיך דערצו, אַז נבוכדנאצר זאָל איהם אַבגעבען גרויסע שטיקער
לאַנד פון יהודה. אויסערדעם, ווען מען וועט די אידען אויס'הרג'ענען,
וועט דאָך אויך נישט זיין מעהר קיין בעל־הבית אויפ'ן לאַנד, עס וועט
ווערען הפקר, און מען וועט קאָנען פערנעהמען, וואָס מען וועט וועלען.
אדום האָט זיך אפילו אויך נישט געשעמט אָפען צו בערימען זיך:
„ביידע לענדער, יהודה און ישראל, וועלען מיר געהערען, איך וועל זיי
ירש'ענען". — נאָר אַ קליינער טייל פון די אידישע ענטלאָפענע האָבען
זיך געקאָנט דורכשלאָגען מיט גרויסער מיה קיין פעניקיען, וואו זיי
האָבען אַ פריינדליכע אויפנאַהמע געפונען, ווייל פעניקיען איז נאָך פון
אַלטע צייטען פריינדליך געווען פערבונדען מיט יהודה. פעניקיען איז
אָבער געלעגען צו־ווייט פון יהודה, און פיעל ענטלאָפענע זענען אויפ'ן
וועג איבערגענומען געוואָרען דורך די כאַלדייער, וועלכע האָבען זיי
אָדער דער'הרג'עט, אָדער אַבגעפיהרט און געפאַנגענשאַפט.

די מייסטע הויפּטלייט, וועלכע זענען מיט צדקיהו ענטלאָפען פון
ירושלים, האָבען אָבער זיך בעשלאָסען בעסער צו בלייבען אין לאַנד
יהודה. זיי האָבען זיך אַזוי פעסט געהאַלטען אין זייער באָדען, וואו זיי
זענען געבוירען געוואָרען און אויסגעוואַקסען, אַז זיי האָבען זיך מיט
איהם נישט געקאָנט שיידען. אין שפּיץ פון די דאָזיגע מענשען איז גע־
שטאַנען יוחנן, דער זוהן פון קרח. זיי האָבען אָבער געמוזט אויפזוכען
הייהלען און גריבער, צו בעהאַלטען זיך פאַר'ן פיינד און נישט אַריינ־
פאַלען צו איהם אין געפאַנגענשאַפט. הייהלען און גריבער האָבען זיי גע־
פונען אין די בערג, אָדער אויך אונטער די חורבות פון די פערוויסטעטע
שטעדט. פון דאָרט פלעגען זיי אָפט אַרויסציהען אין לאַנד אַרום צו
זוכען עסענוואַרג, אָדער אָנצופאַלען אויף קליינע אַבטיילונגען פון די
כאַלדייער און אויס'הרג'ענען זיי. דען זיי האָבען נאָך אַלץ נישט פער־
לאָרען די האָפנונג צו קאָנען פערבלייבען אין לאַנד יהודה און אָנהויבען
דאָרט באַלד אַ נייע לעבען: „אונזער פאָטער אברהם — האָבען זיי גע־
זאָגט — איז אַליין געווען אין לאַנד, און האָט עס געערבט, מיר זענען
דאָך פיעל, וועלען מיר עס געוויס ערבען". שרעקליך איז אָבער געווען
זייער גורל, ווען זיי פלעגען, זוכענדיג ברויט פאַר ווייב און קינדער,
אַריינפאַלען צו די כאַלדייער אין די הענד. דורכ'ן ביטערסטען טויט
פלעגען זיי אומקומען, נאָכדעם, ווי מען פלעגט זיי פייניגען און אַב־
שפּאָטען פון זיי. „אַלטע שרים פלעגט מען אויפהענגען, יונגע לייט
פלעגט מען צווינגען צו טראָגען מיהל־שטיינער" און ערפילען אַנ'אַנדער
שקלאַווען־דיענסט. וועגען דער דאָזיגער פערצווייפעלטער לאַגע האָט
איינער פון די דיכטער, וואָס איז געוועזן צווישען די אונגליקליכע, גע־
דיכטעט אַ קינה, וועלכע איז, מיט איהרע קורצע געדריקטע פערזען,
פול טרעהרען און יאָמער:

רבונו של עולם, דערמאהן זיך,
וואס איז פון אונז אידען געווארען;
די חרפות, די ביטערע אונז'רע,
אה, גאטעניו, קוק זשע און זעה!
צו פרעמדע געהערט אונזער נחלה,
צו גוים, — אה, אונזערע הייזער!
מיר זענען געווארען פער'יתומ'ט,
קיין פאטער מעהר האבען מיר נישט;
געבליבען, אה, אונזערע מאמעס,
ווי פינסטערע, וויסטע אלמנות...
דאס וואסער, צו לעשען דעם דורשט,
בעקומען מיר טייער פאר זילבער;
דאס האלץ צו דערווארמען דאס לעבען,
ווי ביטער מיר מוזען עס קויפען!
אין נאקען פערפאלגט מען אונז שטענדיג,
מיר זענען, אה, מיעד, אהן קיין רוה...
עס הערשען די קנעכט איבער אונז,
בעפרייער, וועה, האבען מיר נישט.
דאס טרוקענע שטיקעלע ברויט —
מיט'ן לעבען בעצאהלען מיר עס —
פון שווערד אין דעם מדבר פערפאלגט,
עס ברענט אונז די הויט אויפ'ן לייב
פון צעהרענדען, שרעקליכען הונגער...
פערשטערט איז די פריידע אין הארצען,
א טרויער, אנשטאט אונזער טאנץ!
דאס הארץ, אוי, עס שמאכטעט פון וועהטאג,
ס'ווערט פינסטער, אוי, אונז אין די אויגען:
דען ציון, ווי ליעגט זי פערוויסטעט,
און שאקאלען געהען אויף איהר...

איין אויגענבליק האט שוין אויסגעוויזען, אז עס נעהמט א סוף מיט'ן עלענד פון די געבליבענע פונ'ם מורא'דיגען פאלקס-חורבן, און עס הערט אויף דער גרויזאמער, פערניכטענדער קאמפף געגען דעם הייפעל ענטלאפענע. נבוכדנאצר האט נישט געוואלט, אז דאס לאנד יהודה זאל אונטערגעהן אינגאנצען, ער האט עס געמוזט האבען ביי זיין דורכגעהן אויף זיין מלחמה מיט מצרים, און האט דעריבער בע־שלאסען, צו לאזען עס עקזיסטירען אויך ווייטער, אלס א קליין לאנד אהן א בעזונדערער מאכט. עס פערשטעהט זיך, קיין אידישער קעניג האט שוין מעהר איבער'ן לאנד נישט געדארפט זיין נאכדעם, ווי דריי מלכים פון דוד'ס הויז האבען געגען איהם אנ'אויפשטאנד געמאכט.

אַ מלך פון אַ פרעמד פאָלק צו זעצען איבער אידען, האָט נבוכדנאצר אויך נישט געוואָלט, דען ער האָט פערשטאַנען, אַז אַ פרעמדען מענשען וועט דאָס אידישע פאָלק נישט וועלען געהאָרכען, און אין לאַנד וועט קיין רוהיגקייט נישט צוריקגעשטעלט ווערען. ער האָט דעריבער בעשלאָסען צו בעשטימען נאָר אַ פערוואַלטער איבער'ן לאַנד, און אויסגעקליבען האָט ער דערויף גדליהו, דעם זוהן פון שפן, וועלכער האָט זיך אַרויסגעוויזען פאַר אַ קלוגען מענשען פון דער חאַלדייאישער פּאַרטיי, און נבוכדנאצר האָט צו איהם געהאַט צוטרוי. גדליהו האָט געדאַרפט צונויפזאַמלען אַרום זיך דעם רעשט פון פאָלק, די אַלע, וועלכע האָבען געלעבט אין אימה און פחד, בעהאַלטענדיג זיך ערגעץ וואו אין אַ הייהל, אָדער אין אַן אַלטער איינגעפאַלענער חורבה, אויפמונטערן זיי צוריקקעהרען צו זייערע פעלדער און וויינגערטנער און בעאַרבייטען דאָס לאַנד, אַז עס זאָל נישט פערוויסטעט ווערען. נבוזראדן, וועלכער האָט חרוב געמאַכט די שטאָדט ירושלים און גענומען געפאַנגען זעהר פיעל אידען, האָט ערהאַלטען דערויף אַ בעפעהל פון נבוכדנאצר'ן איבערצולאָזען אין לאַנד אַלע אָרימע, שטילע איינוואָהנער און אַבפיהרען צו איהם קיין רבלה אַלע געפאַנגענע, וועלכע זענען נאָך פעהיג וויטער דעם קאַמפף צו פיהרען; טייל פון זיי האָט מען גלייך געדאַרפט אַבפיהרען קיין בבל. די געבליבענע אין לאַנד האָבען געדאַרפט ערהאַלטען פעלדער און גערטנער פון נבוכדנאצר'ס האַנד מיט דער בעדינגונג צו בעאַרבייטען עס און נישט לאָזען דאָס לאַנד ווערען אַ וויסטען מדבר. די אַלע דאָזיגע לאַנד־אַרבייטער האָבען זיך געזאָלט געפינען אונטער גדליהו'ס מאַכט, וועלכער האָט געדאַרפט וואָהנען אין מצפה, אַנדערטהאַלבען שעה גאַנג פון ירושלים.

גדליהו איז געווען דער רעכטער און בעסטער מענש פאַר דער שווערער אויפגאַבע אין דער איצטיגער לאַגע. ער איז געווען אַ מילדער מענש, וואָס ליעבט דעם שלום, און אין אַ געוויסער מאָס — אַ תלמיד פון דעם נביא ירמיהו, דען זיין פאָטער אחיקם איז געווען אַ פריינד און אַ בעשיצער ירמיהו'ס. גדליהו איז שוין אפשר געווען צו גוט, אָדער ער האָט געהאַט צופיעל צוטרוי צו מענשען און זיך פערלאָזען מעהר, ווי מען מעג, אויף זייער דאַנקבאַרקייט. איהם האָט נבוכדנאצר אַנגעטרויט די רוהיגע געפאַנגענע, די טעכטער פון קעניג צדקיהו, פיעל ווייבער און קינדער און אויך די סריסים פון צדקיהו'ס הויף. לאַנד־אַרבייטער האָבען זיך געפונען אונטער זיין שוץ לערך טויזענד מאַן.

נבוכדנאצר האָט אויך געהאַט בדעה איבערצולאָזען ביי גדליהו'ן אַלס אַ ראַטגעבער דעם נביא ירמיהו, און האָט דעריבער געגעבען אַ בעפעהל זיין הויפטמאַן נבוזראדנ'ען, צו בעהאַנדלען ירמיהו'ן גוט און ערפילען אַלע זיינע פערלאַנגען. מעגליך, אַז נבוכדנאצר האָט געהערט,

דאס דער נביא ירמיהו האט וועגען איהם נבואה געזאגט שריט פאר שריט, פון זיין טהראן-בעשטייגען אן, און איהם פאראויסגעזאגט א גרויסע צוקונפט, אדער עס האט איהם בכלל הנאה געטהון, צו הערען, אז אפילו א נביא פון א פרעמד פאלק ווידמעט איהם זיינע נבואות און שטעלט איהם איבער אלע פעלקער. ווען נבוזראדן איז אבגעגאנגען קיין רמה פון ירושלים, כדי דארט אויסצוקלייבען פון די געפאנגענע אידען די, וועלכע ער דארף אבשיקען קיין רבלה און אבשיקען די איבריגע קיין בבל, האט ער בעפרייט ירמיהו'ן פון זיינע קייטען, אין וועלכע ער איז געוועזען געשמיעדט, גלייך מיט אלע אנדערע געפאנגענע, און איהם ערלויבט צו געהן, וואוהין ער וויל — צי קיין בבל מיט די געפאנגענע, אדער צו גדליהו'ן מיט די געבליבענע אין לאנד. דערביי האט ער איהם אבער אנ'עצה געגעבען בעסער צו געהן קיין מצפה, צו גדליהו'ן.

ירמיהו האט געהאט דאס פולע רעכט צו קלאגען: איך בין עס דער מענש, וועלכען די השגחה פון גאט האט אויסגעקליבען אויף צו זעהען דעם גאנצען עלענד פון מיין פאלק. איצט האט ער געמוזט צו-זעהען די יאמערליכע סצענעס, ווי מען האט די געפאנגענע אידען גע-בונדען אין קייטען, אבגעפיהרט אין קנעכטשאפט קיין בבל פון רמה. הארצרייסענד זענען געוועזען די יאמער-געשרייען און דאס קלאגען פון די מאנסבילען, ווייבער און קינדער, וועלכע מען האט געשלעפט פון זייער היים אין א פרעמד לאנד. ירמיהו האט זיי געטרייסט, אז אויב אפילו נישט זיי אליין, וועלען דאך, וואהרשיינליך, זייערע קינדער, אדער איי-ניקלעך, צוריקקומען אהיים:

א שטים ערקלינגט אין רמה
זי קלינגט און טרויערט, יאמערט, —
די מאמע־רחל וויינט,
זי וויל קיין טרייסט נישט נעהמען
נאך איהרע ליעבע קינדער,
זיי זענען מעהר נישט דא.
אזוי זאגט אבער גאט:
האלט איין דיין שטים פון וויינען,
ווישׁ־אב די טרעהרען דיינע:
צוריק נאך וועלען קומען
פון לאנד פון שטארקען פיינד
די ליעבע קינדער מיינע.
אין צוקונפט איז פאר דיר
א האפענונג א גרויסע:
דאס לאנד וועט דיינע קינדער
נאך ווייט און ברייט געהערען.

זעהר שווער איז געוועזען פאר ירמיהו'ן, צו בעשליסען זיך, וואוהין

צו געהן. זיין הארץ האט איהם געצויגען מיט די אונגליקליכע אין גלות ארײן, בפרט נאך, אז אין לאנד, אין דערהיים, האט ער שוין מעהר נישט געהאט, וואס צו טהון. ירמיהו האט פערגליכען די פערטריבענע אין גלות מיט גוטע, שמעקעדיגע פריהע פייגען; דאגעגען די אידען, וואס זענען אין לאנד געבליבען, האט ער פערגליכען מיט פערפוילטע פייגען, וואס דער שטורם־ווינד האט אראבגעריסען. ער האט פיעל מאל געראטען דעם קעניג צדקיהו, אונטערצוגעבען זיך דעם קעניג נבוכדנאצר און אויסצוואנדערן אין בבל, וויל די אידען, וועלכע בלייבען אין לאנד, זענען פערשאלטען דורך גאט און בעשטימט צום אונטערגאנג. ירמיהו האט דעריבער אליין אויך געדארפט געהן אין גלות קיין בבל. פון דער אנדער זייט אבער איז עס שווער געווען דעם אלטען נביא צו שיידען זיך פון זיין געליעבט לאנד; שווער איז איהם געווען אבער אויך, צו בלייבען מיט גדליהו'ן, וויל די פערטריבענע ברידער האבען זיך שוין, ווי עס שיינט, געקלאגט אויף איהם, אז ער וויל זיי פערלאזען אין דער צייט, ווען ער האט געקאנט פיעל ערלייכטערן זייער ביטערען גורל, זייענדיג א חשוב ביי נבוכדנאצר'ן. ירמיהו האט דעריבער איבערגע־לעבט א שווערען קאמפף און האט זיך געקלאגט: „וועה איז מיר, מיין מוטער, וואס דו האסט מיך געבוירען — א מענש, וואס מוז זיך קריגען מיט א וועלט!... איך בין קיינעם נישט קיין בעל־חוב, און מאהן ביי קיינעם נישט קיין געלד, און אלע שילטען מיך". ענדליך האט ירמיהו בעשלאסען צו בלייבען אין לאנד מיט גדליהו'ן און ווערען א לעהרער און ערציהער פאר די פערווילדעטע איבערגעבליבענע ברידער, און ער האט דעריבער ערקלערט עפענטליך: „אזוי האט גאט געזאגט: איך האב דיך געלאזט איבערלעבען דעם חורבן, כדי דו זאלסט אויך גוטס דער־לעבען, און אויב דו וועסט דאס איידעלע פון דאס געמיינע ארויסבע־קומען, וועסטו ווירקען ווי איך אליין וויל. זיי וועלען זיך ווענדען צו דיר, און נישט דו צו זיי!

מיט א טרויעריג הארץ איז ירמיהו אבגעגאנגען קיין מצפה צו גדליהו'ן. זיין תלמיד ברוך איז ווידער געווען מיט איהם. נבוכדנאצר האט פון ירמיהו'ס טעטיגקייט ערווארטעט אזוי פיעל גוטס, אז ער האט בעפויהלען, דאס מען זאל איהם געבען מתנות און זיין שטענדיג אויסקומעניש. ירמיהו'ס געגענווארט ביי גדליהו'ן האט אין דער ווירקליכקייט אויפגעמונטערט די געבליבענע אונגליקס־ברידער, און זיי האבען אנגעהויבען צו האפען אויף א בעסערע צוקונפט. גדליהו האט געלאזט וויסען אלעמען, אז יענע, וועלכע וועלען צו איהם אונטער זיין שוץ קומען, וועלען קאנען לעבען רוהיג אויפ'ן לאנד און אין די שטעדט. אזוי ארום האבען אנגעהויבען צו קומען צו גדליהו'ן די אידישע צולא־פענע פון די פערשיעדענע ארומיגע לענדער. אלע געקומענע האבען גע־שלאסען מיט איהם „שלום", דאס הייסט: זיי האבען זיך מתחייב געווען

צו בלייבען געטריי דעם קעניג נבוכדנאצר. זיי האָבען פֿערזייהט די פֿעלדער, אויסגעבעסערט די וויינגערטנער און פֿרוכטגערטנער. דער תבואה-שניט האָט זיי געגעבען הונדערט מאָל מעהר, ווי זיי האָבען פֿערזייהט, די גערעטעניש איז געווען זעהר גרויס. קיין איינוואָהנער זענען אין לאַנד כמעט נישט געבליבען, און דעריבער האָבען זיי געהאַט פֿיעל לאַנד און גרויסע הכנסות. אייניגע שטעדט האָבען זיך ווידער אויפֿגעהויבען פֿון זייערע חורבות. גדליהו האָט אויך אויסגעבויט אַ גאַטעס-הויז אין מצפה, ווייל ירושלים און דער באַרג מוריה זענען געווען פֿערוויסטעט, שאַקאַלען זענען דאָרט אַרומגעגאַנגען, און די שטאָדט האָט מען צוריק נישט געלאָזט אויפֿבויען.

מצפה האָט פֿון אייביג אָן געגאָלטען פֿאַר אַ הייליגען אָרט, ווייל דאָרט האָט דאָך אויך שמואל געבויט אַ מזבח און פֿערזאַמעלט אַהין אַלע אידען. די האַלב-אידישע, האַלב-געצענדיענערישע קאָלאָניע האָט איצט אויך אָנערקענט מצפה פֿאַר אַ הייליגען אָרט, און עס זענען אַהין געקומען אויך די איינוואָהנער פֿון אפרים, די כ ו ת י ם פֿון שומרון, שילה און שכם, און געבראַכט קרבנות און קטורת, נאָכדעם, ווי די כהנים פֿון בית-אל און די מזבחות פֿון עשתרות זענען פֿערניכטעט געוואָרען. אַזוי אַרום איז מצפה געוואָרען דער צענטר פֿון די קליינע קהלות. דער „רעשט אידען“, איבער וועלכע גדליהו איז געווען אויפֿגענומען, האָבען אפילו געהאַט אויף זיך נאָך שטאַרקע חאַלדייאישע משגיחים, וועלכע האָבען געדאַרפֿט בעאָבאַכטען אויך דעם אויפֿגענומענעם גדליהו, אַז ער זאָל נישט מאַכען קיין אויפֿשטאַנד געגען נבוכדנאצר. אָבער ביי'ם שרעקליכען אַרומיגען עלענד, ביי דעם גרויסען חורבן, וואָס איז געוואָרען פֿונ'ם גאַנצען לאַנד, האָט מען נאָך געקאָנט ערטראָגען ליכט די דאָזיגע חאַלדייאישע השגחה; אַלענפֿאַלס, האָבען די אידען, וואָס זענען אין לאַנד געבליבען, געריכט זיך אויף אַ פֿיעל ערגערען צושטאַנד. סוף-כל-סוף זענען זיי דאָך פֿאָרט געווען אין דער היים, לפחות!

אויך יענע אידישע העלדען, וועלכע האָבען זיך אויפֿגעהאַלטען אין די מדבריות און צווישען די בערג, און געפֿיהרט אַ שטענדיגע מלחמה מיט די ווילדע חיות און מיט די נאָך ווילדערע מחנות פֿון די חאַלדייער, — אויך זיי האָבען זיך איצט ענטשלאָסען צו קומען צו גדליהו און אונטערגעבען זיך איהם, נאָכדעם, ווי זיי האָבען זיך איבערציינגט, אַז יעדער ווייטערדיגער קאַמפֿ מיט'ן שווערד וועט שוין דעם פֿאָטערלאַנד און דעם פֿאָלק קיין נוצען נישט ברענגען. יוחנן, קרח'ס זוהן, און אַנדערע אָנפֿיהרער האָבען אָנגעהויבען אונטערהאַנדלען מיט גדליהו'ן, און ווייל ער האָט זיי פֿערזיכערט און געשוואָרען, אַז וועגען זייער פֿערגאַנגענהייט וועט מען פֿערגעסען, אויב זיי וועלען נאָר איצט געטריי בלייבען נבוכדנאצר'ן, האָבען זיי זיך אויך איבערגעגעבען גדליהו'ן,

ארויסגעבענדיג איהם זייער געוועהר; זיי האבען זיך אלע איצט פער־נומען מיט פריעדליכער ארבייט: זיי האבען בעארבייט זייערע פעלדער און אנגעהויבען אבבויען די שטעדט, וואס אין זייערע חורבות האבען זיי זיך ביז איצט בעהאלטען. זיי און זייערע לייט זענען געוועזען א גאנץ היבשע מחנה, און וויל זיי זענען אלע געוועזען געלערנטע קעמפפער און האבען זיך געקאנט האלטען א לאנגע צייט געגען נבוכדנאצר׳ס מחנות, האבען זיי אויך איצט, מיט זייער געגענווארט, געהויבען דעם מוט פון דער גאנצער אידישער בעפעלקערונג ארום גדליהו׳ן. לסוף איז אויך געקומען צו גדליהו׳ן דער הויפטמאן ישמעאל, נתניה׳ס זוהן, פון דער קעניגליכער משפחה.

מיט דעם דאזיגען שלעכט־הערציגען, הארטען מענשען האט זיך אריינגעצויגען אין מצפה א בייזער גייסט, וואס האט פערטריבען דעם שלום און די רוהיגקייט פון דער קליינער געמיינדע, וואס איז נאך איי בערגעבליבען אין לאנד יהודה. ישמעאל האט אפילו אויך שלום־געמאכט מיט גדליהו׳ן און די חאלדייער, אבער אין טיעפען הארצען האט ער געשפירט א געוואלדיגען צארן געגען ביידען און געשמיעדט פלענער, איינער גרויזאמער פאר׳ן אנדערען. ציי איז עס געוועזען די קנאה געגען גדליהו׳ן, וואס ישמעאל, אליין א קעניגליכער פרינץ, האט געמוזט איהם געהארכען, אדער אין ישמעאל׳ן האט זיך נישט געקאנט בערו־היגען דאס בעליידיגטע פאטריאטישע געפיהל, זעהענדיג, וואס די חאלדייער האבען געמאכט פונ׳ם אידישען לאנד, אדער אפשר ביידע געפיהלען צוגלייך, האבען געטריבען ישמעאל׳ן צום גרויזאמען, שרעק־ליכען פערברעכען אבצוברומען גדליהו׳ן פון וועג? ס׳איז קיין ספק נישט, אז דעם פלאן צום פערברעכען האט אויפגעגעבען ישמעאל׳ן דער קעניג פון עמון בעלים, וועלכער האט נישט געקאנט צוזעהן רוהיג, ווי אין יהודה האט אנגעהויבען וואקסען א נייע לעבען אונטער׳ן שוץ פון קעניג נבוכדנאצר. ישמעאל האט א געוויסע צייט צוגעבראכט אין עמון און דארט האט איהם דער קעניג בעלים אויפגערייצט געגען גדליהו׳ן און אנגערעדט איהם צו דער׳הרג׳ענען. דאדורך האט בעלים געהאפט, אז מען וועט נבוכדנאצר׳ס צארן אזוי שטארק דערהיצען, דאס ער וועט פערטיליגען דעם רעשט אידען, וואס איז נאך געבליבען אין יהודה. די איבריגע הויפטלייט, בעזונדערס, יוחנן קרח׳ס זוהן, האבען זיך דער־וואוסט פון ישמעאל׳ס שענדליכען פלאן צו ערמארדען גדליהו׳ן און האבען דעם לעצטען געווארענט און פארגעלעגט איהם זייער דיענסט; זיי האבען געבעטען ביי איהם א׳ערלויבניש צו דער׳הרג׳ענען ישמעאל׳ן, כדי עס זאל נישט אונטערגעהן דאס רעשט אידען. אבער גדליהו האט דער ווארנונג נישט געגלויבט און ערקלערט, אז מען טראכט אויס א שקר געגען ישמעאל׳ן.

גדליהו׳ס צו־גרויסער גלויבען און צוטרוי אין מענשען, אדער זיין

חאראקטער־שוואכקייט, איז געווארען א פערדערבעניש פאר'ן אידישען רעשט, ווי אויך פאר דער צוקונפט פון דער יונגער אידישער געמיינדע, וואס האט זיך נאר־וואס איינגעארדענט אין לאנד. פיער יאהר זענען פערלאפען, זינט גדליהו האט, באלד נאכ'ן חורבן, אנגעהויבען זאמלען ארום זיך די צעווארפענע און צעשטרייטע אידען, ווען ישמעאל איז געקומען איינמאל קיין מצפה צו א פערזאמלונג, און גדליהו האט איהם איינגעלאדען צו זיך אויף א מאהלצייט. מעגליך, אז די פערזאמעלטע זענען שוין געווען בערוישט פונ'ם געטרונקענעם וויין, און האבען פון קיין שלעכטס נישט געוואוסט,— ישמעאל מיט זיינע צעהן מענשען האבען זיך פלוצלונג געווארפען מיט בלויזע שווערדען אויף גדליהו'ן און איהם דער'הרג'עט; דערנאך האבען זיי אויך אויסגע'הרג'עט אלע איבריגע אידען און חאלדייער, וועלכע זענען דארט געווען פערזאמעלט און געווען פעהיג צו האלטען געוועהר אין קאמפף. די איבריגע איינוואהנער פון מצפה, די זקנים, פרויען און קינדער, ווי אויך די סריסים, האבען זיי גענומען געפאנגען און געהיט, אז מען זאל נישט געבען צו וויסען עמיצען וועגען דער מערדעריי. ישמעאל האט זיך דערוואוסט, אז אויף מארגען דארפען קומען 80 מענשען פון שכם, שילה און שומרון מיט קרבנות און מתנות אין גאטעס־הויז אריין. ישמעאל האט זיי אויפגענומען פאר דער שטאדט און, ווען זיי זענען אריינגעקומען אין מצפה, האט ער זיי צושניידעט און געלאזט אויסשעכטען זיעבציג מענשען פון זיי און נאר צעהן האט ער געלאזט לעבען, וויל זיי האבען איהם צוגעזאגט אבצוגעבען די אוצרות, וועלכע זיי האבען בעהאלטען אין פעלד. דערנאך האט ישמעאל מיט זיינע צעהן מענשען גענומען געפאנגען מיט זיך די טעכטער פון קעניג, די זקנים, די פרויען, די קינדער, ווי אויך דעם אלטען נביא ירמיהו מיט זיין תלמיד ברוך, כדי זיי אבצופיהרען אלעמען איבער'ן ירדן קיין עמון. דארט האט דער פערברעכער געהאפט צו קאנען זיך בעהאלטען פאר'ן צארן פון נבוכדנאצר, נאכדעם, ווי ער האט אויסגע'הרג'עט זיין אויפגענומענעם איבער'ן לאנד און די חאלדייער, וועלכע יענער האט דארט געלאזען. וואס האט אבער געוואלט ישמעאל מאכען אין עמון מיט די זקנים און קינדער, איז שווער צו וויסען.

ווי שטארק ישמעאל האט נישט אבגעהיט די געהיימנים פון זיין פערברעכען, האט מען זיך דאך באלד פון איהר דערוואוסט. יוחנן און די איבריגע הויפטלייט זענען דורך דער דאזיגער ידיעה שרעקליך דערשראקען געווארען. דורך דעם פערברעכען האט מען ביי זיי צוגענומען דעם לעצטען ארט, וואו זיי האבען זיך געקאנט האלטען, דען פאר זיי איז קיין ספק נישט געוועזן, אז נבוכדנאצר וועט זיי בעשולדיגען אין פערברעכען און זיי הארט בעשטראפען. זיי האבען דעריבער בעשלאסען באלד די ערשטע זאך, צו פערפאלגען ישמעאל'ן. ניעבען טייך, ארום

גבעון, האָבען זיי איהם אָנגעיאָגט און געוואָלט מיט איהם פיהרען מלחמה. ישמעאל'ס געפאַנגענע זענען אריבערגעגאַנגען צו זיי, און, ווי עס שיינט, איז עס געקומען צו אַ מלחמה צווישען יוחנן און ישמעאל'ן, דען פון ישמעאל'ס לייט זענען צוויי מענשען דער'הרג'עט געוואָרען. ישמעאל'ן איז אָבער געלונגען צו ענטלויפען איבער'ן ירדן מיט זיינע איבעריגע אַכט מענשען צוריק קיין עמון. זיין אונמענשליך פערברעכען איז איהם געלונגען אויסצופיהרען: מיט גדליהו'ס טויט איז אויך חרוב געוואָרען דאָס רעשט פון אַ אידיש לעבען אין יהודה.

דען די איבערגעבליבענע אידען האָבען זיך נישט געקאָנט בעשליסען אין לאַנד צו בלייבען. זייער לאַגע איז געווען שרעקליך; זיי האָבען נישט געגלויבט, אַז נבוכדנאצר זאָל פון זיי נישט נעהמען קיין נקמה און האָבען דעריבער געזעהען פאַר זיך נאָר איין וועג — דעם לאַנגען וועג קיין מצרים. דערצו האָט מען זיך אָבער געמוזט צואיילען, נאָך איידער נבוכדנאצר וועט שיקען זיינע מחנות זיי צו פערפאָלגען. די אידישע אָנפיהרער מיט יוחנן בראש האָבען זיך דעריבער געלאָזט געהן צו דרום־צו, קיין מצרים. באַלד אָבער האָבען זיך געלאָזט הערען רוהיגערע שטימען, וועלכע האָבען געפרעגט, אויב עס וואָלט אפשר נישט געווען גלייכער צו האַלטען זיך פעסט אַרום אייגענעם לאַנד, איידער צו געהן אין אַ פרעמד לאַנד געגען אַ'אונבעוואוסטער און אונזיכערער צוקונפט. ווי עס שיינט, האָט דעם דאָזיגען געדאַנק דערוועקט ברוך, ירמיהו'ס תלמיד; אייניגע אָנפיהרער האָבען מיט איהם איינגעשטימט, וועהרענד אַנדערע זענען געווען געגען דעם. די פראַגע איז געווען זעהר אַ וויכטיגע, ווייל פון איהר איז אָבגעהאַנגען די צוקונפט און דאָס לעבען פון פיעל מענשען, די אָנפיהרער האָבען אָבער זיך נישט געקאָנט צוזאַמענרעדען און אָנגעהמען אַ'איינשטימיגען בעשלוס. ס'איז דעריבער געבליבען ביי זיי איבערצולאָזען די פראַגע דעם נביא ירמיהו'ן, וועלכער זאָל גאָט בעטען, אַז ער זאָל איהם ענטדעקען אין אַ נבואה, וואָס זיי זאָלען טהון. דערביי האָבען אַלע געשוואָרען, אַז זיי וועלען פאָלגען דעם נביא, וואָס ער זאָל זיי נישט ראַטען, צי ווי זיי ווילען, צי געגען זייער ווילען.

צעהן טעג נאָכאַנאַנד האָט ירמיהו גאָט געבעטען, אַז ער זאָל איהם דעם נביא'ישען גייסט געבען און ווייזען דעם ריכטיגען וועג, ווי אַזוי צו ראַטען זיינע אונגליקליכע ברידער. די שרעקליכע ענוים, וואָס דער אַלטער נביא איז אויסגעשטאַנען אין די לעצטע וואָכען, די גרויסע מאָראַלישע און פיזישע יסורים האָבען פערפינסטערט זיין גייסט. ווי עס שיינט, און דער ריינער נביא'ישער גייסט האָט זיך שוין אַזוי אָפט צו איהם נישט געוויזען. דערווייל האָט זיך אָבער געענדערט די שטימונג אַרום דעם נביא, און די אַלגעמיינע מיינונג איז געווען, אַז מען

דארף אויסוואנדערן קיין מצרים. ווען ירמיהו האט ארום זיך פערזא־
מעלט אלע אנפיהרער און דאס פאלק, יונג און אלט, כדי צו ערקלערען
זיי זיין נבואה, אז גאט האט בעפויהלען, דאס זיי זאלען אין לאנד
בלייבען, דען נבוכדנאצר וועט זיי קיין שלעכטס נישט טהון, האט ער
באלד בעמערקט נאך זייערע פינסטערע פנים'ער, אז זיי זענען בייז
געגען איהם, דען זיי האבען שוין בעשלאסען צו געהן קיין מצרים. דער
נביא האט דעריבער ערקלערט ווייטער, אז אויב זיי וועלען געהן קיין
מצרים, וועט זיי דערגרייכען דארט דאס שווערד, פאר וועלכען זיי האבען
מורא. קיינער פון זיי וועט שוין מעהר דאס פאטערלאנד נישט זעהען,
און זיי וועלען אומקומען אין פערשידענע פגעים רעים. ווי נאר ירמיה
האט זיין רעדע געענדיגט, זענען די אנפיהרער ארויסגעטראטען געגען
איהם און אויסגערופען: „דו רעדסט ליגען! נישט גאט האט דיר דאס
געזאגט, נאר ברוך האט דיר אנגערעדט אונז צו געבען אזא עצה". און,
נישט וועלענדיג הערען ווייטער דעם נביא, האבען זיי זיך אין וועג ...
לאזען קיין מצרים, פיהרענדיג מיט זיך די גאנצע מחנה, צי מיט'ן גוטען
ווילען צי געגען דעם. אויך ירמיהו און ברוך האבען געמוזט מיטגעהן,
ווארום וואס האבען זיי אליין געקאנט טהון אינ'ם פערלאזענעם לאנד?
אזוי האט די גאנצע מחנה געוואנדערט, ביז זי איז געקומען צו דער
גרעניץ־שטאדט תחפנחס (Taphnaï), א בעפעסטיגטע שטאדט
אויף איינעם פון די טייכען, וואס גיסען זיך ארייו אין נילוס. דער קעניג
פון מצרים, הפרע, האט זיי אויפגענומען פריינדליך; ער האט דאך פארט
געשפירט, אז אין אלע אידישע אונגליקען איז ער דער הויפט־שולדיגער,
דען ער האט אידען אנגערעדט, צו מאכען דעם אויפשטאנד געגען בבל.
אין מצרים האבען זיי געפונען אידישע געמיינדעס, וועלכע האבען זיך
שוין דארט פריהער בעזעצט אין די שטעדט מגדל, תחפנחס, מוף און
סאיס (מעמפיס און תתרוס). אט אזוי זענען די בני יעקב נאך פערלויף
פון העכער טויזענד יאהר צוריקגעקומען אהין. ווי פערענדערט האט
זיך אבער איצט די לאגע! דאמאלס זענען עס געווען קרעפטיגע מענשען,
וועלכע האבען געשטאמט פון פאסטוכער, מיט א גאנצער, נישט צובראָ־
כענער נשמה, פול מיט די שענסטע האפנונגען; איצט אבער זענען
צוריקגעקומען צובראכענע נשמות, נאך א לאנגען קעמפפען, מיט
א פערוועהטאגט הארץ, מיט א צושטערטען גייסט, ווייט פון זייער גאט,
ווייט פון זייער לאנד, אבגעריסען פון זייער פאלקסטימליכקייט, אבער
נאך נישט אויף אזוי פיעל, אז זיי זאלען זיך קאנען אינגאנצען אבורייסען
פון איהר און צונויפגיסען זיך מיט די ארומיגע פעלקער, כדי אונטער־
צוגעהן און פערשווינדען, נישט זייענדיג מעהר קיין בעזונדער פאלק.
דערווייל האבען זיי געלעבט אין מצרים, צוהערענדיג זיך דורשטיג, ווי
געוועהנליך עמיגראנטען טהוען, צו יעדער פאליטישער נייער געשע־
העניש, אין דער האפנונג, אפשר וועט זיך פאר זיי עפענען א געלעגענ־

היינט צו קומען צוריק אַהיים און קאָנען דאָרט לעבען אין דער אַמאָליגער אייגענער פרייהייט.

דאָס לאַנד יהודה איז דערווייל אינגאַנצען וויסט געבליבען אָהן אַ בעפעלקערונג. נבוכדנאצר האָט נישט אויפגענומען גלייכגילטיג די געשעהענישען אין מצפה, וואו מען האָט ערמאָרדעט גדליהו'ן מיט זיינע מענשען. ווי עס שיינט, האָט ער איינגעזעהען, אַז ער האָט געמאַכט אַ פעהלער, וואָס ער האָט געלאָזען וואָהנען מענשען אין לאַנד אָהן קיין שום בעשיצונג, בלויז פערלאָזענדיג זיך אויף איין מענשען. נבוכדנאצר האָט ווידער געשיקט זיין הויפּטמאַן נ ב ו ז ר א ד ן; נאָר ער האָט שוין די אידישע אָנפיהרער דאָ נישט אָנגעטראָפען, אויסער עטליכע רוהיגע לאַנדאַרבייטער, גערטנער און וויין־זאַמלער, מיט זייערע ווייבער און קינדער, סך־הכל זיבען הונדערט מיט פינף און פערציג פערזאָן, שוין גאָר דאָס לעצט ביסעל פון'ם גאַנצען אידישען פאָלק. זיי אַלעמען האָט נ ב ו ז ר א ד'ן גענומען געפאַנגען און אָבגעפיהרט קיין בבל (652 פאַר'ן צווייטען חורבן). דאָס איז געווען דער דריטער און לעצטער גלות נאָך יהויכין. די אונשולדיגע האָבען אויך דאָס מאָל געדאַרפט בעצאָהלען פאַר די שולדיגע. וואָס עס איז געוואָרען פון ישמעאל מיט זיינע בלוטיגע לייט, האָט די געשיכטע נישט פערצייכענט. דער נאָמען פון ג ד ל י ה ו, אחיקם'ס זוהן, איז, צוליעב דעם געוואַלטזאַמען טויט און זיינע שרעק־ליכע פאָלגען פאַר'ן רעשט אידען, געבליבען צום אייביגען אָנדענקען ביי אידען. צום אָנדענקען פון זיין טויט האָט מען בעשטימט דעם דריטען טאָג פון חודש תשרי פאַר אַ טאָג פון טרויער און תענית פאַר אַלע אידען, וואָס זענען געווען אין גלות, סיי אין בבל, סיי אין אַנדערע לענדער. — נבוכדנאצר האָט בעשלאָסען, נאָך גדליהו'ס טויט, קיין איינציגען אידען נישט איבערצולאָזען אין גאַנצען לאַנד יהודה. דאָס לאַנד איז דעריבער געבליבען גאָר פערוויסטעט, אָהן מענשען. אנשטאָט זיי האָבען ווילדע חיות זיך אַריינגעצויגען אין לאַנד. אַ שפּעטערדיגער נביא האָט געקלאָגט איבער דעם דאָזיגען חורבן: „די הייליגע שטעדט זענען וויסט געוואָרען, ציון איז אַ מדבר, ירושלים — אַ גרויזאַמער אָרט פון פערוויסטונג". אין גאַנץ יהודה האָט מען מעהר קיין לעבע־דיגען מענשען, קיין בהמה, אפילו קיין פויגעל אין ערגעץ נישט געקאָנט מרעפען, אַלע זענען פערוואָגעלט געוואָרען, אַלע אַרויסגעגאַנגען פון'ם לאַנד. אויך די דאָזיגע תוכחה, וועלכע די נביאים האָבען פאָראויסגע־זאָגט, איז מקוים געוואָרען. דער באָדען פון יהודה האָט זיך איצט גע־קאָנט אויסרוהען און פייערען די שמיטה־ און יובל־יאָהרען, וועלכע די בעפעלקערונג האָט נישט געפייערט, ווען זי האָט נאָך אין לאַנד גע־וואָהנט. נאָר אין דרום־קאַנט האָבען די איינוואָהנער פון אדום פער־נומען אייניגע ערטער פון יהודה — מיט דער ערלויבניש פון נבוכדנאצר, אָדער אָהן איהר — און אויסגעברייט דאָדורך זייער לאַגד אויף דעם

נידעריגען געביעט (שפלה) ביז'ן מיטעללענדישען ים. צווישען די פער־טריבענע אידען האט געגען דעם געהערשט א שטארקער צארן, אויפ־רעגונג און שנאה געגען די אדומים, וועלכע זענען אזוי פרעהליך געוועזען זעהענדיג דאס אונגליק פון אידישען פאלק און האבען מיט אזא חשק טיילגענומען אינ'ם צושטערען די שטאדט ירושלים, דעם בית־המקדש און בערויבען דאס לאנד. ווי אויך געגען זייער גרויזאמקייט ביי'ם ארויסגעבען די אידישע אנטלאפענע צו די כשדייער. און פערנעהמען זייער לעצט ביסעל פערמעגען. צווי נביאים, וועלכע האבען זיך ארויס־געראטעוועט פון דער שרעקליכער בלוט־באד און געלעבט צווישען די פערטריבענע אידען אין גלות, האבען ארויסגעזאגט זייערע געפיהלען פון צארן און וועהטאג געגען אדום: עובדיה און נאך איין נביא, וואס זיין נאמען איז אונז אונבעוואוסט. ביידע האבען נבואה געזאגט אויף דאס „פערהאסט קליין פעלקעל“, אז עס וועט אויך טרינקען דעם ביטערען בעכער, און אדום וועט פערוויסטעט ווערען אויף אייביג פאר אלע שלעכטסקייטען, וואס די אדומים האבען ארויסגעוויזען געגען אידען.

די אויסגעוואנדערטע און ענטלאפענע פון יהודה האבען איבעראל זיך בעגעגענט מיט ווענינ ליעבשאפט מצד די פעלקער; מייסטענס האט מען זיי אויפגענומען גאר מיט אנ'אפענער, אדער א פערבעהאלטענער שנאה. דאס אידיש לאנד איז געלעגען וויסט און פערווילדעט און א טייל איהרען האט גאר פערנומען אדום. דאס אלץ האט אבער נישט צוגע־נומען ביי די פערטריבענע און אויסגעוואנדערטע אידען די האפנונג, אז זיי זאלען זיך באלד ווידער צוריקקעהרען אין זייער לאנד און בעזעצען עס. די דאזיגע האפנונג האט זיך אין זיי געשטארקט, בעזונדערס, צו־ליעב די מלחמות, וואס האבען דאמאלס אויסגעבראכען אין לאנד. פונ'ם דאזיגען טעות האט זיי געוואלט בעפרייען דער אלטער נביא ירמיהו. ער האט אויסערדעם אויך געוואלט זאגען זיין שארף ווארט די אידען, וואס האבען אין מצרים געוואהנט, ווייל דאס אלגעמיינע אידישע אונגליק האט זיי נישט געבעסערט, און זיי האבען אין מצרים ווידער אנגענומען דעם קולט פון דער געצין נעאיט, אדער דער הימעלס־קעניגין, ווי מען פלעגט זי רופען. ביי דער דאזיגער שטרע־בונג, צו שטעלען הויך אלץ, וואס פרעמד איז, האבען זיי אבער, אויף א גאר אונפערשטענדליכען אופן, און פערבלענדעניש זיך נישט אבגע־זאגט אויך פון זייער אייגענעם קולט. דיענענדיג צו דער מצרים'שער געצין, פלעגען זיי נאך פונדעסטוועגען רופען אין דער נויט צום אידישען גאט, מתפלל זיין צו איהם און זיין שווערען אין זיין נאמען. צום לעצטען מאל פאר זיין טויט האט דער נביא ירמיהו געוואלט זאגען זיינע ברי־דער, אז ביי אזא אונפערבעסערליכקייט וועלען זיי זייער פאטערלאנד קיינמאל צוריק נישט זעהען. ירמיהו האט דעריבער געלאזט צוזאמענ־רופען די אידען אויף א גרויסער פערזאמלונג אין תחפנחס. דער אלטער

נביא איז נאָך פאָרט געווען א גרויסער חשוב ביי אידען, און אויף זיין
איינלאַדונג זענען געקומען פיעל מענשען. דער נביא האָט די פערזאָ־
ניעלטע געשילדערט מיט קלאָרע ווערטער זייער פערדאָרבענהייט: „צו
ו אָס זאָלט איהר אַליין זיך טהון שלעכטס, אַז עס זאָל פון אייך קיין
עריד ופליט נישט איבערבלייבען, און מאַן און פרוי, יונג און קינד
זאָלען איינגאַנצען פערטיליגט ווערען פון לאַנד יהודה? דאָס אלץ מוז
דאָך אָבער קומען צוליעב אייערע שלעכטע מעשים, צוליעב אייער גע־
צענדיענעריי אפילו אויך אין א פרעמד לאַנד. איהר ווערט דאָך א קללה
און א חרפה צווישען די פעלקער"... די דאָזיגע האַרציגע, נישט־גע־
קינסטעלטע רעד פון'ם גרייז־גראָהען נביא האָבען אָבער זייער ציעל
נישט דערגרייכט. דער געצענדיענסט איז אַזוי טיעף געווען איינגעוואָר־
צעלט אין די אידישע הערצער, אַז זיי האָבען זיך מיט איהם עפענטליך
בעריהמט און האָבען דעם נביא אין די אויגען געזאָגט, אַז זיי וועלען
זיך פון איהם נישט אָבזאָגען. אויף א העכסט־חוצפה'דיגען אופן זענען
אָבער אַרויסגעטראָטען די פרויען: „דעם נדר, וואָס מיר האָבען זיך
געטהון, צו ברענגען ווייהרויך און ויין דער הימעלס־קעניגין, וועלען
מיר ערפילען, ווי מיר און אונזערע אבות האָבען דאָס געטהון אין לאַנד
יהודה און אין די גאַסען פון ירושלים. דאַמאָלס האָבי מיר געהאַט
אַלץ אין א פולער מאָס, אי ברויט, אי ויין, און מיר זענען געווען
גליקליך. זינט אָבער מיר האָבען אויפגעהערט צו ברענגען קרבנות דער
הימעלס־קעניגין, ליידען מיר מאַנגעל אין אלץ און מיר זענען אומגעקו־
מען דורכ'ן שווערד און אין הונגער". ירמיהו האָט ערקלערט: „ערפילט־
זשע אייערע נדרים... און אַלע אידען אין לאַנד מצרים וועלען אומקומען,
נאָר נישט פיעל פון זיי וועלען זיך אַרויסראַטעווען פון טויט דורכ'ן
שווערד, צו קאָנען קומען צוריק אין לאַנד יהודה, און אַט זיי וועלען
וויסען, וועמענס וואָרט איז דאָס ריכטיגע, מיינע, אָדער אייערע". און
דער נביא האָט אויך געגעבען זיי א צייכען צום בעווייז, אַז ער זאָגט
אמת: דער קעניג פון מצרים, הפרע, אויף וועלכען זיי האָבען זיך אַזוי
שטאַרק פערלאָזען, וועט אַריינפאַלען אין די הענד פון זיינע פיינד,
פונקט, ווי דער מלך צדקיהו איז אַריינגעפאַלען אין נבוכדנאצר'ס הענד.

אין יענער צייט (641 פאָר'ן צווייטען חורבן) האָט נבוכדנאצר,
ווי עס שיינט, צוזאַמענגענומען ווידער א גרויסע אַרמעע, צו געהן געגען
מצרים. דעם פלאַן איינצונעהמען מצרים, וועלכען ער האָט אויפגענומען,
באַלד ווי ער איז קעניג געוואָרען, האָט נבוכדנאצר בעזונדערס איצט
געוואָלט פערווירקליכען, ווייל הפרע האָט עס געוואַגט אָנצופאַלען אויף
פעניקיען, וועלכע איז געווען איהם, נבוכדנאצר'ן, אונטערטעניג. צוויי
גרויסע נביאים, ירמיהו אין מצרים און יחזקאל אין בבל, האָבען פאָר־
אויסגעזאָגט, אַז מצרים וועט האָבען א מפלה דורך נבוכדנאצר'ן. די
נביאות, אַז הפרע וועט האָבען א מפלה, זענען טאַקי מקוים געוואָרען.

ניט נישט דורך נבוכדנאצר'ן איז חפרע אומגעקומען. אין א מלחמה געגען קירענע האט די מצרים'שע ארמעע געהאט א גרויסע מפלה, און די מצרים'ער קריעגער, וועלכע זענען אין כעס געווען אויפ'ן קעניג, פאר וואס ער פלעגט מיט א בעזונדער ליעבשאפט זיך ארומרינגלען מיט קריעגער, געדונגענע פון די גריכען, האבען זיך צובונטעוועט געגען דעם קעניג חפרע. איין עגיפטער פון נידריגען שטאנד האט זיך גע־שטעלט אין שפיץ פונ'ם בונט; ער האט מנצח געווען דעם קעניג חפרע און אראבגעזעצט איהם פון טהראן. דערנאך האט ער איהם געלאזט דערווערגען און זיך געזעצט אויף זיין טהראן. דער דאזיגער נייער קעניג פון מצרים האט קודם־כל געזעהען צו מאכען זיך בעליעבט ביי'ם פאלק אין מצרים, ווי אויך ביי די געדונגענע גריכישע קריעגער; די אידישע איינגעוואנדערטע פון לאנד יהודה האבען פאר איהם קיין שום בעדיי־טונג נישט געהאט. מיט זיי האט זיך מעהר קיינער נישט אינטערעסירט, און אט ערשט האבען זיי איינגעזעהען, אז זייער חלום, צו קאנען זיך אומקעהרען צוריק קיין יהודה מיט דער הילף פון מצרים, איז געווען — א פוסטער חלום. ווי עס שיינט, האט ירמיהו נאך דערלעבט די דאזיגע צייט אויך, און ער האט געהאט די מעגליכקייט צו זעהען, ווי די אידען האבען זייער טעות אנערקענט.

אין טיעפען עלטער איז דער נביא ירמיהו נאך טרויעריגער גע־ווארען, ווייל עס איז איהם נישט געלונגען „ארויסצוציהען דאס ערהא־בענע פונ'ם געמיינעם", ווי גאט האט פון איהם פערלאנגט. דער רעשט אידען, מיט וועלכען ער איז קיין מצרים געקומען, האט מיט א ווילדער עקשנות זיך פעסטגעהאלטען ביי זיינע שגעונות און געצענדיענערײ. ירמיהו'ס מיה איז אבער נישט געווען אומזיסט: די זאמען, וועלכע ער האט פערזייהט אין מצרים, זענען אויפגעגאנגען אין אנ'אנדער באדען, אין לאנד בבל, אונטער דער גוטער אויפזיכט פון זיינע חברים, די נביאים. דאס, וואס ער האט געהערט אין זיין ערשטער נבואה, אז ער איז בעשטימט געווארען נישט בלויז אויף צו צושטערען און צוברעכען, נאר אויך אויף צו בויען און צו פלאנצען, — דאס איז מקוים געווארען אין אנ'אנדער קרייז, דארט אין צפון־לאנד, אין בבל, וואו עס האט אנגעהויבען וואקסען און בליהען א נײ לעבען, מיט נײע אידעאלען ביי'ם אידישען פאלק.

ענדע פון דעם ערשטען פעריאד

דער צווייטער פעריאד:

דער גלות בבל און די ערשטע צייט פון צווייטען בית־המקדש.

ערשטעם קאפיטעל:

דער גלות־בבל.

דאס נייע לעבען אין בבל.— דער נביא יחזקאל געגען די אידישע עשירים.— נבוכדנאצר'ס נאכפאלגער אויל־מרודך און דער געוועזענער קעניג יהויכין.— דאס זאמלען פון די תנ"ך ספרים און זייער בעדייטונג פאר דער אידישער אויפלעבונג.— די מלחמה צווישען בבל און פרס.— זרובבל און דאס ערשטע צוריקקעהרען צום היים. — — — — — — —105—137

צווייטעם קאפיטעל:

דער ארויסגאנג פון גלות און די נייע ירושלים.

די ערשטע בעפרייאונג אונ'ם אלטען היים.— דאס אויפבויען פונ'ם מזבח.— דער ערשטער קאנפליקט מיט די שומרונים.— די נביאים חגי און זכריה.— עזרא'ס אנקומען קיין ירושלים און דער קאמפף געגען די געמישטע חתונות.— דאס אויפבויען דעם בית־המקדש.— נחמיה בן חכליה און די בעפעסטיגונג פון ירושלים.— די בירה..—דאס פערשטארקען פון דער רעליגיע און די אנשי כנסת־הגדולה. — 137—175

דריטער קאפיטעל:

די ערשטע צייט נאך נחמיה, אדער די צייט פון די סופרים.

די שטענדיגע קאנפליקטען מיט די שומרונים.— דער שומרונ'ישער מקדש אויפ'ן בארג גריזים.— די סופרים און דער הויכער בית־דין.— די איינארדנונג פון גאטעס־דיענסט.— די עבודה און תפלה אין בית־המקדש.— די ערשטע כהנים גדולים און דער עלענדער צושטאנד פונ'ם אידישען קבוץ אין ארץ־ישראל. — — 175—200

דער צווייטער פעריאד.

דער גלות פון בבל און די ערשטע צייט פון בעפרייאונג.

ערשטער קאפיטעל.

דער גלות פון בבל.

(פון 656 ביז 608 פאר'ן צווייטען חורבן, אדער 586 ביז 536 פאר דער געוועהנליכער צייט-רעכנונג).

די נבואה פון ישעיהו, ירמיהו און יחזקאל, אז פון גאנצען פאלק יהודה וועט איבערבלייבען בלויז א קליינער טייל, „שארית ישראל", איז מקוים געווארען. ווייניג, זעהר ווייניג איז געבליבען פון אידען, גאנץ קליין איז געווען דער „רעשט". פון אונגעפעהר פיער מיליאן נפשות, פון וועלכע ס'איז בעשטאנען די בעפעלקערונג פון די צוועלף שבטים אין דוד המלך'ס צייט, האט מען גערעכענט אנגעהמען, אז די שבטים יהודה און בנימין האבען געהאט א מיליאן נפשות. אין א משך פון פיער הונדערט יאהר האט זיך דער דאזיגער מיליאן געוויס געמעהרט און פערגרעסערט. פון דער דאזיגער גרויסער צאהל איז נאך דער מלחמה און אלע איבעריגע פגעים-רעים געבליבען זעהר ווייניג. מיליאנען מענשען זענען אומגעקומען דורך דעם שווערד, פון הונגער און אין דער מגפה; זעהר פיעל זענען אבער אויך פערלארען געגאנגען אין געפאנגענשאפט אין פרעמדע לענדער. פונ'ם דאזיגען רעשט איז דער גרעסטער טייל פערשיקט געווארען קיין בבל, העכסטענס הונדערט-טויזענד נפשות; קלענערע גרופעס האבען זיך בעזעצט אין מצרים, אויסער דעם זענען געווען טייל אידען פון די עשרת-השבטים אויך אין די לענדער מדי, פרס און פעניקיען. וויפיעל אידען זענען אבער פערקויפט געווארען פאר שקלאפען דורך די גריכישע מענשען-הענדלער!

ווי אזוי האט זיך געזאלט ערהאלטען און נאך ווידער אויפלעבען אט דער „קליינער רעשט", וועלכער איז דאך אי קערפערליך, אי גייסטליך, געווען שוואך און נידערגעשלאגען, פערוואגעלט אין דער פרעמד און פערהאסט פון די פרעמדע פעלקער, צווישען וועלכע ס'האט געלעבט

אין געפאַנגענשאַפט? לויט'ן געוועהנליכען מענשליכען חשבון האט אט דאס קליין הייפעלע איבערגעבליבענע אידען געדאַרפט אין דער פרעמדער, שטאַרקער סביבה אינגאַנצען אונטערגעהן אין אַ קורצער צייט, אָהן קיין שום שפור נאָך זיך. אידען זענען אָבער נ י ש ט אונטערגעגאַנגען; זיי האָבען זיך דערהויבען פון דער ניעדעריגסטער שפלות, פונ'ם שטויב, און דערלעבט נאָך גלענצענדע צייטען, און דאס איז דער וואונדער פון דער היסטאָריע.

נבוכדנאצר האט פערוויסטעט דאס אידישע לאַנד, חרוב געמאַכט די הויפטשטאָדט ירושלים און דעם בית־המקדש, אָבער מיט יענע אידען, וועלכע ער האט געלאָזט אָבפיהרען קיין בבל, האט ער זיך בע־גאַנגען אַנדערש, נאָכדעם, ווי זיי האָבען זיך בעזעצט אין זיין לאַנד: ער האט זיי געלאָזט פריי לעבען. נבוכדנאצר איז בכלל נישט גלייך געווען צו יענע ווילדע דעספאָטען פון פריהערדיגע אָדער שפּעטער־דיגע צייטען, וועלכע האָבען איינגענומען פרעמדע לענדער און, צוליעב זייער קורצזיכטיג נקמה־געפיהל, האָבען זיי זייער איינגענומענעם פיינד אָבגעשוואַכט ביז פאָלקאָמער אונמעכטיגקייט, אָדער איהם גאָר פער־ניכטעט מיט אכזריות, ווי אַ חיה, וואָס מען פערוואונדעט אויף דער יאַגד. פאַר'ן חאַלדייאישען קעניג נבוכדנאצר איז אויך אַזוי וויכטיג געווען דאס גרינדען און אויפבויען נייע לענדער, ווי דאס איינגעהמען פרעמדע מלוכות. די גרויסע מלוכה, וואס ער האט געגרינדעט, האט ער געשטרעבט צו בעפעלקערען און מאַכען רייך און מעכטיג. צו דער אַלטער שטאָדט בבל האט ער צוגעבויט אַ נייעם שטאָדט־טייל אין מזרח־זייט פון טייך פרת און אויסגעבויט אַ מויער אַרום דער אַלטער און נייער שטאָדט, וואס איז געווען, לפחות, פינף און זעכציג וויאָרסט לאַנג. אַזאַ גרויסע שטאָדט, אויב זי האט נישט געזאָלט בלייבען פוסט און איינזאם, האט געברויכט צו האָבען אַ גרויסע בעפעלקערונג. ער האט דעריבער געגעבען די אידישע געפאַנגענע, ווי אויך בכלל אַלע געפאַנ־גענע, וואס ער האט צוזאַמענגעבראַכט פון פערשידענע פעלקער, פרייע פלעצער אין זיין הויפטשטאָדט בבל, כדי זיי זאָלען זיך דאָרט בעזעצען. בעזונדערס גערן האט ער בעזעצט אין זיין הויפטשטאָדט יענע געפאַנ־גענע, וועלכע האָבען זיך איהם איבערגעגעבען נאָך פאַר'ן חורבן פון ירושלים; די דאָזיגע אידען האט ער בעהאַנדעלט מיט אַ בעזונדערען חסד; דער חסד איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האט אפילו ערלויבט גאַנצע משפחות און איינוואָהנער פון די שטעדט אין יהודה און בנימין, צו לעבען מיט אַלע זייערע פריינד צוזאַמען, ווי אויך מיט זייערע שקלאַפען, וועלכע האָבען געמעגט ביי זיי בלייבען, און זיי האָבען גע־קאָנט לעבען, ווי אַ בעזונדערע געמיינדע, ווי זיי זענען געווען ביי זיך אין דער היים. די אידעלע משפחות, וואס מען האט פערטריבען קיין בבל פון ירושלים, די פרינצען פון קעניגליכען הויז, אָדער, ווי מען

פֿלעגט זיי רופֿען, „דוד'ס קינדער", האָבען זיך געלעבט, אלס אַ בעזונדערע געשלאָסענע גרופּע. די דאָזיגע מיוחסים האָבען אויך געקאָנט האַלטען ווייטער ביי זיך זייערע האַלב־שקלאַפֿען, ד. ה. די, וועלכע זענען אַרויסגעקומען פֿון יענע כנען־פֿעלקער, וואָס שלמה האָט געצוואונגען צו ערפֿילען שווערע קנעכטישע אַרבייט. אויך די משפּחה פֿון כהן־גדול האָט ערהאַלטען אַן ערלויבניש צו האַלטען אויך ווייטער איהרע שקלאַפֿען, וואָס האָבען געשטאַמט פֿון די פּאַרצייטיגע „גבעונים", אין פֿלעגען פֿאַר'ן בית־המקדש ערפֿילען דעם דינסט פֿון האָלץ־העקער און וואַסער־טרעגער (אין יענער צייט האָט מען זיי גערופֿען „נתינים"). די בעוואוסטע משפּחות פֿון לאַנד יהודה האָבען זיך געקאָנט שפּירען אין בבל גאַנץ היימיש, דען דער גלות האָט זיך מיט קיין שום בעגרענצונג פֿון זייערע רעכטע נישט אַרויסגעוויזען. זיי האָבען אויך באַלד אויסגעלערנט די בבל'ישע שפּראַך (חאַלדייאיש), וועלכע זיי האָבען איינגעפֿיהרט ביי זיך אין דערהיים און אין טעגליכען געברויך; דאָס איז בעזונדערס לייכט געווען, ווייל די דאָזיגע שפּראַך איז גאַנץ ענהליך צו העברעאיש, און נאָך פֿריהער האָבען זיי שוין די דאָזיגע שפּראַך, ווענינגסטענס, פֿערשטאַנען. די יחוס־משפּחות האָבען זיך געהאַלטען פֿעסט איינע אָן די אַנדערע און געפֿיהרט כמעט אַן אָבגעשלאָסען לעבען, בעזונדערס, דערפֿאַר, וואָס זיי האָבען געהאָפֿט, אַז אינגיכען וועט פֿאָרקומען אַ גינסטיגע געשעהעניש, וועלכע וועט פֿאַר זיי מעגליך מאַכען דאָס אומקעהרען זיך צוריק אין ארץ־ישראל און פֿערנעהמען ווידער די ממשלה אין זייערע הענד. די דאָזיגע משפּחות האָבען זיך בכלל וועניג געבעסערט דורך דער שרעקליכער תוכחה, וואָס האָט זיך אויף דאָס אידיש פֿאָלק אויסגעגאָסען; אויך נבוכדנאצר'ס מילדקייט געגען זיי, האָט זיי אַליין נישט געמאַכט מילדער אין דער בעציהונג צו יענע מענשען, וואָס זענען פֿון זיי אָבהענגיג געווען. ווען דער גייסט פֿון אַט די „מיוחסים" וואָלט זיך געשטאַרקט צווישען די פֿערטריבענע אידען אין גלות, וואָלטען זיי גיכער געקאָנט ברענגען שאָדען, דעם אידישען פֿאָלק, איידער נוצען. זיי האָבען נאָך איצט אויך נישט אויפֿגעהערט צו טראַכטען וועגען מאַכען אַן אויפֿשטאַנד געגען בבל, און דעריבער פֿלעגט דער נביא יחזקאל זיי שטענדיג שטראָפֿען און אָנרופֿען זיי „דאָס ווידערשפּעניג הויז". די גאוה און די האַרטהערציגקייט האָבען די יחסנים געבראַכט מיט זיך פֿון ירושלים אויך אין גלות.

צום גליק אָבער, האָט די אידישע צוקונפֿט זיך נישט געהאַלטען אויף די דאָזיגע יחסנים; נישט פֿון זיי האָט געזאָלט קומען די אידישע ישועה. זיי זענען זיך געבליבען מיט זייערע פֿעהלערען, אונפֿערבעסערט און שטאָלץ, האַרטהערציג און פֿערברעכעריש; עס זענען אָבער אָבגעפֿיהרט געוואָרען קיין בבל אויך בעסערע עלעמענטען, אַזעלכע אידען, וואָס זענען געווען אינגאַנצען אָנגעזאַפּט מיט'ן גייסט פֿון די נביאים

און פון דער תורה, אין אַט זיי האָבען פעסט געגלויבט אין גאָט'ס חסד, און פאַר זיי איז קיין ספק נישט געווען, אַז גאָט וועט זיין אידיש פאָלק נישט פערלאָזען און נישט דערלאָזען אונטערגעהן, נאָר צוריקפיהרען איהם אין זיין לאַנד. אַט די אידען האָבען מעגליך געמאַכט דאָס וויטער־דיגע לעבען פון אידישען פאָלק אויף דאָדורך, וואָס זיי האָבען מיט זיך געבראַכט אַ רייכע ליטעראַטור פון גרויסע ליכטיגע ספרים. דאָס זענען געווען די כהנים פון צדוק'ס הויז, וועלכע האָבען זיך קיינמאָל נישט בעפלעקט מיט דער געצענדיענעריי. זיי האָבען מיטגעבראַכט מיט זיך אין גלות די תורה, אָדער דעם חומש, משה'ס פינף ספרים, און פון די דאָזיגע בלעטער האָבען זיי אליין געלערנט, צו פיהרען אַ היילי־ג לעבען און אויך מיט אַלעמען אַרום זיך דאָס זעלביגע געלערנט. עס זענען אויך געקומען אין בבל אין גלות די לויים, די תהלים־זינגער און דיכטער, וועלכע האָבען מיטגעבראַכט מיט זיך דעם תהלים, וועלכען זיי האָבען נאָך דאָ אין בבל פערגרעסערט דורך נייע שירים און טרויער־ליעדער. עס זענען, ענדליך, אויך געקומען די „ענוים“, די „אָרימע ליידענדע“ און די תלמידים פון די נביאים, וועלכע האָבען געטראָגען אין הארצען די הויכע אידעאַלען פון זייערע גרויסע לעהרער, די נביאים, און געשטרעבט צו פערווירקליכען זיי אין לעבען. זיי האָבען געבראַכט מיט זיך פיעל פערשריבענע נבואות, געשיכטע־ספרים און משלים. די ספרים זענען געוואָרען דער איינציגער טרייסט פון די פערוואָגעלטע אידען אין'ם פרעמדען לאַנד. די יונגע תלמידים פון די נביאים פלעגען פאָרלעזען פאַר'ן פאָלק די דאָזיגע ספרים און אַזוי אַרום געבען נישט בלויז אַ טרייסט די פערטרויערטע און פערביטערטע הערצער, נאָר איינפלאַנצען אין זיי שענע מדות און הויכע אידעאַלען. די אַלע תוכחות פון דער תורה און פון די נביאים זענען פאַר די אויגען פון די פער־טריבענע מקוים געוואָרען, און דאָס האָט פאַר אַלעמען געדיענט פאַר'ן בעסטען בעווייז, אַז אויך די גוטע הבטחות און נבואות וועלען מקוים ווערען.

ווייכטיגער פאַר אַלץ איז אָבער געווען דאָס לעבעדיג וואָרט פון'ם נביא יחזקאל. זיינע ערשטע נבואות זענען געפאַלען אין די הערצער פון די ערשטע פערטריבענע, וואָס זענען געקומען צוזאַמען מיט'ן קעניג יהויכין. זיין גרויסע אַרבייט האָט יחזקאל איצט וויטער געפיהרט צווישען די נייע פערטריבענע, וועלכע מען האָט געבראַכט נאָכ'ן חורבן. יחזקאל'ס איינפלוס אויפ'ן פאָלק האָט זיך אַלץ געשטאַרקט, און אפילו יענע, וועלכע האָבען נישט געוואָלט הערען דעם נביא און נישט גע־גלויבט איהם קיינמאָל, זענען איצט אויך געקומען אַליין צו איהם. בשעת די מלחמה האָט געשטורמט אַרום ירושלים, האָט דער נביא געשוויגען. ערשט דאַן, ווען עס איז געקומען די טרויעריגע בשורה, אַז אַלע שרעק־ליכע נבואות זענען מקוים געוואָרען, ערשט דאַן האָט ער ווידער אָנגע־

הויבען צו רעדען, און דאס, וואס ער האט איצט גערעדט, איז געווארען פאר'ן רעשט פון אידישען פאלק א קוואל פון לעבען און אויפלעבונג.

און זיינע שטראף-רעדעס ווענדעט זיך דער נביא יחזקאל פריהער פאר אלץ צו יענע „יחסנים פון יהודה“, די שרים און זקנים, וועלכע האבען זיך איינגעארדענט אין בבל אנ'אנגענעהם לעבען, און געדריקט שטארק זייערע קנעכט, די גבעונים און די האלב-קנעכט פון שלמה-המלך, בעגעהענדיג זיך מיט זיי מיט הארטער גרויזאמקייט. דערנאך איז ער ארויסגעטראטען געגען דער געצענדינעריי, פון וועלכער פיעל אידען האבען זיך נישט געקאנט אבזאגען.

יחזקאל האט אבער געדארפט ווירקען נאך אין אנ'אנדער ריכטונג אויך. ווי די איבעריגע נביאים, האט ער געפלאנצט די האפנונג, אז אידען וועלען זיך נאך אומקעהרען אין זייער לאנד, דערביי וועט מוזען פארקומען א גרינדליכע ענדערונג אין זייערע אנשויאונגען און כאראקטער. עס זענען אבער געווען צווישען די פערטריבענע נישט וועניג מענשען, וועלכע זענען אזוי שטארק פערצווייפעלט געווען דורך די איבערגעלעבטע אונגליקען, דאס זיי האבען גארנישט געגלויבט, אז דאס פאלק זאל קאנען נאך אמאל אויפלעבען, און די האפנונג וועגען אומקעהרען זיך צוריק אין ארץ-ישראל האבען זיי געהאלטען פאר א פוסטען חלום. זיי האבען גע'טענה'ט: „פערטריקענט זענען אונזערע ביינער, פערשוואונדען איז אונזער האפנונג, מיר זענען פערניכטעט“. יחזקאל האט דעריבער געהאלטען פאר די וויכטיגסטע אויפגאבע צו פערטרייבען אט דעם יאוש פון די הערצער. ער האט געמאהלט דאס גראנדיעזע בילד פון א טהאל, פול מיט מענשליכע צעווארפענע ביינער, די ביינער האבען דערשפירט לעבען אין זיך, רוקען זיך נעהנטער איינער צו'ם צווייטען, און א הויט ווערט אויף זיי אריבערגעצויגען, און בלוט האט אנגעהויבען קוועלען אין די אדערען, און א לעבעדיגער אטעם איז אין זיי אריינגעקומען, און זיי האבען זיך ענדליך דערהויבען און אויפגעשטאנען — א גרויסע לעבעדיגע מחנה. — אין אט דעם משל האט יחזקאל בעוויזען די פערצווייפעלטע, ווי אזוי די אידישע אויפלעבונג וועט פארקומען.

און נאך איין פערצווייפעלטע גרופע איז געווען צווישען די פערטריבענע אידען אין גלות — יענע, וועלכע האבען שוין אליין אויך פערשטאנען, אז די זינד פון אידישען פאלק איז צו-גרויס, און זי האט זיך שוין צו-שטארק איינגעגעסען אין פאלקס-ארגאניזם, דאס עס זאל נאך מעגליך זיין, אז דאס פאלק זאל זיך קאנען אויסבעסערן. הונדערטער יאהרען האט דאס פאלק געדיענט די אבגעטער און געפיהרט א פערדארבען לעבען. איצט איז דאס שוין א זאך, וואס געהערט דער פערגאנגענהייט, פון וועלכער קיינער קאן עס נישט אויסמעקען; די זינד קאן ברענגען נאר צו איין זאך: דער זינדיגער מוז אבשטארבען. די דאזיגע גרופע האט גע'טענה'ט: „אונזערע פערברעכענס און אונזער

זינד שטעקט אין אונז און דורך זיי מוזען מיר אומקומען". יחזקאל האָט אונטערגענומען א קאמפף אויף געגען דער דאָזיגער פערצווייפלונג. ער האָט ערקלערט, אז די אנשויאונג פון דער גרופּע איז בכלל א פאלשע. די אלטע מיינונג, אז די זינד און די שטראָף זענען פעסט פערבונדען מיט איינאנדער, דאָס געגען דער זינד איז קיין אנדער מיטעל נישטאָ, ווי די שטראָף, וועלכע קאָן נאָר אליין אבמעקען דעם פערברעכען, — אָט די מיינונג האָט יחזקאל ערקלערט פאר נישט ריכטיג. „געגען דער זינד — האָט דער נביא ערקלערט — קאָן ווירקען די חרטה". דער געדאנק איז אפילו קיין נייער נישט געוועזען שוין אויך דאמאָלס אין דער אידישער רעליגיע, אבער יחזקאל האָט א בעזונדערען ווערט ארויפגעלעגט אויף חרטה און תשובה. „ווען נאָר דער זינדיגער האָט באמת חרטה, און בעסערט אויס זיינע מעשים, ווערען זיינע זינד שוין מעהר נישט דער־מאָהנט און ער וועט לעבען". וועגען דער גרויסער און שענער אידישער צוקונפט האָט דער נביא יחזקאל גערעדט פיעל מאָל, און ער האָט גע־שילדערט די דאָזיגע צוקונפט מיט די העכסט־אידעאלע פארבען. ער איז בכלל אזוי זיכער געוועזען אין דער אויפלעבונג פון פאָלק און זיין אבבויען זיך פון דאָס ניי אין זיין לאַנד, אז ער האָט אפילו אויך צוזאַ־מענגעשטעלט א פלאַן פונ'ם קינפטיגען בית־המקדש, און איינגעאָרדענט, ווי אזוי מען דאַרף דאָרט דעם קולט פיהרען און ווי אזוי די כהנים און לוים דאַרפען אין בית־המקדש דעם דיענסט טראָגען.

יחזקאל האָט אבער כלל קיין טעות נישט געהאַט צו מיינען, אז די גלענצענדע און אויסגעלייטערטע צוקונפט איז טאַקי באמת נאָהענט. ער אליין האָט די ישועה נישט דערלעבט. ערשט נאָך דעם טויט פון ירמיהו און יחזקאל איז פלוצלונג געקומען אַן ענדערונג צום בעסערען. נבוכדנאצר האָט אפילו בעהאַנדעלט אידען אין בבל מיט חסד, פונדעסט וועגען האָבען אידען שטאַרק געליטען אויף שריט און טריט אי מאַראַ־ליש, אי פאַקטיש פון די ארומיגע פיינד. די יסורים אליין האָבען שוין אויך געהאַט א גרויסע ווירקונג אויף די געדאַנקען און די מדות פון פאָלק; נאָך מעהר האָט געווירקט אויף זיי דאָס לערנען תורה פון די יונגע נביאים און יענע גרויסע ספרים, וועלכע מען האָט מיט זיך אין גלות געבראַכט. עטוואָס בעסער איז אויך געוואָרען די לאַגע פון די פערטריבענע אידען נאָך נבוכדנאצר'ס טויט.

נבוכדנאצר'ס זוהן, וואָס האָט נאָך איהם געקעניגט, אויל מרודך (Illorodamos) איז גאָר נישט געוועזען ענליך צו זיין פאָטער. נישט ער איז געוועזען א העלד, נישט עס האָט איהם געגלוסט צו פיהרען מלחמות, נישט ער האָט אפילו אויך חשק געהאַט צו בעשעפטיגען זיך מיט די אנגעלעגענהייטען פון זיין גרויסער מלוכה. אין זיין הויף האָבען דאַמאָלס געלעבט יונגע אידישע פרינצען פון דוד'ס הויז און געדיענט אין קעניגליכען פּאַלאַץ. אין דער דאַמאָלדיגער אַלטער צייט איז עס

געוועזען א געוועהנליכע ערשיינונג, אז די אויפגענומענע איבער'ן פרויען־הויז פון קעניג (הארעם), וועלכע האבען געדארפט דיענען דעם קעניג און געהארכען זיינע קלענסטע קאפריזען, אז אט די משגיחים פלעגען אליין ווערען גאנצע בעלי־בתים איבער זייערע דעספאטישע הערען. ווי עס שיינט, האט דער קעניג אויל מרודך זיך אויך געפונען אונטער'ן איינפלוס פון איינעם פון זיינע אידישע בעדיענטע פון די פרינצען און שרים, וואס האבען אין זיין הויף געלעבט, און אויך גע'פועל'ט, אז ער זאל בעפרייען פון תפיסה דעם פריהערדיגען קעניג פון יהודה, יהויכין. אין דעמזעלביגען יאהר, וואס ער איז קעניג געווארען, האט אויל מרודך געטהון זיין וואונדערליכען חסד מיט'ן אידישען קעניג. ער האט איהם געלאזט ארויספיהרען פון תפיסה, וואו יהויכין איז געזעסען זיעבען און דרייסיג יאהר; ער האט מיט איהם גערעדט פריינדליך, אנגעטהון אין קעניגליכע קליידער, איינגעלאדען איהם צו זיך צום טיש און געגעבען איהם אלע זיינע בעדערפנישען אויפ'ן קעניגליכען אופן. און ווען נאר דער קעניג אויל מרודך פלעגט איינלאדען צו זיך זיינע גרויסע שרים און די אונטערטעניגע מלכים און געבען פאר זיי גרויסע מאהלצייטען, פלעגט ער יהויכינ'ען זעצען העכער פאר זיי אלעמען. אלע האבען געדארפט וויסען, אז דער קעניג פון בבל האלט זעהר געהרט און געשעצט דעם געוועזענעם קעניג פון יהודה. ס'איז קיין ספק, אז די דאזיגע גנאד צום אידישען קעניג איז אויך איבערגעגאנגען צום אידישען פאלק, וואס האט אין בבל געוואהנט. מען האט זיי געגעבען גרעסערע פרייהייטען, און יענע אידען, וועלכע מען האט פריהער געהאלטען אין תפיסה, אדער אונטער א בעזונדערער השגחה, ווייל מען האט געוואוסט, דאס זיי זענען געזאנען זעהר פיינדליך געגען נבוכדנאצר'ן און טראכטען וועגען אנ'אויפשטאנד, אויך יענע אידען האט מען איצט בעפרייט. ס'איז גאנץ מעגליך, אז אויב אויל מרודך וואלט נישט צו־גיך געשטארבען, וואלט ער אפשר ווידער געמאכט יהויכין פאר א קעניג איבער יהודה און וואלט געלאזט די אידען פריי צו געהן צוריק אין זייער לאנד. אבער די בעסערע צייט מיט די שענע האפנונגען האבען נישט לאנג געדויערט. נאך א רעגירונג פון צוויי יאהר איז אויל מרודך דער־הרג'עט געווארען דורך זיין שוואגער נרגל אשר Neriglissar) 560 פאר דער אלגעמיינער צייט־רעכנונג). דערמיט האט זיך געענדיגט דער שענער חלום וועגען אומקעהרען זיך באלד צוריק קיין ארץ־ישראל, וואס איניגע אידען האבען שוין געהאט. באלד האבען זיי געדארפט פערזוכען אויף א גרויזאמען אופן דעם ביטערען טעם פון גלות.

נישט קוקענדיג דערויף, וואס פון דער האפנונג אויף א גיכער בעפרייאונג האט זיך גארנישט אויסגעלאזען, האבען דאך אבער די בעסערע עלעמענטען פון דער אידישער געמיינדע אין גלות זיך פעסט־געהאלטען אין דער פערזיכערונג פון די נביאים, אז אברהם־אבינו'ס

קינדער זועלען נישט אונטערגעהן. יענע אידען, וועלכע האבען אליין פערשטאנען צו לערנען תורה, האבען געזוכט זייער טרייסט אין דער תורה, וועלכע מען האט ארויסגעראטעוועט מיט זיך. בעזונדערס פיעל האט מען אבער געלייענט ירמיהו׳ס נבואות. דער ווייכער עלעגישער טאן פון ירמיהו׳ס נבואה האט אמבעסטען געפאסט צו דער גלות־שטימונג. ירמיהו׳ס „מגלות“, וועלכע זיין תלמיד ברוך בן נריה האט, ווי עס שיינט, געבראכט קיין בבל פון מצרים, נאכדעם ווי ירמיהו איז דארט געשטארבען, זענען געווארען פאר די אידען אן׳אמת פאלקס־בוך. דאס, וואס דאס לעבעדיגע ווארט פונ׳ם נביא האט נישט געקאנט דער־גרייכען, דאס האבען דערגרייכט די טויטע אותיות, וועלכע האבען אט דאס לעבעדיגע ווארט אויסגעדריקט. דער גייסט פונ׳ם נביא איז איבער־געגאנגען אין הארצען פון זיינע לעזער און האט זיי ערפילט מיט האפנונגען, מעגליך מאכענדיג אויך, אז זיי זאלען איבערבייטען אינ־גאנצען זייערע געדאנקען און זייערע אנשויאונגען. ביסלעכווייז האט ביי זיי אנגעהויבען וואקסען „א נייע הארץ און א נייער גייסט“.

איינער פון די אידישע גייסטיגע מנהיגים, ווי עס שיינט, ברוך בן נריה, האט צוזאמענגעשטעלט א נייע זאמלונג ספרים, א אידישע געשיכטע, א ספר, וועלכער הויבט אן פון דער בעשאפונג פון דער וועלט און דער געבורט פון אידישען פאלק, זיין וואקסען און שטארקען זיך, זיין לעבען און פאלען ביז׳ן לעצטען מאמענט, ווען מען האט יהויכין ארויסגעפיהרט פון תפיסה און דערהויבען איהם איבער אלע שרים. דער דאזיגער זאמלער און צוזאמענשטעלער האט געשטעלט אין אנפאנג פון דער נייער רייהע ספרים — די תורה, דערנאך געהען: יהושע, די געשיכטע פון די ריכטער: שופטים, די געשיכטע פון שמואל, שאול און דוד: שמואל; דערצו האט ער צוגעגעבען די געשיכטע פון די מלכים: מלכים, פון שלמה ביז יהויכין, וואס זיין געשיכטע האט דער שרייבער אליין געזעהן מיט זיינע אויגען. די געשיכטע פון די מלכים האט ער דערצעהלט מיט א געוויסער טענדעניץ: ער האט געוואלט דער־ווייזען, אז דאס, וואס אין דער אידישער מלוכה האט זיך אנגעהויבען נאך שלמה׳ן א בעוועגונג פון פאלען אלץ ניעדריגער און ניעדריגער, ווי אויך אלע אונגליקען, וועלכע האבען דערגרייכט ביידע חלקים פון אידישען פאלק: ישראל און יהודה — אז דאס אלץ האט געשטאמט דערפון, וואס די מלכים און דאס פאלק האבען זיך אבגעווענדעט פון גאט און געדיענט צו פרעמדע אפגעטער און ממילא האבען זיי אנגע־נומען אלע שלעכטע מנהגים און די גאנצע מאראלישע פערדערבונג פון די פעלקער.

דער זאמלער פון די דאזיגע ספרים האט צוזאמענגעשטעלט א „געשיכטע“, וועלכע האט נישט איהר גלייכען. זי איז אזוי קורץ און דאך אזוי רייך אין געשעהענישען און אין הויכען גייסט, אזוי איינפאך אין

דאָך אַזוי קינסטלעריש שען, בעזונדערס אָבער: לעבעדיג און שפּאַנענד. פאַר די אידען אין גלות פון בבל איז דאָס געווען, נאָך ירמיהו'ס „מגלות“, דאָס צווייטע פאָלקס־בוך, און מען האָט עס געלעזען נישט בלויז געשפּאַנט, נאָר אויך מיט הארץ און גייסט. די לויים, וועלכע האָבען גוט געקאָנט די מלאכה פון איבערשרייבען, האָבען געמאַכט פון'ם נייען בוך פיעל קאָפּיעס, וועלכע מען האָט פערשפּרייט צווישען דעם פאָלק און אַט די ספרים האָבען אָנגעהויבען ארויסצוברענגען דעם גרויסען וואונדער: זיי האָבען איבערגעשאַפען דאָס פאָלק פון דאָס ניי. די גרויסע אויפגאַבע, וואָס יחזקאל האָט פון איהר געמאַכט בלויז די התחלה, האָבען אָנגעהויבען פערווירקליכען די תלמידים פון ירמיהו'ן.

די ערשטע ווירקונג, וואָס די ספרים האָבען געמאַכט אויף די לעזער, איז געווען — חרטה, טיעפע חרטה אויף אַלערליי פערברעכענס, וועלכע דאָס אידישע פאָלק האָט בעגאַנגען אין אַ משך פון הונדערטער יאָהרען. די העסליכע פערגאַנגענהייט פון דער איינגעגעסענער געצענדיענעריי און פון דער אונדאַנקבאַרקייט געגען גאָט האָבען די אידישע לעזער געוואָלט אויסמעקען דורך ביטערע טרעהרען פון חרטה און טיעפער צובראָכענקייט. זיי האָבען אָנערקענט, אַז די אונגליקען, וועלכע האָבען זיי געטראָפען, האָבען זיי אַליין פערדיענט דורך זייערע מעשים: „גאָט האָט מיט אונז זיך בעגאַנגען לויט אונזערע דרכים און געמיינע מעשים“ — האָבען זיי זיך געקלאָגט. פיעל פון די פערטריבענע האָבען מיט'ן גאַנצען הארצען חרטה געהאָט, און די פיער אונגליקס־טעג פון דער לעצטער צייט: עשרה בטבת, ווען נבוכדנאצר האָט אָנגעהויבען די בעלאַגערונג אויף ירושלים, שבעה עשר בתמוז, ווען די מויער ארום ירושלים איז דורכגעבראָכען געוואָרען, תשעה באב, ווען דעם בית־המקדש האָט מען אונטערגעצונדען און אָנגעהויבען צו פערווּסטען די שטאָדט ירושלים, און ענדליך דעם דריטען טאָג תשרי, אָדער צום־גדליה, צום אָנדענקען, וואָס ישמעאל בן נתניה האָט דער'הרג'עט דעם לעצטען אידישען מנהיג גדליהו — אָט די פיער טעג האָט, אָנפאַנגס אַ קליינער טייל פון די אידען אין גלות, דערנאָך אָבער דער גאַנצער גלות אין בבל, אָנערקענט פאַר טעג פון טרויער, וועלכע מען פערברענגט אין תענית און קלאָגען, און אין אָנטהון אַ זאַק און שיטען זיך אַש אויפ'ן קאָפּ. די דאָזיגע פיער טעג זענען געווען אַלזאָ אויך תשובה־טעג, ווען דאָס פאָלק פלעגט וויינען אויף די געמאַכטע נאַציאָנאַלע פעהלערען, וועלכע האָבען צורייסען ביי איהם יעדע אחדות און ממילא געבראַכט צו שוואַכקייט און מעגליך געמאַכט, אַז אַ פרעמד פאָלק זאָל עס פערקנעכטען.

די טיעפע חרטה אויף דער פערגאַנגענהייט האָט זיך אויך אָבגעשפּיגעלט אין עטליכע תהלים־געזאַנגען, וועלכע זענען אַ פאָלקס־וידוי. פונקט, ווי מען האָט דעם יונגען דור נאָך יציאת־מצרים געמוזט האַלטען אין דער מדבר און ערציהען איהם אין בטחון אין גאָט, כדי צו דערוועקען

איהם צו גרויסע מעשים, אזוי האָט מען אויך איצט די אידישע יוגענד אין גלות־בבל געדאַרפֿט ערציהען אין געפֿיהלען פֿון חרטה אויף די מעשים פֿון זייערע עלטערען. אין דער מדבר האָט די ערציהונג פֿון פֿאָלק דורכגעפֿיהרט דער גרויסער משה; איצט זענען עס געװען זיינע ספרים און די ספרים פֿון די נביאים, װעלכע האָבען דעם װאונדער פֿערװירקליכט. די צאָהל פֿון די „ענוים“ אָדער גאָט־זוכער האָט זיך געמעהרט פֿון טאָג צו טאָג. עס פֿערשטעהט זיך, אַז דער צענטר, דער קערן פֿון דער נייער בעװעגונג זענען געװען די „ענוים“ אָדער די „אָרימע עלענדע“. זיי האָבען געטרויערט נאָך ירושלים, נאָך איהר אַמאָליגע גלענצענדע גרויסקייט, פֿון װעלכער די ספרים האָבען געגעבען אַ פּרעכטיג בילד. זיי זענען אַרומגעגאַנגען מיט געבראָכענע הערצער, מיט עניוות און טראָגענדיג צייכענס פֿון טרויער און האָבען זיך גערופֿען „די טרויערנדע נאָך ציון“. זייער געמיט איז פֿול געװען מיט ירושלים. זיי האָבען געליעבט די שטיינער פֿון דער הייליגער שטאָדט און דאָס הארץ זייערס האָט געגאַרט, צו װאַלגערן זיך אין׳ם שטויב, װאָס ליעגט אויף איהרע חורבות. דער לוי, װעלכער האָט אין׳ם נאָמען פֿון זיינע חברים אויסגעדריקט די דאַמאָלסדיגע שטימונג, װאָס האָט צװישען זיי געהערשט, גיעט זי איבער אין פֿאָלגענדען עלעגישען בעװאוסטען תהלים־ליעד:

„אויף די טייכען פֿון לאַנד בבל
זענען מיר געזעסען
און געװיינט, דערמאָהנענדיג אָן ציון.
אויף די װערבעס האָבען מיר
געהאַנגען אונז׳רע האַרפֿען,
דען די פֿיינגער אונזערע
האָבען דאָרט פֿון אונז פֿערלאַנגט,
דאָס מיר זאָלען ליעדער זינגען,
און די שפּאָטער: — „זינגט דאָך אונז
ליעדער פֿרעהליכע פֿון ציון!“
װי־זשע קאָנען מיר דאָ זינגען
גאָטעס ליעד אין פֿרעמדען לאַנד!
אויב איך װעל, ירושלים,
דיך אַמאָל פֿערגעסען,
זאָל די רעכטע האַנד מיינע
אויף אייביג מיר אָבדאַרען;
זאָל מיין צונג צום גומען קלעבען,
אויב איך װעל דיך נישט דערמאָהנען
אויב איך װעל ירושלים
נישט געדענקען אין מיין גרעסטער פֿרייד ...

די טרויערנדע נאָך ציון (אבלי ציון) האָבען זיך געװענדעט מיט

פנים צו ירושלים, ווען זיי פלעגען פאר גאט בעטען, ווייל זיי האבען געהאלטען פאר היילוג דעם ארט, וואו דער בית־המקדש איז געשטאנען, און פון דארט האבען זיי געהאפט צו בעקומען גנאד ביי גאט. און ווייל קיין קרבנות האבען זיי אין דעם לאנד פון גלות נישט געבראכט, האבען זיי זיך צוגעוועהנט, צו בעטראכטען די תפלות, ווי א היילוגען קרבן. דריי מאל און טאג פלעגען זיי זיך פערזאמלען אין א גרעסערער. אדער קלענערער צאהל, אין א׳ן עדה, גאט צו בעטען, און דאס געבעט־הויז האט ביי זיי פערנומען דעם ארט פון א בית־המקדש.

בעזונדערס שטארק האט אבער מיטגעווירקט צו דערהויבען די התלהבות׳דיגע שטימונג פאר ציון, פאר דער גאולה און פאר דער תורה א נייע וואונדערליכע ערשיינונג, וואס האט זיך אנגעהויבען אפט ווידערהאלען: די ארטיגע געצענדיענער, ניט־אידען, האבען אנגענומען גאטס תורה און פעראייניגט זיך מיט אידען. די דאזיגע ערשיינונג האט געשטאמט פון דער גרויסער בעגייסטערונג, וואס עס האט געהערשט צווישען די „ענוים“, און זייער פרום לעבען. די פייערדיגע התלהבות האט אנגעצונדען אויך פרעמדע הערצער.

די נייע אידען, די גרים, האבען אבגעהיט שבת און אויך פיעל אנדערע געזעצען פון דער אידישער תורה. דאס איז געווען דער ערשטער נצחון פון די אידען אין גלות, און דער דאזיגער נצחון האט אויך צוריק־געווירקט אויף פיעל אבגעשטאנענע אידען, אז זיי זאלען זיך צוריק־קעהרען צו זייער פאלק און זייער גאט, וועלכע זיי האבען אנגעהויבען צו ליעבען ערשט דאן, ווען זיי האבען דערזעהען, אז די פרעמדע ליעבען זיי. סך־הכל צוויי צעהנדליג יאהר זענען אריבער נאכ׳ן טויט פון די נביאים, ירמיהו און יחזקאל, וועלכע האבען זיך אזוי שטארק געקלאגט אויף דער הארטקייט, עקשנות און דאס פערשטיינערט אידיש הארץ; איצט איז דאס דאזיגע הארץ שוין פון דאס ניי געבוירען גע־ווארען. די תורה און די נביאים, וועלכע מען האט געלערנט מיט׳ן גאנצען פאלק, איז געווארען א קוואל פון פרישען קלארען וואסער, וואס האט אבגעפרישט דאס הארץ און דעם גייסט און אריינגעגעבען דעם פאלק יונגע כחות.

אבער א׳ן אנדער טייל פון די פערטריבענע אידען, בעזונדערס די עשירים און יחסנים, לא די, וואס זיי האבען זיך געהאלטען פעסט ביי זייערע אלטע פערברעכענס, האבען זיי נאך אנגענומען נייע פעהלערען אין דער ארומיגער סביבה פון די געצענדיענער. די געוואלדיג־גרויסע שטאדט בבל און די גרויסע חאלדייאישע וועלט־מלוכה האבען געהאט א בעצויבערנדען חן אין די אויגען פון די אמאליגע אידישע שרים און יחסנים, פאר וועלכע דאס קאנען געוועלטיגען איז געווען דאס העכסטע אידעאל אין לעבען; אויך איצט האבען זיי אין בבל׳ס גרויסקייט און מאכט געזעהען פאר זיך א גוטע געלעגענהייט צו ענטוויקלען זייערע

כחות. אין בבל האט געבליהט דער מסחר און די לאנד־ארבייט, ווי אויך די פראדוקציע פון קינסטליכע שטאפען, וועלכע די אויסלענדער פלעגען זוכען צו קויפען, און זיי פלעגען דעריבער שטארק פערשפרייט ווערען אין דער וייטער וועלט. בבל איז געוועזען א גרויסע האנדעלס־שטאדט. די רייכע אידען האבען זיך דעריבער באלד גענומען צום מסחר און געפיהרט איהם אין א גרויסען מאסשטאב. זיי האבען אנגעהויבען צו מאכען וייטע רייזען אין פערשיעדענע לענדער, נעהמענדיג מיט זיך פיעל געלד, כדי איינצוקויפען פערשיעדענע סחורות.

די אידישע סוחרים זענען דאדורך זעהר רייך געווארען, און פיהרענדיג א לעבען פון לוקסוס, האבען זיי נאכגעטהון די חאלדייער און געפיהרט, ווי זיי, א ווייבישע־ווייכע ארט לעבען; דערביי האבען זיי אויך אנגענומען די חאלדייאישע געצענדיענערייע, צוגעגרייט א רייכען טיש מיט פעטע שפייזען פאר׳ן גאט פון גליק, גאד, און אנגעפילט גרויסע בעכער׳ס וויין פאר דער געטין פון הצלחה, מני (Meni) כדי די דאזיגע געטער זאלען בעשירמען און שטיצען זייערע אונטערנעהמונגען.

די רייכע אידען האבען אין זיך אזוי שטארק איינגעזאפט דאס לעבען פון בבל, די דארטיגע מנהגים, מדות און געצענדיענערייע, אז זיי האבען אינגאנצען פערגעסען אן ירושלים. איצט האבען זיי שוין בעך וואוסטזיניג געוואלט זיין אמת׳ע חאלדייער און בלייבען אויף שטענדיג אזעלכע, און זיי פלעגען זיך אויסלאכען פון די, וואס פלעגען נאך טרויערן אויף ירושלים. אין אידישען לעבען האבען דאמאלס געהערשט צוויי קאנטראסטען, וועלכע האבען געקעמפפט געגען איינאנדער. פון איין זייט — א פייערדיגע פרומקייט, א התלהבות פאר דער תורה און פאר׳ן אנדענקען פון דער שטאדט ירושלים, וועלכע מען האט איצט שטארק אידעאליזירט, און פון דער אנדערער — א פרעהליכע גלויסטיג־קייט, א תאוה צו א וועלטליכען לעבען מיט אלע זיינע זיסיגקייטען און אנ׳אבגעשטארבענקייט פאר אלע גרויסע און הייליגע זכרונות.

דאס זענען געוועזען צוויי פרעמד־געווארענע קלאסען מענשען, וועלכע האבען נאר לויט זייער אבשטאמונג געהערט צו איין פאלק, אבער אין זייערע בעציהונגען, אין זייער בעטראכטען זאכען און געשעהענישען, רעליגיע און מעשים, אין זייערע האפנונגען און פחדים, האבען זיי איינע די אנדערע גארנישט פערשטאנען. וועהרענד איין קלאס האט פער־יאמערט איהר לעבען, טרויערנדיג נאך ציון, האט די אנדערע זיך גאר־נישט געקימערט נישט וועגען דער אידישער פערגאנגענהייט, נישט וועגען איהר צוקונפט, און האט געלעבט נאר מיט דער געגענווארט.

דער דאזיגער קאנטראסט צווישען ביידע קלאסען האט זיך נאך פערשארפט דורך די פאליטישע געשעהענישען פון יענער צייט. זעכ־יאהר נאכדעם, ווי נרגל אסר האט ערמארדעט דעם קעניג אויל מרודך

וועלכער איז געווען זעהר גנעדיג פאר די פערטריבענע אידען, און זיך געזעצט אויף זיין טהראן, האט איינער פון די חאלדייאישע שרים, נאבאנאד, דער'הרג'עט נרגל אסר און פערנומען אליין דעם טהראן (555 פאר דער אלגעמיינער צייט-רעכנונג).

איינינגע יאהר פאר דעם האט דער פערסישער העלד כורש (קירוס) אראבגעווארפען פון טהראן דעם קעניג פון מדי, זיין מוטער'ס פאטער, אסטיאגעס, פערנומען זיין הויפטשטאדט עגבאטאנא (אחמתא) און איהרע פראווינצען און פעראייניגט די מלוכות פרס און מדי אין זיין האנד. די פרומע אידען אין בבל האבען באלד דערזעהען דערין א סימן, אז עס דארף פארקומען א פערענדערונג צו זייער טובה, דען זיי האבען דאך פעסט געגלויבט אין די נבואות פון ירמיהו און יחזקאל, אז אידען וועלען זיך אומקעהרען צוריק פון גלות קיין ארץ-ישראל. ווי עס שיינט, האבען זיי זיך אויך געווענדעט מיט א ביטע צום חאלדייאישען קעניג נאבאנאד, אז ער זאל זיי ערלויבען אומצוקעהרען זיך צוריק אין זייער פאטערלאנד אהיים. די האפנונג, אז דער קעניג וועט זייער פערלאנג ערפילען און ערלויבען זיי צו גרינדען אין דערהיים אנ'אייגענע מלוכה אונטער'ן שוץ פון די חאלדייער, האט זיך בעזונדערס געשטארקט אין זיי, צוליעב דעם, וואס דער קעניג נאבאנאד האט, באלד נאך זיין ארויפגעהן אויפ'ן טהראן, ערפילט די ביטע פון די פעניקיער און ער־לויבט אומצוקעהרען זיך פון בבל קיין פעניקיען דעם געפאנגענעם קעניג מרובעל און ווערען קעניג אין פעניקיען אונטער דער הערשאפט פון די חאלדייער, און ווען מרובעל איז אין א פאר יאהר ארום געשטארבען, האט ער אויך ערלויבט זיין ברודער חירום אומצוקעהרען זיך צוריק פון בבל קיין צור און פערנעהמען דארט דעם טהראן. פארוואס־זשע האט נאבאנאד נישט געוואלט ערלויבען דאסזעלבע אויך די אידען? ווי עס שיינט, האט דעם קעניג יהויכין'ס זוהן, שאלתיאל, געבעטען וועגען דעם ביי דעם נייען חאלדייאישען קעניג, און די אידישע שרים, וועלכע האבען געלעבט אין חאלדייאישען הויף, האבען אויך געשטיצט זיין בקשה. נאבאנאד האט אבער נישט געוואלט ארויסלאזען אידען פון בבל, ווי פרעה האט עס מיט טויזענד יאהר פריהער נישט געוואלט פון מצרים.

די דאזיגע נישט-ערפילטע האפנונג האט ביי די נאציאנאלע אידען אנגעצונדען אין הארצען א האס געגען בבל און איהר קעניג. די אלטע וואונדען האבען זיך ווידער געעפענט. מען האט אנגעהויבען דערמאהנען אלע אונגליקען, וואס בבל האט געבראכט אויף יהודה, און די שנאה צו בבל האט זיך צופלאקערט אין אידישען הארצען אלץ שטארקער. די נאציאנאלע און פרומע אידען האבען זיך אבער נישט אבגעהאלטען בלויז ביי'ם טראגען די שנאה אין הארצען בעהאלטען; זיי האבען זייער שנאה ארויסגעוויזען אויך עפענטליך, סיי אין די רעדעס, וואס זיי פלעגען

האלטען פאר זייערע ברידער, סיי אויך אין מעשים, וואס זיי פלעגען טוהן געגען די חאלדייער. דען פאר די נאציאנאלע אידען איז בבל געווען נישט בלויז א מלוכה, וואס האט חרוב געמאכט דאס אידישע לאנד. עס איז אויך געווען א לאנד פון אונזיטליכקייט, פון געצענדיענעריי, „א לאנד פון אבגעטער, וואס ריהמט זיך מיט זיינע געצען". פאר די פרומע אידען איז דאס געווען אנ'אונווירדיגע העסליכע זאך. און זיי פלעגען זייערע געפיהלען וועגען דעם ארויסזאגען גאנץ אפען אויך פאר די חאלדייער, מיט וועלכע זיי פלעגען קימען אין בעציהונגען. זיי פלעגען זיי ערקלערען קורץ: „די געטער, וועלכע האבען הימעל און ערד נישט בעשאפען, וועלען פערשווינדען פון דער ערד און פון אונטער'ן הימעל". אזוי האט די אידען געלערנט צו רעדען מיט די חאלדייער איינער פון די ענוים. די לעצטע פלעגען עפענטליך אבשפאטען פון די חאלדייאישע אבגעטער, די „האלץ-קלעצער, וועלכע זענען בעדעקט מיט גאלד און זילבער, און צוגעשלאגען מיט טשוועקעס, כדי זיי זאלען נישט אומפאלען, וואס מען מוז זיי טראגען אויף די הענד". די דאמאלדיגע נביאים האבען אויך פאראויסגעזאגט, אז די פערברעכערישע מלוכה פון די חאלדייער מיט איהר הויפטשטאדט בבל, וואס איז פול מיט איהרע געצען און אונזיטליכקייטען, וועט אינגיכען אונטערגעהן. די אידען האבען דאמאלס בעאבאכטעט מיט גרויסער שפאנונג און ערווארטונג דאס פערשטארקען זיך פונ'ם יונגען קעניג כורש, וועלכער האט פעראייניגט ביידע גרויסע מלוכות. פרס און מדי, און אויך איינגענומען פיעל פעלקער; זיי האבען איינגעזעהען, אז עס איז גאר אונמעגליך, דאס ער זאל זיך נישט צוזאמענשטויסען, פריהער אדער שפעטער, אויך מיט דער חאלדייאישער מלוכה. כורש האט דאמאלס זיך געלאזט געהן אין מלחמה געגען לידיען, אין קליין-אזיען, וואו עס האט געקעניגט דער רייכער מלך קרעזוס, וועלכער האט גע'שמ'ט מיט זיינע גרויסע אנגעזאמעלטע אוצרות פון גאלד און זילבער. קרעזוס האט געהאפט אויף דער הילף פון בבל און מצרים. און די דאזיגע צוויי מלוכות, וועלכע זענען פריהער געווען דם-שונאים איינע דער אנדערער, האבען איצט (קעניג אמאזיס אין מצרים און נאבאנאד אין בבל) געשלאסען א בונד, צו געהן שטיצען לידיען, ווייל זיי האבען פאראויסגעזעהן, אז כורש וועט נאכ'ן איינעהמען לידיען, ווענדען זיך אויך געגען זיי. דער דאזיגער בונד האט אבער נאך מעהר אויפגערייצט דעם מלך כורש, און ער האט בעשלאסען צו ברעכען די מאכט פון בבל, וועלכע איז געלעגען הארט ביי די גרעניצען פון זיין לאנד. איין נביא האט דאמאלס פאראויסגעזאגט, אז „דאס חאלדייאישע לאנד וועט אזוי איבערגעקעהרט ווערען, ווי סדום און עמורה, און ווילדע חיות פון דעם מדבר וועלען וואהנען אין די לוסט-פאלאצען פון בבל; מדי, וועלכע בעציהט זיך גרינגשעציג צו גאלד און זילבער, וועט אינגיכען מאכען פון זיי א סוף". דעם קעניג פון בבל

האָט דער נביא פֿאָראויס געזאָגט אַ שרעקליכען סוף.

וועגען די אַלע דאָזיגע נבואות האָט דער קעניג נאבאָנעד זיך באַלד דערוואוסט און האָט אויפֿגעפֿלאַקערט מיט אַ גרויסען צאָרן געגען אידען, בעזונדערס געגען די פֿרומע, וועלכע ער האָט באַלד אָנגעהויבען שטאַרק צו רודפֿ'ן. בעזונדערס שטאַרק האָט ער אָבער גערודפֿ'ט די „ענוים“ אָדער די נאַציאָנאַלע אידישע יוגענד. פֿאַר יעדער קלייניגקייט האָט מען זיי האַרט בעשטראָפֿט און אויסער דעם האָבען זיך אַ שיט געטהון אויף זיי פֿערשידענע גזירות, וועלכע מען האָט אויסגעפֿיהרט מיט שרעקליכער גרויזאַמקייט; ער האָט געוואָלט פֿערטיליגען אינגאַנצען די אידישע פֿאָלקסטימליכקייט. פֿאַר די אידישע יוגענד האָט דאָס גע־דאַרפֿט זיין די האַרטע פּראָבע, אין וועלכער זיי האָבען געזאָלט אויס־געלייטערט ווערען, ווי איוב אין זיינע צרות און יסורים. אייניגע אידען האָט מען געצוואונגען צו טהון שווערע אַרבייט „אָהן קיין שום רחמנות, אפילו זקנים האָט מען נישט געשוינט“; מיט אַנדערע האָט מען זיך בעגאַנגען נאָך גרויזאַמער. מען האָט זיי געשלאָסען אין קייטען און אַריינגעוואָרפֿען אין אַ פֿינסטערע תפיסה, וואו מען האָט זיי מיט שרעקליכער אכזריות געשלאָגען, געריסען דאָס פֿלייש פֿון זייער לייב און שענדליך אָבגעשפּאָט פֿון זיי. די פֿרומסטע פֿון זיי, וועלכע האָבען זיך ערלויבט פֿאָראויסצוזאָגען, אַז די חאַלדייאישע מלוכה וועט אונטערגעהן מיט איהר געצענדיענערייַ דורך דעם מלך כורש, האָט מען דער'הרג'עט מיט געוואַלדיגער אכזריות. צווישען די קדושים, וועלכע זענען אויף אַזאַ אופֿן דער'הרג'עט געוואָרען, האָט אויך געזאָלט זיין אַן'אייניקעל פֿונ'ם לעצטען כהן-גדול, שריה, מיט'ן נאָמען יהושע בן יהוצדק, וועלכען מען האָט פֿעראורטיילט צו פֿערברענען לעבעדיגערהייד, אָבער ער איז ניצול געוואָרען על פי נס, און מען פֿלעגט איהם דעריבער רופֿען „אַ האַלאָוועשקע, וואָס איז אַרויסגעראַטעוועט געוואָרען פֿון פֿייער“.

נישט אומזיסט האָט מען די ענוים גערופֿען „געדולדיג ליידענדע“: די נסיונות, וועלכע זענען זיי איצט פֿאָרגעשטאַנען מצד די חאַלדייער, די גרויזאַמע רדיפות און אכזריות'דיגע יסורים, וואָס די חאַלדייער האָבען זיי אָנגעטהון, האָבען זיי אויסגעהאַלטען, ווי אמת'ע קדושים (מערטי־רער). אַ נביא פֿון יענער צייט, וועלכער האָט איבערגעלעבט די פֿער־פֿאָלגונגען מיט זיינע חברים צוזאַמען, שילדערט זיי אין קורצע ווערטער, וועלכע זענען פֿיל וועהטאָג: ער בעטראַכט זיין פּאַרטיי, אַלס דעם הויפּט־קערן פֿון אידישען פֿאָלק, און וועגען זייערע יסורים רעדט ער, ווי וועגען די יסורים פֿון גאַנצען פֿאָלק:

„פֿערלאָזען פֿון מענשען, פֿעראַכטעט
פֿערוועהטאָגט, געקרענקט און פֿערשמאַכטעט...

. . . .

געוועזען געפּייניגט, גערייהרט.

א מויל נישט געעפענט, געשוויגען;
ווי שעפסען צום שלאכטען געפיהרט,
ביי'ם שערען — געשטומט, נישט געברומט,
א מויל נישט געעפענט, געשוויגען".

פאר די אידען אין בבל האבען זיך אנגעהויבען אזעלכע גלות־ענוים, ווי מיט טויזענד יאהר פריהער אין מצרים, נאר מיט'ן אונטערשיעד, וואס דארט האט מען זיי געצוואונגען צו ארבייטען אויף די פעלדער און ביי'ם בויען גרויסע בנינים, איצט אבער האט מען געשלעפט אין תפיסה, געפייניגט און דער'הרג'עט דורך א שרעקליכען טויט; דאגעגען יענע אידען, וועלכע האבען זיך אליין אבגעזאגט פון זייער נאציאנאליטעט, האט מען נישט געריהרט און געלאזט צורוה. א שרעקליכער טרויער האט ארומגענומען דאס אידיש הארץ און עס איז פערצווייפעלט געווארען. די געדריקטע טרויעריגע שטימונג, וואס האט דאמאלס געהערשט צווישען אידען, ווערט געשילדערט אין פערשידענע תהלים־קלאגען, וועלכע זענען געדיכטעט געווארען אין יענער צייט פון רדיפות.

כדי נישט צו מוזען ליידען מיט זייערע אונגליקליכע ברידער צוזאמען און דארפען זיין פעראנטווארטליך פאר די חאלדייער פאר זייערע מעשים, האבען די אידישע עשירים זיך אנגעהויבען אבצוזאגען פון אידישען פאלק און זיך פעראייניגט אלץ ענגער מיט די חאלדייער, אנגעהמענדיג זייער לעבען, מנהגים און מדות. זיי האבען אפילו אויך אנגעהויבען אליין צו פערפאלגען די נאציאנאלע אידען מיט זייער שנאה און האס און האבען דאדורך נאך מעהר פערביטערט דאס אידישע לעבען. זיי האבען די געטרייע אידען בעטראכט, ווי פוסטע פאנטאזיארען, ווי משוגעים, וועלכע מען מוז מאכען אונשעדליך. א דאנק דעם דאזיגען אבזאגען זיך און פרעמד ווערען פאר'ן אייגענם פאלק און ענטלויפען פון דער אייגענער פאהן, האבען די עשירים געקאנט לעבען רוהיג, פערגרעסערען זייערע גיטער און לעבען א גוטען טאג.

די הצלחה און עשירות פון די דאזיגע „רשעים", ווי די ענוים פלעגען זיי רופען, און דער שרעקליכער צושטאנד פון די געטרייע אידען — דאס אלץ איז געווען א רעטעניש פאר יענע אידען, וועלכע זענען געשטאנען נאהנט צום קרייז פון די פרומע, נאר זיי האבען נישט געהאט אזוי פיעל העלדישקייט, ווי יענע, צו קאנען זיך מוסר נפש זיין פאר זייער גלויבען, אדער זיי זענען בכלל געווען צו שוואך אין זייער גלויבען אין גאט. אז עס זאל ביי זיי רעכט זיין צו ליידען יסורים פאר די איבערצייגונגען פון די ענוים. די דאזיגע אידען האבען געליטען מאראליש פון די גרויסע ספקות, וועלכע האבען זיי נישט געגעבען קיין רוה. אין תהלים און אין שלמה המלך'ס „משלים" ווערט פיעל מאל איבערגעחזר'ט דער הויפט־געדאנק פון די ענוים, אז דאס גליק אדער אונגליק פון אידישען פאלק הענגט אב אינגאנצען פון זיין געטריישאפט צו גאט, ווי אויך פון זיינע גוטע מדות

און מנהגים, מיט וועלכע עס דארף זיך אויסצייכענען. אין תהלים ווערט פיעל מאל ארויסגעזאגט, אז די גוטע מעשים פון א מענשען מוזען מיט דער צייט בעצאהלט ווערען מיט גוטס, און אז גאט איז גוט פאר די וועלכע טהוען צו איהם האפען, דאגעגען דער סוף פון די רשעים איז אויסגעראטעט צו ווערען. „אויב די, וואס טהוען אונרעכט שפראצען ארויס ווי פון דער ערד און די רשעים בליהען אויף, ווי גראז, איז עס בדי זיי זאלען אויף אייביג דערנאך פערטיליגט ווערען“, און ווידער: „כ׳האב קיינמאל נישט געזעהען קיין פרומען מענשען, וועל׳־ן זאל גאר פערלאזען ווערען און זיינע קינדער זאלען דארפען געהען בעטלען ברויט“. אין „משלי“ ווערען ארויסגעזאגט געדאנקען, וועלכע די לעבענס־חכמה, אדער די פראקטיק האט דאמאלס געלערנט: „די ערשטע חכמה איז מורא צו האבען פאר גאט, דען דאס שיצט אונז פון פערדערבען, דאגעגען די זינד איז א שגעון און זי ברענגט דעם רשע צו א מפלה. דער וואוילשטאנד פון די נארען הרג׳עט זיי אליין אב, זייער גליק פערניכטעט זיי“. די פרומע דיכטער אין גלות בבל האבען אנגעוויזען, אז דאס אומקעהרען זיך צוריק פון גלות קיין ארץ ישראל אהיים וועט זיין די העכסטע בע־לויהנונג פון די פרומע:

„צדיקים וועלען זיין דעם לאנד טהון וואוינען
„די פרומע וועלען דארטען אייביג בלייבען;
„רשעים וועלען פון דעם לאנד פערשניטען ווערען
„פערדעטער וועלען אויסגעווארצעלט זיין“.

פאר די שוואכע מענשען איז אבער די דאזיגע אויסזיכט געווען א קנאפע נחמה, וועלכע קאן מעהר ארייננווארפען א ספק אין די ריכטיגקייט פון די גרויסע הבטחות, איידער שטארקען זיי אין דער אמונה. נישט איינער פון זיי האט געהאלטען אין טענה׳ן: „זעה נאר, די רשעים, ווי גליקליך זיי זענען, ווי שטארק און מעכטיג! גאר אומזיסט האב איך מיין הארץ געלייטערט און געוואשען מיינע הענד אין אונשולד“. אין לעבען, ארום זיך איז שווער געווען אבצולייקענען, אז די רשעים לעבען גליקליך און אז דוקא די צדיקים ווערען שטארק פערפאלגט. דאס, וואס דער תהלים־דיכטער זאגט, „איך האב קיינמאל נישט געזעהען, אז א צדיק זאל פער־לאזען ווערען“, האט דאס לעבען געוויזען תמיד פערקעהרט; אדער מען האט געדארפט האבען א ספק, אז דער פרומער איז באמת פרום, אויב ער ליידט אזוי פיעל, אדער מען האט געדארפט אננעהמען, אז די השגחה איז נישט גערעכט. אויב אבער אט די צדיקים זענען נאך אויך נישט גערעכט געגען גאט, טא ווער זשע קאן געגען איהם גערעכט זיין?... די דאזיגע געדאנקען און ספקות אין דער גערעכטיגקייט, וואס הערשט אין דער וועלט, האבען זיך דערוועקט דוקא צווישען די ארענטליכע אידען, וואס זענען געשטאנען נאהנט צום קרייז פון די ענוים; די ספקות האבען גע־קאנט ווערען געפעהרליך פאר׳ן גלויבען אין גאט און אין דער תורת

פון די אבות. מען האט דעריבער געמוזט געבען דערויף אנ'ענטפער, א קלארען ענטפער, וואס זאל מאכען א סוף צו אלע ספקות. און אט כדי צו ערפילען די דאזיגע אויפגאבע, האט מען פערעפענטליכט דעם ספר איוב, וואס וועגען דעם, ווער זיין מחבר איז געוועזן, זענען פארהאן פערשידענע מיינונגען. דער דאזיגער ספר איז א קונסט־ווערק, וועלכער ווערט גערעכענט צווישען די גרעסטע, וואס דער גייסט פונ'ם מענשען האט בעשאפען. דער אונבעוואוסטער דיכטער האט בעשאפען דעם ספר איוב, כדי אריינצוטראגען ליכטיגע שטראהלען אין די ספקות פונ'ם פער'חשכ'טען לעבען פון זיין צייט. ער האט זיך אויך געשטעלט דעם זעלביגען צוועק, ווי דער ספר משלי און ווי פיעל תהלים־געזאנגען, אבער זיין פארם איז גאר אנ'אנדערע. אין אנ'ערנסטען אבער זעהר אנציהענדען וכוח צווישען פריינד האבען געדארפט פערענטפערט ווערען די אייביגע שאלות, וועלכע מאטערען שטענדיג דעם מענשענ'ס געוויסען. דעם וכוח צווישען די פריינד האט אבער דער דיכטער איינגעוויקעלט אין א שענער אנציהענדער ערצעהלונג, און דורך דער דיכטערישער התלהבות און שענע משלים האט ער זיין ספר געמאכט זעהר שפאנענד.

דער פלאן פון דעם דאזיגען דיכטונג־ווערק איז דורכאויס א קינסטלערישער. די געדאנקען און למודים, וועלכע ער האט געוואלט דערוויזען, אלס ריכטיגע אדער נישט־ריכטיגע, האט ער איינגעוויקעלט אין פערשידענע ראליען. מען קאן דעם ספר איוב נישט פערגלייכען מיט קיין שום פילאזאפישען, אדער דיכטערישען בוך. דאס איז א ספר, וואס שטעהט איינער אליין אין זיין מין, וויל קיינער קאן זיך מיט איהם נישט פערגלייכען. דאס איז נישט קיין דראמע, נאר א דראמאטישער וכוח מיט א געשיכטע אין דער התחלה און אין סוף. אין דער התחלה דערצעהלט דער דיכטער דעם מאטיוו, וואס האט געבראכט צום דאזיגען געשפרעך: אין לאנד עוץ האט געלעבט א שטילער גאטספורכטיגער מאן מיט'ן נאמען איוב, וועלכער איז געוועזן געבענשט מיט קינדער, עשירות און א שם טוב צווישען זיינע מיטבירגער. דער דיכטער דערצעהלט נישט, און וואס עס איז בעשטאנען איוב'ס פרומקייט און זיינע מעשים טובים, נאר ער לאזט זיין העלד ביי דער געלעגענהייט אליין רעדען וועגען דעם:

„דער ארעמאן האט מיך געבענשט,
„געזונגען האט דורך מיין מתנה
„דאס ארעם הארץ פון דער אלמנה".

— — — — —

„איך בין געוועזן פאר בלינדע — אויגען
„און פאר די הינקעדיגע — פיס,
„א טרייער פאטער פאר אביונים.
„א שטרייט, וואס האט מיך נישט בערירט,

„בין איך געגאַנגען אונטערזוכען"...

— — — — —

„צי האָב איך דען דאָס רעכט פון מיינס א שי...
„פון מיינס א דינעסט און זייער קריגע
„מיט מיר אַ מאָל פערראַכטעט?"

— — — —

„צי האָב איך דען אַ מאָל ענטזאָגט
„דעם אָרעמאַן און זיין פערלאַנג?
„און אַנ'אלמנה און איהר נויט
„געלאָזען אפשר ווארטען לאַנג?
„געגעסען מיין שטיק ברויט אַליין
„און נישט געגעבען אויך דעם יתום?"

— — — — —

„צי האָב איך אויף מיין גאָלד געבויט
„מיין גאַנצע האָפנונג און לעבען?
„און צום גין־גאָלד אַ מאָל געזאָגט:
„דו בּיזט מיין איינציגער בטחון?"

— — — —

„צי האָב איך זיך אַ מאָל געפרייעט
„ביי'ם גרויסען אונגליק פון מיין פיינד?
„געטאַנצט פאַר שמחה, זיך געדרעהט,
„ווען שלעכטס האָט איהם געטראָפען?"

— — — — —

„און דרויסען נעכטיגט נישט קיין פרעמדער
„די טהירען מיינע שטעהען אָפען"...

ביי אַנ'אַנדער געלעגענהייט דערצעהלט איוב אויך, אַז ער האָט קיינמאָל נישט אָבגעווייכט פון גאָטס געבאָט און זיינע מצוות, וואָס גאָט האָט געגעבען אידען דורך משה'ן. אָט דאָס איז געווען איוב'ס גאָטס־פורכטיגקייט, און פונדעסטוועגען איז ער אויף דער פערזאַמלונג פון די הערשאַפטען און הימעל ביי גאָט אַנגעקלאָגט געוואָרען דורכ'ן שטן, אַז ער איז ערגעבען צו גאָט נאָר דערפאַר, וואָס ער איז רייך און גליקליך. כּדי צו פּרובּירען איוב'ס פרומקייט האָט גאָט ערלויבט דעם שטן צוציגעהמען ביי איהם זיינע גיטער. באַלד האָט איוב אָנגעהויבען ערהאַלטען בשורות, איינע שרעקליכער פאַר דער אַנדערער. רויבער־מחנות זענען אַנגעפאַלען אויף זיינע פעלדער און בערויבט זיי, אַ בליץ האָט איינגעשלאָגען און זיינע טשערעדעס און זיי פערניכטעט, אַ שטורם־ווינד האָט איינגעוואָרפען זיין הויז און דער'הרג'עט זיינע זיהן און טעכטער. די דאָזיגע נסיונות איז איוב גוט בּייגעשטאַנען, ער זאָגט מיט ערגעבונג צו גאָט: „נאַקעט בין איך אויף דער וועלט געקומען און נאַקעט וועל איך זי...

אומקעהרען צוריק. גאָט האָט געגעבען און גאָט האָט גענומען, זאָל זיין נאָמען זיין געבענשט". כדי צו פּרובירען נאָך מעהר איוב'ס גאָטספורכטיג־קייט, ערהאַלט דער שטן די ערלויבניש, צו בעדעקען איוב'ן מיט העסלי־כע קרעץ פון קאָפּ ביז די פיס. מיט אַ שאַרבען האָט איוב געמוזט זיין לייב קראַצען; קיין הויז האָט ער שוין נישט געהאַט און איז געזעסען אויף אַ בערגעל אַש. אָבער אויך דעם דאָזיגען נסיון איז ער ביי־געשטאַנען; זיין פרוי רעדט איהם אפילו יאָ אָן צו לעסטערען גאָט, איוב אָבער זאָגט צו איהר: „צו זאָלען מיר דען בלויז דאָס גוטע פון גאָט אָננעהמען, אָבער נישט דאָס שלעכטע?" איוב לעסטערט נישט גאָט, אָבער ער הויבט אָן צו שטעלען שאלות דעם אויבערשטען און ער קלאָגט זיך ביטערליך, פאַר וואָס ער ליידעט גאָר אונשולדיג דורך גאָט, וועלכער פערפאָלגט איהם, ווי אַ פיינד; ער פאַלט אריין אין ספקות אין גאָט'ס גערעכטיגקייט.

זיינע דריי פריינד, וואָס זענען געקומען איהם צו טרייסטען, האָבען נישט געקאָנט ליידען זיינע אָנקלאַגען געגען גאָט'ס השגחה און זיין גע־רעכטען משפּט, זיי האָבען זיך גענומען פערטיידיגען די גערעכטיגקייט, וואָס הערשט אין דער וועלט און די ריכטיגקייט פון גאָט'ס השגחה אי־בער איהר. זיי ענטוויקלען זייער אַנשויאונג אין צוויי געדאַנקען: דאָס ליידען יסורים שטאַמט פון דער זינד; ווען מען עס טרעפען יסורים, איז עס אַ סימן, אַז ער איז געווען זינדיג, האָטש ער האָט געפיהרט לפנים אַ פרום לעבען. זיי האָבען דאַדורך בעשולדיגט איוב'ן, אַז זיין פרומקייט איז נישט געווען קיין אמת'ע, נישט מעהר זיי האָבען זייער דאָזיגע האַר־טע בעשולדיגונג אויך פערענטפערט דאַדורך, אַז עס איז בכלל שווער גע־רעכט צו זיין געגען גאָט, „וועלכער גלויבט נישט אפילו זיינע קדושים און דער הימעל אַליין איז אויך נישט גאַנץ קלאָר אין זיינע אויגען, און אַ מענש, וואָס איז געבוירען פון אַ פרוי, קאָן אין זיינע אויגען אודאי נישט זיין גערעכט". דער צווייטער געדאַנק איז: נאָכ'ן טויט הויבט זיך אָן אַ ניי לעבען. דאָס דאַרף אַלזאָ דיענען פאַר אַ טרייסט פאַר די, וועלכע ליידען אויף דער וועלט, חאָטש זיי זענען אמת'ע צדיקים; זיי וועלען נאָך אַ מאָל ערוואַכען צו אַ נייעם לעבען. דער צדיק טאָר דעריבער קיינמאָל נישט פער־צווייפלען, דען גאָט וועט איהם בעצאַהלען רייך פאַר זיינע מעשים אין עולם הבא. דער דאָזיגער ענטפער שטעלט אָבער נישט צופרידען איוב'ן; אַנשטאָט צו שעפּען אין איהם טרייסט, דערוועקט עס נאָך מעהר זיין פערצווייפלונג, און ער הויבט גאָר אָן צו האָבען אַ ספק אין'ם גרויסען גלויבען פון תחית המתים. ער פרעגט:

„עס שטאַרבט דער מענש, פערליערט זיין קראַפט

„און ער פערגעהט, וואו איז ער דאַן?

„וועט ער צוריק אויפלעבען דען?

„אויך ווען די הימלען שוין פערגעהען,

„וועט ער נישט אויפוואַכען פון שלאָף"...

אַט אַזוי ענטוויקעלט דער דיכטער די שווערע פֿראַגען, אויף וועלכע מען מוז אַן ענטפֿער געבּען. די פֿראַגען זענען העכסט וויכטיגע, עס האַנדעלט זיך דאָך וועגען גאָט'ס איבּיגער גערעכטיגקייט און וועגען דעם, צי דאַרף דער מענש פֿיהרען אַ לעבּען פֿון יושר, פֿרומקייט און אָרענטליכקייט. אויב, חלילה, פֿאַר גאָט איז גאַנץ גלייך גערעכטיגקייט און אונגערעכטיגקייט, פֿרומקייט און פֿערבּרעכען, טאָ בּרויכט דאָך דער מענש נישט דוקא איינס צו טהון און דאָס אַנדערע פֿערמיידען. כדי צו געפֿינען אַן ענטפֿער אויף דער גרויסער פֿראַגע וועגען גאָט'ס השגחה אויף דער וועלט, וועגען זיין בּעצאָהלען מיט גוט'ס פֿאַר מעשים טובים און זיין בּעשטראָפֿען מיט יסורים פֿאַר פֿערבּרעכענס, פֿיהרט אַרויס דיזער דיכטער אין זיין וכּוח צוזאַמען מיט די זקנים אויך אַ יונגען מאַן מיט אַ פֿייערדיגער שפּראַך, וועלכער נעהמט אַנטייל אין וכּוח. איוב האָט אַרויסגעזאָגט זיין וואונש, אַז איינער זאָל אַרויסטרעטען איהם צו פֿערטיידיגען געגען דעם, וואָס די פֿריינד האָבּען איהם בּעשולדיגט, אַז ער איז, מסתּמא, אין געהיים נישט געוועזען אַזאַ צדיק, ווי עס האָט אויסגעוויזען לפנים. און אַט טרעט אַרויס דער יונגער אליהוא אין דער ראָליע פֿון איוב'ס פֿערטיידיגער. ער בּעמיהט זיך צו דערווייזען, אַז גאָט איז גערעכט געגען איוב'ן, און פֿערענטפֿערט אויך איוב'ן געגען דער בּעשולדיגונג, וואָס זיינע פֿריינד שטעלען אַרויס געגען איהם. אליהוא'ס הויפּט־געדאַנק איז, אַז יסורים און אונגליק קומען כּלל נישט שטענדיג נאָר אַלס אַ בּעשטראָפֿונג פֿאַר די זינד, זיי דאַרפֿען נאָר דיענען פֿאַר אַ התראה פֿאַר'ן גליקליכען, אַז ער זאָל פֿון גרויס וואוילטאָג נישט זינדיגען.

אָבּער אויך די חכמה פֿון'ם יונגען אליהוא קאָן נישט פֿערענטפֿערען די שווערע פֿראַגע וועגען דער השגחה פֿון גאָט איבּער דער וועלט. די דאָזיגע פֿראַגע קאָן פֿערענטפֿערען נאָר גאָט אַליין. און אַט ערשיינט גאָט פֿאַר איוב'ן. אָבּער ער פֿערענטפֿערט כּלל נישט, ווי אַזוי ער פֿיהרט זיין השגחה אויף דער וועלט, פֿאַר איוב'ן; ער ערשיינט פֿאַר איהם אין שטורם און שטעלט איהם פֿראַגען איבּער פֿראַגען מיט אַ געוואַלדיגער קראַפֿט און איראָניע; ער רעכענט פֿאַר איהם אויס אַ גאַנצע רייהע גרויסע און מעכטיגע ערשיינונגען אין דער נאַטור, און אין דער מלוכה פֿון די בּעשעפֿענישען, וואו מען זעהט אַרויס גאָט'ס גרויסקייט, זיין גוטסקייט און חסד פֿאַר אַלעמען, פֿאַר גרויס און קליין, זיין ליעבּע און בּעזאָרגונג פֿאַר אַלעמען. איוב בּלייבּט איבּערראַשט און צוטומעלט פֿון גאָט'ס רייד, פֿון די פֿיעל פֿראַגען, וואָס גאָט שטעלט איהם און ער האָט אויף זיי קיין ענטפֿער נישט; ער ערקלערט דעריבּער: „אָה, יאָ, איך בּין דאָך צו קליין געגען דיר, וואָס זשע קאָן איך ענטפֿערען?... איך מוז שווייגען. איך זעה, אַז עס זענען פֿאַראַן וואונדערליכע זאַכען און מעשים, וועלכע איך קאָן נישט פֿערשטעהען; כ'האָבּ שוין דעריבּער חרטה אויף מיינע רייד און איך ליעג פֿאַר דיר אין שטויבּ און אין אַש"... דער ליידענדער איוב ערקענט

אליין, אז אין די וואונדער פון דער נאטור, וועלכע גאט האט איהם אין אזא הערליכער פראכט געשילדערט, הערשען נישט קיין אונגערעכטיגקייט און ווילקיהר, נאר א העכערע ארדנונג און א השגחה פון גאט, וועלכע דער מענש קאן מיט זיין שוואכען פערשטאנד גארנישט פערשטעהן.

אין דער ווירקליכקייט אבער געפינט זיך שוין דער ענטפער אויף אלע שאלות אין דער התחלה פונ'ם ספר: די יסורים זענען געקומען אויף איוב'ן אלס א פראבע און א נסיון. גאט פרובט די צדיקים דורך יסורים, אויב זיי וועלען בלייבען אין זייער פרומקייט אפילו אויך דאן, ווען זיי וועלען זיין ארעם, פערלאזען און געפלאגט מיט קרענק און יסורים אין זייער לייב. דעם דאזיגען נסיון איז איוב גוט בייגעשטאנען, און דארום האט איהם גאט דאפעלט אומגעקעהרט זיינע שאדענס, וואס ער האט געהאט.

אט אזוי האט דער אונבעוואוסטער דיכטער פערענטפערט די גרויסע און שווערע פראגען. די ספקות האט ער אפגעשוואכט און געשטארקט אין זייער גלויבען אין גאט יענע לייט, וועלכע האבען נישט געהאט אין זיך גענוג שטארקייט אויסצושטעהן גרויסע יסורים און רדיפות און זענען אריינגעפאלען אין יאוש. דער דאזיגער העכסט שענער און קינסטלערישער ספר איז דאס ערשטע ווערק אין דער רעליגיאנס-פילאזאפיע. דער ספר איוב האט פיעל מיטגעווירקט, צו פערשטארקען דעם גייסט פון די אידען אין גלות בבל און זייער אמונה אין א בעסערע צוקונפט. ווי גאט האט איוב'ן אלץ אומגעקעהרט צוריק דאפעלט, אזוי האט ער אידען אויך געדארפט צוריקפיהרען אין זייער לאנד, און זייער צוקונפט האט געדארפט ווערען בעסער און שענער, ווי די גרויסע פערגאנגענהייט. דער גלות בבל איז געווען פאר'ן אידישען פאלק נאר אן ארויפגעלעגטער שווערער נסיון, כדי צו זעהען, אויב זיי וועלען אויסהאלטען אין זייער אמונה און ערגעבענהייט צו גאט.

און אט אין דעם צושטאנד איז אנגעקומען אלץ נאהענטער דער מאמענט, וועלכער האט געדארפט בעשליסען איבער'ן גורל פונ'ם לאנד בבל און, ממילא אויך, פונ'ם אידישען פאלק. דער גבור כורש האט אלין מעהר בעוואפענט זיך צו דער מלחמה מיט בבל. פיעל נביאים האבען פאראויסגעזאגט, אז בבל וועט האבען א מפלה מיט אלע איהרע אבגעטער, און אז די אידישע ישועה איז נאהענט. אונטער די אידען איז די שטימונג געווען א העכסט אנגעשטרענגטע. מען האט געלעבט מיט דער גרויסער האפנונג און געווארט אויף די ישועות, וועלכע אלע נביאים האבען פאראויס געזאגט; אבער קיינער פון די נביאים האט זיך נישט ארויסגעזאגט מיט אזא דייטליכקייט וועגען דעם נצחון פון כורש דעם מלך פון פרס און מדי איבער דעם קעניג פון בבל, נאבאנאד, מיט אזא בעשטימטהייט, געוויסקייט און קלארקייט, מיט אזא פייערליכער בערעדעוודיגקייט און אין אזא קינסטלערישער פארם, ווי מיר געפינען עס

ביי'ם נביא, וועלכער זאגט פאראוים גרויסע בשורות אינ'ם צווייטען טייל פון ישעיה (פון קאפיטעל פירציג ביז'ן סוף) אדער, ווי מען רופט איהם, ביי ישעיה דעם צווייטען. די רעדעס פונ'ם דאזיגען נביא צייכענען זיך אוים מיט א הויכער ריינקייט פון געדאנקען און א העכסט קינסטלערישער פאלקאמענהייט אין דער פארם. דא זענען פעראייניגט צוזאמען געוואלדיגע קראפט מיט קינדערשער ווייכקייט, א ריכטיגע מאס פון גאנצקייט מיט א גרויסער פערשיעדענהייט, א דיכטערישע התלהבות מיט א גרויסער איינפאכקייט און תמימות, און דאס אלץ צוזאמען איז איינגעפאסט אין אזא אידעלער שפראך און ארויסגעזאגט אין אזא ווארעמע פארצייגען טאן, אז חאטש די רעדעס זענען געווען צוגעפאסט צו יענער צייט, האבען זיי געקאנט דינען אויך פאר פיעל אנדערע צייטען און זענען טאקי פערשטאנען געווארען תמיד מיט'ן גאנצען הארצען אין אלע צייטען גלייך. דער נביא ישעיה האט געוואלט טרייסטען זיין פאלק, דערהויבען עס און אנווייזען איהם, וואס פאר א גרויסען ציעל עס האט פאר זיך אין לעבען אין דער געגענווארט, ווי אויך אין דער גאנץ ווייטער צוקונפט. דערמיט האט דער נביא אויך פערענטפערט און ערקלערט אי דעם ליידענדען אידישען פאלק, אי די פעלקער און מענשען, וואס פאר א שפראך זיי זאלען נישט רעדען און אין וואס פאר א לאנד זיי זאלען נישט וואהנען, יענע גרויסע און אייביגע רעטעניש וועגען דעם מהות פון אידישען פאלק, אדער די גרויסע וואונדערליכע פראגע: ווי אזוי א פאלק קאן אין דער זעלביגער צייט זיין אזוי קליין און אזוי גרויס, אזוי עלענד ביז אין טויט אריין געיאגט און דאך אזוי שטארק אין זיין גייסטיג לעבען און אונשטערבליך אין זיין אייביגער געשיכטע, אזוי פעראכטעט און פערקנעכטעט און דאך אזוי ערהאבען, אז עס דינט פאר אלע פעלקער פאר א מוסטער־בילד?... דער נביא ישעיה גיעט די ריכטיגע ערקלערונג אויף דער דאזיגער רעטעניש.

אויך די טרייסט פון דעם נביא ישעיה פאר'ן אידישען פאלק איז בעזונדערס שטארק. קיינער האט עס נישט פערשטאנען אזוי גוט, ווי ישעיה, צו טרייסטען, צו דערהויבען און אויפצומוטיגען די אונגליקליכע אידישע קהלות אין לאנד בבל. זיינע רייד מאכען לייכטער דעם וועהטאג ווי דער טייערסטער באלזאם — א קראנקע וואונד, אדער, ווי א לייכטער ווינטעל אין א ברענענדיגער היץ אויף א פערשמאכטעט הארץ. „טרייסטעט, טרייסטעט, מיין פאלק" — דאס איז דעם נביא'ס אנפאנג:

„טרייסט זשע, טרייסט מיין פאלק,
„זאגט דאך אייער גאט!
„צו ירושלים'ס הארצען רעדט,
„רופט זשע, זאגט דאך איהר —
„דאס די גלות־צייט האט זיך געענדיגט,
„דאס איהר שולד איז שוין פערגעבען,

„דאָס גענומען האָט זי דאָפּעלט שטראָף
„שוין פון גאָט פאַר איהרע זינד".

דער נביא שילדערט די אידישע געמיינדע אין גלות, וועלכע האָט זיך שוין אנגעליטען איבער איהרע כחות און נויטיגט זיך אין טרייסט, ווי אַ פערשטויסענע מוטער, ביי וועלכער מען האָט אוועקגערויבט איהרע קינדער, וועלכע איז אָבער נאָך אַלץ טייער געבליבען איהר מאַן, אַלס זיין ערשטע ליעבע. די דאָזיגע פערלאָזענע פרוי איז ירושלים, און אַם דער נאָמען איז פאַר דעם נביא דער געגענשטאַנד פון זיין גאַנצער צערט־ליכקייט, פון אַלע וואַרעמסטע געפיהלען פון זיין האַרצען. דער נביא רופט צו דער דאָזיגער פערלאָזענער מוטער:

„דערהויב זיך, דערהויב זיך, שטעה אויף, ירושלים!
„דו האָסט שוין געטרונקען דעם ביטערען בעכער פון גאָט,
„דעם ביטערען בעכער פול גאַל און פול גיפט
„האָסטו אויסגעטרונקען, ער האָט אויסגעטריפט!...
„זי האָט נישט קיין פיהרער פון אַל' איהרע קינדער
„וואָס זי האָט געבוירען,
„זי האָט נישט קיין שטיצע פון אַל' איהרע קינדער
„וואָס זי האָט ערצויגען"...

די טרייסט, וואָס דער דאָזיגער נביא האָט אַרויסגעזאָגט פאַר זיינע ברידער אין גלות, בעשטעהט נישט אין דער האָפנונג צו הערשען, צו גלענצען, צו האָבען מאַכט, דען נישט מיט קראַפט וועט יהודה צוריק גרויס און שטאַרק ווערען, נאָר מיט זיין גייסט, מיט גאָטעס הילף, וואָס וועט איהם געטהון ווערען פאַר די אויגען פון אַלע פעלקער. אין די רעדעס פון'ם דאָזיגען נביא פון גלות געפינען מיר ווידער די אַמאָליגע ברכה, וואָס גאָט האָט געגעבען אברהם'ן, אַז מיט איהם וועלען זיך בענשען אַלע משפחות פון דער וועלט, אַז גאָט האָט געמאַכט זיין פאָלק אַנ'עדות פאַר אַלע פעלקער, אַ ליכט פאַר זיי, אַז די אידישע הילף זאָל שיינען אין אַלע עקען וועלט. אַ גאַנץ נייע אָרדנונג זאָל אין דער וועלט קומען, אַ נייער הי־מעל און אַ נייע ערד זאָלען בעשאַפען ווערען, דאָס אַלטע זאָל פערגעסען און פערגעבען ווערען, און אַלע פעלקער וועלען דאָס אַנערקענען. פאַר'ן אידישען גאָט וועט זיך בויגען יעדע קניע, יעדע צונג וועט צו איהם שווערען.

„קעהרט זיך צו מיר און ווערט געהאָלפען אַלע עקען וועלט!
„איינער בין איך גאָט, קיין אַנדערער נישטאָ!
„ביי מיין נאָמען טהו איך שווערען — צדקה פאַר אַ וועלט —
„אייביג וועט מיין וואָרט איצט ווערען:
„יעדע קניע וועט מיר זיך בוקען,
„יעדע צונג וועט מיר טהון שווערען.

דער נביא ערקלערט אויך, ווי אזוי דאס קליינע פאלק וועט ערפי־לען גאטעס גרויסע שליחות:

„אט איז ער, מיין דינער, איך שטיץ איהם,
„ער איז מיין דערוועהלטער, געליעבטער:
„געגעבען האב איך איהם מיין גייסט—
„גערעכטיגקייט פאר אלע פעלקער.
„ניט שרייען, ניט ליארמען וועט ער,
„אין גאס ניט אויפהויבען געפילדער,
„געבראכענעם שטעקען ניט ברעכען,
„געטליהעטע פלאקס ניט פערלעשען,
„נאר אורטיילען אלץ לויט'ן אמת.
„ניט מיעד וועט ער ווערען אהן קרעפטען,
„ביז משפט וועט הערשען א וועלט;
„עס וועלען זיך פעלקער בעהעפטען
„צו איהם אין זיין תורה־געצעלט.

נישט דורך געוואלד וועט גאטעס שליח פיהרען דעם אמת צום נצחון און פערשפרייטען זיין תורה, נישט דורך פייער און שווערד. ווי אזוי אבער וועט ער עס מאכען, אז אלע זאלען זיין תורה אנערקענען? דורך זיין אייגענעם ביישפיעל, דאדורך וואס ער וועט ווערען א מערטירער, א פרייוויליגער קדוש פאר זיין תורה, און וועט בלייבען שטעהן פעסט געגען אלע פערפאלגונגען, טראגענדיג געדולדיג די פעראכטונג און פערשפאטונג. דער נביא בעווייזט אידען זייער לעבענס־אויפגאבע מיט א זעלטענער רעדנערישער קונסט, וועלכע מען קאן ביי קיינעם נישט בעגעגנען; זיינע רייד לעגט ער אריין דעם אידישען פאלק גופא אין מויל:

„הערט איהר פעלקער וויטע אלע:
גאט האט מיך פון בויך גערופען,
פון מיין מוטער'ס שויס
האט ער שוין דערמאנט מיין נאמען.
און ער זאגט צו מיר:
ביזט מיין קנעכט, ישראל,
כ'טהו מיט דיר זיך ריהמען.
איך האב אבער שוין געמיינט:
גאר אומזיסט מיין מיה,
ווינד און פוסט מיין קראפט פערטהון.
מיין גערעכטיגקייט ווייס אבער גאט,
אה, מיין טהאט איז גאנץ פאר איהם!"

אט דאס טראגען גאטעס־ווארט און בעוואוסטזיניג ליידען פאר איהם, בלייבען תמיד שטאנדהאפטיג געגען די יסורים און וויי און איידעלמוטיג און די מעשים — דאס האט געמוזט ברענגען דעם נצחון פאר ישראל'ם

תורה און סוף כל סוף אויך דעם כשר פערדינענטען לויהן. אזוי האָט ער־קלערט דער נביא פון גלות פאַר זיינע ברידער די אידען. די געדאַנקען אָבער לאָזט ער זאָגען דעם אידישען פאָלק גופא. די פעלקער וועלען קו־מען צו דער איבערציינגונג, אַז דאָס אידישע פאָלק, און זיין קנעכט־גע־שטאַלט, האָט טאַקי דורך זיינע יסורים, דורך זיין אויסגעהאַלטענקייט און גרייטקייט צו ברענגען זיך פאַר אַ קרבן פאַר זיינע געדאַנקען, ערפילט זיין גרויסע אויפגאַבע און געבראַכט די פעלקער הילף און פרידען:

„ער איז דאָך קלוג, מיין קנעכט,
„ערהאָבען, זעהר גרויס, גערעכט...

— — — — — — — — — — —

„ווער האָט געקאָנט דאָס גלויבען,
„און ווען האָט דאָס גאָט דערהויבען:
„אַנ'עלענד צווייג זיך אויפגעהויבען
„אַ וואָרצעל פון אַ וויסטען לאַנד,—
„אָהן שענהייט, אָהן געשטאַלט,
„אָהן פאָרם, איהם צו בעגעהרען,
„פעראַכטעט, אויסגעמיעדען,
„אַ מענש פון קראַנק און וועהטאָג...

— — — — — — — — — — —

„געליטען האָט ער אָבער
„גאָר אונזער קרענק און וועהטאָג;
„נאָר מיר האָבען געטראַכט,
„אַז גאָט האָט איהם פעראַכט,
„געשלאָגען און געבויגען...
„פערוואונדעט האָט איהם אונזער זינד,
„געדריקט נאָר אונזער שלעכטיגקייט...
„זיין שטראָף—זי ברענגט אונז פרידען...
„מיר זעהען, ס'וועט פערשוואונדען
„די אַלטע קרענק ביי אונז
„דורך זיינע שווערע וואונדען"...

דער גרונד־געדאַנק, וועלכען דער דאָזיגער ערהאָבענער נביא פון גלות זאָגט אַרויס אין אַנ'אַנדער מאָנאָלאָג, אַז פון אידען וועט אַרויס־געהן הילף און אַ וואוילטהאָט פאַר אַלע פעלקער, דריקט ער אויס אַזוי: „מיין הויז, דער מקדש פאַר'ן אידישען גאָט, וועט נאָך ווען אַ מאָל ווע־רען אַ געבעט־הויז פאַר אַלע פעלקער".

אָט אַזוי האָט עס דער נביא ערקלערט די רעטענישׁ און לעבען פון אידישען פאָלק. אידען האָבען גענומען אויף זיך די שווערע אויפגאַבע צו טראָגען דעם געטליכען געדאַנק צו אַלע פעלקער, און די דאָזיגע אויפ־גאַבע וועט דאָס אידישע פאָלק ערפילען דורך ליידען רדיפות און בלייבע

פֿעסט און נישט געבויגען. דער גלות בבל איז דעריבער אויך א נויט־ווענדיגקייט געווען: דאס אידישע פאלק האט געדארפט געלייטערט ווערען „אין א טיגעל פון עלענד“, כדי עס זאל ווערען ריין און שען, און אויך, ממילא, פעהיג צו ערפילען זיין גרויסע אויפגאבע.

דער נביא זאגט אויך אן די בשורה, אז עס איז נאהענט דער טאג, ווען גאט וועט זיין גערעכטיגקייט און הילף ענטפלעקען פאר אלע פעלקער דורך זיין קנעכט ישראל. די מפלה פון דער חאלדייאישער מלוכה מיט איהר גאנצער אונגערעכטיגקייט און געצענדיענערייא און די אויסלייזונג פון אידישען פאלק פון גלות וועלען פערווירקליכען די דאזיגע גרויסע תשועה. דער נביא רעדט וועגען בבל׳ס מפלה ווי וועגען א זיכערען פאקט און ווידמעט איהר אפילו אויך א העכסט־שענעם שפאט־ליעד, וואו ער לאכט אויס מיט א בייסענדער איראניע בבל׳ס שווערע געצענדיענערייא און איהר אסטראלאגישע קונסט, מיט וועלכער די חאלדייאישע חכמים האבען זיך אזוי שטארק געריהמט און געזאגט, אז זיי קאנען דורך דער אסטראלאגיע פאראויסזאגען די צוקונפט.

דער נביא ערקלערט, אז צוזאמען מיט כורש׳עס נצחונות איבער בבל וועט אויך פארקומען די אידישע ישועה, וועלכע דער נביא שילדערט פאראויס מיט א דערהויבענער דיכטערישער שפראך און גרויסער התלהבות. „עס וועלען פארקומען וואונדער, ווי אין די טעג פון יציאת מצרים. א וועג וועט זיך עפענען אין דער מדבר, קוואלען וואסער וועלען זיך ענטפלעקען אין דער וויסטעניש, וועלכע וועט ווערען, ווי א גן־עדן מיט בליהענדע בוימער. אין דער אלטער היים וועלען זיי אויפבויען צוריק די חורבות און אויפשטעלען די איינגעווארפענע שטעדט. אלע וויסטע ערטער וועלען זיי אומוואנדלען אין פרעכטיגע גערטנער און קאנען לעבען רוהיג און זעהען פריידען. דער גייסט אבער, וועלכען גאט האט אויף זיין קנעכט ארויפגעלעגט, און זיין תורה, וועלכע ער האט איהם אין מויל געגעבען, וועלען שוין קיינמאל זיך נישט אבטהון נישט פון איהם, נישט פון זיינע קינדער און קינדס־קינדער אויף אייביג“.

און אויך א גרויסען געדאנק, וועלכער האט געדארפט שפעטער אין גאנצען פערענדערען די רעליגיעזע אנשויאונג און דערהויבען זי, האט דער נביא ארויסגעזאגט: די גאטהייט איז צופיעל ערהאבען, אז מען זאל זי קאנען איינשליסען אין א מקדש; דער אמת׳ער בית מקדש דארף זיך געפינען אינ׳ם מענשען׳ס הארצען.

„דער הימעל איז מיין שטוהל,
„די ערד—א באנק פאר מיינע פיס
„וואס פאר א הויז ווילט איהר מיר בויען,
„אין וועלכען ארט קאן איך דען רוהען?
„דאס אלץ האט דאך מיין האנד בעשאפען
„דורך מיינס א ווארט איז אלץ געווארען

„איך קוק נאר אויף דעם עלענדען, געדריקטען,
„דעם עניו, וואס טהוט היטען מיין געבאט".

די רייינע, דורכגעדאכטע פרומקייט פון אייניגע אידען אין גלות האט זיך גענומען דעם דאזיגען געדאנק פאר איהר הויפט־לעהרע „די הימלען קאנען דיך, גאט, נישט ארומנעהמען, טא ווי אזוי זשע וועט דאס קאנען טהון דער בית המקדש".

אבער אויב דער נביא האט געשילדערט שען און שטארק די ליכטיגע זייט פון'ם אידישען לעבען אין גלות, האט ער נאך שטארקער געשילדערט די פינסטערע זייט פון דער דאמאלדיגער געגענווארט: די מאסע האט זיך פערהאלטען גלייכגילטיג צו די רייד פון די נביאים, אדער זי האט זיך גאר אבגעקעהרט פון זיי. דאס פאלק, וועלכעס דער נביא האט בעשטימט צו זיין א קנעכט פון גאט, וואס דארף ערפילען זיין גרויסע שליחות, האט זיך אבגעזאגט צו טהון זיין דיענסט; עס האט נישט געוואלט זיין קיין שליח, וואס זאל עפענטליך ערקלערען גאטעס ווארט, עס איז געבליבען בלינד פאר די געשעהענישען פון לעבען און טויב פאר די רייד פון די נביאים. אנשטאט צו דערהויבען דעם כבוד פון דער תורה, האט דאס פאלק עס פעראכטעט, און איז דאדורך אליין פעראכטעט געווארען. צו דער דאזיגער קלאס מענשען זאגט דער נביא:

„הערט, איהר טויבע, בלינדע, קוקט און זעהט:
„ווער איז בלינד, אויב נישט מיין קנעכט?
„ווער איז טויב, ווי דער פון מיר געשיקט?
„ווער איז בלינד, ווי מיין בעצאהלטער דיענער?
„ווער איז בלינד, ווי גאטעס קנעכט?
„זעהען פיעל—צום הארצען ניט צו נעהמען,
„האבען אפען אויערען, אבער נישט צום הערען"...

דען טאקי דערפאר, וואס אין דער ווירקליכקייט איז דאס פאלק אזוי ווייט געווען דאמאלס פון'ם גרויסען אידעאל, וואס דער נביא האט איהם אנגעוויזען, האט דער נביא געמוזט נעהמען אויף זיך די אויפגאבע צו מוסר'ן, צו לערנען, צו וועקען, צו טרייבען די פרומע און נאציאנאל־געזאנענע אידען צו שענע מעשים, ווי אויך צו שטראפען און אבשפאטען פון יענע אידען, וואס האבען פון קיין שום אידעאלען גארנישט געוואלט וויסען און האבען זיך פעסט געהאלטען נאר ביי'ם אויסגעלאסענעם לעבען פון די חאלדייער. די נאציאנאלע און פרומע אידען, די וועלכע האבען געטרויערט נאך ציון, זענען דורך די רדיפות געווארען פערצווייפעלט; א ביטערער יאוש איז אריינגעדרונגען אין זייער הארצען, און זיי האבען נישט געוואגט ארויסצוטרעטען עפענטליך; דאגעגען די וועלטליכע אידען, וואס האבען זיך אנגעשלאסען צו די חאלדייער, האבען גאר אליין גערודפ'ט אלע אידען, וואס האבען געוואגט צו רעדען עטוואס וועגען דעם אידישען גייסט און וועגען אנ'אויסלייזונג פון גלות, אדער

בכלל וועגען א פערענדערונג אינ'ם איצטיגען לעבען. די ערשטע האבען מיט פערצווייפלונג די הענד געבראכען, געקלאגט און געיאמערט, אז גאט האט זיך פון זיין פאלק אבגעזאגט; די צווייטע ווידער האבען נאך אבגע־לאכט פון זיי: „אדרבא, זאל זיך גאט איך בעווייזען אין זיין גרויסקייט, מיר וועלען אייער פרייד זעהען". דער נביא האט דעריבער געהאט צוויי פערשידענע אויפגאבען: פאר די ערשטע האט ער געדארפט ריידען ווייך און היילען די וואונדען פון זייער הארצען דורך טרייסט און פאראויסזא־גען נחמות; די אנדערע דאגעגען האט ער געמוזט שטראפען, אדער אויך בעטען, אז זיי זאלען ענדערען זייערע געדאנקען, דעריבער פלעגט ער זיי אנווייזען אויף די געשעהענישען פון דער געגענווארט, וועלכע האבען קלאר גערעדט, אז גאט'ס ישועה איז נאהנט, און מען טאר די צייט נישט פערלאזען און מ'דארף אבווענדען זיך פון די שלעכטע דרכים. וואס נאהענטער דער נביא קומט צום סוף פון זיינע נבואות און בשורות טובות, אלץ שארפער ווערט זיין ארויסטרעטען געגען די וועלטליכע לייט און עשירים, וועלכע ווילען פון קיין זאך נישט וויסען, אויסער דער געצענ־דיענעריי און זייערע אונזיניגע מנהגים מיט זייער גאנצער אונציכטיגקייט און אונערליכקייט. און וועהרענד דער נביא איז מבטיח גאטעס גנאדע די פרומע, שטראפט ער די וועלטליכע און זאגט זיי פאראויס א זיכערען פערדערבען. לסוף שילדערט דער נביא די ישועות און דאס צוריקקעהרען זיך פון גלות, און זאגט נבואה, אז אלע צושטרייטע און צושפרייטע פון יהודה און ישראל וועלען קומען צוריק צום הייליגען בארג ציון, און דאן וועלען אלע עולה רגל זיין יעדען שבת און חודש קיין ירושלים, כדי דעם גאט פון ישראל צו בעטען און דיענען; די רשעים אבער וועט גאט בע־צאהלען לויט זייער פערדיענסט פאר אלע זייערע שלעכטע מעשים.

וועגען דעם נצחון פונ'ם גבור כורש האט דער נביא גערעדט מעהר, ווי וועגען א פאקט, איידער ווי וועגען א נבואה, וואס ער זאגט פאראויס. דעריבער זאגט אבער דער נביא פאראויס, אז כורש וועט געבען אלע פער־טריבענע פון ישראל און יהודה די פרייהייט אומצוקעהרען זיך צוריק קיין ירושלים און צו בויען דארט דעם מזבח. דער נביא ערקלערט, אז ער זאגט וועגען דעם נבואה בכיון, כדי אלע זאלען זעהען, ווען דאס וועט פארקומען אין דער ווירקליכקייט, אז גאט האט זיין השגחה פון אידען נישט אבגעטהון און ער לאזט וויסען זיין פאלק פאראויס דורך די נביאים, דאס, וואס וועט פארקומען. דער גבור פון פרס, וועלכער האט איינגענו־מען מדי און באקמזיען, לידיען, קליין־אזיען און זעהר פיעל פעלקער, איז אויסערוועהלט געווארען פון גאט צו פערווירקליכען די אידישע ישועה און צו בעפרייען זיי פון גלות.

מעגליך, אז אפילו דער חאלדייאישער קעניג מיט זיין גאנצען פאלק האט נישט געווארט אזוי געשפאנט אויף דעם סוף פון דער מלחמה מיט כורש'ן, ווי די דארטיגע גלות־אידען. די גלענצענדסטע האפנונגען און

דער גרעסטער יאוש האָבען זיך אַלע וויילע געביטען אין זייערע הערצער, וויל פון כורש'עס נצחון איז אָבגעהאנגען די ישועה פון אידען אָדער זייער אונטערגאַנג. אָבער איידער מען האָט זיך נאָך אַרומגעקוקט, איז שוין געשטאַנען פאַר די טהויערען פון דער שטאָדט בבל אַ גרויסע פערסישע אַרמעע. די חאַלדייער האָבען געהאַלטען זייערע גרויסע און שטאַרקע בעפעסטיגונגען אַרום דער שטאָדט פאַר דער בעסטער בעשיצונג, און דעריבער האָבען זיי זיך גאָרנישט געקימערט וועגען דעם פיינד. כורש אָבער האָט געלאָזט אָבפיהרען אין די זייטיגע קאַנאַלען דאָס וואַסער פון טייך עפראַט, וועלכער איז געגאַנגען אונטער דער מויער פון שטאָדט. דער טייך איז אויסגעטריקענט געוואָרען, און די פערסישע אַרמעע איז אין דער נאַכט אַריינגעקומען דורך זיין טרוקענעם גרונד אונטער דער מויער אין שטאָדט. די חאַלדייער האָבען די גאַנצע נאַכט געהוליעט און געשכור'ט און נישט געוואוסט פון קיין בייז. און ווען עס איז טאָג געוואָרען, האָבען זיי דערזעהען, אַז די שטאָדט איז פול פערסישע קריגער. אַזוי אַרום איז געפאַלען די גרויסע און מעכטיגע שטאָדט בבל (539 פאַר דער אַלגעמ. צייט־רעכנונג). דעם חאַלדייאישען קעניג און פאָלק האָט נישט געטראָפען קיין שווערע שטראָף, דען כורש איז געווען אַ מילדער מענש. געפאַלען איז נאָר איינגאַנצען די העסליכע געצענדיענעריי באַלד, ווי מען האָט די שטאָדט איינגענומען. דער גאָטעס־דיענסט פון די בעזיעגער, פון פרס און מדי, איז, אין פערגלייך מיט דער חאַלדייאישער געצענדיענעריי, געווען פיעל איידעלער און ריינער. זיי האָבען געהאַט נאָר צוויי־דריי געטער, און דעם דיענסט צו די בילדער, וועלכען מען האָט שטאַרק פערעהרט אין בבל, האָבען זיי געהאַסט.

בבל'ס מפלה האָט אויסגעהיילט מיט איין מאָל אינגאַנצען דאָס אידישע פאָלק פון זיין געצענדיענעריי אויף אייביג. דאָס פאָלק האָט שוין איצט געזעהען מיט די אייגענע אויגען, ווי דער אָבגאָט בל, צו וועלכען מען האָט זיך געבוקט מיט דער גרעסטער פערעהרונג נאָך מיט אַ טאָג פריהער, האָט זיך איצט געוואַלגערט אויפ'ן מיסט, און די אָבגעטער נבו און מרודך האָט מען צושטויסען. בבל'ס מפלה האָט אינגאַנצען פערענדערט דאָס אידישע פאָלק און געגעבען איהם „אַ האַרץ פון פלייש, אַנשטאָט אַ שטיינערנעם". אַלע אידען אָהן אויסנאַהם, אויך די וועלטליכע אידישע עשירים, האָבען זיך איצט געווענדעט צו גאָט פון ישראל, נאָכדעם ווי זיי האָבען דערזעהען, ווי ריכטיג עס איז פערווירקליכט געוואָרען די נבואה פון'ם נביא. די „ענוים", די, וואָס האָבען געטרויערט נאָך ציון און ירושלים, האָט מען שוין איצט נישט פערהאַסט און פעראַכטעט; מען האָט זיי אָנגעהויבען בעהאַנדלען מיט'ן גרעסטען כבוד, און געשטעלט אין שפּיץ פון דער געמיינדע. די פרומע אידען האָבען, באַלד נאָך בבל'ס מפלה, אָנגעהויבען ענערגיש צו אַרבייטען, כדי צו פערווירקליכען די אידישע ישועה און דאָס אומקעהרען זיך צוריק קיין ארץ ישראל פון גלות

בבל. דער פערסישער קעניג, כורש, האט פערנומען דעם פאלאץ פון חאלדייאישען קעניג און זיך געזעצט אויף זיין טהראן, אויסרופענדיג זיך אלס קעניג פון בבל און נאכפאלגער פונ'ם פריהערדיגען קעניג. ער האט אנגעהויבען צעהלען די צייט פון זיין רעגירונג ערשט פונ'ם יאהר, ווען ער האט איינגענומען בבל. אלע דיענער פון פאלאץ, וועלכע האבען זיך פריהער געבוקט צו נאבאנאד און שיער נישט געהאלטען איהם פאר א גאט, זענען איצט ארייגעטראטען אין דיענסט צו כורש'ן. צווישען זיי זענען אויך געווען די סריסים פון דער אידישער קעניגליכער משפחה, וועלכע זענען געטריי געווען דער אידישער תורה. און אט די אידען, צוזאמען מיט די אנגעזעהענע גרים, וועלכע האבען זיך פעראייניגט מיט'ן אידישען פאלק, האבען זיך אנגעהויבען משתדל צו זיין ביי כורש'ן, אז ער זאל פרייאזען די פערטריבענע אידען אומצוקעהרען זיך צוריק אהיים. ווי עס שיינט, איז דער הויפט-שתדלן געווען דער איניקעל פונ'ם אידישען קעניג יהויכין, זרובבל, דער זוהן פון שאלתיאל. ביי כורש'ן האבען די שתדלנים געפועל'ט נאך מעהר, ווי מען האט געהאפט: ער האט זיי ערלויבט אומצוקעהרען זיך קיין ארץ ישראל און אויפבויען צוריק די שטאדט ירושלים צוזאמען מיט'ן בית המקדש. מיט'ן איינעהמען בבל איז כורש אויך געווארען קעניג איבער אלע לענדער און פעלקער, איבער וועלכע נבוכדנאצר האט געוועלטיגט, איבער אלע פראווינצען ביז צום מיטעללענדישען ים און דער גרעניץ פון מצרים, און דאס לאנד יהודה האט דעריבער אויך געהערט צו איהם. וואס פאר מאטיווען האבען געקאנט אנווייזען די שתדלנים פאר אזא שטארקען מלך, ווען זיי זענען געקומען ביי איהם בעטען, אז ער זאל זיי לאזען פריי און, אין א געוויסער מאס, מאכען זעלבסטשטענדיג זייער לאנד? וואס האט אויך בעוואויגען דעם מלך כורש צו זיין אזוי גוט געגען אידען און בעווילליגען זיי זייער בייטע? איז דאס געווען רחמנות, אדער בלויז א פלוצלונגע פאנטאזיע פון א שטארקען מלך? אדער אפשר איז טאקי ריכטיג, וואס עס האט שפעטער דערצעהלט יוסף פלאוויוס, אז די אידישע סריסים פון קעניגליכען הויף האבען פארגעלעזען דעם מנצח כורש די נבואה פונ'ם אידישען נביא ישעיה, אז גאט האט אויסערוועהלט איהם, כורש'ן, דאס ער זאל איינעהמען פיעל פעלקער און אומקעהרען צוריק דאס אידישע פאלק אין זיין לאנד? אדער אפשר גאר האט כורש איינגעזעהען די גרויסקייט פון דער אידישער תורה און דעם אידישען גאט און ער האט דעריבער בעגנעדיגט דאס פאלק, וואס האט אזעלכעס? ווי דארט איז נישט געווען, א וואונדער איז עס געווען, דאס באלד, ווי כורש האט איינגענומען בבל האט ער מודיע געווען אין זיין גאנצער מלוכה דורך שליחים-אויסרופער (הערלדען) און אויך ארויסגעגעבען א מאניפעסט, אז עס ווערט ערלויבט אלע אידען צו געהן צוריק קיין ירושלים און בויען דארט דעם בית המקדש. ער האט ערלויבט די אידען, וואס ווילען בלייבען אין בבל,

צו שטיצען די, וואס ווילען געהן קיין ארץ ישראל, מיט גאָלד און זילבער, מיט פערמעגען און מיט בהמות. און, ענדליך, האט ער בעפוילען זיין שאַץ־מייסטער, מתרדת, ארויסצוגעבען אידען צוריק די הייליגע כלים פון בית המקדש, וואס נבוכדנאצר האט געבראַכט, אלס א צייכען פון זיינע נצחונות, און אויסגעשטעלט אין טעמפעל פון זיין אָבגאָט בל. איצט האבען די אידען, וואס האבען זיך געלאזט אין וועג צוריק קיין ירושלים, גענומען אט די הייליגע כלים מיט זיך, לויט כורש'עס בעפעהל.

ווי נאר כורש האט געגעבען זיין ערלויבניש די אידען, צו געהן צוריק אהיים, האבען זיך פערזאַמעלט אנגעזעהענע אידען צו ארגאניזירען דעם ארויסגאַנג פון בבל און אָבצורוימען אלע מעגליכע שוועריגקייטען פונ'ם וועג פון די איבערוואנדערער. אין שפיץ פון דער אויסוואנדערונג האבען זיך געשטעלט צוויי גרויסע אידען, וואס האבען געהאט דאס רעכט צו ארגאניזירען דעם ארויסגאנג פון בבל, לויט זייער הויכער געבורט. דאס זענען געוועזען — דעם קעניג יהויכינס אייניקעל זרובבל בן שאלתיאל און דער כהן יהושע בן יהוצדק, אן אייניקעל פונ'ם לעצטען כהן גדול, שריה, וועלכען נבוכדנאצר האט געלאזט טויטען אין רבלה. מיט זיי האבען זיך פעראייניגט נאך צעהן בעוואוסטע אידען, אלזא, צוזאמען צוועלף מאן, ווי די צאהל פון די אידישע שבטים, וועלכע זיי האבען געזאלט אין א געוויסער מאס פערטרעטען. זרובבל'ן האט כורש געגעבען א גרויסען טיטול פחה, אדער שטאטהאלטער (נאמיעסטניק) פונ'ם לאנד יהודה, וועלכעס אידען וועלען איצט צוריק פערנעהמען און אויפבויען. דער טיטול פון זרובבל איז, אין גרונד־גענומען, געוועזען די ערשטע מדרגה צום קעניג. צו די אידישע צוועלף אנפיהרער זענען געקומען אלע אידען, וועלכע האבען געוואלט צוריקקעהרען קיין ירושלים. אין פערגלייך מיט דער צאהל אידען, וואס זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים, איז די איצטיגע צאהל געוועזען זעהר קליין, סך הכל צוויי און פערציג טויזענד דריי הונדערט און זעכציג נפשות, מאנסבילען, פרויען און קינדער, עלטערע פאר צוועלף יאהר; דאך איז די צאהל געוועזען פיעל גרעסער, ווי מען האט געהאפט. די דאזיגע אידען האבען געהערט מייסטענס צו די שבטים יהודה און בנימין, אויסער דעם זענען צווישען זיי אויך געוועזען כהנים און א קליינע צאהל לויים. אויך פון אנדערע שבטים האבען זיך דא געפונען אידען, ווי אויך גרים, דאס הייסט, נישט־אידען, וואס זענען צוגעשטאנען צום אידישען פאלק.

די שמחה פון די אידען, וואס האבען זיך געקליבען צו געהן צוריק קיין ארץ ישראל, איז געוועזען א געוואלדיגע. ס'איז זיי פארגעקומען די גאנצע זאך, ווי א זיסער חלום; קיינעם האט זיך נישט געגלויבט, אז זיי זאלען זוכה זיין, צוריק אהיים צו געהן און ווידער אויפבויען דאס לאנד און דעם בית המקדש. די געשעהעניש האט געמאכט א שטארקען איינדרוק אויך צווישען די פעלקער; מען האט וועגען דעם גערעדט אין גע־

זעהען דערין א וואונדער, וואס דער גאט פון ישראל האט בעוויזען זיין פאלק. אין איין „שיר המעלות“ שפּיגעלט זיך אב די דאמאלדיגע שטימונג פון די צוריקקעהרענדע:

וועו גאט האט אומגעקעהרט צוריק
די עלענדע געפאנגענע פון ציון—
גלייך ווי א חלום איז ערשיענען אונזער גליק.
דער מויל איז פול געווארען פריידע,
די צונג האט אנגעהויבען זינגען.
די פעלקער אלע האבען דאן גערעדט:
„ווי גרויס האט גאט געטהון מיט זיי!“
יא, גרויס האט גאט געטהון מיט אונז,
מיר זענען טאקי פרעהליך אל' געוועזען.

ווען די נאציאנאל-געזאנגענע האבען זיך צוגעגרייט אויסצונוצען די פרייהייט, וואס מען האט זיי געגעבען און געהן צוריק קיין ירושלים, האט איין דיכטער זיי געווארענט אין א תהלים-געזאנג צו בעטראכטען גוט, אויב זיי זענען טאקי ווערט צו געניעסען פונ'ם דאזיגען חסד פון גאט.

ווער דארף דערהויבען זיך צו גאטעס בארג?
ווער שטעהן דארף אויף זיין הייליג ארט?
נאר ריינע הענד, א הארץ א קלארס,
וואס גלוסטעט נישט נאך פוסטען ווינד
און שווערט קיין פאלשע שבועות נית.

נאר די, וואס זענען אמת ווערט דעם גרויסען חסד, דארפען זיך צוריק פערזאמלען אויף די הייליגע ערטער. ווער קאן אבער בעשטימען און זאגען, ווער עס איז באמת דער ווערטער און גערעכטער?...

צווייטעס קאפּיטעל.

דער ארויסגאנג פון גלות און די נייע ירושלים.

(פון 607 ביז 490 פאר'ן צווייטען חורבן; פון 537 ביז 420 פאר דער געוועהנליכער צייטרעכנונג).

אינ'ם זעלביגען חודש, ווען די אידען זענען מיט א יאהר נייננהונדערט פריהער ארויסגעגאנגען פון מצרים, האבען זייערע איינקלעך פערלאזען דאס לאנד בבל, צו געהן צוריק אהיים און פערנעהמען ווידער די שטאדט ירושלים. דאס איז געוועזען א העכסט וויכטיגער מאמענט, וועלכער האט געטראגען אין זיך די צוקונפטיגע געשיכטע פון טויזענדער יאהרען.

נישט ווי פערציטערטע, שרעקעדיגע שקלאווען, פון וועלכע מען האט נאר וואס די קייטען ארונטערגענומען, זענען אידען ארויסגעטראטען, נאר

מיט א פרייען מוט, און א געהויבענער בעגייסטערטער שטימונג און מיט אידעאלע האפנונגען אין הארצען. א חאר פון זינגער, פידלען און פויקען האט בעגלייט זייער גאנג. נייע געזאנג־ליעדער האבען זיי געזונגען:

„הודו לי"י כי טוב, כי לעולם חסדו"—„דאנקט גאט, דען ער איז גוט, דען אייביג איז זיין גנאד". די אידען, וועלכע זענען געבליעבען אין בבל— און אזעלכע זענען געוועזען פיעל, רייכע סוחרים און גוטבעזיצער — האבען ארויסגעוויזען זייער מיטגעפיהל דאדורך, וואס זיי האבען בעגלייט די צוריקקעהרענדע אחיים און מיטגעגעבען זיי גרויסע געשענקען אויף צו בויען די שטאדט און דעם בית המקדש. דער קעניג כורש האט זיי מיטגעגעבען טויזענד רייטער, וועלכע האבען זיי געדארפט אבהיטען אויף דער ווייטער רייזע פון רויבער־אנפאלען; זיי האבען אויך געדארפט איבערגעבען דעם קעניג'ס בעפעהל צו יענע פעלקער, וואס האבען זיך בעזעצט אין לאנד יהודה, אז זיי זאלען זיך ארויסציהען פון לאנד און אבגעבען עס די צוריקגעקומענע אידען. די נבואה, וועלכע איז ערשט נישט לאנג געזאגט געווארען: „אין פריידען וועט איהר פון בבל ארויסגעהען און אין פריידען וועט איהר געפיהרט ווערען אהיים"— די דאזיגע נבואה איז מקוים געווארען איינגאנצען. אין פריידען און אהן סכנה האבען די מייסטען אידען געקאנט דורכמאכען דעם לאנגען וועג פון כמעט טויזענד ווייארסט פון בבל קיין יהודה אונטער דעם שוץ פון דער מחנה פערסישע רייטער. די רייכע לייט האבען געמאכט די רייזע אויף קעמלען, פערד און מוילעזלען, זיי האבען אויך געהאט מיט זיך זייערע שקלאווען און האלב־שקלאווען, זיי צו בעדיענען; אפילו די ארעמע האבען אויך געקאנט זייערע זקנים, ווייבער און קינדער לאזען פאהרען, דען די מחנה האט געהאט זעהר פיעל עזלען, קעמלען, פערד און מוילעזלען. דעריבער איז וועגען דער לאנגער רייזע נישט געבליעבען קיין שום בעשרייבונג, אדער זכרונות, ווי ביי דעם געהן פון מצרים צום לאנד כנען; מען האט נישט געפונען פאר נויטיג צו פערצייכענען די ערטער, וואו מען האט זיך אויסגערוהט; די מחנה איז זיך געגאנגען לאנגזאם איהר וועג, דען פיעל מענשען האבען געמאכט דעם וועג צופוס; קיין וויכטיגע געשעהעניש איז אבער דערביי מיט זיי נישט פארגעקומען. „גאט האט זיי געפיהרט מיט א גלייכען און זיכערען וועג צום ארט, וואס זיי האבען פערלאנגט"— ווי עס דריקט זיך אוים איינער פון די תהלים־זינגער.

ווען די מחנה ארויסגעהער פון גלות האט נאך פערלויף פון פיער, אדער פינף מאנאטען דערגרייכט ענדליך די גרעניץ פון לאנד יהודה, איז די פרייד געוועזען געוואלדיג גרוים. אלע נבואות און האפנונגען, אלע גרויסע ליכטיגע חלומות פון די אידען אין גלות, האט זיך געדוכט, ווערען שוין פערווירקליכט. די גרויסע פרייד איז אבער אויך געוועזען געמישט מיט טרויער: דאס גאנצע לאנד, בעזונדערס, די היילינגע שטאדט, דער געגענשטאנד פון זייער ליעבע און שטרעבען—אלץ איז געלעגען פערוויס־

טעט; שטילע, טויט־שטילע חורבות האָבען די ווידערגעקעהרטע פֿאַר זיך דערזעהען. ירושלים האָט איצט געמוזט ווידער אויף דאָס נײַ אויפֿגעבויט ווערען. אָבער אויך נישט דאָס גאַנצע לאַנד איז געלעגען פֿרײַ: אַ גרויסען טייל פֿון לאַנד יהודה האָבען פֿערנומען די כותים און די אדומים, די ערשטע אין צפון, די אַנדערע אין דרום־קאַנט פֿון'ם לאַנד. די דאָזיגע פֿעלקער האָבען איצט טיילוויז געדאַרפֿט פֿערלאָזען דאָס לאַנד און אָפּגעבען עס די צוריקגעקומענע אידען. אָבער נאָר דער שבט בנימין האָט געקאָנט אינגאַנצען צוריק בעזעצען זײַן לאַנד; דער שבט יהודה האָט געקאָנט נאָר בעקומען צוריק אַ טייל פֿון זײַן לאַנד.

דער אָנפֿאַנג פֿון דער נײַער אידישער מלוכה איז געוועזען קליין און אָרעם. פֿערציג טויזענד מענשען האָבען נישט געקאָנט בעאַרבייטען און קולטיווירען אַ גאַנץ גרויסען שטח לאַנד. די צוריקגעקומענע קאָלאָניע האָט דעריבער זיך אײַנגעאָרדענט אַרום ירושלים. דאָס דאָזיגע לעבען צוזאַמען האָט אָבער אויך געהאַט אַ מעלה: די בעפֿעלקערונג, וואָס האָט געלעבט נישט ווײַט פֿון דער הויפּטשטאָדט, האָט שטענדיג געקאָנט זעהן, וואָס עס קומט דאָרט פֿאָר און אויך אַנטייל נעהמען אין צענטראַלען לעבען, אָדער קומען צו הילף, ווען עס וועט זײַן נויטיג.

אויב אָבער דער קליינער אָנפֿאַנג פֿון דער נײַער קאָלאָניע האָט פֿיעל פֿערקלענערט די שמחה און בעזונדערס די גרויסע האָפֿנונגען, וועגען וועלכע עס האָבען גערעדט די נביאים אין דער לעצטער צײַט פֿון גלות, נאָכדעם ווי זיי האָבען אין דער ווירקליכקײַט דערזעהען זייער אָרעמקײַט און שוואַכקײַט,—זענען פלוצלונג פֿאָרגעקומען גרויסע געשעהענישען, וועלכע האָבען ווידער ערוועקט זייער התלהבות און די בעגײַסטערונג וועגען דער מעגליכקײַט פֿון אַ נײַער גרויסער אידישער מלוכה. פֿון פֿיעל לענדער, פֿון מערב, דרום און צפון, פֿון מצרים, פֿון פֿעניקיען און אפילו פֿון די גריכישע לענדער אויף די ברעגען פֿון ים און זייערע אינזלען, וואו מען האָט אידען פֿערקויפֿט פֿאַר קנעכט, אָדער וואוהין זיי האָבען אַליין אויסגעוואַנדערט,— פֿון אַלע עקען וועלט האָבען איצט אָנגעהויבען צו קומען אידען קיין ירושלים. אָבער נישט בלויז אידען זענען געקומען, אויך אַ היבש ביסעל גרים, מענשען פֿון גאָר פֿרעמדע פֿעלקער, זענען צוגעשטאַנען צו אידען און געקומען מיט זיי צוזאַמען פֿון פֿערשיעדענע לענדער „גרויסע און קליינע“, אָנגעזעהענע און וועניג אָנגעזעהענע. אידען האָבען זיי אויפֿגענומען מיט צופֿריעדענהייט און ליעבע, דען עס זענען געוועזען אַזעלכע, וואָס האָבען באמת דערקאָנט גאָט'ס תורה און בעהעפֿט זיך צו אידען מיט'ן גאַנצען האַרצען. אין די דאָזיגע גרים האָבען די אידען דערזעהען אַ ריכטיגען סימן, אַז זייער צוקונפֿט וועט נאָך גרויס זײַן, ווי די נביאים האָבען פֿאָראויס געזאָגט.

און ווען עס איז געקומען דער זיבעטער חדש (תשרי), און וועלכען עס קומען פֿאָר די מייסטע ימים־טובים, לויט'ן געזעץ פֿון דער תורה,

האָבען זיך פערזאַמעלט די עלטסטע פון די משפחות פון אַלע קלאַסען קיין ירושלים און אונטער דער הנהגה פון זרובבל בן שאלתיאל און דעם כהן גדול יהושע בן יהוצדק האָבען זיי צוגעטראָטען צו פערווירקליכען דעם ערשטען אקט פון דער נייער מלוכה. זיי האָבען אויסגעבויט אַ מזבח פון שטיינער, ווי עס שטעהט געשריבען אין דער תורה; דער דאָזיגער מזבח האָט געדאַרפט זיין דער ערשטער שריט צום בויען דעם בית המקדש, וועלכער האָט געדאַרפט ווערען דער צענטער פון דער נייער מלוכה. דערוויל איז מען נאָך נישט צוגעטראָטען צו בויען דעם בית המקדש, וויל עס האָט געפעהלט בוי־מאַטעריאַל, געהילץ און שטיינער, וואָס מען ברויכט צו אַזאַ גרויסער געביידע. צווישען די אַלטע כהנים און לויים זענען נאָך געווען אַזעלכע לייט, וואָס האָבען געזעהען דעם ערשטען בית המקדש און גוט געדענקט, וואו דער מזבח איז געשטאַנען, און אויך ווי אַזוי דער בית המקדש האָט אויסגעזעהען. באלד, ווי מען האָט דעם מזבח אויפגעשטעלט, זענען די כהנים צוגעטראָטען צו זייער עבודה, און די לויים צום געזאַנג, און, בשעת מען האָט דעם ערשטען קרבן אויפ'ן מזבח געבראַכט, האָבען די לויים געזונגען:

„קומט זינגען צו גאָט, לאָמיר שאַלען
„דעם פעסטונג־פעלז פון אונזער הילף
— — — — — — — — — — —

„דערצעהלט די נאַציאָנען זיין כבוד,
„און פעלקער דערצעהלט זיינע וואונדער.
— — — — — — — — — — —

„פערשעמט זאָלען זיין אַלע דינער צו געצען,
„וואָס ריהמען זיך גרויס מיט די נישטיגע געטער.
— — — — — — — — — — —

„צו גאָט טהוט־זשע זינגען אַ נייעם געזאַנג,
„דען וואונדער פיעל האָט ער געטהון.
— — — — — — — — — — —

„זיין הילף האָט ער אָפען אַצונד אונז בעוויזען,
„פאַר פעלקער ענטפלעקט זיינע צדקות“.

באלד איז מען אויך צוגעטראָטען צו בויען דעם בית המקדש. פאַר די רייכע נדבות און מתנות, וועלכע זענען ערהאַלטען געוואָרען פון די גלות־לענדער, האָט מען געדונגען אַרבייטער און בעלי־מלאכות. מען האָט ווידער געבראַכט צעדער־בוימער פון לבנון, ווי אין שלמה'ס צייטען, און געבראַכען שטיינער פונ'ם קאַלך־באַרג, און ווען מען האָט שוין צוגעגרייט פערפערטיגטע מאַטעריאַלען גענוג, איז מען צוגעטראָטען צו לעגען דעם פונדאַמענט פאַר'ן צווייטען בית המקדש. נישט בלויז די אַנפיהרער זרובבל און יהושע בן יהוצדק, נאָר אויך די עלטסטע פון אַלע משפחות, אַ גרויסער המון מענשען האָבען זיך פערזאַמעלט צום דאָזיגען גרויסען

אקט, וועלכער איז אויסגעפיהרט געווארען מיט גרויס פייערליכקייט. די כהנים זענען ווידער ערשיענען אין זייערע הייליגע קליידער; די לויים פון אסף׳ס הויז האבען א דאנק-ליעד געזונגען, אז גאטעס גנאד דויערט אייביג. די כהנים האבען אין טרומייטען געשאלט, דאס פאלק האט אויפגעהויבען א פרעהליך געשריי. דער לאנג ערווארטעטער טאג איז ענדליך געקומען: מען גרינדעט ווידער גאטעס הויז. אין דער שמחה האט זיך אבער אויך אריינגעמישט א טרויער: דער צווייטער בית המקדש איז געווען קלענער און נישט מיט אזא עשירות האט מען אנגעהויבען בויען, ווי דעם ערשטען, וואס שלמה האט געבויט. די זקנים האבען נישט געקאנט פערגעסען די פראכט פונ׳ם ערשטען בית המקדש.

די שמחה און די התלהבות פון דער ערשטער צייט האבען נישט לאנג געדויערט פאר די אומגעקעהרטע פון גלות. נייע דאגות האבען זיך אנגעהויבען און נייע פגעים רעים האבען זיך בעוויזען. הארט ביי דער גרעניץ פון לאנד יהודה האט געוואהנט א געמישט פאלק, די כותים, וועלכע די אידישע כהנים האבען אין בית אל געלאזט אננעהמען די אידישע תורה; אבער די כותים האבען עס געטהון נישט אינגאנצען, נאר טיילווייז, דען ביי זיך אין דערהיים האבען זיי אויך געדיענט צו זייערע אבגעטער, וואס זיי האבען מיטגעבראכט פון זייער אמאליג פאטערלאנד. איצט זענען געקומען פארשטעהער פון די כותים אין ירושלים און ערקלערט, אז זיי ווילען אויך אנטייל נעהמען אין בויען דעם בית המקדש, כדי אויפגענומען צו ווערען פאר אידען גלייך מיט אלעמען. די זאך איז געווען אין די אידישע אויגען זעהר וויכטיג, און זיי האבען דעריבער צוזאמענגערופען א בעראטונג, אויף וועלכער ס׳איז בעשלאסען געווארען נישט אנצונעהמען דעם פארשלאג פון די כותים. זרובבל, דער וועלטליכער מנהיג פון די געקומענע אידען, האט ערקלערט די אנפיהרער פון די שומרונים, אדער כותים, אז מען וועט זיי נישט צולאזען צום בויען דעם בית המקדש, דען דאס איז אונמעגליך: אין אידישען בית המקדש קאנען אלע פעלקער קומען גאט בעטען, אבער בויען דארפען איהם נאר אידען אליין, ווייל אנדערש וועט ער נישט זיין קיין אידישער. דער דאזיגער בעשלוס האט געבראכט אין דער צוקונפט זעהר טרויעריגע רעזולטאטען. עם האבען זיך באלד אנגעהויבען רייבונגען. די שומרונים האבען אנגעהויבען ארויסצוטרעטען פיינדליך געגען אידען, און מען האט געקאנט זעהען, דאס פיעל פון זיי זארגען גאנץ ווייניג וועגען דעם טייל-נעהמען אין בית המקדש, נאר זיי ווילען ברענגען אידען שאדען און נישט דערלאזען זיי גרינדען און איינארדנען א נייע מלוכה אין לאנד יהודה, ווי אויך צו שטערען זיי צו בויען דעם בית המקדש. די שומרונים האבען אנגעהויבען פיהרען אינטריגעס: פון איין זייט האבען זיי אנגעהויבען אבצורעדען פיעל אידען נישט צו בויען דעם בית המקדש, פון דער אנדערער זייט האבען זיי זיך בעמיהט צו ווירקען אויף די פערסישע בעאמטע, אז זיי זאלען שטע-

רען אידען אין זייער בויען דעם בית המקדש. פֿאַר די אידען האָט זיך בכלל איצט איבערגע׳חזר׳ט נאָך אַמאָל די זעלביגע שלעכטע לאגע, ווי זי איז געווען, ווען זיי זענען אריינגעקומען צום ערשטען מאָל אין לאַנד כנען. דאָס גאַנצע לאַנד האָט זיי נישט געהערט, און די אַרומיגע פֿעלקער האָבען מיט אַלערליי מיטלען געזוכט צו טהון זיי שאָדען. וואָס האָבען די אידען איצט געקאָנט טהון? וועגען פֿערטיידיגען זיך מיט געוועהר האָט מען גאָרנישט געקאָנט טראַכטען, דען עס האָבען געפֿעהלט דערצו אַלע מיטלען, און אידען זענען אויך צו קליין געווען אין דער צאָהל. פֿון די פּערסישע בעגלייטער און בעאַמטע האָבען זיי געקאָנט ווייניג וואָס האָפֿען אויף ישועות. צום אַלגעמיינעם אונגליק האָבען די געקומענע אידישע גרויסע לייט, די שרים און יחסנים, ווידער אָנגעהויבען טראַכטען מעהר פֿאַר זיך און זייער אייגענעם נוצען, ווי פֿאַר׳ן טובת הכלל. אַנשטאָט צו בויען דעם בית המקדש און בעפֿעסטיגען די שטאָדט, האָבען זיי געבויט פּאַלאַצען פֿאַר זיך אליין, ווי עס שיינט, פֿונ׳ם מאַטעריאַל, וואָס מען האָט געזאַמעלט פֿאַר׳ן בית המקדש. דערצו זענען נאָך געקומען עטליכע יאָהר נאָכאַנאַנד אונגערעטעניש. „עס איז נישט געווען קיין רעגען, די ערד האָט אַרויסגעגעבען צוריק דעם לאַנד אַרבייטער ווייניגער, ווי ער האָט פֿערזייהט; עס האָט פֿערפֿעהלט עסענווארג פֿאַר זיך און פֿאַר די בהמות, מען איז געבליעבען אָהן קליידער, און ווער עס פֿערדינט, האָט ער אַ לאָך אין קעשענע“ — אַט אַזוי קלאָגט זיך אַ דאַמאָלסדיגער שריפֿטשטעלער. נאָך ערגער איז געווען די מאָראַלישע לאַגע, צוליעב דער גרויסער נויט. אין דער געצענדיענעריי זענען שוין אידען אפילו מעהר נישט אַריינגעפֿאַלען, דען דערפֿון האָבען זיי זיך שוין אויסגעהיילט אויף אייביג; אָבער אַנדערע פֿערברעכען, שלעכטסקייט געגען דעם אָרעמאַן, האַרטהערציגקייט, אייגענגוציגקייט — אַט די פֿעהלערען זענען זעהר פֿערשפּרייט געווען.

אפילו די פֿעסטגלויביגע האָבען אויך אָנגעהויבען צווייפֿלען און פֿערלאָרען דעם מוט. וואָס איז געוואָרען פֿון אַלע גרויסע הבטחות נאָכ׳ן צוריקקעהרען זיך קיין ירושלים? אַנ׳עלענדער אָרעמער צושטאַנד מיט ניעדעריגע מדות. דער בנין פֿון בית המקדש האָט זיך אויך געמוזט אָבשטעלען.

אַכט יאָהר איז אַריבער, זינט אידען זענען אַרויסגעגאַנגען פֿון בבל. דער קעניג כורש איז דאַמאָלס געשטאָרבען און אויף זיין טהראָן איז אַרויף זיין זוהן, קאַמביזעס. דער דאָזיגער קעניג האָט געהאַט גרויסע פּלענער; ער האָט געוואָלט איינגעהמען מצרים, נוביען, כוש און די בערִיהמטע שטאָדט קאַרטאַגען, און דעריבער האָט ער זיך נישט געקאָנט אָבגעבען מיט די אידישע ענינים. קאַמביזעס האָט געקעניגט נאָר אַכט יאָהר, און נאָך זיין טויט איז געוואָרען קעניג אין פּרס דריוש, דער דריטער

פערסישער קעניג (פון 591 ביז 555 פאַר'ן צווייטען חורבן). אין זיין צייט האָט די לאַגע פון אידען אין יהודה זיך פערענדערט צום גוטען. דריוש איז גלייך געווען נישט צו קאמביזעס'ן, נאָר צו כורש'ן; ער איז געווען אַ מילדער און אַ ווייכהערציגער הערשער. אַנ'אַלטע לעגענדע דערצעהלט, אַז זרובבל איז געגאַנגען קיין פערסיען און האָט שטאַרק אויסגענומען ביי דריוש'ן, צוליעב זיין גרויסער חכמה. אַלס אַ בעוויז פון זיין חסד צו איהם, האָט דריוש איהם געגעבען אַנ'ערלויבניש צו געהן צוריק קיין ירושלים און בויען דאָרט ווייטער דעם בית המקדש אויפ'ן חשבון פונ'ם קעניג. די זאַך איז אָבער אַזוי לייכט נישט דורכגעגאַנגען. נאָכדעם ווי מען האָט אָבגעשטעלט דאָס בויען דעם בית המקדש אין אַ משך פון פופצעהן יאָהר, צוליעב די אַרומיגע מלחמות אין די צייטען פון קאמביזעס, האָבען די אידישע מנהיגים, זרובבל און יהושע, אפילו געטראַכט ווידער אָנצוהויבען בויען איהם, אָבער דאָס פאָלק, די עלטסטע פון די משפחות, האָבען געטענה'ט: „ס'איז נישט די צייט צו בויען גאָטעס הויז", דען זיי האָבען מורא געהאַט, אַז דאָס וועט זיי קאָסטען געלד און טרחה; זיי האָבען איצט געטענה'ט בכלל, אַז מען מוז פריהער בעפעסטיגען זיך אין לאַנד, ווערען רייך און שטאַרק, און ערשט דאַן וועט מען קאָנען טראַכטען וועגען בויען אַ בית המקדש. כדי אַז די אַרבייט זאָל זיך ביי'ם בויען דעם בית המקדש ווידער קאָנען אָנהויבען, האָט מען פון דאָס ניי געברויכט צו האָבען די אַמאָליגע פייערדיגע רעדעס פון נביאים, וועלכע זאָלען דערוואַרעמען דאָס האַרץ ביי'ם פאָלק. אַזעלכע נביאים זענען געווען חגי און זכריה. די דאָזיגע נביאים האָבען אין אַ משך פון פיעל חדשים גערעדט צום פאָלק און געשטראָפט איהם, און דורך זייערע רעדעס האָבען זיי ענדליך ווידער דערוועקט די ליעבע ביי אידען צו דער תורה און צום בית המקדש. זיי האָבען אויך נבואה געזאָגט וועגען דער צוקונפט און אינ'ם איצטיגען מאָמענט האָבען זיי גערופען אין גאָטעס נאָמען: „אַזוי זאָג גאָט: איך בין מיט אייך, שטאַרקט זיך ביי דער אַרבייט!" אַ דאַנק די פייערדיגע רעדעס פון די נביאים, איז מען ענדליך ווידער צוגעטראָטען צו דער אַרבייט; צום צווייטען מאָל האָט מען אָנגעהויבען בויען דעם בית המקדש מיט בעגייסטערונג מוט און ענערגיע.

דאָס בויען האָט געדויערט פיער יאָהר (פון 589 ביז 535 פאַר'ן צווייטען חורבן), און ווען דער בנין איז ענדליך פאַרטיג געוואָרען נאָך פיעל מיה, שטערונגען און אָנשטרענגונגען, האָט מען געמאַכט דעם חנוכת הבית, קורץ פאַר פסח, מיט גרויסער פרייד און פייערדיגער התלהבות, פונקט אין זיבעציג יאָהר אַרום נאָך דעם חורבן פונ'ם ערשטען בית המקדש. צום חנוכת הבית איז זיך צוזאַמענגעקומען קיין ירושלים דאָס גאַנצע אידישע פאָלק פון לאַנד יהודה. דער בית המקדש איז פון איצט אָן געוואָרען דער צענטער פון אידישען פאָלקס-לעבען. דריי וואָכען נאָך דעם חנוכת הבית האָט מען געפייערט פסח, און די גרים,

וועלכע האָבען זיך באמת בעהעפט צו אידען, האָבען אין דער דאָזיגער פּײערונג אַנטייל גענומען מיט אַלעמען גלייך.

אין דער נייער אידישער קהלה האָט זיך שוין איצט געפיהרט אַלץ לויט'ן דין פון דער תורה. די גאַנצע געמיינדע, דאָס יונגע פאָלק איז געווען איינגעזאַפּט מיט דער תורה און דעם גייסט פון די נביאים; אַלע מצוות האָט מען שטרענג אָבגעהיט, אויף וויפיעל דאָס איז נאָר געווען מעגליך דאַמאָלס. אַלע האָבען געשטרעבט צו אחדות, און עס האָט גע-הערשט אַ וואַרעמער גייסט צווישען אַלע אידען אין יהודה. אָבער בכלל איז די געמיינדע נאָך געווען צו יונג, און עס איז שווער געווען אויסצו-מיידען אינערליכע שפּאַלטונגען און רייבונגען. אין יהודה האָבען דאַמאָלס געהערשט צוויי הערן: זרובבל, דער אייניקעל פון אידישען קעניג, וועלכער האָט געשטאַמט פון דוד'ס הויז, און דער כהן גדול יהושע בן יהוצדק, וועלכער האָט געשטאַמט פון אַלטען הויז פון כהנים פון צדוק'ס קינדער. דער ערשטער האָט געהאַלטען די וועלטליכע מאַכט, דער אַנדערער — די גייסטליכע, און ס'איז שווער געווען אויסצומיידען, אַז איינער פון זיי זאָל נישט אַריבערטרעטען די גרעניץ פון זיין מאַכט און נישט אַריינמישען זיך אין דער הערשאַפט פונ'ם צווייטען. זרובבל האָט געהאַט, נאַטירליך, פאַר זיך די ליעבע פונ'ם פאָלק, ווייל מען האָט אין איהם געזעהען גאָט'ס משיח פונ'ם געזאַלבטען קעניגליכען דוד'ס הויז, וועלכער האָט דערמאָהנט אָן דער גלענצענדער צייט פון דער אידישער מלוכה און אָן די גרויסע הבטחות פון די נביאים. דער נביא חגי האָט איהם אָנגערופען „דעם געליעבטען פון גאָט, זיין טייערען חתימה-רינג". אָבער טאָקי דערפאַר האָט ער געקאָנט ווערען געפעהרליך, דען די אידי-שע פיינד האָבען אָנגעגעבען אַ מסירה, אַז אידען טראַכטען אויסצורו-פען דעם נשיא פון דוד'ס הויז פאַר אַ מלך, און אידען הערען נישט אויף צו טראַכטען, ווי אַזוי ווידערצושפּעניגען געגען פרס און אָבפאַלען פון איהר.

פון דער אַנדערער זייט ווידער האָט זכריה נבואה געזאָגט, אַז דער כהן גדול יהושע וועט טראָגען די קרוין און זיצען אויפ'ן טראָהן, און אין איהם וועט זיך פערווירקליכען די האָפנונג וועגען אַ משיח פון גאָט. דער-מיט האָט דער נביא געגעבען דעם כהן גדול אַ יתרון געגען דעם נשיא פון דוד'ס הויז. אַזוי אַרום איז די בעציהונג צווישעןביידע מנהיגים און זייערע אָנהענגער געוואָרען זעהר אַ געשפּאַנטע. און עס האָט געהאַלטען ביי אַ שפּאַלטונג, וועלכע האָט געזאָלט צוטיילען די קליינע אידישע גע-מיינדע אויף צוויי פּאַרטייען. די נבואה, אַז צווישען ביידע פּאַרטייען וועט ווערען שלום, האָט זיך נישט פערווירקליכט. דער שלום האָט געקאָנט צוריקגעשטעלט ווערען נאָר דאָדורך, וואָס איינער פון ביידע מנהיגים זאָל זיך אָבזאָגען פון זיין מאַכט. זייער הנהגה צוזאַמען האָט נאָר שטענדיג געקאָנט זיין אַ נייע סבה צו מחלוקת. אויב אָבער מען וואָלט געדאַרפט

אויסקלייבען, ווער עס זאָל בלייבען און ווער עס זאָל אָבטרעטען, וואָלט
געמוזט אָבטרעטען זרובבל, ווייל אַהן אַ כהן גדול האָט דער בית מקדש
דאָך נישט געקאָנט זיך פיהרען. אַזוי אַרום האָט זיך דוד׳ס הויז צוריק־
געצויגען פון דער הויכער אויפגאַבע צו שטעהן אין שפּיץ פון אידישען
פאָלק. ווי עס שיינט, האָט זרובבל פערלאָזען ארץ ישראל. און איצט איז
די גאַנצע הנהגה, סיי די וועלטליכע, סיי די גייסטליכע געבליעבען אין
די הענד פונ׳ם כהן גדול יהושע בן יהוצדק, און נאָך זיין טויט איז זי
איבער געגאַנגען צו זיין זוהן, יהויקים. צי האָט די דאָזיגע ענדערונג עפּעס
גע־ברענגט נוצען, איז שווער צו זאָגען. קיין שלעכטס ווערט אפילו נישט
דערצעהלט פון די ערשטע צוויי כהנים גדולים, אָבער קיין פיעל גוטס,
וואָס זיי זאָלען האָבען אויפגעטהון, — אויך נישט. מען האָט נישט פער־
צייכענט פון זיי קיין גרויסע מעשים, דורך וועלכע זיי זאָלען האָבען בע־
זונדערס דערהויבען און געשטאַרקט די יונגע אידישע קהלות. ווי עס
שיינט, איז די וועלטליכע מאַכט נישט געווען אינגאַנצען אין רשות
פון כהן גדול, נאָך זרובבל׳ס אַרויסגעהן פון ארץ ישראל. די מאַכט האָט
גאָר איבערגענומען דער פערסישער פחה, אָדער דער שטאַטהאַלטער,
וועלכען די פערסישע מלכים אָדער די סירישע סאַטראַפּען (הויכע
שרים) פלעגען בעשטימען איבער יהודה. דער פחה פלעגט גאָר נישט
וואוינען אין ירושלים, נאָר צייטענווייז פלעגט ער אַהין קומען און משפּט׳ן
דאָס פאָלק, זיצענדיג אויף אַ טהראָן, אָדער, אויב ער איז בעזונדערס
פיינדליך געווען געשטימט געגען אידען, פלעגט ער נאָך דערביי מאַכען
אַ רעש, אַז אידען טראַכטען נאָר וועגען בונטען געגען דעם מלך פון פרס.
צווישען אידען זענען דאַמאָלס געווען פיעל מענשען, וואָס האָבען מיט׳ן
ריינעם הארצען געגלויבט, אַז עס וועלען אין גיכען מקוים ווערען די
נבואות פון ישעיה, אַז דאָס לאַנד יהודה וועט ווערען אַ שטאַרקע מלוכה,
און פעלקער און מלכים וועלען איהר זיין אונטערטעניג. מען האָט דער־
ריבער אידען חושד געווען, אַז זיי טראַכטען אָבצופאַלען פון פרס, אפילו
שוין אויך דאַמאָלס, ווען זרובבל האָט פערלאָזען ארץ ישראל, און אין
דעם זין האָט מען געשריבען מסירות אויף אידען. אַזעלכע מסירות האָט
מען אָנגעהויבען שרייבען באַלד נאָך דעם טויט פון מלך דריוש, ווען עס
איז אַרויפגעשטיגען אויף זיין טהראָן אחשורוש (Xerxes) (פון 555 ביז
534 פאַר׳ן צווייטען חורבן). די אידישע שונאים, נעמליך, די שומרונים
אָדער כותים, האָבען נישט דורכגעלאָזען קיין געלעגענהייט אָנצוווייזען
אויף דער שעדליכקייט פאַר דער פערסישער מלוכה, וואָס עס שטעקט
אינ׳ם נייען אויפוואַקסען פון די אידישע קהלות אין ארץ ישראל, און אַז
דעריבער איז נויטיג, אַרויסצוגעבען בעגרענצענדע געזעצען און גזירות
געגען אידען. אויסער דעם האָבען די פחות (שטאַטהאַלטערס) אָנגעהוי־
בען נעהמען גרויסע אָבצאָהלונגען ביי אידען, בעזונדערס ביי די לאַנד־
בעזיצער, וועלכע פלעגען זיי מוזען געבען פיעל געלד און תבואות. די

לאגע פון די אידען און זייער אלטער היים. וואוהין זיי זענען אריינגעקומען מיט אזעלכע גרויסע ליכטיגע האפנונגען, האט אין צווייטען און דריטען דור אנגעהויבען צו ווערען ערגער פון טאג צו טאג.

כדי ווענינגסטענס פטור צו ווערען פון די אינטריגעס און מסירות מצד די שומרונים, האבען די אידישע מנהיגים, די עלטסטע פון די יחוסי משפחות, געמאכט א שריט, וועלכער האט שפעטער געבראכט צו זעהר טרויעריגע פערוויקלונגען און אויך אונגליקען. זיי האבען אנגעהויבען זיך מתקרב צו זיין צו די ארומיגע פעלקער, אדער האבען פריינדליך אויפגענומען זיי, ווען יענע זענען געקומען צו זיי מיט כלומרש'ט פריינדליכע פארשלאגען. כדי פעסטער צו בעפריינדען זיך, האבען זיי אנגעהויבען מתחתן זיין זיך מיט זיי. ווי אין דער ערשטער צייט נאכ'ן אריינקומען אין לאנד כנען, אין דער ערשטער עפאכע פון די „שופטים", האבען אידען געוואלט פערזיכערען זייער רוהיגקייט און זיכערקייט דורכ'ן לעבען בשלום מיט די ארומיגע פעלקער און צוליעב דעם האבען זיי זיך מיט זיי מתחתן געווען, אזוי האבען זיי געטהון אויך איצט. די בעציהונגען זענען אבער איצט געווען גאר אנדערע. די פעלקער פון כנען, די אמורים, החתים און אנדערע אלטע איינוואהנער פון'ם לאנד, זענען געווען געצענדיענער און דורכ'ן מתחתן זיין זיך מיט זיי זענען אידען אריינגעשלעפט געווארן אין דער געצענדיענערייע. די איצטיגע פעלקער ארום דאס לאנד, בעזונדערס, די שומרונים, האבען זיך כמעט שוין גאר אבגעווארפען פון דער געצענדיענערייע און האבען באמת געשטרעבט צום אידישען גלויבען, זיי האבען געוואלט אנטייל נעהמען אינ'ם גאטעס־דיענסט אין בית המקדש. דאס זענען געווען, אייגענטליך, גרים. אדער האבען עס געוואלט זיין; זיי האבען געוואלט אריינטרעטען אין אידישען בונד מיט גאט און פעראייניגען זיך אינגאנצען מיט'ן אידישען פאלק. צי האט מען דען אלזא געדארפט זיי אבשטויסען פון זיך מיט עקשנות? צי וואלט דען נישט געווען גליכער, אז מען זאל זיי מקרב זיין צו זיך און באמת מאכען זיי פאר אידען? די אידישע יחוסים־משפחות מיט זייערע אנפיהרער האבען זיך מעהרסטענטייל ארויסגעזאגט, אז מען דארף זיי יא אריינעהמען אין דער אידישער סביבה און מקרב זיין זיי, אנשטאט אבצושטויסען זיי פון זיך. דער דאמאלסדיגער כהן גדול, יהויקים, אדער זיין זוהן אלישיב, האט אויך איינגעשטימט דערמיט אינגאנצען און געשטיצט דעם ענין דורך זיין הויכען אמט און נאמען.

דער רעזולטאט דערפון איז געווען, אז פיעל פון די אנגעזעהענע אידישע משפחות, אפילו אויך די מיטגליעדער פון דער משפחה פונ'ם כהן גדול, האבען זיך מתחתן געווען מיט די ארומיגע פעלקער. די שומרונים מיט די אידען האבען געהאלטען ביי'ם צוזאמענגיסען זיך אין איין פאלק. אויך מיט די פעלקער עמון און מואב, אט די אמאליגע פערביטערטסטע אידישע פיינד, מיט וועלכע די משנה־תורה האט בפירוש פער־

באטען מתחתן צו זיין זיך, אפילו מיט זיי האבען אידען זיך איצט אנגעהויבען מתחתן זיין, און דעם ערשטען שריט האבען געמאכט די אידישע מיוחסים, די הויכע שרים און עשירים. נאר דאס פאלק אדום, פון עשו׳ס קינדער, האט זיך שטארק געהאלטען ביי זיין אלטער פערביסענער שנאה צו אידען און האט אליין נישט געוואלט מתחתן זיין זיך מיט אידען, חאטש זיי האבען געוואהנט אויף דער אידישער גרעניץ. אין יענער צייט איז אנגעפאלען אויף דאס פאלק אדום איינער פון די אראבישע שבטים, די „בני נביות“ (Nabatäer), און האבען זיי פערטריבען פון זייער געבירגיג לאנד, צוגעהמענדיג ביי זיי אויך זייער הויפט־שטאדט סלע (Petra). אדום האט דעריבער זיך בעזעצט אין דרום־קאנט פון לאנד יהודה און פערנומען דאס לאנד פון די שבטים יהודה און שמעון, פערחאפענדיג אויך די שטאדט חברון. דאס אידישע לאנד, וואס וועהרענד דאס פריהערדיגע לאנד אדום האט בעקומען דעם נאמען נאבאטעא. אדום׳ס פיינדשאפט געגען יעקב האט זיך געהאלטען ווייטער אויך, נאכדעם ווי אידען זענען שוין געקומען פון גלות בבל צוריק אין זייער לאנד. די שומרונים דאגעגען האבען טיילוויז באמת געוואלט אידען ווערען. צווישען די שומרונים איז דאמאלס געוועזען א מענש מיט׳ן נאמען סנבלט, וועלכער האט זיך גערעכענט פאר זייער מנהיג. דאס איז געוועזען א מענש מיט אן׳אייזערנעם ווילען און א גרויסער ענערגיע, קלוג און חיטרע, ווילד און אויסגעהאלטען, און אט ער האט מיט׳ן גאנצען הארצען געוואלט זיך אנשליסען צום אידישען פאלק און פעראייניגען זיך מיט איהם, כדי צו האבען א חלק אי אין בית המקדש, אי אין דער תורה, אי אין גאט. ער האט אבער געוואלט דאס דערגרייכען נישט אויפ׳ן וועג פון שלום, נאר דורך מלחמה. מען האט געקאנט מיינען, אז ער וויל דעם הימעל און דעם גאט איינעהמען אין מלחמה־שטורם. ווען אידען האבען איהם באלד נישט אריינגענומען אין זייער סביבה, האט ער זיך גענומען צו געוואלדיגע מעשים און אינטריגעס, כדי צו פערדערבען די אידישע קהלה. צוזאמען מיט סנבלט האט געווירקט א מענש פון פאלק עמון, טוביה, וועלכען פיעל אידען פון שבט יהודה האבען געשווארען פריינדשאפט און ער האט זיך דאפעלט מיט זיי מתחתן געוועזען: אליין האט ער געהייראטעט מיט דער טאכטער פון איינעם פון די אידישע שרים, שכניה בן ארח, און אן׳אנגעזעהענער איד, משולם בן ברכיה, האט גענומען זיך פאר אן׳איידעם טוביה׳ס זוהן, יהוחנן. ווי געזאגט אבער, זענען אזעלכע חתונות מיט די עמונים און מואבים פערבאטען געווארען דורך דער תורה. די כהנים און די פערטרעטער פון אידישען פאלק, וועלכע האבען כלל נישט געוואלט ברעכען עפענטליך א געזעץ פון דער תורה, האבען עס געטהון מיט א היתר, ערקלערענדיג דעם פערבאט פון דער תורה אויף א מילדערען אופן. נישט אזוי האט זיך אבער בעצויגען צום דאזיגען

ענין דאָס גאַנצע פֿאָלק. פֿיעל אידישע יחוס־משפּחות האָבען זיך ריין געהאַלטען פֿון מתחתן זיין זיך מיט פֿרעמדע פֿעלקער און זיך שטאַרק געקלאָגט ד.. ויף, וואָס מען ברעכט די אידישע תורה און מען מאַכט איבער אינגאַנצען דעם אידישען פֿאָלקס־כאַראַקטער דורכ׳ן אַריינברענגען אין זיין בלוט און אין זיין סביבה נייע, פֿרעמדע עלעמענטען. בעזונדערס שאַרף זענען אָבער אַרויסגעטראָטען געגען דעם, ווי עס שיינט, די לויים און דיכטער, די ליעבהאָבער און בעאַרבייטער פֿון דער העברעאישער שפּראַך און די אַלטע אידישע ספרים, דען זיי האָבען אָנגעוויזען, דאָס דורך די געמישטע חתונות פֿערדאַרבט מען די אידישע שפּראַך, אָדער מען פֿערגעסט איהר אינגאַנצען. „די קינדער, וואָס זענען געבוירען פֿון געמישטע חתונות, רעדען האַלב אשדודיש, און פֿערשטעהען שוין קיין העברעאיש גאָר נישט" — האָבען זיי זיך געקלאָגט. זיי זענען דעריבער געווען אינגאַנצען געגען די געמישטע חתונות, אָבער קיין ווירקונג האָבען זייערע פּראָטעסטען פֿון אָנפֿאַנג נישט געקאָנט האָבען, ווייל זיי זענען געווען אין דער מינדערהייט. לסוף אָבער איז אין ירושלים אַרויס־געטראָטען געגען די געמישטע חתונות א גרויסע פּערזענליכקייט, וועלכע איז געקומען פֿון בבל — עזרא הסופר. איצט האָט זיך מיט איהם פֿער־איינוגט די מינדערהייט און אַלץ העכער אָנגעהויבען פֿאָדערן, אַז מען זאָל מאַכען א סוף מיט די געמישטע חתונות און אָבשאַפֿען זיי אינ־גאַנצען. אין פֿאָלק האָט אויסגעבראָכען א שאַרפֿע רעאַקציע, וועלכע האָט מיט דער צייט געבראַכט צו זעהר גרויסע פֿערוויקלונגען, וואָס זענען געווען פֿאַר אידען זעהר אונאַנגענעהם.

זעלטען קומען פֿאָר אין דער געשיכטע פּלוצלונגע איבערקעהרעני־שען און ענדערונגען אין לעבען פֿון די פֿעלקער, אַז דער לעבעדיגער דור זאָל עס אינגאַנצען אַליין קאָנען דורכמאַכען און זעהען מיט זיינע אויגען, ווי דאָס אַלטע שטאַרבט אָב, און דאָס נייע אָרדענט זיך איין אָנשטאָט איהם. געוועהנליך בעמערקט מען נישט באַלד די וויכטיגע ענדע־רונגען, וועלכע קומען פֿאָר אין די אַנשויאונגען, מנהגים און מדות אָדער אפילו אין דער שפּראַך, נאָר ערשט אין א צייט אַרום, ווען עס לעבען איבער צוויי־דריי דורות, קאָן מען די פֿאָרגעקומענע ענדערונג ערשט גוט זעהען און פֿערשטעהן, אין וואָס זי איז בעשטאַנען. אָט אַזאַ התחלה פֿון א נייער עפּאָכע איז פֿאָרגעקומען אין די ערשטע דורות נאָכ׳ן אויפֿ־בויען דעם צווייטען בית־המקדש. די דאַמאָלסדיגע אידען האָבען געמיינט, אַז זיי פֿיהרען נאָר ווייטער די אַרבייט פֿון זייערע אָבות און מיט די זעלביגע מיטלען, ווי יענע; אין דער ווירקליכקייט אָבער האָבען זיי זיך אַליין אויך פֿערענדערט, אויסאַרבייטענדיג א גאַנץ נייע אָרדנונג אין א גאַנץ נייעם גייסט, וועלכער איז פֿאַר זיי אַליין גאַנץ ווייניג קלאָר געווען. די נייע ענדערונג אין אידישען גייסט און לעבען האָט געשטאַמט נישט פֿון ארץ־ישראל און פֿון ירושלים, נאָר פֿונ׳ם גלות־לאַנד, פֿון בבל;

אין א קורצע צייט אבער איז אויך דאס לעבען אין ארץ־ישראל אריינ־געשלעפט געווארען אין דער נייער שטרעמונג און אנגענומען דעם נייעם הארקטער.

אין בבל זענען געבליבען זעהר פיעל אידען, אויך נאכדעם, ווי א טייל אידען האבען אויסגעוואנדערט צוריק קיין ארץ־ישראל. די סבה פון זייער איבערבלייבען אין גלות־לאנד איז שווער גענוי צו בעשטימען. מעגליך, אז דערין האט געווירקט די ליעבע און געוועהנהייט צום נייען לאנד, מעגליך, אז זיי האבען נישט געקאנט פערלאזען דאס לאנד, צו־ליעב זייערע געשעפטען, אדער וויל זיי האבען שוין דארט געהאט אינ־בעוועגליכע גיטער. די געוואלדיגע התלהבות, און וועלכער עס האבען געלעבט די אידען, וואס זענען געגאנגען פון גלות קיין ארץ־ישראל, האבען איבערגעלעבט אויך די געבליבענע אידען, און זיי האבען זייער התלהבות ארויסגעוויזען דורך די גרויסע מתנות, וואס זיי האבען מיט־געגעבען די ארויסגעהענדע, און די נדבות אויף צו בויען צוריק דעם בית המקדש אין די שטאדט ירושלים, אבער אליין צוריקגעהן קיין ירושלים האבען זיי נישט געוואלט. בלייבענדיג אין בבל, האבען זיי אבער נישט געמיינט אבצורייסען זיך פון אידישען פאלק; זיי האבען אנגעווענדעט אלע מעגליכע מיטלען, כדי אבצוהיטען זייער פאלקסטימ־ליכקייט און נאציאנאלען חאראקטער. זיי האבען געלעבט אבגעזונדערט פון דער ארומיגער נישט־אידישער וועלט, האבען זיך מיט נִיט־אידען נישט מתחתן געווען און געפיהרט זיך אין זייער היימישען און געזעל־שאפטליכען לעבען, לויט ווי די תורה האט געבאטען. און טאקי נאר דערפאר, וואס זיי האבען געלעבט אבגעריסען פון זייער אלטען פאטער־לאנד און פון זיינע הייליגע ערטער, האבען זיי בעזונדערס געזארגט דערפאר, אז זיי זאלען בלייבען אידען און לעבען, לויט ווי די תורה האט געבאטען, כדי דערין צו האבען א נייע פאטערלאנד, — א תורה, וואס זאל פעראייניגען פעסט אלע זייערע מיטגליעדער. קיין קרבנות האבען זיי געוויס נישט געקאנט מעהר ברענגען; זיי האבען אויך נישט געקאנט ערפילען אלע יענע געבאטען פון דער תורה, וועלכע האבען א שייכות צום בית־המקדש, אדער זענען פערבונדען מיט ארץ־ישראל. אבער דער־פאר האבען זיי אבגעהיט מיט מעהר פייער און ערגעבענהייט אלע יענע געבאטען, וואס האבען נישט געהאט קיין שייכות צום בית המקדש און צום לאנד, ווי, למשל, שבת, פסח, מילה, א כשר'ע קיך א. ד. גל. זיי האבען, בלי ספק, געהאט שוהלען (בתי תפלה), וואו זיי פלעגען זיך פערזאמלען און פעראייניגען אין געוויסע, בעשטימטע צייטען. אמת, זיי האבען אינגאנצען אנגענומען די ארמייאישע, אדער חאלדייאישע, ארטס־שפראך און פלעגען זי געברויכען אויך צווישען זיך; אבער די העברעאישע שפראך האבען זיי אויך מיט גרוים חשק געלערנט און פערפרעמדעט זיינען זיי פון איהר נישט געווארען. פון וואנען האבען זיי געקאנט נעה־

מען די ידיעה פון דער אייגענער שפּראַך, ווען נישט פון די אידישע הייליגע ספרים, וועלכע זיי האָבען מיט זיך געבראַכט נאָך באַלד נאָכ'ן חורבן קיין בבל? די דאָזיגע ספרים האָבען זיי געלערנט מיט דער גרעסטער ערגעבענהייט, דען אין זיי האָבען זיי נישט בלויז די אידישע שפּראַך געפונען, נאָר אויך די אידישע רעליגיע, די אידישע תורה, דעם אַלטען אידישען גייסט און די גרויסע נחמות פון די נביאים. דאַדורך האָבען זיי זיך אויך נאָהענט בעקאַנט מיט דער תורה און בעזונדערס מיט דער משנה־תורה, וועלכע מען פלעגט פריהער גאַנץ וועניג בעאַבאַכטען, לעזענדיג מיט'ן גרעסטען חשק נאָר די נביאים, וועלכע פלעגען זיי דינען פאַר א טרייסט אין שווערע צייטען. ווי נאָר מען האָט זיך גענומען איינאָרדנען פון דאָס ניי א לעבען, אויסצודריקען די שטימונג און מיינונגען אין מעשים, האָט מען זיך גענומען צום חומש. אין דער תורה האָט מען געפונען אַלע יענע געזעצען, וועלכע האָבען געגעבען א בעזונדערען האַראַקטער דעם אידישען לעבען און דעם מהות פון אידישען פאָלק. אין דערהיים האָט מען די תורה פערנאַכלעסיגט, ווייל מען האָט דאָרט געהאַט א בית־המקדש מיט קרבנות, א מלך מיט כהנים; דאָ אָבער אין בבל, וואו דאָס אַלץ האָט געפעהלט, האָט מען זיך גענומען ערפילען און טייער אָבהיטען די געזעצען פון דער תורה. אין ארץ־ישראל, למשל, האָט מען נישט אָבגעהיט אַזוי שטרענג שבת, ווי מען האָט עס געטהון אין גלות, אין די קהלות פון בבל און פרס. א ביישפּיעל פון אַן'אמת'ן פרומען אידען, וואָס איז געווען אינגאַנצען דורכגעדרונגען מיט'ן הייסען פערלאַנג צו ערפילען אַלע געבאָטען פון דער תורה, האָט מען דאַמאָלס געפונען אין עזרא הסופר. ער האָט עס דורכגעפיהרט די גרויסע ענדערונג אין אידישען לעבען און אין זייערע אַנשויאונגען און געגעבען איהם א נייעם האַראַקטער. עזרא איז אָבער דערין נישט געשטאַנען אַליין. ער האָט געהאַט פיעל חברים, וואָס האָבען געלעבט מיט די זעלביגע מיינונגען און געדענקט, ווי ער.

דער דאָזיגער גרויסער מענש, וועלכער איז געווען דער שעפּפער פון דער רעליגיעז־געזעצליכער ריכטונג ביי אידען, איז, לויט זיין געבורט און יחוס, געווען ווי געבוירען פאַר זיין גרויסער ראָליע. ער האָט געשטאַמט פון כהנים גדולים; איינער פון זיינע אור־עלטערען איז געווען דער כהן־גדול חלקיהו, וועלכער האָט ענטדעקט די משנה־תורה אין בית המקדש און געגעבען זי דעם קעניג יאשיהו צו לייענען, אַרויסרופענדיג דאַדורך א גאַנצע איבערקעהרעניש אין מאָראַלישען לעבען ביי אידען אין יענער צייט. עזרא איז אויך געווען אַן'אייניקעל פונ'ם לעצטען כהן־גדול אין ערשטען בית־המקדש, שריה, וועלכען נבוכדנאצר האָט געלאָזט טויטען אין רבלה. שריהו'ס קינדער האָבען געבראַכט מיט זיך די אידישע תורה קיין בבל, און עזרא האָט דעריבער געהאַט א גוטע געלעגענהייט צו לערנען די תורה און פערטיעפען זיך אין איהר. אָבער

ער האט טיעפער און בעסער געלערנט די תורה, ווי אלע, וואס זענען געוועזען דערמיט בעשעפטיגט פריהער פאר איהם, ווי אויך אלע זיינע קרובים. נאכדעם, ווי ער האט זיך אינגאנצען געווידמעט דער תורה און איז אריינגעדרונגען אין איהר גייסט, האט ער אנגעהויבען צו ארבייטען דורכצופיהרען אלע איהרע געזעצען אין לעבען. די געזעצען פון דער תורה האבען נישט געדארפט בלייבען בלויז געשריבענע בוכשטאבען, נאר זיי האבען געדארפט ווערען לעבענס-פאקטען און מעשים. די התחלה האט עזרא, נאטירליך, געמאכט פון זיך אליין. אלע דינים, וואס האבען זיך בעצויגען אויף קליידער, וואהנונגען, עסענווארג, שבתים און ימים-טובים — אלץ האט עזרא אפגעהיט מיט דער גרעסטער פינקטליכקייט און גענויאיגקייט. דאן איז ער ארויסגעטראטען, אלס לעהרער, פאר זיינע פאלקס-ברידער און האט זיי אזוי גוט און קלאר ערקלערט די תורה, אז זיי האבען זי געקאנט לייכט פערשטעהן; דערביי האט ער זיי דערמאהנט, אז זיי זאלען זיך בעמיהען „צי היטען זי צו טהון“. די תורה איז פאר עזרא'ן געוועזען די גאטעס-ענטפלעקונג פאר אידען, וועלכע משה האט פאר זיי מעגליך געמאכט. עזרא האט דעריבער געשטעלט די תורה העכער, אונענדליך העכער, ווי די ספרים פון די נביאים. זייענדיג אליין דורכגעדרונגען פונ'ם גייסט פון דער תורה, איז איהם אויך געלונגען זיינע איבערצייגונגען איבערצוגעבען זיינע ברידער אין גלות פון פרס און בבל. עזרא האט פערנומען זעהר א הויכען ארט אין אידישען לעבען אין גלות; דאס פאלק האט געהאט צו איהם דעם העכסטען צוטרוי; מען האט גערן איהם געוואלט הערען רעדען און געפאלגט אלע זיינע בעפעהלען. זיין ווארט איז געוועזען פאר אלעמען אזוי הייליג, ווי די רעד פון די לעצטע נביאים.

צי האט עזרא זיך דערוואוסט, אז אין ארץ-ישראל היט מען נישט אב די תורה, אין ער האט בפיון געוואלט אונטערנעהמען א רייזע קיין ירושלים, כדי צו לערנען דארט מיט אידען תורה, אדער אפשר האט איהם געטריבען צו דער רייזע זיין פערלאנג צו וואהנען ביי'ם בית המקדש און קאנען מקיים זיין די מצוות פון קרבנות און אנדערע מצוות, וואס האבען א שייכות צום הייליגען לאנד, — וואס די סבה פון זיין בעשלוס צו געהן קיין ירושלים איז געוועזען, — אבער ווי נאר ער האט דעם בעשלוס אנגענומען, האט ער זיך צוזאמענגערעדט מיט נאך פיעל אנדערע אידען, וועלכע האבען געוואלט מיט איהם ארויסגעהן פון בבל. די צאהל אידען, וואס זענען מיט איהם געגאנגען, איז געוועזען נישט קיין קליינע — טויזענד מיט זעקסהונדערט מאנסבילען און פיעל פרויען און קינדער פון די אנגעזעהענסטע משפחות, וואס זענען נאך ביז איצט געבליבען אין גלות-לאנד. צווישען זיי איז אויך געוועזען זרובבל'ס אן'אור-אייניקעל פון דער קעניגליכער דוד'ס משפחה. יענע אידען, וועלכע האבען נישט געקאנט מיטגעהן, האבען געגעבען עזרא'ן גרויסע נדבות — גאלד,

זילבער און טייערע כלים צו שענקען זיי אין בית המקדש אריין. ווי וואונדערליך איז עס אבער, וואס אויך דער פערסישער קעניג ארתחשסתא לאנג־האנד (Artaxerxes Longimanus) האט איהם אויך געגעבען גרויסע מתנות פאר'ן בית המקדש אין ירושלים, און דאסזעלבע האבען אויך געטהון דעם קעניגס שרים און יועצים. מעגליך, אז עזרא איז אליין געוועזען א גרויסער חשוב אין קעניגליכען הויף, מעגליך אויך, אז די חשוב'ע אידען אין קעניגליכען הויף האבען דארט פיעל גוטס גערעדט וועגען איהם און האבען בכלל געוואונען ביי אלעמען חן דורך זייער געטריי׳הייט דער אידישער תורה און דעם אידישען גאט. א פאקט איז עס אבער, אז אין יענער צייט איז גאט'ס נאמען שטארק געוועזען דער־הויבען ביי די פערסער און ביי אנדערע פעלקער. „פון זונען־אויפגאנג ביז איהר אונטערגאנג איז גרויס געוועזען גאט'ס נאמען צווישען די פעלקער און איבעראל האט מען פאר זיין נאמען געבראכט ריינע מתנות“. ארתחשסתא האט נישט בלויז געגעבען עזרא'ן די ערלויבניש צו געהן קיין ארץ־ישראל, ער האט איהם אויך מיטגעגעבען בריעף צו זיינע סאטראפען (שרים) פון די לענדער, דורך וועלכע עזרא האט געדארפט געהן, ווי אויך צו די פערסישע הויכע בעאמטע אין ארץ־ישראל. ער וואלט איהם אויך מיטגעגעבען, ווי פריהער דריוש, רייטער צו בעגלייטען איהם אויפ'ן וויינטען וועג, ווען עזרא וואלט זיך דערפון נישט אבגעזאגט, וויל ער און זיינע בעגלייטער האבען פערזיכערט דעם קעניג, אז גאט וועט זיי בעשירמען און שיצען, ווי ער בעשיצט אלע, וואס דינען איהם, פון אלערליי סכנות און שלעכטע פיינד.

עזרא'ס אנקונפט קיין ירושלים (528 פאר'ן צווייטען חורבן) מיט זיין גרויסער קהלה אידען האט דארט, בלי ספק, געמאכט א שטארקען איינדרוק אויף אלעמען. די נייע קהלה איז געקומען מיט פולע הענד פאר'ן בית המקדש, מיט א גרויסער התלהבות פאר דער תורה און מיט בריעף פון קעניג צו די פחות און בעאמטע, אז זיי זאלען זיך בעציהען מיט כבוד און דרך ארץ צום אידישען פאלק און צום בית המקדש. עזרא'ס גוטער נאמען, אלס גרויסער געלעהרטער און פערשטענדיגער אין גאט'ס תורה, איז שוין, אהן צווייפעל, אויך פריהער געוועזען בעוואוסט אין לאנד יהודה, און דעריבער האט מען איהם אויפגענומען מיט גרויס כבוד. ווי נאר עזרא איז אנגעקומען, זענען אנטקעגען איהם ארויסגעטראטען יענע פרומע אידען, וועלכע זענען געוועזען נישט צופריעדען מיט די גע־מישטע חתונות מיט די ארומיגע פעלקער, בעזונדערס, מיט די פעלקער עמון און מואב, און האבען איהם דערלאנגט זייער אנקלאגע געגען יענע אידען, וועלכע האבען אזעלכע חתונות געשלאסען. אויסהערענדיג די אנקלאגע, איז עזרא נבהל און נשתומם געווארען. די פערטרעטער פון פאלק און די כהנים אליין אויך האבען זיך ערלויבט אבצושפאלטען פון אידישען געזעץ! עזרא האט דאס געהאלטען פאר א שרעקליכען

פערברעכען. לויט ווי עזרא האט דאס געזעץ פערשטאנען, האט מען אודאי געמעגט מקבל זיין גרים און געבען זיי פאלקאמע בערעכטיגונג, אבער זיי האבען געדארפט לעבען אלס א בעזונדערע גרופע און נישט צומישען זיך מיט דעם אידישען פאלק, ווי די פארצייטיגע גבעונים אדער די שקלאפען פון בית המקדש (וועלכע מען האט גערופען „נתינים“), וואס זענען שוין העכער טויזענד יאהר אריינגענומען געווארען אין דער אידישער מלוכה און זענען געטריי געוועזען דער אידישער תורה. אין פונדעסטוועגען האט מען זיי נאך געהאלטען אן א זייט פונ׳ם אינערליכען אידישען לעבען און זיך מיט זיי נישט מתחתן געוועזען; אזוי האט מען אויך געדארפט בעגעהן זיך מיט די נייע גרים. די פערבינדונג מיט זיי האט נישט געדארפט זיין קיין אינערליכע. עזרא האט צוריסען אויף זיך די קליידער, זיך געריסען די האהר פון קאפ און איז געזעסען א גאנצען טאג טרויעריג און פערוויסט, נישט נעהמענדיג קיין עסען אין מויל. דאן איז ער אוועקגעגאנגען אין פאדערהויף פון בית המקדש, געפאלען אויף די קניע און אנגעהויבען צו לעזען א טרויעריגען ודוי פאר׳ן גאנצען פאלק: דאס פאלק האט זיך נאך אלץ נישט געבעסערט פון זיינע אלטע פעהלערען, חאטש ס׳האט איבערגעליטען אזוי פיעל יסורים און ענוים; איצט איז דאס פאלק ווידער אריינגעפאלען אין די אלטע פערברעכענס. זיין ודוי האט עזרא פארגעלעזען הויך פאר׳ן גאנצען פאלק און מיט אזא טיעף צובראכענעם געפיהל און געוויין, אז אלע, וועלכע זענען ארום עזרא׳ן געשטאנען, האבען אויך אויסגעבראכען אין א ביטער געוויין; עס האבען געוויינט מאנסבילען, פרויען און קינדער, יונג און אלט. אונטער׳ן שטארקען איינדרוק פונ׳ם געשעהענעם, איז ארויסגעטראטען איינער פון די אנוועזענדע, שכניה בן יחיאל, און האט געזאגט צו עזרא: „מיר האבען געזינדיגט, נעהמענדיג פרעמדע פרויען, אבער ס׳איז דאך פארהאן א מיטעל אויסצובעסערען דאס געשעהענע און אבצווענדען פון אידען די שלעכטע פאלגען. מיר וועלען שליסען א בונד פאר גאט, אבצושיקען צוריק די פרעמדע פרויען און אויסשליסען פון אונזער סביבה די קינדער, וואס זיי האבען אונז געבוירען. אזוי ווי די תורה האט געהייסען וועלען מיר טהון. שטעה אויף, דו דארפסט די זאך דורכפיהרען און מיר געהען נאך דיר. שטארק זיך און טהו“. די דאזיגע ווערטער האבען געמאכט א שטארקען רושם. עזרא איז באלד אויפגעשטאנען און געפאדערט פון די אנוועזענדע עלטערן פון די משפחות, אין געגענווארט פון בית המקדש, צו שווערען ביי גאט, אז אלע, וועלכע האבען גענומען פרעמדע פרויען, זאלען זיך פון זיי שיידען און אבשיקען זיי מיט זייערע קינדער צוריק צו זייער פאלק. דאס איז געוועזען א וויכטיגער אויגענבליק, וועלכער האט געדארפט בעשליסען וועגען דער גאנצער אידישער צוקונפט. עזרא און זיינע חברים האבען אויפגעשטעלט א פעסטע וואנד צווישען אידען

אין די איבעריגע פֿעלקער. דאָס אידישע פֿאָלק האָט געדאַרפֿט בלייבען ריין פֿון יעדער צומישונג פֿון אַ פֿרעמדען פֿאָלק. זיין פֿאָדערונג האָט עזרא פֿערשטאַרקט דורך אַ שטרענגע דראָהונג: יעדער, וועלכער וועט נישט פֿאָלגען, וועט אַרויסגעשטויסען ווערען פֿון דער אידישער געמיינדע און זיין פֿערמעגען וועט קאָנפֿיסקירט ווערען. די דאָזיגע דראָהונג האָט געווירקט. צוערשט האָבען זיך געשיידט פֿון די פֿרעמדע ווייבער די איינוואָהנער פֿון ירושלים און דערנאָך אויך די איינוואָהנער פֿון דער פּראָווינץ און פֿון לאַנד. ווי עס שיינט אָבער, האָבען נישט אַלע געפֿאָלגט עזרא'ס פֿאָדערונג אָבצושיידען זיך פֿון זייערע געליעבטע פֿרויען און קינדער, ווי אויך צוליעב זייערע עלטערען און קרובים, מיט וועלכע זיי זענען געשטאַנען אין נאָהענטע בעציהונגען. צי האָט מען אויסגעפֿיהרט איבער זיי עזרא'ס דראָהונג איז נישט בעוואוסט.

די דאָזיגע שטרענגקייט, מיט וועלכער עזרא האָט דורכגעפֿיהרט זיין בעשלוס וועגען די פֿרעמדע פֿעלקער, בעזונדערס, אין דער בעציהונג צו די שומרונים, האָט געהאַט זעהר וויכטיגע פֿאָלגען פֿאַר אידען. די אייזערנע וואַנד, וועלכע עזרא האָט אויפֿגעשטעלט געגען יענע, וואָס האָבען זיך געוואָלט פֿעראייניגען מיט אידען מיט'ן גאַנצען האַרצען, בעזונדערס, געגען די שומרונים, האָט די לעצטע אַריינגעבראַכט אין אַ געוואַלדיגער ערביטערונג געגען אידען. זיי האָבען געזאָלט אויסגעשלאָסען ווערען פֿון'ם גאָט, וועלכען זיי האָבען אויסגעוועהלט, פֿון'ם בית המקדש, וואָס זיי האָבען אין זיין דיענסט טיילגענומען, ווי אויך פֿון דער שטאָדט ירושלים! פֿון די בעסטע פֿריינד, וואָס זיי זענען געווען מיט אידען, זענען זיי איצט געוואָרען פֿערביסענע פֿיינד. דער טרויער פֿון די טעכטער און שוועסטער, וועלכע זענען פֿון זייערע מענער פֿערשטויסען געוואָרען, דאָס עלענד פֿון די קינדער, וואָס זייערע פֿאָטערס האָבען זיך פֿון זיי אָבגעווענדעט, האָבען געמוזט דערוועקען אין די הערצער פֿון זייערע קרובים אַ געוואַלדיגע ערביטערונג. צום אונגליק פֿאַר אידען, זענען דאַמאָלס געשטאַנען אין שפּיץ פֿון די אַרויסגעשטויסענע שומרונים מיט זייערע פֿריינד צוויי שטאַרקע מענשען, סנבלט און טוביה, וועלכע האָבען זיך עניג מתחתן געווען מיט אידען. זיי זענען אמת געווען ערגעבען דער אידישער תורה און דעם פֿאָלק, און איצט האָט מען זיי פֿערשטויסען. זיי האָבען באַלד אָנגעהויבען אַרבייטען: זיי האָבען געוואָלט מיט געוואַלד אָדער דורך פֿאַלשקייט דורכברעכען פֿאַר זיך אַ וועג אין אידישען לעבען, צום אידישען בית המקדש און צום גאָט. אין יענער צייט איז אין ירושלים און אויף דער פּראָווינץ געווען אַ פּאַרטיי, וועלכע איז געווען געגען עזרא'ס שטרענגקייט און וועלכע האָט בכלל אַנדערש געקוקט אויף די געמישטע חתונות. די געלעהרטע פֿון דער דאָזיגער פּאַרטיי האָבען געהאַט גאָר אַנ'אַנדער מיינונג וועגען די פֿרויען פֿון די פֿרעמדע פֿעלקער, וועלכע זענען נאָר לפֿנים געווען געטריי

דעם אידישען גלויבען. זיי האבען גע'טענ'עט, אז עזרא'ס שטרענגקייט האט נישט קיין גרונד. אין א משך פון טויזענד יאהר האבען אידען שטענדיג גענומען פרעמדע פרויען, און אז פרומע גרים זענען ביי אידען שטענדיג געווען, וועלכע האבען נישט פערשענדעט די אידישע אמונה, נאר דערהויבען זי. מען האט אויך אנגעוויזען אויף דעם ספר „רות“, פון וועלכען מען קאן זעהען, אז די אלטע אידישע קעניגליכע משפחה פון דוד'ס הויז האט געשטאמט פונ'ם ריכטער בועז, וועלכער האט געהייראטעט מיט דער פרוי רות פון מואב, וואס האט זיך בעהעפטעט צום אידישען פאלק. מען האט געטענ'עט, אז אויך צווישען די איצטיגע פרויען זענען פאראהן נישט וועניג אזעלכע, וואס האבען ליעב דאס אידישע פאלק נישט וועניגער, ווי רות. און די אונשולדיגע קינדער דארפען דאך געווים נישט ארויסגעשטויסען ווערען דורך זייערע עלטע־רען, כדי צו דיענען פרעמדע אבגעטער.

אבער אט די אלע טענות האבען נישט געהאט קיין ווירקונג אויף עזרא'ן. ער און זיין בית־דין האבען זיך געהאלטען פעסט ביי'ם בעשלוס, אז אלע פרויען, וואס געהערען נישט צו די „היילינע אידישע קינדער“, דארפען, מוזען ארויסגעשטויסען ווערען. עס האבען זיך געפונען אנגע־זעהענע מענשען, וועלכע האבען געוואלט מאכען א פשרה און א שלום, אבער עזרא האט נישט געוואלט נאכגעבען, און דעריבער האבען זיך אנגעהויבען רייבונגען און מחלוקת, וועלכע האבען געדויערט דרייצעהן יאהר (פון 527 ביז 514 פאר'ן צווייטען חורבן). די איינוואוהנער פון ירושלים, וועלכע זענען געווען געגען עזרא, האבען דוקא נישט אזוי שטארק געווירקט געגען איהם, ווייל זיי האבען באלד איינגעזעהען, אז ער איז כלל נישט געווען קיין מענש פון מלחמות און מחלוקת, ער האט נאר געקאנט גאט בעטען און ריהרען מענשען מיט זיינע זיסע און ליעבע שטראף־רעד, אבער פון נצחונות און קריעג איז ער גאר ווייט געווען. נישט אזוי האבען אבער געקוקט אויף דער זאך די אידישע געגנער, סנבלט און טוביה, וועלכע זענען דורכגעדרונגען געווען מיט א געפיהל פון האס פאר זייערע פעראכטער; זיי האבען נישט דורכגעלאזען קיין איינציגע געלעגענהייט צו ברענגען אידען שאדען. ס'איז געקומען אזוי ווייט, אז זיי האבען אפילו געמאכט אנ'אנפאל אויף ירושלים. פון וואנען האט זיך גענומען ביי סנבלט'ן מיט זיינע לייט אזא דרייסטיגקייט ארויס־צוטרעטען געגען אידען, נאכדעם ווי עס איז בעוואוסט געווען, אז עזרא איז געווען א גרויסער חשוב ביי'ם קעניג ארתחשסתא און ביי זיינע שרים? ציי האט זיי אפשר געשטיצט דער סירישער הויפטמאן מעגאביצוס (Megabyzus)? דער דאזיגער סאטראפ איז געווען א ממונה מצד פערסיען איבער יהודה און שומרון און האט געמאכט אנ'אויפשטאנד געגען פרס; איהם איז געלונגען אפילו אויך עטליכע מאל צו צושלאגען די פערסישע ארמעע, וואס ארתחשסתא האט ארויס־

געשיקט געגען איהם, און ער האָט שוין געטראַכט צו גרינדען אַן אײַגענע מלוכה אין סיריען. צי האָבען די שומרונים אַלזאָ איהם צוגעזאָגט זייער הילף געגען פּרס, אויב ער וועט זיי שטיצען און זייער אָנפֿאַל אויף יהודה? גענוי ווייס מען די זאַך נישט. נאָר דאָס ווייסען מיר, אַז סנבלט האָט געמאַכט אַן אָנפֿאַל אויף ירושלים, ער האָט דורכגעבראָכען איהרע מויערען, אונטערגעצונד׳ן די הילצערנע טויערען און חרוב געמאַכט פֿיעל הײַזער אין ירושלים. קיין וואונדער איז עס נישט געוועזען, דען סנבלט האָט געהאַט בעוואָפֿענטע מענשען, און די אידען האָבען דאָס נישט געהאַט. ירושלים איז ווידער געלעגען, ווי אַ וויסטע אײַנגעפֿאַלענע חורבה. נאָר דעם בית המקדש האָבען די שומרונים נישט אָנגערירט, ווײַל ער איז אויך פֿאַר זיי הייליג געוועזען. ער איז אָבער פֿעריתום׳ט געוואָרען, ווײַל דער גרעסטער טייל אײַנוואָהנער פֿון ירושלים האָבען שוין איצט מורא געהאַט צו בלײַבען וואָהנען אין שטאָדט, נאָכדעם, ווי מען האָט די מויערען אַרום איהר צובראָכען, און זיי האָבען זיך דעריבער אַרויסגעצויגען אין די פּראָווינץ־שטעדט אָדער אויפ׳ן לאַנד. נאָכ׳ן אַרויסציהען זיך פֿון די אײַנוואָהנער פֿון שטאָדט, זענען אויך די כהנים און לויים געבליבען אָהן שטיצע, דען מען האָט זיי אויפֿגעהערט צו געבען תרומות און מעשרות, און זיי זענען געוועזען געצוואונגען צו געהן זוכען ערגעץ וואו צו פֿערדינען זייער ברויט. דאָס איז געוועזען זעהר אַ טרויעריגע צײַט פֿאַר דעם נײַען אידישען לעבען אין יהודה. קיין הונדערט יאָהר איז נאָך נישט פֿאַראיבער, זינט מען איז צוריקגעקומען אין לאַנד יהודה און דאָס לעבען האָט זיך נאָך אַלץ נישט אײַנגעאָרדענט, און שטענדיג זענען פֿאָרגעקומען פֿערשידענע שטערונגען און געשעהענישען, וועלכע האָבען שיער נישט חרוב געמאַכט דעם גאַנצען ישוב. פֿיעל אידישע מיוחסים האָבען שלום געמאַכט מיט די שכנים און אַרײַנגענומען די פֿערטריבענע פֿרויען און קינדער צו זיך צוריק; פֿיעל האָבען געשלאָסען נײַע שדוכים מיט די פֿרעמדע פֿעלקער און כדי דער בונד זאָל זיין אַ פֿעסטער, האָבען זיי געשוואָרען אײַנע די אַנדערע צו זײַן געטרײַ. עס האָט אויסגעוויזען, אַז עזרא׳ס טעטיגקײַט האָט געדאַרפֿט ווערען צו נישט, און דאָס נײַע לעבען אין לאַנד יהודה איז אויך געשטאַנען אין סכנה אונטערצוגעהן, נישט פֿיעל האָט עס געפֿעהלט צו אַ פֿאָלקאָמענעם חורבן.

אָבער אין דער ווירקליכקײַט האָט זיך אויסגעלאָזען אַנדערש. עזרא׳ס טעטיגקײַט האָט געלאָזען טיעפֿע וואָרצלען אין פֿאָלק; די ליעבע, וועלכע ער האָט דערוועקט פֿאַר דער תורה, האָט נישט געקאָנט לײַכט אויסגעלאָשען ווערען דורך די דערווײַליגע אונגליקען און צופֿאַלען. ווי נאָר ירושלים איז דורך די שומרונים צושטערט געוואָרען און איהרע אײַנוואָהנער האָבען זיך געמוזט אַרויסציהען פֿון איהר, האָבען עטליכע אָנגעזעהענע אידען געאײַלט צו געהן קיין פּרס, כדי דאָרט הילף צו זוכען.

זיי האבען בעזונדערס שטארק געהאפט אויף נחמיה'ס הילף, וועלכער איז געוועזען איינער פון די אנגעזעהענסטע שרים ביי'ם קעניג ארתחשסתא. צווישען די לייט פון יהודה, וואס זענען איבערגעגאנגען קיין פרס, איז געוועזען איינער א איד, חנני, פון נחמיה'ס קרובים, און ער האט געזעהען אלץ, וואס איז פארגעקומען אין ירושלים. איצט איז ער געקומען צו נחמיה'ן און איהם געשילדערט די טרויעריגע לאגע פון לאנד יהודה און פון דעם חורבן פון דער הייליגער שטאדט ירושלים. נחמיה איז ערציטערט געווארען, הערענדיג די טרויעריגע ערצעהלונג, דען ער איז געוועזען פון די פרומע אידען אין פרס, וועלכע זענען געוועזען געטריישע אנהענגער פון דער תורה. די הייליגע שטאדט האט געלעבט ביי איהם אין הארצען גאר אין אנ'אנדער געשטאלט: זי איז א שטאדט, וועלכע געפינט זיך אונטער גאט'ס שוץ, וואס רינגעלט איהר ארום, ווי א פייער-מויער, צו וועלכער קיין פיינד קאן זיך נישט דערנעהנטערען און זאל נישט שווער בעשטראפט ווערען. איצט איז זי גאר אבגעשוואכט געווארען, ווי א געוועהנליכע שטאדט! גרויס איז געוועזען נחמיה'ס שמערץ, אבער דאס האט ביי איהם נישט צוגענומען זיין מוט און ענטשלאסענהייט עטוואס צו טהון. נחמיה איז געוועזען א מענש פון גרויסער ענערגיע און טעטיגקייט, וועלכער געפינט זיך אנ'עצה אין דער שווערסטער לאגע. נאכדעם, ווי ער האט זיך אויסגעוויינט דאס הארץ און געפאסט און גאט געבעטען, אז ער זאל איהם העלפען אין זיין אונטערנעהמונג, איז ער אוועקגעגאנגען אין קעניגליכען הויף. דארט איז ער געוועזען א היימי-שער מענש און ער האט פערשטאנען די קונסט ווי אזוי צו רעגירען, ווי אזוי מען קאן מיט א פעסטען ווילען ברענגען דערצו, אז די גרויסע מענשען זאלען ערפילען זיין פערלאנג. נחמיה האט זיך געהאט פעסט בעשלאסען, צו געהן אליין קיין ירושלים און מאכען דארט אנ'ענדע מיט דער טרויעריגער לאגע. ווי אזוי אבער זאל ער זיך בעפרייען פון זיין דיענסט ביי'ם קעניג? ער האט טאקי געהאט גרויס חן ביי'ם קעניג און געוועזען ביי איהם א גרויסער חשוב, אבער דאס גופא האט איהם גע-האלטען געבונדען, אז ער זאל נישט קאנען שיידען זיך פון קעניגליכען הויף און געהן קיין ירושלים.

נחמיה'ס קלוגשאפט האט איהם אבער ארויסגעהאלפען אין זיין שווערער לאגע. ער איז נישט ארויסגעטראטען פאר'ן קעניג מיט א ביטע. נאר ער האט געווארט, ביז עס וועט זיך מאכען א גינסטיגע געלעגענהייט צו רעדען. זיין טיעפער וועהטאג וועגען דעם אידישען אונגליק האט איהם אבער געקאסט אזוי פיעל געזונד, אז זיין געזיכט איז פערפינסטערט געווארען און זיין שטענדיגע געמיטליכקייט איז פערשוואונדען געווארען. לויט זיין דיענסט, איז נחמיה געוועזען א „שר־המשקים" — דאס הייסט, ער איז געוועזען דער ממונה אויפ'ן קעניגליכען וויין-קעלער און האט געדארפט זיין דערביי, בשעת מען האט דעם קעניג און זיין משפחה

דערלאנגט וויין צום טרינקען. און אט ווען נחמיה איז איינמאל אזוי געשטאנען פאר'ן קעניג און דער קעניגין און ערפילט זיין דיענסט, האט דער קעניג פלוצלונג בעמערקט זיין טרויעריג אויסזעהן און געפרעגט: „וואָרום ביזטו אזוי טרויעריג און זעהסט אויס שלעכט, צי ביזטו נישט קראנק?“ נחמיה האט באלד אויסגענוצט די גינסטיגע שטימונג פונ'ם קעניג און געענטפערט: „ווי אזוי זאל איך נישט אויסזעהען שלעכט, ווען די שטאדט, וואו עס געפינען זיך די קברים פון מיינע אבות, איז חרוב און איהרע טויערען זענען פערברענט געווארען?“ דערביי האט נחמיה ארויסגעזאגט זיין פערלאנג צו געהן קיין ירושלים, כדי צו העלפען דארט זיינע ברידער אין זייער טרויעריגער לאגע. ארתחשסתא האט זיין פערלאנג דערפילט. ער האט איהם ערלויבט, צו געהן קיין ירושלים און אויפבויען דארט ווידער די מויער ארום דער שטאדט און ברענגען ארדנונג אין דער קהלה. ער האט איהם אויך געגעבען בריעף צו די פערסישע בעאמטע, נישט צו שטערען איהם אויף זיין רייזע און וועג און צו געבען איהם אויפ'ן ארט געהילץ פאר די געביידעס. ער האט איהם אפילו אויך געגעבען א בעגלייטונג פון קריעגער, פוסגעהער און רייטער, און האט איהם בעשטימט פאר א פחה (שטאטהאלטער) איבער יהודה. נאר איין בעדינגונג האט איהם דער קעניג געשטעלט: ער זאל נישט פערבלייבען אין ירושלים צו לאנג און קומען צוריק אויף זיין שטעלע.

מיט נחמיה'ס רייזע קיין ירושלים (514 פאר'ן צווייטען חורבן) הויבט זיך אן א נייע עפאכע אין דער געשיכטע פון די אידען אין לאנד יהודה ביי'ם צווייטען בית־המקדש, אדער בעסער: עס ווערט ווייטער געפיהרט און פערשטארקט די ריכטונג, וועלכע עזרא האט אריינגעבראכט אין דאמאלסדיגען אידישען לעבען. דער נייער אידישער פחה, נחמיה, האט פערלאזען די פערסישע הויפט־שטאדט שושן מיט א גרויסער מחנה פון זיינע קרובים, קנעכט און די בעגלייטער־קריעגער, וואס דער קעניג האט איהם געגעבען. אויפ'ן וועג איז איהם אויסגעקומען צו געהן דורך דאס לאנד, וואס האט פריהער געהערט צו די עשרת השבטים, וואו די כותים, אדער שומרונים, האבען איצט געוואהנט, און ווען נחמיה האט איבערגעגעבען דעם קעניג'ס בריעף דעם דארטיגען פערסישען פחה, האבען זיך דערפון דערוואוסט סנבלט און טוביה, און זיי האבען פערשטאנען, אז דער צוועק פון דער רייזע און צו פיהרען א קאמפף געגען זיי. פאר זיי איז די זאך געווען זעהר אונאנגענעהם, וואס א פרומער איד, א פריינד פון קעניג, איז בעשטימט געווארען פאר א פחה איבער דאס לאנד יהודה, און זיי האבען פערשטאנען, אז ער וועט זיך געוויס אננעהמען פאר זיינע גערודפ'טע ברידער.

ווען נחמיה איז געקומען קיין ירושלים, איז ער די ערשטע דריי טעג נישט ארויסגעגאנגען פון זיין וואהנונג, ווייל ער האט זיך צוערשט גע־

וואָלט בעקענען מיט'ן אָרט און מיט די מענשען, מיט וועלכע ער וועט אַהם אויסקומען צו אַרבײַטען, ווי אויך צו דערגעהן אַלײן אַלץ, וואָס דאָרט איז פֿאָרגעקומען. ער האָט אײַנגעאָרדענט זײַן פּאַלאַץ רײַך, פֿירשטליך, מיט אַ גאַנצען הויף פֿון בעדינטע — ער איז דאָך געווען זעהר רײַך און האָט געוואָלט בכּבֿוד פֿיהרען זיך, ווי אַ גרויסער פּחה; דערבײַ האָט ער אָבער נישט געפֿאָדערט, ווי די פֿריהערדיגע פּחות, קײן אָבצאָהלונג פֿאַר זיך פֿינ'ם פֿאָלק. וועגען דעם צוועק פֿון זײַן קומען האָט ער מיט קײנעם נישט גערעדט, אפילו פֿאַר די אידישע שׂרים האָט ער קײן וואָרט וועגען דעם נישט געזאָגט, ווײַל ער האָט דערווײַל נאָך צו קײנעם נישט געהאַט קײן צוטרוי. אין אַ געוויסער נאַכט איז ער מיט עטליכע מענשען אַרויסגעריטען בשתיקה פֿון שטאָדט, צו בעטראַכטען דעם חורבן פֿון דער מויער און די געגענד אַרום איהר און צו זעהען, וואָס פֿאַר אַן אַרבײַט מען וועט מוזען אונטערנעהמען, כּדי אַלץ צוריק אויפֿצובויען, און כּדי אויך צו קאָנען צוזאַמענשטעלען אַ פּלאַן פֿון דער אַרבײַט. ערשט דאַן האָט ער צוזאַמענגערופֿען די עלטסטע פֿון די משפּחות און די אידישע שׂרים און האָט זײ ערקלערט, צו זײער איבעראַשונג, אַז ער איז בעפֿאָלמעכטיגט דורך דעם קעניג, נישט בלויז אויפֿצובויען צוריק די מויער אַרום דער שטאָדט, נאָר אויך צו זײַן אַ פּחה און געוועלטיגען איבער'ן גאַנצען לאַנד, און אַז זײַן כּוונה איז אַראָבצונעהמען פֿון אידען די חרפּה פֿון זײער שוואַכקײַט און מאַכען אַ סוף מיט'ן עלענד פֿון דער אידישער מדינה. די פֿערזאַמעלטע זענען שטאַרק געווען פֿערוואונדערט פֿון דער דאָזיגער ערקלערונג און זײ האָבען אויסגערופֿען מיט שׂמחה: „לאָמיר געהן בויען“. אפילו יענע אידען, וועלכע האָבען זיך מחותן געווען מיט די פֿרעמדע פֿעלקער, האָבען געמוזט ווײַזען אַ גוטען און אַ פֿרעהליכען פּנים, ווײַל נחמיה האָט פֿערשטאַנען, ווי אַזוי צו געווינען באַלד בײַ'ם ערשטען אַרויסטריט די ליבע פֿון פֿאָלק. די אויפֿגאַבע, וועלכע נחמיה האָט זיך געשטעלט, איז געווען זעהר אַ שווערע. ער האָט געדאַרפֿט אויפֿבויען פֿון דאָס נײַ אַ קהלה, וועלכע איז כּמעט אינגאַנצען צופֿאַלען געוואָרען אויס שרעק פֿאַר די פֿיעל פֿײַנד פֿון די אַרומיגע לענדער און פֿעלקער, אַ קהלה, וואָס איהרע מיטגליעדער האָבען נישט געהאַט אין זיך אַלײן גענוג אחדות, שטאַרקײַט און מוט, נישט אַרײַנצופֿאַלען אין אַזאַ שוואַכקײַט. נחמיה האָט דעריבער די ערשטע זאַך זיך גענומען ווידער בעפֿעסטיגען די מויער אַרום דער שטאָדט, ווײַל אָהן דעם וואָלט פֿון יעדער גוטער התחלה גאָרנישט געוואָרען; אַ נײַער אָנפֿאַל מצד די שומרונים האָט געקאָנט אַלץ מיט אַ מאָל חרוב מאַכען.

די אַרבײַט צו בעפֿעסטיגען די מויער האָט נחמיה געפֿיהרט אונטער זײַן אײגענער אויפֿזיכט און מיט דער הילף פֿון די אידישע שׂרים. לײַכט איז אָבער די אַרבײַט נישט געגאַנגען. די אַרויסגעשטויסענע גרים, מיט סנבלט און טוביה אין דער שפּיץ, וועלכע נחמיה האָט באַלד אין אָנ־

פאנג פון זיין טעטיגקייט אבגעזאגט יעדע האפנונג אויף צו פעראייניגען זיך מיט זיי—„גאט. וועט אונז צושיקען הצלחה, מיר זענען זיינע קנעכט און מיר ווילען אליין בויען, איהר זאלט קיין שום אנטייל, קיין שום רעכט און אנדענקען נישט האבען אין ירושלים“—האט ער זיי שארף ערקלערט,— אט די פערשטויסענע האבען ווידער ענטוויקעלט א שטארקע ענערגיע צו שטערען אידען אין זייער ארבייט. אנפאנגס האבען זיי אנגעווענדעט ליסטיגקייט און פאלשקייט. די ערשטע זאך האבען זיי זיך גענומען פאר דאס אלטע געוועהר פון פאלשע מסירות; זיי האבען געוואלט ווארפען א חשד אויף נחמיה'ן, אז ער ארבייט אוים מיטלען אבצופאלען פון פרס, כדי צו ווערען אליין קעניג אין יהודה, דערנאך האבען זיי געפרובט אבריידען די ארבייטער און אבשוואכען זייער מוט; זיי האבען אבגעשפאט פון דעם בנין, אז ער איז צו שוואך, „א פוקס וועט אויף דער מויער ארויפגעהן, וועט ער איהר דורכברעכען“—האבען זיי געלאכט. ווען זיי האבען אבער דערזעהען, אז די ארבייט ווערט געפיהרט פלייסיג און די מויערען זענען שוין ביז דער העלפט פון זייער הויך אויסגעבעסערט און פעסט, האבען זיי אבגערעדט מיט די אידישע שונאים, צו מאכען אנ'אנפאל אויף די ארבייטער און מבטל מאכען די ארבייט.

נחמיה האט אבער געהאט א שארף אויג אויף אלץ. ער האט אויסגעשטעלט א טייל פון זיינע לייט און די אידישע שרים מיט'ן פאלק בעוואפענט, כדי צו האלטען שמירה ארום די ארבייטער. אויך די ארבייטער האט ער געלאזט אנגורטען זיך שווערדען, און יענע ארבייטער, וואס האבען משא געטראגען, האבען אין איין האנד געטראגען די משא און אין דער אנדערער האבען זיי דאס געוועהר געהאלטען. דערביי האט נחמיה אלעמען צוגעגעבען מוט, ערקלערענדיג: „קעמפפט פאר אייערע ברידער, זיהן און טעכטער, פרויען און הייזער!“ כדי אבער די ארבייט זאל אויסגעפיהרט ווערען וואס גיכער, האט נחמיה געהייסען ארבייטען פון פריהען מארגענשטערן ביז די ערשטע שטערן אין אווענד, און א טייל ארבייטער האבען דערווייל געמוזט שטענדיג שטעהען אויף דער וואך אין ירושלים. די שרים און אויך נחמיה האבען א לאנגע צייט אפילו די קליידער נישט אויסגעטהון. נחמיה אליין איז שטענדיג געווען ביי'ם פלאץ, וואו די ארבייט האט זיך געפיהרט, און איז געגאנגען פון איין ארט צום אנדערען צו בעאבאכטען אי די ארבייט, אי די געגענד ארום, אויב עס ווייזען זיך נישט קיין פיינד. מיט איהם איז געגאנגען א מענש מיט א שופר צו לאזען באלד אלעמען וויסען, אז מען דארף זיך פערטיידיגען, אויב די פיינד וועלען זיך בעווייזען.

איצט האבען סנבלט מיט זיינע לייט דערזעהען, אז עס וועט זיי נישט געלינגען, צו שטערען די ארבייט, און דעריבער האבען זיי זיך ווידער גענומען פיהרען אינטריגעס. איבעראל האבען זיי פערשפרייט א קלאנג, אז ווי נאר די מויער ארום ירושלים וועט ווערען פארטיג, וועט

נחמיה זיך לאזען אויסרופען פאר א מלך. דאדורך האבען זיי געוואלט דערשרעקען פיעל לייכטגלויביגע און קליינמוטיגע ארבייטער, וועלכע וועלען מורא האבען, אז די פערסער זאלען נישט מיינען, אז זיי זענען אויך מיט נחמיה'ן אין בונט געגען דעם קעניג פון פרס, און וועלען דעריבער ווארפען די ארבייט. זיי האבען אויך געדונגען פאר געלד פעררעטער צווישען די אידען, אויך פיעל אידישע שרים, וועלכע האבען זיך מתחתן געווען מיט די אידישע פיינד און זענען מיט זיי בעפריינדעט געוועזען, זענען געשטאנען בשתיקה אין פערבינדונג מיט סנבלט'ן און טוביה, כדי צו שטערען, ווי עס איז די ארבייט. אבער פון אלע אינטריגעס האט זיך גארנישט אויסגעלאזען, ווייל נחמיה האט פעסט געטהון זיין ארבייט און דערוויטערט אלע שטערונגען. ענדליך איז פערטיג געווארען די ארבייט, וועלכע נחמיה האט אונטערגענומען, און זי איז געוועזען אזוי געלונגען און גוט, אז אפילו די אידישע פיינד האבען זי געמוזט בעוואונדערען.

מיט דער מויער ארום שטאדט האט זיך אבער נאך נישט געענדיגט נחמיה'ס ארבייט. ער האט זיך אויך געשטעלט אנ'אויפגאבע צו ברענגען ארדנונג אין איבערליכען לעבען פון אידען, און אט דא האט ער זיך בעגעגענט מיט נייע שוועריגקייטען, נישט קלענערע פאר די ערשטע. עס איז איהם אויסגעקומען צו פיהרען א קאמפף מיט פיעל אידישע שרים, וועלכע האבען געשפיעלט א צווייטיגע ראליע, שטעהענדיג בשתיקה אין פערבינדונג מיט די אידישע פיינד און איבערגעבענדיג זיי יעדעם ווארט און וועגען יעדער טהאט, וואס נחמיה האט געזאגט, אדער אונטערגענומען. די דאזיגע שרים האבען געדריקט די ארעמע לייט אהן קיין רחמנות. אויב די ארעמע לייט פלעגען ביי די עשירים בארגען געלד אויף צו בעצאהלען דער פערסישער מלוכה דעם שטייער אויף זייער

אדער אויב זיי פלעגען בארגען זריעה, צו פערזייהען זייער פעלד און פאר זיך צו עסען ביז דעם נייען תבואה-שניט, פלעגען די עשירים ביי זיי נעהמען אין משכון זייערע פעלדער, זייערע וויין- און אייל-גערטנער אדער זייער הויז; זיי פלעגען זיך אויך אפילו נישט שעמען צו נעהמען ביי זיי פאר א משכון זייערע קינדער, און, ווען דער בעל-חוב פלעגט נישט קאנען בעצאהלען אין דער צייט זיין חוב, פלעגען זיי ביי איהם צונעהמען זיין נחלה און די קינדער פלעגען זיי מאכען ביי זיך פאר קנעכט. ווען די קלאגען פון די ארעמע לייט זענען געווארען אלץ אפטער און העכער, ביז זיי זענען אנגעקומען אויך צו נחמיה'ן, האט ער זיך בעשלאסען, צו פאדערען וועגען דעם א רעכנונג ביי די עשירים. ער האט צונויפגערופען א גרויסע פערזאמלונג און ארויסגעטראטען מיט א רעדע, אין וועלכער ער האט אנגעוויזען, ווי גרויזאם די עשירים בעגעהן זיך מיט די אייגענע ברידער, און ווי די תורה האט אזא האנדלונג שטרענג פערבאטען. „מיר אידען אין פרס האבען מיט אונזער געלד אויסגעלעזט די געפאנגענע אידען, אויף וויפיעל עס האבען נאר געקלעקט אונזערע מיטלען; ווען איהר

וועט אַלזאָ פֿערקויפֿען אײַערע ברידער, וועלען זיי ווידער אַרײַנפֿאַלען אין אונזערע הענד"—האָט נחמיה אויסגעלאַכֿט די עשירים פֿון יהודה. נחמיה האָט שוין דאַמאָלס געהאַט אַ גרויסען אויטאָריטעט בײַ אידען, זײַנע רייד האָבען געמאַכֿט זעהר אַ שטאַרקען אײַנדרוק אויף די עשירים, בפרט נאָך, ווען ער האָט צו זיי גערעדט אין נאָמען פֿון דער תורה, — אַלע עשירים האָבען באַלד צוגעזאָגט נישט בלויז צו בעפֿרײַען צוריק די פֿערקנעכֿטעטע אידען, נאָר אָבצוגעבען זיי אויך זייערע פֿעלדער, גערטנער אין הײַזער און בכלל אָבצוזאָגען זיך אינגאַנצען פֿון זייערע חובות, וואָס זיי מאָהנען בײַ די אָרעמע לײַט. נחמיה האָט אויסגענוצט די דאָזיגע גינ־סטיגע שטימונג און בעשוואָרען די שרים און עשירים צו ערפֿילען זייער הבטחה. אויף דער שבועה האָבען די עשירים און שרים געענטפֿערט „אָמן!" — און נאָכֿמאָל ווידערהאָלט זייער הבטחה.

דאָס איז געווען אַ גרויסער נצחון, וואָס די תורה האָט דורך נחמיה'ן אָבגעהאַלטען. דער אידישער פחה, נחמיה, האָט אָבער אַלעמען אליין בײַ־געוויזען אַ בײַשפּיעל, ווי מען דאַרף זיך פֿיהרען אָרענטליך אין דער בעצ־יהונג צום אָרעמאַן און בכלל צום צווייטען מענשען. נישט נאָר וואָס ער האָט נישט געפֿאָדערט די אָבצאָהלונג פֿאַר זיך, וועלכֿע האָבען איהם געהערט, לויט'ן געזעץ, נאָר ער האָט נאָך אַליין געבאָרגט די אָרעמע לײַט געלד און תבואה, און ווען זיי האָבען נישט געקאָנט בעצאָהלען, האָט ער דעם חוב געלאָזען פֿערפֿאַלען. אַזוי האָבען זיך אויך בעגאַנגען זײַנע קרובים און זײַנע קנעכֿט מיט אידעלקײַט און גוטהאַרציגקײַט.

דורך זײַן אייגענעם גוטען בײַשפּיעל איז עס געלונגען נחמיה'ן מנצח צו זײַן די שוועריגקייטען, וועלכֿע האָבען זיך איהם פֿאָרגעשטעלט בײַ'ם אײַנאָרדנען די אינערליכֿע עניינים פֿונ'ם פֿאָלק אין לאַנד יהודה. דאָס פֿאָלק האָט איהם פֿערגעטערט, און אויך די עשירים האָבען איהם געפֿאָלגט, צי ווילענדיג, צי נישט. עס האָבען אָבער קיין פֿערלעגענהייטען נישט געפֿעהלט. ווען די מויערען פֿון שטאָדט זענען שוין געווען פֿאַרטיג, האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז די שומרים, די לויים, און בכלל דער שבט לוי איז פֿערשוואונדען פֿון שטאָדט. צוליעב דעם, וואָס מען האָט אין די לעצטע עטליכֿע יאָהר זיי נישט געגעבען קיין געהאַלט, דען מען האָט נישט אָבגעשיידעט קיין תרומות און מעשרות, זענען זיי אַרויסגעגאַנגען פֿון ירושלים און זיך געלאָזט זוכֿען אַ שטיקעל ברויט צו פֿערדיענען. מען האָט אַלזאָ געמוזט אויפֿזוכֿען די לויים, כדי צו האָבען בעדיענער פֿאַר'ן בית המקדש און שומרים פֿאַר דער שטאָדט־מויער. עס האָט זיך אויך אַרויסגעוויזען בכלל, אַז אין ירושלים זענען פֿאַראַן ווייניג הײַזער און אײַנוואָהנער. מען האָט ערשט געדאַרפֿט די שטאָדט בעזעצען. נחמיה האָט דעריבער אַרויסגעלאָזען אַן אויפֿרוף צו אַלע יענע אידען, וועלכֿע האָבען זיך אַרויסגעצויגען פֿון ירושלים אין דער אומזיכֿערער צײַט, ווי

אויך צו יענע, וואס האבען זיך לכתחלה בעזעצט אויף דער פראווינץ, אז זיי זאלען זיך בעזעצען אויף שטענדיג אין ירושלים. אויפ'ן דאזיגען אויפרוף האבען זיך באלד אבגערופען פיעל אנגעזעהענע משפחות, וועלכע האבען זיך אריינגעצויגען אין דער בענייטער שטאדט ירושלים. דערמיט איז אבער וועניג וואס בעסער געווארען, דען די צאהל פון די נייאנגעקומענע איז געוועזען נישט גרויס, און דעריבער האט מען בעשלאסען, צו ברענגען אין דער הויפט־שטאדט ירושלים א צעהנט חלק פון דער גאנצער בעפעלקערונג, דאס הייסט, פון יעדע צעהן משפחות האבען ניין געדארפט איבערבלייבען וואהנען אויף דער פראווינץ, און די צעהנטע האט זיך געדארפט אריינציהען אין ירושלים. דורכגעפיהרט האט מען דאס דורך א גורל: אויף וועמען דער גורל איז געפאלען, יענער האט זיך געדארפט באלד אריינציהען אין ירושלים. נחמיה האט אבער נישט געוואלט אריינברענגען אין דער הייליגער שטאדט אבי וועמען; נישט אלע זענען אין זיינע אויגען ווערט געוועזען צו האבען די זכיה, צו בעזעצען זיך דארט. בעזונדערס האט ער נישט געוואלט, אז אין ירושלים זאלען זיך בעזעצען יענע אידען, וועלכע זענען געבוירען געווארען פון געמישטע חתונות. דעריבער האט נחמיה בעפוילען, אז מען זאל איהם ברענגען די רשימות פון אלע אידישע משפחות, וועלכע זענען געקומען פון בבל, און ער האט אונטערגעזוכט דעם יחוס און די אבשטאמונג פון יעדער משפחה, כדי צו וויסען, אויב זי איז ווערט בעזעצט צו ווערען אין ירושלים. נחמיה האט זיך דערביי בעגאנגען זעהר שטרענג. אזוי, למשל, האט ער בעפוילען ארויסצושיקען צוריק פון ירושלים זעקס הונדערט מיט צוויי און פערציג פערזאן, וואס האבען געשטאמט פון דריי משפחות, וועלכע האבען נישט געקאנט דערווייזען, אז זיי שטאמען פון אידען. אויך דריי משפחות פון כהנים, וועלכע האבען נישט געקאנט דערווייזען, אז זיי קומען ארויס פון אהרן הכהן, זענען דורך נחמיה'ן דערווייטערט געווארען פון דער כהונה.

נחמיה האט אויך געלאזט אויפבויען אין צפון־זייט פון בית המקדש א פעסטונג, כדי צו בעשיצען איהם פון אנפאלען מצד יענע אידען, וועלכע זענען אבגעזונדערט געווארען פון פאלק, אלס ארויסגעקומענע פון געמישטע חתונות. אין דער דאזיגער פעסטונג האט נחמיה אריינגעפיהרט זיין בעוואפענטע מחנה, וואס דער קעניג ארתחשסתא האט איהם מיטגעגעבען. די דאזיגע מחנה האט פון איצט אן געדארפט בעשיצען דעם בית המקדש. די דאזיגע פעסטונג, וועלכע האט שפעטער געדארפט שפיעלען א וויכטיגע ראליע אין דער אידישער געשיכטע, האט ער א נאמען געגעבען בירה.

נאכדעם ווי נחמיה האט א געוויסע צייט געארבייט פאר דער מאטעריעלער זייט פון'ם נייעם אידישען לעבען אין ארץ־ישראל, און בעפעסטיגט ירושלים דורך א שטארקער מויער און אויך בעפעלקערט זי, כדי

אַז זי זאָל ווערען אַ צענטער פֿאַר'ן גאַנצען אידישען פֿאָלק, האָט ער זיך אויך גענומען פֿערזאָרגען דאָס גייסטיגע לעבען. צו דער דאָזיגער נייער אַרבייט האָט ער זיך גענויטיגט אין מענשען, וועלכע האָבען אַ גרינדליכע ידיעה אין דער ת[illegible]ה מיט איהרע געזעצען, און אָט איצט איז ווידער אַרויסגעטראָטען עזרא, וועלכער האָט וועניג אַנטייל גענומען אין די ערשטע אַרבייטען פֿון נחמיה'ן, אין דער מאַטעריעלער אויסבעסערונג פֿון דער אידישער לאַגע, וועלכע איז נישט געווען עזרא'ס פֿאַך.

אין ערשטען טאָג פֿון זיבעטען מאָנאַט, דאָס הייסט, פֿון חדש תשרי, אינ'ם אידישען יום־טוב ראש השנה, האָט דאָס גאַנצע אידישע פֿאָלק זיך פֿערזאַמעלט אין ירושלים אין דער גאַס, וואָס געפֿינט זיך פֿאַר'ן וואַסער־טהויער. עס זענען געקומען נישט בלויז אַלע איינוואָהנער פֿון ירושלים, נאָר אויך אַלע אידען פֿון דער פּראָווינץ. מען האָט אויפֿגעשטעלט אַ בימה אויף דער גאַס פֿאַר'ן וואַסער־טויער און עזרא איז אַרויפֿגעגאַנגען לייענען די תורה. עזרא האָט איינגעאָרדענט די זאַך אַזוי, אַז די פֿאָרלעזונג זאָל מאַכען אַ שטאַרקען רושם, וואָס זאָל לאַנג בלייבען אין הארצען פֿון פֿאָלק. די פֿערזאַמלונג איז געווען זעהר אַ גרויסע; נישט בלויז מאַנסבילען זענען געקומען, נאָר אויך ווייבער און קינדער. און ווען עזרא האָט געעפֿענט דעם ספר תורה, האָבען זיך אַלע אויפֿגעהויבען פֿון אָרט. און דאַן האָט עזרא צום ערשטען מאָל געמאַכט די ברכה אויף דער תורה און גאָטעס נאָמען, און דאָס גאַנצע פֿאָלק האָט זיך דערביי געבוקט טיעף צו דער ערד, אויסרופֿענדיג „אמן!“ דערנאָך האָט עזרא אָנגעהויבען לעזען אויפֿ'ן קול און די אַנוועזענדע האָבען גיזהערט מיט גרויס אויפֿמערקזאַמקייט. פֿאַר די פֿרויען און די דאָרפֿס־לייט, וועלכע האָבען נישט געקאָנט אַליין פֿערשטעהן, האָבען די לויים אַזוי דייטליך ערקלערט דאָס געלעזענע, און זיי אַלע האָבען גוט פֿערשטאַנען. הערענדיג דאָס לעזען די תורה, האָט דאָס גאַנצע פֿאָלק זיך שטאַרק צעוויינט און איז טיעף גערוהרט געוועזן. ווי עס שיינט, האָט עזרא פֿאָרגעלעזען די תוכחה פֿון דער משנה תורה, וואו עס ווערען פֿאָראויסגעזאָגט די שרעקליכסטע שטראָפֿען פֿאַר'ן נישט היטען די תורה. די לעזונג פֿון דער תורה האָט געדויערט פֿון פֿריהען מאָרגען ביז האַלבען טאָג. דערנאָך, ווען דער עולם האָט זיך עטוואָס בערוהיגט נאָכ'ן לעזען, האָט זיך אָנגעהויבען די פֿייערונג פֿון יום־טוב אין זעהר אַ געהויבענער שטימונג; מען האָט זיך געפֿרייעט, אַז מען האָט אַלץ פֿערשטאַנען פֿון דאָס געלעזענע. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, ווען דאָס גאַנצע פֿאָלק האָט געהערט לעזען די תורה און האָט אַלץ פֿערשטאַנען, אָנשליסענדיג זיך דערביי פֿעסט צו דער אידישער קהלה און שפּירענדיג, אַז פֿון איצט אָן ווערט מען אַ טרעגער פֿון דער תורה און אַנ'אַבהיטער פֿון איהרע געזעצען. ערשט אין יענעם מאָמענט איז ענדליך פֿאָרגעקומען די פֿאָלקאָמע ענדערונג און די גרויסע אויסבעסערונג פֿון אידישען פֿאָלק, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבען אין גלות, און

בבל. דאס, וואס די נביאים האבען אנגעהויבען בויען, האבען פערענדיגט די חכמים פון דער תורה.

דאס פאלק איז אזוי שטארק צוגעבונדען געווארען צו זיין תורה, אז מען האט איצט שטענדיג געגלוסט צו הערען איהר לערנען, האטש מען האט פריהער פון איהר גארנישט געוואוסט, אדער אויך נישט געוואלט וויסען. די אנפיהרער פון די משפחות, וואס זייערע אבות האבען זיך מיט א געוואלדיגער עקשנות געשטעלט געגען די נביאים און האבען הונ־דערטער יאהרען נישט געוואלט פון זיי וויסען,—אט די אנפיהרער און שרים זענען אויף צוזאמענגעקומען אליין געקומען צו עזרא׳ן און געבעטען, אז ער זאל ווידער לעזען פאר׳ן פאלק די תורה און לערנען אלעמען, וואס מען דארף טהון און ווי אזוי מען ברויך צו לעבען, לויט דער תורה. דאן האט עזרא געלעזען וועגען די ימים־טובים, וואס מען ברויכט צו פייערען אין זי־בענטען חדש (תשרי). באלד נאך דער קריאת התורה דורך עזרא׳ן האט בען די זקנים און שרים געלאזט אויסרופען פאר׳ן פאלק, אז אלע זאלען ברענגען פון די נאהנטע בערג צווייגען פון אייל־בוימער, הדסים, לולבים און אנדערע צווייגען פון בוימער, כדי צו בויען סוכות און פייערען דעם נאהענטען יום־טוב, ווי גאט האט געבאטען אין דער תורה. און דאס פאלק האט מיט דער גרעסטער שמחה ערפילט דעם בעפעהל, און מען האט גע־פייערט דעם יום־טוב סכות, ווי קיינמאל נישט פריהער, ווייל אידען האבען נישט געבויט קיין סכות פון דער צייט פון יהושע בן נון אן ביז עזרא׳ן. אין דעם גאנצען יום־טוב סכות האט עזרא טאג טעגליך געלייענט פאר׳ן פאלק די תורה, און פון דאמאלס אן איז די „קריאת התורה“ — דאס „לייענען אין דער תורה“ — געווארען א בעשטימטער טייל פונ׳ם גאטעס־דיענסט ביי אידען.

די געהויבענע שטימונג ביי׳ם פאלק האבען עזרא און נחמיה גע־וואלט אויסנוצען, כדי צו פועל׳ן, אז מען זאל זיך מיט׳ן גוטען ווילען לא־זען שיידען פון די פרעמדע פרויען. צו דעם צוועק האבען עזרא און נחמיה בעשטימט א תענית צבור באלד נאך סכות, דעם פיער און צוואנציגסטען טאג פון חדש תשרי. אין דעם טאג האבען זיך פערזאמעלט אלע אידען פאסטענדיג און געקליידעט אין א זאק, בעדעקט מיט ערד אויפ׳ן קאפ און אזוי האבען זיי זיך מתודה געוועזען פאר זייערע זינד און פאר די זינד פון זייערע עלטערען. די לויים האבען געלעזען פאר׳ן פאלק אין דער תורה יענע פרשה, וואו עס געפינט זיך דער פסוק: „עס זאל נישט אריינ־געגומען ווערען קיין מענש פון עמון און מואב אין גאטעס געמיינדע ביז אייביג“. דעם פסוק האבען די לויים ערקלערט פאר׳ן פאלק אזוי, אז אלע זאלען פערשטעהן זיין גאנצע בעדייטונג. די ווירקונג איז געוועזען א געוואל־דיגע: אלע אידען האבען זיך באלד אליין, מיט׳ן גוטען ווילען אבגעשיי־דעט פון זייערע פרעמדע פרויען און פון די קינדער, וואס זיי האבען מיט זיי געבוירען. מען האט זיך אבגעשיידעט נישט בלויז פון עמון און מואב,

נאר אויך פון די כותים. נחמיה האט אויסגענוצט די גינסטיגע שטימונג אויף נאך אנ׳אופן: צוזאמען מיט עזרא׳ן האט ער בעוואויגען דאס פאלק צו שליסען א בונד, אז פון איצט אן זאלען זיי זיך נישט אבשיידען פון דער תורה, וועלכע דארף ווערען די איינציגע וועג־ווייזערין אין לעבען, און מעהר זאל מען שוין נישט ארייגפאלען אין פערשיעדענע פערברעכענס, וועלכע האבען געבראכט אידען ביז איצט אזעלכע גרויסע אונגליקען. דער נייער אידישער ישוב אין ארץ־ישראל מוז זיין אינגאנצען איינגעזאפט מיט׳ן גייסט פון משה׳ס תורה. דעם נייען בונד געטריי צו זיין האבען גע־שווארען אלע: מאנסבילען, פרויען, פערשטענדיגע קינדער, די האלב־קנעכט און די גרים, וועלכע האבען זיך געטריי פעראייניגט מיט אידען. בעזונ־דערס וויכטיג האט מען בעשווארען אלעמען צו היטען די פונקטען, נישט חתונה צו מאכען די אידישע טעכטער פאר פרעמדע און נישט צו הייראטען מיט א פרוי פון א פרעמדען פאלק. דער דאזיגער פונקט איז בע־זונדערס וויכטיג געוועזען אין די אויגען פון עזרא און נחמיה, און דעריבער האט מען איהם צוערשט ארייגגעשטעלט אין דער שבועה. דער צווייטער פונקט פון דער שביעה איז געוועזען צו היטען שבת און יום־טוב און נישט צו קויפען אין די טעג קיין סחורות ביי די נישט־אידען, ווען זיי קומען מיט סחורה צו פערקויפען. דער דריטער פונקט איז געוועזען, צו היטען „שמיטה"—דאס הייסט: דעם זיעבעטען יאהר, ווען מען טאר נישט בע־ארבייטען די פעלדער און אלע חובות ביי אידען ווערען בטל. מען האט זיך אויך מתחייב געוועזען צו געבען אויף אויסצוהאלטען דעם בית המקדש און זיינע בעדערפנישען, יעדער איד האט געדארפט געבען יעהרליך א דריטעל „שקל" אין אין בעשטימטע צייטען — האלץ פאר׳ן מזבח, לויט א גורל. מען האט זיך אויך פערפליכטעט אבצוהיטען צו געבען אין דער צייט תרומות און מעשרות, ווי אויך בכורים און בכלל אויסצוהאלטען בכבוד די כהנים און די לויים און נישט צו פערנאכלעסיגען דעם בית המקדש.

אלע דאזיגע פונקטען פונ׳ם בונד האט מען אויפגעשריבען אויף א „מגלה", און די עלטסטע פון די משפחות פון אלע קלאסען פון דער אי־דישער בעפעלקערונג, ווי אויך די פערטרעטער פון פאלק האבען זיך דער־רויף אונטערגעשריבען. דער ערשטער האט זיך אונטערגעשריבען נחמיה און בסך הכל זענען פיער אדער פינף און אכציג חתימות געוועזען אויף דעם „בונד". עס איז אבער פארהאן א מסורה, וועלכע דערצעהלט, אז דעם דאזיגען בונד האבען אונטערגעשריבען הונדערט און צוואנציג פאלקס־פערטרעטער. די דאזיגע פערזאמלונג האט מען א נאמען געגעבען: „די גרויסע פערזאמלונג" (כנסת הגדולה).

פיעל, זעהר פיעל האט נחמיה בעוויזען אויפצוטהון אין א קורצער צייט! ער האט נישט בלויז ווידער בעפעסטיגט און איינגעארדענט דעם

שוין כמעט צופאלענעם ישוב און בעזארגט די איינוואוהנער פון דער הויפט־שטאדט פון אנ׳אנפאל מצד די פיינד. דאדורך וואס ער האט בעפעסטיגט די מויערן ארום דער שטאדט, נאר ער האט אויך אריינגעבראכט א נייעם גייסט אין פאלק און איהם פעראייניגט מיט דער תורה. דערגרייכט האט ער דאס דורך זיינע גרויסע פאלקס־פערזאמלונגען, וועלכע ער פלעגט איינארדנען בכיון מיט גרויס פאראד, ווירדיג, וואס פאר א שטארקען איינדרוק א גרויסע פערזאמלונג מאכט אויפ׳ן פאלק, און אז דאס ווירקט פיעל בעסער, ווי אלערליי ערקלערונגען און שטראף־רייד. אזוי האט ער אויך איינגעארדענט א נייע פאלקס־פערזאמלונג, כדי צו פייערן די בענייאונג פון דער שטאדט ירושלים און פון דער נייער מויער, וועלכע ער האט מיט אזוי פיעל מיה געענדיגט אויפצובויען. צו דער דאזיגער פערזאמלונג האט נחמיה ווידער בעפוילען צו ברענגען אויך די פרויען און די קינדער. דער צוועק פון דער פערזאמלונג איז געווען משמח צו זיין דאס פאלק און טרייסטען איהם נאך דעם לעצטען טרויעריגען תענית. נחמיה האט דעריבער בעשטעלט אלע לויים פון דער זינגער־אבטיילונג צו קומען קיין ירושלים, כדי משמח צו זיין דאס גאנצע פאלק דורך זייער געזאנג און שפיעלען אויף אינסטרומענטען. ער האט איינגעארדענט צוויי גרופעם פון פאלק, וועלכע האבען געדארפט ארויסגעהן פון שטאדט ארום דער מויער אין פערשידענע ריכטונגען, ביז זיי וועלען זיך צוזאמענטרעפען ווידער ביי׳ם בית המקדש. פאר יעדער גרופע איז געגאנגען א חאר לויים און מיט׳ן חאר זענען געגאנגען די לויים־מוזיקאנטען, וועלכע האבען געשפיעלט אויף אלערליי אינסטרומענטען; דער חאר האט געזונגען תהלים־געזאנגען אונטער דער בעגלייטונג פון די מוזיקאנטען. הינטער איין חאר איז געגאנגען עזרא מיט די זקנים, הינטער דעם אנדערען — נחמיה מיט א טייל זקנים. מיט יעדער גרופע זענען געגאנגען א טייל אידישע שרים און נאך זיי דאס פאלק מיט די פרויען און קינדער, און אזוי זענען די גרופעם געגאנגען אין דער פראצעסיע: איינע פון דרום־מערב־זייט צום מזרח און די אנדערע פון צפון מערב־זייט צום מזרח. די פראצעסיע איז געווען א גרויסארטיגע: ווייט ארום אין דער געגענד האבען זיך געהערט די געזאנגען, דאס שפיעלען פון די אינסטרומענטען, דאס קלאפעריי פון די פויקען, וועלכע דער ווידערקלאנג פון די ארומיגע בערג האט הילכיג אבגעענטפערט, דערהויבענדיג דאדורך די פייערליכע שטימונג. אזוי ארום האט די דאזיגע גרויסע שמחה אבגעשוואכט אביסעל דעם שרעקליכען איינדרוק פונ׳ם תענית־און טרויער־טאג, וואס מען האט געהאט איינגעארדענט באלד נאך סכות, און האדורך אויפגעמונטערט דאס פאלק צו א נייעם לעבען.

נחמיה האט אויך געזארגט דערפאר, אז עס זאל איינגעארדענט ווערען א רעגולירע „עבודה“ אין בית המקדש, דאס הייסט, אז דער גאטעס־דיענסט זאל דארט קאנען פארקומען שטענדיג אין דער געהעריגער צייט

און אין א בעשטימטער ארדנונג, כדי די קרבנות זאלען קאנען געבראכט ווערען אין דער צייט איז נויטיג געווען, צו פערזארגען די כהנים און לויים מיט מיטלען צום לעבען. די לאנד־ארבייטער האבען זיך אפילו מתחייב געווען צו געבען אין הערבסט תרומות און מעשרות; נחמיה האט זיך אבער נישט געוואלט פערלאזען אויף דער בלויזער הבטחה, נאר ער האט געוואלט בעשטימען בעאמטע, וועלכע האבען געדארפט אין דער צייט פון תבואה־שניט אכטונג געבען, אז מען זאל די תרומות און מעשרות ריכטיג אבשיידען און אבשיקען אין בית המקדש ארײן; די בעאמטע האבען געדארפט אליין געהן איבער'ן גאנצען לאנד אין דער צייט פון תבואה־שניט, צו לערנען איבעראל דאס פאלק, ווי אזוי אבצושיידען תרומה און מעשר. נחמיה האט אויך געלאזט אויסבויען גרויסע האלען ארום דעם בית המקדש, וואוהין מען פלעגט אריינברענגען אלע תרומות און מעשרות, ווי אויך די גארטען־פרוכטען, און דארט איז דורכגעפיהרט געווארען די חלוקה, לויט'ן דין, צווישען די כהנים און לויים, אונטער דער אויפזיכט פון א ספעציעלען בעאמטען. אויך פאר דער איינערליכער ארדנונג פון דער שטאדט ירושלים האט נחמיה געזארגט. ער האט נישט בלויז בעזעצט די שטאדט מיט איינוואהנער, ער האט אויך געלאזט אויסבויען פיעל הייזער פאר דער בעפעלקערונג און פאר די ארעמע לייט, וועלכע האבען אליין נישט געהאט קיין מיטלען אויף צו בויען פאר זיך הייזער, האט ער געלאזט בויען אויף זיינע אייגענע הוצאות; האט בכלל געגעבען זעהר פיעל פון זיין פערמעגען פאר די נויטיגע בעדערפנישען פון דער שטאדט און פאר'ן צבור, אי פאר'ן יחיד. אט אזוי האט עס נחמיה אויפגעבויט א שטאדט, וועלכע האט געהאט דאס ציעל, צו דיענען אלס ביישפיעל פאר אלע אנדערע אידישע שטעדט, ווי אזוי מען דארף לעבען, לויט ווי די תורה האט געבאטען. צוועלף יאהר איז נחמיה געשטאנען אין שפיץ פון דער אידישער מדינה אלס פערוואלטער, אדער פחה (פון 514 ביז 502 פאר'ן צווייטען חורבן). דערנאך האט ער זיך געמוזט אומקעהרען צוריק אין הויף פון קעניג ארתחשסתא, ביי וועלכען ער איז נאך אלץ געווען א חשוב. נחמיה האט גענומען אבשייד פון ירושלים אין דער גוטער האפנונג, אז דאס ווערק, וואס ער האט בעשאפען, סיי אין בעציהונג צו דער אויסערליכער זיכערהייט מצד די ארומיגע פיינד, סיי אין דער איינערליכער ארדנונג, וועט זיך לאנג האלטען און האבען א קיום.

אזוי איז אבער נישט געווען. ווי נאר נחמיה האט פערלאזען ירושלים און אבגעגאנגען צוריק קיין שושן, אין דער הויפט־שטאדט פון פרס, איז פארגעקומען אין דער נייער אידישער סביבה אן ענדערונג. ווי עס שיינט, האט דעריז געשפיעלט א וויכטיגע ראליע דער כהן גדול אלישיב, וועלכער איז געווען שטארק אונצופריעדען מיט די ארדנונגען פון עזרא און נחמיה. בעזונדערס שטארק האט ער זיך געשפירט בעליידיגט דערמיט,

וואס נחמיה האט זיך ווייניג וואס גערעכענט מיט זיין מיינונג, חאטש ער איז געוועזען כהן גדול. געגען דעם ביישלוס פון דער „כנסת הגדולה“, אבער וואהרשיינליך מיט דער הסכמה פון כהן גדול האט מען זיך ווידער אנגעהויבען מתקרב צו זיין צו די שומרונים און די איבריגע פרעמדע פעלקער, און כדי צו בעפעסטיגען דעם נייעם בונד מיט די פרעמדע, האט א מיטגליעד פון כהן גדול'ס משפחה, מנשה, געהייראטעט מיט סנבלט'ס טאכטער, ניקאסא. דעם ביישפיעל פון כהן גדול'ס משפחה האבען נאכגעטהון אנדערע, וועלכע זענען שוין פריהער געוועזען אונצופריעדען מיט'ן בעשלוס פון עזרא און נחמיה וועגען די געמישטע חתונות. דאס סיסטעם האט זיך איצט אינגאנצען געביטען. נחמיה'ס פיינד, דער עמוני טוביה, איז איצט עפענטליך געקומען קיין ירושלים און מען האט איהם אבגעגעבען א וואהנונג אין הויף פון בית המקדש. די כהנים, וועלכע האבען זיך מתחתן געוועזען מיט די פרעמדע פעלקער, האבען גארנישט געמיינט צו בעגעהן א פערברעכען געגען דער אידישער תורה; זיי האבען ערקלערט, אז דאס, וואס זיי טהוען, איז כלל נישט געגען דער תורה, און יענע ערטער, וואו די תורה פערבאט מתחתן צו זיין זיך מיט פרעמדע פעלקער האבען זיי ערקלערט אויף אן אנדער אופן ווי עזרא און נחמיה, און עס איז אויסגעקומען, אז אין די בעדינגונגען, ביי וועלכע זיי זענען זיך מתחתן מיט די שומרונים, אדער אנדערע פעלקער, בעגעהן זיי קיין שום פערברעכען נישט.

דער רעזולטאט פון דער דאזיגער פלוצלונגער איבערקעהרעניש איז געוועזען זעהר א שלעכטער. דאס פאלק איז גאר מבולבל געווארען, זעהענדיג, ווי היינט האט מען ערלויבט צו טהון אזא זאך, וואס איז נעכטען געוועזען שטרענג פערבאטען. א צווייטע ווירקונג איז געוועזען, אז א גרויסער טהייל פון פאלק האט פערלוירען דעם גאנצען עהרען-געפיהל פאר דער כהונה און האט זיך אנגעהויבען בעציהען צו די כהנים מיט פעראכטונג, און די גוט-בעזיצער האבען אויפגעהערט צו געבען זייערע תרומות און מעשרות. דאדורך האבען אבער געליטען אויך די גאנץ אונשולדיגע: די לויים האבען פערלארען זייער חלק און, כדי נישט אומצוקומען פון הונגער, האבען זיי ווידער פערלאזען דעם בית המקדש און די שטאדט. עס האבען אויך פערפעהלט נדרים און נדבות פאר'ן בית המקדש, און עס איז נישט געוועזען, פון וואנען צו נעהמען אויף קרבנות. כדי די עבודה זאל גארנישט איבערגעריסען ווערען, האבען די כהנים געקויפט ביליגע בהמות און שעפסען: בלינדע, הינקעדיגע, געראובטע און העסליכע. דאס האט געבראכט דערצו, אז פיעל מענשען האבען זיך מיט פעראכטונג אבגעזונדערט פון בית המקדש, טענה'נדיג: „גאטעס טיש איז פערהעסליכט געווארען“. צוזאמען דערמיט אבער האט זיך דאס פאלק אויך אבגעווענדעט פון דער תורה און פון די אלגעמיינע פאלקס-ענינים; יעדער האט נאר גע-

טראכט וועגען זיך אליין און וועגען זיינע פערזענליכע אינטערעסען, זאָן מען האָט איינגאַנצען פערגעסען אויפ'ן געשלאָסענעם בונד און דער שבועה, וואָס מען האָט מיט אַזאַ פייערליכקייט געגעבען עזרא'ן און נחמיה'ן. און ווען אַט די פאַלש געוואָרענע לייט האָבען הצלחה געהאַט אין זייערע געשעפטען און עניִנים, זענען די פרומע און די תמימים זעהר טרויעריג געוואָרען אין זייער ביטערען לעבענס־קאַמפף: „אומזיסט — האָבען זיי געטענ'ט — דיענען מיר גאָט, און וואָס העלפט עס אונז, וואָס מיר היטען אָב זיינע געזעצען, אַז מיר ווערען סיי ווי סיי פערפינסטערט פאַר גאָט. מיר מוזען גליקליך שעצען די פערברעכער, און זעהען, ווי זיי זענען אויפגעקומען!“...

נאָך ערגער איז געווען דער פרוד הדעות, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען ביי אידען — אַ פרוד, וועלכער האָט זיך אויך אַריינגעריסען אין דער אידישער משפחה און געבראַכט צו אַ מחלוקת צווישען די עלטערען און זייערע קינדער. עס זענען ענטשטאַנען פערשיעדענע בעגריפען וועגען רעכט און געזעץ. די עלטערען און די זיהן האָבען זיך בעקומען וועגען דעם יעדער זיינע אייגענע מיינונגען. די זיהן האָבען געהאַלטען פעסט מיט די כהנים און געשטרעבט, צו פעראייניגען זיך מיט די פרעמדע פעלקער; זייערע עלטערען דאַגעגען האָבען געזאָרגט פאַר'ן האַלטען ריין די אידישע אומה פון יעדער צומישונג מיט אַנדערע פעלקער, לויט ווי עס האָבען געלערנט עזרא און נחמיה. אין משפחה־לעבען האָבען זיך אָנגעהויבען העסליכע מחלוקת. די פרומע אידען, וועלכע האָבען זיך נאָך געהאַלטען פעסט אָן די געזעצען פון עזרא און נחמיה, האָבען זיך דאַמאָלס צוזאַמענגערעדט צו אַרבייטען געגען דער נייער פערדערבליכער שטרעמונג, לויט אַ בעשטימטען פּלאַן. די הויפט האָפנונג אָבער האָבען זיי געהאַט אויף נחמיה'ן, וועלכער האָט שוין איצט ווידער געלעבט ביי'ם קעניגליכען הויף אין שושן; זיי האָבען געגלויבט, אַז ווען ער זאָל צוריקקומען קיין ירושלים, וועט ער מיט איין טריט מאַכען אַ סוף צו דער אונאָרדנונג אין דער אידישער קהלה. אינ'ם דאָזיגען קרייז פון די פרומע אידען האָט דאַמאָלס געלעבט דער נביא מלאכי, וועלכער האָט מיט אַ בעזונדערער ערביטערונג בעאָבאַכטעט די שענדליכע מעשים פון די כהנים, וועלכע ברענגען אַריין אַ מאָראַלישע פערדערבונג אין פאָלק. מלאכי איז געווען אַ מענש פון הויכען גייסט און נביאישען קוק. ער האָט געהאַט זעהר אַ שטאַרקען מוט און איז אַרויסגעטראָטען מיט קלאָרע רייד געגען די כהנים, וועלכע „האָבען זיך אָבגעקעהרט פון גלייכען וועג און געמאַכט שטרויכלען פיעל מענשען דורך די פשט'לעך, וואָס זיי לערנען אין דער תורה, און האָבען אויך פערדאָרבען דעם בונד פון שבט לוי“. שטראָפענדיג די שלעכטע מענשען, טרייסט אָבער מלאכי די פרומע, אַז זיי זאָלען נישט אַריינפאַלען אין יאוש. מלאכי איז געווען דער לעצטער נביא ביי אידען; מיט איהם ענדיגט זיך

די קייט פון נביאים, וועלכע האט זיך געצויגען פיער הונדערט יאהר.

די פערצווייפעלטע און טרויערנדע פרומע אידען האט מלאכי געטרייסט מיט דער בשורה, אז אינגיכען וועט קומען דער הערר, אויף וועלכען זיי ווארטען, גאטעס שליח פון היילינגען בונד, וועלכער דארף ברענגען די בעסערע צייטען. „ווער וועט אבער אריבערטראגען דעם טאג פון זיין קומען, ווער וועט בייסטעהן, בשעת ער וועט זיך בעווייזען? — פרעגט דער נביא — ער וועט זיין, ווי דאס פייער, וואס רייניגט מעטאלען, און ווי דער זייף, וואס וואשט די וועש. ער וועט זיך זעצען רייניגען און לייטערן בעזונדערס די זיהן פון שבט לוי, ער וועט זיי לייטערן, ווי גאלד און ווי זילבער, און דאן ערשט וועלען זיי קאנען ברענגען ריינע קרבנות אין גערעכטיגקייט פאר גאט". דער נביא מלאכי מוסר'ט דאס גאנצע פאלק, אז זיי זאלען נישט אויפהערען צו ברענגען תרומות און מעשרות, צוליעב דעם, וואס עטליכע יחידים האבען געזינדיגט, נאר זיי זאלען ווידער אלץ ברענגען זייערע היילינגע חובות אין די שפייכלערס פון בית־המקדש, ווי נחמיה האט איינגעארדענט. מלאכי בעגרענצט זיך אבער נישט מיט דער נבואה וועגען דער נאהענטער צוקונפט; ווי די פריהערדיגע ערשטע נביאים, זאגט ער נבואה אויך וועגען דער ווייטער צוקונפט, וועגען גאט'ס גרויסען שרעקליכען טאג, ווען דאס פאלק וועט עפענטליך זעהען דעם אונטערשיעד „פון א צדיק ביז א רשע, צווישען דעם, ווער עס דינט גאט, און דעם, ווער עס דינט איהם נישט". איידער דער דאזיגער גרויסער טאג וועט קומען, וועט גאט שיקען זיין נביא אליהו, און ער וועט ווידער שלום מאכען צווישען די טאטעס מיט די זיהן, כדי צו וויסען, ווי אזוי צו פיהרען א פרום לעבען, ערקלערט דער נביא: „געדענקט די תורה פון מיין קנעכט משה, וואס איך האב איהם אנגעזאגט אויפ'ן בארג חורב און געגעבען געזעצען און גערעכטיגקייט". מיט דער דאזיגער צואה האט די נבואה גענומען אבשייד ביי'ם אידישען פאלק. די תורה, וועלכע עזרא האט געלערנט מיט'ן פאלק און איז דורך איהם איבערגעגעבען געווארען א קרייז פון געלעהרטע און פערשטענדיגע לייט, — אט די תורה האט פון איצט אן געדארפט פערנעהמען ביי אידען דעם ארט פון דער נבואה. פון איצט אן ווערט שוין דער לעהרער פון פאלק נישט דער נביא, נאר דער געלעהרטער, דער, ווער עס איז דורכגעדרונגען מיט'ן גייסט פון דער תורה; ער לייענט די תורה פאר די אידען אין אלע זייערע פערזאמלונגען אום שבתים און ימים־טובים, ער גיעט דעם פאלק צו ערקלערען די תורה און ער לערנט אויך דאס פאלק, ווי אזוי צו לעבען אין גערעכטיגקייט. די קריאת־התורה פערנעהמט פון דאמאלס אן ביי אידען דעם זעלבינגען ארט, וואס פריהער די שטראף־רעדעס פון די נביאים.

צי האט נחמיה זיך דערוואוסט אין קעניגליכען הויף אין שושן, ווי שטארק מען גארט נאך זיין קומען אין לאנד יהודה און אין ירושלים,

אָדער ער האָט געהערט, אַז מלאכי האָט נבואה געזאָגט, דאָס ער וועט באַלד ווידער ערשיינען און אויסבעסערן דאָס פֿאָלק, — איידער מען האָט זיך נאָך אַרומגעזעהען, איז ער שוין ווידער ערשיענען אין ירושלים. נחמיה האָט צום צווייטען מאָל בעקומען ביי'ם קעניג אַנ'ערלויבניש, צו געהן צוריק אין זיין גייסטיג פֿאָטערלאַנד, וואו ער האָט ווידער פֿער־בראַכט עטליכע יאָהר (פֿון 500 ביז 495 פֿאַר'ן צווייטען חורבן). און טאַקי באַלד ווי ער איז געקומען, האָט ער אָנגעהויבען צו ווירקען, ווי דער נביא מלאכי האָט געזאָגט, ווי „דאָס פֿייער רייניגט מעטאַל און דער זייף — וועש". ער האָט צוריק אָבגערייניגט דעם ישוב פֿון די נישט־אידישע עלעמענטען; ער האָט דערוויטערט דעם עמוני טוביה פֿון בית־המקדש, וואו עס האָט איינגעאָרדענט פֿאַר איהם אַ וואָהנונג זיין קרוב, דער כהן־גדול אלישיב. אויך דעם לעצטען האָט ער דערוויטערט פֿון זיין שטעלע און האָט ריין־געמאַכט די געביידעס פֿון בית־המקדש פֿון זייטיגע מענשען, אַריינברענגענדיג צוריק אויף זייער אָרט די כלים, וועלכע האָבען געהערט צום בית־המקדש. דערנאָך האָט ער צונויפֿגע־רופֿען אַ גרויסע פֿערזאַמלונג פֿון די שרים און די זקנים און געמאַכט זיי שטרענגע פֿאָרווירפֿע, שטראָפֿענדיג זיי, אַז דורך זייער שולד איז דער בית־המקדש אָבגעלאָזען געוואָרען; די לויים האָבען איהם געמוזט פֿער־לאָזען, ווייל מען האָט אויפֿגעהערט צו ברענגען תרומות און מעשרות און זיי האָבען פֿערלוירען זייער הכנסה. איין איינציגער אויפֿרוף פֿון נחמיה'ן צום פֿאָלק האָט געווירקט: „די גוט־בעזיצער פֿון גאַנצען לאַנד יהודה האָבען ווידער געבראַכט דעם מעשר פֿון קאָרן און פֿון וויין אין די אוצרות פֿון בית המקדש אַריין". די לויים זענען ווידער געקו־מען קיין ירושלים אויף נחמיה'ס איינלאַדונג, וועלכער האָט זיי צוריק איינגעשטעלט אויף זייערע שטעלעס סיי אין בית המקדש גופֿא, סיי אַרום איהם. די לייטזיניגע אָנגעשטעלטע האָט נחמיה דערוויטערט פֿון בית המקדש. דאָס וויכטיגסטע איז געווען פֿאַר נחמיה'ן צו לאָזען שיידען די כהנים און דאָס פֿאָלק פֿון די פֿרעמדע ווייבער, וועלכע זיי האָבען, זינט זיין אַרויספֿאָהרען פֿון ירושלים, ווידער גענומען. דערביי האָט ער זיך צוזאַמענגעשטויסען מיט דער משפּחה פֿון כהן גדול, ווייל מנשה, וועלכער איז געווען אַ זוהן, אָדער אַ נאָהנטער קרוב פֿונ'ם כהן גדול יהוידע, האָט זיך נישט געוואָלט שיידען פֿון זיין פֿרוי ניקאַסאָ, די טאָכטער פֿונ'ם שומרוני סנבלט. נחמיה האָט זיך אָבער פֿעסט גע־האַלטען ביי זיין פֿאָדערונג און, ווען מנשה האָט זיך פֿער'עקשנ'ט און נישט געוואָלט איהם פֿאָלגען, האָט ער איהם אַרויסגעטריבען פֿון לאַנד יהודה. צוזאַמען מיט מנשה'ן האָט נחמיה אויך פֿערטריבען פֿון לאַנד יהודה פֿיעל כהנים און ישראלים, וועלכע האָבען זיך נישט געוואָלט שיידען פֿון זייערע פֿרעמדע פֿרויען.

נאָכדעם, ווי נחמיה האָט אָבגערייניגט דעם בית המקדש פֿון די

שלעכטע עלעמענטען און געמאכט ארדנונג אין ירושלים, איז ער ארויסגעפאהרען און די פראווינץ-שטעדט, צו בעקענען זיך דארט מיט'ן אידישען לעבען און מאכען דארט א סוף מיט די אונארדנונגען, ווי אויך, כדי צו פעראייניגען אידען צוריק מיט דער תורה. אין דער געגענד, וואו אידען האבען געוואוינט אין שכנות'שאפט מיט די עמונים, מואבים, אשדודים און שומרונים, האבען זיי איבעראל זיך מתחתן געווען מיט זייערע שכנים פון די פעלקער און דער סוף דערפון איז געווען, אז די קינדער, וועלכע די פרעמדע פרויען האבען זיי געבוירען, האבען א העלפט פון זיי קיין ווארט אידיש אפילו נישט געקאנט רעדען,
בען א העלפט פון זיי קיין ווארט אידיש אפילו נישט געקאנט רעדען,
און זיי פלעגען רעדען נאר אשדודית, ווי זייערע מוטערס. די דאזיגע פערפרעמדונג פון אידישע קינדער פון אידישען פאלק האט בעזונדערס שטארק דערוועקט נחמיה'ס צארן און וועהטאג; ער האט זיך שטארק געקריגט מיט די עלטערען, געשאלטען זיי און פיעל פון זיי געלאזט הארט בעשטראפען. דורך אזעלכע שטרענגע מיטלען איז עם געלונגען נחמיה'ן ווידער צו צווינגען דאס פאלק צו לאזען זיך שיידען פון די פרעמדע פרויען און צו ערהאלטען די אייגענע העבראישע פאלקס-שפראך ביי'ם יונגען דור.

נחמיה האט אויך צוריק איינגעפיהרט דאס שטרענגע אבהיטען שבת, וועלכע אידען האבען דאמאלס אבגעהיט זעהר שוואך. די תורה האט אפילו פערבאטען, נישט צו ארבייטען אום שבת און מען האט עם געהיט, אבער דאס פאלק, בעזונדערס אויף דער פראווינץ און אויפ'ן לאנד, האט גארנישט געוואוסט, וואס פאר א'ארבייט מען מיינט דערביי, ווייל אין דער תורה איז עם נישט אויסגערעכענט געווארען, און דעריבער פלעגען זיי ארבייטען אין די קעלטערס און מאכען ווין, פיהרען תבואה פון פעלד, בעלאדען זייערע עזלען און אקסען מיט טרויבען און פייגען, וועלכע זיי פלעגען אום שבת פיהרען קיין ירושלים צו פערקויפען אויפ'ן מארק. ווי נאר נחמיה האט דאס בעמערקט, האט ער צוזאמענגערופען די אידישע פויערען, וועלכע זענען געקומען אויפ'ן מארק און געגעבען זיי צו ערקלערען, אז זיי בעגעהן דערמיט א פערברעכען, דען זיי היטען נישט אב קיין שבת. דערביי האט ער זיי געגעבען צו ערקלערען אלע דינים, וואס זענען נוגע צו שבת, און די אידישע פויערען האבען איהם באלד אלע געפאלגט. א שווערערע אויפגאבע האט נחמיה געהאט מיט די איינוואהנער פון ירושלים, וועלכע זענען געווען גרויסע עקשנים, און האבען איהם נישט געוואלט פאלגען אבצוהיטען דעם שבת, ווי ער האט געפאדערט. די סוחרים פון צור, וואס האבען אין ירושלים געוואהנט, פלעגען ברענגען שבת צום מארקטאג איבער'ן ים פרישע פיש און אלערליי אנדערע סחורות, און די אידען פלעגען ביי זיי קויפען, און ווען נחמיה האט דאס פערבאטען, ער-

קלערענדיג, אַז זיי זענען דאָדורך מחלל שבת, האָט מען זיך אָבגעזאָגט איהם צו פֿאָלגען. דאַן האָט נחמיה בעפֿויהלען, אַז מען זאָל אַלע פֿרייטאָג פֿאַר נאַכֿט שליסען די טהויערען פֿון שטאָדט און האַלטען זיי געשלאָסען ביז שבת צונאַכֿט און נישט אַריינלאָזען איבער שבת קיין הענדלער אין שטאָדט אַריין. פֿיעל איז נחמיה'ן אויסגעקומען צו קאָמפּפֿען מיט די „פּריצים" פֿון יהודה, איידער ער האָט זיין בעשלוס דורכגעפֿיהרט; ער האָט געמוזט דערביי אָנווענדען די מאַכֿט פֿון זיינע לייט, וועלכֿע ער האָט געבראַכֿט מיט זיך פֿון פּרס. די פֿרעמדע סוחרים, וועלכֿע האָבען געבראַכֿט אום שבת די סחורות צום מאַרק צו פֿערקויפֿען, האָט נחמיה מיט געוואַלד צעיאָגט און אָנגעזאָגט זיי, אַז אויב זיי וועלען זיך דערוועגען ווידער צו קומען אום שבת, וועט ער זיך בעגעהן מיט זיי זעהר שטרענג. פֿון דאַמאָלס אָן האָבען זיי שוין אויפֿגעהערט צו קומען אום שבת, און אין לאַנד יהודה האָט מען אָנגעהויבען אָבהיטען שבת מיט שטרענגער פּינקטליכֿקייט. עזרא מיט נחמיה'ן האָבען געווירקט צוזאַמען האַנד ביי האַנד: עזרא האָט איינגעאָרדענט די דינים און געלערנט זיי מיט'ן פֿאָלק, און נחמיה האָט דורכגעפֿיהרט, אַז מען זאָל די דינים שטרענג אָבהיטען; זיי ביידע האָבען געפֿועלט, אַז צווישען די אידען און די פֿרעמדע פֿעלקער איז אויפֿגעשטעלט געוואָרען אַ פֿעסטע וואַנד, וועלכֿע מען האָט שוין מעהר נישט געקאָנט דורכברעכֿען. יענע אידען, וועלכֿע זענען מיט דער דאָזיגער שטרענגקייט נישט געווען צופֿריעדען, האָבען געמוזט אַרויסטרעטען פֿון דער אידישער געמיינדע און גרינדען פֿאַר זיך אַן אייגענע סעקטע. עס איז גאַנץ מעגליך, אַז נחמיה האָט נאָך אַליין דערלעבט צו זעהן, ווי די דאָזיגע סעקטע איז ענטשטאַנען, און וויל ער האָט אַליין מיטגעווירקט, אַז דאָס זאָל מעגליך ווערען, און מען האָט איהם פֿון פֿערשיעדענע זייטען געמאַכֿט דעריבער פֿאָרווירפֿע, האָט ער עס געהאַלטען פֿאַר נויטיג, צו פֿערענטפֿערען זיך און אָנווייזען, אַז זיין כונה איז געווען נאָר, צו פֿערשטאַרקען ביי אידען די רעליגיע און דעם נאַציאָנאַלען פֿערבאַנד: „דערמאָן דאָס מיר, מיין גאָט, צו גוטען און פֿערניכֿט נישט מיינע חסדים, וואָס איך האָב געטהון אין הויז פֿון מיין גאָט און אין זיינע אָרדנונגען, אַז זיי זאָלען קאָנען אָבגעהאַלטען ווערען אין זיכֿערהייט".— אָט אַזוי ענדיגט נחמיה זיין ספֿר, וועלכֿען ער האָט געשריבען אויף דער עלטער, און וואו ער דערצעהלט טיילווייז אין קורצען, טיילווייז באריכות, אַלץ, וואָס ער האָט אויפֿגעטהון אין זיינע ביידע נסיעות קיין ירושלים, צו דערהויבען דעם כבוד פֿון דער תורה, פֿעסט צו האַלטען דעם געזעץ און צו פֿערזיכֿערען די קליינע אידישע מדינה פֿון אָנפֿאַלען, מצד די פֿרעמדע פֿעלקער.

נחמיה'ס נאָמען איז אייביג געבליבען לעבען אין אידישען פֿאָלק, וועלכֿעס איז איהם דאַנקבאַר געווען פֿאַר זיינע גרויסע מעשים. נחמיה

און עזרא זענען געווען די גרויסע שעפּפער פון א נייער גייסטיגער שטרעמונג ביי אידען, וועלכע האט פון איצט־אן בעקומען א שטארקע קראפט. פאר אלע תקנות און אלע געזעצען, וואס די דאזיגע ביידע מנהיגים האבען איינגעפיהרט ביי אידען, האבען די שפּעטערדיגע דורות זיי אנערקענט פאר די בעגייסטער פונ׳ם אידישען גייסט.

בכלל האבען אידען געלעבט אין יענער צייט גאנץ רוהיג סיי אין ארץ ישראל, סיי אין אלע מדינות פון דער מלוכה פון מדי און פרס. — נאר איין געשעהעניש איז דאמאלס פארגעקומען, וועלכעס האט שיער נישט געבראכט א פערדערבען דעם גאנצען אידישען פאלק. דאס איז געווען, ווען דער קעניג אחשורוש, אדער קסרקסש, דער זוהן פון דריוש דעם ערשטען, האט דערהויבען זיין שר המן, און יענער האט איהם אנגערעדט, צו לאזען אויס׳הרג׳ענען אלע אידען אין אלע מדינות פון זיין מלוכה. געהאלפען האבען דאמאלס אידען מרדכי און אסתר, וועלכע האבען געפועלט ביי׳ם קעניג, אז מען זאל די גזירה מבטל מא־כען. אידען פייערען נאך עד היום דעם יום־טוב פורים, אלס אנדענקען פון דער דאזיגער געשעהעניש.

דריטעס קאפּיטעל.

די צייט פון די סופרים. די ערשטע דורות נאך נחמיה׳ן.

(פון 490 ביז 402 פאר׳ן צווייטען חורבן, אדער פון 420 ביז 232 פאר דער געוועהנליכער צייט־רעכנונג).

.ער האט, וועלכער שטאמט פון ליעבע, איז שטארקער און לייד־דענשאפטליכער, ווי דער, וואס שטאמט פון קנאה, אדער פון א נא־טירליכער אנטיפאטיע. סנבלט מיט זיינע חברים, די שומרונים, און די איבריגע פרעמדע פעלקער האבען באמת געוואלט זיך פעראייניגען פון אנפאנג מיט אידען און מיט זייער גאט, וואס רוהט אין ציון, כדי אויפגענומען צו ווערען אין דער אידישער געמיינדע. די העפטיגקייט, מיט וועלכער זיי זענען ארויסגעטראטען געגען נחמיה, וועלכער האט בעפעסטיגט די אידישע מדינה, אז זי זאל נישט צעפאלען ווערען אינ־גאנצען, איז געווען, אייגענטליך, א שטומע ערקלערונג פון ערגעבענ־הייט און איניגער ליעבשאפט; דאס זענען געווען שלעכטע שריט, וועל־כע זענען געמאכט געווארען מיט א גוטער כונה, צו צווינגען דעם געג־נער צו פעראייניגען זיך און ווערען גוטע פריינד. אבער וויל מען האט די פרעמדע אלץ מעהר אבגעשטויסען, זענען זיי געווארען ערבייטער־טע שונאים פון אידען. מיט׳ן מתחתן זיין זיך מיט דער משפחה פון

כהן גדול, האָט סנבלט געמיינט, אַז ער איז שוין נעהענטער בײַ זיין ציעל, און אינגיכען װעלען שוין די שומרונים אריינגענומען װערען אין דער אידישער געזעלשאַפט. װען אָבער ער האָט דערזעהן, אַז מען האָט אפילו אויך דעם כהן מנשה פערטריעבען פון לאַנד יהודה, נאָר דערפאַר, װאָס ער האָט געהייראַטעט מיט זיין טאָכטער, דאַן איז די מאָס פון סנבלט׳ס שנאה פול געװאָרען, און ער האָט אונטערגענומען אַ פּלאַן אונטערצוגראָבען דעם פונדאַמענט פון דער אידישער מדינה מיט דער הילף פון די אידען גופא. פון לאַנד יהודה האָט נחמיה ארויסגע־טריבען פיעל ישראלים און כהנים, דערפאַר, װאָס זיי האָבען נישט גע־װאָלט זיך שיידען פון די פרעמדע װייבער, װאָס זיי האָבען גענומען. צי איז אַלזאָ אפשר נישט אַ פּלאַן צו בויען אַ צװייטען בית המקדש טאַקי פאַר׳ן זעלביגען גאָט, פון װעלכען זיי זענען פערשטויסען געװאָרען? דער דאָזיגער בית המקדש האָט געקאָנט פיהרען אַ קאָנקורענץ מיט׳ן בית המקדש פון ירושלים, דען ישראלים און כהנים האָט מען דאָך אויך גענוג, און מען װעט דאָך קאָנען אויפבויען דעם אנדערען בית המקדש לויט אַלע דינים פון דער תורה, פונקט װי דער, װאָס שטעהט אויף׳ן באַרג ציון. סנבלט׳ס איידעם, מנשה, האָט דאָרט געקאָנט זיין אַ כהן גדול, און די איבריגע פערטריעבענע כהנים האָבען געקאָנט איהם שטעהען צו הילף. אינ׳ם דאָזיגען פּלאַן האָט סנבלט געפונען אַלץ װאָס ער פערלאַנגט: ער פעראייניגט זיך מיט׳ן גאָט פון ישראל און ער װעט נאָך אַליין דערצו שטעהן אין שפּיץ פון אַ גוט איינגעאָרדענטער אידישער געמיינדע. דעם דאָזיגען פּלאַן האָט סנבלט פערװירקליכט.

אויפ׳ן שפּיץ פון פרוכטבאַרען באַרג גריזים, װאָס געפינט זיך נע־בען שכם אין רעכטען צענטר פון ארץ־ישראל, האָט סנבלט אויסגעבויט זיין מקדש, װי עס שיינט, שוין נאָכ׳ן טויט פון ארתחשסתא (490 פאַר׳ן צװייטען חורבן). דעם אָרט האָבען, װי עס שיינט, אויסגעקליבען די פער־טריבענע כהנים פון ירושלים, װייל זיי האָבען געװאוסט פון דער משנת תורה, אַז אויפ׳ן באַרג גריזים דאַרפען כהנים בענשען דאָס פאָלק, װאָס היט אָב די תורה. דערפאַר האָבען די שומרונים טאַקי אויך אַ נאָמען גע־געבען דעם באַרג גריזים: דער „ברכה באַרג“, און מיט דעם נאָמען רופען זיי איהם נאָך עד היום, כדי אַנצוװייזען דערמיט, אַז פונ׳ם באַרג גריזים לאָזט זיך אַראָב די ברכה אויף דער װעלט, און נישט פון באַרג מוריה. אפילו די שטאָדט שכם גופא האָבען זיי אויך אַ נאָמען געגעבען „מברכתא“, װאָס הייסט: „אַ בענשונג“. װייטער האָט סנבלט, אָדער אפשר די כהנים פונ׳ם נייעם מקדש, ערקלערט, אַז די שומרונים שטאַ־מען כלל נישט פון יענע פרעמדע פעלקער, װאָס דער קעניג פון אשור האָט בעזעצט אין שומרון, נאָכדעם, װי ער האָט פערטריעבען די עשרת השבטים, נאָר דאָס זענען די אַמאָליגע אידען, װעלכע שטאַ־מען פון שבט אפרים. דאַדורך האָט סנבלט געװאָלט דערהויבען דעם

יחום פון זיין פאלק אין דערוויזען, אז זיי נויטיגען זיך כלל נישט אין די אידען פון לאנד יהודה. עס איז טאקי גאנץ מעגליך אויך, דאס צווישען די שומרונים האבען זיך געפונען נישט וועניג אידען פון די עשרת השבטים, דען נישט דאס גאנצע פאלק האט דאך דער מלך אשור געקאנט פערטרייבען, און אידען זענען אין לאנד געוויס געבליבען אויך נאכ'ן גלות פון אשור, אבער אז אלע שומרונים ארום סנבלט האבען געוואלט זיין נישט כותים, נאר אידען פון שבט יוסף, אדער פון אפרים, דאס איז געווען איינע פון יענע פאלשע המצאות, וועלכע איר בעררשען אפילו אויך די, וועלכע גלויבען אין זיי נישט. די געמישטע שפראך פון די שומרונים, וועלכע איז בעשטאנען פון ארמית און די שפראכען פון אנדערע ארומיגע פעלקער, א זשארגאן, וואס איז שווער אפילו צו בעווייזען פון וואנען ער קומט ארויס,— אט די שפראך האט אמבעסטען בעוויזען, אז די שומרונים שטאמען פון פערשידענע פעלקער און נישט פון אידען, האטש עס איז שווער צו בעווייזען, פון וועלכע פעלקער, אייגענטליך, זיי האבען געשטאמט.

סנבלט'ס אויפטהועכץ איז פאר די שומרונים געווען זעהר א געלונגענע. איצט האבען זיי שוין געהאט אנ'אייגענעם מקדש, געבויט, פינקט, ווי דער אידישער, און דארט האבען זיי זיך געקאנט פערזאמלען שבת און יום-טוב; זיי האבען אויך געהאט כהנים, וואס האבען געשטאמט פון אהרנ'ס הויז, און האבען אין זייער מקדש דעם דיענסט געהאלטען. דעם בארג גריזים האבען זיי געשטעלט העכער פאר'ן בארג מוריה, אנווייזענדיג פון די פסוקים אין משנה-תורה, אז גאט אליין האט בעשטימט דעם בארג גריזים פאר א הייליגען ארט, דען פון דארט האט זיך געדארפט לאזען הערען די ברכה פאר'ן אידישען פאלק. זיך האבען די כותים א נאמען געגעבען „בני ישראל", וויל זיי האבען געטענ'עט, דאס זיי שטאמען פון די עשרת השבטים. סנבלט און זיינע נאכפאלגער האבען פונדעסטוועגען דערביי נישט פערגעסען, צו בעמיהען זיך ארייבצוברענגען אין זיין סביבה וואס מעהר אידען פון לאנד יהודה. די אידען, וועלכע זענען צו זיי אריבערגעגאנגען, האבען זיי איינגעטיילט לאנד און געשטיצט זיי אין אלע זייערע בעדערפענישען. אין שומרון זענען דעריבער די שטעדט געווארען א מין „ערי מקלט" פאר יהודה: אלע פערברעכער פון לאנד יהודה, וועלכע האבען געוואלט אויסמיידען די פערדיענטע בעשטראפונג, פלעגען אנטלויפען קיין שומרון, וואו מען פלעגט זיי אויפנעהמען מיט אפענע ארעמ'ס. אויף אזא אופן איז אויסגעוואקסען א ניַיע האלב-אידישע סעקטע, וואס האט זיך געלעבט אויף דעם לאנד פון די עשרת השבטים, ווי א בעזונדערע מדינה — די שומרונים אין לאנד שומרון מיט צוויי הויפט-שטעדט שכם און שומרון. פון דער דאזיגער סעקטע איז מיט דער צייט אויסגעוואקסען א קליין פאלק, זעהר א פעהיגעם, א ריהרעווד-

דיגעס, וואס האלט זיך זעהר שטארק אין זיין אמונה, און איז דערצו טאלענטירט און ענערגיש, פונקט ווי סנבלט וואלט אינ'ם דאזיגען פאלק זיין גייסט אריינגעגאסען. דאס דאזיגע פאלק איז אויף א וואונדערליכען אופן גאנץ געבליבען אין די פערשיעדענסטע שווערע צייטען, נישט־קוקענדיג אויף די גרויסע געשעהענישען, וואס זענען פארגעקומען איבעראל אין לאנד און אויף דער גאנצער וועלט, און נאך עד היום איז געבליבען ארום שכם זייערע א קליינע געמיינדע. דאס אויפוואקסען פונ'ם נייעם שומרונ'ישען פאלק איז אייגענטליך געווען א נצחון פאר דער אידישער תורה און קולטור; א פאלק, וואס איז בעשטאנען פון אזעלכע פערשיעדענע עלעמענטען, אנ'ערב רב פון פערשיעדענע פעלקער, האט זיך דערשפירט אזוי שטארק צוגעצויגען צו אידען און צו דער אידישער תורה, אז עס האט זי געמאכט צום פונדאמענט פון זיין לעבען און, נישט־קוקענדיג אויף אלערליי אונגליקען און שלעכטע צייטען, האט עס זיך געהאלטען פעסט ביי איהר און געבליבען איהר געטריי. די תורה, וועלכע עס האבען געבראכט צו זיי די כהנים, וואס נחמיה האט פערטריבען פון ירושלים, משה'ס תורה, האבען זיי געהאלטען טייער און אבגעהיט אלע איהרע געזעצען נאך ביז היינטיגען טאג אויך אזוי הייליג, ווי די אידען טהוען דאס, און האבען אויך איינגעארדענט לויט דער תורה זייער רעליגיעזען און בירגערליכען לעבען. אבער נישט־קוקענדיג דארויף, האט דאס אידישע פאלק אין לאנד יהודה ווייניג נחת געהאט פון די נייע אנהענגער פון דער אידישער תורה. די דאזיגע ערשטע אידישע סעקטע האט פערשאפען אידען אזוי פיעל יסורים, ווי די שפעטיגערע רעליגיע, וואס האט זיך אויך ענטוויקעלט פון דער אידישער. די שומרונים זענען א לאנגע צייט געווען נישט בלויז די פערביטערסטע אידישע שונאים, זיי האבען גאר פשוט ענטזאגט אידען דאס רעכט צו עקזיסטירען און צו טראגען דעם נאמען פון א אידיש פאלק, דען זיי האבען גע'טענ'עט, אז נאר זיי אליין שטאמען פון די בני ישראל ארוים, דער בית המקדש אין ירושלים האט נישט אזא קדושה, ווי זייער מקדש אויפ'ן בארג גריזים און אלץ, וואס אידען האבען בעשאפען אין די לעצטע יאהרען, האבען די שומרונים אנגערופען א פעלשונג פון דער אלט־ישראל'שער קולטור און תורה. אמת, זיי האבען אליין שטענדיג בעאבאכטעט מיט אפענע אויגען אלץ, וואס עס קומט פאר אין לאנד יהודה, כדי באלד נאכצוטהון דאס, נאר אויב עס וואלט געווען אין זייער מאכט, וואלטען זיי פערניכטעט דאס גאנצע אידישע פאלק, האטש זיי האבען איהם געהאט צו פערדאנקען זייער תורה און זייער קולטור. די אידען פון זייער זייט האבען אויך געצאהלט די שומרונים מיט'ן זעלביגען האס און האבען זיי גערופען: „דאס אויסגעלאסענע פאלק פון שכם“. עס האט איצט ווידער אויפגעלעבט די אלטע שנאה צווישען ירושלים און

שומרון, וועלכע האט געהערשט בשעת עס האט נאך עקזיסטירט די מלוכה פון די עשרת השבטים. נאר איצט איז שוין דאס געווען נישט קיין פאליטישע פיינדשאפט, נאר א רעליגיעזע; דאדורך איז אבער די פיינדשאפט געווארען נאך ליידענשאפטליכער און שטארקער.

א געוויסען נוצען האבען אבער אידען יא געהאט פון'ם פאקט, וואס איז אויסגעוואקסען די נייע שומרונ'ישע סעקטע: זי האט זיי געדיענט פאר א גוטען ווערק. די דעות און מיינונגען, וועלכע זענען ארויסגעזאגט געווארען צווישען די שומרונים וועגען דער אידישער תורה און דעם אידישען גאט, זענען געווען אזוי צווידער דעם אידישען פאלקס-גייסט און זיין חאראקטער, אז דאס האט געטריבען אידען טיפער נאכדענקען וועגען זייער אייגענעם מהות און וועגען דער תורה. די שומרונים האבען אויף א נישט-דירעקטען אופן געהאלפען אידען צו ארבייטען אויף זייער דערקענען זיך זעלבסט. דאדורך האט זיך אבער אנגעהויבען צו ענטוויקלען און צו וואקסען די אידישע קולטור, דאס ריינע אידענטום. די ערשטע וויכטיגסטע פראגע, וואס אידען האבען זיך דאן געשטעלט, איז געווען: וואס איז דער עצם פון דער זאך, וואס מאכט אידען אזוי פערשיעדען נישט בלויז פון די געצענדיענערישע פעלקער, נאר אפילו אויך פון זייערע נאהענטע שכנים, וועלכע דיענען צום זעלביגען גאט, ווי זיי, און לערנען די זעלביגע תורה? אט ערשט איז פאר אידען קלאר געווארען, אז און זיי לעבט עפעס א בעזונדערע אייגענשאפט, א נאטירליכע קראפט, וועלכע העלפט זיי בעטראכטען זאכען און געשעהענישען, געזעץ און רעכט, גאטהייט און אייביגקייט אויף א בעזונדערען אייגענארטיגען אופן, און אט די דאזיגע בעזונדערע אידישע אייגענשאפטען, אדער דער בעגריף וועגען „יודענטום", האט צום ערשטען מאל זיך דאן דערוועקט אין דער בעוואוסטזיניגקייט פון אידישען פאלק. „יודענטום" (יהדות) האט מעהר נישט געדארפט בעדייטען א נאציאנאליטעט, נאר א רעליגיע. דער נאמען „יהודי" האט שוין מעהר נישט בעדייטעט, ווי פריהער, „א מענש פון שבט יהודה", נאר א מענש, וואס האלט דעם „דת משה ויהודית", דאס הייסט, די אידישע תורה, אלץ איינס, צי ער שטאמט פון שבט יהודה, בנימין, אדער ער איז א כהן אדער א לוי.

דער ערשטער יסוד פון אידענטום, אדער פון'ם „דת משה ויהודית", איז אנצוערקענען, אז עס איז פארהאן נאר איין גאט, וועלכער האט בעשאפען דעם הימעל און די ערד און אלץ, וואס געפינט זיך אויף זיי און אין זיי. גאט געוועלטיגט איבער דער גאנצער נאטור און ער האט אויסערוועהלט דאס אידישע פאלק, צו זיין איהם א קנעכט און איבערנעהמען אלע זיינע געזעצען.

דער צווייטער יסוד, וועלכער איז אויך אזוי וויכטיג, ווי דער ערשטער, איז, אז גאט אליין האט זיך ענטפלעקט צום אידישען פאלק

און געגעבען איהם די תורה דורך משה'ן. ווי גרויס עס איז פריהער געוועזען די גלייכגילטיגקייט פון אידען צו דער תורה, אלס צום הויפט־ספר פון דער אידישער רעליגיע, אזוי שטארק איז איצט אויסגעוואקסען איהר פערעהרונג ביי אידען, איהר גרויסקייט אין די אויגען פון אידישען פאלק נאך עזרא און נחמיה. מען האט איצט פערעהרט די תורה די העכסטע לויב־געזאנגען. עס פערשטעהט זיך פון זעלבסט, אז פאעזיע, וועלכע האט דאמאלס נאך געבליהט, האט געזונגען פאר דער תורה די העכסטע לויב־געזאנגען. עס פערשטעהט זיך פון זעלבסט, אז די תורה איז דעריבער אויך געווארען דאס גרונד־געזעץ פאר דער נייער קליינער מלוכה, פאר דער אידישער מדינה. און אלע וויכטיגע ענינים, און אלע נייע געזעצען, וואס מען האט געדארפט ארויסגעבען, האט מען די ערשטע זאך געשטעלט די פראגע, צי איז דאס, לויט ווי עס שטעהט געשריבען אין דער תורה, אדער נישט. — די קנעכטשאפט פאר א אידען האט שוין דאמאלס אויפגעהערט צווישען אידען אינגאנצען, ווייל מען האט אבגעהיט דעם דין פון דער תורה, אז א איד טאר נישט זיין קיין קנעכט. אויב א איד האט שוין אין דער נויט זיך געוואלט פערקויפען פאר א קנעכט, האט איהם קיינער נישט געקויפט; דעריבער איז אויך בטל געווארען דאס יובל־יאהר, וועלכעס איז בעשטימט געוועזען בעזונדערס אויף פריי צו לאזען די קנעכט; *) איצט איז אבער דאס ממילא געוועזען איבריג, ווייל קיין אידישע קנעכט זענען שוין נישט געוועזען. דאגעגען האט מען שטרענג אבגעהיט דאס שמיטה־יאהר פאר פעלדער און פערזאַנגען: מען האט נישט בעארבייט אין זיבעטען יאהר די פעלדער און אלע פריוואטע חובות זענען בטל געווארען. ווי עס שיינט, האבען שוין פריהער געפועל'ט די אידישע שרים אין פערסישען קעניגליכען הויף, אז מען זאל אין דעם שמיטה־יאהר נישט פאדערען ביי אידען קיין אבצאהלונגען פון דעם תבואה־שנייט און פון די הכנסות פון די גערטנער. אט אזוי האט מען עס רעגולירט דאס אידישע עפענטליכע לעבען, לויט די געזעצען פון דער תורה. בעזונדערס גענוי האט מען איינגעארדענט דעם ענין פון צ ד ק ה, דאס שטיצען ארעמע לייט; לויט ווי עס ווערט דערמאהנט אין דער משנה תורה: „קיין ארעמאן וועט אין לאנד קיינמאל נישט פעהלען, דעריבער זאלסטו נישט פערמאכען דיין האנד פאר'ן ארעמאן". דאס געבען צדקה איז געווארען ביי אידען איינע פון די גרעסטע

*) דאס אבגעבען אין יובל־יאהר צוריק די געקויפטע ערד האט ביי'ם צווייטען בית־המקדש זיך שוין נישט נוהג געוועזען, ווייל נאכ'ן גלות־בבל איז דער באדען שוין נישט געוועזען איינגעטיילט לויט די שבטים, ווי פריהער. עס איז אויך פאראן א דעה, אז די יובלות זענען בטל געווארען נאך פיעל פריהער — באלד נאכדעם, ווי עס זענען פערטריבען געווארען די דריטהאלבען שבטים פון יענער זייט ירדן: ראובן גד און האלב מנשה.

מצוות. אין יעדער שטאָדט האָט מען אויסגעקליבען „גבאים“ און „ממונים“, וועלכע האָבען געדאַרפֿט בעזאָרגען די אָרעמע לייט מיט אַלעם נויטיגען. די שטראָף־רעדעס פֿון די נביאים און דאָס קלאָגען זיך פֿון די תהלים־זינגער געגען דער האַרטהערציגקייט פֿון די עשירים און זייער בעך ציהונג צום אָרעמאַן האָבען שוין איצט נישט געברויכט איבערגעחזר׳ט צו ווערען, ווייל דאָס אידישע האַרץ האָט זיך וואַרעם אָבגעגעבען מיט׳ן אָרעמאַן. דערין האָט זיך אַמבעסטען אַרויסגעוויזען, ווי ריכטיג עס זענען געווען דעם נביא׳ס ווערטער: „איך וועל דיר געבען אַ האַרץ פֿון פֿלייש, אַנשטאָט אַ האַרץ פֿון שטיין“. פֿון איצט אָן איז דאָס ר ח מ נ ו ת געוואָרען איינע פֿון די הויפּט־אייגענשאַפֿטען פֿון אידישען חאַראַקטער.

די יוסטיץ האָט מען איינגעאָרדענט אויפֿ׳ן פֿאָלקסמעסטען אופֿן, אַזוי אַז זי האָט געקאָנט דיענען פֿאַר אַ מוסטער פֿאַר אַלע פֿעלקער פֿון דער וועלט מיט איהר געוויסענהאַפֿטיגקייט און גערעכטיגקייט. די פֿאָלקאָמע גלייכהייט פֿון אַלע איינוואָהנער פֿון לאַנד איז געווען אַזאַ זעלבסטפֿערשטענדליכע זאַך, אַז מען האָט עס אפילו נישט געברויכט בעזונדערס צו בעטאָנען. צוויי מאָל אין דער וואָך זענען פֿאָרגעקומען עפֿענטליכע זיצונגען פֿון געריכט (פֿון אַ „בית־דין“) אין אַלע גרעסערע אידישע שטעדט, געוועהנליך: מאָנטאַג און דאָנערשטאַג. פֿאַרוואָס האָט מען בעשטימט דוקא די טעג און נישט קיין אַנדערע, איז שווער איצט צו זאָגען; מעגליך, אַז אין די טעג פֿלעגען שוין פֿון פֿריהער פֿאָרקומען מערק און פֿון די דערפֿער און קלענערע ישובים פֿלעגט מען ברענגען אין די טעג אַלערליי סחורות צו פֿערקויפֿען; מעגליך, אַז עס איז אפשר געווען אויך אַן אַנדער מאָטיוו דערצו.

נאָכדעם אָבער, ווי די גייסטיגע מנהיגים האָבען בעשלאָסען, אַז אַלין דאַרף זיך פֿיהרען, לויט ווי די תורה האָט געבאָטען, סיי אינ׳ם פּאָליטישען לעבען פֿון דער מדינה, סיי אין עקאָנאָמישען און מאָראַלישען לעבען פֿון די קהלות, סיי אויך אין די פּריוואַטע בעציהונגען צווישען די איינוואָהנער, האָבען זיי שוין ממילא געמוזט אויך טראַכטען וועגען איינאָרדנען אַ העכערע געריכטליכע אינסטיטוציע, אָדער אַ „בית דין הגדול“, וועלכער זאָל דאַרפֿען ערקלערען די געזעצען פֿון דער תורה, ווי אויך האָבען דאָס רעכט אַרויסצוגעבען געזעצען און דינים, מתקן צו זיין תקנות, וועלכע זענען נויטיג פֿאַר דער נאַציאָן איצט אָדער שפּעטער. די משנה תורה ערקלערט בפירוש, אַז מען איז מחויב צו בעשטימען אַזאַ הויכע געריכטס־אינסטיטוציע אינ׳ם „ערוועהלטען אָרט, וואו גאָט וועט מאַכען רוהען זיין נאָמען“. דער דאָזיגער הויכער בית־דין דאַרף האָבען דאָס רעכט צו ערקלערען אַלע ספקות אין געזעץ פֿון דער תורה, ער האָט אויך דאָס העכסטע רעכט צו משפּט׳ן דאָס פֿאָלק און צו לערנען איהם, און איהם מוז מען פֿאָלגען; „קיינער האָט נישט דאָס רעכט אָבצוווענדען זיך רעכטס אָדער לינקס פֿון זיינע ערקלערונגען“. די „סופֿרים“, וועלכע האָבען גע־

לעבּט אין דער ערשטער צייט נאָך נחמיה׳ן און זענען געווען די גייסטיגע מנהיגים פֿון אידישען פֿאָלק, זענען געווען איינגאַנצען דורכגעדרונגען מיט׳ן גייסט פֿון דער תורה, און אַט זיי האָבען עם געווים געהאַלטען פֿאַר זייער היילינגע פּפליכט איינצואָרדנען אַזאַ „בית דין הגדול“. פֿון וויפֿיעל מיטגליעדער האָט דער בית־דין געדאַרפֿט בעשטעהן? דערויף האָט מען געפֿונען אַן׳אָנווייזונג אין דער תורה. משה האָט זיך אויסדערוועהלט זיבעציג „זקנים“, וועלכע האָבען געדאַרפֿט מיט איהם צוזאַמען „טראָגען די משא פֿון די פֿאָלקס־ענינים“. די זקנים זענען געווען די פֿערטרעטער פֿון די זיבעציג הויפּט־משפּחות, וועלכע זענען אַריינגעקומען אין מצרים. מען האָט אַלזאָ איצט דעם „בית־דין הגדול“ אויך געדאַרפֿט גרינדען פֿון זיע־בעציג פּערזאָן, אָדער „זקנים“. די דאָזיגע אינסטיטוציע, וועלכע מען האָט שפּעטער אָנגערופֿען „סנהדרין“, האָט געדויערט די גאַנצע צייט פֿון צווייטען בית־המקדש; זי האָט אָבגעהיט דאָס אידישע געזעץ און אין געוויסע צייטען האָט זי דערגרייכט אַ גאַנץ גרויסע בעדייטונג. עס איז קיין ספק נישט, אַז די הויכע געריכטס־אינסטיטוציע איז געגרינדעט געוואָרען אין דער איצטיגער עפּאָכע, דאָס הייסט, אין דעם ערשטען דור נאָך נחמיה׳ן. פֿון דער גרויסער פֿערזאַמלונג, וועלכע נחמיה האָט צוזאַמענגערופֿען נאָר איין מאָל, כּדי אָנצוטרויען איהר די פּפליכט אָבצוהיטען די גאַנצקייט פֿונ׳ם „בונד“, וועלכען מען האָט דאַמאָלס געשלאָסען און פֿייערליך אונטער־געשריבען,— פֿון אַט דער פֿערזאַמלונג האָט זיך ענטוויקעלט אַ שטענדי־גער ראַט פֿון זקנים, אָדער לעהרער אין רעליגיעזע, יורידישע און מאָראַ־לישע פֿראַגען. די זיעבציג מיטגליעדער פֿון בית־דין הגדול האָט מען, ווי עס שיינט, אויסגעקליעבען פֿון די פֿערשיעדענסטע משפּחות. דער כּהן גדול, אַלס די ערשטע פּערזאָן אין דער אידישער מדינה אין יהודה, האָט, ווי עס שיינט, געמוזט שטעהן אין שפּיץ פֿונ׳ם גרויסען בית־דין און זיין אין איהם פֿאָרזיצענדער. איהם האָט די פּערסישע מאַכט אויך אָנגעטרויט די הנהגה פֿון דער אידישער מדינה. ער האָט געהאַט אַ געוויסע פּאָליטישע בעדייטונג, און אַט דעריבער האָט מען פֿערגרעסערט די צאָהל פֿון דעם הויכען בית־דין מיט איין פּערזאָן, און ער איז בעשטאַנען פֿון איין און זיעבעציג פּערזאָן. די דאָזיגע צאָהל איז שוין געבליעבען אויף שטענדיג. דער פֿאָרזיצענדער פֿון בית־דין האָט געהייסען „דער פֿאַטער פֿון געריכט“, אָדער „אַב בית־דין“. די מייסטע מיטגליעדער זיינע זענען געווען די גע־לעהרטע אין דער תורה, אָדער ווי מען האָט זיי פֿון דאַמאָלס אָנגעהויבען רופֿען „די סופֿרים“.

ווי נאָר דער נייער „בית־דין הגדול“ איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען, האָט ער אָנגעהויבען אַרבּייטען אין דער ריכטונג פֿון עזרא און נחמיה, כּדי איינצופֿיהרען דאָס אידענטום, אָדער דאָס אידישע געזעץ אין לעבען און מאַכען עס דעם פֿאָלק פֿאַר אַ געוואָהנהייט. דער הויכער בית־דין האָט מתקן געווען פֿיעל נייע תקנות און דאַדורך געגעבען אַ גאַנץ נייעם

כאראקטער דעם אידענטום. אלע פערענדערונגען, וועלכע זענען שפעטער, אין א משך פון צוויי הונדערט יאהר, פארגעקומען אין אידישען לעבען, האבען געשטאמט פון איהם. די נייע תקנות און פעראָרדנונגען, וועלכע שטאמען, לויט דער קבלה, פון עזרא'ן, אדער וועלכע זענען בעוואוסט מיט'ן נאמען די „תקנות פון די סופרים", שטאמען פון'ם הויכען בית־דין, וועלכער האט געלעגט יא פונדאמענט צו א בנין פון א רעליגיע, וואס לעבט נאך איצט אויך אינגאנצען ביי אידען. די ערשטע זאך האט מען איינגעאָרדענט א רעגעלמעסיגע „קריאת התורה": יעדען שבת און יום־טוב דארף מען פארלעזען פאר'ן אידישען עולם א בעזונדערע פרשה פון דער תורה, אבער אויך צוויי מאל אין דער וואך,— מאנטאג און דאנערשטאג, ווען די דארפסלייט פלעגען קומען אין שטאדט אריין פערקויפען זייערע פראָדוקטען, אדער צו משפט'ן זיך, האבען אויך געדארפט געלעזען ווערען אייניגע פסוקים אין דער תורה. אין דער ערשטער צייט פלעגען פארלעזען אין דער תורה נאר די, וועלכע האבען גוט פערשטאנען וואס זיי לייענען. בים־לעכוויז איז עס געווארען א כבוד־זאך, און יעדערער האט געוואלט ארויס־טרעטען אלס א פארלעזער אין דער תורה. אבער כדי יעדערער זאל קאנען לעזען, האט דער כתב פון דער תורה געדארפט זיין אזעלכער, אז אלע זאלען איהם קאנען לעזען. די תורה איז אבער ביז דאמאלס געווען געשריבען אין אן'אלטען העבראישען, אדער פעניקישען, כתב, און נאר די מלומדים האבען איהם פערשטאנען צו לעזען. פאר די אידען פון לאנד פרט איז די תורה, מיט'ן דאזיגען כתב געשריבען, געווען א ספר, וואס איז פער'חת'מעט מיט זיבען חתימות, און אפילו אויך אין ארץ־ישראל האבען זעהר ווייניג געקאנט דעם כתב לעזען.

עס איז דעריבער געווען נויטיג, צו פערבייטען דעם אלטען העבראישען כתב אויף אן'אנדערען, וועלכער איז דאמאלס געווען פערשפרייט אין די לענדער אויף די טייכען עפראט און טיגרים און אלע אידען האבען איהם פערשטאנען צו לייענען. דעם דאזיגען כתב האבען די אידען אין ארץ־ישראל נאך בעסער געקענט לעזען, ווי די אידען אין די גלות־לענדער, און זיי פלעגען איהם געברויכען אין זייער טעגליכער בעדערפעניש. און אט דער כתב איז איינגעפיהרט געווארען צו שרייבען מיט איהם די תורה און די נביאים. צום אונטערשייד פון'ם אלטען העבראישען כתב, האט מען איהם א נאמען געגעבען „כתב אשורית"—דעם אסירישען כתב — ווייל ער האט געשטאמט פון די פראווינצען, וואס האבען א מאל געהערט צו אשור. די שומרונים דאגעגען, נישט וועלענדיג ערפילען די תקנות פון ירושלים'ער בית־דין, האבען איבערגעלאזען ביי זיך דעם אלטען העבראישען כתב אין זייערע ספרי תורה. נאך עד היום שרייבען די שומרונים זייערע ספרי תורה אין דעם אלטען העבראישען כתב, וועלכען קיינער פון זיי קאן אבער נישט לעזען; אפילו זייערע כהנים פערשטעהען עס אויך נישט אלע צו לעזען.

די רעגולערע פארלעזונג פון דער תורה, ווי אויך דער לייכטער כתב, וועלכער מאכט מעגליך פאר אלע אידען צו לעזען די תורה, האט מיטגעווירקט, אז די תורה און די נביאים זאלען שטארק פערשפרייט ווערען צווישען אידען, און דאס פאלק האט אין זיך איינגעזאפט דעם גייסט פון די היילינגע ספרים, ביז עס האט בעקומען א גאנץ אייגענטימליכען כאראקטער. די תורה איז געווארען אן אייגענטום פון פאלק, זיין קודש הקדשים.

נאך א צווייטען אינסטיטוט האט מען געגרינדעט אין יענער צייט: „בתי מדרש“ פאר דערוואקסענע מענשען, אדער יונגע לייט, וואו זיי זאלען קאנען לערנען תורה און ליעב בעקומען איהר. די דאמאלדיגע גייסטיגע מנהיגים פון פאלק, אדער די „אנשי כנסת הגדולה“, האבען געלאזען א גרויסע צוואה פאר די קומענדיגע דורות: „איהר זאלט אויפשטעלען פיעל תלמידים“; זיי האבען געגרינדעט „הייזער אויף צו לערנען תורה“, אדער ווי מען וואלט עס היינט גערופען „וויסענשאפטליכע קלובען“. אזא העכערע שולע האט מען זיכער געגרינדעט אין ירושלים באלד נאך נחמיה'ס טויט. די לעהרער פון דער שולע האט מען גערופען „סופרים“, אדער „חכמים“, די שולער האט מען גערופען „תלמידי חכמים“. די טעטיגקייט פון די סופרים איז געווען א דאפעלטע: זיי האבען ערקלערט די געזעצען פון דער תורה און די מצוות און אזהרות, וועלכע געפינען זיך אין איהר, זיי האבען אבער אויך געדארפט איינארדנען די מצוות און געזעצען אזוי, אז מען זאל זיי קאנען אנווענדען אין לעבען, סיי פאר'ן כלל ישראל, סיי פאר'ן יחיד. אט די ערקלערונג פון דער תורה דורך די סופרים האט געהייסען „מדרש“, אדער „אויסטייטשונג“, און געמאכט האט מען דאס נישט סתם אזוי, ווי איינער האט געוואלט, אדער ווילקירליך, נאר לויט געוויסע כללים, וועלכע מען האט ערהאלטען פון עזרא'ן און פון די נביאים; דאס זענען געווען די בעוואוסטע מדות, לויט וועלכע די תורה ווערט ערקלערט.

פון די דאזיגע ביידע אינסטיטוציעס איז ארויסגעגאנגען די גייסטיגע אויפלעבונג פון אידישען פאלק. דער העכער בית־דין, אדער, ווי מען האט איהם שפעטער גערופען, דער „סנהדרין“, פון וועלכען עס זענען ארויסגעקומען אלע נייע תקנות און די אופנים פון תורה לערנען, האט זיך אבער נישט בעגרענעצט מיט'ן אויסטייטשען די געזעצען פון דער תורה און איינפיהרען זיי אין לעבען, נאר ער האט זיך אויך איינגעארדענט אלס א געזעצגעבערישע אינסטיטוציע, ארויסגעבענדיג אליין נייע געזעצען, וועלכע דארפען רעגולירען דאס רעליגיעזע און מאראלישע לעבען פון פאלק. שוין אין די גאנץ אלטע צייטען האבען די סופרים געלערנט זייערע תלמידים, ווי אויך אנגעזאגט פאר די שפעטערדיגע דורות: „איהר זאלט מאכען א צוים פאר דער תורה“, דאס הייסט: מען זאל צוגעבען נייע תקנות און געזעצען, כדי צו פערהיטען, אז די גרונד־געזעצען פון דער תורה זאלען שטרענג ערפילט ווערען. אויף אזא אופן האט מען אנגעצייכענט די ריכטונג פון דער נייער געזעצגעבונג: זי האט געדארפט פער־

באטיטען פיעל ערלויבטע זאכען, וועלכע האבען א שייכות, אדער זענען ענג־ליך צו די נישט ערלויבטע זאכען, און קאנען דעריבער לייכט פערטוישט ווערען מיט זיי. די דאזיגע טענדענץ, אדער שטרעבונג צו פערהיטען אויף יעדען אופן, אז מען זאל נישט עובר זיין אויף די געזעצען פון דער תורה, אדער ווי מען רופט עס, די „ארומצוימונג פון דער תורה“—דער פיג—האט אין יענער איבערגאנגס־צייט געהאט זעהר א וויכטיגע בעדייטונג און איז געווען א נויטווענדיגע זאך. דאס פאלק איז בכלל נאך דאמאלס געווען גארנישט געלערנט, און אט דאדורך האט מען עס געקאנט גרינג צווינגען אבצוהיטען די מצוות פון דער תורה. פון דעם דאזיגען פרינציפ—איינצופיהרען נייע תקנות און דינים, כדי דאס פאלק זאל נישט עובר זיין אויף די גרונד־געזעצען פון דער תורה, איז ארויסגעקומען א גאנצע ריהע געזעצען, וועלכע שטאמען פון דער צייט פון די סופרים. אזוי, למשל, האט מען דאן פערבאטען חתונה צו האבען מיט אזעלכע קרובים, מיט וועלכע דאס איז, לויט דער תורה, נישט פערבאטען (מיט א באבען, מיט׳ן ווייב פון אנ׳אייניקעל, א. ד. גל). זארגענדיג פאר דער צניעות און צילטיגקייט ביי אידען, האט מען פערבאטען צו זיין צוזאמען און איין זייטיגען צימער מיט אנ׳אשת איש. צוליעב דעם, וואס מען האט אין נחמיה׳ס צייטען זעהר שוואך אבגעהיט שבת, האט מען איינגעפיהרט נייע דינים און תקנות, כדי אז מען זאל אבהיטען שבת זעהר שטרענג: אנהויבען מוז זיך דער שבת אדער דער יום־טוב נאך איידער די זון געהט אונטער ערב שבת און יום־טוב, און די דאזיגע רוהע־טעג ענדיגען זיך ערשט נאך דעם זונען־אונטערגאנג, ווען עס בעווייזען זיך שטערען אויפ׳ן הימעל. מען האט אפילו אויך בעשטימט א ספעציעלען בעאמטען, וועלכער האט געדארפט מודיע זיין דעם פאלק ערב שבת און יום־טוב, ווען מען דארף אויפהערען צו ארבייטען. דער דאזיגער בעאמטער האט געדארפט עטליכע מאל בלאזען אין א שופר, צו געבען דעם צייכען, אז עס הויבט זיך אן דער שבת. וועגען דעם מהות פון דער ארבייט גופא, וואס מען טאר נישט טהון אום שבת, האט מען ארויסגעגעבען פיעל דינים; מען האט אויסגערעכענט ניין און דרייסיג הויפט־מלאכות, ווי למשל: בויען, דרעשען, באקען, קאכען א. א. וו.; אויסער די הויפט־מלאכות האט מען אויך פערבאטען אנדערע זאכען צו טהון, חאטש זיי זענען כלל נישט קיין מלאכה, ווי, למשל, רייטען, שווימען, האנדלען א. ד. גל.; מען האט אפילו אויך פערבאטען אנצורירען זיך אן פיעל זאכען, וועלכע מען בענוצט אויף א מלאכה, וואס מען טאר נישט טהון שבת (מוקצה).

אום שבת און יום־טוב דארף ביי אידען אין שטוב הערשען א געהויבענע שטימונג, א הייליגע; די טרדות און עגמת נפש פון א גאנצע וואך מוזען פערגעסען ווערען. און דעריבער האט מען פעראָרדענט, אז ביי׳ם אנקומען און ביי׳ם אבגאנג פון שבת־קודש, ווי אויך פון יום־טוב, זאל מען דעם טאג הייליגען מיט א ברכה אויף א בעכער ווייך. ביי׳ם אנפאנג שבת

מאַכט מען קדוש, ביי זיין אָבגאַנג — הבדלה; דורך דעם ערשטען היילינט מען שבת און יום־טוב, דורך דעם אנדערען שיידעט מען איהם אָב פֿון דער אַרבייטס־צייט. דורך די דאָזיגע בעשטימונגען, וועלכֿע זענען נישט גע־בליעבען קיין טויטע בוכשטאַבען, נאָר אַלע אידען פֿלעגען עס היילינ אָב־היטען, האָט דער שבת בעקומען זיין היילינען כאַראַקטער, זיין צניעות'דינ אויסזעהען און זיין אמת'ע רוהינקייט, וועלכֿע האָט איהם געמאַכֿט פֿאַר אַ היילינע מתנה פֿאַר אידען. אויך דער ערשטער אָווענד פֿון פסח האָט אין דער צייט פֿון די סופרים בעקומען אַ בעזונדער הויכֿע בעדייטונג. עס איז געווען אַ תקנה, אָדער אַ מנהג, אַז יעדער איד, אפילו דער גרעסטער אָרעמאַן, מוז האָבען ווין אויף ארבע כוסות. דעם, ווער ס'האָט נישט געקאָנט אליין בעוויזען דאָס צו קויפֿען, האָט מען געגעבען געלד דערויף פֿון דער קהל'שער קאַסע, פֿון צדקה, כדי ער זאָל „דער־פֿרייען זיין הארץ מיט'ן בעכֿער ווין". היימיש און פֿריינדליך גע־שטימט זענען געזעסען אלע מיטגליעדער פֿון דער משפחה מיט זייערע פֿריינד אַרום דעם פסח־טיש דעם ערשטען אָווענד פֿון יום־טוב. אין דערביי האָט מען נישט געדאַרפֿט זיך אָנעסען און אָנזויפֿען, מאַכֿען אַ רייכֿען און אַ פֿעטען מאָהלצייט, נאָר דערצעהלען זיך די וואונדערליכֿע געשיכֿטען פֿון יציאת מצרים און זינגען הלל און אַנדערע לויב־ליעדער פֿאַר גאָט פֿון די אָבות, וועלכֿער האָט מיט'ן אידישען פֿאָלק געטהון אַלע גרויסע נסים. די צאָהל פֿון די טיילנעהמער אין יעדען קרבן־פסח איז געווען זעהר גרויס, ווייל מען האָט געהאַלטען די פֿייערונג פֿאַר אַ פֿאַמיליען־יום־טוב, וועלכֿער דאַרף דיענען אויף צו פֿעראייניגען דאָס פֿאָלק, צו שטאַרקען צווישען אידען די אַחדות און די נאַציאָנאַלע געפֿיהלען, און דעריבער פֿלעגט מען איינלאַדען וואָס מעהר מענשען, אָדער עס פֿלעגען זיך צוזאַמענגעהמען פֿיעל שותפים אויף איין שעפּס און אַלע פֿלעגען פֿערברענגען דעם פסח־אָווענד צוזאַמען. נאָכֿ'ן עסען דעם קרבן־פסח פֿלעגט מען זינגען תהלים־געזאַנגען; מען האָט דאַן אויך איינגעפֿיהרט בכלל צו לויבען און דאַנקען גאָט פֿאַר'ן עסען אין נאָכֿ'ן עסען (ברכת המזון). מיט דער צייט איז דער פסח־אָווענד, אָדער דער „סדר", געוואָרען אַנ'אמת'ער געמיטליכֿער פֿאַמיליען־יום־טוב, ווי ער איז איבערגעבליבען אויך אפילו שפּעטער, ווען מען האָט שוין קיין קרבן־פסח גאָרנישט געבראַכֿט.

אויסער די קרבנות אין בית־המקדש, האָט מען דאַמאָלס אויך איינ־געפֿיהרט אַ נייעם גאָטעס־דיענסט — תפלה, צו וועלכֿער די אידען אין גלות־בבל האָבען זיך נאָך צוגעוועהנט. דריי מאָל אין טאָג פֿלעגט מען דאַווענען: אין דערפֿריה — די תפלה פֿון שחרית; פֿון נאָכֿמיטאָג אָן — די תפלת מנחה און נאָך דעם שטערען־ערשיינען, אין אָווענד — מעריב. וועהרענד אָבער פֿריהער איז דאָס גאָט־בעטען געווען אַנ'אַקט פֿון תשובה, בשעת מען פֿלעגט זיך מתודה זיין פֿאַר די עבירות, אַרויסזאָג

פֿאַר גאָט די חרטה אויף זיי און מקבל זיין אויף זיך ווייטער נישט צו זינדיגען, האָט איצט די תפלה בעקומען דורך די סופרים גאָר אַנ'אַנדער האַראַקטער. קיין שטענדיגער נוסח פֿון תפלה איז אפילו נאָך נישט געווען, אָבער אין אַלגעמיין איז שוין דער הויפּט-געדאַנק פֿון די תפלות געווען פֿאַרגעצייכענט. די תפלות אין די שוהלען פֿון דער פּראָווינץ זענען געווען איינגעאָרדענט לויט'ן מוסטער פֿון די תפלות אין בית-המקדש, וואו זיי פֿלעגען פֿאָרקומען אין די זייטיגע געבײדעס, וועלכע האָבען זיך געפֿונען ביי'ם בית-המקדש, און פֿלעגען זיך אָנהויבען גאַנץ פֿריה מיט עטליכע מזמורים פֿון תהלים. ווען מען פֿלעגט ענדיגען זינגען די מזמורים, פֿלעגען אַלע אַנוועזענדע אויסרופֿען: „געלויבט איז דער גאָט פֿון ישראל, וועלכער טהוט אַליין אַלע וואונדער, און געלויבט איז דער נאָמען פֿון זיין כבוד אויף אייביג. און זיין כבוד זאָל ערפֿילען די גאַנצע וועלט. אָמן און אָמן!“ דערנאָך פֿלעגט מען זאָגען אַ ברכה פֿאַר דער ליכטיגקייט פֿון דער זון, וועלכע גאָט האָט בעשאַפֿען פֿאַר אַלע מענשען, און פֿאַר דער ליכטיגקייט פֿון דער תורה, וועלכע גאָט האָט געגעבען אידען. נאָכהער פֿלעגט מען לעזען גאַנצע פרשיות פֿון דער תורה: „עשרת הדברות, שמע, ואהבת, והיה אם שמוע און ויאמר“. אין די דאָזיגע פרשיות ווערט אָנערקענט די איינציגקייט פֿון גאָט און די ליעבע צו איהם, ווי אויך די אַזהרה נישט נאָכצוגעהן נאָך די זאַכען, וואָס דאָס האַרץ געלוסט און דאָס אויג זעהט. בשעת דער חזן פֿלעגט אויסרופֿען: „הער צו, ישראל, אונזער גאָט איז איינציג“ (שמע ישראל), פֿלעגען אַלע אָנוועזענדע ענטפֿערען: „געבענשט זאָל זיין דער נאָמען פֿונ'ם כבוד פֿון זיין קעניגרייך אויף אייביג“ (ברוך שם כבוד). די הויפּט-תפלה איז בעשטאַנען פֿון זעקס ברכות, אָדער אונזערע ערשטע דריי ברכות פֿון שמונה-עשרה און די לעצטע דריי: אַ דאַנק פֿאַר גאָטס גנאָד פֿאַר אונזערע אָבות אברהם, יצחק און יעקב, די אָנערקענונג פֿון גאָטס מעכטיגקייט אין דער נאַטור דורך די פֿרוכטבאַרע רעגענס, וואָס ער ברענגט אויף דער ערד, און דאַדורך, וואָס ער וועט דערוועקען די מתים און לעבעדיג מאַכען זיי צוריק; אַנערקענונג פֿון גאָט'ס הייליגקייט (אתה קדוש); אַ געבעט, אַז גאָט זאָל אויפֿנעהמען די תפלה פֿון יעדען מענשען, ערפֿילען זיין וואונש און גוט אָננעהמען זיין קרבן (רצה); אַ דאַנק פֿאַר דאָס געשענקטע לעבען (מודים) און אויפֿהאַלטען איהם, און לסוף — אַ תפלה פֿאַר'ן שלום (שים שלום), וועלכע געהט באַלד נאָך דער ברכה פֿון די כהנים. צו מנחה און צו מעריב פֿלעגט מען זיך ווידער צוזאַמענקומען, אָבער די תפלה פֿלעגט שוין דויערן נישט לאַנג, וויל מען פֿלעגט נישט זאָגען די מזמורים פֿון תהלים און אויך נישט לייענען אַלע פרשיות פֿון דער תורה.

דער סדר פֿון דער תפלה אום שבת און יום-טוב איז נישט געווען בעזונדערס פֿערשיעדען פֿון דער וואָכעדיגער תפלה, נאָר וואָס מען פֿלעגט

אַריינשטעלען אַ בעזונדערע ברכה צווישען די ערשטע און די לעצטע דריי ברכות, לכבוד דעם שבת אָדער דעם יום־טוב. נאָך דאָדורך פֿלעגט זיך בעזונדערס אונטערשיידען די שבת־ און יום־טוב־תפלה, וואָס מען פֿלעגט נאָכ'ן דאַווענען פֿאָרלעזען אַ גאַנצע פרשה פֿון דער תורה און שפּעטער האָט מען אויך אָנגעהויבען לעזען דערביי אויך פֿון די נביאים אַזעלכע שטעלען, וואָס זענען געשטאַנען אין נאָהענטען צוזאַמענהאַנג מיט'ן געלעזענעם פֿון דער תורה. דאָס לייענען די נביאים נאָך דער תורה נעהמט זיך פֿון דער פֿערשידענהייט אין די אַנשויאונגען, וואָס האָבען געהערשט צווישען די אידען און די שומרונים. די לעצטע האָבען, ווי בעוואוסט, ערקלערט, אַז דער בית־המקדש אין ירושלים איז גאָרנישט הייליג און זייער איינענער מקדש שטעהט העכער פֿון איהם. דער דאָזיגער אומשטאַנד האָט זיי אָבער אויך געצוואונגען אָבצוזאָגען זיך פֿון די נביאים, וועלכע האָבען שטענדיג גערעדט וועגען ירושלים, ווי וועגען אַ הייליגע שטאָדט, אַן'אָרט, וואָס איז אויסגעוועהלט געוואָרען פֿון גאָט, און וועגען דעם בית־המקדש, ווי וועגען אַ הייליגטום, וואו גאָט האָט געמאַכט רוהען זיין כבוד. און אָט דעריבער האָבען די סופרים, די פֿערטרעטער פֿון יודענטום, געפֿונען פֿאַר נויטיג צו לייענען די נביאים און צו רופֿען זיי פֿאַר עדות אויף דער הייליגקייט פֿון ציון און ירושלים, דען דאָס האָט מען געהאַלטען פֿאַר אַ וויכטיגען פונקט פֿון דער אידישער אמונה; יעדען שבת און יום טוב האָט מען דעריבער געלעזען די נביאים, כדי צו דערמאָהנען דערין דאָס פֿאָלק און איינפֿלאַנצען ביי איהם און האַרצען די אהבה צו ציון און ירושלים. מיט'ן לעזען די נביאים פֿלעגט זיך ענדיגען די תפלה, און דעריבער האָט מען די דאָזיגע לעזונג גערופֿען „הפטרה אָדער אַפטרתא“, וואָס הייסט: די „שלום־אָבטיילונג“ פֿון דער תפלה. די דאָזיגע איינאָרדנונג האָט אויך אַרויסגערופֿען די נויטווענדיגקייט צו זאַמלען אַלע נבואות פֿון די נביאים און אָבצושליסען זיי, אָדער ריכטיגער: צו ערקלערען, וועלכע ספרים דאַרפֿען צו זיי צוגערעכענט ווערען, און וועלכע נישט. ס'איז העכסט מעגליך, אַז דאָס אויסקלייבען פֿון די ספרים און בעשטימען, וועלכע דאַרפֿען געהאַלטען ווערען פֿאַר הייליג, איז געמאַכט געוואָרען דורכ'ן הויכען בית־דין פֿון די סופרים אינ'ם ערשטען דור נאָך נחמיה'ן. אין דער דאָזיגער זאַמלונג זענען אַריינגענומען געוואָרען די פֿיער געשיכטליכע ספרים: יהושע, שופטים, שמואל און מלכים, וועלכע הייסען אויך: די עלטערע נביאים; די דריי גרעסערע ספרים פֿון די נביאים: ישעיה, ירמיה און יחזקאל, און די צוועלף קלענערע ספרים פֿון די נביאים: הושע, יואל, עמוס, עובדיה, יונה, מיכה, נחום, חבקוק, צפניה, חגי, זכריה און מלאכי, וועלכע ווערען גערופֿען די „שפּעטערדיגע נביאים“. די אַלע דאָזיגע נבואה־ספרים זענען אַנערקענט געוואָרען פֿאַר „כתבי־הקודש“ — די הייליגע שריפֿטען,

האָט'ש זייער הייליגקייט איז נישט אַזוי גרויס, ווי די הייליגקייט פון די פינף ספרים פון דער תורה.

אָט אַזוי האָט מען עס איינגעאָרדענט דעם גאָטעס-דינסט, אָדער די תפלה אין דער צייט פון די סופרים. זי איז געהאַלטען געוואָרען אין'ם ריינעם גייסט פון דער תורה און פון די נביאים, ווי אויך פון די תהלים-זינגער. נאָר איין איינציגער נייער עלעמענט איז אַריינגענומען געוואָרען אין איהר, וועלכער ווערט בפירוש נישט דערמאָהנט ביי די נביאים: די אמונה אין תחית-המתים, אין'ם גרויסען טאָג פון גאָט, ווען גאָט וועט ווידער ווייזען זיין חסד פאַר זיין פאָלק.

ווייל די איינוואָהנער פון דער פראָווינץ אַרום ירושלים פלעגען אָפט קומען אין ירושלים אפילו אויך נישט אויף יום-טוב אָדער אויף שבת, און פלעגען דאָ זעהען די אָרדנונג, און וועלכער עס ווערען אָבגע-האַלטען די תפלות אין בית-המקדש, האָבען זיי דעריבער אויך איינגע-אָרדענט ביי זיך אין דערהיים שוהלען, וואו די תפלות פלעגען פאָרקומען אין דערזעלביגער אָרדנונג. איצט האָט שוין דאָס פאָלק אַליין דאָס גע-טהון און מען האָט נישט געדאַרפט האָבען דערצו קיין בעפעהל פון אַ העכערען, ווי אין נחמיה'ס צייטען. אויף אַזאַ אופן זענען אויסגע-וואַקסען שוהלען אָדער סינאַגאָגען אין די גרעסערע שטעדט אויף דער פראָווינץ און מען האָט איינגעפיהרט די תפלות אין דער אָרדנונג, ווי זי האַלט זיך נאָך אויך ביז'ן היינטיגען טאָג און איז דער פונדאַמענט פון דעם גאָטעס-דינסט ביי אידען. אין'ם גאָטעס-דינסט אין די שוהלען האָבען שוין די כהנים נישט געשפּיעלט קיין שום ראָליע, זייער אָרט האָט פערנומען דער „תלמיד חכם", אָדער דער קענער אין דער תורה; ער האָט דאָ געהאַט צו זאָגען די הויפט-דעה, ער פלעגט לייענען אין דער תורה, ער פלעגט אויך זיין דער ערשטער מתפלל (חזן).

ביי אַלעם דעם איז פונדעסטוועגען די עבודה אין'ם בית-המקדש, דאָס ברענגען קרבנות, מנחות און קטורת, געבליבען דער עיקר פון דער רעליגיע, ווייל דאָס איז געהאַלטען געוואָרען לויט די געזעצען פון דער תורה און דער בית-המקדש איז דאָך דערויף געבויט געוועזען. די עבודה אין בית-המקדש איז פאָרגעקומען, אָבהיטענדיג שטרענג אַלע געזעצען פון דער תורה און די אָרדנונג, וועלכע זי האָט אָנגעוויזען. און האָטש צווישען ביידע אופנים צו דינען גאָט האָט געהערשט אַ גרויסע פער-שידענהייט אי אין זייער פאָרם, אי אין זייער כאַראַקטער, פונדעסטווע-גען האָבען זיי אויסגעמאַכט צוזאַמען איין גאַנצע זאַך, זיי האָבען איינע די אַנדערע משלים געווען אָדער אויך עטוואָס גענומען איינער ביי'ם אַנדערען. דער גייסטיגער גאָטעס-דינסט, די תפלה, פלעגט פאָרקומען לויט דער צייט פון די קרבנות אין בית-המקדש: וועהרענד די כהנים פלעגען אין בית-המקדש ברענגען דעם קרבן-תמיד אין דערפריה אָדער פאַרנאַכט, פלעגען זיך אויך פערזאַמלען די געמיינדעס צום דאַוונען

יום־טוב און שבת, ווען אין בית־המקדש פלעגט מען ברענגען אויך דעם קרבן־מוסף, פלעגען די קהלות אויך קומען פיער מאָל אבהאַלטען תפלות. פון דער אַנדער זייט ווידער פלעגט מען דאָס ברענגען די קרבנות בעגלייטען אויך מיט תפלות און תהלים־געזאַנגען, און צווישען איין עבודה און דער אַנדערער פלעגט מען זינגען שירים און מזמורים מיט'ן חאָר און אין דער בעגלייטונג פון מוזיק. דער אַקט פון די קרבנות פלעגט זיך אַזוי אַרום צוזאַמענגיסען מיט דער תפלה און דעם געזאַנג און אַרויסרופען אַ הייליגע און ערהאַבענע רעליגיעזע שטימונג.

אָבער אין דער עבודה ביי די קרבנות אין בית־המקדש איז אויך געוועזען אַ געוויסער פונקט, וואָס האָט זעהר שטאַרק געדריקט אויף דער שענער שטימונג פון דער תפלה און אויפ'ן פאָעטישען גייסט, מיט וועלכען עס אָטעמען אַזוי שטאַרק די מזמורים פון תהלים און די שטעלען פון די נביאים, וועלכע זענען דער הויפט־טייל פון דער תפלה. דאָס איז געוועזען דער פונקט פון ריין און אומריין (טומאָה וטהרה), וועגען וועלכען מען האָט דאַמאָלס אַרויסגעגעבען זעהר פיעל דינים. דער דאָזיגער פונקט האָט שיער נישט אונטערגעהאַקט די פליגלען בייִ'ם פאָעטישען געדאַנק, מיט וועלכען עס איז אַזוי פול די אידישע תפלה, און צוגענומען ביי איהם די מעגליכקייט צו דערהויבען זיך צו די ליכטיגע הימלען, אין דער מלוכה פונ'ם טיעפען און ערהאַבענעם פיהלען און דענקען, וואו דער מענש פערגעסט אויף דער שפל'ער וועלט און פעראייניגט זיך מיט גאָט. אמת, אין דער תורה געפינען זיך אפילו אויך בעשטימטע געזעצען וועגען טומאָה און טהרה, ריין און אומריין. אַ מענש, וואָס איז טמא, טאָר נישט ברענגען קיין קרבן, ער טאָר נישט אַריינקומען אין בית־המקדש, ער טאָר בכלל נישט אָנריהרען זיך אָן אַ הייליגע זאַך. עס זענען אָנגעוויזען געוואָרען פערשיעדענע מדרגות פון אומריינקייט. דאָס געזעץ ווייזט אויך אָן, ווי אַזוי די טמאים, אָדער די טמא־געוואָרענע, קאָנען ווערען צוריק טהור, און וואָס פאַר מיטלען מען דאַרף דערביי אַנווענדען; בעזונדערע געזעצען זענען פאַרהאַן פאַר דער אָפט פאָרקומענדע טומאָה ביי'ם אָנריהרען זיך אָן אַ מת. די ענדגילטיגע בעסטע ריינינגונג קומט פאַר דורכ'ן באָדען זיך אין קוואַל־וואַסער. אָבער די אַלע דאָזיגע דינים פון דער תורה האָבען מייסטענס געהאַט אַ שייכות בלויז צו דער כהונה און צו די לויים, און זיי וואָלטען קיינמאָל נישט דערגרייכט צו אַזאַ גרויסער בעדייטונג און הערשונג אין לעבען פון גאַנצען פאָלק, ווען די אידען וואָלטען אין אַ משך פון עטליכע יאָהרהונדערט נישט געלעבט צוזאַמען מיט די פערסער, וועלכע האָבען געהאַט נאָך שטרענגערע געזעצען אין דער הינזיכט, ווי אידען, און האָבען זיי אָבגעהיט זעהר גענוי. די דאָזיגע געזעצען פון די פערסער שטאַמען פון דעם פערסישען געזעץ־געבער אַוועסטאַ, וואָס זיינע פריסטער, די מאַגיער, האָבען זיי אָבגעהיט זעהר שטרענג און ווייטער אויסגעשטעלט מיט משונה'דיגע דינים און מיטלען,

זיי אזוי צו ווערען ריין. לעבענדיג צוזאמען מיט די פערסער, האבען די אידען אויך איבערגענומען שטוואס ביי די מאגיער; אלענפאלס, האבען זיי זיך געפונען פיעל־ווענינ אונטער זייער איינפלוס.

געוויס, דער הויפט־בעגריף פון גאט׳ס מהות, אלס אן׳איינציגען, גייסטיגען, ערהאבענעם און פאלקאמענעם עצם, דער גלויבען אין איין אלמעכטיגען גאט איז אזוי טיעף געווען איינגעווארצעלט אין אידישען הארצען און אריינגעדרונגען אין דער גאנצער אידישער וועלט־אנשויאונג, אז דער פערסישער בעגריף וועגען דעם גאט פון ליכטיגקייט, הורמיז (אהורא־מאזדא), האט אויף די אידישע חכמים קיין איינפלוס נישט געקאנט האבען, חאטש דער בעגריף פון די פערסער איז געווען א גאנץ גייסטיגער און גאנץ פרעמד פון דער פערגרעבטער געצענדיענערייי פון אנדערע פעלקער. די אידישע נביאים האבען מיט זייער שארפזיניגקייט באלד איינגעזעהען דעם טעות פון דער מאגישער רעליגיע וועגען די צוויי כחות אדער געטהייטען, וואס געוועלטיגען אין דער וועלט: דער גאט פון ליכט און גוטסקייט (אהורא־מאזדא), וועלכער פיהרט אייביג מלחמה מיט׳ן גאט פון פינסטערניש, אדער שלעכטסקייט, אהרימאן (אנגרא מאיניוס). דער נביא ישעיה, וועלכער האט פאראויסגעזאגט די מפלה פון בבל דורך כורש׳ן, האט ארויסגעשטעלט געגען דעם בעגריף פון דער געטהייט ביי די פערסער זיין אייגענעם אידישען בעגריף וועגען גאט: „דער, וואס בילדעט די ליכטיגקייט און בעשאפט די פינסטערניש. דער עס מאכט פריעדען און בעשאפט שלעכטס — דאס בין איך נאר איינער אליין, איך, דיין גאט, טהו דאס אלץ“. די וועלט און די מענשען ווערען נישט געצויגען אהין און אהער דורך צוויי געגענווירקענדע פיינדליכע כחות, ווי די פערסישע רעליגיע האט געלערנט, נאר אחדות און פריעדען הערשט אין דער וועלט. די דאזיגע דעה און איבערצייגונג וועגען דער איינהייט, אדער אחדות פונ׳ם אידישען גאט, פונ׳ם גייסטיגען מנהיג פון דער וועלט, האבען די סופרים אויך אריינגעשטעלט אין דער פריהמארגענדיגער אידישער תפלה, כדי אז אידען זאלען וויסען און האבען א פעסטע איבערצייגונג, אז זייער גאט איז דער „יוצר אור ובורא חשך, עושה שלום ובורא את הכל“ — „ער אליין ברענגט־ארוים די ליכטיגקייט און בעשאפט די פינסטערניש, ער שאפט דעם פריעדען אויף דער וועלט און האט די גאנצע וועלט בעשאפען“.

אבער אויב די אידען זענען געבליבען שטארק מיט זייער געלייטערטער ריינער אמונה אין גאט געגען דעם איינפלוס פון די פערסער, האבען זיי דאך פונדעסטוועגען אריינגענומען, מעגליך, גאנץ אומבעוואוסטזיניג, איינינע מנהגים און מיינונגען פון די פערסער. אלענפאלס איז זיכער, אז זיי האבען פון אלע פערסישע אנשויאונגען זיך געוויס נישט דערוויטערט. זייער כונה איז געוויס געווען גוט. זיי האבען, למשל, געגלויבט, אז זיי וועלען דערהויבען די געטהייט, אויב זיי וועלען ארומ־

רינגלען גאָט מיט מיליאָנען מלאכים, וועלכע שטעהען גרייט יעדען מאָמענט זיין ווילען צו ערפילען. אמת, אין די ספרים פון נביאים און אפילו אויך אין דער תורה ווערען שוין דערמאָהנט גאָט'ס שלוחים, אָדער מלאכים, אָבער דאָרט האָבען זיי נישט. געהאַט קיין ספּעציעלע בעשטימונג נישט אין הימעל און נישט אויף דער ערד, זיי בעדייטען אין דער ווירקליכקייט בלויז „גאָט'ס געשיקטע“, שלוחים, און אַלס אַזעלכע ווערען אויך פיעל מאָל בעצייכענט באַזונדערע מענשען, ווי, למשל, די נביאים. אין פרס אָבער האָבען אידען געגעבען די מלאכים אַ בעזונדערען האַראַקטער, לויט'ן מוסטער פון דער פּערסישער רעליגיע (Yazat.s) און (Amescha Spentas). יעדער מלאך איז געוואָרען אַ ספּעציעלע פּערזענליכקייט מיט אַ שטענדיגער התמנות אויף אַ בעשטימטע זאַך. די דאָזיגע מלאכים האָבען זיי געגעבען בעזונדערע העברעאישע נעמען און דאַדורך נאַציאָנאַליזירט זיי, ווי, למשל, רפאל — דער מלאך, וואָס איז ממונה אויף צו קורירען חולאים, גבריאל — אויף גבורה און נצחון, אוריאל — דער מלאך פון ליכטיגקייט א. א. וו.

פון פרס און בבל האָבען אידען געבראַכט נישט בלויז די אמונה אין מלאכים, נאָר אויך דעם בעגריף פון מלאכי־חבלה, פון רוחות און שדים. ביי די פּערסער איז דער דאָזיגער גלויבען געווען אַ גאַנץ נאַטירליכע זאַך: זייער אָבגאָט פון דער פינסטערניש, אהרימאַן, אָדער אנגראַ מאַיניוס, האָבען זיי געמוזט אַרומרינגלען מיט אַ גאַנצער מחנה פינסטערע מלאכים, אָדער שדים (Dävas), כדי זיי זאָלען אָבוואַרטען דעם מענשען אומעטום און טהון איהם שלעכטס. אין די אַלטע אידישע ספרים איז אָבער אַזעלכעס נישטאָ. אין ספר איוב בעגעגענען מיר צום ערשטען אַ מין מלאך, וועלכער זוכט צו טהון שאַדען דעם מענשען — דעם שטן — ער שטעהט, פאַר גאָט און איז מקטרג אויף מענשען, אפילו אויף די בעסערע פון זיי. דאָס איז אָבער כלל נישט קיין פינסטערע קראַפט אין דער וועלט, וועלכע צושטערט אַלץ, וואָס עקזיסטירט און קעמפּפט געגען אַלץ, וואָס לעבט, מיט דער בלויזער כונה, כדי צו טהון שלעכטס, כדי צו פערניכטען גאָט'ס בראַים. דער אידישער בעגריף וועגען גאָט איז געווען גאָר אַן'אַנדערער: גאָט איז גוט, ער האָט אַלץ בעשאַפען און וויל נישט עמיצען פערדערבען. דער שטן אין ספר איוב איז נאָר דער קריטישער גייסט, וועלכער פאָרשט אויס דעם מענשען'ס מעשים און נעהמט אויף זיך די שווערע אויפגאַבע אויך צו פּרובען איהם, צו ווערט ער ביישטעהן נסיונות און בלייבען געטריי פאַר גאָט. אויף דעם דאָזיגען קריטישען גייסט שרייט אויך גאָט אָן, ווען ער וויל באמת ברענגען פערדערבען. בכלל פערנעהמט דער בעגריף „שטן“ אַ גאַנץ קנאַפּען אָרט אין די עלטערע אידישע ספרים, אין די ספרים פון די נביאים, אָדער אין די כתובים. מיט דער צייט האָט זיך אָבער דער דאָזיגער בעגריף ענטוויקעלט, לויט'ן מוסטער פון די פּערסישע שדים; איהם

האט מען שוין אויך צוגעגעבען געהילף-שדים סמאל, אשמדאי מיט א מלאך המות, וועלכער לויערט אויפ'ן לעבען פון מענשען, כדי איהם וואס גיכער צו טויטען. פון די פערסישע מאגיער האבען אידען אויך איבערגענומען אבערגלויבישע פארשטעלונגען און בעגריפען, אז מען זאל מיט א לחש, אדער א צוזאמענשטעלונג פון אותיות, לויט א געוויסען כלל, קאנען ארויסרופען פערשיעדענע איבערנאטירליכע מעשים, אדער אויך, אז ארום די מתים געפינען זיך פיעל אונרייניגע רוחות, שדים און מלאכי חבלה, פון וועלכע מען קאן זיך אבריינינגען נאר דורך טובל'ן זיך אין מקוואות. אלע עהנליכע בעגריפען און אמונות זענען גאנץ פרעמד געווען דער אלטער אידישער אמונה אין גאט, ווי מיר בעגעגנען איהר אין דער תורה, אדער אין די נביאים, און דורך זיי איז אריינגעבראכט געווארען א נייער עלעמענט אין אידי־שען לעבען און אין דער אידישער וועלט-אנשויאונג: א פעסימיסטישער קוק אויפ'ן לעבען פונ'ם מענשען און אויף דער וועלט. צום גן עדן, אין וועלכען גאט האט דעם מענשען אריינגעזעצט, ווען ער האט די וועלט בעשאפען, איז צוגעגעבען געווארען א פינסטערער גיהנם...

דען אויך דער בעגריף ויעגען שכר און עונש האט זיך ענטוויקעלט אין אידענטום אונטער'ן איינפלוס פון פערסישען גלויבען. לויט דער לעהרע פון די פערסישע מאגיער, טיילט זיך איין די גאנצע וועלט אין צוויי גרויסע מלוכות: אין דער מלוכה פון ליכטיגקייט און אין דער מלוכה פון פינסטערניש. אין דער ערשטער מלוכה געפינען זיך די ריינע מענשען, די וועלכע געהען נאך דעם גאט פון דער ליכטיגקייט, און אין דער אנדערער — די אונריינע מענשען, די וועלכע דיענען דעם גאט פון דער פינסטערניש. נאך דעם טויט פונ'ם מענשען בלייבט די נשמה, לויט דער אמונה פון די פערסער, דריי טעג ליעגען נעבען זיין קערפער, דעם טויטען גוף; דערנאך ווערט זי אויפגענומען, אויב דער מענש איז געווען א צדיק, דורך יאזאטאס, צום גאט פון דער ליכטיג־קייט, און זיין ליכטיגער וועלט, אדער, אויב דער מענש איז געווען א רשע — דורך די פערדערבענדע מלאכים — דעוואס — אין דער וועלט פון פינסטערניש, וואו עס הערשט דער גאט פון דער פינסטערניש. די דאזיגע פארשטעלונג וועגען דעם טויט איז מיט קליינע ענדערונגען איבערגענומען אויך דורך אידען אין פרס. דען מען האט פאר'ן גלות בבל ביי אידען קיין שום בעגריף דערפון נישט געהאט. דער גארטען עדן, אין וועלכען עס האבען געלעבט אדם און חוה, איידער זיי האבען געגעסען פון עץ הדעת, לויט ווי עס דערצעהלט די תורה, האט מען פערגליכען מיט דער מלוכה פון דער ליכטיגקייט — גן-עדן — און דעם טהאל הנם, נעבען ירושלים, וואו דער מלך אחז האט אויפגעשטעלט דעם תפת און מקריב געווען קינדער פאר קרבנות צום שוידערהאפ־טען אבגאט מולך, האט מען פערגליכען צו דער מלוכה פון דער פינס־

טערניש — גיהנם. אין גן עדן קומען אריין צדיקים און אין גיהנם — די רשעים.

אין יענער צייט איז אויך אָנגענומען געוואָרען דורך די סופרים, אלס אַ גרונד־פּרינציפּ פון דער רעליגיע, די אמונה אין תחית־המתים.. פון אַלערליי דעות און אַנשויאונגען, וואָס האָבען געהערשט דאַמאַלס ביי די פערסער, איז די דאָזיגע אמונה בעזונדערס גוט אויפגענומען געוואָרען דורך אידען, ערשטענס, דערפאַר, וואָס זי דערהויבט דעם גייסט, אַנפילענדיג איהם מיט ליכטיגע האָפנונגען אויף אַ גרויסע צוקונפט, און, צווייטענס, דערפאַר, וואָס אין דער תורה און אין די נביאים געפינען זיך אין דערווירקליכקייט אַנווייזונגען אויף דער דאָזיגער אמונה. אין „דעם גרויסען שרעקליכען טאָג“, אין „דעם לעצטען טאָג פון געריכט“ האָבען די סופרים געזעהען די צייט פון תחית המתים און האָבען דעריבער אָנגענומען דאָס פאַר איינעם פון די יסודות פון אידישען גלויבען. אין דער טעגליכער פריהמאָרגענדיגער תפלה האָט מען אריינגעשטעלט די ברכה „מחיה המתים“, אַלס דאַנק דערפאַר, וואָס גאָט וועט די געשטאָרבענע שפּעטער צוריק לעבעדיג מאַכען, און איינער פון די זעהער פון יענער צייט, זעהענדיג די אונמענשליכע יסורים, וואָס אידען ליידען, קעמפפענדיג ערביטערט און מיט פערצווייפלונג געגען דעם פיינד, וואָס האָט געשטרעבט זיי צו פערניכטען, כדי אידען זאָלען פערשווינדען אַלס אַבגעזונדערט פאָלק, — האָט ער זיי געטרייסט מיט דער ערקלערונג: „פיעל פון די, וועלכע שלאָפען שוין אין שטויב פון דער ערד, וועלען ערוואַכען און אויפחאַפען זיך צוריק, איינינגע — צום לעבען, און אַנדערע — צו אייביגער חרפה און פערדערבונג“. פון דער שענער אמונה אין „תחית המתים“ האָט זיך ענטוויקעלט אויך די נישט ווענינגער שענע אמונה אין „שכר ועונש“ — ד. ה., אַז גאָט וועט בעצאָהלען אין דער „צוקינפטיגער וועלט“ — אין עולם־הבא — מיט גוטס דעם, וואָס האָט גוטס געטהון אויף דער וועלט, און מיט גרויסער בעשטראָפונג דעם, וואָס האָט געפיהרט אַ פערברעכעריש לעבען. וועגען דעם „עולם הבא“ האָט זיך דער אידישער גייסט אויסגעאַרבייט אַ גאַנץ רייכע בעצויבערטע וועלט, וועלכע איז ערהאַבען און שען, גוט און פול ליבע, — אַן אייביג לעבען אין אַ וועלט, וואָס איז איינגאַנצען גוט. אין „עולם הבא“ — דאָס הייסט: אין דער גרויסער צוקונפט וועלען אַלע שלעכטיגקייטען פון לעבען אויסגעבעסערט ווערען, אַלע אונגערעכטיגקייטען פון די מענשען וועלען פערשווינדען. די פרומע און גוטע לייט, וועלכע האָבען אָבגעהיט די תורה און געפיהרט אַ לעבען פון גערעכטיגקייט, די, וועלכע האָבען אויך פיעל געליטען אויף דער וועלט, וועלען אויפשטעהן פון זייערע קברים ריינע און אויסגעלייטערטע. אפילו אויך די זינדיגע מענשען, וועלכע האָבען אָבער קעזינדיגט נאָר צוליעב זייער לייכטזיניגקייט און שוואַכקייט, וועלען

אויפשטעהן צום אייביגען לעבען, נאכדעם, ווי זיי וועלען זיך אויסלייטערן אין גיהנום. — אין דער אידעאלער צוקונפטיגער אידישער וועלט בעשטעהט אלזא דאס גאנצע גליק פון די מענשען, זייער העכסט פערגניגען, די בעלוינונג פאר זייערע גוטע מעשים, נאר דערין, וואס זיי וועלען לעבען אין א וועלט, וואס איז פול גערעכטיגקייט און די מענשען וועלען זיין גוט, נישט שטרעבענדיג צו טהון עמיצען שלעכטס...

ווי אזוי אבער וועט פארקומען אט די אויפלעבונג פון די מתים, ווען וועט דאס פארקומען, און ווי אזוי וועט זיין איינגעארדענט דאס לעבען אין עולם־הבא? — אויף די דאזיגע שאלות האט מען קיין ענטפער נישט געגעבען, ווייל דאס איז בכלל איבער די קרעפטען פונ'ם מענשענס פערשטאנד. די פעסטע אמונה און די זיכערע האפנונג האט אויך כלל נישט געזוכט קיין ענטפער אויף די דאזיגע שאלות; זי האט געגעבען דעם מענשען די נויטיגע רוהיגקייט און טרייסט אין דער פינסטערער געגענווארט, דאדורך האט זי פערלייכטערט די יסורים פון דעם ליידענדען. מעהר האט זי נישט געוואלט און נישט געדארפט געבען. דער אידישער נאציאנאלער גייסט האט אבער געמאכט זעהר פרוכטבאר די אמונה אין תחית־המתים, דען זי איז געווארען דער פונדאמענט פון א גאנצער מאראלישער וועלט־אנשויאונג.

פון דער גרויסער עפאכע, וועלכע האט געדויערט לערך צוויי הונדערט יאהר, פונ'ם טויט פון נחמיה ביז'ן אונטערגאנג פון דער פערסישער מלוכה, איז אונז נישט איבערגעגאנגען קיין איין־איינציגער אידישער נאמען פון א פערזענליכקייט, וועלכע זאל זיך האבען בעזונדערס אויסגעצייכענט מיט איהר איינפלוס אויפ'ן גאנג פון דער אידישער געשיכטע; און דאך געהערט די דאזיגע עפאכע צו די מערקווירדיגסטע אין דער אידישער געשיכטע, דען אין איהר האט זיך ענטוויקעלט און געשטארקט דאס יודענטום, און ס'איז בעפעסטיגט געווארען זיין געבוידע אזוי גרינדליך, אז טויזענדער יאהרען רדיפות און שטורעמס האבען זי נישט געקאנט אומווארפען. און נישט בלויז קיין נעמען זענען אונז נישט איבערגעגעבען געווארען פון יענער צייט, עס פעהלען אויך עראינערונגען וועגען וועלכע עס איז געשעהענישען. די גאנצע טעטיגקייט פון אידישען פאלק איז געוועזען א אינערליכע, א קולטורעלע, און די מענשען פון יענער צייט האבען קיין וויכטיגע געשעהענישען נישט געהאט צו פערשרייבען; וועגען דעם חאראקטער פון דער עפאכע גופא אבער האבען זיי נישט געקאנט שרייבען, ווייל זיי האבען איהם אליין נישט געקאנט זעהען, דען ערשט שפעטער אין די ביטערע נסיונות האט דער אידישער גייסט ארויסגעוויזען, וואס ער האט מיט זיך געבראכט פון דער עפאכע פון די ספרים. אין די שטארקע מעשים פון לעבען האט מען ערשט דערקענט דעם חאראקטער פון דער פריהערדיגער עפאכע און איהר גרויסע בעדייטונג. עס זענען בכלל נישט געוועזען

דאמאלס קיין געשעהענישען, פון וועלכע מען זאל קאנען מאכען געשיכטע. ערשט שפעטער, פון דערוויטען, האט מען איינגעזעהן, אז די אמת'ע געשיכטע פון פאלק, זיין וואקסען און זיין ערציהונג, זיין בילדונג און פארבערייטונג צו א לאנג לעבען — אז דאס אלץ איז פארגעקומען אין דער דאזיגער שטילער עפאכע. דער מענש אבער פון דער צייט האט זיך אליין געפונען אינגאנצען אונטער'ן איינפלוס פונ'ם לעבען, אז עס זאל איהם אפילו אויך גאר איינפאלען צו פרובירען שרייבען עטוואס וועגען איהם. און וואס פאר געשעהענישען האט מען דען געקאנט פערצייכענען? דאס פאלק האט זיך בעשעפטיגט מיט א פריעדליכער קולטור־ארבייט. יאהר־איין, יאהר־אויס האט מען דאס לאנד בעארבייט, גערטנער און סעדער געזעצט און געפלאנצט און אבגעטיילט דעם ארימאן אלץ, וואס די תורה האט געהייסען. אין דער פרייער צייט פלעגט מען געהן אין די שוהלען, צו הערען תורה לערנען און אויך לערנען מיט די אייגענע קינדער, אדער מען פלעגט קיין ירושלים עולה־רגל זיין, כדי צו געפינען זיך ארום בית־המקדש און לעבען מיט'ן כלל־ישראל צוזאמען. פון קיין געוועהר האט מען נישט געוואוסט; מעגליך, אז מען האט אפילו אויך נישט געהאט קיין געוועהר אויף צו קאנען בעשיצען זיך פון די ארומיגע שכנים, אויב זיי וואלטען געוואלט מאכען אנ'אנפאל. דאס לאנד יהודה מיט זיין בעפעלקערונג האט איצט פארגעשטעלט א בילד, ווי עס האט איהם יחזקאל געזעהען אין זיין נבואה: „א לאנד, וואס האט זיך אבגעווענדעט פונ'ם שווערד, איינגעזאמעלט געווארען פון פיעל פעלקער אויף די בערג פון ישראל“. אזא פריעדליך, שטיל לעבען האט וועניג אינטערעס פאר יענעם היסטאריקער, וועלכער פערשרייבט בלויז געוואלדיגע געשעהענישען, און דער רוהיגער בעאבאכטער קאן ערשט נאך פערלויף פון פיעל יאהרען גוט איינזעהן זייןווירקליכע בעדייטונג.

אין דער מלחמה־בעוועגונג, וועלכע איז פארגעקומען אויף די גרעניצען פון ארץ־ישראל, האט דאס אידישע פאלק געוויס קיין אנטייל נישט גענומען. אונטער ארטאקסערקסעס (ארתחשסתא) דעם צווייטען (404—362 פאר דער אלגעמיינער צייט־רעכנונג), וועלכער האט געהאט דעם צונאמען מנעמאן, ווי אויך אונטער ארטאקסערקסעס דעם דריטען מיט'ן צונאמען אכוס (362—338 פאר דער אלגעמיינער צייט־רעכנונג), האבען די מצרים'ער נישט־צופריעדענע פערוואלטער, וועלכע האבען זיך גערופען מלכים, געפרובט מאכען אנ'אויפשטאנד, כדי אבצופאלען פון פרס און ווערען צוריק אונאפהענגיג, ווי פארצייטען. אפט פלעגען דורכגעהן דורך ארץ־ישראל ביי די ברעגען פון ים גרויסע ארמעען — פערסישע — קיין מצרים, און מצרים'ער קיין פעניקיען; אויך גריכישע געדונגענע מחנות, וועלכע האבען געדיענט אין איינער אדער אין דער אנדערער ארמעע, פלעגען אפט דארט דורכגעהן, און די אידען האבען פון זייערע בערג ארונטער געקאנט בעאבאכטען די בעוועגונג פון די

דאזיגע מחנות. ס'איז קיין ספק נישט, אז אידען זענען דערביי נישט געבליבען גאר נישט אנגעריהרט, ווארום אויב מען האט זיי אפילו נישט געצוואונגען צוצושטעלען מחנות צו דער פערסישער ארמעע, האט מען דאך אבער געווים געפאדערט פון זיי אויסצוהאלטען די פערסישע ארמעע און זייער לאנד מיט אלעם נויטיגען. אויך די בעציהונג פון אידען צו די פערסישע מלכים בכלל איז דאמאלס שטארק פערערגערט געווארען, ווייל אונטער'ן פרעמדען איינפלוס זענען די פערסישע מלכים געווארען העסליכע געצענדיענער. זייער ריינערע רעליגיע פון אוועסטא, וועלכע האט פערבאטען צו בוקען זיך פאר אבגעטער, האבען זיי פערלאזען און אנגעהויבען דיענען דער געטין פון געלוסטיגקייט, וועלכע די פערסער האבען געטראפען אין אלע לענדער, וואס זיי האבען איינגענומען, אונטער פערשידענע נעמען, אבער מיט'ן זעלביגען כאראקטער; זי האט געהייסען אין איין לאנד בעלטיס, אינ'ם צווייטען — מיליטע, אינ'ם דריטען — אפראדיטא, — איבעראל איז זי אבער געווען די זעלביגע מיט איהרע פערפיהרערישע זנות-מעשים. וואס האבען אויך פערפיהרט די פערסער, וועלכע זענען שוין אהן דעם אויך געווען שטארק אויסגעלאסען, נאכדעם ווי זיי זענען רייך און שטארק געווארען דורכ'ן איינגעהמען פיעל לענדער און פעלקער. ווי נאר די פערסער האבען אריינגעבראכט ביי זיך די שאנד-געטין, האבען זיי זי נאציאנאליזירט, געבענדיג איהר א פערסישען נאמען אנאהיטא און אריינברענגענדיג זי אין זייער מיטאלאגיע. ארטאקסערקסעס דער דריטער האט איהר דיענסט איינגעפיהרט אין זיין גאנצער מלוכה, אויסשטעלענדיג איהרע בילדער אין זיינע דריי הויפט-שטעדט: בבל, שושן און עקבאטאנא, ווי אויך אין דמשק, סארדעס און אין אלע איבריגע שטעדט פון פרס און באקטריען. דאדורך האט די פערסישע רעליגיע דאפעלט געליטען: מען האט זי ביסלעכוויז פערנאכלעסיגט און מען האט אנגעהויבען דיענען צו בילדער. עס איז אבער דאדורך אויך בטל געווארען דער גייסטיגער פערבאנד צווישען די אידען און די פערסער, וועלכע האבען ביז איצט אויך אזוי געהאסט דעם דיענסט צו די בילדער, ווי אידען. די פערסער הייבען שוין איצט אויפגעהערט צו פערעהרען שטארק דעם אידישען גאט, אזוי ווי זיי האבען עס געטהון פריהער. ווי עס שיינט, האט ארטאקסערקסעס געצוואונגען די פעלקער, וואס זענען איהם געווען אונטערטעניג, אנצונעהמען ביי זיך דעם דיענסט פון דער געטין פון געלוסטיגקייט, און אויך אידען האט מען דערצו געצוואונגען, ווייל די היסטאריקער פון יענער צייט דערצעהלען, אז די לעצטע פערסישע סאטראפען האבען אפט בעהאנדעלט זעהר שלעכט די אידען און זיי מבזה געווען, צווינגענדיג זיי, אבצוזאגען זיך פון זייער אמונה; אידען האבען אבער בעסער געליטען רדיפות, די גרויזאמסטע בעהאנדלונג און אפילו אויך דעם טויט, אבי נאר צו בלייבען געטריי דער אמונה פון זייערע אבות.

זוואונדערליכע זאך ווערט ערצעהלט פון יענער צייט: דער פּערסישער קעניג, ארטאַקסערקסעס־אָכוס דער דריטער, האָט, בשעת זיינער א מלחמה געגען מצרים (361—360 פאר דער אלגעמיינער צייט־רעכנונג) פערטריבען פיעל אידען פון ארץ־ישראל און בעזעצט זיי אין הירקאַניען אויף די ברעגען פון קאַספּישען ים.

אין ירושלים האָבען אידען דאמאָלס פיעל געליטען פון איינעם פון יענע אויפגעקומענע לייט, וועלכע האָבען זיך דערהויבען פון נידעריגען שטאנד אזש ביז'ן טהראָן, נאָר א דאנק דער אויסגעלאַסענהייט פון פּערסישען קעניגליכען הויף און דער וואקסענדער שוואכקייט פון דער מלוכה בכלל. דאָס איז געווען דער סרים באַגאָאַס, אָדער באַגאָזעס, וועלכער האָט אין דער רעגירונג פון ארטאַקסערקסעס דעם דריטען דערגרייכט צו אזא מאַכט, אז ער האָט פּאַקטיש דערוויטערט פון טהראָן דעם דאָזיגען קעניג מיט זיין קעניגליכער משפחה און האָט געקאָנט ארויפזעצען אויפ'ן טהראָן וועמען נאָר ער האָט געוואָלט. צו זיין מאַכט האָט ער דערגרייכט אין אידישען לאנד, וואו ער איז געווען א ממונה אויף דער פּערסישער אַרמעע, וועלכע איז געווען אין סיריען און פּעניקיען, און דארט האט ער אויסגענוצט זיין ממשלה, כדי בדלות צו שטעלען די בעפעלקערונג און אנזאמלען גרויסע עשירות. צום דאָזיגען סאַטראַפּ האָט זיך געווענדעט דער זוהן פונ'ם כהן גדול, ישוע, א מענש, וואָס האָט שטארק ליעב געהאַט כבוד, און אונטערגעקויפט איהם מיט געלד, אז ער זאָל איהם בעשטימען פאר א כהן־גדול נאָך זיין פאטער'ס טויט, אנשטאָט זיין עלטערען ברודער, יוחנן. ישוע און יוחנן זענען געווען די זיהן פונ'ם כהן־גדול יהוידע, וואָס זיינע קרובים האָבען זיך מתחתן געווען מיט סנבלט'ן, און דאריבער האָט זיי נחמיה ארויסגעטריבען פון לאנד יהודה. דאמאָלס האָבען זיי אויפגעבויט דעם מקדש אויפ'ן בארג גריזים פאר די שומרונים. נאָך יהוידע'ס טויט איז זיין יונגערער זוהן ישוע ארויסגעטראָטען מיט א פאָדערונג, אז מען זאָל איהם בעשטימען אין בית־המקדש אין ירושלים פאר א כהן־גדול. געהאָפט האָט דערביי ישוע אויף דער שטיצע פון פּערסישען סאַטראַפּ באַגאָזעס. זיין עלטערער ברודער, יוחנן, איז אזוי שטארק אויפגערעגט געוואָרען. דערוויסענדיג זיך וועגען דער דאָזיגער פאָדערונג, אז ער האָט דער'הרג'עט זיין ברודער ישוע אין בית־המקדש, נישט רעכענענדיג זיך דערמיט, וואָס ישוע איז געשטאַנען אונטער'ן שוץ פון סאַטראַפּ באַגאָזעס. דער דאָזיגער ברודער־מאָרד איז געוואָרען זעהר א טרויעריגע התחלה פון א שלעכטער צוקונפט. ווען באַגאָזעס האָט זיך דערוואוסט וועגען דעם מאָרד, איז ער געקומען קיין ירושלים, אבער נישט כדי צו משפּט'ן דעם מערדער, אדער צו נעהמען נקמה פאר'ן ערמאָרדען זיין בעשיצטען מענשען, נאָר כדי אויסצופּרעסען געלד ביים אידישען פאָלק. באַגאָזעס האָט געמאַכט דערביי א אָנשטעל, ווי ער איז כלומרש'ט

שטארק ביז איבער דער מערדעריי, וואס איז פארגעקומען אין בית־המקדש, און האט בעשטראפט די בעפעלקערונג פון ירושלים, צו בעצאהלען איהם א גרויסע סומע געלד פאר יעדען שעפס, וואס מען ברענגט טעגליך פאר א קרבן־תמיד אין בית־המקדש. דאס געלד האט געמוזט אויסגעצאהלט ווערען יעדעס מאל, אידער מען ברענגט דעם קרבן. בגאזעס האט אויך געוואלט אריינקומען אין קודש הקדשים, און ווען די כהנים האבען איהם פערשטעלט דעם וועג, ערקלערענדיג, אז דאס איז פערבאטען פאר א זייטיגען מענשען, האט ער זיך אויסגעלאכט פון זיי, און געזאגט, אז דארט, וואו עס איז פארגעקומען א ברודער־מארד, מעג ער שוין אודאי אריינקומען. בגאזעס האט געדריקט אידען אין א משך פון זיבען יאהר, רייסענדיג ביי זיי גרויסע סומעס געלד.

אין יענער צייט איז אידען אויסגעקומען צו פיהרען א הארטען קאמפף פאר זייער עקזיסטענץ. בכלל האבען אידען אין די ערשטע צוויי הונדערט יאהר פון צווייטען בית־המקדש געזעהען וועניג נחת אין זייער פאליטיש־עקאנאמישען לעבען. נאר אין דער ערשטער צייט, באלד נאך דעם קומען צוריק פון בבל, אונטער דער רעגירונג פון דריוש דעם ערשטען, וועלכער איז געווען גנעדיג פאר אידען, ווי אויך אין נחמיה'ס צייט, האבען אידען איבערגעלעבט ליכטיגע מאמענטען. אין דער גאנצער איבעריגער צייט, אבער, זענען זיי געווען זעהר געדריקט און ארים; זיי האבען געלעבט אין א צושטאנד, וועלכער מוז דערוועקען רחמנות דורך זיין פאלקאמער הילפלאזיגקייט. זיי האבען געמאכט אן'איינדרוק פון א געמיינדע ארימע לייט, וואס שטעהען שטענדיג און קוקען צום הימעל, מיט אויגען, פול טרעהרען, און מיט א פערקלעמט הארץ ווארטען זיי אן'ענטפער אויף זייער פראגע: „פון וואנען וועט אונזער הילף קומען"?. די שפורען פון ארימקייט און שוואכקייט קאן מען אויך געפינען אין די געצעהלטע ספרים, וועלכע זענען ביי אונז איבערגעבליבען פון יענער צייט. אין גלית מבל האט דאס אידישע געמיט געלעבט מיט זיין ליבע פאר דעם טייערען פאטערלאנד און די שטענדיגע אנגעשטרענגטע ערווארטונג פון ישועות. ווען מען וועט שוין געהאלפען ווערען צו קאנען קומען צוריק אהיים — אט די ערווארטונג האט בעשאפען גרויסע נבואות אין א רייכע פאעזיע. ווי נאר אבער די האפנונג איז ערפילט געווארען און די אויפרעגונג האט אויפגעהערט, זענען ביי'ם פאעטישען גייסט אונטערגעהאקט געווארען די מעכטיגע פליגלען. יענע תהלים־געזאנגען, וועלכע שטאמען פון דער לעצטער צייט, צייכענען זיך שוין אויס דורך זייער שוואכקייט; עס פעהלט אין זיי דער יונגער שטארקער גייסט פון דער פאעזיע, דאס טיעפע געפיהל און די וויכקייט פון די עלטערע מזמורים. אפילו דער רוהיגער גייסט, וועלכער האט געשוועבט איבער די געשיכטליכע ספרים פון דער אלטער צייט, פעהלט שוין איצט. די ספרים פון עזרא און נחמיה זענען מעהר ענליך צו מע־

מוראָען, צו פערצייכנונגען פון פערזענליכע זכרונות, אידער צו געשיכטע. זיי צייכענען זיך אוים דורך זייער קורצקייט און דורכ'ן פעהלען פון א ליטעראַרישער פאָרם. שוין גאָר אין סוף פון דער דאָזיגער עפּאָכע איז פערעפענטליכט געוואָרען דער ספר „דברי הימים“, אָדער די היסטאָרישע כראָניק, וועלכע הויבט זיך אָן פון אָדם'ן און ענדיגט זיך ביז כורש'עס צייט, ווען ער האָט ערלויבט צו בויען דעם צווייטען בית־המקדש. דאָ געפינען זיך זעהר וויכטיגע זכרונות פון דער אלטער צייט. אבער זעהר וועניג פון דער לעצטער צייט. קענטיג, אַז דער מחבר פון „דברי הימים“ האָט געזעהען די ספרים עזרא און נחמיה און האָט זיי מיטגעניצט (?) בעאַרבייט.

נאָך ביי'ם לעבען פונ'ם מחבר פון ספר „דברי הימים“, אָדער באַלד נאָכ'ן שלום פונ'ם ספר, האָט זיך אָנגעהויבען אַ גאַנץ נייע עפּאָכע, וועלכע האָט דערוועקט די אידען און דאָס יודענטום צו א נייער אָנגעשטרענגטער טעטיגקייט און געצוואונגען זיי אויך אויסצושטעהן גרויסע נסיונות. די דאָזיגע נייע צייט האָט מיטגעבראַכט דער העלעניזם, אָדער די גריכען מיט זייער גריכישער קולטור. דאָס גריכישע פאָלק און דער גריכישער גייסט האָט איבעראַל, וואו ער איז אריינגעדרונגען, איבערגעאַרבייט די אנשויאונגען, דאָס דענקען, די מדות און דעם אופן לעבען פון די פעלקער און מענשען. די פעהיגע פעלקער זענען דורך דעם גריכישען גייסט דערהויבען געוואָרען אויף אַ העכערער מדרגה פון קולטור. אבער די פערברייטונג פון דער גריכישער קולטור, דורך גרויסע נצחונות און דורך א שטאַרק ענטוויקעלטער פאָליטישער קראַפט, איז פערווירקליכט געוואָרען נישט דורך די גריכען גופא, נאָר דורך די מאקעדאָניער — א פאָלק, וואָס איז געווען א געמיש פון גריכען און פערשיעדענע באַרבאַרישע פעלקער.